STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
NO. 08645

LENDER, FELKER, KAMFN

Gina Medem

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS

NATIONAL YIDDISH BOOK CENTER
AMHERST, MASSACHUSETTS
413 256-4900 | YIDDISH@BIKHER.ORG
WWW.YIDDISHBOOKCENTER.ORG

•

MAJOR FUNDING FOR THE
STEVEN SPIELBERG DIGITAL YIDDISH LIBRARY
WAS PROVIDED BY:

Lloyd E. Cotsen Trust
Arie & Ida Crown Memorial
The Seymour Grubman Family
David and Barbara B. Hirschhorn Foundation
Max Palevsky
Robert Price
Righteous Persons Foundation
Leif D. Rosenblatt
Sarah and Ben Torchinsky
Harry and Jeanette Weinberg Foundation
AND MEMBERS AND FRIENDS OF THE
National Yiddish Book Center

•

The *goldene pave*, or golden peacock, is a traditional symbol of Yiddish creativity. The inspiration for our colophon comes from a design by the noted artist Yechiel Hadani of Jerusalem, Israel.

The National Yiddish Book Center respects the copyright and intellectual property rights in our books. To the best of our knowledge, this title is either in the public domain or it is an orphan work for which no current copyright holder can be identified. If you hold an active copyright to this work – or if you know who does – please contact us by phone at 413-256-4900 x153, or by email at digitallibrary@bikher.org

לענדער פעלקער קאַמפן

פון

גינאַ מעדעם

אַרויסגעגעבן פון דעם גינאַ מעדעם בוך־קאָמיטעט אין ניו־יאָרק
און דעם גינאַ מעדעם בוך־קאָמיטעט אין לאָס־אַנדזשעלעס

ניו יאָרק • 1963

GINA MEDEM

Lands, Peoples, Struggles

Published by and Copyrighted by

GINA MEDEM BOOK COMMITTEE OF NEW YORK
and
GINA MEDEM BOOK COMMITTEE OF LOS ANGELES

New York, 1963

PRINTED IN THE U.S.A.
209

Printed by
PROMPT PRESS

A. PRESSBERG, *Secretary*
2295 W. 11th Street
Brooklyn, N. Y.

גינאַ מעדעם

שרה פעל־יעלין

גינאַ מעדעס

ביסט ווידער דאָ — אַ שפּרודלדיקער גייזער,
פון ברען דו קומסט אַרויס — פאַרהאַרטעוועטער שטאָל!
דו רינגלסט אום די ערד — אַ לויכטנדיקער ווייזער —
אַ טרייסט אין פינצטערניש צעקלינגט דיין מאַמע־קול.

פון אַפריקע און שפּאַניע — ביז באַלקאַנען,
אין מיט־שטראָם פון אַ צעשאָקלט וועלט,
מיט פען און וואָרט און טאַט דו ביסט פאַראַנען
אויף קעמפערישער גאַס, אין פליכטלינגער־געצעלט.

דיין האַרץ — אַ שוימענדיקער פולער בעכער,
דיין אויפקום־פרייד שטייגט־איבער פלאַג און צער;
דו הויבסט דיין כוס נאָך זיכערער און העכער
ביים רויטן צייכן פון געפאַר.

ביסט שטורעם־פויגל פון צעברויזטע וויטן,
דו זינגסט פון אויסדויער, פון העלדישע מאַרטירער,
דו וואַנדערסט אום אין שטורעמדיקע צייטן
מיט ליכטיק פרילינג־רוף פון מאַסן און פון פירער.

באָסטאָן, מאַס., 1941

גינאַ מעדעם בוך־קאָמיטעט פון ניו־יאָרק

ראובן יוקלסאָן, פּאָרזיצער
יעקב לייזעראָוויטש, וויצע־פּאָרזיצער
סענדער פּרעסבערג, פינאַנץ־סעקרעטאַר
קלמן פרידמאַן, קאַסירער
טעסי שענקער. פּראָטאָקאָל־סעקרעטאַר

מיטגלידער (נאָכן א״ב): *

עטקע אָוונער, ראָוז אורליכט, מרים באומעל, נינא גאָלדשטיין, רובין האָך, דאָרע טייטלבוים, פייגל יוקלסאָן, שלום לעווין, דזשאנעט קאָהן, דוד קעס, בערל ראָלער, נח ראַפּאַפּאָרט.

---

* דורך דער צייט, זינט דער גרינדונג פון דעם ניו־יאָרקער גינא מעדעם בוך־קאָמיטעט (אין 1952 ביז דער דערשיינונג פונעם בוך, אין 1962) זיינען געשטאָרבן פאָלגנדיקע חשוב׳ע מיטגלידער, וואָס מיר דערמאָנען מיט כבוד זייער ליכטיקן אָנדענק:

י. ב. ביילין, געווען פּאָרזיצער און רעדאַקטאָר פון דעם בוך.
י. בוראַקאָוו, געווען פינאַנץ־סעקרעטאַר ביזן לעצטן טאָג פון זיין לעבן.
שמואל בעקער, געווען קאָרעספּאָנדענץ־סעקרעטאַר ביז זיין טויט.

גינאַ מעדעם בוך־קאָמיטעט פון לאָס־אַנדזשעלעס

אברהם מאַימודעס, פּאָרזיצער
נחמן קרופּין, עקזעקוטיוו־סעקרעטאַר
ראָוז וואנעטיק, פינאַנץ־סעקרעטאַר
פרידאַ קינג, קאַסירער
רפאל פּאָזנער, פּראָטאָקאָל־סעקרעטאַר

מ י ט ג ל י ד ע ר:

דינה האָפמאַן, איווא מאיערס, ענא קרופּין, שרה פּאָזנער, יעקב אַשפּיז, שלמה בעלסקי, הערי גאָלדשטיין, אהרן קערטמאַן, נעיטען גאַרפילד, פעני באסמאן און א. ראָזענפעלד.

אַ ווענדונג צו לייענער און פריינט

עס האָט געדויערט יאָרן, איידער איך האָב באַוויזן אָנצושרייבן אָט־די ווענדונג. זי איז, סיי אַן אַנטשולדיקונג פאַר דער לאַנגער צייט, וואָס איך האָב געדאַרפט האָבן כדי אָנצושרייבן דעם צווייטן טייל פון „אַ לעבנסוועג“, סיי איז זי אַ פאַרטיידיקונג מיינע.

די איניציאַטיווע אָנצושרייבן און אַרויסגעבן דעם בוך, איז נישט מיינע. דאָס האָט אַ גרופּע פריינט אין ניו־יאָרק, אין מאַי 1952, ביי אַ צוזאַמענקונפט, פאַרטראַכט דעם פלאַן פון אָרגאַניזירן אַ בוך־קאָמיטעט און אַרויסגעבן דעם צווייטן בוך. איך בין געווען גראָד אין יענע טעג אין שפּיטאָל שווער קראַנק אויף לונגען־טראָמבאָזיס און האָב נישט געוואוסט אפילו ווי שווער קראַנק איך בין געווען. פאַרשטייט זיך, אַז עס האָט נישט געקאָנט זיין קיין רייד וועגן צונויפקלייבן, נישט בלויז מאַטעריאַלן פאַרן בוך, נאָר אפילו די געדאַנקען — שוין אָפּגערעדט פון פיזישע מעגלעכקייטן. אַזוי איז געגאַנגען די צייט, לאַנגע יאָרן, ווי עס ווייזט אויס. אָבער אַדאַנק די שטענדיקע דערמאָנונגען, אַדאַנק געוויסע דערמוטיקונג פון פריינט, צווישן זיי דעם פאַרשטאָרבענעם י. ב. ביילין; אַדאַנק דעם ניו־יאָרקער בוך־קאָמיטעט אין די פּערזאָנען פון ר. יוקלסאָן, י. לייזעראָוויטש, דעם טייערן פאַרשטאָרבענעם ש. בעקער, וועלכער האָט געמאַכט די סאַמע ערשטע „פּרופס“ (קאָרעקטורן) און אַדאַנק דעם לאָס־אַנדזשעלעסער בוך־קאָמיטעט און צו פאַרדאַנקען די לייענקרייזן אין שיקאַגאָ, טאָראָנטאָ, קליוולאַנד, פילאַדעלפיע, וואַשינגטאָן און דעטראָיט, וועלכע האָבן געשריבן בריוו און פאַרשפּרייט אַבאָנימענטן — האָב איך זיך לעצטנס פשוט פיזיש אָנגעשטרענגט און זיך גענומען צום פאַרענדיקן דעם בוך.

עס איז געווען שווער זיך צו צעשיידן מיט די פּאַסירונגען, בילדער און זכרונות, וועלכע האָבן געלעבט צענדליקער יאָרן אין די טיפענישן פון מענטשלעכן געפיל און האָבן געדאַרפט זיך באַזעצן אויף די טאָוולען פון קאַלטן פרעמדן פּאַפּיר... אָבער איך צעשייד זיך מיט זיי נישט אויף אייביק: זיי זיינען פאַרבליבן אין זכרון און איך רעד מיט זיי, מיט די טייערע געשטאַלטן פון פיר קאָנטינענטן, מיט אַלטע און יונגע קעמפער, מיט האָרעפּאַשנע פאָלקסמענטשן, וועלכע פלעגן מיך אַרומרינגלען מיט עכטער, היימישער אויסגעבענקטער ליבשאַפט און ווינטשן געזונט אויפן אויסגעקליבענעם לעבנסוועג. זיי איז דער דאָזיקער בוך געווידמעט.

גינאַ מעדעם

אָנשטאָט אַ פֿאָרוואָרט

אַ גרויסן טייל פֿון דעם מאַנוסקריפּט האָט רעדאַקטירט י. ב. ביילין. ער האָט עס געטאָן אַפֿילו ווען ער איז שוין געווען זייער שוואַך, איידער ער איז אַוועק אין שפּיטאָל, סוף 1960. אַ טייל פֿון דעם מאַטעריאַל האָט ער גענומען פֿון אַלטע רעפּאָרטאַזשן מיינע, וועלכע מען האָט נאָך געהאַט געגרייט צום ערשטן בוך. זיי זיינען געווען אַזוי געל און צעקנייטשט, אַז ער האָט אין אַ בריוו מיר געשריבן, אַז „זיי צעשיטן זיך אין האַנט, ווי אָפּגע־בּרענטע שטרוי און מען קאָן די אייגצעלנע ווערטער שוין נישט לייענען". דאָך האָט ער שווער געאַרבעט אויף זיי, פֿאַרזוכט זיי צונויפֿצוקלעפּן און אַרויסראַטעווען, וואָס עס האָט זיך נאָר געלאָזט. ווען דער מאַטעריאַל איז שוין, צום גרעסטן טייל, געווען צונויפֿגעשטעלט, האָט ער מיר געשריבן, אַז איך דאַרף נישט זיין אַזוי פּעסימיסטיש וועגן דעם אינהאַלט פֿונעם מאַנו־סקריפּט, אַז איך מוז האָבן מער מוט כּדי צו פֿאַרענדיקן דעם בוך און אין עטלעכע בריוו זיינע אַרויסגעזאָגט זיין מיינונג וועגן דעם אָנגעשריבענעם מאַטעריאַל. אַלס אַ פֿאָרוואָרט האָט ער געוואָלט אָנשרייבן עטלעכע שורות. מיט דער צושטימונג פֿון דער הייניקער רעדאַקציע־קאָלעגיע, וועלכע האַלט, ווי איך, אין אַ בכבודיקן אָנדענק דעם נאָמען פֿון אונדזער לערער און פֿירער, י. ב. ביילין, גיב איך דאָ איבער עטלעכע שורות פֿון זיינע בריוו צו מיר, געשריבן צווישן 1953 און 1960 וועגן דעם מאַנוסקריפּט:

„אַפּריל 28 — 1954.

„איך האָף, אַז ביי דער צייט פֿילסטו שוין גוט גענוג פֿאַרצווּעצן דיין אַרבעט אויף דער אויטאָביאָגראַפֿיע. איך טרייב נישט איבער, ווען איך באַ־הויפּט, אַז ווייניק מענטשן אויף דער וועלט מיט דיין עקסטראַ־און אינטראָ־ספּעקטיוון בליק און פֿאַרשטענדעניש זאָלן האָבן געהאַט אַזוי פֿיל קאָנטאַקטן און דערפֿאַרונגען מיט אַזאַ וואַריאַציע פֿון מענטשן כּמעט אויף אַלע קאָנטי־נענטן פֿון דער וועלט, וואו דו ביסט אַלץ אויסגעווען. קיינער איז נישט געווען אויף אַזעלכע סטראַטעגישע ערטער און איך פֿאַרשטיי נישט, וואָס עס זאָל דיך קאָנען אָפּהאַלטן פֿון ווען דאָס בוך דערפֿירן ביז צום סוף און טאַקע שרייבן, שרייבן, ווען דו קענסט נאָר..."

„אויגוסט 20 — 1957.

„דער צוגעשיקטער מאַטעריאַל איז זייער אַ רייכער: איינדרוקן און דורכלעבונגען פֿון אַ גרויסן אינטערעס. מיט אומבאַדייטנדיקע אויסנאַמען

זיינען דיינע רייזע־באַשרייבונגען און עפּיזאָדן שטיקלעך מייסטערווערק. איך באַוואונדער דיינע גרינגלעכע אויגן, וואָס האָבן באַנומען אַלערליי פאַרבן און קאָלאָריטן פון לאַנדשאַפט און געזעלשאַפט. נישט קוקנדיק אויף געוויסע בלויזן, ווי: אויסלייגונג און דער געברויך פון העברייאיזמען, וועט דאָס זיין, האָף איך — אַ בוך, וואָס וועט דיך נישט פאַרשעמען. אגב, קומט דיר אַ יישר־כוח פאַר אויסלייגן ריכטיק מיין נאָמען און פון דעם לאַנד, וואָס טראָגט דעם זעלבן נאָמען: ישראל.

„אָן שפּאַס — עס איז אויך דער גוטער איינדרוק, וואָס ס'האָט זיך געשאַפן פון דיינע צוויי לעצטע בייטראָגן אין דער ‚מאָרגן־פרייהייט', — אייגער פון זיי אין דער אַרטיקל וועגן שפּאַניע. איך קאָן זיך נישט אָפּגעבן קיין חשבון, אָבער איך דערפיל אַ גוואַלטיקן פאַרגעניגן, ווען דו האָסט אַ ליטעראַרישן דערפאָלג, ליבע גינאַ."

איך האָף, אַז די פריינט אונדזערע, די לייענער, וועלן מיר מוחל זיין די נישט־באַשיידנקייט אין ציטירן די ווערטער פון מיין לאָדזשער חבר און לערער זינט 1904. נאָר ער, ביילין, האָט אַזוי געמוטיקט און געזוכט מיך צו באַרואיקן בעת מיין דעפּרעסיע און נישט־גלויבן אין די כוחות פון די לעצטע צען יאָר, אַז ברענגענדיק צו די לייענער זיינע ווערטער, שטאַרק איך זיך איצט אויך.

איך דריק אויס מיין גרויסן דאַנק צו דער רעדאַקציע־קאָלעגיע אין ניו־יאָרק, וועלכע האָט צוגעגרייט דעם בוך אין זיין ענדגילטיקער פאָרם היינט.

גינאַ מעדעם

אַ נאָכוואָרט פון דער איצטיקער
רעדאַקציע־קאָלעגיע

ווען אונדזער אומפאַרגעסלעכער י. ב.ביילין איז געשטאָרבן (29טן אַפּריל, 1961) זיינען מיר — דער גינאַ מעדעם בוך־קאָמיטעט פון ניו־יאָרק — באַלד אָנועקגעשטעלט געוואָרן פאַר אַן ערנסטער פּראָבלעם צו פאַרענדיקן די אַר־בעט פון צונויפשטעלן דעם דאָזיקן בוך, פון וועלכן ביילין איז געווען דער רעדאַקטאָר.

דער גרעסטער טייל פונעם בוך איז שוין געווען אויפגעזעצט, האָט נאָך אָבער געפעלט אַ טייל פון דעם מאַטעריאַל, וואָס די חשוב׳ע פאַרפאַסערין, גינאַ מעדעם, האָט נאָך באַדאַרפט אָנשרייבן, וואָס זאָל איינגעשלאָסן ווערן אין דעם בוך. דער דערמאָנטער קאָמיטעט, וועלכער האָט אויף זיך גענומען די אויפגאַבע דעם בוך אַרויסצוגעבן, האָט באַשטימט די דאָ־אונטערגעשרי־בענע אַלס אַ רעדאַקציע־קאָלעגיע צו פאַרענדיקן די אַרבעט, וואָס י. ב. ביילין האָט איבערגעלאָזט אומפאַרענדיקט.

מיט דער פולסטער אחריות האָבן מיר אָנגענומען פאָרצוזעצן די אַר־בעט אין דעם זעלבן גייסט און מיט דער זעלבער אויפריכטיקער באַציאונג צו דעם אינהאַלט פון דעם בוך, מיט דעם זעלביקן דרך־ארץ צו דעם וויר־דיקער מחבר און מיט דער גאַנצער פאַראַנטוואָרטלעכקייט צו די פיל הונ־דערטער יחידים, וועלכע האָבן מעגלעך געמאַכט דאָס אַרויסגעבן דעם בוך „לענדער, פעלקער, קאַמפן“ און צו דער אידישער עפנטלעכקייט בכלל.

ראובן יוקלסאָן
יעקב לייזעראָוויטש

פון טשערנאָוויץ ביז ירושלים

מען קאָן ממש אָנטאַפּן מיט דער האַנט די פאַרגאַנגענהייט פון אַ מענטשן — אַזוי לעבעדיק, אַזוי נאָענט ליגט זי אויפן שליאַך פון זכרון. עס דוכט זיך, אַז זיינען דאָך אַזוי פיל יאָרן אַוועק זינט יענע טעג און חדשים, וואָס מ׳האָט פאַרבראַכט אונטער אַנדערע הימלען, אין פרעמדע לענדער, צווישן נעכטן אומבאַקאַנטע, היינט אייגענע, מענטשן... אָבער עס איז גענוג צו דערזען דעם טיף־רויטן זונען־אונטערגאַנג אין ים ביי סאנטא מאָניקא — און ווי מיט אַ שטאַרקן עלעקטרישן קאָנטאַקט ווערסטו פאַרבונדן מיט אַ ברודער זיינעם, מיטן בליאַסק און מיט דער היץ פון פונקט אַזאַ אונטער־גאַנג אין קאַיראָ, אין פּערא (טערקיי), אין חיפה... און אַרום דער זון וואַקסן שוין אויס די געשטאַלטן: בעדואינער, אַראַבער, יידן, סיריער און קאָזשע־ניצער הסידים אויף אַ שיפס־דעק אין סועץ־קאַנאַל, קראַנקע און בלאַסע אין אַן אַנפאַל פון מאלאריע. מען לעבט יאָרנלאַנג פון די אוצרות פון נעכטן. און ביסלעכווייז פאַרשווינדט אפילו אַזאַ זאַך, ווי דער טויט פון אַ מענטשן; ווייל ער לעבט אָן איבעררייס אין אייער זכרון. עס קומען צוריק שמועסן, שמייכלען, בליקן. עס רוישן טענער פון מוזיק, דיאַלאָגן, איבערגעלעבטע טעאַטער־פּיעסן. אָבער דער עיקר: לעבעדיקע, געטראָפענע מענטשן, אין זייער דראַמאַטישן קאַפּיטל לעבן. און אַזוי פאַרבלייבן זיי שוין, ווי פיגורן אויף אַ סצענע, גרייט ווידער צו עפענען זייערע ליפּן און צו — דערציילן.

אַמאָל פרעגט מען זיך: צי געדענקען זיי אויך די באַגעגעניש? צי ביסטו זיי אויך אַזוי טייער געוואָרן, — ווי זיי — דיר? עס ווילט זיך געבן זיי אַ באַווייז פון אייער פאַרבונדנקייט מיט זיי. דורך אַ קלאַפּ אין ווייער טיר. אַ שמועס דורכן טעלעפאָן אויף אַ שטח פון צען טויזנט מייל. אין אַ גאַנג מיט דער אומגעדולדיקער פען איבערן פּאַפּיר, ווי איצט, דאָ, אין דעם קאַפּיטל זכרונות...

אין אַ וואַרעמער פרילינג־נאַכט פון 1927 בין איך אָנגעקומען אין קראָקאָוו. אין וואַגאָן־פענצטער האָבן אַריינגעקוקט די פּיאַלעטענע שאָטנס פון די טאַטרא־בערג. ביז ווייטאָג האָט געצויגן צו דעם קליינעם מאָלערישן

דערפל „פּאַראַגין״, לעבן זאַקאָפּאַנע, וואו מיר, וולאַדימיר מעדעם און איך, האָבן פאַרבראַכט אונדזער לעצטן זומער אין פּוילן, אין יולי, 1920, און פון וועלכן מיר זיינען אַרויסגעפאָרן צוריק אין וואַרשע, ווען די סאָוועטישע אַרמיי האָט זיך געדרוקט צו דער פאַרשטאָט פון וואַרשע „אָכאָטאַ״, און צו דער ווייסל פון דער ווייסרוסישער זייט. עס האָט געצויגן צו זען פריינט מיט אַן אייראָפּייאישן פּנים און גערדאַנקען־גאַנג נאָך פינף לאַנגע יאָר אין ניו־יאָרק. נאָך גרויסע צעטרייסלונגען אין דער נאָך־מלחמהדיקער וועלט, אומ־ערוואַרטעט אַנגעטראָפן אַלעמען אין די היימען און אויף שנעל איינגעאָרדנט אַ טרעף־פּונקט. דאָס זיינען געווען די אינגערע, פּויליש־רעדנדיקע אינ־טעליגענטן פון דעם גאַליציאַנער „בונד״, וועלכע האָבן געהאַט אין וואַרשע אַ שם פון לינקע, עסטרייכיש־געשולטע סאָציאַליסטן. עס איז געקומען דער יונגער אַדוואָקאַט סטערלינג, יאַקוב בראָס, אַלעקסאַנדראָוויטש; צופעליק איז אפילו פון פּשעמישל אָנגעקומען דער אַדוואָקאַט און שול־טוער, לאַנדאַו. מען האָט נאָך אַלץ גערעדט וועגן וועלט־פּאָליטיק, וועגן ראַפּאַללאָ, וועגן דער ערשטער דיפּלאָמאַטישער דערנעענטערונג פון דער יונגער סאָ־וועטישער רעפּובליק צו דעם „ווײַמאַר״־דייטשלאַנד, אין דער פּערזאָן פון טשיטשערין, דעם טאַלאַנטפולן סאָוועטישן דיפּלאָמאַט.

דאָ איז געקומען די ערשטע אַנטוישונג ביי מיר בעת׳ן שמועס מיט די אַמאָליקע נאָענטע פריינט, וועלכע האָבן זיך אידענטיפיצירט מיטן „בונד״ אין וואַרשע און מיט די קולטור־געזעלשאַפטלעכע אינסטיטוציעס. צוליב דער פאַראייניקונג אונטער דער דייטשער אָקופּאַציע־מאַכט זיינען אַלע דריי פּוילישע טעריטאָריעס געוואָרן איין פּאָליטישער פּוילישער אָרגאַניזם, אַ סוף מאַכנדיק פון די געוועזענע דריי פּאָליטישע איינהייטן אונטער דער צאַריס־טיש־עסטרייכיש־דייטשער 150 יאָריקער מאַכט.

די אַנטוישונג איז געקומען בעת מיין דערציילן זיי וועגן דער גרויסער רייזע מיינער, ווען איך בין נאָר־וואָס געקומען פון פּאַריז, פון איטאַליע און פון דער שווייץ. איך האָב באַריכטעט מיין פּלאַן צו פאָרן צו די ערשטע אי־דישע ישובים אין קרים און אוקראַינע. דאָן איז געפאַלן דאָס ווערטל „פּראַק און צילינדער״, צוליב דעם וויזיט פון די סאָוועטישע דיפּלאָמאַטן צו אַ פאַר־שטייער פון אויסערן־מיניסטעריום אין איטאַליע. מיינע אַמאָליקע חברים האָבן איבערגעזאָגט די נאַרישע מעשה פון ריגער, קאָנסטאַנטינאָפּאָלער און פאַריזער ווייסגוואַרדישע בלעטלעך, אַז די סאָוועטישע דיפּלאָמאַטן האָבן געטראָגן „אַ פּראַק און אַ צילינדער״ בעת זייער וויזיט. אין דער אמת׳ן האָב איך זיי געמוזט ווייזן אַן אויסשניט פון אַ שווייצאַרישער ציַיטונג, וואָס האָט געשריבן, „אַז עס איז געווען אַ חרפּה צו זען די אָרעמע, ביליקע, שלעכט־אויפגענייטע קאָסטיומען, אין וועלכע הויכע דיפּלאָמאַטן פון רוסלאַנד פון

1917′ זיינען געגאַנגען אויף די זיצונגען אין ראַפּאַללאַ, און נישט געהאַט אפילו אַ לייטיש׳ן פּראַק אויף די פּלייצעס!...״

איך געדענק ווי איך האָב זיי געפרעגט: „בלויז דאָס פאַרכאַפּט אייך אין דער היינטיקער אייראָפּע? און די געוואַלטיקע עפּאָכע־מאַכנדיקע אויפטרייסלונג פון 1917, דער קאַמף און נצחון, צו וועלכן איר אַליין האָט געשטרעבט אַזוי לאַנג — דאָס איז נישט וויכטיק? נאָר די בייזוויליקע קריטיק פון ,געוועזענע׳ טשינאָווניקעס, אָפיצערן, פּריצים, באַנקירן און אַנדערע בורזשויען?... וואָס — דער גאַנג גופא פון אַ נייער מעכטיקער פאָלקס־כוואַליע צו גליק, צו שלום, צו עמאַנציפּאַציע — אַלץ דאָס זעט איר נישט?״

דער שמועס האָט זיך שוין נישט געקלעפּט. מיר האָבן נאָך אַביסל גערעדט וועגן מיין נייעם לאַנד, אַמעריקע.

מען קאָן זיך משער זיין, אַז די בונדישע פירערשאַפט האָט נישט געקליבן קיין גרויס נחת פון דער וואַרעמער באַציאונג, וואָס די פאָלקס־מאַסן אין וואַרשע האָבן מיר אַרויסגעוויזן. אָבער ביינוש מיכאַלעוויטש האָט אָנגעשריבן אַ באַריכט וועגן מיינע לעקציעס און אויסגעדריקט זיין איבעראַשונג וועגן דער יידישער שפּראַך מיינער, וועגן דעם „געפּרעסטן, שטאַרקן זאַץ״ און וועגן דעם „אידעלן פּאַטאָס״ — אַלץ זאַכן, וועלכע, ווי ער האָט געמיינט, איך האָב זיך אויסגעלערנט אין... ניו־יאָרק!

און דאָ, אין קראָקאָוו, זיינען די לעצטע אָוונט־שעה׳ן אַוועק אין עטלעכע שמועסן. איך בין דאָך געווען צופרידן, וואָס איך האָב זיך געזען מיט די קראָקאָווער פריינט, ווייל — און דאָס איז געווען די סיבה פון מיין שטילער פרייד, ווייל זיי זיינען געווען מעדעמס איבערגעגעבענע, מער אייראָפּייאיש־דערצויגענע, אין פּאָליטישן זין, תלמידים און נאָענטע פריינט. עס איז געווען, ווי אַ לעצטער גרוס צו זיי פון זייער פירער און לערער. און פאַר מיר — נאָך אַ לעצטער פּערזענלעכער קאָנטאַקט מיט מענטשן, וועלכע, אַלס די יינגערע, אויפנאַמספּייאיקערע גרופּע, וועלן אפשר מיט דער צייט געפינען דעם וועג צו אַ ברייטערער וועלטאַנשויאונג, אידער דער אַלטער, אָרטאָדאָקסאַלער דור פון בונדישע פירער צווישן 1897 און 1917.

קראָקאָוו איז אַ מערקווירדיקע, אַלטערטימלעכע און קינסטלעריש־אַטעמדיקע שטאָט פון פּוילן. זי איז אַ געמיש פון פּוילישן סלאַוונטום און מערב־אייראָפּייאישן מאָדערניזם. זי, נאָך מער אידער וואַרשע, שטייט אויף דער גרענעץ צווישן מזרח און מערב. אירע קלויסטערס, איר באַרג, אויפגעוואָרפן פון מענטשלעכע הענט, דער „וואַוועל״, אירע באַרימטע „פּלאַנטן״. אירע קינסטלערישע טרעפפּונקטן און קאַוויאַרניעס פון קינסטלער און שרייבער; איר שטאָלץ פריי פאָלק, די „גוראַלעס״, בערג־פּויערים, אין זייערע מאָלערישע, האַנט־געוועבטע פילצענע הויזן, מיט אויסגעהעפטע „פּאַוועס״

און מיט גרויסע קאַפּעלושן אויף די שטרוי־בלאָנדע האָר, מיט אַ פויגל־פּעדער ביי דער זייט... קראָקאָוו, אַ שטיק פון דעם פריי־געוואָרענעם פוילן, פריי נאָך 150 יאָר פון דרייערליי אָקופּאַציעס. אמת — מיט אַן אָרעמער, האַלב־הונגעריקער פויערשאַפט, מיט סימנים פון דער וועלט־מלחמה און מיט אַ קריזיס אין לאַנד, מיט אַ וואַקסנדיקן רעאַקציאָנערן פּילסודסקי־רעזשים.

און מיט אַט דער וואַרעמער כוואַליע פון פרייד און פון באַגײַסטערונג, אַז אַלטע חלומות פון זיידעס און טאַטעס זיינען מקוים געוואָרן פאַר פוילן, און מיט דעם סך־הכל פון אַן אויסגעפּירטער מיס׳ע צו זען אפשר צום לעצטן מאָל אַמאָליקע חברים פון מעדעמען, בין איך אַריין אין וואַגאָן מיט דעם טעוועלע: „קראָקאָוו־טשערנאָוויץ״, וואו איך האָב זיך געוואָלט אָפּשטעלן אויף עטלעכע טעג, כדי צו באַזוכן דעם יידישן קולטור־קלוב „מאָרגנרויט״. אמת, גרוסן פון דעם קלוב האָב איך שוין געהאַט אין ניו־יאָרק, אין 1925, אָדער נאָך פריער, ווען עס זיינען געקומען אין אַמעריקע אויף אַ טור איבערן לאַנד צוויי בונדישע טוער פון טשערנאָוויץ — גיליטשאַנסקי און דר. קוסמאַן. און בעת זיי זיינען געקומען אין ניו־יאָרק און האָבן שוין נישט אָנגעטראָפן מעדעמען, האָבן זיי מיר דערציילט וועגן דער קולטור־געזעלשאַפטלעכער טעטיקייט אין טשערנאָוויץ, וועגן זייער קלוב „מאָרגנרויט״, וועגן די שולן און אַ לערער־סעמינאַר, וועלכן זיי האָבן געגרינדעט באַלד נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען די עסטרייכישע אימפּעריע איז זיך געהאַט צעפאַלן און ווען אַ גרויסער טייל פון גאַליציאַנער יידן האָט זיך באַזעצט אין דער, פאַר־הערלטניסמעסיק, פרייערער בוקאָווינע, ווי בוקאַרעסט אין דער רעשט פון רומעניע (טשערנאָוויץ איז געווען די הויפּטשטאָט פון בוקאָווינע, איצט שוין אַ טייל פון סאָוועטן־פאַרבאַנד).

און ווידער אַמאָל האָט דאָ געשפּילט אַ געוויסע ראָלע דער וואונטש מיינער, צו זען די אַלע קולטור־אינסטיטוציעס, וועלכע זיינען געשאַפן געוואָרן מיט דער הילף פון מעדעמען, פון אונטער זיין פען, אַזוי צו זאָגן, דורך זיין קאַמף פאַר יידיש, פאַר דער שפּראַך פון יידישע פאָלקסמאַסן, פאַר וועלכע ער איז אַוועק אויף עטאַפּן, טורמעס און קאַטאָרגע.

אָבער נישט נאָר דער וואונטש האָט געשפּילט אַ ראָלע אין מיין באַזוך פון רומעניע, בוקאָווינע, פוילן און פּאַלעסטינע. עס איז נאָך צוגעקומען דער פאַרלאַנג אָפּצוואוישן אַלע רכילות און מיאוסע פאַרלוימדונגען און „אַנעקדאָטן״, וואָס די אַנמעכטיקע, אָבער העצערישע קעגנער האָבן פאַר־שפּרייט קעגן דעם יידישן שטייגערישן לעבן פון די סאָוועטישע יידן און קעגן דער יידישער פירערשאַפט פון דער סאָוועטן־רעפּובליק. און איבעראַ־אויף מיינע רעפּעראַטן וועגן יידישן לעבן איבער דער וועלט האָב איך

באַריכטעט וועגן ייִדן אין מינסק, קיעוו און אָדעס; וועגן ייִדן אויף די אַלטע קאָלאָניעס אין דרום־אוקראַינע, אין קרים, אין מאָגילעוו, כערסאָן און יעקאַטערינאָסלאַוו (דניעפּראָפּעטראָווסק). איבעראַל דערציילט וועגן דער נייער יוגנט, וועגן נאָוואָ־פּאָלטאַווקער טעכניקום, וועגן אָדעסער „האַנטווערקער־אינסטיטוט", וועגן ייִדישע זאָאָ־טעכניקער, לערער און וועטערינאַרן; וועגן ייִדישע דאָרפס־קלובן, טעאַטער־גרופּן, כאָרן און טאַנאַטאָריעס; וועגן מאָסקווער ייִדישן קונסט־טעאַטער, וועגן פעלד־צייטונגען און דעם אַרויסלאָז פון ייִדישע יונגע אַקטיאָרן, מיט דער הילף און שטיצע פון דער רעגירונג; וועגן דעם צוזאַמענלעבן און אַרבעטן פון ייִדן, גריכן, טאָטערן און אוקראַינער: וועגן גראָבן קאַנאַלן און באַוואַסערן קרימער הייס־טרוקענע סטעפּן און זען שפּראָצנדיקע ווייצן־זאַנגען אין אַ הונגעריקן שטיק פאַרלאָזענעם פעלד פון אַמאָל!

און וואָלט מען געקאָנט זען די הונדערטער געשפּאַנטע אויגן, דעם אָטעם־לאָזן נאָכפאָלגן די באַשרייבונגען פון דעם ערשטן נס אויפן געביט פון סאָציאַליסטישער עקאָנאָמיק, וואָס טראָגט דעם פרעמד־נייעם נאָמען: „פּיאַטילעטקאַ", האָלט מען געקאָנט אַריינקוקן אין די געמיטער פון די האַלב־זאַטע ייִדישע יוגנטלעכע בחורים און מיידלעך, אין די אַלע לענדער — וואָלט מען געקאָנט הערן זייערע נישט־דרייסטע פראַגן: „קאָן מען פאָרן אַהין זיך לערנען אַרבעטן, צוטראָגן אַ חלק פראַצע?" — וואָלט מען דאָס געקאָנט הערן, האָלט מען פאַרשטאַנען דעם ווי, די הילפלאָזיקייט און אויך דעם געפיל פון צאָרן קעגן יענע רעזשימען אין די דערמאָנטע לענדער, וואָס איך האָב געפילט בעת'ן דערציילן און באַשרייבן דאָס נייע עקאָנאָמישע און קולטורעלע לעבן דאָרטן.

באַזונדערס האָט עס ווי געטאָן אין פּוילן, און טאַקע אין דעם דערמאָנטן טשערנאָוויץ, צוליב אַט־וואָס: הינטער דער שטאָט, ביים סאַמע דניעסטער איז געווען אַ מין לאַגער פאַר היימלאָזע, אומגליקלעכע ייִדן, וואָס האָבן אין אַלטע באַראַקן און סתם חורבות געוואַרט אויף אַ וויזע, אויף אַ וועג, וואו די אויגן האָלן פירן. געוואַרט, זיך געמאַטערט, אַראָפּ פון זינען. אין טשערנאָוויץ גופא, אָבער, איז געווען דער זויבערער, שיינער זאַל פון „מאָרגנרויט", וואו קינדער האָבן אין ריינעם ייִדיש, זייער מאַמע־לשון, איר האָט עס געקאָנט אָנטאַפּן ממש, רעציטירט רייזענען, פרץ מאַרקישן, ליעסינען. וואו מען האָט אַריפמעטיקע באַוויזן אויף ייִדיש; וואו מען האָט געאָגראַפיע געהאַלטן נישט אויף אַ מאַפּע. נאָר ביי זיך אין קליינעם, געטאָקטן קאָפּ, מיט פריי־אויפגעוואַרפענע דרייסטע אויגן, אויף אַ שפּראַך אַ באַלעבאָס, נישט קיין בעטלער!

מען האָט מיך געבעטן צו דערציילן וועגן אַמעריקע: אַ סך עלטערן פון

די קינדער האָבן זיך געקליבן פאָרן אַהין, אַ סך האָבן אויך געוואַרט אויף
וויזעס, אפילו אין סאַנטאָ דאָמינגאָ! און אַ קליין יינגעלע, אַ מלחמה־קינד,
אַ נישט־דערזויגנס, אַ קינד געהאָדעוועט אויף דייטשע ברויט־קאַרטן און
פאַרפרוירענע קאַרטאָפל, אין לובלין, וואָס מ'האָט געבראַכט אַזש אין בוקאָ־
ווינע, האָט געטייטלט מיטן רויטלעכן פינגער ערגעץ אויף דער מאַפּע און
געזאָגט: „מיין טאַטעשי איז אין קובא! אַזוי וויט איז עס!"

איך בין געזעסן אין קלוב, בעת די לימודים, און האָב געטראַכט וועגן
טויזנטער קינדער אויף מיין רייזע און פאַר מיין רייזע. עס זיינען אַדורך
פאַר מיינע אויגן די ערשטע קינדער אין די קאַלטע, שלעכט־געהייצטע צי־
מערן אין וואַרשע: אויף קאַרמעליצקע, באַוואָליפּיע און מילע־גאַס. עס איז
פאַר מיינע אויגן געשטאַנען דער ערשטער יידישער כאָר, דער „גראָטער־
כאָר": אין אַ פּראַכטיקן שבת נאָכמיטאָג, אין 1916, האָט געזונגען דער כאָר
אין דעם איבערגעפּאַקטן זאַל, אויף „אָבאָזשנע־גאַס". געהאַלטן אין די בלוי־
געפרוירענע פינגער דעם טעקסט מיט די נאָטן. פון די מיילער איז געגאַנ־
גען פאַרע, אַזוי קאַלט איז געווען אין זאַל, אַ צירק־אַרענאַ. זיי האָבן געזונ־
גען אין די מלבושים, אין גראָבע שיך מיט הילצערנע פּאָדעשוועס — די
דייטשן האָבן רעקווירירט דאָס לעדער פאַר דער „זיגרייכער, קאַיזערלעכער
אַרמיי". די פּיאַניסטין, וואָס האָט באַגלייט דעם כאָר, האָט אין די פויזעס
געהויכט אויף די פינגער. דינעזאָן איז געזעסן אַ פאַרגאַפטער ביים קאָנ־
צערט, אַזוי אויך פּרילוצקי. מעדעם האָט געהאַט טרערן אין די אויגן, טרערן
פון טיפער רירונג, פרייד. רייכמאַן, דער פּועלי־ציוניסטישער טוער אין די
נייע וועלטלעכע שולן, האָט אַרומגעשפּאַנט, זיך געמאַכט וואַרעם. אַלע זיינען
געווען גליקלעך. דער כאָר האָט אָנגעקוואָלן, העלדיש אויסגעהאַלטן די אַטאַקע
פון קעלט.

דערנאָך האָב איך געזען די קינדער פון אַ שפּעטערדיקן עטאַפּ — פון
פּאַריז, אין 1926. אָבער די טשערנאָוויצער יוגנטלעכע האָבן מיך באַגייס־
טערט. איך האָב זיי דאָס געזאָגט. אין דער פרי איז אין מיין האָטעל אַריינ־
געקומען אַ קליינע גרופּע פון דריי מיידעלעך. זיי זיינען געזעסן אַ גאַנצע
נאַכט און האָבן אויסגעהעפט פאַר מיר אַ בלוזקע. דריי מיידעלעך, געזעסן,
געקעמפט קעגן שלאָף און מעדיט, געהעפט. אַ דאַנק פאַר מיר. איך
האָב זי נאָך, די אויסגעהעפטע בלוזקע. אויסגעהעפט אין אַזעלכע פיינע רו־
מעניש אָרנאַמענטן, אָראַנזש און ברוין. און ווען איך בין געווען אין אַרגענ־
טינע, אין 1936, צען יאָר שפּעטער, זיינען צו מיר געקומען אין האָטעל, אין
דער שטאָט סומפּסיאָן, ביי דער גרענעץ פון פּאַראַגוואַי, צוויי יונגע פרויען —
צוויי געוועזענע שילערינס פון דער שולע ביים „מאַרגגרוויט" אין טשערנאָ־
וויץ און האָבן מיך באַגריסט: ביאַנקאַ און ראָזע .. און מיר ווידער גע־

בראַכט אַ פּראָדוקט פון זייער פּראַצע און פריינטשאַפט — אַ סאַמעטענעם בערעט.

ווי קליין און ווי ריזן־גרויס איז אונדזער וועלט: קליין פאַר די מי־ליאָנען ערלעכע, פרייע מענטשן און ריזן־גרויס אין זייער ראַדיום־אויסשטראַ־לונג. וואָס טראָגט זיי אויף די פליגלען פון אונדזער געדאַנק, פון אונדזער אידעאָלאָגיע, פון אונדזער ווילן צום לעבן און צום קאַמף פאַר נאָך אַ בע־סערן... זיי זיינען געווען אויף מיינע לעקציעס אין דער שטאָט און זיינען געקומען באַגייען די טשערנאָוויצער טעג פון פרייען זיך מיט דער טראַדיציע פון זייער שטאָט, דאָס וויגעלע פון דער ערשטער קאָנפערענץ פאַר יידיש — אין 1908.

מיט עמיגראַנטן פון קאָנסטאַנץ אין יפו

צווישן די באַגלייטער אויפן וואָקזאַל פון טשערנאָוויץ זיינען געווען אויך עטלעכע יונגע בחורים און מיידלעך, וועלכע האָבן זיך מיט מיר באַ־קענט אין קלוב „מאַרגנרויט" און וועלכע האָבן מיר געגעבן אַ פּאָר אַדרעסן פון פריינט אין תל־אביב; יענע האָבן באַלד נאָך דער מלחמה אויסגעוואַנ־דערט פון מזרח־גאַליציע אין פּאַלעסטינע, בעת די יוגנט איז געבליבן אין טשערנאָוויץ.

דער צוג איז געגאַנגען קיין בוקאַרעסט און איך האָב געהאַט אַ מעג־לעכקייט זיך צו באַקענען מיט דער דעמאָלטדיקער רומעניע, וואו אַלץ איז געווען הפקר׳דיק, צופעליק און אָפּהענגיק פון דער צאָל פּאַפּירענער „לעי", זייער אינפלאַציע־געלט, מיט וועלכן איר האָט געדאַרפט כסדר שמירן סיי דעם קאָנדוקטאָר פון וואַגאָן, כדי ער זאָל אייערע וואַליזקעס דערלויבן צו לייגן אויף די פּאָליצעס, סיי דעם קאַסירער פון דער סטאַנציע, כדי אייך צו פאַרקויפן אַ בילעט אויסער דער ריי, אַלס אַ טוריסט, סיי דעם צאָל־באַאַמטן אין בוקאַרעסט, כדי ער זאָל נישט עפענען אייער באַגאַזש, וואָס איז סיי ווי געגאַנגען אַלס „טראַנזיט", ביז צום פּאָרט פון קאָנסטאַנצאַ. און אַזוי ווי דאָס לעצטע האָט זיך מיר נישט איינגעגעבן און מען האָט מיינע וואַליזקעס געעפנט, אונטערזוכט יעדע זאַך באַזונדער, יעדן ביכל און יעדן אַלבום פון די שטעט, וואו איך בין געווען ביז צו דער רומענישער נסיעה, האָט עס גענומען אַ גאַנץ לאַנגע צייט. און אַזוי ווי איך האָב נישט גערעדט קיין רומעניש, האָט מען פון ערגעצוואו, פון די טיפענישן פון די באַן־קלאָזעטס געבראַכט אַ מאָדנעם טיפּ, וועלכער האָט גערעדט פראַנצויזיש און דייטש. האָב איך געמוזט דערציילן מיין „לעבנס־געשיכטע". צוליב וואָס? צוליב

אַ גאַנץ פּשוט׳ן ענין: איך בין נאָך דעמאָלט נישט געווען קיין אַמעריקאַנער בירגערין. האָב איך נישט געהאַט קיין אַמעריקאַנער פּאַס — אַט־דאָס קליינע ביכל, וואָס עפנט ברייט פאַרן רייזנדן די אויגן פון אַלע צאָל־און האַפן־באַ־אַמטע פון איראָפּע. איך האָב דאָס קליינע רויטע ביכל נאָך נישט געהאַט, בלויז אַ „רע־ענטערינג פּערמיט", אַ דערלויבעניש אַריינצוקומען צוריק אין אַמעריקע, ניט שפּעטער ווי אַ יאָר נאָכן דערהאַלטן אַזאַ דערלויבעניש.

איך האָב געהאַט גרויסע שוועריקייטן צו באַקומען אַ וויזע פון יעדן פון די צוועלף לענדער, וואָס איך האָב באַזוכט. האָב איך אין יעדן קאָנסולאַט געמוזט דערציילן מיין ביאָגראַפיע און דעם ציל פון מיין רייזע. און קיינער פון די באַאַמטע האָט מיר נישט געוואָלט גלויבן, אַז איך וועל פאַרבלייבן אין „זייך" לאַנד בלויז אַ קורצע צייט און אַז איך וועל זיך טאַקע אומקערן צוריק אין ניו־יאָרק. מילא, מיטן רומעניש קאָנסול האָב איך נישט גע־האַט קיין צו גרויסע צרות, ווייל ער האָט דערזען דעם גרויסן שטעמפּל מיטן בריטישן לייב אין מיין „רע־ענטערינג־פּערמיט", אָבער ער האָט בלויז גע־געבן אַ טראַנזיט־וויזע. אַזאַ וויזע גיט אייך בלויז אַ מעגלעכקייט פון אַ קורצן אָפּשטעל אין אַ לאַנד, אָבער אויב איר ווילט אַ לענגערן טערמין, מוזט איר שוין אָנקומען אָדער צו דער אינפלאַציע־מטבע (אין יאָר 1926), אָדער צו איינפלוסרייכע פריינט, ווי למשל, מאַנדרא לופּעסקו, וועלכע פלעגט אַרויסהעלפן עמיגראַנטן־אַרטיסטן, וועלכע זיינען נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה געבליבן אין רומעניע, וואַרטנדיק אויף אַ נס — אַ וויזע אין אַמעריקע. מאַנדרא לופּעסקו איז געווען אַ יידישע איינפלוסרייכע פּערזאָן ביי דער רו־מענישער מאַכט.

און דאָ, אין בוקאַרעסט, ביים צאָל־באַאַמטן, האָב איך אָנגעוויזן אויף דער בריטישער וויזע קיין פּאַלעסטינע, געזאָגט, אַז איך וואַרט אויף מיין שיף, וואָס דאַרף אָפּגיין פון קאָנסטאַנצאַ אין אַ דריי־פיר טעג אַרום, און אַז איך בין אַ טוריסט. און מען איז שוין גרייט געווען מיר צו שטעלן דעם שטעמפּל אויפן „ערזאַץ־פּאַספּאָרט", ווען נישט אַ צופעליקע באַגעגעניש: אַ טשער־נאָוויצער מיידל, וואָס איז געפאָרן אין מיין וואַגאָן און וואָס האָט זיך פּשוט צוגעקלעפּט צו מיר, נישט אָפּגעלאָזנדיק מיך אויף אַ מינוט. זי איז געפאָרן פון אַ קליין שטעטל אין בוקאָווינע, צו אַ פאַרהייראַטער שוועסטער אין תל־אביב, אַ פרוי פון אַ באַאַמטן אין „קרן־קימת". זי איז נאָך קיינמאָל פריער נישט געפאָרן אַליין, האָט מורא געהאַט פאַר יעדן באַאַמטן און האָט נישט דערלויבט צו עפענען אירע וואַליזקעס, אָנווייזנדיק אויף מיר, אַלס אירע אַ קרובה. זי האָט גערעדט רומעניש, געווען אַ געבוירענע פון בוקאָווינע און אָנגעהויבן זיך צו שטעלן אין אַן אָנגריי־פערישער ראָלע. דער איבער־

זעצער האָט מיך געפרעגט, צי איך בין מיט איר אַ משפּחה אָדער אַ פּריינט? איך ווייס נישט פון קיין שום „שטיק“, זאָג איך, אַז זי איז אַריין אין מיין וואַגאָן באַלד נאָך טשערנאָוויץ און אַז איך קען זי נישט גענוי. האָט מען שוין טאַקע געזוכט אין אַלע אירע וואַליזקעס און געפּלאָכטענע קוישן און געפונען נייע קליידער, פּעלצן, און מער געלט, איידער זי האָט האָט געטאָרט אַרויספירן, כאָטש זי איז געווען אַן עמיגראַנטקע. ווען איך האָב דערזען אַז דאָ ווערט נישט קיין סוף פון דער סצענע און אַז מען גיט איר נישט דעם שטעמפּל און דערווייל מיר אויך נישט, האָב איך איר געזאָגט — מיר האָבן גערעדט יידיש — אַז זי זאָל דורכן טעלעפאָן אָפּרופן די אָרטיקע ציוניסטישע אָרגאַניזאַציע אירע, אָנרופן איר נאָמען און דעם נאָמען פון איר שוואָגער אין תּל־אָביב און אויפהערן צו שרייען.

און אַזוי איז טאַקע געווען: זי האָט טעלעפאָנירט צו דער לעגאַלער בוקאַרעסטער ציוניסטישער „הדסה“־אָפּטיילונג און עס זיינען באַלד אָנגעקומען דריי פרויען און אַ מאַן. מען האָט זיך מיט איר באַקענט, מען האָט פאַרזיכערט די באַאַמטע, אַז זי איז אַן עמיגראַנטקע, אַז זי פירט זאַכן פאַר איר שוועסטער און אַז זיי גאַראַנטירן פאַר איר אָפּפאָרן אַהין. אויף איין וועג האָט מען מיך שוין אויך באַקענט מיט זיי און פון דעם מאָמענט אָן האָט זי מיר געבראַכט צרות און דאגות אָן אַ שיער. זי האָט מורא צו שלאָפן אין האָטעל, צו גיין אין אַ רעסטאָראַן עסן, צו וואַרטן אויף דער שיף אין קאָנסטאַנצאַ, אפילו גיין צו אירע נייע פריינט. זי האָט מורא פאַר אַלץ. און זי איז טאַקע מיטגעגאַנגען מיט מיר איבעראַל. אין האָט מיך אַזוי לאַנג געבעטן מיט איר צו פאָרן אין איין קאַבינע פון שיף, ביז איך האָב איר נישט געקאָנט אָפּזאָגן: זי האָט געוויינט און מיר דערציילט, אַז מען שיקט זי אַוועק צו דער שוועסטער צוליב אַ געליבטן, נישט קיין ציוניסט.

עס איז שוין קלאָר געווען פאַר מיר ווער מיין רייזע־באַקאַנטע איז. ביסלעכווייז האָט זי שוין געזאָגט דאָס איבעריקע וועגן דעם יונגן מאַן פון אונגאַרן: ער איז אַנטלאָפן פון אַ תּפיסה אין בודאַפּעסט, וואו עס האָט געבושעוועט אין יענע יאָרן דער פאַשיסט האָרטי, באַלד נאָך דער אונטערדריקונג פון דער אונגאַרישער פאָלקס־רעפּובליק אין 1919. ווי עס ווייזט אויס, האָט זי זיך שנעל געטרייסט, ווייל באַלד אויף דער שיף האָט זי זיך שוין באַוועגט פריי און לאַכנדיק, נאָך עטלעכע טעג ים־קרענק, אין אַ רעדל יונגע בעסאַראַבער חלוצים. זי איז געווען אַ דורכגעטריבענע פּראַקטישע מיידל: מען האָט איר געגעבן גענוג געלט אויף אַ בילעט פון צווייטן קלאַס, וואָס האָט עפּעס געהאַרפּט קאָסטן אַ וואָסערע 35 פונט — האָט זי אָבער באַשלאָסן, אַז זי וועט קויפן אַ בילעט פון דריטן קלאַס פאַר צען דאָלאַר און איינשפּאָרן דאָס געלט. „ווייל, — האָט זי געזאָגט, — „דאָרטן וועל איך דאָך נישט

האָבן קיין געלט, מיין שוועסטער וועט מיך בלויז אויסהאַלטן מיט עסן און אַ דירה, ביז איך וועל גיין אין אַ „קבוצה“, האָט זי מיך געבעטן, אַז איך זאָל מיט איר צוזאַמען נעמען איין קאַבינע, ווייל זי האָט דאָך ווידער מורא צו זיין מיט „פרעמדע“.

— נו, און איך, בין איך דען נישט אַ פרעמדע? — האָב איך געפרעגט.

— אָ, נישט איר! איך ווייס, ווער איר זייט: מיינע פריינט קענען די יידן פון „מאָרגנרויט־קלוב“, זיי זיינען דאָך די גרינדער פון די וועלטלעכע שולן — און איך האָב דאָך זיי געזען ביים צוג אין טשערנאָוויץ.

האָב איך איינגעוויליקט צו נעמען אַ קאַבינע פון דריטן קלאַס און מיר זיינען דאָרט געזעסן בלויז ביינאַכט. ווען מיר זיינען אַריין אין ברייטן בלויען ים, מיט דער פרילינג־זון, מיטן וואָלקנלאָזן הימל און דער פרישער, האַרבער לופט, ווען עס האָבן זיך שפעטער באַוויזן די גריכישע אינדזלען מיט זייער האַפטיקן, שווערן גרין, מיט טויזנטער מעוועס און קלענערע ים־פויגל — איז געוואָרן אַזוי גוט און רואיק אויפן געמיט, אַז מען האָט פון זיך אַליין אויפגעהערט צו פירן דיסקוסיעס און זיך אַמפערן וועגן פאַרגאַנגענע צייטן, טעות׳ן, פלענער און וועגן סתם דער פאַרגאַנגענהייט. די צוקונפט איז פאַר די חלוצישע בחורים און מיידלעך געווען קלאָר: זיי גייען אַריין אַרבעטן אָדער אין אַ קבוצה, אָדער אין אַ וואַרשטאַט. וועגן אַ שטיינברוך אָדער, ווי מען האָט דאָרט געזאָגט, אַ „קאַריער“, האָבן זיי נאָך נישט געוואוסט.

וואָלטן זיי געוואוסט, וואָס עס שטייט זיי פאָר, וואָלטן זיי נישט געזונגען אַזוי פריילעך די לידער פון „גליל“ און נישט געטאַנצט אַזוי געשמאַק די „הוֹרא“. און געטאַנצט האָט די יוגנט אויפן דעק פון דריטן קלאַס זייער געשמאַק. די מאַטראָזן פון דער גריכישער שיף פלעגן אין אָוונט, נאָך דער אַרבעט, זיך אויסשטעלן אין אַ ראָד אַרום דער יוגנט און קוקן, זיך צוהערן און אויסדריקן זייער פרייד דורך קלאַפן „בראַוואָ“ און דורך מיט־טאַנצן אַמאָל מיט די מיידלעך.

עס איז געווען די אייגענע יוגנט, וועלכע האָט שוין אַריבערגעטראָגן די מלחמה־יאָרן, אַלס קינדער, סיי אין פוילן, סיי אין רומעניע, סיי אין בעסאַראַביע און אוקראַינע, מיט הונגער און פעטליוראַצעס, מיט טיפוס און גנב׳ענען גרענעצן — די יוגנט, וואָס האָט דאָ געזונגען ביינאַכט און געחלומ׳ט בייטאָג.

דאָס לעבן אויף דער שיף איז געווען אָרעם. אין דריטן קלאַס איז נישט געווען קיין בופעט אָדער אַ רעסטאָראַן; מען האָט זיך פאַרגרייט מיט געטריקנטע ברויט, מיט סאַרדינקעס, מיט האַרט־געקאָכטע אייער און מיט טיי. ביי די מאַטראָסן פלעגט מען צוקויפן אַביסל פרוכט, וואָס זיי פלעגן קויפן אין אַ פאָרט, ווען די שיף האָט זיך אָפגעשטעלט צו נעמען נייע פראַכט, אַראָפ־

לאָזן פּאַסאַזשירן אָדער נעמען נייע. אַזוי איז געווען אין פּירעאוס, אַזוי איז געווען אין מאַלטאַ, אויף ציפּערן, אין קרעטאַ און שפּעטער אין סיריע. אַמאָל האָט מען אפילו געקאָכט אַ וואַרעמען מאָלצייט, ווען מען האָט געקויפט פיש ביי די קליינע שיפלעך, וואָס פלעגן צוקומען צו אונדזער פּראַכט־שיף.

ביסלעכווייז האָט מען זיך שוין דערוואוסט וועגן מיר, און וועגן מיין באַזוך אין ווינטער, 1926, און פרילינג, 1927, אין פּוילן און אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. האָט מען אין אָוונט געבעטן צו דערציילן. און עס האָבן זיך געפונען יוגנטלעכע פון קאַלאַמעי, לעמבערג און וואַרשע, וועלכע האָבן געקענט מיין נאָמען, געקענט מעדעמען. מיר האָבן אָפּגעמאַכט אַ מין „דזשענטל־מענס אַגרימענט”, אַז מען וועט נישט שטערן, נישט איבעררייסן, פאַרציי־כענען פראַגן און סתם זיין גאַסטפריינטלעך צו געדאַנקען, ווי אַנדערש זיי זאָלן נישט זיין.

און עס האָט געאַרבעט. צווישן גלאַנציקע אויגן, אין וועלכע עס האָט זיך אָפּגעשפּיגלט דער שיין פון דרום׳דיקע שטערן, פון פאָספאָריזירנדיקן ים און פון אַן אינווייניקסטן דראַנג צו באַנעמען אַ ליכטיקע נייעס פון ביידן אַן אַנדער וועלט, טויזנט מייל ווייט פון פּעראַ, פון מאַלטאַ און פון די רו־מעניש׳ע יידישע געטאָ־שטיבלעך אונטער אַנטיסעמיטישע אוקאַזן פון אַנ־טאָנעסקו און קוזאַ, אַכט יאָר נאָך אַ וועלט־מלחמה מיט 20 מיליאָן קרבנות — האָט מען זיך צוגעהערט צו פאַקטן פון אונטערן אוקראַינער שניי, 20 מייל פון אָדעס, וואו אויף דער סטאַנציע „ראַזדיעלנאיא” האָט זיך אָרגאַ־ניזירט אַ יידישער דאָרפס־אַרטעל פון 22 משפחות און וואו אַ געוועזענער לופט־מענטש, פּרץ סאַנדלער, האָט אויסגעהאָדעוועט, צום ערשטן מאָל אין זיין לעבן, — נישט געקויפט, נאָר אויסגעהאָדעוועט — זיין ערשטן קאַראַ־קולן שעפּסל, און אים געטוליעט צו זיך ווי אַן אייניקל צוויי שעה נאָך זיין געבוירן ווערן פון אַ טורקעסטאַנער מאַמען. געטוליעט אים צו זיין אַלטן קאַזשוך, אין שיין פון אַ שטאַל־לאַמטערן און געבראַכט אונדז אין שטוב אַריין, וואו עס איז געזעסן דער אגראָנאָם דראָזד פון אָדעס, ווי עס זיצט אַ כירורג, זיכער און שטאָלץ, נאָך אַ געלונגענער געבורט פון אַ פּריציש׳ן יורש. אויסגעהערט אַ ליד פון אַ קליין מיידעלע, פון אָדעסער קינדער־היים, וואו זי באַזינגט איר נייע היים, מיט אַ נייער מאַמע, ווייל איר אייגענע מאַמע האָט פּעטליוראַ דערהרג׳עט. אויסגעהערט אַ באַשרייבונג פון יידישן קונסט־טע־אַטער אין מאָסקווע. פון די „אַקטיאָרן־קורסן”,ביים טעאַטער אין מאָסקווע, אָנגעפירט פון אַזעלכע שרייבער, ווי: גאָדינער, האַלקין און פּרץ מאַרקיש.

און ווען איך האָב אַ קוק געטאָן אויף די פאַרטראַכטע שוויגנדיקע צו־הערער מיינע, די יוגנט פון 1926, דעם נאָך־מלחמה דור פון 1918, האָב איך מיט אַ געפיל פון טיפער ליבשאַפט און צער געטראַכט וועגן דעם שווערן,

דאָרנדיקן וועג, וואָס וואַרט אויף זיי אין דער בריטישער מאַנדאַט־טעריטאָריע, וואָס האָט געהייסן „פּאַלעסטאַין״, אַ וועג פון שווערער פּראַצע, אָן מלוכה־סובסידיעס, אָן מעדיצינישער אומזיסטער הילף, אָן דער זאָרג פון אַ פאָלקס־רעגירונג, אָן אַ מעגלעכקייט צו קעמפן אָפן און פריי פאַר אַ בעסערער צוקונפט, אונטער דער אָקופּאַציע פון „סער״ און „לאָרד״ כּעמועל. אָבער אויך מיט אַ טיפן דרך־ארץ האָב איך געקוקט אויף אָט דער יוגנט — אויף זייער פּיאָנערנטום, מסירת נפש און גלויבן אין זייער אַרבעט אין די קאַריערן, זאַמדיקע פעלדער און זומפן פון גליל.

אין פּאָרט פון יפו

אָנגעקומען אין יפו׳ער (יאַפער) פּאָרט און דאָ האָבן זיך ערשט אָנגעהויבן מיינע אמת׳ע צרות — ביים פּרוּוון לאַנדן אין יפו. די צען טעג אויפן מיטללענדישן ים, אין אַן ערב־פּסח׳דיקער שטימונג אין רעליגיעזער אַטמאָספערע צווישן די עטלעכע ישיבה־בחורים אויף דער שיף, זיינען טאַקע געווען זייער אינטערעסאַנט, מיט שמועסן און לידער און טענץ, מיט אַביסל פאַריבענקטע נשמה־אויסגוסן מצד די ליטווישע און בעסאַראַבער מיידלעך, מיט פאַרכאַפּנדיקע בילדער פון גריכישע שטעט און גרינע פאַר׳חלומ׳טע אינדזלען, ווי ראָדאָס, סאַמאָס, קיפּר, ציפּרעס, מיט נייע באַקאַנטשאַפטן צווישע נייע סירישע, מאַקעדאָנישע און אַראַבישע פּאַסאַזשירן, מיטן גאַנצן וואונדערבאַרן קאָלאָריט פון מיטל־מזרח. אָבער אָט האָט זיך באַוויזן צווישן הייסע נעפּלען און אַ בלענדנדיקער זון אַ ווייטער, ווייטער ברעג. און איינער פון אונדזערע נייע פריינט, אַ מאַטראָס, אַ סיריער, האָט אויסגעשריגן: „לאַ טערר!״ (ערד!) און פון דעם ווייס־אויסגעשייערטן דעק זאָבן גענומען לויפן די יונגע פּאַסאַזשירן, בחורים, קינדער, פרויען, מיט אויפגערעגטע פּנימ׳ער, מיט אַרויסגעשרייען און אפילו מיט טרערן.

„דערלעבט! דערלעבט!״, האָט געשריגן אַן עלטערע פרוי פון טשערנאָוויץ, וואָס איז געפאָרן מיט צוויי ייִנגלעך צום מאַן, אין צפת. יאָ, מען האָט טאַקע דערלעבט צו זען ערד, אָבער אין אַ שעה אַרום האָט זיך אָנגעהויבן אַזאַ טומל, אַזאַ גערודער, און שוין אַ ריכטיקער געוויין. פאַרוואָס? ווייל יפו האָט נישט געהאַט דעמאָלט קיין לאַנדונגס־דאָקס: צום שיף אונדזערן איז צוגעפאָרן אַ פּשוט׳ע לאָדקע, מיט עטלעכע שטאַרקע, ריזיקע אַראַבער און מען האָט אונדז פון אויבן, פון אויבערשטן דעק, אַריינגעוואָרפן, ווי פּילקעס, אין אַ געפלאָכטענעם טיפן קאָשיק, איינצלווייז, ווי טויטע פיש. און אַזוי ווי דער קאָשיק האָט נישט דערגרייכט ביזן דנאָ פון דער לאָדקע, האָט מען אונדז אין דער לופטן אונטערגעכאַפּט און אַריינגעוואָרפן אויף אַ

באַרג מיט אַלטע זעק און שטריק, כדי מיר זאָלן זיך נישט צעברעכן די ביינער...

מילא, איך האָב געהאַלטן אין איין לאַכן, אַזוי משוגע ווילד האָט עס אויסגעזען אין מײַנע אויגן נאָך די עלעגאַנטע „גענגפלענקס" פֿון דער „ברעמען", מיט וועלכער איך בין געפֿאָרן אין שערבורג און סאַוטהעמפּטאָן און וואו אַן עלעוועיטאָר האָט געפֿירט די פּאַסאַזשירן פֿון שטאָק צו שטאָק. און דאָ וואַרפֿט מען דערוואַקסענע מענטשן, ווי אַרבוזן, אין אַ קויש! און די „וואַרפֿער" זײַנען ערנסט, זאַכלעך און שרײַען גאָר אויף די מײדלעך, וואָס ווילן נישט גיין אין קאָשיק און אין זײַערע אָרעמס!

מיר איז גוט. איך האָב ליב דעם ים, בין קיינמאָל נישט קראַנק אפילו אין אַ „טייפֿון". די זון איז הייס און די לופֿט קיל און מיך האָט אַן אַראָבער, וואָס רעדט אויך פֿראַנצויזיש, גאַנץ טיף אַראָפּגעלאָזן אין שיפֿל, אַזוי אַז איך בין אפילו נישט אַראָפּגעפֿאַלן, נאָר זיך געשטעלט אויף די פֿיס. און ווען איך האָב אים געגעבן אַ פּאַפּיראָס פֿון טערקישן טאַבאַק, געקויפֿט אין פּירעאוס (איך האָב נאָך דעמאָלט אויך גערויכערט) האָט ער מיר אפילו געגעבן אַ שלוק וואַסער פֿון זײַן טערמאָס.

און נאָך אַ שטיקל ים־רײַזע אין אַ לאָדקע דער שטאָט יפו אַנטקעגן. די שטאָט איז געלעגן אַ סודות־פֿולע, אַלטע און גאָרטנלאָזע, מיט אירע מינאַרעטן און פּלאַטשיקע דעכער, מיט ווײַסע הײַזער, געדיכט באַבויט און ענג. דאָס דאָזיקע שטיקל ים־רײַזע האָט געוועקט, צום ערשטן מאָל, פֿאַר די לעצטע צענדליקער יאָרן אַ געפֿיל פֿון צוגעהעריקייט צום אַנטיקן יידנטום בײַ מיר... זי, די שטאָט יפו, איז מיר פּלוצלינג געוואָרן טײַער, נאָענט. אַ שטיק אייגנס. און מיטאַמאָל איז געקומען אויפֿן זכרון דער אַלטער יי־ פֿון לאָדוש, מיטן זאַק קאַרטאָפֿל אויף די פּלייצעס, וועלכער איז געזעסן בײַ אונדז אין קיך, אַרום 1892, און זיך געזעגנט מיט מײַן פֿאָטער און מיט מײַן מוטער, ווײַל ער פֿאָרט אין „ארץ־ישראל"... אַזוי פּלוצלינג איז דאָס בילד געקומען פֿאַר מײַנע אויגן, אַז עס האָט אַזש ווי געטאָן די בענקשאַפֿט נאָך יענעם יידן און אַ וואונטש איז דאָ צו געפֿינען און צו זאָגן דאָס נײַע וואָרט, וואָס איז אַרומגעגאַנגען אויף דער שיף: „שלום!" מיר איז געווען ווײַטאָגדיק־גוט. איך האָב דערגרײכט אַ ציל. וואָס איך האָב זיך געשטעלט פֿאַר דעם באַזוך אין סאָוועטן־פֿאַרבאַנד: צו זײַן אין פּאַלעסטינע. צו זען אַ צווייטן טייל פֿון יידנטום, וואָס זוכט אַן אויסוועג פֿאַר זיך נאָך אַזוי פֿיל וואָגלעניש, פּאָגראָם־עקזיסטענץ, רעכטלאָזיקייט און נויט, זוכט דווקא דאָ, וואו עס האָט אַמאָל געבליט אַ זעלבסטשטענדיק, יידיש מלוכה־לעבן און וואו עס הערשט היינט — אין 1926 — אַ בריטישער הויך־קאָמישאָנער, און וואו דער ייד ווערט בלויז טאָלערירט, נישט ווילקאָמען.

און איך האָב זיך געגרייט אויף שוועריקייטן. אויף שטערונגען, אפילו אויף אַ נישט זייער גאַסטפריינטלעכער באַגעגעניש מיט דער הערשנדיקער פּאָליטישער ציוניסטישער פּאַרטיי. אָבער איך האָב באַשלאָסן נישט צו פיל צו פאַרלאַנגען, בלויז צו האָבן די מעגלעכקייט צו זען די חלוציִשע קאָלאָניעס, די קאָאָפּעראַטיוון, די קאָמונעס, זיך אויך באַגעגענען מיט לערער, שרייבער, מיט די יידיש־רעדנדיקע איינגעוואַנדערטע לאַנדסלייט.

ביים אַרויסגיין פון דער לאָדקע האָב איך געהאַט אַ מעגלעכקייט ווייטער צו דערמאָנען זיך די ווערטער פון סער מאַלקאָלם גרעיהעם. מען האָט אַ קוק געטאָן צוערשט אויף מיין מערקווירדיקן דאָקומענט (אַ לאַנגער פּאַס פּאַפּיר מיט עטלעכע שטעמפּלען), דערנאָך אויף מיין נאָמען. די יונגע באַאַמטע זיינען געווען ייִדן, באַאַמטע פון דער „הסתדרות“, גערעדט צווישן זיך „איווריט“. דער נאָמען מעדעם האָט אַרויסגערופן אַ סענסאַציע. מען האָט אויף מיר געקוקט מיט נייגיריק־קאַלטע בליקן און מיך אָנגעהויבן איבערצוגעבן פון איין יונגן באַאַמטן, מיט אַ ווייס־בלויען אָרעם־באַנד, צו אַ צווייטן. און יעדער פון זיי האָט נישט געוואוסט, וואָס צו טאָן מיט מיר. ביז איך האָב געפרעגט אויף יידיש — איך בין דאָך צווישן יידן, דערצו אין ארץ־ישראל! „וואו איז מיין באַגאַזש?“

דאָס האָט שוין מיך אין גאַנצן אַרויסגעהרג׳עט! וואָלט איך נאָך געפרעגט אויף ענגליש. מילא, עס איז דאָך אַ מאַנדאַט־טעריטאָריע פון „היס מאַדזשעסטי“, אָבער — יידיש! דאָס האָט געווירקט, ווי אַ מיטינג פון „בונד“ אין אַ ציוניסטישן לאָקאַל, ערגעצוואו אין קאָסאָוו, אַרום 1906, ווען די ציוניסטן, רייכע זינדלעך, זיינען געווען אין דער מערהייט, לעגאַל, אָדער ווי אין „פּאָלקסראַסט“, דרום־אַפריקע, אין 1932, וואו איך האָב „געוואָלט“ האַלטן אַ לעקציע וועגן ביראָבידזשאַן אין אַ קליינעם בית־מדרש און יונגע זשאַבאָטינסקיסטן האָבן עס באַטראַכט פאַר אַ חוצפה און געזוכט צו שטערן.

דער עפעקט פון מיין פראַגע אויף יידיש איז געווען אַ מורא׳דיקער. מען האָט מיר אויף ענגליש דערקלערט, אַז מיין דאָקומענט איז נישט קיין טוריסטישער, אַז אַלע אימיגראַנטן מוזן גיין אין קאַראַנטין און זייערע זאַכן מוזן ווערן דעזינפעקצירט, מיט קאַרבאָל און ליזאָל... מער האָבן איך נישט געדאַרפט הערן! שוין אויך אויף ענגליש האָב איך זיי געענטפערט, אַז איך גיי זיך זעצן אין פאַרבינדונג מיט מיין אַמעריקאַנישן קאָנסול, אַז איך בין נישט קיין עמיגראַנט, נאָר אַ זשורנאַליסט, האָב אַ צייטווייליקע וויזע פון ענגלישן קאָנסולאַט און אַז איך וועל נישט דערלאָזן צו פאַרניכטן מיינע זאַכן ווייל די אַנדערע פּאַסאַזשירן גייען אויך נישט אַדורך דעם קאַראַנטין: „אָט שטייען זייערע קרובים און נעמען זיי אַהיים!“

און איך בין צוגעגאַנגען צו דער טשערנאָוויצער מיידל, וואָס האָט זיך

צוגעקלעפט צו מיר, ביז איר שוועסטער מיטן שוואגער זיינען געקומען אין צאל־אפטייל זי ארויסנעמען, און איך האב איר געזאגט: „ביז אהער האב איך דיר געהאלפן און דיך באשיצט. איצט איז דיין געלעגנהייט מיר צו העלפן: בעט דיין שוואגער, אז ער זאל ריידן מיט די באאמטע, וועלכע האבן דיינע זאכן אפילו נישט געעפנט, און זיי באווירקן, אז מען זאל מיך אויך אזוי באהאנדלען, ווי מען האט באהאנדלט דיך און דיינע זאכן!"

און קאנטיק, אז דער שוואגער אירער האט נישט אומזיסט גענומען 400 פונט א חודש שכירות. קאנטיק, אז ער האט דא געהאט עפעס צו זאגן, ווייל מען האט מיינע זאכן שוין נישט באגאסן מיט ליזאל, נאר אנגעשריבן מיט קרייד אויף זיי א נומער, אפגעשטעמפלט מיין דאקומענט און שוין א בעסערן קוק געגעבן אויף מיר.

דאס מיידל האט מיר פארגעשטעלט איר שוועסטער און איר שוואגער. מען האט געזאגט „שלום" און צוגעזאגט מיך צו געפינען אין האטעל „אט־לאנטיק", וואוהין זיי האבן געראטן צו גיין. דערנאך בין איך ארייננעפאלן אין די הענט פון אפשר צען טרעגער, יידן און אראבער, און גישט וועלנדיק קיינעם געבן די פריווילעגיע, כדי נישט ארויסצורופן קיין סיכסוכים, האב איך צו־גערופן א טעקסי (א נעבעכדיקן אלטן „פארד", מיט א געוואלטיקן דאך, ווי א ווערא־נדע) און געהייסן פארן אין תל־אביב, צום האטעל „אטלאנטיק". די יונגע באאמטע האבן זיך געשושקעט, געוויזן אויף מיר צו ניי־צוגעקומענע קאלעגן זייערע און זיי ווידער האבן ווייטער געקוקט.

עס האט זיך באוויזן אין „דבר" א קורצע נאטיץ וועגן מיין אנקומען, ווייל אין א טאג ארום איז צו מיר אין האטעל געקומען מיינע א קוזינע פון לאדזש, נאדיא שור, וועלכע האט זיך באזעצט אין תל־אביב באלד נאך דער וועלט־מלחמה, מיט דריי טעכטער. א פערטע איז פארבליבן אין סאוועטן־פארבאנד, וואו זי האט שטודירט און פארענדיקט מעדיצין. מען האט זיך מיט מיר זייער הערפרייט, נישט געזען זיך מיט מיר זינט 1913 און מיר אנגעזאגט די נייעס, אז נאך א קוזינע לעבט מיט איר משפחה אין בוקארעשט, וואו איך בין נאר וואס געווען און נישט געוואוסט וועגן דעם.

עס איז געווען א טאג פאר פסח און דאס קליינע האטעלכל „אטלאנטיק" איז געווען איבער צוגעקליבן, מיט ריינע פארהאנגלעך ביי די צוויי פענצטער, וואס האבן ארויסגעקוקט אויפן ים. און עס איז געווען אזא נחת צו האבן א ריינע בעט, מיט גענוג קאלדרעס און א היימישן גרויסן קישן צוקאפנס. אויפן וואשטיש איז געשטאנען א גרויסער ווייסער קרוג מיט וואסער און אין הויז האט מען געברענט דעם חמץ, עס איז געווען א כשר'ער האטעלכל. זייער באשיידן.

בלויז צוויי געסט זיינען געווען אויסער מיר — א פארפאלק פון דמשק.

געקומען צו אַ זון, אַ סוחר אין תל־אביב. אין עסצימער איז געשטאַנען אַ ווייס־געדעקטער טיש, מיט אַ שיסל פּאָמעראַנצן, „די ערשטע פּרוכט פון היימישע פּרדסים״, האָט מיר געזאָגט די באַלעבאָסטע, אַ שטילע, ליטווישע פרוי. זי איז געווען אַליין אין הויז, דער מאַן איז אַוועק אויף די יום־טובים צום רבי׳ן אין טבריה. אַן אַראַבישע יונגע מיידל האָט געהאָלפן אין קיך און אַ יינגל האָט געקערט די שטובן און באַוואַסערט דעם הויף.

עס איז געווען כמעט, ווי אין אַ שטעטל אין דער ליטע, ווען נישט דער בלויער געוואַלטיקער ים מיט דעם ברייטן זאַמדיק־גאָלדענעם ברעג, וואו עס זיינען שוין געלעגן הונדערטער מענטשן און זיך געוואַרעמט אין דער זון.

איך בין געשטאַנען ביים פענצטער און ווי פאַר׳כישופ׳ט געקוקט אויף אַ בילד, וואָס איך האָב אַמאָל, נאָך מיט לאַנגע יאָרן צוריק געזען אויף אַ ציגאַרן־קעסטל ביים זיידן: ביים סאַמע ברעג פון ים, כמעט שוין אין פלאַכן וואַסער ציט זיך אַ שנירל קעמלען, מיט אַ שטריקל אין די נאָזלעכער. וועלכן עס פירט אַ בעדואין מיט אַ ווייסער טשאַלמע אויפן קאָפּ, אין אַ ווייסן לייוונטענעם בורנוס אָנגעטאָן. ער גייט פּאַוואָליע, ווי מיט צייטלאָזע טריט און הינטער אים אַ צווייטער, מיט אַ קעמל און אַ שטריקל ביים צוים, און אַ דריטער. די קעמלען זיינען הויך אָנגעלאָדעוועט מיט פּעק, די מענער טרייבן זיי אָן בלויז ווי צופעליק און פויל. זיי האָבן גאָרנישט צו טאָן מיט דער יונגט אויפן זאַמד, מיט שטאָט, מיט ציוויליזאַציע, מיט אַ טעקסי, וואָס פליט פאַרביי אַ 50 שריט פון זיי, פון און צו אַ האָטעלכל לענגאויס דעם ים־ברעג. דער קליינער מזרח־קאַראַוואַן באַוועגט זיך צו יפו־צו, פּאַוואָליע, ערנסט, פאַר׳חלומ׳ט, ווי אַרויסגענומען פון אַ רייזע־באַשרייבונג מיט 150 יאָר צוריק. און ווען זיי האָבן שוין געהאַלטן ביים פאַרשווינדן אויפן נעפּלדיקן האָריזאָנט, האָט זיך דער ערשטער קעמל אַוועקגעזעצט אויף די קני, אויפגעהויבן דעם קאָפּ צום אָנטרייבער און ווי אויף אַ סיגנאַל האָבן זיך די איבעריקע קעמלען אויך אַוועקגעזעצט און געצוואונגען די אָנטרייבער זיך אָפּצושטעלן.

דער קאָנטראַסט צווישן די צוויי וועלטן איז געווען פאַרכאַפּנדיק: דער אַלטער אָריענט איז נאָך געגאַנגען, סטאַטעטשנע, פּאַוואָליע, צייטלאָז. די נייע מאָדערנע וועלט איז אָנגעלאָפן מיט אימפּעט: יוגנט אין אייראָפּיאישע רעקלעך, מיט צענדליקער לשונות, וואָס די אימיגראַנטן האָבן גערעדט, געבראַכט פון זייערע מוטער־לענדער; מיט אויטאָמאָבילן און טראָקס, בייסיקלעטן און דראָשקעס, וואָס האָבן פאַרפלייצט די שאָסייען און גאַסן. וואַרשטאַטן און מאָטאָר־באַוועגטע פאַבריקלעך אינמיטן פון אַן אַראַבישן הויז־קוואַרטאַל, וואו אַלטע מענער אין בורנוסן און טשאַלמעס אויף די קעפּ זיצן און רויכערן זייערע וואַסער־לולקעס, מיט דער ווייסער פאַרע, וואָס צעגייט זיך אין דער שטאַרקער זון.

איך האָב אויפגעזוכט עטלעכע באַקאַנטע לינק־פּועלי־ציוניסטישע טוער צווישן זיי רייכמאַן פון וואַרשע, וועלכן איך האָב געקענט פון זיין אַרבעט מיט דינעזאָן און מעדעם אין די וואַרשעווער פאָלקס־שולן, און זיך געגרייט אַרויסצופאָרן אין די אַלטע קאָלאָניעס, ווי פּתח תקוה, ראשון לציון, חגביה, תל־יוסף און אויך אין די נייערע, פון דייטש־רומענישע פליכטלינגען אויס־געבויטע, וואו מען האָט איינגעאָרדנט פאַר מיר אַ פּאָר לעקציעס.

קלאַנגען, אַז איך קום זיך באַזעצן אין ארץ־ישראל

נאָך דעם אייגענעם אָוונט איז צו מיר אין צימער געקומען אַ קליינע דעלעגאַציע פון צוויי בחורים און אַ מיידל — וואַרשעווער חברים:

עס ווייזט זיך אַרויס, אַז דער שטרענגער צאָל־באַאַמטער, וואָס האָט אַזוי שטאַרק געוואָלט מיך און מיינע זאַכן נעמען אין קאַראַנטין, איז נאָכן קומען אַהיים צו זיך געוואָרן ווייניקער שטרענג און האָט דערציילט זיינע פריינט, אַז עס איז געקומען פון אַמעריקע די פרוי פון וו. מעדעם און — הימל עפן זיך! אַז זי וויל זיך באַזעצן אין תל־אביב אויף שטענדיק! און אַזוי איז געגאַנגען דער קלאַנג, ביז מען האָט פאַרנאַכט שוין אין „בית־העם“, אין פאָלקס־קלוב, גערעדט אָפן וועגן דעם. און די „לינקע פּועלי־ציון“ האָבן שוין געשיקט די נייעס צו זייערע חברים, וועלכע האָבן באַשלאָסן מיך איינ־צולאַדן אויף זייער קומענדיקער קאָנפערענץ! האָבן זיך די עטלעכע וואַר־שעווער חברים, בונדיסטן, דערוואוסט וועגן דעם און זיינען געקומען צו מיר אין האָטעל זיך פרעגן, צי דאָס איז אמת.

מיר האָבן זיך באַגריסט און זיצנדיק אויף דעם גרויסן ליכטיקן באַל־קאָן, מיטן אויסקוק אויפן ים. זיך דערמאָנט דעם ברעג פון דעם ווייסל, ביי פּראָגע, אין זייער קלוב, פון 1919, בעת עס איז אָנגעגאַנגען אַ באַריכט וועגן דער באַרימטער „צימערוואַלדער קאָנפערענץ“, וואָס האָט געפירט צו אַ אי־דעאָלאָגישער צעטיילונג אין די רייען פון „בונד“. און דאָ האָב איך זיך דער־וואוסט פון זיי, אַז עס איז פאַראַן אין פּאַלעסטינע אַ גאַנץ היפּשע גרופּע פון לינקע אַרבעטער, טאַקע געוועזענע בונדיסטן, צו וועלכע זיי אַליין האָבן געהערט, און אַז זיי טאַקע, די דריי דעלעגאַטן, זיינען דאָס געקומען אויס־געפינען דעם אמת וועגן מיין „באַזעצן זיך“ אין ארץ־ישראל, ווי דער קלאַנג האָט דערציילט. זיי האָבן זיך געוואונדערט און טאַקע זיך געהאַט פאַרוואָפן אויף מעדעמען, אַז ער האָט דאָך „נישט געגלויבט אין עמיגראַציע“ און אַז זיי גופא וואָלטן אַהער אויך נישט געקומען, ווען נישט גענעראַל זשעליגאָוו־סקיס אָבלאַוועס אויף יידישע „באָלשעוויקעס“.

עס איז געווען אַזוי רירנדיק און אין דער זעלבער צייט אַזוי אומגעי־

לומפּערט צו זען, ווי מען איז באַזאָרגט וועגן מיין איגענער פּאָליטישער צוקונפט, אַז איך האָב זיי באַרויִקט און געזאָגט, אַז עס געפעלט מיר טאַקע תל־אביב מיט איר יונגער באַפעלקערונג און איר שיינער לאַגע ביים ים, אַז איך וויל זיך טאַקע באַקענען מיטן יידישן פאָלק אין ארץ־ישראל, מיט דער אַרבעטנדיקער יוגנט, — אַז איך האָב נישט קיינע פּלענער צו „באַזעצן זיך" דאָ, נאָר איך מוז צוריק פאָרן אין ניו־יאָרק, ווייל איך אַרבעט דאָרטן און האָב זיך איינגעלעבט אין דער נייער וועלט.

די באַלעבאַטים זיינען געווען צופרידן, וואָס איך האָב שוין געהאַט געסט, ווייל ס'איז ביי זיי געווען, ווי זיי האָבן געזאָגט, „אומעטיק". עס האָט נישט געשפּילט קיין גראַמאָפאָן, ווי „ביי לייטן", מען האָט נישט געהאַט קיין טאַנץ־זאַל, ווי אין די גרויסע האָטעלן אויף דער „פּלאַזשע" (אויפן „ביטש") און מען האָט אפילו נישט געהאַט קיין טעראַסע מיט שטולן און בענק, וואו מען וואָלט געקאָנט טרינקען „גאַזאָז" (לימאָנאַד), ווי אין די גרויסע רעסטאָראַנען. אַזוי האָט די באַלעבאָסטע געזיפצט, און איך האָב זי געטרייסט, אַז מיט דער צייט וועט זי דאָס אַלץ האָבן און אַז איך נויטיק זיך נישט אין דעם: איך בין אַ זשורנאַליסט און בין געקומען אַהער זיך צו באַקענען מיטן ישוב און מיט די מענטשן.

אַזוי ווי עס איז געווען פּסח, האָבן מיר זיך געזעצט צום טיש און — צום ערשטן מאָל אין 13 יאָר — האָב איך „געפּראַוועט דעם סדר" און גראָד אין ארץ־ישראל, ווי דער אַלטער קאַרטאָפל־הענדלער פון פולנאַצנע־גאַס, פון לאָדזש, האָט גע'חלומ'ט דערפון נאָך אין 1890, ווען איך בין נאָך געווען אַ קינד און ווען ער איז געקומען זיך געזעגענען מיט מיין פאָטער, זאָגנדיק, אַז „ער פאָרט שטאַרבן אין הייליקן לאַנד".

איך מוז זאָגן, אַז איך בין געזעסן ביים אָרעם־געדעקטן טיש, מיט אַ היימישן טישטוך, פון „זשירדאָווער" לייוונט, נאָך געבראַכט פון פוילן, מיט די פאַמעראַנצן אין דער וואַזע, פון וועלכע איך האָב נישט דערוועגט זיך צו נעמען איינע, אַזוי ווייניק איז געווען דאָרטן, מיט דער מאָגערער הינער־זופּ און די קניידלעך — און געווען אַזוי טיף־אומעטיק און דאָך גערירט וואָס איך זיץ ביי לאַנדסלייט, פּשוט'ע און וואַרעמע, און דערשלאָגענע, ווייל זייער ניי לאַנד האָט זיי דערווייל נאָך נישט געגעבן דאָס, וואָס מען האָט זיי צו־געזאָגט: זיי זיינען געווען ציוניסטישע טוער אין שטעטל נאשעלסק, גע־שטיצט זייער אָרגאַניזאַציע אין זיינען אַוועק פון פוילן אין די 20־ער יאָרן, ווען גענעראַל האַלער מיט זיינע בויאַנעס האָט געהוליעט מיט שניידן יידישע בערד, טרייבן יידן אין קאַזאַרמעס צו שאָבן קאַרטאָפל, און אַרויסוואַרפן יידישע פּאַסאַזשירן פון וואַרשעווער טראַמווייען. בין איך געזעסן אין אַ תל־אביבער שטוב, געקוקט אויף די פאָטאָגראַפיעס פון טאַטע־מאַמע אין

שוואַרצע הילצערנע רעמלעך, נאָך געבראַכט פון „דער היים“ און זיך ווידער־
אַמאָל צוגעהערט צו דער „הגדה“, ווי אין די קינדערשע יאָרן.

אָבער פון דער ים־פלאַווּשע האָבן געקלונגען לידער און פריילעכע אויס־
געשרייען — דאָס האָט די שטאָט־יוגנט פאַרענדיקט דעם אָוונט אין העד
וואַרעמער פרילינג־נאַכט, אונטער די איינענע גאָלדענע שטערן, וואָס האָבן
זיי געמאַניעט אַהער, ווייט, ווייט פון זייער נאָך־מלחמה־קינדהייט אין די
שווערע יאָרן צווישן 1914 און 1921.

אין די שפּעטערדיקע טעג האָב איך שוין געהאַט געמאַכט קאָנטאַקטן
מיט די פאַרשידענע האַרבעטער אָרגאַניזאַציעס און קאָאָפּעראַטיוון. און ווי־
דער האָט דאָ דער צופאַל געשפּילט אַ ראָלע פון אַ פאַרמיטלער אין באַ־
קומען די נויטיקע פאַרבינדונגען: אַ לינק־פּועלי־ציוניסטישער פירער פון
וואַרשע, בערל רייכמאַן, וועלכער האָט זיך אויך געפונען דעמאָלט אין תל־
אביב, האָט מיך אויפגעזוכט און מיך באַקענט מיט עטלעכע טוער און באַ־
אַמטע אין שטאָט און האָט מיר געהאָלפן אָרגאַניזירן אַ באַזוך אין עטלעכע
אַלטע „קאָלאָניעס“, ווי אויך אין די נייע, געמישטע „קבוצות“. געמישטע
האָט מען זיי אָנגערופן צוליב זייערע מיטגלידער, וועלכע זיינען געווען אויס־
וואַנדערער סיי פון דער ליטע, פוילן און סיי פון סאָוועטן־פאַרבאַנד, סיי פון
דייטשלאַנד און עסטרייך. אַזוי־אַרום האָב איך באַקומען די מעגלעכקייט צו
זיין, באַלד נאָכן אָנקומען אין לאַנד, אין „פּתח תקוה“ און טאַקע אין די יום־
טובֿ׳דיקע פּסח־טעג. עס איז געווען אַ וואַרעמער זוניקער טאָג, ווען מיר
זיינען אָנגעקומען אין דער גרויסער, כמעט שטאָטיש אויסקוקנדיקער, קאָ־
לאָניע. און דאָ האָב איך איבערגעלעבט איינע פון די שטאַרקסטע פּאַסירונגען
בעת דער גאַנצער רייזע. עס האָבן אַרומגעוואַנדערט איבער די קאָלאָניעס
גאַנצע מחנות יוגנטלעכע, וועלכע זיינען געקומען צוגאַסט אין די גרעסערע
פאַרמעגלעכערע קבוצות צוליב דעם עקאָנאָמישן קריזיס, וועלכער האָט אין
1927־1928 געהאַלטן דאָס קליינע אָרעמע „מאַנדאַטן־לאַנד“ אין אַ שאַרפן
קלעם. איז עס געווען פון אַ הויכן מאָראַלישן ווערט צו זען, ווי די „עלטערע“
ברידער האָבן גאַסטפריינטלעך אויפגענומען זייערע יינגערע, נייעט־לאַנג באַ־
זעצטע „גרינע“ חברים. ווי מען האָט זיך אין פּתח־תקוה געטיילט מיט דעם
אָרעמען עסן — אַרבעס־זופּ, מצה מיט טיי און אַ קאָמפּאָט פון ראָזשינקעס
און פלוימען. איך געדענק דעם מאָלצייט, בישט זייענדיק בכוח ביישטראָגן
עפּעס ממשותדיקס צו דעם מאָלצייט — איך, וואָס האָב געהאַט שוין צווישן
די חלוצים אַ שם פון אַן „אַמעריקאַנער“. איך האָב געזען, אין די צענדלי־
קער און הונדערטער, וואַנדערנדיקע פריילעכע און שיינע יונגע מענטשן,
וועלכע האָבן מיט אַ גרויסער מדרגה פון חבר׳שאַפט אין ווערדע זיך גע־
זעצט צו די אויסגעשטעלטע לאַנגע טישן און בענק, האָבן אָנטייל גענומען

אין דער אַרבעט, געהאָלפן אין קיך, אין די פעלד־אַרבעטן, אין די קינדער־היימען און זיך באַטראַכט, ווי שותפים, נישט ווי געסט. און דאָס איז געווען אַזאַ דערגרייכונג, אין זין פון קאָמונאַלן באַוואוסטזיין און עטישן געפיל, אַז עס האָט געמאַכט אַ גאַנץ גרויסן איינדרוק. און פאַר די אַטוועזנדיקע אַנדערע געסט — די באַאַמטע און טוער, איז עס געווען נאַטירלעך און קיינער האָט אפילו מיט עפעס נישט געגעבן אָנצודייטן, אַז זיי זיינען ברייטהאַרציק מיט דעם, וואָס וואַנדערער פון ווייטע קאָלאָניעס נעמען אַ פלאַץ ביים טיש און ביי דער אַרבעט. דאָס אַליין איז שוין געווען אַ מין סאָציאַליסטישער עטישער צוגאַנג. עס איז געווען סתם פאַרכאַפנדיק, ווייל די גאַסט־געבער אַליין זיינען געווען אָרעם — צוקער, מילך, פלייש איז געווען אַ לוקסוס ביי זיי, און דער לוקסוס איז געגאַנגען אויסשליסלעך פאַר — קינדער!

מיר איז אויך געפעלן געוואָרן דער פאַקט, וואָס מען האָט מיך באַהאַנדלט נישט ווי אַ גאַסט, נאָר חבר'יש און וואַרעם. מען האָט מיר געוויזן די סקלאַדעס און די קאָאָפּעראַטיווע געוועלבן, וואוינונגען און אַ קינדער־שולע. די איינציקע שוועריקייט איז געווען די שפראַך: מען האָט זייער אומגערן גערעדט מיט מיר יידיש. אַלע באַאַמטע זיינען שוין געווען צו לאַנג אין לאַנד, כדי צו רעדן יידיש פליסיק. מאַנכע זיינען שוין געווען דאָרט־געבוירענע. און דאָס האָט זיך שטאַרק געפילט אין זייער האַלטונג, וואָס איז געווען אומאָפהענגיק און זיכער. קיין זכר איז נישט געווען פון קיין געטאָ, אָדער „מה־יפית"־פסיכאָלאָגיע. דאָס האָט זיך אויך געפילט אין דעם מין אינטעליגענטן, קאָלעקטיוו־געשולטן באַוואוסטזיין זייערן. דאָ האָבן גערעדט נישט טעאָרעטיקער פון אַ קבוצה, נישט מאָדעל־מאַכער פון אַן עקאָנאָמיק, נאָר פּראַקטיקער. אַי עס איז געווען אַ קריזיס, אַ הונגער, אַ נישט־געדעטעניש — איז דאָס שוין געווען אַ „סטיכישער אומגליק", ווי עס האָט מיר דערקלערט אַ יונגער ענטוזיאַסט, אַ פאַרוואַלטער פון בוי־קאָאָפּעראַטיוו „סולל ובונה". נישט מער — אַזעלכע „סטיכישע אומגליקן" האָבן אויף דער מאַנדאַטן־מאַכט נישט געהאַט קיין מינדסטן איינפלוס און דער הויך־קאָמישאָנער האָט יעדן יאָר אַרויסגענומען פון פאַלעסטינער יידנטום פינף מיליאָן פונט שטייערן...

איך האָב אין דער קאָלאָניע פאַרבראַכט צוויי טעג, ביז איך האָב באַקומען אַן אומדערוואַרטעטע רייזע־באַגלייטערין, וואָס האָט מיר שיער נישט קאַליע געמאַכט די גאַנצע רייזע...

מיטינגען אונטערן פרייען הימל אין די קיבוצים

ווען עס איז געוואָרן באַוואוסט, אַז עס איז געקומען אין פאַלעסטינע אַ יידישע לעקטאָרין און אַז די יידישע לעקטאָרין איז די פרוי פון וולאַדימיר

מעדעם, האָבן זיך די ערשטע אָפּגערופן, ווי שוין פריער באַמערקט, די פאַרשטייער פון די לינקע פועלי־ציון, און אויך, אָבער שוין שטאַרק פאַרקאַנספּירירט, געוועזענע בונדישע אַרבעטער פון פוילן און ליטע. אין פרילינג 1927, ווען די אַלטע מלחמה־צייטן זיינען נאָך געווען ביי אַלעמען אין זכרון, זיינען נאָך אויך ביי דער אַרבעטנדיקער יוגנט אין פּאַלעסטינע געווען אין האַרצן די בלוטיקע געשעענישן ביי זיי אין לאַנד — דער מאָרד פון לייטענאַנט טרומפּעלדאָר און פון צווי חלוצישע חבר׳טעס אין אַ פאַרדעטער׳שער אַטאַקע אויף אַ הויז, וואו זיי האָבן אויסגעהאַלטן אַן אַרומריגלונג מצד אַראַבישע פאַנאַטיקער און וואו זיי האָבן זיך פאַרטיידיקט ביזן לעצטן פּאַטראָן און געפאַלן אַדורכגעלעכערטע פון קוילן.

נישט געקוקט אויפן שאַרפן קריזיס, וואָס האָט געהערשט אין לאַנד, אויף דער אַרבעטסלאָזיקייט אין די שטעט, האָט זיך דאָך געפילט צווישן די טויזנטער פריש־איינגעוואַנדערטע יוגנטלעכע אַ גוטע אָפּטימיסטישע און — איך וואָלט געזאָגט — עקשנות׳דיק־רעזאָלוטע, שטימונג.

נאָך יענעם אָוונט האָט מען מיך שוין איינגעלאַדן צו געבן באַריכטן פון די באַזונדערע לענדער, באַזונדערס פון סאָוועטן־פאַרבאַנד און פון קרימער און אוקראַאינער קאָלאָניעס, אין עטלעכע גרעסערע קיבוצים: אין עין חירות, אין תל־יוסף, דגניה, אַלף און בית, אין ראשון לציון און אין די גרעסערע שטעט, ווי צפת, תל־אביב, טבריה, ירושלים און אין חיפה.

יפו, ווידער, איז געווען דורכאויס אַראַביש און דאָרטן האָב איך בלויז געהאַט אַ שמועס מיט אַראַבישע און סירישע האַפן־אַרבעטער, וועלכע האָבן אַלע פאַרשטאַנען פראַנצויזיש, ווייל סיריע איז געווען, פונקט ווי פּאַלעסטינע, אַ מאַנדאַט־טעריטאָריע, בלויז איר „באַלעבאָס" איז געווען פראַנקרייך, לויטן ווערסאַלער שלום־אָפּמאַך. כדי די פּאָרט־אַרבעטער צו געבן אַ באַגריף וועגן „אַנדערע פראַנצויזן", נישט אָקופּאַנטן, האָב איך זיי איבערגעגעבן אַ גרוס פון די מאַרסעילער, שערבורגער און פּאַריזער האַרעפּאַשניקעס, וועגן דעם קאָנגרעס אין ליל, וועגן דער גרויסער פראַנצויזישער „קאָנפעדעראַסיאָן דע טראַוואַיל" (אַרבעטער־קאָנפעדעראַציע) און וועגן דעם באַרימטן „גאַרש", וואו די פּאַריזער אַרבעטערשאַפט האַלט־אָפּ אירע זומערדיקע פּיקניקס און פאַרוויילונגען.

איך געדענק אַ גרויסן מיטינג אין אַ שבת בייטאָג, ערב דעם ערשטן מאַי, אין תל יוסף, וואו עס האָבן זיך אויסגעזעצט אויף דער הייסער זאַמדיקער ערד אַן ערך 200 יונגע מענטשן, די מערסטע פון אוקראַאינע; פון די אַזוי־גערופענע „קרעסן", טיילן פון ווייסרוסלאַנד, וואָס זיינען אַריבערגעגאַנגען נאָך דער סאָוועטיש־פּוילישער מלחמה צו פּוילן; אויך פון בעסאַראַביע, וואָס איז אין 1918 אַריבער פון סאָוועטן־פאַרבאַנד צו רומעניע. און

עס האט זיך פלוצלינג, נאך די ערשטע אריינפיר־ווערטער דערשפירט אזא צוגעהעריקייט צום אלטן הימלאנד זייערן, צו רוסלאנד, אזא אינעווייניקסטע, האלב־פארשטיקטע בענקשאפט נאכן דניעסטער, וואו מען האט זיך געבאדן אין דער קינדהייט, אזא ליבשאפט צום היימישן שייטער, צו די פערד אויף דער פאשע — זיי זיינען אלע געווען שטעטלדיקע און הארפישע קאלאניסטן — זין און טעכטער פון די אלטע צאר־ישע „פאנדן" פון דער „איקא" און פון באראן הירש — אז איך האב נישט געוואלט צעשטערן דעם כשוף און ביסלעכווייז אריבער צו זייערע אייגענע קרימער ישובים, וואו זיי האבן געארבעט און וועלכע זיי האבן אויפגעבויט און פון וועלכע פעטליורא האט זיי פארטריבן. זיי זיינען געווען צוגעבונדן צו זייערע אין שווערער פראצע אויפגעבויטע סאוועטישע „הכשרה"־קאלאניעס פון 1924 און האבן דעם גאנצן אינווענטאר מיט די קי, מיט די שאף און פערד פארקויפט צו דער סאוועטן־מאכט און זיינען אוועק צו זייערע טאטעס און מאמעס אין פאלעסטינע, אלס גאנץ יונגע בחורים נאך.

און אזוי ווי איך האב נאר־וואס פארענדיקט מיין רייזע איבער יענע קרימער און אוקראינער קאלאניעס און געהאט גאנץ פרישע גרוסן צו זיי פון דארטן, האט זיך אנטוויקלט אזא לעבעדיקע דיסקוסיע, אזא מין „פראפעסיאנעלער אינטערעס" צווישן מיר און מיינע יונגע פריינט.

אט דא, אויפן פלאץ האט זיך פלוצים „פאיאוועט" יענע רייזע־באגלייטערין, וועגן וועלכער איך האב געשריבן אביסל פריער, וואס האט שיער נישט צעשטערט מיין גאנצע רייזע איבער ארץ־ישראל. דאס איז געווען א יונגע, ענערגישע, שוין צו־ענערגישע בנוגע מיר „השומר הצעיר" מיידל, וועלכע איז נאר־וואס אריבערגעקומען פון אוקראינע, האט גערעדט און פארשטאנען רוסיש — און וואס דאס סאמע טראגישסטע איז געווען, וואס זי האט גערעדט א פערפעקטן „עברית". און אלץ, וואס איך האב דערציילט, האט זי זיי דערציילט פונקט קאפויער און איך בין ארויס, לויט איר אינטערפרעטאציע, גאר פשוט — א ליגנער!

עס האט זיך אנטוויקלט א מין צווייי לאגערן־דיסקוסיע — פון אירע אנהענגער, וואס זיינען געווען מיט איר, נישט זייער פרא־סאוועטיש געשטימט, עטלעכע פון זיי זיינען אפילו געווען פון דער „הסתדרות", און א צווייטער טייל איז געווען אזוי אפן און פעסט מיט די זכרונות פון זייער היים, אז זיי האבן פשוט מיר געעפנט די אויגן אויף „איר" אויסטייטשונג. און איך האב רואיק אפגעווארט איר רעדע צו זיי אויף „עברית", זיך געווענדט צו דער גאנצער אודיטאריע און איבערגעלאזן צו זיי די לייזונג פון דער פראגע — צי איז עס ריכטיק, אז מען זאל א גאסט־רעדנער נישט געבן די פרייהייט

צו רעדן אַזוי, ווי דער רעדנער האָט עס געזען און ווי ער האָט עס געפילט? צי איז עס געהערט געוואָרן, אַז אַן עולם פון אַרבעטער, חברים, וואָס רעדט יידיש און וואָס איז אַליין נישט לאַנג אַריבערגעקומען, זאָל אין אַ פרייער חבר׳שער סביבה נישט קאָנען אויסהערן אַ באַריכט פון אַ בעטערן גורל פון יידן, אַ בעסערן נאָכן חורבן פון צאַריזם, נאָך די לאַנגע, שווערע יאָרצענדליקער פון פּאָגראָמען, געטאָס און געבויגענע רוקנס פון די טאַטעס און מאַמעס פון די אַנוועזנדע חלוצים דאָ, אין תל־יוסף?

יענע רייזע־באַגלייטערין, מיינע, מיט אירע פאַלשע איבערזעצונגען, האָט מער נישט געמאַכט אין העברייאיש קיין באַמערקונגען אין דער דיסקוסיע. אָבער זי האָט זיך דערנעענטערט צו מיר און אַזוי ווי זי איז געווען גאַנץ אויפריכטיק, זייער דינאַמיש און אַ הייסע חלוצית, מיט אַ גרויסן חוש פאַר חבר׳שאַפט און אַ קאָמונע־לעבן, האָב איך זיך נישט געוואָלט אָפּזאָגן צו וואַנדערן אַביסל מיט איר איבער די קיבוצים. איך האָב נישט געוואוסט, אַז זי וועט געפינען אַנדערע מיטלען און וועגן ווי אַזוי צו פּאָלעמיזירן מיט מיר וועגן דעם נייעם אויפבוי און איבערבוי פון אַמאָליקן רוסישן יידנטום. זי האָט אַביסל געענדערט איר טאַקטיק. מיר פלעגן גיין איבער די נאָענטע קיבוצים, זיך אַדורכגעשמועסט וועגן איר משפחה, וואָס איז געבליבן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. זי האָט מיר אפילו איין מאָל, בעת אַן אָפּרו אין אַ קליינעם יוקאַליפּטוס וועלדל, געגעבן די נעמען און אַדרעסן פון אירע צוויי ברידער און געבעטן זיי צו דערציילן וועגן איר איינאָרדענען זיך אין דעם קיבוץ. זי איז געווען גאַנץ אָנגענעם אין אַ שמועס און נישט אָנגרייפעריש אין אַ פשוט׳ן דערציילן. אָבער קוים איז מען אַריין אין אַ קיבוץ און זי האָט מיך פאָרגעשטעלט פאַר דער פאַרוואַלטונג, אַלס אַ גאַסט אין לאַנד, האָט זי אָנגעהויבן רעדן מיט זיי „עברית", האָט געזאָגט ווער איך בין און פון וואַנען איך קום און די פריער פריינטלעכע פּנים׳ער פלעגן זיך „ציען אין דער לענג". און אין אָוונט, באַלד נאָכן פאַרענדיקן די לעקציע, ערב די פראַגן, האָט מאַניאַ, מיין רייזע־שאָטן, שוין גערעדט אין העברייאיש צו אַ רעדל חלוצים וועגן אירע ספקות בנוגע מיינע באַאָבאַכטונגען. און די פריער־שלום׳דיקע אויגן פון די צוהערער האָבן שוין באַקומען יענעם קאַלטן אויסדרוק, וואָס באַדאַרף שוין נישט קיינע קאָמענטאַרן.

עס איז מיר געוואָרן שוין אוממעגלעך ווייטער צו שפּאַנען צוזאַמען איבער די קיבוצים, און ווען איך האָב זיך געטראָפן, בעת אַ באַזוך אין דגניה אַלף, מיט אַ ליבן, אינטערעסאַנטן אַגראָנאָם, פּראָפעסאָר קרים פון רוסלאַנד און פראַנקרייך, האָב איך זיך מיט אים צערעדט אויף רוסיש און ער האָט מיך איינגעלאַדן צו באַזוכן מיט אים צוזאַמען אַ פּאָר נייע קבוצות. דאָרט איז זי שוין נישט געווען און איך האָב, גאַנץ פריי פון אַ צענזור, שוין געקאָנט

רעדן אַן אַ שטערונג און ענטפֿערן אויף אַלע פֿראַגן, וועלכע האָבן זיי אינטערעסירט.

איך האָב געהאַט אַ גרויסע פֿרייד אין ביידע דגניה׳ס. דאָרט איז געווען אַזאַ פֿיינע, האַרציקע אַטמאָספֿערע, אַזאַ אינטעליגענטער צוגאַנג צו די טאָג־פּראָבלעמען און וועלט־געשעענישן, סיי פֿון די פֿאַרוואַלטער פּרומקין, פּיינבערג, סיי פֿון די עלטערע און יונגע קאָלאָניסטן, אַז איך בין פֿון דאָרט אַוועק מיט אַ געפֿיל פֿון צוגעבונדנקייט צו זיי, צו זייער זויבערער באַלעבאַטישקייט, צו דער קינדער־שולע, מיט די גוטע פֿלעגערינס און לערערינס, צו די שיין־מעבלירטע אינדיווידועלע צימערן, צו דער פֿיינער ביבליאָטעק און צו דער אמת׳ער קאָמונע־לופֿט אין און אַרום זיי.

און ווען איך האָב שוין באַזוכט אַלע קיבוצים פֿון וויכטיקייט און דערפֿאָלג, האָב איך זיך פֿאַרבענקט נאָך אַ „גרויסשטאָט", נאָך אַן אַרבעטער־מיטינג. און גראָד דעמאָלט האָבן מיך שוין אָפּגעזוכט די ערשטע חברים אונדזערע. וועלכע זיינען אין יענע צייטן געווען אומלעגאַל, וואָס מען האָט פֿאַרפֿאָלגט, געשטערט, „אויסגעלאַכט" און פֿיינט געהאַט פֿאַר זייער חבר׳שאַפֿט מיט אַראַבישע און סירישע האָרעפּאַשנע מאַסן. זיי האָבן געפֿונען אַ וועג צו מיר און אָרגאַניזירט אַ מיטינג אין תל־אביב, אין אַ גרעסערן זאַל, ביי אַ קליין ליכטל, ערגעץ־וואו אין אַן אַרבעטער־געגנט, מיט שומרים ביי די טירן, מיט אַ היימישן „פּאַטרול" אין הויף, אַזוי, אַז עס איז געווען ווי אין לאָדזשער באַלוט אין די צאַרישע צייטן. עס איז געווען גוט צו רעדן אין אַ באַוויגע צו מענטשן, וועלכע האָבן געדאַרפֿט קעמפֿן פֿאַר זייער פּאָליטישער עקזיסטענץ, פֿאַר זייער רעכט צו רעדן, צו ברענגען אַ חבר, אַ גאַסט פֿון דער אַרומיקער וועלט. זיי האָבן מיך אויך פֿאַרבונדן מיט איינצעלנע פֿריינט אין די אַנדערע „קאָמונעס" און באַקענט מיט סירישע פֿריינט. איך האָב אויך גערעדט אין ירושלים אין אַ קלוב, אויך אויף יידיש, און אויך זייער „פֿאַרקאַנספּירירט".

אַ שווערן איינדרוק האָט אויף מיר געמאַכט דער נישט געלונגענער באַזוך און דאָס „נישט דערגיין" צו דער קאָלאָניע כּפֿר גלעדי, וואו עס האָט געווירקט און געאַרבעט מאַניאַ שוחט, די געוועזענע מאַניאַ ווילבושעוויטש. עס איז זיכער דערגאַנגען צו איר מיין נאָמען און מיינע לעקציעס וועגן די יידן אויף ערד־אַרבעט אין קרים. און אפֿשר איז עס געווען דער נאָמען פֿון וו. מעדעם, וועלכער האָט אין 1922 נישט מעגלעך געמאַכט פֿאַר איר אויסצופֿירן איר מיסיע אין אַמעריקע, אין די אינטערעסן פֿון איר אָרגאַניזאַציע. וואָס עס זאָל נישט זיין — מען האָט מיר נישט דערלויבט אַריינצוגיין אין איר קאָלאָניע. איך בין געקומען אַהין פֿאַרנאַכט, אַליין, אַרום

זיינען געווען אַראַבישע דערפער, די אַטמאָספערע איז געווען אַן אָנגעצויגענע, אַ שאַרפע: עס איז געווען דער מוטולמאַנישער תענית, דער „ראַמאַזאַן״, און עס איז געווען געפערלעך צו זיין אין דרויסן אויפן שאָסיי. עס איז אָבער נישט געווען קיין אַנדער ברירה. בין איך געבליבן שטיין ביים טויער, זיך געזעצט אויף אַ באַנק און אָפּגעוואַרט די נאַכט. געזען הונגעריק און דורשטיק, עס איז געווען אַ הייסער טאָג בעת איך בין אַהין געקומען. פּלוצלינג האָב איך דערהערט שטילע טריט, אַ מענטשלעכע שטימע און האָב דערזען פון הינטער די קוסטעס צוויי יונגע בחורים. זי האָבן זיך דערנענטערט. געזאָגט, אַז זיי זיינען וואַרשעווער בונדיסטן, אַז קיינער ווייסט דערפון נישט אין דער קאָלאָניע, אַז זיי האָבן מיך געזען אין דרויסן פאַרנאַכט, געהערט מיין נאָמען בעת זייער אָונט־מאָלצייט און אָט זיינען זיי געקומען. מיר געבראַכט אַ שטיקל ברויט מיט שאָפּן־קעז און אַ גלאָז מילך אין אַ סלאָיקל. איך בין געוואָרן טיף גערירט: זיי האָבן איינגעשטעלט זייער שטיקל עקזיסטענץ אין דער קבוצה, העלפנדיק מיר. אָבער איך האָב זיי באַרואיקט, אויפגעגעסן אַלץ ביז אַ קרישעלע (פון יענער נאַכט האָב איך ליב שאָפּן־קעז!) און בין פאַרטאָג, אַזייגער פינף, אַוועק אין אַ שטעטל ביים ים־המלח, אָן שנאה צו די באַלעבאַטים פון דער קאָלאָניע כפר גלעדי, דער נישט געזעגנער. . . .

עס איז שוין געווען אָנהויב מאַי און די טעג אין תל־אביב זיינען געווען הייסע. איך האָב שוין געזען אַ גאַנץ גרויסע צאָל ערטער פון אינטערעס און וויכטיקייט. אָבער דער כישוף פון לאַנד האָט שטאַרק געווירקט און עס האָט זיך נישט געוואָלט אַוועקפאָרן. בפרט נאָך, אַז עס האָבן זיך אַנטוויקלט גאַנץ קאָרעקטע, שלום׳דיקע באַציאונגען מיט דער באַפעלקערונג פון די קיבוצים, מיט באַאַמטע און אָנגעשטעלטע פון די קאָאָפּעראַטיוון, מיט שרייבער און קינסטלער און אפילו מיט גאַנץ הויך־געשטעלטע פאָרשטייער פון דער ציוניסטישער פּאַרטיי. איך געדענק, ווען איך בין אָנגעקומען אין אַ קאָלאָניע, נישט ווייט פון טבריה, אין אַ הייסן טאָג. דאָרט איז גראָד פאָרגעקומען אַ באַראַטונג אין קאַנטאָר. עס זיינען געווען אָנוועזנדיק די מיטגלידער פון זייער צענטראַלן קאָמיטעט, צווישן וועלכע איך האָב דערקאָנט איינעם בלויז — אוסישקינען. דעמאָלט בין איך נאָך געגאַנגען מיט דער „השומר״־מיידל מאַניא. און זי האָט, אין העברייאיש, אָנגעוויזן די פּאָר הויכע באַאַמטע אויף זייער נישט־געבעטענעם גאַסט און אָנגערופן מיין נאָמען.

אַ טיפער שווייגן האָט פאַרענטפערט איר דערקלערונג און איך האָב ביי איר געפרעגט, וואו זאָל איך זיין בעת זייער באַראַטונג? (דער קליינער קאַנטאָר האָט געהאַט בלויז איין חדר׳ל!). האָבן זיי אָנגעוויזן מיט דער האַנט,

אַז איך קאָן דאָ בלייבן זיצן. מאַניאַ האָט זי געזאָגט, אַז איך פֿאַרשטיי סיי ווי נישט די שפּראַך. מיר איז אָבער געוואָרן זייער פֿיינלעך אויפֿן געמיט און איך בין אַרויס פֿון קאַנטאָר, זאָגנדיק, אַז איך גיי הערן ווייל אין דער קינדער־שולע.

קיין אייז וואַרעמער זשעסט, קיין אייז פֿריינטלעכער קוק האָבן מיך נישט באַגלייט... דאָס וואָרט „קעגנערשאַפֿט" איז געלעגן ווי אַ טראַנספּאַראַנט אין דער הייסער לופֿט און איך האָב אַ טראַכט געטאָן וועגן די מחלוקת׳ן און ביטערע אַטאַקעס, וואָס מעדעם האָט געהאַט אויסצושטיין פֿון דער ציוניסטישער פֿראַקציע אין דער וואַרשעווער קהילה צווישן 1915 און 1920, בעת זיין טעטיקייט אין דער בונדישער „פֿאָלקס־צייטונג".

און עס איז פֿאַרבליבן ביי מיר אַ שווערער געפֿיל פֿון הילפֿלאָזיקייט, צוליב דעם נישט פֿאַרשטיין העברייאיש, צוליבן נישט קאָנען ענטפֿערן אַ מענטשן אויף זיין פֿראַגע, צוליבן נישט פֿאַרשטיין אַ קינד אין דגניה א׳, וואָס אַ מאַמע האָט געהאַלטן אויפֿן אָרעם, און וואָס האָט אַ טאַפּ־געטאָן מיטן קיילעכדיקן הענטל מיינע קרעלן אויפֿן האַלדז, און עפּעס געזאָגט אויף איר לשון וועגן דעם שנירל, אַז דאָס זיינען ווייסע אַרבעס... די מאַמע האָט זיך צעלאַכט, און איך האָב בלויז געקאָנט אַ גלעט טאָן דאָס הענטל — צום ערשטן מאָל אין לעבן נישט געקאָנט זאָגן עפּעס צו אַ קינד!

ריידנדיק וועגן אַ נישט פֿריינטלעכער באַציאונג צו מיר, סיי אַלס ווייב פֿון אַ פּאָליטישן קעגנער פֿון די ציוניסטן, סיי אַלס דער זשורנאַליסטין, וואָס רעדט און שרייבט אויף יידיש — מוז איך דערמאָנען אַ באַזוך ביים דיכטער חיים נחמן ביאַליק אין תל־אביב. עס איז געווען אין דער צייט, ווען מיינע אַרויסטרעטונגען אויף יידיש דאָרטן אין תל־אביב האָבן געמוזט זיין געהיימע, כמעט אין אַ פֿינצטערן זאַל, אָדער אויף אַן אָפּגעלאָזענעם אָרט אין אַרבעטער־קוואַרטאַל, ביי די בלעך־באַדעקטע כאַטקעס. האָב איך זיך געטראָפֿן אין יענע טעג מיט פּרץ הירשביין און שלום אַש, און מיט אַ דריטן שרייבער, וועמעס נאָמען איך געדענק נישט, כ׳ווייס אָבער, אַז ער איז געווען אין ניו־יאָרק, דאַכט זיך, דוד פּינסקי, און מען האָט מיר פֿאָרגעלייגט צו קומען צוגאַסט צו ביאַליקן. איך האָב אים געקענט פֿון רוסישע איבערזעצונגען און בין גאַנץ גערן אַהין געקומען. פֿרוי ביאַליק האָט אויסגעדריקט אַן אינטערעס אין מיינע באַשרייבונגען פֿון דער שטאָט אַדעס, וואו די ביאַליקס האָבן אַמאָל געלעבט, דערנאָך האָבן מיר גערעדט וועגן די מלחמה־צעשטערונגען אין דער אַלטער היים, וועגן סימנים פֿון דעם בירגער־קריג אין אוקראַינע און איך האָב באַמערקט, ווי פֿאַרשיידן תל־אביב איז אין זיין בוי; ווי שיין און גרין דער שטאָט־טייל איז, וואו עס לעבט ביאַליק, דער

„לב תל אביב״, און ווי אָפּגעלאָזן און אָרעם די גאַלוואַניזירטע הייזלעך זייַנען, וואו די אימיגראַנטן וואוינען בײַם ראַנד פון שטאָט...

פּרץ הירשביין האָט דעמאָלט באַמערקט, אַז די אָרעמסטע מענטשן פון דער גאַנצער וועלט האָט ער געזען אין כינע, אין שאַנכאַי. און ביאַליק האָט מיט אַ צאָרנדיקן קוק אויף מיר געזאָגט:

„איר פאַרזייט אומצופרידנקייט מיט אייערע באַריכטן דאָ. איר, בונדיסטן, קומט אַהער מיט פאַרטיקע דעקרעטן און פּראָגראַמען אין אייערע קעשענעס. איר שטערט בלויז די שלום׳דיקע אַרבעט פון מענטשן, וואָס האָבן זיך דערשלאָגן צו אַן אייגן לאַנד, צו ארץ־ישראל!״

אַלע האָבן אַראָפּגעלאָזן די אויגן, געשוויגן. אַ סעקונדע איז אַוועק און איך האָב געזאָגט:

„איר האָט זיך אפילו נישט געגעבן די מי אויסצוגעפינען, וואָס פאַר־אַ אַרבעט איך טו. און אַוודאי זיך נישט פאַראינטערעסירט וועגן דעם, ווי אַזוי אייערע נײַ־אַריבערגעקומענע אַהער האָבן רעאַגירט אויף די באַריכטן פון זייער אַלטער היים. און וואָס איז שייך ,בונדיסטישע דעקרעטן׳ אין מײַנע קעשענעס, וואָלט אַן אינטעליגענטער יידישער דיכטער געדאַרפט וויסן, ווער עס טראָגט די דעקרעטן בײַ אייך אין פּאַלעסטינע, וואו אַ פאַרזאַמלונג אויף יידיש ווערט פאַרפּלאָגט, ווי אַמאָל אין זייער צאַרישער אָדעס״.

איך בין געווען זייער אויפגערעגט. איך האָב זיך אויפגעהויבן, זיך געזעגנט מיט ביאַליקס פרוי, מיט די דרײַ געסט, נישט אַ קוק געגעבן מער אויף ביאַליקן און בין אַרויס פון צימער. פרוי ביאַליק איז מיר נאָכגעגאַנגען, האָט זיך אַנטשולדיקט פאַר איר מאַנס האַרבע רייד, וואָגנדיק, אַז ער איז זייער נערוועז די לעצטע צייט און האָט נישט געוואָלט דערמיט באַליידיקן קיינעם, און זי האָט מיר געגעבן די האַנט, בעטנדיק דאָס צו פאַרגעסן.

כאַראַקטעריסטיש איז, אַז קיינער פון די געסט האָט זיך נישט אויפגעהויבן, כדי מיך שפּעט בײַנאַכט צו באַגלייטן אַהיים — עס איז געווען נאָך האַלבער נאַכט... און כאַראַקטעריסטיש איז, אַז קיינער פון די ניו־יאָרקער שרייבער האָט נישט געקאָנט האָבן קיין מיטינג אויף יידיש יענעם פרילינג אין תל־אביב: מען האָט געשטערט יעדן אַרויסטריט אויף יידיש.

מער האָבן מיר זיך נישט געטראָפן. די געסט זײַנען באַלד אָפּגעפאָרן פון תל־אביב. איך האָב נאָך באַזוכט צפת, אויפגעזוכט דאָרטן אַ משפחה פון ב. וולאַדעק און אַוועק אין טבריה. דאָרט איז געווען אַ מערהייט פון אַראַבער, און איך האָב געזען אַ מערקווירדיק בילד — צענדליקער נאַקעטע אַראַבישע קינדערלעך שפּילן זיך אין מיטן גאַס. עס שטייט אַ געוואַלטיקער טונקל־גרויער שטויב, אויפגעווירבלט פון אויטאָמאָבילן און סטאַדעס קעמלען. דער שטויב האָט באַדעקט פּנים׳ער, דעכער, טישלעך מיט קאָרן־פּלעצ־

לעך און זעקלעך מיט „נעפט" — אַ געלע זאַפּטיקע פּרוכט מיט אַ ריזן־שטיינדל אינמיטן... און אָפּגעריסענע, קראַנקע בעטלער מיט אויסגעשטרעקטע הענט באַפאַלן אייך, ווי נאָר איר גייט אַדורך.

אָבער איך האָב פאַרבראַכט אַ שווערע נאַכט אין דער קליינער ווימנער אכסניה, וואו איך האָב זיך אָפּגעשטעלט און וואו קיינער האָט מיך נישט פאַרשטאַנען, אויסער אַן אַלטע פרוי, אויך אַ גאַסט פון תל־אביב, וואָס האָט זיך געמאַטערט פון דעם אויסשלאָג אויף דער הויט. זי האָט מיר דערציילט פון אַ טערקיש־יידישן דאָקטאָר, איבראגימאָוו, דעם איינציקן מבין אויף אָט־דער קראַנקהייט. איך האָב טאַקע געשיקט נאָך אים, געבעטן מיך זען און ער איז געקומען. ער איז געווען א הויכער, געזונטער פעך־שוואַרצער ייד, מיט אַ כמעט ברוינעם פּנים, שוואַרצע ריזיקע אויגן און געדיכטע, שוואַרצע גלאַנציקע האָר אויפן גרויסן, געטאָקטן קאָפּ.

זיין וויסן אויפן געביט פון טראָפּישע קראַנקהייטן איז געווען אַזוי גרויס, אַז זיין אָפּענע, פּראָ־אַראַבישע פּאָזיציע האָט אים נישט געשטערט צו האָבן אַ גרויסע פּראַקטיקע. ער האָט זיך געלאָזן צוגעהערט צו מיין באַקלאָגן זיך אויף דער אָנשיקעניש. ווי נאָר מען האָט אָנגעצונדן דאָס קלענסטע לעמפּל אין שלאָף־צימער, האָבן זיך גענומען שיטן פון ערגעצוואו, פון די ווענט, פון דער פּאָדלאָגע, מיליאָנען פיטשינקע, קוים זעבאַרע מוראַשקעלעך און יעדער שטאָך פון זיי איז געווען מורא׳דיק שאַרף... האָט זיך דער מענטש געקראַצט ביז בלוט און די הויט איז געוואָרן אָנגעצונדן. דר. איבראגימאָוו האָט געבראַכט מיט זיך אַ מין וואונדערבאַרע, מילד־אַרטיקע פליסיקייט, אַ פּראָדוקט פון אַן עקזאָטישער פלאַנץ און האָט געהייסן געדיכט באַשמירן די אָנגעצונדענע הויטפלעקן, און עס האָט געווירקט. עס האָט אַוועקגעטריבן די פאַרשאָלטענע מוראַשקעס.

אָבער דר. איבראגימאָוו האָט געהאַט אַן אַנדער אויסטייטשונג צו די סיבות פון אויסשיט. ער האָט גע׳טענה׳ט, אַז דער פרעמדער איז „אַלערגיש" צו די אָרטיקע פיש און אַז דער אויסשלאַג קומט פון עסן יענע פיש. די מוראַשקעס ווערן צוגעצויגן צום מענטשלעכן קערפּער שוין אַלס אַ רעזולטאַט פון עסן די פיש. ווי עס זאָל נישט זיין, די מעדיצין האָט מיר געהאָלפן.

צו מיין גרויסער איבעררעשונג האָט ער גערעדט אויך רוסיש.

אין אַ פּאָר טעג אַרום בין איך צוריק אַוועק קיין תל־אביב און מיט גרויס פאַרוואונדערונג אויסגעפונען, אַז עס איז נישט מעגלעך צו באַקומען אַ שיפס־בילעט צוריק אין קאָנסטאַנצא: דער צוריק־שטראָם פון קראַנקע און אויסגעמאַטערטע עמיגראַנטן וועלכע האָבן געהאַט שטאַרקע אַטאַקעס פון מאַלאַריע און געמוזט פאַרלאָזן צוריק דאָס לאַנד, האָבן פאַרכאַפּט אַלע בי־

ליקע שיפסקאַרטן אויף דער שיף. און בלויז די באַקאַנטשאַפט פון מיינע ניי־אַנטדעקטע קרובים מיט דער שיפס־אַגענטור האָט מעגלעך געמאַכט אין לעצטן מאָמענט, עפּעס אַ שעה פאַרן אַפּגיין פון דער שיף פון יפו, מיר צו פאַרשאַפן אַ בילעט פון דריטן קלאַס.

איך האָב דווקא געוואָלט פאָרן מיט די צוריק־וואַנדערער און דערגייון פון זיי דעם אמת וועגן זייער באַציאונג צום לאַנד. און נאָך אַ לעצטן „זיי־געזונט" מיט מיינע יונגע, שיינע קוזינקעס, געבוירענע אין לאָדזש, נאָך אַ לעצטן קוק אויף דער גלוטיקער האַפן־שטאָט, נאָך אַ לעצטן איינזאַפּן אין אויער די קלאַנגען פון די אַראַבישע קעמל־אַנטרייבער, גאַסן־זינגער, גראַמאָפאָן־רעקאָרדס פון די נאַנטע קאַפעען — האָט זיך די טערקישע שיף „האַמידיע" פּאַוואָליע געזעצט אין באַוועגונג.

מיטאַמאָל האָב איך דערהערט אַ רוף: „פאָרט געזונט, חבר׳טע גינא!" דאָס זיינען געקומען אויף שנעל זיך געזעגענען צוויי יונגע וואַרשעווער פריינט, וועלכע האָבן מעגלעך געמאַכט די פּאָר פאַרזאַמלונגען אויף יידיש אין די האַלב־פינצטערע זאַלן פון תל־אביב! דאָס האָט זיי איינע פון מיינע יונגע קוזינקעס, אַליין אַ בראַווע אויפגעוועקטע מיידל, אַנגעזאָגט אויפן טעלעפאָן, אַז איך פאָר היינט אַפּ!... און עס איז געווען, ווי אַ גוטער סימבאָל, אַז דער לעצטער גרוס איז געווען פון די, וועלכע האָבן נישט געהאַט ביאַליקס מיינונג וועגן מיינע גרוסן פון אַ היימלאַנד...

אַ שטיקל צוריקבליק:

צום סוף פון מיין רייזע אין ארץ־ישראל, בעת איך האָב געהאַט פרייע אָוונטן און נישט געדאַרפט ריידן אויף מיטינגען, האָב איך געהאַט טרעפונגען און שמועסן מיט זשורנאַליסטן און יונגע שרייבער, קינסטלער און סתם באַקאַנטע. איך האָב דאָרט אויך געפונען עטלעכע קרובים. צווישן די שרייבער און טוער זיינען געווען: מערעמינסקי, פרומקין (פון דגניה אלף); פיינבערג, פון בוי־קאָאָפּעראַטיוו „סולל בונה"; דער שוין־דערמאָנטער שול־טוער, ב. רייכמאַן, פון דעם אַמאָליקן וואַרשעווער קאָמיטעט פאַר יידיש־וועלטלעכע שולן, וואו עס האָבן געאַרבעט מיט אים י. דינעזאָן, מעדעם און ב. פרילוצקי איך האָב זיך אויך באַקענט מיטן דיכטער גרינבערג, אָבער איך האָב עפּעס נישט געקאָנט געפינען קיין געמיינזאַמען לשון מיט אים: די אַלטע פּאָליטישע סיבה... איך האָב געהאַט אַ גרויסע פרייד אין אַ באַגעגעניש מיט דער יונגער, זייער טאַלאַנטפולער סקולפּטאָרין, בתיה לישאַנסקי, וועלכע האָט שטודירט אין פּאַריז און געמעס ווערק, אָריגינעלע, פיין אויסגעפירטע, מיניאַטור־פיגורן פון יידישן און פראַנצויזישן לעבן, האָבן געפונען אַ באַגייסטערטן אָפּרוף אין דער פּרעסע. מיר האָבן זיך עטלעכע מאָל באַגעגנט און באַפריינדעט.

די שווערע עקאָנאָמישע לאַגע אין לאַנד און די שוואַך־אַנטוויקלטע רעסורסן פאַר דערמוטיקן קינסטלערישע שאַפונגען, אין יענע יאָרן, האָבן אַרויפגעלייגט אַ שלייער פון טרויער אויף אַ סך יונגע שעפערישע טאַלאַנטן אין לאַנד. דערפאַר אָבער האָבן פון אויסלאַנד אַריבערגעקומענע „גרויסע געסט" געפייערט אמת׳ע טריאומף־צוגן אין תל־אביב. איך געדענק אַ וואונדערבאַרן קאָנצערט אונטערן פרייען הימל, אין אַ פרילינגס־נאַכט, אין תל־אביב מיטן אָנטייל פון יהודי מנוחין, וואו בוכשטעבלעך טויזנטער האָבן אים געהערט... איך וועל אויך קיינמאָל נישט פאַרגעסן (און איך פאַרגלייך עס מיט פאָרשטעלונגען אין „וואַכטאַנגאָוו־טעאַטער" אין מאָסקווע) די פאָרשטעלונג פון י. ל. פרצ׳עס „ביינאַכט אויפן אַלטן מאַרק", וואָס איך האָב געהערט אין דער „אוהל־סטודיע" אין תל־אביב. און כאָטש עס איז געשפילט געוואָרן אויף העברייאיש, איז דאָך די גאַנצע פאָרשטעלונג מיט די דיסקרעטע, קוים אויפגעוואָרפענע ליכט־עפעקטן, דאָס האַרמאָנישע ביז גאָר קינסטלערישע צונויפרייִדן זיך צווישן די יונגע אַקטיאָרן, זייערע אינטעליגענט־גרימירטע און היימיש־קאָסטיומירטע געשטאַלטן — דאָס אַלץ, צוזאַמען מיטן הויך־דיסציפלינירטן עולם אין זאַל, האָט געמאַכט אויף מיר אַן אומפאַרגעסלעכן איינדרוק. איך זע נאָך הייַנט, נאָך אַזוי פיל יאָרן, פאַר מיינע אויגן דאָס קוים־באַלויכטענע פענצטערל אויף דער סצענע פון דער „אוהל־סטודיע", אין אַ דאַך־שטיבל, מיט זיין בלאָען שיין, וואָס האָט קוים באַלויכטן דאָס קרומע געסל איבערן אויסגעשטאָרבענעם מאַרק...

עס איז געווען אַ זעלטענע פאָרשטעלונג — און זי האָט, ווי אַ סנאָפּ פון זון באַלויכטן דאָס נייע, נאָך דרעמלענדיקע, אָבער שוין פּאָטענציעל־מעכטיקע, קינסטלערישע שאַפן פון יונגע, טאַלענטירטע זוכנדיקע בינע־טוער. בכלל איז דעמאָלט געווען אַ דינאַמישע, ברויזנדיקע עפּאָכע נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, ווען פון די אייראָפּייאישע צעטרייסלטע און אַנטוישטע מערבלענדער זיינען געקומען מחנות יונגע מענטשן, געטריבן פון נויט און פון אָנקומענדיקן פאַשיזם (פון דייטשלאַנד און די באַלקאַנישע לענדער) און אויך פון פּאָגראָם־באַנדעס אין פּוילן, לעטלאַנד, ליטע און רומעניע. זיי זיינען געקומען מיט אַ דראַנג נאָך „בעסערער" קונסט, געגנערט פון די יונגע קינסטלערישע טוער, ווי פיכקאַטאָר, ערנסט טאָלער, אַלעקסאַנדער מאָיסי, באַסערמאַן און פון די גרויסע פּויליש־יידישע נעמען פון וואַרשעווער און לאָדזשער טעאַטערן, ווי אויך פון דער באַרימטער „ווילנער טרופּע", מיט עלמית, וואַרדי, טאַנין, זשעלאַזאָ און מיט דער משפחה קאַדיסאָן.

עס פלעגן דערפאַר זיך טרעפן אין דעם קליינעם מאַנדאַטן־לענדל, פּאַלעסטינע, יידן פון אַכט־נייַן שפּראַכן, פון פאַרשידענע מוטער־לענדער, וואָס האָבן געמוזט זיך לערנען העברייאיש אויפן אָרט, אויב זיי האָבן עס נישט

געטאָן אויף די ערטער יונגערהייט. און קומענדיק אין אַ נייער קאָלאָניע, ווי בנימינה, אָדער בלפוריה, בין איך גאָר נישט געווען איבערראַשט צו הערן די ריינסטע דייטשע שפּראַך אָדער די אונגאַרישע, שוין אָפּגערעדט פון רומעניש און סערביש אָדער טשעכיש. און עס איז געווען אייגנטימלעך־היימיש צו באַזוכן מיינע לאָדזשער קרובים און צו רעדן מיט זיי... פּויליש אָדער רוסיש, ביז עס פלעגן קומען שוין „האָרטיקע" תושבים און עס פלעגט זיך אַ לאָז טאָן אַ שמועס אין „עברית".

איך מוז זיך מודה זיין, אַז דאָס לאַנד, זיינע מענטשן, זיין אָפּהענגיקע פּאָליטישע לאַגע, די פאַרכאַפּנדיקע געמישטע ציוויליזאַציע: האַלב־אָריענטאַל, האַלב־פּעאָדאַליסטיש, האַלב־אייראָפּעאיש און הויך־מאָדערן, האַלב־און אַלט־אַלטפרענקיש — דאָס אַלץ האָט צוגעצויגן און געמאַניעט און עס פלעגט אויפקומען שטענדיק די אייגענע שטערונג — די שפּראַך! אַזאַ שטערונג, אַז איר האָט זיך געפילט שולדיק אונטער די בליקן פון די, וועלכע האָבן נישט טאָלערירט יידיש! און עס האָט באַדאַרפט אַרום אייך שוועבן דער אָטעם פון דער „גרויסער דרויסנדיקער וועלט", כדי מען זאָל אייך וועלן הערן און וועלן זיין נישט סתם אויס גאַסטפריינטשאַפט.

צוריק פון פּאַלעסטינע

דער קראַנקער רב פון קאָזשעניץ

.1

אויף דער טערקישער שיף „האַמידיע“ זיינען די באַלעבאַטים געווען ענגלענדער. דער קאַפּיטאַן, די געהילפס־סקיפּערס, דער „פּורסער“, די מעכאַניקער. און די קאָמאַנדע איז געווען אַ געמישטע: דער הייצער — אַ פראַנצויז. דער געהילפס־שטייערמאַן — אַ דייטש. די מאַטראָסן — טערקן, נאָרוועגער, מאַקעדאָניער, אַראַבער, סיריער. קיין קאַבינע האָב איך נישט געהאַט. נאָר שוין אויף דער שיף, ווען מען האָט גענומען מיין „דאָקומענט“ און מיט אַן איראָנישן קוק אים אַריינגעלייגט אין אָפּיס, איז צו מיר צוגעגאַנגען אַ פלינקער בחור, אַ מאַטראָס, און פאָרגעלייגט פאַר מיר פאַר פינף פונט צו נעמען זיין „קאַבינע“. איך האָב איינגעשטימט און מיר זיינען אַוועק באַקוקן מיין „דירה“. מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט אינמיטן פערטן שיפסדעק און מיין באַגלייטער האָט געטייטלט מיט זיין פינגער אויף אַ גלעזערנער לופּע אינמיטן פון דער הילצערנער פּאָדלאָגע: „איט איז היר“. דאָס קיילעכדיקע פענצטערל — די לופּע — איז געווען מיין סופיט. טיף אונטערן פענצטערל, אַראָפּקריכנדיק אונטן, אויף אַ שטייפן לייטערל, איז געווען מיין שלאָף־קעמערל. פון אויבן האָבן שוין אַריינגעקוקט נייגעריקע אויגן פון מאַטראָסן און פון פערטן קלאָס פּאַסאַזשירן, וועלכע זיינען געווען נייגעריק צו זען וואוהין איך גיי מיט דעם מאַטראָס.

נאָכדעם ווי מיר האָבן געמאַכט אַ רעפּעטיציע, ווי אַזוי אַרויפצוקריכן צוריק אויפן שטייפן לייטערל און זיך נישט אויסדרייען די פיס — האָט ער מיך צוגעפירט צו אַ בלאָנדן, יונגן שיפס־אָפיציר, מיט אַ חוצפּה׳דיקן בריי־טישן פנים אין אַ פּאָר קאַלטע, גרויע אויגן. יענער האָט דערלאַנגט אַ שנעלן קוק אויף מיר און אַ פרעג געטאָן, וואָס ער קאָן טאָן פאַר מיר? איך האָב אים דערקלערט די זאַך און געבעטן, מיר צו דערלויבן צו פאַרהענגען דאָס פענצטערל. צו מיין גרויסער פאַרוואונדערונג האָט ער צוגעשטימט אָן שום ווייטערדיקע פראַגן. בלויז געזאָגט, אַז זייער באַקוועם וועט די קאַמער נישט זיין. דערנאָך אַ פרעג געטאָן: „אַר יו פרענטש?“ איך בין שוין אַזוי צו־

געוואוינט געווען צו דער פּראַגע. נאָך פון די ניו־יאָרקער טראַק־דרייווערס, וועלכע האָבן מיך געפירט גאַנצע דריי יאָר, פון יוטיקאַ עווענױ צום סאָבוויי, זיבן בלאָקס און זיך געפרעגט צי איך בין „פּרעגנטש“, אַז איך האָב דאָ געזאָגט: „יעס“, כדי צו פאַרמײַדן דערציילן מיין ביאָגראַפיע. ער האָט בלויז אַ קוק געטאָן אויף מיין שיינעם טאַפּעטענעם מאַנטל (פון פּאַריז) און אויף מיין ווייסן קאַפּעלוש פון פּוילישן פילץ און געפרעגט: „וואַי דאָנט יו גאָ סעקאָנד קלאַס?“ איך האָב אָבער נישט געענטפערט און בין אַרויס פון זיין אָפיס. און דאָ האָט מיך אָפּגעוואַרט אַן עלטערע יידישע פרוי, מיט אַזאַ דערשראָקענעם פאַרווײנטן פּנים, מיט אַזעלכע פאַרבראָכענע הענט. אַז איך בין געבליבן שטיין אַ געפּלעפּטע. ווי שנעל עס גייען קלאַנגען צווישן עולם אויף אַ שיף, באַווייזט אָט־די בקשה פון דער אָרעמער פרוי צו מיר: איר מאַן איז דער קאָזשעניצער רבֿ. געווען צוויי יאָר אין דער ערגסטער פאַרזומפּטער געגנט אין אַ חסידישער קבוצה, צוזאַמען מיט זיינע גערער חסידים פון קאָזשעניץ. אָבער ער האָט אַזוי זיך אָנגעליטן פון מאַלאַריע, אַזוי פאַראָרעמט געוואָרן פאַרנדיק פון איין אָרט צום צווייטן, אַז דער דאָקטאָר האָט אים געהייסן בייטן דעם קלימאַט, גלייך, אויפן אָרט, אויב ער וויל בלייבן לעבן. פאָרן זיי איצט צוריק אין פּוילן, איבער רומעניע. ליגט ער איצט אין קאָנוואולסיעס, טיף אונטן, אין לעצטן דעק פון דער שיף, און טרייסלט זיך, אַז זיינע פריינט זאָגן שוין תהילים. האָט מען איר געזאָגט, אַז עס פאָרט אַן אַמעריקאַנערין דאָ אויף דער שיף, איז אפשר וועט זי פועל'ן, אַז דער שיפס־דאָקטאָר, „אַ רוצח, אַ גוי“, זאָל זיך דערבאַרימען און זען דעם רבֿ, אים געבן אַ מעדיצין, אַז נישט, קאָן ער, חס ושלום, אויסגיין מיט אַטעם...

איך בין געבליבן שטיין אַ הילפלאָזע, זיך געפּרוּווט איר זאָגן, אַז איך בין אויך בלויז אַ פּאַסאַזשיר, אַז איך אויך בין אין דריטן קלאַס, און אַז מיך וועט ער אויך הערן, ווי די קאַץ... אָבער די פרוי האָט אָנגעהויבן שטאַרק צו וויינען, אַזוי עכט, אַזוי ביטער, אַז איך האָב באַלד פאַרשטאַנען, אַז ער מוז זיין שטאַרק קראַנק. בין איך אַוועק אין ערשטן קלאַס, זיך נאָכגעפרעגט אין מיין בעסטן ענגליש אויפן דאָקטאָר און בין אַוועק מיט אַ מאַטראָס צו זיין קאַבינע. געגאַנגען אויף ווייכע טערקישע טעפּיכער, אַריינגעקוקט אין גאָלדגעראַמטע שפּיגלען, פאַרביי וואַזאָנעס מיט פרישע בלומען, קלאַטקעס מיט קאַנאַריקלעך און פּאַפּוגייען... אַ מין אונטערשיד צווישן מיין „דירה“ און זיינער...

דער מאַטראָס האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַר אַ ווייסער טיר און האָט אָנגעקלאַפּט. „אַנטרע“ — האָט זיך דערהערט אויף פראַנצויזיש און איך בין אַריין. דער מאַטראָס איז אַוועק. איך האָב דערזען, ווי עס הויבט זיך אויף פון אַ טיפן לעדערנעם פאָטעל אַ הויכער, עלעגאַנטער מאַן אין אַ מונדיר

פון אַ „קאַרנעל", מיט גאָלדענע עפּאָלעטן, מיט אַ „פּענסנע" אויף די אויגן און מיט אַ פאַרוואונדערונג אין זיי. „וואו דעזירע, מאַדאַם?" (איר ווינטשט?). אַזוי ווי די גאַנצע וועלט מוז ריידן פראַנצויזיש, אויב ער רעדט... האָב איך אים אויך אויף פראַנצויזיש געזאָגט, אַז איך בין געקומען בעטן אים צו גיין צו אַ קראַנקן אויף מאַלאַריע. ער האָט מיר גאַנץ קאָרעקט געענטפערט, אַז די שפּיטאָל־שעה איז שוין פאַרביי, אַז מאָרגן זאָל דער פּאַציענט צו אים קומען, וועט ער אים אונטערזוכן.

איך בין געוואָרן אויסער זיך: „דער קראַנקער קען נישט גיין, ער האָט קאָנוואולסיעס, ער מוז באַקומען באַלד אַן איינשפּריצונג. ער איז אַן אַלטער מאַן און אַ מאָמענטאַנע הילף קען אים ראַטעווען.

„זייט איר אַ רוסישע?", האָט ער מיר אַ פרעג געטאָן.

„ניין, איך בין פון פּוילן!"

„אָבער איר האָט אַ רוסישן אַקצענט!".

„איך אויך, דאָקטאָר! אָבער דער קראַנקער וואַרט, לאָמיר גיין צו אים, איך בעט אייך. ווי איז אייער נאָמען, דאָקטאָר?"

„מיין נאָמען איז מאַרקאָוו, איך בין פון רוסלאַנד, פון מינסק. נאָך דער מלחמה בין איך געבליבן אין פראַנקרייך און געוואָרן אַ שיפס־דאָקטאָר אויף ענגלישע שיפן..."

„איר זייט פון מינסק, דאָקטאָר? מיין שווער איז געווען אַ מיליטער־רישער דאָקטאָר אין מינסק, ער האָט געהייסן דאַוויד גריגאָריעוויטש מעדעם...

„ווער? מעדעם? פּאָלקאָווניק מעדעם?" — ניין, גענעראַל מעדעם, פון דער טערקישער מלחמה איז געקומען מיטן ראַנג פון אַ גענעראַל..."

דער דאָקטאָר איז געבליבן שטיין אָן לשון: „אייער שווער? פון וועלכן זון זייט איר אַ פרוי?"

„פון ייִנגסטן, וולאַדימיר מעדעם".

ער האָט קוים דייטלעך געזאָגט צו מיר:

„וואָס פאַר אַ באַגעגעניש! מיר האָבן זיך צעשיידט מיט אים אין טער־קיי, איך בין שוין מער קיין מינסק נישט אַוועק. געווען אין קיעוו. זאָגט מיר: ווער לעבט נאָך פון דער משפּחה מעדעם?"

„איך וועל אייך אַלץ דערציילן — נאָר דער שווער קראַנקער וואַרט! לאָמיר גיין צו אים, דר. מאַרקאָוו". — האָב איך שוין אויף רוסיש געבעטן זיך ביי אים:

„וואו ליגט ער, ווי הייסט ער?"

ווען איך האָב אים געזאָגט, אַז ער „ליגט" אין פערטן קלאַס, אַז ער איז אַן אָרעמער רע־עמיגראַנט פון פּאַלעסטינע, אַ ייִד, אַן אָרעמאַן, אַ רב — האָט זיך דר. מאַרקאָוו אָפּגעזאָגט צו גיין צו אים! האָב איך זיך אַוועקגע־

שטעלט פאַר אים, געזאָגט, אַז איך לעב אין אַמעריקע, וואו עס איז פאַראַן אַ גרויסע רוסישע קאָלאָניע פון פריש־אַריבערגעקומענע רוסן. פון אַלע פּראָפעסיעס, וואָס זוכן אַ שטיקל ברויט דאָרטן, און אַז עס וועט זיין זייער אינטערעסאַנט פאַר די אַמעריקאַנער זיך צו דערוויסן, אַז אַ רוסישער דאָקטאָר, וואָס האָט געגעבן אַ שבועה שטענדיק זיך שטעלן אין דינסט פון אַ קראַנקן, האָט זיך אויף אַ שיף אָפּגעזאָגט צו באַהאַנדלען אַ קראַנקן, ווייל דער פּאַציענט איז אַ ייד!

„און אין וועלכן קלאַס פאָרט איר, מאַדאַם ?", האָט ער ביי מיר געפרעגט.

„אויך אין פערטן, ווייל איך וויל זיין מיט עמיגראַנטן. זען, ווי מען באַהאַנדלט זיי, ווי זיי פילן זיך, ווי זיי לעבן..."

מיר האָבן ביידע געשוויגן. דער דאָקטאָר האָט אַ מאָדנעם קוק געטאָן אויף מיר, געוואָלט עפּעס זאָגן, ווייטער געשוויגן, געגומען זוכן זיין קעסטל מיט אינסטרומענטן, געברענט אַ נאָדל און קורץ אַ זאָג געטאָן: „פּאַידיאָם ק ניעמו!"

מיר זיינען שוין געפאָרן אין אַן עלעוועיטאָר אַראָפּ צום דריטן קלאַס, דערנאָך אויף קורצע אייזערנע טרעפּ און שפּעטער אַ לייטער אין דעם סאַמע נידעריקסטן דעק, צו דער קעסל־אָפּטיילונג. דער דאָקטאָר מאַרקאָוו האָט געשוויגן, ווי אַ מענטש, וואָס איז פאַר'משפּט אויף שווערע אַרבעט און וואָס קאָן זיך נישט העלפן. ער האָט מיר אָבער געהאָלפן אויף די טרעפּ און אויף דעם לייטער, ביז מיר זיינען אַריין אין אַ פינצטערער קאַמער, וואו עס איז געלעגן דער אַלטיטשקער רב. זיין צעקנייטשטער פּנים איז געווען פון אַ פּורפּורנעם רויט, זיינע אויגן פאַרמאַכט און זיין ברוסט האָט זיך געהוידעט אַרויף און אַראָפּ אין שווערן אָטעמען. די פרוי איז געזעסן נעבן בעט און געהאַלטן אַ נאַסן האַנטוך אויף זיינע הענט. אַ פּאָר יידן זיינען געשטאַנען ביי דער טיר.

דער דאָקטאָר איז געוואָרן זאַכלעך און קאָרעקט, געבעטן מיר צו שטעלן פראַגן און זיי איבערזעצן אויף רוסיש. ווען איך האָב געפרעגט ביי דער פרוי אויף יידיש, ווי אָפט ער האָט די אָנפאַלן, האָט ער מיר אַ פרעג געטאָן אויף פראַנצויזיש: „וואו זעט זשוויו, מאַדאַם ?" (איר זייט אַ יידישע ?), ווען איך האָב געענטפערט, אַז יאָ, האָט ער ווידער, מיט אַ קוק אויף מיר, פאַרוואונדערט געפרעגט:

„איז וולאַדימיר מעדעם געווען אַ יידישער סאָציאַליסט, איז דאָס אמת ?"

— יאָ!", האָב איך געענטפערט.

ער האָט געגעבן דעם רב אַן איינשפּריצונג פון קאַמפאָר, צוויי פּראָשקעס פון כינין, און געהייסן אים אין אַ שעה אַרום ברענגען אין שפּיטאָל, אַרויסרופנדיק דעם סטואַרד פון צווייטן קלאַס אַהער אין דער פינצטערער קאַ־

מער פון אַ מאַטראַס און באַשטעלנדיק די צוויי קראַנקן־וועכטער מיט אַ טראַג־בעטל און וואַרעמע קאָלדרעס.

די פרוי האָט געהייבט שטיל, פאַר זיך, און נישט געוואוסט, ווי אויסצו־דריקן איר דאַנק. דער קראַנקער האָט געדרימלט, זיין אָטעם איז געגאַנגען אַביסל רעגלמעסיקער. מיר זיינען ביידע אַרויף צוריק אויבן, דר. מאַרקאָוו האָט מיך איינגעלאַדן צו האָבן דינער אין ערשטן קלאַס און איך האָב זיך אָפּגעזאָגט, געדאַנקט, אָבער אים דערקלערט, אַז נאָך מיין אָוונט־מאָלצייט (מיט די חלוצים, אין דער מאַטראָסישער קיך, סוכאַרעס מיט טיי, און האַרט־געקאָכטע אייער) וועל איך אַריבערקומען צו אים, אויב דער אָפּיצער וועט דערלויבן — ווייל דער קאָנטאַקט צווישן די צוויי קלאַסן איז געווען „פאַר־באָטן". איך האָב אים געדאַנקט פאַר דער הילף צום רב. ער האָט געשוויגן, דערנאָך געזאָגט: „נישטאָ פאַר וואָס צו דאַנקען".

.2

דער נס וועגן דעם קראַנקן רב און זיין דאָקטאָר האָט זיך זייער שנעל פאַרשפרייט צווישן די יידישע פּאַסאַזשירן, סיי עלטערע, סיי ייִנגערע, וועלכע זיינען, טיילוויז, אויך צוליב מאַלאַריע געצוואונגען געווען צו ענדערן דעם קלימאַט. זיי האָבן מיט מיר גערעדט און זיך נאָכגעפרעגט, צי מען וואָלט זיי דערלויבט צו קויפן פּראָדוקטן ביים קוכער פון דריטן קלאַס, ווייל זייערע האַפּאַסן סוכאַרעס, אייער און קעז, זיינען שנעל קאַליע געוואָרן צוליב דער גרויסער היץ אין זייערע שלאָף־פּלעצער.

פאַרוואָס גראָד ביי מיר? ווייל מיין באַקאַנטשאַפט מיטן דר. מאַרקאָוו און דער פאַקט, וואָס איך האָב איין מאָל דאָך אָנגענומען זיין איינלאַדונג צו עסן אין ערשטן קלאַס רעסטאָראַן, וואו עס האָבן אויך געגעסן די שיפס־אָפיצערן און דער קאַפּיטאַן און וואו איך האָב גענומען אַן אָנטייל אין דעם שמועס וועגן אַמעריקאַנער דזשעז און וועגן האָליוואודער פילמען — דער פאַקט האָט אַרויסגערופן אַן אינטערעס צו מיין פּערזאָן צווישן די שיפס־באַ־אַמטע, וועלכע האָבן געאַרבעט ביי אונדז — ביי די „הימלאָזע" פּאַסאַזשירן אויף דעק פיר. האָב איך זיי אָפּט אויפגעזוכט און זיי געבעטן די אָדער יענע טובה פאַר אַ קראַנקן חלוץ אָדער אַן אַלטער שוואַכער פרוי, וואָס האָט געוואָלט אויסקאָכן אַביסל „היידלעך", וואָס וועלן „ראַטעווען" איר קראַנקן מאָגן, נאָך די טרוקענע סוכאַרעס.

דער יונגער קאָלט־אויגיקער בריטישער אָפּיצער האָט זיך גאַנץ באַזונ־דערס פאַראינטערעסירט מיט מיר, נאָכדעם ווי איך האָב אַמאָל פאַרטשעפּעט מיין פוס אָן אַ גרויסן פאַרזשאַווערטן שיפס־טשוואָק, צעריסן די האָק און צע־קראַצט דאָס פיס־ביינדל. ער האָט געזען, ווי איך האָב פאַרבונדן דעם פוס

מיט אַ באַנדאַזש און בין געלעגן אויף מיין „לעזשאַק“ און געלייענט. האָט ער זיך אָפּגעשטעלט נעבן מיר און געפרעגט: „האו אַבאַוט יו דאָקטאָר פאָר יורסעלף?“ — איך האָב אים באַרואיקט, אַז עס וועט מיר גאָר נישט זיין און אַז קאַלטע קאָמפּרעסן וועלן זיין גאַנץ גענוג — אָט ליגט שוין איינער אַזאַ קאָמפּרעס... ער האָט אָבער געשיקט צו מיר אַ מאַטראָס מיט אַ בלעכענעם שיסעלע מיט אייז און מיט אַ פלעשל יאָדינע און שפּעטער אַ „נוירס“ אין אַ ווייסן טשופּעק און מיט אַ טערמאָמעטער אין האַנט.

זי האָט געוואָלט מיר איבערבייטן דעם באַנדאַזש און געפרעגט, וואו מיין „קעבין“ איז? ווען זי האָט זיך דערוואוסט, אַז מען דאַרף קריכן טיף אַראָפּ אויף לייטערס, האָט זי זיך אַנידערגעזעצט אויף דער פּאָדלאָגע, אַרויפגעטראָפּט אַביסל יאָדינע אַרום דער צעקראַצטער הויט, אַרומגעבונדן דעם פוס מיט גאַזע און געמאָסטן די טעמפּעראַטור, וואָס איז געווען נאָרמאַל. האָט זי געשמייכלט און געפרעגט, צי איך פאָר טאַקע צוריק אין אַמעריקע, און פאַרוואָס פאָר איך אַליין?

שפּעטער האָב איך זיך דערוואוסט, אַז דער דעק־אָפיצער האָט איר געבעטן זיך דאָס פון מיר צו דערוויסן. און באַלד איז טאַקע געקומען דער דעק־אָפיצער, וועלכער האָט מיר דערלויבט פון אָנהויב אָן צו פאַרהענגען מיין פענצטער אין סופיט און האָט מיר פאָרגעלייגט צו באַנוצן זיין קאַבינע — דאָ אויפן איגענעם דעק, מיט אַ פענצטער אויפן ים. און דורכן טאָג וועל איך קאָנען הערן די ראַדיאָ און „האָבן די גאַנצע וועלט אַרום זיך“. און אַזוי ווי דער פוס האָט טאַקע וויי געטאָן — און די זון האָט געברענט גאַנץ געשמאַק, האָב איך זיין איינלאַדונג אָנגענומען.

איך האָב מיטגעבראַכט מיט זיך אַ יונגע בעסאַראַבער מיידעלע, וועמעס עלטערן זיינען געפאָרן מיט איר צוריק אין רומעניע. זי האָט די גאַנצע צייט געלייענט די לידער פון נאַדסאָן, בייטאָג און ביינאַכט. זי האָט איבערגעלאָזט אין צפת אַ חתן, אַ יונגער שאָפער, און האָט געפונען אַ טרייסט אין נאַדסאָנס עלעגיעס. איך האָב איר געמוזט דערציילן וועגן ניו יאָרק, וועגן אַלע ערטער, וועלכע איך האָב באַזוכט און אויך געמוזט איר ענטפערן אויף איר פראַגע, צי איך האָב נישט מורא צו פאָרן אַליין? — און עס ווייזט אויס, אַז דער פאַקט, וואָס איך בין געפאָרן אַליין, האָט אַרויסגערופן אַ פאַרוואונדערונג נישט בלויז ביי די קליינשטעטלדיקע מיידלעך, נאָר אויך ביי אַזוי־גערופענע „וועלט־באַהערשער“, ווייל אַלע באַאַמטע אויף דער שיף, אַלע געסט פון רעסטאָראַן אין ערשטן קלאַס, האָבן אויף מיר געקוקט מיט אַ שלעכט־באַהאַלטענער גרינגשעצונג. דערצו איז נאָך צוגעקומען דער פאַקט, וואָס איך האָב גערעדט פראַנצויזיש און ענגליש, אַזוי אַז איך בין געווען חוצפה׳דיק מיט אַלע „וויכטיקע“ באַאַמטע אויפן שיף און געגאַנגען אַלע ווײלע

בעטן אַ טובה פאַר מיינע מיטפּאַסאַזשירן, און די מאַנשאַפט האָט געהערט, ווי איך רעד מיט זיי ייִדיש.

איך האָב זיך באַפריינדעט מיט דעם שיפס־אינזשעניער, אַ פראַנצויז פון מאַרסעיל, אַן עלטערן, זייער קאָרעקטן און שווייגעדיקן מאַן, וועלכער האָט אין זיינע פרייע שעה׳ן מיט מיר גערעדט און מיך איין מאָל מיטגענומען אין דעם קעסל־אָפּטייל פון שיף. דאָרט איז געווען אַ גיהנום! אַ מערדערלעכע היץ! אַ געשטאַנק פון אויל, רויך און מענטשלעכע שווייס, פאַרמישט מיט קאַרבאָל און נאָך עפּעס אַ שאַרפע דעזינפעקציע־פליסיקייט.

דאָס איז נייטיק געווען — אַרום סועז־קאַנאַל פלעגן פאָרקומען פאַלן פון פעסט און כאָלערע צווישן די מאַלאַיער און הינדו־מאַטראָסן. איך האָב קיינמאָל פריער נישט געבעטן מיר צו ווייזן אַ קעסל־אָפּטייל — און דער איינדרוק איז געווען אַ מורא׳דיקער! מער ווי צוויי שעה האָט קיינער פון די הייצערס נישט געקאָנט אַרבעטן דאָרטן. די שיף איז געווען אַן אַלט־מאָדישע און מען האָט געהייצט מיט קוילן. דער אינזשעניער פלעגט דאָרטן אַרויפגיין יעדע שעה אויף אַ האַלבע שעה. זיינע בלויע אויגן פלעגן ווערן רויט־אָנגעלאָפן, זיין ברוין־געברענטע הויט — שוואַרץ. מיט ערנסטע, פיינט־לעכע אויגן האָבן אויף מיר געקוקט די קוילן־וואַרפער — און איך האָב זיך געשעמט פאַר זיי: אַ „דאַמע״, אַ טוריסטקע, האָט זיך פאַרוואָלט זען די שווערע פראַצע פון די כמעט־שקלאַפן אין קעסל־אָפּטייל — האָבן זיי זיכער געטראַכט. און מיין פריינטלעכער גרוס צו זיי איז פאַרענטפערט געוואָרן מיט אַ קאַלטן קוק. די הענט אַרומגעוויקלט מיט אַ נאַסער שמאַטע, אַ נאַסער האַנטוך אַרום דעם קאָפּ, נאַקעט ביז צום גאַרטל, שוואַרצער שווייס אויפן פנים, אויף דער ברוסט .. זייער קאַלטער קוק איז געווען די שווערסטע עוולה קעגן מיר דעם רעשט פון מיין לעבן. נאָר, ניי, דערצייל זיי, ווי שטאַרק איך האָב מיטגעפילט מיט זיי און ווי שטאַרק איך האָב זיי געוואָלט זאָגן, אַז נישט אייביק וועלן זיי זיך דאָרטן אַזוי מאַטערן אין אוממענטש־לעכע באַדינגונגען, אָן אַ פּראָפעסיאָנעלן פאַראיין, ווי עס האָבן זייערע ברי־דער אין פאָרגעשריטענע לענדער. אָבער אין אָוונט, ווען מיר זיינען אַלע געזעסן צוזאַמען חלוצים, מאַטראָסן, אַלטע לייט און מיידלעך, פלעג איך זיי דערציילן וועגן דער שיינער, פרייער וועלט, ווייט פון סועז־קאַנאַל, ווייט פון שקלאַפן־קייטן, ווייט פון אויסמאַטערן דעם קערפּער פון מענטשן ביז ער פאַלט ביי דער אַרבעט, ווי עס איז געפאַלן אין יענעם טאָג אַ יונגער כינע־זער, וואָס האָט געטראָגן קוילן אין פּאָרט פון אַלעקסאַנדריע אין ריזיקע קערב אַרויף און אַראָפּ אין קעסל־אָפּטייל.

דער שיף־אָפיצער פון אונדזער דעק איז געוואָרן אַמאָל זייער דער־שטויגט, ווען איך האָב אים געענטפערט אויף זיין פראַגע, וואָס איך טו אין

ניו־יאָרק, אַז איך בין אַ מין ציגײַנערקע, אַז איך זאָג פאָראױס די צוקונפט פון אַ מענטשן פון דער האַנט! ער האָט אױסגעשטעלט אױף מיר אַ פּאָר אױגן און נישט געװאוסט, צי איך מײן עס ערנסט, אָדער איך שפּאַס. האָב איך אים פאַרגעלײגט צו זאָגן זײַן צוקונפט. פון זײַן פּנים האָב איך געקאָנט זען יעדע רעאַקציע אױף מײַנע װערטער און איך האָב געקוקט טאַקע מער אױף זײַן פּנים, אײדער אױף די ליניעס פון זײַן האַנט.

עס איז געװען גענוג אַ קוק צו טאָן אױף דעם בחור׳ס פלאַקסענע האָר און די בלאַס־בלױע אױגן, מיט די באַקן־בײנער פון פּנים, כּדי צו זאָגן, אַז ער איז אַ מין געמיש פון אַ נאָרװעגער און אַן ענגלענדער. האָב איך געטראָפן. דערנאָך האָט ער געװאָלט װיסן, װאָס זײַן נאָמען איז. אַזױ װי די אַנגלאָ־זאַקסן האָבן געװײנלעך צװײ נעמען, האָב איך זיך אונטערגענו־מען צו טרעפן אײנעם, און אַזױ װי ער איז געװען אַ האַלב־סקאַנדינאַװיער, האַלב־ענגלענדער, האָב איך אָנגערופן, אַזױ זיך, גלאַט אין דער װעלט אַרײַן, אַ נאָמען פון אײבסענס אַ פּערסאָנאַזש: היאַלמאַר, און װידער געטראָפן! האָט ער זיך אױפגעהױבן פון בענקל און — שױן מיט אַ געװיסער מורא — זיך אַנטשולדיקט און איז אַװעק מיט אַ מין דערשראָקענער מינע. דער קלײנער צופאַל האָט מיר געװיזן די נידעריקע מדרגה פון אינטעליגענץ בײַ דעם יינגערן שיפס־פּערסאָנאַל פון דעם מעכטיקן בריטישן ים־לײַב! אָבער אַזױ גאַנץ אומשולדיק איז ער דאָך נישט געװען, װי ער האָט אױסגעזען, אָדער אפשר האָט ער זיך געטײלט מיט זײַנע געדאַנקען װעגן מיר מיט אַן „עלטערן" קאָלעגע זײַנעם, װײַל אױף מאָרגן האָט ער מיך געפרעגט װעגן מײַן אַלטן הײמלאַנד, פּױלן.

װען ער האָט זיך דערװאוסט, אַז איך האָב זיך געטראָפן, צום ערשטן מאָל נאָך דער מלחמה, מיט מײַן ברודער אין סאַװעטן־פאַרבאַנד, נאָך אַ צװעלף־יאָריקן איבעררײַס, האָט ער שױן, אַביסל חוצפה׳דיק צוגעװאָרפן: נו, װעסטו זיך פרײען אפשר צו זען דאָ דײַנע לאַנדסלײַט. הײַנט בײַנאַכט דאַרף דאָ אין קאַנאַל אַדורכגײן אַ רוסישע שיף אױפן װעג קײן ענגלאַנד, װעל איך דיר לאָזן װיסן װען.

צו מײַן גרױסער פאַרװאונדערונג האָט ער געהאַלטן װאָרט. אַביסל נאָך צװעלף אַזײגער בײַנאַכט האָט אַ מאַטראָס אָנגעקלאַפּט אין מײַן טיר און געהײסן מיר אַרױפגײן אױפן דעק פון צװײטן קלאַס. האָרט איז שױן גע־שטאַנען מר. היאַלמאַר און מיך באַגריסט, אָנװײַזנדיק אױף אַ גרױסן שאָטן אַ האַלב מײַל פון אונדז. דער שאָטן איז אַרױס אין דעם ליכט־שײַן פון אונדזער עלעקטרישן פּראָזשעקטאָר און האָט זיך אַנטפּלעקט אין זײַן גאַנצער װײַסער לענג, מיט אַלע ליכטער שײַנענדיק און גרױס. פּאַװאָליע און זיכער האָט זיך די שיף דערנעענטערט צו אונדזער „האַמידיע" און איך האָב שױן

געקאָנט זען אויפן אויבערשטן דעק פון דער סאָוועטישער שיף דעם „סיג־נאַלטשיק", אַ מאַטראָס, וואָס האָט מיט צוויי פענדלעך סיגנאַליזירט זיין דער־נענטערן זיך אין דעם צו־שמאָלן קאַנאַל פאַר צוויי שיפן. און נאָך אַ פּאָר מינוט אַרום האָבן זיך שוין ביידע שיפן דערנענטערט פּנים אל פּנים און מיר האָבן דערזען צוויי רייען סאָוועטישע מאַטראָסן אויסגעשטעלטע לענג־אויס די באָרטן פון שיף. פון זייער זייט האָט אַרויסגעשיינט דער נאָמען פון דער שיף: „טאָוואַרישטש באָוואַקאָווסקי". דער סאָוועטישער קאַפּיטאַן האָט סאַלוטירט דעם בריטישן מיט דער האַנטביים היטל. דער בריטישער האָט געענטפערט. עטלעכע חלוצים, בעסאַראַבער געבוירענע, האָבן אויפן פאָרטן דעק געפאָכעט מיט ווייסע טיכלעך, די פאָר נאַכט־מאַטראָסן — מיט זייערע הענט.

פּאַוואָליע, טראַכט ביי טראָט, איז די שיף פאַרבייגעפאָרן אונדזער „האָ־מידיע" און דאָ האָב איך זיך נישט געקאָנט איינהאַלטן און האָב אויסגעשריען צו די „לאַנדסלייט", אויף רוסיש: „פּריוועט, דרוזיאַ!" צו דער שרעק פון מר. היאַלמאַר און פון די פּאָר פּאַסאַזשירן פון ערשטן קלאַס, וואָס זיינען נאָר וואָס אַריין פון קאָרטן־שפּילן און קאָקטעיל־טרינקען. איך בין געווען פאַרכאַפּט פון דער ביינאַכטיקער באַגעגעניש, אַזוי פּלוצלונג סודות'דיק, אַזוי אוממעגלעך נאָך מיט אַ פּאָר מינוט פריער, און אַזוי וואָר, אמת'דיק, אי־צט. אַ גרויסע בענקשאַפט נאָך מיין משפּחה דאָרטן, נאָך די אַלטע פריינט, נאָך די דאָרטן־פאַרלעבטע זעקס גליקלעכע חדשים האָט מיך אַרומגעכאַפּט און עס האָט מיך געצויגן אַראָפּצוגיין צוריק אין מיין שיפס־לאָך, טיף אונטן, אין דער אָרעמער מאַטראָסקער הויל, נאָענט צו די הייצערס און צו זייער קעסל. איצט האָב איך, ווי זיי, געבענקט נאָך אַ היים.

ווייזט אויס, אַז דער פראַנצויזישער מעכאַניקער איז געוואָרן אייפער־זיכטיק אויפן שיפס־אָפיצער. מיט עטלעכע טעג פריער, בעת מיר האָבן זיך אָפּגעשטעלט אין דעם גריכישן פּאָרט „פּירעוס", האָט ער מיר געטאָן אַ טובה: ער האָט פאַר מיר באַקומען אַ דערלויבעניש ביים האַפן־אינספּעק־טאָר אַראָפּצוגיין אויפן ברעג און פאָרן אין אַטען, די הויפּט־שטאָט פון גריכנלאַנד. מען דערלויבט געוויינלעך נישט אַראָפּגיין אויפן ברעג די פּאַ־סאַזשירן פון הריטן און פערטן קלאַס, אויס מורא, אַז זיי וועלן פאַרבלייבן אויפן ברעג, זיך אַריינשמוגלען. אָבער פאַר מיר, זיין באַגלייטער, האָט דער פראַנצויז די דערלויבעניש באַקומען. מיר זיינען אַוועק אָנקוקן די שטאָט אַטען. דאָס איז געווען דער שטאַרקסטער איינדרוק אויף דער רייזע: צו זען די באַרימטע אוראַלטע גאַסן, די תפיסה, וואו עס איז געזעסן סאָקראַטעס, דער פילאָסאָף און פריקהייט־קעמפער, וואו ער האָט אויסגעטרונקען דעם

בעכער סם, אַלס אַ פאַראורטײלטער צום טויט: אַ קלײן, געמויערט הײזל, פון שטאַרקע קוואַדראַטענע שטײנער, מיט אײַזערנע גראַטעס אַרום די צװײ קלײנע פענצטערלעך. אויף מײַן פאַרלאַנג צו זען די טויטן־קאַמער, האָט דער פראַנצויזישער אינזשעניער געזאָגט, אַז די גריכישע תפיסה איז „זיכער" אַזוי געבויט, ווי אַלע תפיסות אויף דער גאַנצער וועלט... און ער איז „זיכער" געווען גערעכט. איך בין געשטאַנען אַרום דעם קלײנעם גערטנדל בײַ דער תפיסה, געקוקט אויפן ווילדן ווײַן, וואָס האָט זיך געראַנגלט מיט דער פײַכטקײט פון די אַלטע מויערן און דאָך זיך געצויגן צו דער זון, צו פרײַהײט. יאָרטויזנטער וועלן נישט אויסמעקן די מורא׳דיקע קריוודע פון דעם אַטענישן געריכט בנוגע סאָקראַטעסן, ווי זײ וועלן נישט אויסמעקן די גרויל־מאָרדן קעגן מיליאָנען מענער און פרויען, באַגאַנגען פון שפּעטערדיקע מערדער־רעגירונגען, ווי היטלער, מוסאָליני און פראַנקאָ מיט פעראָנען.

און ווי צו ווײַזן אונדז, אַז די אַרומיקע וועלט איז גאַנץ־ווײַט פון סאָקראַטעס און פון זײַן גײַסט, האָט אַ דײַטש אַנטקעגן דער תפיסה געעפנט אַ סטענד מיט „האָט דאָגס"! און עס האָבן געשריגן צו אונדז די פעטע אותיות — „פראַנקפורטערס און ביר"... אַנטקעגן דער תפיסה פון דעם גרויסן עטישן פילאָסאָף סאָקראַטעס.

נאָך דער תפיסה זײַנען מיר אַוועק זען דעם נײַ־אויסגעבויטן וואונדער־שײנעם סטאַדיאָן פאַר זעכציק טויזנט מענטשן, נישט ווײַט פון „אַטענעום" — אויסגעבויט פון ווײַסן מאַרמאָר, מיט יענעם ראָזעווען שײַן, וואָס איז כאַראַקטעריסטיש פאַרן איטאַליענישן מאַרמאָר פון „קאַראַראַ", מיט אַ געניאַלער אַרכיטעקטאָנישער ענלעכקײט צו אַן אַלטערטימלעכן אַמפיטעאַטער, מיט שפּרינג־ברונעמס אַרום די אַלײען. דאָס איז געווען פאַרכאַפנדיק און מעכטיק. די וועלט שטײט נישט אויף אײן אָרט. איך האָב געוואָלט זען די „סלאָמס" פון אַטען. מײַן באַגלײטער האָט אויף מיר אַ קוק געטאָן כמעט דערשראָקן, ווי מר. היאַלמאַר. אָבער איך האָב געזאָגט, אַז איך וויל טרינקען דעם גריכישן ווײַן, פאַרזוכן זײער שאָפן־קעז און די אָליווקעס (מאַסליגעס) מיט זײער מאַיס־ברויט. איז מען אַוועק צוריק צום האַפן און אויפגעזוכט אַן אָרעמע „נאָרקיד", וווּ מען האָט געבראָטן דאָס שעפּסענע פלײש אין אויל, געטרונקען דעם שווערן טיף־ברויגעם ווײַן און געגעסן ברויט מיט קעז. דאָרטן האָבן מיר אויך געטראָפן מאַטראָסן פון דער „האַמידיע", צום צאָרן פון דעם פראַנצויז, וועמען עס איז נישט אָנגעשטאַנען „אַרויסצונעמען" אַן אַמעריקאַנערין אין אַזאַ בילִיקן פלאַץ. איך האָב אים באַרואיקט, אַז עס איז אַ באַזונדערער „שיק" פאַר אַמעריקאַנער פון „פאַרק עוועניו" צו גײן זונטיק אין קאָני אײַלאַנד און זײַן „פאַני בראַט" מיטן פשוט׳ן פאָלק.

איך ווייס נישט, אויב איך האָב אים איבערצייגט, ווייל ער האָט זיך גע־אײַלט אַרויסצוגיין פון דאָרטן, ווען איך האָב אײַנגעלאַדן זיך זעצן צו אונ־דזער טישל צווי מאַלאַיער מאַטראָסן.

ווען מיר זײַנען אָנגעקומען צוריק צו דער שיף און געזען, אַז דער שיף־אָפיצער קומט אונדז אַנטקעגן, האָט ער זיך גאַנץ קורץ אָפּגעזעגנט און איז אַוועק צו זיך. כדי צו מאַכן די עוולה נאָך גרעסער, האָט געוואַרט אויף מיר דער „עלטערער" פון שיף מיט אַ צעטל פון דר. מאַרקאָוו מיט אַן אײַנלאַדונג צום „קעפּטעינס דינער" אויף היינט בײַנאַכט... און דאָס האָט נעבעך דער פראַנצויז נאָך באַוויזן צו הערן! מיין גורל איז געווען גע־חתמ'עט — איצט האָט זיך אויך דער מר. היאַלמאַר געפילט געטראָפן און איז אויך אַוועק צו זיך...

איך בין אַוועק זיך איבערטאָן, געבעטן דורכן טעלעפאָן דעם דר. מאַרקאָוו נאָך מיר צו קומען אין אַ האַלבער שעה אַרום. דערנאָך בין איך אַוועק צו די חלוצים און געזאָגט, אַז היינט, אַרום עלף אַזייגער בײַנאַכט וועלן מיר זינגען און טאַנצן אויפן דעק מיט אַלע פרייע מאַטראָסן און איך וועל ברענ־גען מיין גראַמאָפאָן מיט די „רעקאָרדס". ווער עס וויל קאָן קומען צו אונדז. דעם „כּיבוד" האָבן מיר באַזאָרגט אַליין. מיר האָבן אויף דער שיף געהאַט אַ גריכישן מיליאָנער, וואָס האָט מיטגעבראַכט גאַנצע זעק מיט ניס, פייגן, יונגע קאַרטאָפל, געטריקנטע פלוימען און אַ פערד פאַר „רעיסעס" — אַלע די גוטע זאַכן זײַנען געווען אין סקלאַד אויף אונדזער דעק. נו, האָבן מיר צווי וואָכן געגעסן פון די גוטע זאַכן דורך עטלעכע לעכער אין די זעק און אין די קעסטלעך. עס וועט שוין אויף היינט בײַנאַכט אויך קלעקן. און אַזוי ווי אין ערשטן קלאַס איז געווען גאַנץ נודנע און אויף מיר האָט מען גע־קוקט מיט נייגעריקייט ביי אונדזער טיש, בין איך אַרום צען אַזייגער אַוועק צום „קליינקונסט־אָוונט", ווי איין חלוץ האָט אָנגערופן אונדזער וועטשע־רינקע אויפן העק פון שיף, אונטער די דרום־שטערן. מען האָט געזונגען חלוצישע לידער, פּאַרטיזאַנישע, ציגיינערשע ראָמאַנסן און געטאַנצט אַלע נאַ־ציאָנאַלע טענץ, פון דער „האָרא" ביז צו דער ווענגיערקע און דער מאַזורקע.

פּאַרטאָג איז מען אַריין אין אַלעקסאַנדריע, עגיפּטן. מידע, נישט אויס־געשלאָפענע איז מען געשטאַנען אויפן דעק און געקוקט אויף די הונדערטער לאַסט־טרעגער, וואָס האָבן געשלעפּט ריזיקע קנוילן באַוול, קערב מיט גרינסן, זעק מיט נאָך קוילן פאַרן קעסל, און קליינע, אַרעמאַנסקע פעקלעך עסנ־וואַרג פאַר אונדז די „פּאַסאַזשירן" פון פערטן קלאַס, ווי אוגערקעס, האַרט־געקאָכטע אייער, ברויט, געדריכערטע פיש און באַנאַנעס. די קומענדיקע שטאָט וועט זיין קאָנסטאַנץ אין רומעניע.

אַ סאָוועט־רעפּובליק

די „העקלאַראַציע פון רעכט פאַר דעם בירגער און מענטשן״ — איז דורך דער פראַנצויזישער רעוואָלוציע אַריינגעשריבן געוואָרן אין דער מענטשלעכער געשיכטע, ווי אַ דערשיטערנדער דאָקומענט פון אויפגעוואַכטן בונט קעגן שקלאַפעריי און אַבסאָלוטיזם, — און די בלעכענע קראָמען אויף די ווייסרוסישע מערק און די בעסאַראַביער שענקען, וואָס האָבן געוואוסט דעם סוד פון „שליוואָוויץ״ —- האָבן וועגן דעם דאָקומענט קיינמאָל נישט געחלומ׳ט...

זיי האָבן אויסנווייניק געקענט דעם אינהאַלט פון אַ פאַגניעסטקע פון דער שטאַטישער „אופּראַווע״. זיי האָבן אין די הגדות געהאַט פאַרשריבן אַ יאָרצייט נאָכן טאַטן, אַ בר־מצווה פון ערשטן זון, דעם פלאַץ פון אַ קבר אויפן „גוטן אָרט״. אָבער די גרויסע געדאַנקען פון די ערשטע הומאַניסטן, פון די ערשטע מאַטעריאַליסטן, די שפּעטערדיקע גרויסע אַנטדעקונגען פון מאַרקס, ענגלס, די געשעענישן אפילו אין ערשטן רעוואָלוציאָנערן עטאַפּ פון 1905, זיינען פאַרן שטעטל געווען נאָר בלויזע דאַטן פון פּאָגראָמען, אין וועלכע מען האָט דערשטיקט דעם פרואוו פון יידישע רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער מיטצושרייבן אין די לעבעדיקע קאַפּיטלען פון דער רעוואָלוציאָנערער אינטערנאַציאָנאַלער אַרבעטער־באַוועגונג. די שטעטלעך אין אוקראַינע און ליטע, ווייסרוסלאַנד און פּוילן האָבן זיך געוואָרגן אין דער ביטערער קאָנקורענץ פון קרעמל, און די גרעסטע נויט גענומען אַלס אַ געבאָט פון גאָט — ווער ווייס געווינען: דער וועמען דער רבונו־של־עולם וועט אויספּרובירן, וויפל צרות ער קאָן אויסהאַלטן, צי גאָט אַליין, וועלכער מוז סוף־כל־סוף מיד ווערן פון שטראָפן דעם אויסדערוויילטן פאָלק און זיך אָפּשטעלן ביי אַ געוויסן „רעקאָרד״.

און דער שטומער טראַגיזם פון יידישן קליינשטעטלדיקן לעבן איז ביסלעכווייז געוואָרן דער לעבנס־סטאַנדאַרד פאַר דעם ״יידישן פאָלק״, אויסער איין טייל — די אַרבעטער.

דאָס שטעטל האָט געהאַט פאַר אַלע צייטן זיין פאַרגליווערטע פּראָגראַם: גאָט וועט העלפן, און — די אַמעריקאַנער יידן... מעל אויף פסח וועט מען שוין באַזאָרגן. דאָס איבעריקע לעבן איז ניט וויכטיק, אַבי נישט זינדיקן, אַבי נישט עסן ברויט פסח־צייט.

קולטור, פרייהייט, רעכט פון מענטשן און בירגער, זעלבסט־באַשטימונג — דאָס איז געווען אַ ריזיקע אומבאַקאַנטע וועלט, וואו עס האָט זיך אָנגעהויבן די וועלט פון שדים, די וועלט פון נסיונות — וואו דאָס „יידישע פאָלק״ קאָן געשטרויכלט ווערן.

***

ווען די אָקטאָבער־רעוואָלוציע האָט אָנגעהויבן מיט אַ מעכטיקער האַנט פאַרטרייבן דעם רויך און דעם טשאַד פון דער צאַרישער ירושה, ווען מען האָט זיך גענומען צום לעצטן רעשטל פון רוסלאַנדס מיטלאַלטער — צום פּראָדוקטיוויזירן דאָס יידישע שטעטל — האָט אויסגעבראָכן אַ געוויין אויף דער אַלוועלטלעכער „יידישער גאַס״: „מען נעמט צו פון די סאָוועטישע יידן דאָס רעכט צו זיין אַ קרעמער, אַ ספּעקולאַנט, אַ וואַלוטשיק, אַ קאָנטראַבאַנדיסט, אַ מעקלער, אַ מסור״ — די אַלע פּראָפעסיעס, וואָס בליען אַזוי אויף אין קאַפּיטאַליסטישע לענדער פון דער וועלט און וואָס דאַרפן זיין די פּאַסטקעס אויף צו כאַפּן יידישע אַרבעטער אין זייער לעצטן אַנטשיידענעם קאַמף מיט דער בורזשואַזיע. און דערמוטיקט פון דעם אַלוועלטלעכן יידישן שקלאַפישן געוויין, האָבן די דעקלאַסירטע, די געוועזענע פּאַגראָמירטע, די געוועזענע — מיט די פּיס־געטראָטענע, די געוועזענע — אין פּנים־געשפּיגענע, די ניט־טויט ניט־לעבעדיקע, אַרויסגערופן זייער אַלטן גאָט צו הילף: צי וועט ער דערלאָזן?

ס׳ווייזט אויס, אַז ער האָט „דערלאָזט״. זיי זיינען געוואָרן אויס קרעמער, איינער נאָכן אַנדערן. גאַנצע שטעטלעך, פּראָווינצן און געביטן.

און פּאַמעלעך — יאָר נאָך יאָר — האָבן זיך די לאָזונגען פון דעם „אָקטאָבער״ געגומען איינפונדעווען אין שטעטל. דער מיטלאַלטערלעכער יאוש, שרעק פאַר די מכות פון מצרים און פאַר די קאַטאַסטראָפעס פון פּעטלורא, דער אייביקער סקעפּטיציזם, גענערט דורך דער געטאָ־פּסיכאָלאָגיע, געכאָוועט פון פלינקע ציוניסטישע מגידים, דער אָפּגרונט־טיפער גלויבן אין האַנדל, אפילו אין אָנגעזיכט פון בלוטיקע פּאָגראָמען און העצעס, קראַפּטלאָזיקייט און מוטלאָזיקייט בנוגע אַלץ, וואָס קומט פון דער סאָוועטן־מאַכט, — דאָס אַלץ איז געווען דער פאַרמעגן, ווען מען איז צוגעטראָטן צו די יידן מיטן לאָזונג: יידישע אויטאָנאָמיש־סאָציאַליסטישע רעפּובליק.

דאָס איז געווען די שטימונג, מיט וועלכער מען האָט געדאַרפט אַריבערגיין דעם רוביקאָן — און הייט, ווייט לאָזן הינטער זיך דעם טויטן־אינדזל פון יידישער פאַרגאַנגענהייט.

***

די אַרמיי מנחם־מענדלס האָט געדאַרפט פון זיך אַראָפּנעמען די אַלטע, פאַרטרוקנטע, געלע יידישע הויט, און צום ערשטן מאָל אין דער יידישער געשיכטע אָנטאָן אויף זיך אַ נייע, אַן עלאַסטישע, אַן ענערגישע הויט, אַ ווילנדיקע און פרייער פאַר אַלץ — אַ בלוט־פולסירנדיקע, מיט לעבנס־מוט מיט לעבנס־דראַנג, מיט לעבנס־קאַמף.

די הײם בער פינטעלס און די איטשע מאיר דוכאָוויטשעס האָבן געמוזט װערן רעפּובליקאַנער, סאָװעטישע.

אַזױ האָט געװאָלט דער אָקטאָבער.

דאַנטאָן, סען־זשיסט, ראָבעספּיער, — די גרױסע פּאַריזער שאָטנס פון 1789 — די סמאָלענע פאַקל־צוגן פון „סאַנקיולאָטן" אין דער פאָרשטאָט סען־אַנטואַן — װען מ'איז געגאַנגען משפּט'ן דעם קעניג פאַר זײנע פאַר־ברעכערישע מעשׂים בנוגע דעם פראַנצױזישן פאָלק, — זײ קוקן מיט אַ נײ־געריקער אַכטונג אױף די סאָװעט־רעפּובליקאַנער פון 1931 — װאָס זײנען לױט זײער קולטור, פּאָליטישער שולונג, טראַדיציע, גאָרנישט עלטער פון זײ אין רעװאָלוציאָנערן אױפבױ־דראַנג, אין אימפּעט פון פּיאָנערנטום אפילו — ייִנגער.

די בכבוד'יקע פערגאַמענט זכרונות פון פראַנצױזישן מוזײ קאַרנאַװאַלע, מיט די עדות פון דער פראַנצױזישער רעװאָלוציע, — אַ טינט־פלעשל פון קאַמיל־דע־מולען, דאָס לעצטע ביסל פּאַרפיום פון מאַריע־אַנטואַנעט, דאָס בעטל פון לעצטן „דאָפען" — דעם „קרױנפּרינץ" פון פראַנקרײך, — זײ װאָלטן אפשר נישט פאַרשטאַנען דעם אײנציקן דאָקומענט פון דער רעפּוב־ליק ביראָבידזשאַן: אַ באַשלוס פון 28טן מערץ, 1928, אױסצעטײלן די טעריטאָריע צװישן אמור און כינגאַן פאַר „אױסשליסלעכער ייִדישער מאַסן־קאָלאָניזאַציע מיט דעם צװעק אױסצובילדן אַ ייִדישע סאָציאַליסטישע סאָ־װעטישע רעפּובליק — אַלס פּועל יוצא פון דער אַלפאַרבאַנדישער קאָמו־ניסטישער פּאַרטײ און דער סאָװעטן־מאַכט, װאָס שאַפט די באַדינגונגען פאַר דער עקאָנאָמישער, נאַציאָנאַלער און קולטורעלער אַנטװיקלונג פון יעדן פאָלק, װי גרױס אָדער קלײן דאָס זאָל נישט זײן, װאָס לעבט אױף דער טע־ריטאָריע פון סאָװעטן־פאַרבאַנד".

צװישן די שטורמישע פאָלקס־אױסברוכן פון גערעכטן צאָרן — צװישן די קערב מיט אַריסטאָקראַטישע קעפּ, װעלכע די גילאָטינע האָט געשניטן, און — דאָס גראָבן קאַנאַלעס אין די רײז־פּלאַנטאַציעס אין סאַמאַרקאַ, ליגט כמעט אַ גאַנצע העלבן הונדערט יאָר. אין זײ — אין די יאָרן, זײנען געקומען און אַװעק די ערשטע טיטאַנען פון אַרבעטער־קאַמף פאַר סאָציאַליזם — די פּאַריזער קאָמונאַרן. צװישן זײ און די ייִדישע הענדלער פון דער אוק־ראַינע קאָן מען נישט געפינען קײן פאַרבינדונגס־טיר אין די לאַבירינטן פון מאָדערנער עקאָנאָמיק.

אין דער גװאַלדיקער רעװאָלוציאָנערער כװאַליע פון 1848, אין די בלוטיקע מערץ־טעג פון בערלין, װין, בודאַפּעסט, האָבן די ייִדישע קלײנ־בירגערלעכע מאַסן — מיליאָנען אָרעמע לײט הענדלער נישט פאַרשטאַנען דאָס װאָרט „ערד" אַנדערש, װי די פּאָדלאָגע פון זײער געװעלב.

עס איז שווער איבערצוציילן אַלע יידישע קליינהענדלער, ביי וועלכע דאָס גאַנצע פאַרמעגן באַטרעפט אַריבער 14־15 רובל; אַט די אומגליקלעכע אַרבעטן גאַנצע טעג אויף צו פאַרדינען 15־20 קאָפּיקעס, וועלכע סטאַיען קוים אויפצוהאַלטן דאָס לעבן. מיר זעען זיי אין קאַניעוו, קרעמענטשוג, יעלי־סאַוועטגראַד, מאָהילעוו, האָמעל, בערדיטשעוו, — זייער וואָכן־לוין איז פון 2 ביז 3 און אַ האַלב רובל".

אפילו די צאַרישע קאָמיסיע — מיט גראַף פּאַלען בראש — וואָס האָט אויסגעפאָרשט די עקאָנאָמישע לאַגע פון די יידן אין 80 פּונקטן, האָט פעסט־געשטעלט, אַז דאָס יידישע פאָלק לעבט אין אומדערטרעגלעך־שווערע באַ־דינגונגען.

***

עס איז געקומען דער אוראַגאַן פון אָקטאָבער.

יידישע סאָוורעפּובליקאַנער. די איבערוואַנדערין, דבורה, איז 48 יאָר אַלט. האָט נאָר איין צאָן אין מויל. געווען אַ סוהר'טע פון פעלצן. געפאָרן קיין דייטשלאַנד. אַלע אירע קינדער זיינען זיך צעפאָרן אין דער וועלט. איצט איז זי דאָ, אין בירָאָבידזשאַן, אַליין.

איבער איר אָרעם הענגט אַ פלאַשענע פּאַרטיערע. זי וועט פון דעם מאַכן אַ ווינטער־מאַנטל פאַר אַ צווייטער קאָלאָניסטקע. דבורה קען נייען. זי אָרגאַניזירט אַן אַרטעל פון שניידערקעס. זי לייגט פאָר צו מאַכן לערן־קורסן פאַר אַרבעטערינס צו מאַכן בלומען פון ווייסע געטנדז־פעדערן. זי קאָן אויך מאַכן הילצערנע לעפל און בעכערס. זי איז אַ געבוירענע קוס־טאַרקע. אַ פּיאַיקע אָרגאַניזאַטאָרקע.

דבורה איז אָבער אויך אַן „אינזשעניר". לעבן דער סטאַנציע בירא־קאַן געפינט זיך דער קוראָרט, קולדור, מיט הייסע קוואַלן. דבורה גיט אַ פּלאַן, ווי מען זאָל זיך קאָנען באַנוצן מיט די הייסע קוואַלן און נישט דאַרפן בויען קיין וואַנעס. זי גיט אַ פּלאַן אָפּצולייטערן דאָס וואַסער: אויסגראָבן גרי־בער, זיי אויסלייגן מיט צעמענט און האָבן דאָס הייסע וואַסער אין דער נאַטירלעכער וואַנע.

דבורה קאָן נישט לייענען און שרייבן. זי זאָגט, אַז זי פלעגט אַלץ געַ־דענקען אויפן קאָפּ. זי וועט זיך איצט לערנען שרייבן און לייענען — ווייל ערשט איצט עפנט זיך אַ וועלט פאַר איר.

זי איז געקומען אַהער, ווייל עס האָט איר געצויגן די אייגענע ערד.

„עפּעס אַ רעפּובליק אונדזערע — אַן אייגענע — דאָ וועל איך אַרבעטן".

אַ ייִד אַ בעל־מלאכה פון קיעווער גובערניע, געקומען אין אַמורזעט אין 1929. אַ שניידער — אַ לאַטוטניק. קליינע בלויע אויגן, וועלכע האַלטן אין

איין טרערן.

ער דערציילט פון דער ביראָבידזשאַנער ערד.

— פאַרוואָס זאָלן עפּעס יידן ניט קאָנען זיין פויערן? אַז די ערד דאָ איז אַ גוטע — מען דאַרף איר נישט לאַנג בעטן.

און די לופט? עס איז דאָך די אמת׳ע סאַנאַטאָריע. און דערהויפּט — פריי. זיי זיך — וואו דו ווילסט. נעם זיך וויפל דו ווילסט.

נו, און דער גנוס? די פליגעלעך? ..

— וואָס איז דער גנוס? און ביי אונדז אין דער היים איז נישט געווען זומער קיין קאָמאַרעס? און איך וויל אייך זאָגן: דער גנוס זעצט זיך אויף אַ פוסט־און־פּאַסניק. אויף אַ יידן, וואָס טוט גאָרניט. קוים אָבער טו איך עפּעס מיט אַ ווינט, — טאָמער פּאָכע איך מיט זיי ביים וואָגן, ביים פערד, ביי דער אַרבעט, זעצט זיך אויף מיר דער גנוס נישט אין גאַנצן! פרעגט די קינדער — זיי האַלטן איז איין אַרומלויפן — קומט דער גנוס אפילו נישט צו צו זיי.

ניסן שוואַרצמאַן האָט אַן אַנדער טעאָריע.

ער איז אַ שניידער. זאָגט ער, אַז מען מוז דעם גנוס נישט ווייזן, אַז מען זעט אים. מען מוז זיך נישט קראַצן. קוים זעט ער, אַז מען צעקראַצט זיך, קוים שפּירט ער בלוט, ווערט ער, ווי אַ צערייצטער הונט — בייסט ער נאָך מער.

— ווי פילט איר זיך דאָ אין ביראָבידזשאַן?

— וואָס פרעגט איר — מען קומט צו זיך. מען פאַרגעסט די יאָרן — די צרות פון פריער. אמת, — די אַרבעט איז שווער — זי איז ניי. נאָר וואו דאַרף מען נישט אַרבעטן? און די קינדער איז דאָ אַזוי גוט. איינער גייט אויף טראַקטאָר־קורסן. ער פאַרדינט שוין. דער צווייטער — אַ קאָאָפּעראַטיוו־אָנגעשטעלטער. די קליינע לערנען זיך. איך בין מיט נאָך פיר חברים אין אַ קאָמונע. מיר האָבן שוין פאַרזייט. נישקשה, לעבן קאָן מען דאָ. די ערד איז אַ גוטע.

זיין פרוי — ווען זי איז אַרויס פון וואַגאָן קיעוו־כאַבאַראָווסק, האָט זיך גלייך געפרעגט, צי עס איז דאָ אַ שולע פאַר אירע קינדער, ווען נישט פאָרט זי באַלד צוריק.

— אין שטעטל איז געווען אַ שולע — מוז אַ רעפּובליק האָבן אַן אַקאַדעמיע, ווי אין קיעוו, — זאָגט איר מאַן, שוואַרצמאַן.

— די ערד איז אַ גוטע פון זיך אַליין.

פון דורות שטאָטישע־יידן שטאַמענדיק, האָט זיך ביי אים, דעם קאָלאָניסט, דעם דעקלאַסירטן, דעם איבערוואַנדערער, ווי אַ פיינער דינער געראַנגל פון גראָז צווישן האַרטע, טרוקענע שטיינער, אָנגעהויבן צו אַנטוויק־

לען דאָס ערשטע, שוואַכע געפיל פון ליבשאַפט צו ערד.

צו אייגענער ערד — ביי דבורה'ן.

— די ערד רופט, — האָט געזאָגט גארדיענקא, דער ייד פון יעקאטע־ווינאסלאַוו, אַ סטאָליער.

— פאַרוואָס זאָל איך נישט אַרבעטן אויף ערד ? — פרעגט אַ דריטער,

— בפרט נאָך, ווען דריי הונדערט טויזנט יידן אַרבעטן שוין אויף ערד אין אוקראַיִנע און אין קרים.

ברויט פון אייגענעם שניט.

אייגענע ערשטע פרוכט — אייגענע ווייַן פון קאַלכאָז אין פּאַגרעבישטשע.

טאַבאַק־פּלאַנטאַציעס אין אמורזעט.

גרינסן פון יידישע פעלדער אין ווייטן מזרח. קאָנסערוו־זאַוואָדן ביים אַמור.

אַ מעבל־פאַבריק אין טיכאַנקאַיאַ.

דאָס ערשטע סאָציאַליסטישע שטעטל „איקאָר" אויף 250 העקטאַר, צע־וואָרפן איבער בערגלעך.

זאַטקייט — נאָך יאָרן הונגער.

קולטור, אויפלעבונג, אַרבעט.

רעוואָלוציאָנערע בויאונג — נאָך יאָרן געבויגענע רוקנס.

רעוואָלוציאָנערע בויאונג — נאָך יאָרן פאַרשקלאַפטער מענטשהייט.

יידישע סאָוועטישע אינדוסטריע — נאָך דורות יידישן האַנדל.

אידישע סאָווערענע רעפּובליקאַנער — נאָך דורות יידישע ישיבות.

אַ לאַנד פאַר לעבן און קאַמף — נאָך אייביקייטן פון געטאָ.

אַ רייזע איבער אַ נייעם וועג

דער אַזיאַטישער ברעג פון סאָוועטן־פאַרבאַנד, זיינע שכנים: יאַפּאַן, כינע, קאָרייע

כמעט אַלע מיינע רייזעס איבער דער וועלט זיינען געווען מקוים געווארענע, מיט בענקשאַפט אויסגעשפּונענע חלומות. זיי פלעגן קומען אין איינזאַמע טעג, בעת אַ שפּאַציר זונטיק איבער עפעס אַ פאַרלאָזטן שטעטל אין ניו־דזשורזי, ווען עס איז נאָך צו פרי געווען אַריינצוגיין אין האָל צו דער לעקציע און עס האָט זיך אַזוי געוואָלט אַוועק פון דער גרויער נודע פון אַ זונטיק — אַריין אין אַ פרעמדער וועלט, מיט פרעמדע ריחות, מיט זאַפטיקע גערטענער, מיט קיינמאָל נישט געזעענע פנים'ער.

און מאָדנע: אין אַזאַ זונטיק פאַרנאַכט, נאָך אַ רייזע פון עטלעכע

קורצע שעה מיטן אויטאָבוס אין פּעטערסאָן, בין איך פאַרבייגעפאָרן יענעם טייל פון ניו־יאָרק, וואָס הייסט דער „כינעזישער", און די לאַנגע, סחורות־פולע אותיות אויף די כינעזישע געוועלבער, די שוין אַזוי וואויל־באַקאַנטע אַנגעמאָלטע פרויען־געשטאַלטן מיטן פעכער אין האַנט און מיט אַ קריזאַנטעמע אין האָר האָט אויף מיר געמאַכט דעם איינדרוק פון אַ מין רוף צו זען דאָס לאַנד, צו זוכן אַזאַ פנים מיט אייביק־שמייכלענדיקע ליפּן, צו שפּירן דעם ווינט פון יענע גערטנער און גאַסן.

עס איז געווען סעפּטעמבער 1931. איך בין מיט עטלעכע חדשים פריער געקומען צוריק אין ניו־יאָרק פון אַ רייזע, וואָס האָט געדויערט כמעט צוויי־יאָר און וועלכע האָט מיך געפירט איבער מערב־אייראָפּע, איבערן סאָוועטן־פאַרבאַנד קיין ביראָבידזשאַן און צוריק איבער פוילן, אין סקאַנדינאַוויע, בעלגיע און פראַנקרייך — קיין ניו־יאָרק.

און נאָך אַ לעקציע־טור פאַרן „איקאָר", וואָס האָט מיך געבראַכט אין וואַסערע פּופּציק שטעט און שטעטלעך אין אַלע פיר עקן פון אַמעריקע, האָב איך זיך ווידער פאַרבענקט נאָך דער ווייט־מזרח'דיקער „טאַיגאַ", נאָך די גוואַלטיקע פאַסן וואַלד, נאָך די טיף־בלויע שלום'דיקע „סאָפּקעס", נאָך די געלאַסענע שטאַרקע „זאַבאַיקאַלער" פּויערים, און — גאַנץ שטאַרק — נאָך די נייע, ערשטע און נאָך אַביסל אומבאַהאָלפענע יידישע איבערוואַנדערער פון אוקראַינע און ווייסרוסלאַנד. יאָ, עס איז געווען אַ גאַנץ באַשטימטע און גאַנץ שטאַרקע בענקשאַפט. און ווי איך פאַרשטיי איצט, איז עס געווען יענער עלעמענט „ייד" און „יידן־גורל", וועלכער איז לאַנגע יאָרן נאָכאַנאַנד געווען נישט אַקטיוו, בעת די עמיגראַנטישע יאָרן אין דער שוויַיץ און בעת דער אָפּגעזונדערטקייט פון יידישע געזעלשאַפטלעכע פּראָבלעמען בעת'ן צוזאַמענלעבן מיט מעדעמען און וועלכער איז געקומען צום לעבן דאָרטן, אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, ווען איך האָב געזען די־פון דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע־געלייזטע עקאָנאָמישע און נאַציאָנאַלע פּראָבלעם פון רוסישן יידנטום, מיט די ברייטסטע קולטור־מעגלעכקייטן, וועגן וועלכע עס האָבן גע'חלום'ט אַלטע, פאַרדינסטפולע מאַרקסיסטן אין זייערע סאַמע דרייסטע טעאָרעטישע חלומות. ווען איך האָב בלויז דערזען די שפע פון עקאָנאָמישע מעגלעכקייטן פאַרן אַמאָל „דעקלאַסירטן" ייד, פאַרן „לופט־מענטש", פאַרן אייביקן עמיגראַנט און פּאַריער. און אַזוי ווי דעם אָנהויב פון נייעם פּראָדוקטיוון לעבן ביי יידן האָב איך שוין געזען אין 1926 אין קרים און אין אוקראַינע און אין 1929 אין ביראָבידזשאַן — איז נישט קיין וואונדער, אַז עס איז שוין געווען נאָך וואָס צו בענקען.

אָבער די אַלטע וועגן זייגען מיר שוין געווען צו גוט באַקאַנט און עס האָט זיך געוואָלט פאַרן אויף אַ נייעם, נישט באַקאַנטן וועג. עס האָט גע־

מאַניעט און געלאָקט צו זיך דער פּאַטיפּיק — יענער פאַר׳כישוף׳טער ברעג פון קאַליפאָרניע, צו יועלכן עס האָט זיך אַזוי געשמאַק געטוליעט דער פון ניו־יאָרקער־שנייען־און פרעסט־צעשטייפטער גוף און וועלכער איז געווען דער „נעקסט־דאָריקער״ צו ביראָבידזשאַן, אויב מען גייט אַ גלייכן וועג פון פיר מיט אַ האַלב טויזנט מייל איבערן ים, און אויב עס איז פאַראַן אַ „משיח״ צו שפּאַלטן אים...

דער „משיח״ האָט זיך אָפּגעזוכט אין דער פּערזאָן פון דעם שיף־אַגענט פון דער יאַפּאַנישער שיף־פירמע: „ניפּפּאָן־יוסען־קאַיושא״, צו וועלכן איך בין אַריין אין סאַן־פראַנציסקאָ און וואו איך האָב פאַרלאַנגט, לויט מיין שטייגער, אַ בילעט פון דריטן קלאַס. איך פלעג שטענדיק פאָרן מיטן דריטן קלאַס, סיי צוליב וועלן זיין מיט פשוט׳ע פאָלקס־מענטשן און מיט זייערע איבערלעבונגען, סיי צוליב פינאַנציעלע מעגלעכקייטן, ווייל איך פלעג שטענדיק פאָרן אויף מיינע אייגענע אָפּגעשפּאָרטע געלט־מיטלען.

אָבער קוים האָב איך אַרויסגעזאָגט צום קאַסירער פון דער „יאָקאָהאַמאַ מאַרו״ מייַן פאַרלאַנג — אַ טיקעט פון דריטן קלאַס — ווי ער האָט זיך אַרויסגעבויגן פון זיין פענצטערל ביי דער קאַסע, ווי ער וואָלט פּלוצים געוואָרן טויב, און האָט מיר אַ זאָג געטאָן, מיט אַ שטרענגן טאָן: „צו ווייסע פּאַסאַזשירן פאַרקויפן מיר נישט קיין בילעטן פון דריטן קלאַס: דאָס איז פאַר די „אָריענטאַלס״, מאַלאַיער, כינעזער, קאָרייער, הינדוס, זיי פאָרן אין ,סטירעדזש׳, צו 16 אין אַ קאַיוטע, ווייסע ,לעידיס׳ לאָזט מען דאָרט נישט אַריין״. פאַרטיק! ער וויל שוין גאָר מיט מיר נישט רעדן. אַ רעספּעקטאַבלער יאַפּאַנעזער: עס איז זיין שיף! און קאָרייע איז זיין קאָלאָניע!

און אין סעפּטעמבער 1931 זיינען די יאַפּאַנישע אַרמייען שוין געווען אין מאַנדזשוריע. און טויזנטער כינעזישע פּאַרטיזאַנער האָבן שוין געקעמפט אין יאַפּאַנישן הינטערלאַנד קעגן די פאַרהאַסטע אָקופּאַנטן. און פאַר אַזיאַטישע פעלקער, אויסער זיי, די יאַפּאַנער, איז נישט געווען קיין אָרט ערגעצוואו אַנדערש, ווי אין „סטירעדזש״, טיף אויפן דעק פון שיף, אָן אַ פענצטער, אָן לופט, 16 אין איין בונקער.

האָב איך אים געזאָגט, אַז איך וועל גיין אין אַן אַנדער שיף־פירמע. האָט ער ביטרע געשמייכלט און געזאָגט: „גוד לאָק״! און אַזוי ווי אַלע שיפן האָבן געהאַט דעם אייגענעם סדר און אַזוי ווי מיט אַ גרויסער אַמעריקאַנער שיף האָב איך נישט געהאַט די געלט־מעגלעכקייט צו פאָרן, האָב איך געקויפט אַ טוריסטן־בילעט, דעם נאָענטסטן צו דעם דריטן קלאַס און בין אַוועק אין סיאַטל, וואַשינגטאָן, פון וואַנען די „יאָקאָהאַמאַ מאַרו״ איז געגאַנגען איבער בריטיש־קאָלאָמביאַ קיין יאָקאָהאַמאַ, דעם פּאָרט פון טאָקיאָ.

אונדזער שיף איז געווען קליין, קוים 12 טויזנט טאָן, אַן אָרעם, אַלט שיפל, מיט געצײלטע מאַטראָסן, מיט זיבן פּאַסאַזשירן אין טוריסטן קלאַס. מיטן קאַפּיטאַן און פיר געהילפן, וועלכע זײַנען געזעסן ביי אַ באַזונדערן טיש בעת די מאָלצייטן און מיט אונדז נישט גערעדט. ווער זײַנען מיר געווען? און — אַ האָב איך געהאַט צוויי איבערראַשונגען, וועלכע האָבן באַשטעטיקט דאָס ווערטל, אַז פאַר געלט קאָן מען אַלץ דערגרייכן, באַזונדערס ביי די „שטאָלצע" יאַפּאַנער. עס איז געפאָרן בלויז איין פּאַסאַזשיר אין צווייטן קלאַס — קיין ערשטער איז נישט געווען — אַ רייכער אויל־מאַגנאַט פון ניו־אָרלינס. און ער האָט נישט געוואָלט פאָרן אין איין קלאַס מיט אַ יונגער, שיינער יאַפּאַנערין, וועלכע איז געווען פון געמישטע עלטערן: אַ יאַפּאַנישער מאַמען און אַ יענקישן פאָטער. האָט ער גע׳פּועל׳ט ביים קאַפּיטאַן, אַז זי זאָל אַריבערגיין אין טוריסטן־קלאַס און ער זאָל פאָרן אַליין, ווי עס פּאַסט זיך פאַר דער אַנגלאָ־סאַקסישער מייסטער־ראַסע. זי האָט באַלד פאַרנומען אַ הערשנדיקע פּאָזיציע אויפן שיף: די יאַפּאַנער האָבן זי געטראָגן אויף די הענט! סטייטש, איר מאַמע איז אַ יאַפּאַנערין — זי רעדט די שפּראַך פון מיקאַדאָ, זי איז כמעט ד״יערע! זי האָט אויסגעזען ווי אַ יאַפּאַנערין, זייער שלאַנק, מיטלגרויס, שיין, טונקעלע אויגן, טונקעלע האָר, עלעגאַנטע קליידער — זי האָט געגעבן דעם טאָן! מען האָט זיך ביי איר געפרעגט, וואָס זי וויל פאַר אַ „מעניו": מען האָט נישט דערלאַנגט צום טיש, ביז זי איז נישט געקומען, ווי הונגעריק מיר זאָלן נישט זיין. האָסט שוין געמוזט עסן יאַפּאַנישע מאכלים: רויע פיש, יונגע שלאַנגען, יאַשטשערקעס — אַלץ אין דער פאָרם פון אַ סאַלאַד.

זי האָט בלויז גערעדט מיט די שיפס־אָפיצערן און אונדז נישט געשענקט קיין שום אויפמערקזאַמקייט. אונדז — דאָס מיינט: אַ קאָרייאישן סטודענט פון „על האַרבאַר"; מיר, צוויי רוסישע טוריסטן, וועלכע זײַנען אַריין אין וואַנקוּװער און וועלכע זײַנען געפאָרן אין וולאַדיוואָסטאָק; אַן אַמעריקאַנער פאַרוואַלטער פון אַ זאָאָלאָגישן גאָרטן, וועלכער האָט געפירט מאַלפּעס, קראָקאָדילן, אַ „גאַנדאַ" און גרויסע שלאַנגען פון בראַזיל קיין טאָקיאָ און פאַר וועלכן איך האָב מורא געהאַט, אַז ער זאָל נישט ווערן קראַנק בעת׳ן „טאַיפון" און אַרויסלאָזן אַלע ווילדע חיות פון שטייגן. און דאָ קומט די צווייטע איבערראַשונג: עס איז אויך פּליצלינג, אויפן צווייטן טאָג פון פאָרן, אַרויפגעקומען אַ יונגע, זייער שיינע בלאָנדע מיידל אין „סלעקס" און אין אַ ווייס העמדל — און זיך געזעצט ביי אונדזער טיש. ווי אַזוי קומט זי אַהער? פון וואַנען? זי איז נישט געזען אין אונדזער טוריסטן־קלאַס. ווער איז זי?

זי איז אַן „אַנטלאָפענע" פון איר טאַטן, אַ פּאַסטאָר, ערגעץ־וואו אַרום

סיאַטל. זי איז נאָך נישט 18 יאָר אַלט. זי האָט אַ חתן אין שאַנכײַ, בײַ אַן ענגלישער צײַטונג אַרבעט ער. קוים 20 יאָר אַלט. זײ זײַנען געגאַנגען צוזאַמען אין אַ שולע. האָט ער צוגעזאָגט חתונה צו האָבן מיט איר. אָבער בײדע האָבן נישט קײן געלט. האָט זי דעם גאַנצן זומער געאַרבעט אין אַ רעסטאָראַן און אָפּגעשפּאָרט הונדערט דאָלאַר. אַ בילעט אין „סטירעדזש" קאָסט 85 דאָלאַר. האָט מען זי אָבער אױך נישט אַרױפֿגעלאָזן אַהין. האָט זי זיך איבערגעטאָן, װי אַ ייִנגל, אָנגעטאָן אַ שװאַרצן פּאַרוק, מיט קוילן געמאַכט קרומע װײַסע אַרום די אױגן און האָט זיך אַרײַנגעגנבֿ'עט. אָבער, װײַזט אױס, אַז אונטן איז זי געװאָרן קראַנק פֿון דער היץ, פֿון דעם טומל פֿון פֿרױען מיט קינדער, פֿון דער דושנעקײט — איז זי אַרױס אױפֿן טוריסטן־דעק און איז געקומען צו אונדז און מיר דערצײלט די גאַנצע מעשה...

זי האָט געגעבן עטלעכע דאָלאַר דעם „סטואַרד", האָט ער איר דערלױבט צו עסן בײַ אונדז. אָבער װען עס איז אױסגעבראָכן אױפֿן פֿערטן טאָג אַ געפֿערלעכער „טײַפֿון" און די שיף האָט גענומען זיך דרײען אַרום דער אײגענער אַקס, װי אַ שאָלעכץ פֿון אַ ניס — איז זי געװאָרן אַזױ קראַנק אונטן אין „סטירעדזש", אַז איך האָב געמוזט בעטן דעם יאַפּאַנישן יונגן דאָקטאָר אַראָפּגײן צו איר. און דאָ איז פֿאָרגעקומען די מיאוס'טע סצענע, װאָס איך האָב װען עס איז געװען: מיט די געשרײען „דאָנט טאָטש מי, יו יעללאָו מאַנקי" (ריר זיך נישט צו צו מיר, דו געלע מאַלפּע), האָט זי אים אָפּגעשטױסן פֿון זיך און גענומען זיך דרײען אין אַ קראַמף, צװישן אײן אָנפֿאַל פֿון ים־קראַנקהײט און אַ צװײטן. אומזיסט האָב איך איר געבעטן זיך לאָזן מאַכן אַן אײַנשפּריצונג, אומזיסט האָב איך איר געזאָגט, לױט זײַן אָנװײַזונג, אַז ער האָט זיך געלערנט אין „דזשאָן האָפּקינס" שפּיטאָל אין באַלטימאָר — זי האָט אים נישט צוגעלאָזן צו איר האַנט. איז ער אַװעק. און דער „טײַפֿון" איז געװאָרן אַלץ װילדער און שטאַרקער. איך האָב געציטערט פֿון שרעק פֿאַר די קראָקאָדילן און שלאַנגען, זײ זאָלן נישט צעזעצן די שטײגן זײערע, װײַל אַלע זײַנען געװען ים־קראַנק — דער „זו"־פֿאַרװאַלטער אױך. אַלע, אפֿילו דער קוכער און דער קאַפּיטאַן. איך װײס נישט, פֿאַרװאָס איך בין נישט געװען קראַנק — אפֿשר פֿון נײַגיריקײט, װי אַזױ װעלן מיר אַלע אומקומען, װײַל איך האָב נישט געטראַכט, אַז אַזאַ קלײנע שיף װעט בײַקומען דעם טײַפֿון. אַלץ האָט מען פֿאַרנאָגלט — אַלע טירן צום דעק, אַלץ אַרױסגעטראָגן אונטן — בלױז אײן גיגאַנט, אַ מאַטראָס פֿון מאַלאַיע, האָט אײנער אַלײן צוגעטראָגן עסן צו די חיות און צו דעם „פּאַנדאַ", אַן אױסטראַלישן הונט אַזאַ. איך בין אַרײַן צום דאָקטאָר, געבעטן בײַ אים די מעדיצין און דעם שפּריץ און בין אַװעק צו דער משוגע'נער מײדל זי ראַטעװען פֿון די קאָנװולסיעס, און זי האָט מיר דערלױבט דאָס צו טאָן — און איז אײַנגע־

שלאָפן צווישן די קראַנקע קינדער און פרויען. צו זיי איז דער דאָקטאָר נישט געגאַנגען — זיי זיינען „אָריענטאַלס“!

אין מיין קאַבינע איז געווען ליכטיק, די עלעקטרישע באַטאַרעיע האָט געאַרבעט. עס האָט געבושעוועט דער ים־שטורעם און פלוצלינג האָט זיך דערהערט אַ קלאַפ אין טיר און עס איז אַריין דער ראַדיאָ־טעכניקער, אַ בלאַסער, אַ קראַנקער, מיט אַ פאַרבונדענעם קאָפ און מיר דערלאַנגט אַ ראַדיאָ־טעלעגראַם פון „קיינעמס לאַנד“, פון דער פינצטערניש, פון צעבושעוועטן אָקעאַן, פון עפעס אַ וועלט, וועלכע איז דאָ ביי אונדז אויף דער קליינער שיף נישט געווען. אָבער ערגעץ־וואו איז געווען יבשה, ליכט, רואיקייט און אַ גלאַטער וועג, אַ האַרטע ערד, פריינט! און אַ פריינט טאַקע, לעאָן טאַלמי, דער סעקרעטאַר פון „איקאָר“ אין ניו־יאָרק, האָט אין ראַדיאָ־טעלעגראַם געשריבן, אַז אין טאָקיאָ וואַרט אויף מיר די וויזע פאַר ביראָבידזשאַן. אַ געוואַלטיקע פרייד האָט פאַרכלינעט דאָס באַוואוסטזיין. אַ טיפע דאַנקבאַרקייט פאַר אָנצינדן אַ ליכט אין דער אַרומיקער פינצטערניש און אין דעם צעטרייסלטן ים. טאָקיאָ. אַ וויזע. אין זיבן טעג אַרום וועט זיין האַרטע ערד. עס וועט זיין טרוקן. מען וועט קאָנען אָטעמען און האָפן. איך בין אַוועק אויבן, וואו עס איז געווען דער סאַלאָן פון קאַפּיטאַן, האָב זיך אַוועקגעזעצט ביי דער וויקטראָלא און האָב געלייגט איין רעקאָרד נאָכן צווייטן — אַלע האָבן געשפּילט איין מאָטיוו: ביראָבידזשאַן... דאָס נייע קליינע טעאַטערל, וואָס עס האָט געבויט אַ קאָוונער יונגער אַרכיטעקט, גרינשטיין. איך וועל זען די נייע ביי־פאַבריק, מיט די יונגע ליטווישע מיידלעך פון שאַווועל. איך וועל זען די „אַלטע“ איינגעזעסענע „אַמוריזעטאַוואַצעס“ פון 1929, דעם אַלטן גוטערמאַן; סאַמעט, גרישא זייד, פון אַרגענטינע, די ערשטע בעלגישע יידן — איבערוואַנדערער, די ווילנער „אָרט“־גרופּע און די קינדער: די קינדער פון ביידע שולן, דער יידישער און דער אוקראַאינער. איך וועל באַזוכן כאַבאַראָווסק און אַלע, אַלע פריינט פון 1926, פון ערשטן באַזוך אין מאָסקווע. און דערנאָך — מיין איינציקן ברודער און זיין פרוי. גיין אין יידישן מלוכה־טעאַטער, הערן אַ גוטן קאָנצערט, גיין איבער די זאַוואָדן, זען, זען, זען! און ברענגען גרוסן פון „איקאָר“ אין אַמעריקע, ברענגען די מתנות — טשוועקעס, לאָפּאַטעס, אַ וואַש־מאַשין, אַ מאָטאָר פאַר עלעקטריע אין קינדער־קלוב.

אָבער דער טייפון איז דערווייל געווען דער באַלעבאָס איבער דער שיף. אויפן טיש איז געשטאַנען אַ פלאַש מיט קאָניאַק. מסתמא האָט דער קאַפּיטאַן געטרונקען דערפון — ער איז דאָך אויך געווען קראַנק אויף דער שיף. קיין מענטש איז נישט געווען אין סאַלאָן. איך האָב פאַרמאַכט די טיר צום שיף־קאָרידאָר, זיך אַוועקגעלייגט אויף אַ קאַנאַפּע, צוגערוקט אַ גלעזל, אָנגעגאָסן

דעם שטאַרקן טראָפּן, אָנגעשטעלט אַן אַרגענטינער טאַנגאָ: „די קאָפּ אַף ביטערנעס" (דאָס גלעזל מיט ביטערקייט), און אַזוי געלעגן די גאַנצע נאַכט — אויפֿן איינציקן טרוקענעם אָרט פֿון שיף, וואָס האָט זיך, ווי אַ שאָלעכץ געטראָגן איבערן גוואַלטיקן פּאַסיפֿיק, צו נייע פֿרעמדע ברעגן, צו יאַפּאַן, מיט אַ גרויסער שטאַרקער האָפֿענונג, אַז אפֿשר, אפֿשר וועט עס מיך דערטראָגן צום ווייטן, גרויסן לײַכט־טורעם ביי די פֿאָרשטעט פֿון װלאַדיװאָסטאָק.

זעכצן טעג אויפן פּאַסיפישן ים

10טן אויגוסט, 1931.

„די גרעיט נאָרטערנדאַק" אין סיאַטל, וואַשינגטאָן.

דער האַפן פון וואַנעט די שיף „יאָקאָהאָמאַ מארו" גייט אָפּ קיין יאַפּאַן.

אַביסל צעבאַלעוועט געוואָרן פון די גרויסע טראַנסאַטלאַנטישע דאמפּערס, וואָס גייען צו די אייראָפּייאישע פּאָרטן, קוק איך אַנטוישט אויף דער מיטל־גרויסער שיף, אויף דעם הייפעלע אויטאָמאָבילן ביים ברעג און אויף אַ גרופּע יאַפּאַנער מיט זייערע פרויען און קינדער, וואָס זיינען געקומען באַגלייטן די עטלעכע פּאַסאַזשירן.

מיר גייען אַרויף אויפן שיף. קיינער קוקט זיך נישט אום אויף אונדז. ערשט נאָכדעם, ווי די חברים — מיינע באַגלייטער — נעמען זיך טראָגן מיין באַגאַזש — קומט צו אַ „סטואַרד" און שיקט דעם באַגאַזש אַראָפּ אין מיין קאַבין.

נישט קיין גרויסע שיף, ווי איך האָב שוין געזאָגט — און עס איז עפּעס גלייך צו זען, אַז מיר פאָרן צום מזרח.

דורכאויס יאַפּאַנער. מען זעט עפּעס נישט קיין אַמעריקאַנער עולם — אויסער אַ צוויי־דריי פרויען, וואָס געזעגענען זיך מיט זייערע קרובים!

די שיפס־באַאַמטע שטייען, לאַכן און שפּאַסן מיט דעם עולם יאַפּאַנער. און קיין זכר איז נישטאָ פון אַ טומל, אַ ליאַרעם, פון פאַרקויפן אַמעריקאַנער „פלעגס" און בלומען — ווי אויף דער ערשטער בעסטער שיף אין ניו־יאָרק — ס'איז ניטאָ קיין סימן דערפון.

ס'איז פּוסט, היימיש, רואיק און אַלע יאַפּאַנער שמייכלען.

ווען איך בין שוין אַ האַלבע שעה אויף דער שיף, גייט צו מיר צו אַ מאַטראָז און פרעגט אויף אַ שיף־קאַרטע. אַ צווייטער באַאַמטער פרעגט זיך נאָך אויף אַ פּאַס. און ווידער ווערט רואיק.

עלף אַזייגער, צו דער מינוט — די זון שיינט וואַרעם — פאָרט די שיף אָפּ פּאַמעלעך פון האַפן.

אויפן ברעג בלייבט די קליינע גרופּע פריינט, „איקאָר"־חברים, וואָס האָבן אַזאַ אַנטייל גענומען אין צוגרייטן די רייזע מיינע און וואָס האָט אַזוי

מיטגעהאָלפֿן צוצוגרייטן אַלץ, וואָס מען דאַרף באַזאָרגן פֿאַר אַזאַ לאַנגער ים־נסיעה.

אַ וואונדער־שיינע שטאָט — סעאַטל. הויך איבערן וואַסער, אויף אַ באַרג, איז אויפֿגעבויט אַ גאַנצער שטאָט־טייל, און צווישן ביימער און בלומען קוקן אַרויס שיינע ליכטיקע הייזער. הויכע בנינים פֿון געשעפֿטן און קאַנטאָרן. אַ שיינער, לאַנגער בריק שניידט זיך אַריין אין וואַסער — דאָרט געפֿינען זיך די פֿאַרשידענע שיפֿס־געזעלשאַפֿטן, וועמענס שיפֿן עס גייען פֿון סעאַטל קיין יאַפּאַן, כינע, אויסטראַליע און אַפֿריקע. „מיין" שיף איז פֿון דער „ניפּאָן־יוסאָן־קאַישאַ" ליניע, און זי האָט געמעגט זיין גרעסער, די שיף. זעקס טויזנט טאָן האָט זי אינגאַנצן און „מאַכט" גאַנצע דרייצן מייל אַ שעה. מיר רוקן זיך אָפּ אַלץ מער און מער פֿון לאַנדונג־פּלאַץ. די גרופּע מענטשן ווערט אַלץ וויניקער. באַלד זעט מען נאָר דאָס בערגל מיט די געדיכט־אויסגעבויטע הייזער — מער נישט.

מיר פֿאָרן לענגאויס די ברעגן — נאָך אַלץ אין האַפֿן — אין „פּיודזשעט־סאונד". פֿאַרביי גרינען זיך בערגלעך, וועלדער. דאָ און דאָרט זעט זיך אַ רויך — דאָס ברענט טאָקע אַ וואַלד. דער וועטער איז גוט. קלאָר, ניטאָ קיין ווינטל — און עס זעט נאָך אַלץ ניט אויס ווי אַ ים־רייזע, נאָר ווי מען וואָלט געפֿאָרן מיט דער „האָדסאָן־ריווער לאַין" אויף אַ פּיקניק.

עס גלויבט זיך נישט, אַז פֿאַר מיר ליגן זעכצן טעג פֿאָרן — ביז טאָקיאָ. עס גלויבט זיך ניט, אַז באַלד וועט זיך עפֿענען דער אָקעאַן אויף אַן אמת — און די לעצטע פֿאַר טעג אין סעאַטל, סאַן־פֿראַנציסקאָ און לאָס־אַנדזשעלעס וועלן ווערן אַ פֿאַרגאַנגענע זאַך.

⁂

פֿינף אַזייגער. מיר שטעלן זיך אָפּ. עס איז וויקטאָריאָ, בריטיש קאָלאָמביע. מיר נעמען־אויף דריי יאַפּאַנער; צוויי „רוסישע" פּאַסאַזשירן — וואָס פֿאָרן אין טאָקיאָ און אַ קאַסטן מיט דריי הינער, וואָס ווערן געשיקט קיין יאַפּאַן. מיר שטייען דאָ אַ שעה, און מען ליגט אונדז פֿאַר צו פֿאָרן אויף אַ קורצער צייט אין שטאָט אַריין.

וויקטאָריא איז די שטאָט פֿון בלומען און זונשיין — אַזוי זאָגט אַן אַרטיקל אין אַ דאָרטיקער צייטונג.

דער אימיגרעישאָן־קאָמישאָנער נעמט צו די פּאַספּאָרטן אויף אַ „משכון", און מען פֿאָרט אין שטאָט.

מיר זיינען אין גאַנצן דריי אַמעריקאַנער פֿרויען. די צוויי איבעריקע פֿאָרן — איינע אין טאָקיאָ, וואו זי לעבט שטענדיק און וואו זי איז געבאָרן געוואָרן פֿון אַמעריקאַנער עלטערן, און די צווייטע פֿאָרט אין שאַנכאַי, כינע,

צום חתן, וועלכער איז אַ צייטונגס־מאַן, פאַרבונדן מיט „דיפּלאָמאַטישן" דינסט. דאָרט וועט זי חתונה האָבן, ווי אַלע אַמעריקאַנער כלות. זי איז אַ מיידל פון סיאַטל, אַ סטודענטקע פון אוניווערסיטעט פון וואַשינגטאָן סטעיט, מיט אַ מאַנדאָלינע, מיט אַ „יוקילעלע" און מיט אַ מאַסע „בלוס" פון אויר־ווינג בערלינס „סאָנגס".

עס ווערט פרייליך. צוויי יאַפּאַנער פאָרן מיט אונדז מיט. איינער האָט געלערנט אין באָסטאָן אין „ביזנעס" קאָלעדזש פיר יאָר צייט, און איצט פאָרט ער „מאַכן" געלט אין קאָבע, יאַפּאַן. די אַמעריקאַנער האָבן אים אויסגע־לערנט צו האַנדלען — איצט גייט ער מיט זיי קאָנקורירן.

דער צווייטער יאַפּאַנער איז פון פּרינסטאָן אוניווערסיטעט. ער איז אייגנטלעך אַ קאַרייער, אַ סטודענט פון סאָציאָלאָגיע.

איידער דעם פירט מען אַריין אויפן שיף פיר גרויסע וואָלף־הינט — דייטשע „פּאָליס־דאָגס" — זיי זיינען אַקטיאָרן פאַר מואַוויס.

די קורצע שעה פאַרגייט שנעל און מיר פאָרן שוין ווייטער. וויקטאָריא איז אונדזער לעצטער אָפּשטעל. פאַרנאַכט זען מען הויכע בערג, באַדעקט מיט שניי — „אָלימפּיק מאַונטעינס" — אַזוי זאָגט דער סטודענט פון באָסטאָן.

אַ שטאַרקער נעפּל הויבט זיך אויף, די בערגן זיינען ווייס, צוגעדעקט פון טומאַן. און מיר פאָרן אַריין, אַזייגער אַכט, ביי די פלאַמען פון אַ אונ־טערגייענדיקער זון, אין פּאַסיפישן ים אַריין.

— פאַרשוואונדן די גרינע בערג, פאַרשוואונדן דער ריזיקער תבואה־עלעוועיטאָר ביים ברעג. איצט וועט זיין הימל און וואַסער פאַר אַ לאַנ־גער צייט.

דער אימיגרעישאַן־קאָמישאַנער האָט געזאָגט, אַז וויקטאָריא איז אַ מאָדנע שטאָט. דאָ קומט מען זיך באַזעצן, ווען מען האָט שוין געמאַכט אַ סך געלט. מען לעבט דאָ רואיק און אָן זאָרג — איירישע, ענגלישע, אַמעריקאַנער — אַלע „ריטאַירד". ביזנעס הויבט זיך אָן אינדערפרי, נאָך ניין אַזייגער. ווער עס וויל אויפשטיין פריער, מוז זיך צודיקליגן שלאָפן — קיינער וועט מיט אים נישט ריידן פריער. טאָמער וועט עמיצן איינפאַלן אויסקלאַפּן אַ פּאַר טעפּיכער אין דער פרי — קלאָגט מען אים אין געריכט פאַר שטערן די רו!

דאָס זאָגט דער אימיגרעישאַן־קאָמישאַנער — אַ מענטש מיט אַ רויטער נאָז פון אַ טרינקער, ער רעדט לאַנג און לעבעדיק — קענטיק קיין סך גע־שעפטן האָט ער נית.

— קיין דעפּרעסיע און אַרבעטסלאָזיקייט, — זאָגט ער, — איז „ביי אונדז" אין וויקטאָריא ניטאָ. מען לעבט רואיק און גוט... זיינע פריינט, רעגירונגס־באַאַמטע, לעבן גוט. און איך מעג עס אים גלויבן...

**
*

מיר עסן צוזאַמען מיט דער גאַנצער שיף־אַדמיניסטראַציע, ווייל קיין סך פּאַסאַזשירן זיינען ניטאָ. אַלץ אויף אַ הימישן שטייגער.

ס׳הויבט זיך אָן אַ צערעמאָניע פון פאַרשטעלן זיך און נייגן מיט קאָפּ. די יאַפּאַנער פאַרנייגן זיך אַזוי פיל מאָל, וויפל ווערטער דער פּאַרטנער זאָגט דערביי. פון דער זייט זעט דאָס אויס, ווי אַ טעאַטער־פאָרשטעלונג. די יאַ־פּאַנער זיינען זייער העפלעך און פאַרשטייען אַלץ אויפן וואונק.

זיי אַרבעטן פלינק און אָן אַ שאָרך. זיי באַוועגן זיך נאָך אַ סיסטעם און יעדע באַוועגונג איז אויסגערעכנט.

זיי זיינען זייער צופרידן וואָס מען פאָרט קיין יאַפּאַן, אָבער מען איז זייער טאַקטיש און באַשיידן. קיין איין איבעריקע פראַגע ווערט נישט געשטעלט. ביזנעס־טאַקט.

אויפן דעק איז פוסט און אומעטיק. אַ פייכטער ווינט בלאָזט. אַלץ איז צוגעדעקט מיט אַ גראָבן ברעזענט און צוגעבונדן מיט שטריק. די הינער האָט מען אַוועקגעטראָגן. די הינט זיינען אונטן אין אַ שטייג. די שיף ציטערט אַביסל — זי גייט אַריין אין אָפענעם ים.

די ערשטע נאַכט אויף דער „יאָקאָהאָמאָ מאַרו״... אַ שטיק אָריענט האָט זיך אַריינגעכאַפּט. אַ נייע וועלט, אין וועלכער מען מוז לעבן צוויי וואָכן.

**
*

20טער אויגוסט.

אַ גלאַטער, גרוי־בלויער ים און אַ הימל פאַרגאָסן מיט זון. ס׳איז וואַרעם, גוט און אומעטיקלעך. ניטאָ קיין טומל, ניטאָ קיין מענטשן, וואָס זאָלן אַריינברענגען אַביסל לעבן — און דערהויפּט, ניטאָ קיין ציַיטונג, ווי אויף די טראַנסאַטלאַנטישע שיפן. דער ראַדיאָ־אָפּערעיטאָר זאָגט צו, אַז וויכטיקע נייעסן וועט ער מיר איבערגעבן אויב עס וועט זיין — און שפּעטער, אין עטלעכע טעג, וועט מען די נייעסן דרוקן אויף אַ שטיקל בולעטין.

איך הויב אָן זיך באַקענען מיטן עולם.

עס פאָרן אַרום 25 יאַפּאַנער מיט זייערע פאַמיליעס און קינדער. דער מיטלקלאַס — גאַנץ גוט אָנגעטאָן. לויטן אויסזען — האַנדלס־לייט, קרעמער.

די צוויי „רוסן״, וועגן וועלכע עס איז געווען אין דער „וויקטאָריא טיימס״, אַז זיי פאָרן אין טאָקיאָ — סלאַווינסקי און קריקער — זיי געפעלן מיר נישט. הלוואי האָב איך אַ טעות — אָבער איינער פון זיי, אַ הויכער מיט שאַרפע אויגן, זעט אויס ווי אַ געוועזענער „אָכראַניק״ פון לאָדזש. זיי האַלטן זיך

באַזונדער פון די איבעריקע פּאַסאַזשירן און ריידן שטענדיק ווען זיי זייגען צוזאַמען.

אין יאַפּאַנערין, זייער אַ שיינע, זעט נישט אויס ווי אַ יאַפּאַנערין, דרייט זיך אַרום אויפן דעק אין אַ שיינער אויסגענייטער יאַפּאַנישער קימאָנע, מיט אויסגענייטע סאַנדאַלן אויף די קליינע פיס. איר דריי־יעריקער זון טראָגט אַ סוועטער, שלעפט זיך אַרום מיט אַ גרויסן וואַלענעם בער, און זעט אויס ווי אַן איטאַליענישער יינגל פון קריסטי סטריט, ניו־יאָרק.

דאָס איינציק אינטערעסאַנטע אויפן שיף איז — די קיך. דאָרט איז עפּעס אַ סאָרט קלוב. אַלעמאָל איז דאָרט דאָ, אויסער קוכער און זיין גע־הילף, אַ זייטיקער עולם. און עס איז פריילעך.

דאָס איז די קיך פאַר דער מאַנשאַפט פון שיף — די פּאַסאַזשירן־קיך ליגט ערגעץ אַנדערש. אַהין קען מען נישט אַריינקוקן.

אינטערעסאַנט, ווי דער יאַפּאַנער האָט ליב בלומען. דאָס ביסל גרין, די נאַטור. די טיר פון קיך איז אָפן. אויף דער פּאָדלאָגע שטייט אַ גרויסער שעפּל מיט רייז. דרויסן שטייען קערב מיט סאַלאַט און מיט סעלערי, און נעבן דער טיר, אין אַ בלעכענעם קעסטל, מיט ערד, וואַקסט אַ דאַרינקער, טרוקענער קוסט מיט קליינע, גרין־געלע בלעטער — אַ קליינע מאַנגאָליע. דאָס האָט זיך דער פויערשער זון, דער קוכער, ווייט פון זיין שטיקל יאַפּאַני־שער ערד, דאָ אויפן ים, צווישן הימל און וואַסער, פאַרפלאַנצט אַ שטיקל ביימל.

און אַביסעלע ווייטער — געשיצט קעגן ווינט און אַ שטיקל פאַרטיפונג — צווישן אַ טרעפּל און אַ ברעזענטענעם פאַרהאַנג — שטייט אַ צווייט היל־צערן קעסטל מיט אַ גרין מירטן־ביימעלע. דאָס געהערט צום צווייטן שטייער־מאַן־געהילף. און ביינאַכט, ווען מען גייט איבערן דעק שפּאַצירן, און מען קוקט אַריין אין די באַלויכטענע פענצטערלעך פון די שיפס־לייט, זעט מען טעפּ מיט געוויקסן אויף זייערע טישן.

אַ מאָדנע בלומען־ליבנדיק פאָלק, די יאַפּאַנער. אָדער, איז עס מער נישט ווי אויפן שיף — וואו קיין גאָרטן איז ניטאָ און מען קאָן נישט זיין כסדר אין דער נאָסער אוממעגלעכקייט?

**
*

מען פירט אַרויס די גרויסע וואָלף־הינט אויף אַ שפּאַציר. גרויסע שיינע חיות. זייער דערשראָקענע פון דער ים־רייזע — און זייער אויפגערעגטע. דער מאַן, וואָס פירט זיי אַרום, לאָזט זיי נישט צו צו די פּאַסאַזשירן — זיי זייגען צו דערשראָקן פון דער אומגעוויינלעכער סביבה און פון דעם פאַרביילויפנדיקן ים.

איינזאַם. קיין גרויסער פּאַרקער איז אויפן פּאַסיפיק נישטאָ. מיר וועלן טרעפן סך־הכל איין שיף אין עטלעכע טעג אַרום. די אָפּגעריסנקייט פון דער וועלט פילט זיך זייער שטאַרק.

אַ שטיקל וויטן גרוס פון סאַוועטן־פאַרבאַנד האָבן מיר היינט געהאַט, ווען דער קאַפּיטאַן האָט ביים טיש געזאָגט — אַז מיר זיינען עטלעכע הונ־דערט מייל ווייט פון די אַלעאוטישע אינדזלען. אָבער פּאַרט עטלעכע הונ־דערט מייל — נענטער וועלן מיר נישט צוקומען. מיר פאָרן אויף אַ גלייכער ליניע פון סעאַטל ביז יאָקאָהאָמאַ — 4,200 מייל.

אָבער מיר האָבן טרייע, איבערגעגעבענע באַגלייטער. דריי ברוינע, שיינע פייגל באַגלייטן אונדז פון וויקטאָריאַ אָן, און קרייזן אַרום אין אַ ברייטן בויגן אונדזער שיף דורכן טאָג. ביינאַכט זעצן זיי זיך אויף ווייט פון קווי־מען און מיט די ערשטע שטראַלן פון טאָג זיינען זיי ווידער אויף זייער אומ־דערמידלעכן פּאָסטן.

און עס נעמט אַרום אַ מאָדנער געפיל פון היימישקייט, פון אַ שטיקל זיכערקייט, פון אַ שטיקל יבשה, ווען מען שטייט אויפן דעק און מען זעט זיי קרייזן אַרום שיף.

נעכטן האָט זיך צום ערשטן מאָל באַוויזן עפּעס אַ קליין פייגעלע, קוים־קוים צו זען איבער די בלויע כוואַליעס. דאָס איז געווען איינע פון די יונגע מעוועס, וואָס זיינען אויף דער שיף, אין אַ שטרויענער נעסט געבוירן גע־וואָרן און וואָס פּרוּווּן איצט זייערע ערשטע כוחות אין די פליגלען, אונטער די אויגן פון די דערוואַקסענע ים־פייגל.

היינט איז דער 21טער אויגוסט, 1931.

אַ וואַרעמער רעגן־טאָג. נישטאָ קיין זון. די וויכטיקע נייעס אויפן ראַדיאָ: דער פליער לינדבערג און זיין פרוי, וועלכע האָבן זיך געאיילט צו קומען היינט אין טאָקיאָ, האָבן זיך געמוזט אַראָפּלאָזן אין ים און אַ שיף וועט זיי ברענגען אין נאַמיר, יאַפּאַן. דאָס איז היינט די איינציקע וויכ־טיקע פּאַסירונג אין דער גרויסער וועלט, וואָס אונדזער שיפס־ראַדיאָ האָט געפונען פאַר נויטיק אונדז אָנצוזאָגן. מער זאָגט דער ראַדיאָ־אָפּערעיטאָר נישט. ווי האַלט עס אָבער מיטן מאַיינער־סטרייק אין אָהיאָ, פּענסילוועיניע און וועסט־ווירדזשיניע? וואָס מאַכן די פּעטערסאָנער סטרייקערס? וואָס קומט פאָר ביים „באָלדער־דעם" אין קאָלאָראַדאָ? אויף דעם איז ניטאָ קיין ענטפער. דאָס זיינען אויף דער שיף די נישט־אינטערעסאַנטע נייעס.

עס ווילט זיך אַריינגיין אין „קלוב", צום קוכער. אַ חברה פון פינף מאַטראָסן שטייען דאָרט און עסן רייז מיט צוויי שפּיציקע העלצלעך. זיי זיינען נאָך אין זייערע אַרבעטס־בגדים, לייוונטענע „אָוועראָלס". זיי זיי־נען נאָר וואָס אַרויס פון קעסל־אָפּטייל. זיי וואַרפן זיך איבער מיט באַמער־

קונגען און שפּאַסן. ווען איך קאָן ריידן יאַפּאַניש! וויפֿל אינטערעסאַנטע זאַכן איך קאָן זיי דערציילן וועגן זייערע חברים־מאַטראָסן פֿון אַנדערע שיפֿן, פֿון אַנדערע לענדער און פֿעלקער! איך בין מקנא דער אַמעריקאַנער פֿרוי, וואָס לעבט אין טאָקיאָ, וואָס איז דאָרט געבוירן געוואָרן און וואָס רעדט יאַפּאַניש. זי רעדט אָבער בלויז מיט דעם קאַפּיטאַן און מיט די שיפֿס־אָפֿיצערן. אין קיך קוקט זי אַפֿילו נישט אַריין. און עס פֿאַלט איר אַפֿילו נישט איין צו גיין איבער דער שיף, אַ קוק צו טאָן אויפֿן שפּיטאָל, פֿון וועלכן עס קומען פֿון צייט צו צייט אַרויס צווי בלאַסע יאַפּאַנער אין געשטרייפֿטע קראַנקן־כאַלאַטן און קוקן אויף דער זון מיט אַ בענקשאַפֿט, עפּעס ווי מיט אַ פֿראַגע: ווי לאַנג נאָך?

ווען איך קאָן ריידן צו זיי! וויפֿיל אינטערעסאַנטער וואָלט געווען אַ שמועס מיט זיי, איידער מיט דעם סטודענט פֿון פּרינסטאָן אוניווערסיטעט, וועלכער דערציילט וועגן „קאַמפּוס", וועגן זיין פֿרוי, וועגן פּיקניקס און זיין „יאַכט" אין לאָנג איילאַנד סאַונד... איך געדענק, מיט פֿיר יאָר צוריק, אויפֿן וועג פֿון פּאַלעסטינע, אויף דער טערקישער שיף „האַמידיע", צווישן יפֿו און אַלעקסאַנדריע. היימיש, פֿריילעך, זאָרגלאָז — אַזוי לאַנג, ווי די ריַיזע איז געווען באַצאָלט. מ'האָט געזונגען לידער, געטאַנצט מיט די מיידלעך־חלוצות די „האָראַ", אַ „שערל", דעם „האָפּאַק". און דאָ, אויף דער אָריענטאַלישער שיף „יאָקאָהאַמאַ מאַרו", דריי איך זיך פֿאַרנאַכט אַרום זייער מאַטראָסן־קיך און וווּטער פֿון אַ נייגעריקן קוק אָדער אַ שמייכל גייט עס נישט. איך בין אָבער די איינציקע, וואָס גייט פֿאַרביי די קיך אויף די שפּאַצירן און זיי קאָנען מיך שוין. אויסער דעם ווייסט מיין „סטואַרד", וועלכער רעדט ענגליש, אַז איך פֿאָר אין וולאַדיוואָסטאָק — און ער קוקט אויף מיר מיט נייגיר.

די זון האָט זיך באַוויזן. די פּאַסאַזשירן זיינען אַרויס אויפֿן דעק. אַ פּאָר פֿעלן, מסתּמא נישט געזונט, ווייל דער ים איז היינט אַביסל אומרואיק.

די שיף איז זייער רייך — אין בעסערן קלאַס, אין געוועזענעם צווייטן — איז אָפּגעלאָזן און פֿינצטער — אין דריטן, מיט דעם ספּעציעלן ריח פֿון דער אונטערשטער קאַבינע — סמאָלע אין קאַרבאָל, דער גערוך אין שפּיטאָלן פֿאַר אָרעמעלייט! קליינע פֿענצטערלעך און בעטלעך איינס איבערן צווייטן. „אַזיאַטיק סטירעדזש" רופֿט מען עס. נאָר פֿאַר „אָריענטאַלס", פֿאַר מענטשן נישט פֿון דער ווייסער ראַסע. אָבער ווייסע, דעפּאָרטירטע „אומ־געווינטשטע", „פֿרעמדע", פֿאָרן דווקא אין דעם קלאַס. דער חבר פֿון די „פֿרענדס אָו סאָוועט יוניאָן", וואָס האָט מיך באַגלייט ביים אָפּפֿאָרן אין סעאַטל, האָט מיר דערציילט, אַז מיט יעדער שיף פֿאָרן אָפּ פֿערצן־פֿופֿצן דעפּאָרטירטע, און ער אַליין מיט זיין פֿרוי זיינען פֿאַר'מקשפּט דעפּאָרטירט

צו ווערן אין שאַנכאַי, ווייל זיי זיינען נישט קיין סאָוועטישע בירגער, און ווייל מיט דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד זיינען ניטאָ קיין דיפּלאָמאַטישע באַציאונגען, שיקט מען די סאָוועטישע רוסישע אמוּוילקאָמענע עלעמענטן אין דעם פרייען פאָרט שאַנכאַי, און דאָרט מוז מען זיי אויפנעמען.

22טן אויגוסט.

דער פערטער טאָג. די שיף גייט גלאַטיק, קיין שטאַרקע כוואַליעס זיינען ניטאָ. און דאָך זיינען צווי פּאַסאַזשירן קראַנק: די מיידל, וואָס פאָרט צום חתן אין שאַנכאַי, און דער קאַרייער פון פּרינסטאָן אוניווערסיטעט. די יאַפּאַנעזישע פרויען זיצן מייסטנס אין זייערע קאַבינען, די קליינע קינדער לויפן איבערן דעק, און איינער פון די צוויי רוסישע פּאַסאַזשירן איז אויך קראַנק.

איך זוך אַביסל קלאַסן־קאַמף און איך האָב עס געפונען.

אויף איינער פון מיינע וואַנדערונגען איבערן גאַנצן שיף האָב איך אָנגעטראָפן לעבן קעסל־אָפּטייל צוויי יאַפּאַנער, אַן עלטערן און אַ מיטל־יאָריקן. דער צווייטער האָט אַ פאַרבריטן פּנים, ווי עפּעס אַ פּליסקייט וואָלט אַראָפּגענומען דיך געלע יאַפּאַנישע הויט און האָט אויף אַ שטיקל באַק אויסגעברענט העל־רויטע פלעקן.

מיר קוקן, ווי דער מאַטאָר גייט און ווי דער הייצער וואַרפט פון צייט צו צייט אַביסל קוילן אין דעם אויוון. דאַן גייען מיר אַרויס, און דער יאַפּאַנער פרעגט ביי מיר, האַלב־ענגליש, האַלב־„פינגעריש", צי איך פאָר אין טאָקיאָ פאַר ביזנעס. איך זאָג, אַז נאָר פאַר אַ קורצער צייט. ער פרעגט מיך, פון וואַנען איך בין. ווען איך זאָג: פון ניו־יאָרק, מאַכט ער:

— פון דאָרט האָט זיך דאָס אָנגעהויבן די צרה מיט דעם קריזיס. די רייכע מענטשן האָבן געשפּילט אויף דער בירזשע, ספּעקולירט, און איצט דריקן זיי אונדז, די אָרעמע לייט.

ער זאָגט ווייטער:

— יור קעפּיטאַליסט נאָ גוד (אייערע קאַפּיטאַליסטן טויגן ניט).

איך בין אַבסאָלוט איינשטימיק מיט אים, און ער האָט הנאה דערפון.

צי בין איך נישט אין ביזנעס?

ניין, איך בין אַ זשורנאַליסטקע.

צי איך שרייב וועגן קריזיס?

יאָ, אויך וועגן דעם.

טאָ זאָל איך אָנשרייבן, אַז אַלע האָבן געמיינט, אַז ווען הואווער וועט זיין פּרעזידענט, וועט זיין אַ גאָלדענע צייט פאַרן אַרבעטער און קליינעם ביזנעסמאַן, דערווייל גייען זיי איצט „טו דהי דאָגס".

ער האַנדלט מיט געגנוצטע קליידער און האָט צו טאָן מיט אַרבעטסלאָזע, וואָס פאַרקויפן ביסלעכווייז זייער האָב און גוטס, ביז וואַנען זיי בלייבן אין דעם זומער־אַנצוג און אַ פעקל מיט וועש. דאַן גייען זיי שוין נישט אַרויס פון דעם האַל פון דער סאַלוועישאַן אַרמיי, וואו זיי שלאָפן צו 150 מאַן אויף דער פאָדלאָגע, געדעקט מיט אַ שיכט שטרוי.

ער זעט עס שוין אַ יאָר צייט אין סעאַטל. צווישן זיינע לאַנדסלייט, יאַפּאַנער, זיינען דאָ פופצן טויזנט אַרבעטסלאָזע. טייל זיינען אַוועק אויפן לאַנד צו די פאַרמער, טייל מאַטערן זיך דאָ מיט אַ טעפל קאַווע און אַ קראַמקע ברויט.

ער פאָרט צוריק אין יאַפּאַן, אפשר איז דאָרט בעסער. זיין זון, 20 יאָר אַלט, האָט ער איבערגעלאָזן אין סעאַטל. ער אַרבעט אויף די דאקס אַלס טרעגער. די „ביזנעס" האָט ער פאַרמאַכט. ער איז זייער אויפגעבראַכט אויף דער רעגירונג, וועלכע דערוועגט זיך צו האָבן מיליאָנען אַרבעטסלאָזע, העלפט זיי נישט און פאַרזאָרגט מיט געלט אויסלענדישע באַנקירן און פרעמדע רעגירונגען. זאָגט ער עטלעכע מאָל זיין „נאָ גוד" און מאַכט זיינע אויספירונגען. און איך זאָל וועגן דעם שרייבן, אַלע זאָלן וויסן.

פינף און צוואַנציק יאָר איז ער אָפּגעזעסן אין אַמעריקע. זיינע יונגע יאָרן אָפּגעגעבן אַלס קוכער, באַטלער, גערטנער, זיך אַביסל געלט אָפּגעשפּאָרט און אַריין אין „ביזנעס", געמאַכט אַ שטיקל לעבן, ביז ער האָט אין אַ באַנק פאַרלוירן זיינע אָפּגעשפּאָרטע טויזנט דאָלאַר. און קיין קליידער קויפט קיינער נישט, אויב מ׳האָט אַ פּאָר סענט, קויפט מען שפּייז.

— איר זעט סעאַטל נאָר פון אויבן, — זאָגט ער. — קומט אין אונדזער קוואַרטאַל, קומט אין מעקסיקאַנישן קוואַרטאַל, וועט איר זען, ווי מענטשן לעבן.

— מיין אַלטן טאַטן נעם איך מיט, — זאָגט ער ווייטער. — ער זאָל נישט שטאַרבן פון הונגער.

אין זיינע אויפגעבראַכטע, בייזע, שמאָלע אויגן איז געווען אַזאַ האַס צו דער אָרדענונג, וואָס קאָן נישט פאַרזאָרגן אים ביז צום סוף פון זיינע יאָרן מיט געגנוג סטאַבילע באַדינגונגען כדי צו מאַכן פון זיין ביזנעס אַ דערפאָלג, און נישט מאַכן אים אויסצושטיין די קאַפּיטאַליסטישע קאַפּריזן און באַנקבאַנקראָטן.

— איך בין נישט קיין אַמעריקאַנער בירגער, — לאָזט ער וויסן, — אָבער אויב איך וואָלט געווען, וואָלט איך קיינמאָל נישט געשטימט פאַר הואָווער׳ן און זיין פּאַרטיי. זיי פאַרזאָרגן מיט געלט די מאַגנאַטן און נישט דעם אָרעמאַן.

ווער וואָלט דאָס געקאָנט זאָגן, אַז דער שמאָל־געבויטער יאַפּאַנער מיט

די זיידענע שטעק־שיך אויף די קליינע פיס האט אזא פאליטישן טעמפעראַ־מענט ?

ער איז דאך שוין פאליטיש אויסגעוואקסן ביז צו דער מדרגה פון ראַ־בערט לאַ־פאַלעט, מיט זיינע נעבעכדיקע פראָטעסטן פון אַ קליינעם אַלט־וואַרג־פעדלער...

אָבער אויך דאָס וויניקע האָט מיך דאָ, אויף אַ פרעמדער שיף, מיט אַ פרעמדער וועלט, אַזוי פאַרשיידן פון דעם קאָכיקן ברויזנדיקן קלאַסן־קאַמף אין אַמעריקע, אָנגעפילט מיט צופרידנקייט, דערפאַר וואָס אַ קליין שרייפעלע אין דער ביזנעס־מאַשין, וועלכע האָט זיך פּלוצלונג אָפּגעשטעלט, פּראָטעס־טירט קעגן דעם מאַסן עלנט און פאַראַרעמונג פון מיליאָנען אַרבעטער.

***

היינט בייטאָג וועלן מיר פאַרבייפאָרן אַלאַסקאַ. אפשר דערפאַר איז היינט אַ קאַלטער טאָג מיט אַ ווייסן, געשפּענסטלעכן טומאַן. עס האָט זיך דערפילט מיטאַמאָל דער האַרבסט, און — — — אין געדאַנק איז מען שוין אויף דער גרויסער סאָוועטישער שיף „טשיטשערין“, וואָס פאָרט איבערן אַמור פון בלאַגאָוועשטשענסק ביז כאַבאַראָווסק, פאַרביי די נייע קאָלאָניעס לעבן אַמורזעט. דאָרט איז איצט דער שענסטער וואַרעמער וועטער. פראַכט און שפּייז און מענטשן שיטן זיך פון איין לאַנדונגס־בריק איבער דעם צווייטן צו פאַרזאָרגן די קאָאָפּעראַטיוון אויפן לאַנגן ווינטער מיט פּראָדוקטן.

ווי גוט עס וועט זיין צו דערקענען איינצעלנע פריינט, חבֿרים און „אַלטע“ איבערוואַנדערער.

דער ערשטער וויזיט וועט זיין אין דער קאָמונע „איקאָר“, צו די פּיאָנערן, די פאַרביסענע, די מוטיקע — — —

נאָר עס איז נאָך ווייט ביז אַהין, און צום אויסמאָלן זיך בילדער וועט נאָך זיין גענוג צייט.

***

אַ גרופּע פּאַסאַזשירן האָט זיך אָרגאַניזירט צו שפּילן ברידזש מיט דער אַמעריקאַנישער לעידי, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין טאָקיאָ, פירט אַן אָפּטיילונג פאַר מאָדעס און קאָכן אין „יאַפּאַן אַדווערטאַיזער“, האָט אַ ספּע־קוליר געטאָן מיט קליידער, וואָס זי האָט געבראַכט קיין לאָס־אַנדזשעלעס. דאָראָטי עדגערס הייסט זי.

און אונטן, אויפן דעק, אַרבעט אַ חבֿרה מאַטראָסן ביי פאַרזשאַווערטע שטריק און פּוצט זיי מיט אַ באַרשט, ביז זיי ווערן ווידער זויבער. נעבן דער קיך הענגט היינט אַביסל שלעכט־אויסגעוואַשענע מאַטראָסן־וועש, דער סימ־

באַל פון אַרעמקייט. פאַר די פּאַסאַזשירן איז דאָ ריינע, ווייסע וועש, וואָס ווערט יעדן טאָג געביטן. ביי דער מאַטראָסן־קיך פלאַטערט אויפן ווינט אַ הייפל גרויע העמדער און לייבלעך, ווי ביי די סלאַמס אין פּענסילוועניע, נעבן די ביידלעך פון די סטרייקנדע מאַינערס. ווי ציניש און ניט פאַרדעקט קאַפּיטאַל אָרדנט זיך איין: ווייסע הויט — שוואַרצע הויט, ווייסע וועש — גרויע וועש.

די מאַטראָזן אַרבעטן דעם גאַנצן טאָג — אָדער מען שייערט דעם דעק, אָדער מען לאַקירט די פאַרענטשעס פון שיף, אָדער מען פוצט די קייטן פון אַנקער.

אַ לייען־שטיבל, אָדער אַ צייטונגס־קלוב, פאַר זיי, איז נישטאָ. איך האָב געפרעגטביים צווייטן סטואַרד, וואָס זיי טוען נאָך דער אַרבעט, האָט ער מיר געענטפערט, אַז זיי... שלאָפן.

— אָבער פאַר די ליוטענאַנטס איז דאָ אַ רויכער־סאַלון, פאַרוואָס איז ניטאָ פאַר די מאַטראָזן?

האָט ער אויף מיר אַ קוק געטאָן און לאַנג, לאַנג געשוויגן, דאַן האָט ער געזאָגט:

— אפשר וועט דאָס נאָך מיט דער צייט ווערן...

דער ענטפער איז מיר געפעלן געוואָרן, ווייל ער האָט דערביי זייער מאָדנע געשמייכלט. איך וועל אים פרעגן, צי ער איז אַ מיטגליד אין דער מאַטראָזן־יוניאָן.

***

היינט פליען שוין פיר גרויסע טשייקעס און צווי קליינע און זיי קומען צו נאָענט אויב מען וואַרפט עפּעס אין ים אַריין פון קיך.

נעכטן האָט זיך געוויזן אַ שוואַרצער רוקן אין וואַסער, און אַ מאַטראָז האָט געזאָגט, אַז דאָס זיינען דעלפינען. קיין שיף זעט זיך ניט. קיין „טראַפּיק" איז ניטאָ, איז אַ רוקן פון אַ דעלפין אויך אַ פּאַסירונג.

יעדע מינוט קומט עפּעס פאַר אין דער וועלט און דאָ פאַרפאַרט מען זעכצן טייערע טעג אין גאָרנישט.

יאָ, יאָ, — לינדבערג איז גליקלעך צוריק אַרויף אויפן עראָפּלאַן און פליט אין נאָמיר — יאַפּאַן.

***

אויגוסט 23, זונטיק.

נעכטן אין אָוונט האָט זיך באַוויזן אַ גאַרוועגישע פראַכט־שיף און אַלע זיינען אַרויס אויפן דעק אַ קוק טאָן און אפשר דערזען מענטשן.

די שיף גייט פון יאָקאָהאַמאַ צוריק אין סעאַטל. קיינע מענטשן זעען זיך ניט, נאַטירלעכע גרויסע מאַסטן, אַ שטאַרקער קוימען און שוואַרצע פאַר־סמאָליעטע באָרטן. אפילו קיין מאַטראַזן אויך נישט. מיר פאָרן דורך אין אַ נעפּל און די האַמפּסירענע האַלט אין איין פייפן אין דער נאַכט. עס מאַכט אַ שווערן איינדרוק — אַזוי ווי מען וואָלט מורא געהאַט אַרויפצופאָרן אויף אַ צווייטער שיף. אין די הפסקות צווישן די סירענע קאָן מען פאַרשטיין איינער דעם צווייטן.

ערב זונטיק, שבת ביינאַכט, האָט מען, לכבוד די פּאָר אַמעריקאַנער גע־מאַכט אַ יאַפּאַנעזישן מאָלצייט. אַ ספּעציעלע זופּ פון רעטעכער און אוגער־קעס, זייער אַ שאַרפע, וואָס מען טרינקט פון אַ גלאָז, אַן אַ לעפל און אַ מאָדנער געריכט פון אַ לאַנגן, שמאָלן פיש, וואָס זעט אויס ווי אַן „איל", אָבער עס וואָלט מיך גאַרניט געוואונדערט, אויב דאָס איז אַ שלאַנג. ברוין גע־בראָטן, מיט רייז און אַ שאַרפע סאָוס, ווי פייער. דערצו האָט מען געגעבן שטיקלעך האָלץ אַנשטאָט אַ גאָפּל. איך האָב געקוקט אויף די גלאַטע, שמאָלע האָלץ־שפּיצן און האָב זיי מיטגענומען אַלס אָנדענקען. געגעסן האָב איך אָט די „שלאַנג" מיט אַ גאָפּל. עס איז געווען גאַנץ פּיקאַנט און געהייסן האָט עס: „אינאַגי דאָנבור". אַלע האָבן זיך געפילט אין דער היים — בפרט מרס. עדגערס, וועלכע איז דאָך געבוירן געוואָרן אין טאָקיאָ, אויפגעוואַקסן דאָרט און האָט אַ יאַפּאַנישן קוכער.

ביינאַכט, נאָכן מאָלצייט איז מען געזעסן אין רויכער־צימער און דער קאַ־פּיטאַן האָט אויפן גראַמאָפאָן אַרויפגעשטעלט אַ רוסישן רעקאָרד, דאָס ליד פון דער רוסישער אָפּערע: סאַרקאָ — די אַריע פון אינדישן גאַסט... און אַ בענקשאַפט האָט מיך אַרומגעכאַפּט נאָך דעם מאָסקווער אָפּערע־טעאַטער. נאָך די גאַסן און בולוואַרן, נאָך די געפּאַקטע טראַמווייען אויף די אָפּשטעל־פּונקטן. די בענקשאַפט האָב איך געמוזט באַהאַלטן, ווייל אַלע קוקן זיך צו זייער אויפמערקזאַם, זינט זיי ווייסן, אַז איך פאָר ווייטער ווי טאָקיאָ. בכלל איז דאָס געווען אַן אָוונט פון איבעררעשונגען. דאָס אַמעריקאַנישע מיידל, וואָס פאָרט אין שאַנכאַי, שפּילט אויף דער פּיאַנאָ, און די ערשטע ליד, וואָס זי זינגט איז — „אָטשי טשאַרניע", אויף אַ געבראָכענעם רוסיש... פון וואַנען קומט דאָס ליד צו איר? — פון אַ יידיש מיידל פון סעאַטל, איר פריינדין פון קלאַס.

מיר זיינען דאָ געזעסן — אַ הייפל ווילד־פרעמדע מענטשן מיט אָפּגרונט־טיפע אַנשויאונגען, און אויף אַ מאָמענט האָט אונדז אַ מוזיק־רעקאָרד פאַר־איייניקט. דער קאַפּיטאַן מיט דעם ברוטאַלן פּנים און די אויסגערעכנטע בליקן האָט ליב סימפאָנישע מוזיק און זיינע רעקאָרדס זיינען נישט שלעכט.

די איבעריקע האָבן געשפּילט ברידזש.

דער סטודענט־פילאָסאָף האָט דערציילט וועגן באָסטאָן און זיין ווידער־ווילן קעגן ביזנעס. ער פאָרט נישט גערן אַהיים. ער וויל נישט האַנדלען. ער וויל ווייטער שטודירן פילאָסאָפיע.

ער האָט פאַטאַליסטישע ביגונגען, גלויבט אין אַ העכערער עטיק פון דער „מענטשהייט" — די גייסטיקע מערהייט פון איר, און האָפט אַלס פי־לאָסאָף, אַז יאַפּאַן וועט נעמען אויף זיך די ציווילִיזאַטאָרישע מיסיע אין אַזיע.

— דער בעסטער באַווייז איז קאָרייע, — זאָג איך, — וואָס איר זייט דאָרטן אַריינגעקראָכן און לאָזט נישט די קינדער ריידן קאָריאַניש, נאָר איר בויט מיסיאָנס־שולן און צווינגט די קינדער צו ריידן יאַפּאַניש.

אַלע קוקן אויף מיר. און אַמלענגסטן דער סטודענט פון פּרינסטאָן — דער קאָרייער.

איך האָב דאָ, שיינט עס, געטראָפן דעם נאָגל אויפן קאָפּ.

דער פילאָזאָף זאָגט, אַז קאָרייע איז אַ האַלב־ווילדע לאַנד, ווייניק באַ־אַרבעט און זייער געדיכט באַפעלקערט. מוז מען דאָרט מאַכן אַביסל אַ טאָלק.

— דאָס אייגענע זאָגן אייערע אַמעריקאַנישע לערער, ווען זיי שיקן די מאַרינען אין פּאָרטאָ־ריקאָ, אין די פיליפינען, אין האַוואַי, — ענטפער איך.

— דאָס מאַכן אַ טאָלק הייסט אויפן מאַטעריאַליסטיש־דיאַלעקטישן לשון — געצוואונגענע קאָלאָניזאַציע, און האָט מיט עטיק גאָרניט צו טאָן, נאָר מיט קלאַסן־פּאָליטיק.

צו ראַטעווען די סיטואַציע שטעלט מען אַרויף אויפן גראַמאַפאָן דאָס ליד פון ראָוז־מאַריע.

די גלעזלעך פּאָרט־ווין ווערן אויסגעטרונקען אין דער באַר און די קאָרטן־שפּילער גייען אַראָפּ שלאָפן.

איך בלייב נאָך אַביסל מיטן קאָרייער. ער דערציילט מיר אַן אינטע־רעסאַנטע מעשה.

אַלס קליין ייִנגל האָט ער פאַרלוירן זיין מוטער. די היים איז צעבראָכן געוואָרן. ער איז אַוועק צו אַ באָבען. דער טאַטע — אין שטאָט, און די ברידער און שוועסטער אין שולן. די באָבע איז געווען אַ גלויביקע, אַ קריסטין, אויסגעהאָדעוועט פון ענגלישע מיסיאָנערן, וועלכע האָבן אויך דורך זייער רעגירונג געוואָלט „מאַכן אַ טאָלק" אין קאָרייע ער איז אַריין אין אַ קאָלעדזש און זיך גוט געלערנט, און מען האָט אים געשיקט אין פּרינסטאָן אוניווערסיטעט שטודירן ענגליש און געשיכטע. ער האָט זיך אָבער אויס־געקליבן סאָציאָלאָגיע. ער האָט חתונה געהאַט מיט אַ קאָרייערקע, וואָס איז געבוירן געוואָרן אין אַמעריקע. זי איז אויך אַ סטודענטקע דאָרט. איצט האָט ער געענדיקט, פאָרט ער „אַהיים", דאָס הייסט, אין יענעם לאַנד, וואָס

איז אין די הענט פון יאַפּאַנער אָקופּאַנטן און וואָס דערלאָזט נישט מען זאָל ריידן צו די קינדער קאַרייאיש, נאָר יאַפּאַניש אָדער ענגליש.

קיין הײם האָט ער ניט, זיין הײם איז יענער קאַלעדזש מיט די דאָרמי־טאָריעס, וואו ער האָט זיך געהאָדעוועט אַלס קינד, ווען די מאַמע איז גע־שטאָרבן, און וואו פרעמדע מאַנאַשקעס האָבן אים געגעבן דאָס בילד פון דער הייליקער מאַריא, אַנשטאָט די צערטלעכע ליבע פון אַן אמת׳ער מוטער.

— אונדז גייט מען נאָך יעדן טראָט, — זאָגט ער, — און מען לאָזט אונדז נישט פריי אָטעמען אין לאַנד. מיר זיינען נישט קיין פריע מענטשן.

דערפאַר האָט ער זיך געוואונדערט, וואָס איך ווייס וועגן דעם אַלעם, ווען איך האָב גערעדט מיט דעם סטודענט — דעם יאַפּאַנער פון באָסטאָן. ווער האָט עס מיר דערציילט?

— דײַנער אַ לאַנדסמאַן, — ענטפער איך אים, — אַ יונגער קאַרייאישער רויטער קאָמאַנדיר פון כאַבאַראָווסק, בעת ער האָט צעשלאָגן כינעזישע און ווייסע גוואַרדייצעס ביי סאַכאַסוס מיט צוויי יאָר צוריק...

דער סטודענט האָט ניט קיין ווערטער.

— זעסטו, יענער איז נישט קיין גלויביקער קריסט, — זאָג איך, — ער איז אַ קאַרייאישער אַרבעטער, אַ רעוואָלוציאָנער. ער האָט זיינע איבער־צייגונגען, וואָס זיינען אויסגעוואַקסן פון אָט־די שווערע נויטן און זאָרג פון אַרבעטער־קלאַס. נאָר ער האָט געפונען אַן אַנדער אויסוועג — נישט דעם קלויסטער מיט די געדונגענע מאַנאַשקעס, וואָס דער ענגלישער קאַפּיטאַל קויפט און פאַרשלעפּערט מיט זיי דאָס קאַרייאישע פאָלק, נאָר דעם רעוואָ־לוציאָנערן וועג פון אויפשטאַנד קעגן די הערשנדע קלאַסן.

דער קאַרייער טראַכט.

ער זאָגט, אַז אויך ביי זיי איז שוין דאָ אַ געוויסע גרופּע מענטשן, וואָס פּראָטעסטירט, וואָס קאָן נישט לעבן אין די באַדינגונגען פון שקלאַפעריי. נאָר ביי זיי דריקט זיך דאָס אויס אין אַ פּראָטעסט, אין אַן אָנפאַל אויף אַ באַאַמטן — אין טעראָר.

— ווייל דאָס אַרבעטנדיקע פאָלק איז נאָך נישט באַוואוסטזיניק גע־נוג זיך צו אָרגאַניזירן און צו קעמפן מיט מער קאָאָרדינירטע מעטאָדן פון מאַסן־קאַמף, — זאָג איך.

די וועלט איז קליין, סוף־כל־סוף, פאַרלוירן אין די וויטקייטן פון פאַ־סיפישן ים שווימט אַ קליינע שיף פון זעקס טויזנט טאָן, מיט סך־הכל 29 פּאַסאַזשירן; 5 פון זיי מיט אַ געוויסער אינטעלעקטואַלער אויסבילדונג. נעכטן נאָך פרעמדע צווישן זיך — האָבן זיך שוין היינט גענומען ציען

פעדים פון אַ פאַרשטענדעניש צווישן איייניקע פון זיי — דורך די קלאַסן־קעגנזאַצן, דורך דעם גייסט פון „עטיק״, יועלכן דער פילאָסאָף זוכט אין דער גאָטהייט, אין דעם קלויסטער — און אין דער אַמעריקאַנער פּראָפּאַגאַנדע פון מאַכן אַ „טאָלק״ צווישן אומציוויליזירטע פעלקער, און דער הענדלער מיט אַלטוואַרג — אין „וואוטן״ קעגן דער רעפּובליקאַנער מאַשין, וואָס האָט געבראַכט אויף דער אַרבעטער־באַפעלקערונג דעם קריזיס פון 1931.

***

עס האָט זיך באַוויזן אַ שטיקל זון און אַ קאַלט ווינטל בלאָזט איבערן דעק.

אַ מאָדנע בילד ווערט צוגעגרייט אויפן דעק. צווי מאַטראַסן טוען זיך איבער אין ברייטע ליוועוונטענע הויזן, אַ שטרויענער פאַנצער איבער דער ברוסט, וואָלענע לאַנגע הענטשקעס, און אַ בלעכענע געדיכטע נעץ איבערן פּנים און קאָפּ — אַזוי ווי מיטלאַלטערלעכע קעמפער אויף אַ שווערדן־טורניר. אין די הענט נעמען זיי אַ גראָבע באַמבוס, מען זעצט זיך אויף אַ ווײַלע אויף דער פּאָדלאָגע, מען ציילט די טריט, און אַ דועל הייבט זיך אָן. אַן אמת׳ער געשלעג, ווי אין די סטודענטישע מענסור־קאַמפן.

עס פליען קלעפּ, באַגלייט מיט אויסגעשרייען פון אַ טיפן גאַרגל־טאָן. אַ גרופּע הייצער און דעק־אַרבעטער קוקט זיך צו, זיצנדיק אויף די שפּיץ־פינגער פון די פיס.

איך נעם מיין קאַמערא, און זיי זיינען ווי קינדער צופרידן, אַז מען וועט זיי פאָטאָגראַפירן.

זיי זיינען נאָך זייער יונג, די אַרבעטער, קוים זיבעצן־אַכצן יאָר אַלט, אַנדערע נאָך ייִנגער, און אַרבעטן אַזוי שווער. דעם גאַנצן טאָג טוען זיי עפּעס. מען פּאָמפּעט אָן וואַסער פאַר דער קיך, מען פּוצט די מעשענע טיילן פון די טירן, פענצטער, מען לאַדעוועט קוילן, מען העלפט אין קיך.

די קיך איז דער וואַרעמסטער פּלאַץ אויפן שיף, און נעכטן בין איך אַהין אַריין. דער קוכער איז געווען דערשטוינט. די פּאַסאַזשירן גייען אַהין נישט אַריין — אפילו די פון „אַזיאַטיק סטירעדזש״ (פערטער קלאַס) — יאַפּאַנער און אַ פּאָר איינגעבוירענע פון מאַנילאַ — ברוינע, קורץ־געשוירענע בחורים, מיט ווייסע, גרויסע ציין און פלינקע, מאָגערע קערפּערס.

די גייען האַלב־נאַקעט אָנגעטאָן. ווען זיי קומען אַרויף פון קעסל־אָפּטייל, זיינען זיי צעגליט און רויט פון היץ, מיט סאַזשע באַדעקט ביז דער ברוסט. אַ סך פון זיי האָבן די אויסצערונג. פון שאַרפן בייטן די טעמפּעראַטור, קריגן זיי לונגען־אַנטצינדונג און קוים אויסגעהיילטע, גייען זיי ווייטער צום קעסל.

**
*

25טער אויגוסט.

נעכטן האָט זיך אָנגעהויבן אַ מערדערלעכער שטורעם. סוף אויגוסט הויבט זיך אָן אין די יאַפּאַנעזישע וואַסערן דער „טייפון“, און מיר האָבן דאָס דערשפּירט נעכטן צום ערשטן מאָל.

אויפן דעק זיינען אין דער פרי געווען פאַרנומען זיבן מאַטראָסן מיט אָפּשאָבן דעם זשאַווער פון דער שיפס פּלאַנקען. זיי זיינען געזעסן אויף דער פאָדלאָגע מיט הענטשקעס אויף די הענט און האָבן סיסטעמאַטיש אָפּגע־סקראָבעט. מיטאַמאָל האָט זיך אָנגעהויבן פאַרענדערן דער קאָליר פון וואַסער.

מיט אַ פּאָר מינוט פריער האָב איך, זיצנדיק אויף אַ בענקל אויפן שפּיץ פון שיף, באַוואונדערט דעם ריינעם, טיפן בלוי פון די כוואַליעס, מיט לייכטן ווייסן שוים, און מיטאַמאָל איז דאָס וואַסער געוואָרן בלייערן־שוואַרץ און מוטנע. דער הימל איז פאַרצויגן געוואָרן, אַ טומאַן האָט פאַרדעקט דעם ברעג האָריזאָנט, און די מאַטראָסן זיינען אַוועק, ווייל די כוואַליעס זיינען געווען אַזוי שטאַרק, אַז עס האָט אונדז פאַרגאָסן אויפן העכסטן דעק אפילו... אַלץ איז געוואָרן ווי אָוועקגעווישט. די קינדער זיינען אַרונטער אין די קאַ־בינען — די דערוואַקסענע זיינען עפּעס נעלם געוואָרן, און אויבן, ביים שטיי־ערמאַן, האָט זיך באַוויזן אַ רויט ליכט — אַ סיגנאַל פון שטורעם!

עס איז געווען אַ מורא׳דיקע שיינקייט אין דעם צעבושעוועטן נאַסן עלעמענט — און עס האָט זיך נישט געוואָלט אַראָפּגיין אין קאַבינע. איך האָב אויך נישט געוואָלט גיין אין רויכער־צימער, ווייל דאָרט זיצט מען טאָג און נאַכט און מען שפּילט ברידזש מיט ווילדע אויסגעשרייען, געלעכטערס און „קאָקטיילס“ — פאַרמיטאָג און נאָכמיטאָג.

אין קיך איז געווען וואַרעם און פריי׳לעך — די מאַטראָסן כאַפּן זיך אַריין צום קוכער אויף אַ גלעזל גרינע יאַפּאַנישע טיי און צוקער. פון דאָרט קומט אַלעמאָל אַביסל געלעכטער און אַ שפּאַס. כמעט אַלע פּאַסאַזשירן זיי־נען קראַנק און ביים טיש פעלן זיי אויס.

**
*

מיר זיינען שוין אין גאַנצן אַריבער אויף יאַפּאַנישע שפּייז. כמעט צו יעדן מאָלצייט גיט מען צוויי־דריי שפּייזן, צוגעגרייט אויפן יאַפּאַנישן שטיי־גער. איך וועל נישט זאָגן, אַז זיי זיינען שלעכט, נאָר מען מוז וויסן, ווי צו האַלטן די העלצלעך — אַ ניט קאָן מען אָפּזיצן אַ שעה און גאָרנישט אַרויפ־קריגן אויפן צונג.

די יאַפּאַנער עסן אַ סך און מיט אַ סיסטעם. זיי טרינקען אַזוי ווי די אַמעריקאַנער, דאָס הייסט, צו יעדער צייט. זיי זיינען טאַקטפול, שוויגנדיק מיט פּרעמדע, און זייער פּריילעך־עקספּאַנסיוו — פון אַ געזונטן אָפּטימיזם — ווען זיי זיינען צווישן זיך.

מרס. עדגערס רעדט זייער גוט יאַפּאַניש און דער גאַנצער טיש איז אין יאַפּאַנישע „אודיענץ". איך זיץ מיט דעם קאַרייער — צוויי נאַציאָנאַלע מיגדערהייטן — און מיר פּראָטעסטירן דערמיט, וואָס מיר האָבן געבילדעט אַ בלאָק און ריידן זיך פראַנצויזיש, יענע זאָלן נישט פאַרשטיין. אָבער עס העלפט ווייניק — זיי זיינען פאַרט אַ קאָמפּאַקטע מאַיאָריטעט.

***

היינט האָבן מיר געהערט, אַז צוזאַמען מיט די פּעסער רייז, וואָס פאַלן פון שטורעם אין אונדזער שיף, איז אויך געפאַלן מעקדאָנאַלדס קאַבינעט. דאָס האָט אונדז איבערגעגעבן דער ראַדיאָ אָפּערייטאָר.

און אַ שטיקל אומרו איז באַלד געקומען: ווי וועט זיך באַלדווין באַציען צום סאָוועטן־פאַרבאַנד? וועט זיך ווידער אַנהויבן די וואַקכאַנאַליע פון 1928?

מען איז אַזוי אָפּגעריסן פון דער וועלט. עס שווימט אַ נוס־שאָלעכץ אויפן פּאַציפישן ים, ווערט געוואָרפן פון די כוואַליעס אין אַלע ריכטונגען און — פאַרפאַלן. ניטאָ קיין אויסוועג. די וועלט איז ערגעץ־וואו נאָענט, אָט צאַפּלט זי זיך איבער אונדזערע קעפּ אין די שפּיצן פון דער ראַדיאָ־אַנטענע, און זי ווייסט פון דעם גאָרניט. אַ צייטונג גייט נישט אַרויס — מען מוז זיין צופרידן, וואָס דער אָפּערייטאָר זאָגט דיר ביים עסן, וואָס ער געפינט פאַר נויטיק.

איך בין זיכער, אַז עס האָט מער פאַסירט אין די זיבן טעג, ווי דאָס פאַלן פון מעקדאָנאַלדס קאַבינעט, אָדער דאָס אַריבערפליען פון לינדבערגן, נאָר מיר דרייען זיך אַרום אויפן דעק דריי מינוט אַהין, דריי מינוט צוריק — פונקט אַזוי ווי די טשייקעס איבער אונדזערע קעפּ.

מיר האָבן אַנטדעקט וואו זיי נעכטיקן: אין די רעטונג־שיפלעך, אויבן — דאָרט האָבן זיי זיך אויסגעקליבן אַ פּלאַץ. ווען די זון גייט אונטער, און אין דער צווייטער זייט הויבט זיך אָן צו באַווייזן אַ געלע גרויסע לבנה, ווערט זייער קרייז אַ קלענערער, אַ שוואַכערער. פון די זיבן טיילן זיך אָפּ דריי גרויסע און צוויי קליינע. און עס בלייבן נאָר די צוויי — וועלכע קרייזן אַרום ביז עס ווערט פינצטער. דאַן ווערן זיי אויך אַנטשוואונדן.

דער שטורעם האָט געבושעוועט אַ גאַנצן טאָג און אַ גאַנצע נאַכט. עס

האָט זיך געהערט דאָס וואָיען פֿון די הינט אין דער קאַיוטע פֿון די יאַפּאַנער און עס האָט געבלאָזן אַ שאַרפֿער ווינט.

דער מענטש ווערט אַפּאַטיש צו אַלץ. עס איז ניטאָ קיין ענערגיע איבערצומישן אַ בלעטל אין בוך — מען ליגט אויפֿן לאַנגן שטול אויפֿן געשיצטן דעק ביז עס ווערט אמת קאַלט. דאַן גייט מען אַריין אויסטרינקען אַ גלעזל „סיידקאַר" — אַ יאַפּאַנישן קאָניאַק — און ווען עס ווערט וואַרעם און לייכט אין קאָפּ, הויבט מען אָן זיך אויסמאָלן אוממעגלעכע בילדער.

ווי גוט עס איז איצט צו זיצן אין כאַבאַראָווסק — אויף טעאַטראַלנאַיאַ 25, — אין חבר ראַשקעס „שטאַב" מיט אַ גלאָז טיי און אַ היינטיקער צייטונג און אַ פּאָר פּלענער פֿאַר די נאָענטסטע טעג. ווי גוט עס איז צו שפּירן די פֿעסטע ערד אונטער די פֿיס און נישט די שאָלעכץ־שיף, מיטן יאַפּאַנישן „טייפֿון" צוקאָפּנס.

היינט איז שוין בעסער — אָבער עס איז נאָך אַלץ שווער צו שרייבן — דער קליינער טיש שאָקלט זיך נאָך אַלץ. אָבער דער קוכער האָט שוין אַרויסגעטראָגן אויף דער זון זיין מירטענבוימעל. הייסט דאָס, אַז דער שטורעם לייגט זיך — און אַז עס איז דאָ אַ האָפֿענונג, אַז עס וועט ווערן רואיקער.

די פּאָר יאַפּאַנער פֿרויען קריכן פּאַמעלעך אַרויס פֿון די קאַיוטן — בלאַסע, קראַנקע. די סטודענטקע, וואָס פֿאָרט אין שאַנכאַי איז קראַנק. מיין פֿריינט פֿון „בלאַק" — דער קאָרייער — איז קראַנק. די צוויי רוסישע פּאַסאַזשירן זיינען קראַנק. זיי ריידן צווישן זיך אין די פֿאַרוואָרפֿנסטע ווינקלען פֿון שיף און ווען איך קום פֿאַרביי — ווערן זיי אַנטשוויגן. מיט קיינעם ריידן זיי נישט.

ווער זיינען זיי?

איך וויל נישט פֿרעגן ביי זיי, ווייל זיי מאַכן אַ שלעכטן איינדרוק.

די מאַטראָסן, וועלכע איך האָב פֿאָטאָגראַפֿירט באַגריסן זיך איצט מיט מיר און מיר באַגעגענען זיך ביים קיך. די שיפֿס־נאַטשאַלסטווע האָט זיך שוין צוגעוואוינט דערצו, אַז דער „קלוב" איז מיר סימפּאַטישער, ווי די באַר און דער רויכער־צימער און מען לאָזט מיר דאָרט שטיין און ריידן מיט די מאַטראָסן און מיט דער איינציקער סטואַרדעס.

איך האָב געפֿונען אַ בענקל לעבן אַריינגאַנג אין קעסל־אָפּטייל, וואו קיינער איז ניטאָ. עס איז דער נאָז פֿון שיף. פֿאַרנאַכט קומען דאָרט אַ פּאָר מאַטראָסן זיך דורכשמועסן און אָפּרוען. עס איז רואיק דאָרט, און די טשייקעס פֿליען אַרום. איז עס ווי אַ באַנק אין בראָנקס־פּאַרק. אַביסל רייז ליגט דאָ אַלעמאָל אויסגעשפּרייט פֿאַר די פֿייגל. אָבער זיי קומען נישט ביי טאָג.

דער מענטש פאסט זיך צו צו אלעם. געצוואונגען צו פארברענגען האס גאנצע לעבן אויף דער ערד — ארדנט ער זיך איין אין א הויז מיט דעם מאקסימום קאמפארט. איינגעשפארט אין א טורמע — מאכט ער פון זיינע פיר ווענט דאס מעגלעכסטע. ארויסגענומען פון דערפער און פעלדער, לייגט זיך דער מאטראס אויף זיין שמאל אייזערנעם בעטל — צונויפגעשמידט צו דער וואנט און לאזט זיך טראגן פון „טייפון" איבער דער ערדלאזער וויטקייט פון פאסיפיק; צווישן איין שטויס און דעם צווייטן, דערשמעקט ער די טרוקענע, שטויביקע ערד פון זיינע היימישע רייז־פעלדער.

עס איז דא אויפן שיף א מאטראס פון א יאר זעכצן — א קינד נאך. וואס זוכט ער אויף די ים'ען? וואס טרייבט אים צו ארבעטן אין נאכט און שטורעם פאר פערצן יען (צוויי דאלאר) א מאנאט אין קעסל־אפטייל אלס קוילנשיטער?

ער איז דאס אכטע קינד ביי דעם יאפאנישן פויער און מוז אוועק פון הויז — פארדינען, ווייל אויך דארט איז א קריזיס.

דער צווייטער אינזשעניר פון שיף דערציילט מיר, אז די קאמפאניעס לייגן צו געלט צו יעדער רייזע. עס פארן כמעט נישט קיין פאסאזשירן, קיין עקספארט איז כמעט ניטא, צוליב שווערע טאריפן, וואס אמעריקע האט ארויפגעלייגט אויף סחורות.

ער איז געווען פאראיארן אין ווינטער־טור, אין דער שווייץ, באשטעלן גרויסע שיפס־מאטארן. ער איז דאן געווען אויף א קריגס־שיף, ער קען די שווייץ, ער איז געווען אין לאנדאן, ער קען די וועלט אביסל.

די גאנצע וועלט, זאגט ער, ליידט פון ארבעטסלאזיקייט.

— נישט די גאנצע, — זאג איך, — איין לאנד, פארקערט, זוכט אר־בעטער און נעמט זיי אוש פון פרעמדע לענדער. דאס איז די סאוועט־יוניאן.

ער זאגט, אז ער וואלט זיך געוואלט איבערצייגן.

— אפילו די קאפיטאליסטישע צייטונגען, — זאג איך, — גיבן עס צו.

דער אינזשעניר שווייגט.

פארוואס שווייגן זיי אלע, ווען מען ווייזט זיי אויף וועגן דער פלאן־מעסיקער עקאנאמיע פון דעם סאוועטן־פארבאנד?

זיי וויסן און ווילן נישט צוגעבן? אדער זיי לייענען גארניט און עס איבערראשט זיי ביז פארלירן דעם לשון?

אבער מען שווייגט.

איך מיין, אז עס איז די שרעק פאר פאקטן און א מורא פאר דער צו־קונפט. מיט וועמען איך זאל נישט ריידן וועגן דעם „גרויסן שכן" פון יאפאן, ווערן זיי אנטשוויגן.

אפשר איז עס פשוט׳ע שרעק פאַר ריידן וועגן קאָמוניזם, וועלכער איז אין יאַפּאַן „טאַבו״, אַ פאַרבאָטענע זאַך?

***

26טן אויגוסט.

די שיף פונקציאָנירט ווי אַ גוט־געאָרלטער אַפּאַראַט. זי איז ווי אַ פּרי־מיטיווע באַלעבאַטישקייט, מען האָט צוגעטיילטע פונקציעס און יעדער ווייס אין וואָס זיין אַרבעט באַשטייט. אָבער דאָס צוטראַכטן גראָד פאַר יעדן טאָג באַזונדער איז זייער קונציק. צום ביישפּיל, היינט פרי האָבן דריי מאַטראָסן געדרייט אַ שטריק. אַ זייער פּרימיטיווע הילצערנע דריי־באַנק איז געשטאַ־נען פון איין זייט דעק און אויף דריי הילצערנע שפּונטן זיינען געווען באַ־פעסטיקט דריי דיגע שנירלעך. אַ מאַטראָס האָט מיטן האַנט געדרייט אַ הילצערן הענטל, ווי מען דרייט אַ מאַשינקע, וואָס מאָלט פלייש. אַנטקעגן, אויף דער צווייטער זייט פון לאַנגן דעק איז געשטאַנען אַ צווייטער מאַטראָס און האָט געדרייט די איבעריקע דריי עקן פון די שנירלעך. דער דריטער מאַטראָס איז געגאַנגען פון איינעם צום צווייטן עק און האָט זיי פאַרביטן, ווען זיי פלעגן ווערן מיד פון דרייען דאָס הענטל.

מען האָט אַזוי געדרייט אַ שעה־צוויי און עס איז אַרויס אַ גאַנץ שיינע פעסטע שטריק. געמאַכט האָט מען אים פון אַ פריערדיקן, אַלטן, האַלב־צעפאַלענעם קאַנאַט.

אַן אַנדער גרופּע מאַטראָסן באַשמירט היינט מיט פעטער רויטער פאַרב די אָפּגעקראַצטע אייזערנע פּלאַנקען פון שיף.

דער קאַפּיטאַן קוקט איבעראַל אַריין. אין אָוונט זיצט ער אין רויכער־צימער און שפּילט שאַך מיט זיינע אַסיסטענטן, און רויכערט פּאַפּיראָסן. קיינער פון זיי לייענט נישט, כאָטש עס ליגן יאַפּאַנישע זשורנאַלן און ביכער.

דאָס לעבן אויף דער שיף איז טרויעריק.

עס איז אַ שטרענגע דיסציפּלין. ווען די מאַטראָסן אַרבעטן קוקן זיי קאָנצענטרירט און ערנסט אויף זייער אַרבעט. עס זעט אויס, ווי עמעצער וואָלט זיי באַוואַכט — אַזוי שווייגנדיק זיינען זיי צווישן זיך. אויף קיין פראַגע וועלן זיי אייך דאָן נישט ענטפערן.

דאָס לעבן איז זייער מאָנאָטאָן און שווער. ביז שפּעט ביינאַכט גייען אַרום די מאַטראָסן און טוען עפּעס. צוועלף אַזייגער ביינאַכט וואַרפט מען אַרויס גרויסע בלעכענע קאַנען מיט אַש פון קעסל־אָפּטייל אין ים אַריין. דאָס קומט די צווייטע שיכט און די ערשטע רייניקט אָפּ פאַר איר דעם קעסל־אָפּטייל. דאָן בייט זיך אויך דער ראַדיאָ אָפּערעיטאָר. ער זיצט אין אַ קליין, וואַרעם שטיבל, פאַרהאַנגען מיט קאַרטן און לאַנד־בילדער. אַ ווייסע

מאַרמאָרענע טאַפל געפינט זיך אויף זיין טיש, מיט עטלעכע ראַדיאָ־רעסי־ווערס און אַן אָפענעם מיקראָפאָן. און דאָס איז אַלץ. פון צייט צו צייט הערן זיך מערקווירדיקע טענער. די טענער פאַרשרייבט דער אָפּערעיטאָר און דרוקט זיי איבער דעם אַנדערן טאָג, אויב דאָס איז באַשטימט פאַר דעם פובליקום.

פון אונטן — טיף אונטן — וואו די מאַטראָסישע קאַבינעס זיינען, טיף אין וואַסער, הערן זיך אין אָוונט טענער פון אַ פּליט. דאָס שפּילט אַ מאַטראָס אויף זיין פּרימיטיוו יאַפּאַניש פייפל.

אַ שווערער ריח קומט פון אונטן: סמאָלע, רויך, קוילנגאַז, צעוואַשענע פאַדלאָגעס און אויסגעוואַשענע וועש — אַזוי ווי אין אַ גרויסער שטוב אין אַ וואוינונג, וואו עטלעכע מענטשן שלאָפן, עסן און אַרבעטן אין איין צימער.

יעדע שעה הערט זיך אַ סיגנאַל פון אַ גלאָק און אַ מאַטראָס לויפט אַרויף פון קאַבינע צום שטייער־מאַן אויף דעם קאָמאַנדע־בריקל.

עס מוז זיין שווער אַזאַ לעבן פאַר געזונטע מענטשן, וואָס מוזן זיך באַגר־ גענעצן מיט אַ שיף אויף צו אויסלאָדעווען זייער ענערגיע.

און ווען עס איז ניטאָ קיין זון, ווען אַ רעגן גייט, ווי היינט און נעכטן, און ריזיקע כוואַליעס שטורעמען קעגן זייערע קליינע פענצטערלעך טיף אין וואַסער, און ווען עס קומען געדאַנקען וועגן די פעלדער און וועלדער אין דער ווייטער היים, מוז ווערן קאַלעמוטנע אויף דער יונגער נשמה.

— וואָס מאַכט איך, מענער, צו ווערן שיפסלייט, וואָס צווינגט איך צו פאַרברענגען אַ וועלט אויפן ים? — פרעג איך ביים ערשטן מאַשיניסט.

— די שוועריקייטן צו פאַרדינען אויף אַ שטיקל ברויט אויף דער יבשה, — ענטפערט ער. — נישט פאַר אַלעמען איז דאָ גענוג אַרבעט אין לאַנד — נישט יעדער קאָן גיין אין פאַבריקן און קאַנטאָרן, מוז ער זוכן זיין גליק אויפן וואַסער, — זאָגט ער.

די פאַמיליעס זיינען עלף מאָנאַטן אַן דעם פאָטער און דעם מאַן — און בלויז איין מאָנאַט אורלויב האָט ער, און אַ טאָג־צוויי, ווען די שיף שטייט אין יאָקאָהאָמאַ, איידער זי גייט אין קאָבע, פון דאָרט צוריק אין סעאַטל — דאָס איז זיין קרייז, דאָס איז אויך דער קרייז פון די טשייקעס...

איך געדענק די פריילעכקייט אויף דער גרויסער שיף „גרוזיאַ" פאַר־ אַיאָרן, וואָס איז געגאַנגען פון סאָטשי ביז באַטום און דאַן צוריק אין פעאָ־ דאָסיאַ, קרים.

אַ ריזיקער עולם פון סאָוועטישע עקסקורסאַנטן־סטודענטן, אַרבעטער, אַנגעשטעלטע, קינדער, וואָס האָבן פאַרבראַכט זייער וואַקאַציע אויף קאַוו־ קאַז און געפאָרן זען סוכום און באַטום און דערנאָך קרים מיט דער נייער שיינער שיף.

מוזיק, געזאַנגען, שפּילן — אַ פרייַלעכקייט אָן אַ ברעג — אָן איבער־שוימענדיקע פרייד אין לעבן פון אַ קלאַס, וואָס איז פרייער געווען פיזיש און גייסטיק אונטערדריקט און פון וועמענס הענט און פיס מען האָט אַראָפּגענומען די שטריק און אַרויסגעטראָגן דעם גוף אויף דער פריי!

און איצט אָטעמט ער, און איצט לעבט ער!

אין אַזונט איז דער לייען־זאַל פול. מען שרייבט מען לייענט, מען אַרבעט, מען שפּילט מוזיק אין אַ צווייטן זאַל. און יעדער פּאָרט צוריק צו אַ נויטיקער, וויכטיקער פולסירנדיקער אַרבעט. און יעדער פילט דאָס, יעדער ווייס, אַז ער בויט איבער אַ וועלט, ווי קליין און יונג ער זאָל נישט זיין.

און דאָס גיט דעם סאָוועטישן עולם היינט, אין 1931, דעם פאַרנומענעם, געזעלשאַפטלעכן אויסזען, וואָס וואַרפט זיך דעם פרעמדן אין די אויגן. און דאָס מאַכט די סאָוועטישע פאַמיליע אַזוי אַנציענד און אינטערעסאַנט פאַר פרעמדע.

איך לייען אַן אַלט בריוול:

„... אונדזער וואוינונג זעט אויס, ווי אַ וואָקזאַל פון אַ צענטראַלער אייזנבאַן־סטאַנציע. די מיידל איז אַוועקגעפאָרן אין איר פּיאָנערן־לאַגער אין טאמבאָווער גובערניע. זי אַרבעט אויף אַ קאָלכאָז און וויל נישט קומען צוריק אין מאָסקווע. דער זון, אַ זעכצן־יעריקער סטודענט, איז אַוועקגעפאָרן אין קרים אין אַ ביאָלאָגישער סטאַנציע און האָט אָנגעהויבן זיין ערשטע וויסנשאַפטלעכע אַרבעט. די הויז־באַדינערין, יעלענא, איז אַוועק אויף וואַקאַציע צו זיך אין דאָרף, די מוטער איז אין וואָראָנעזש אויף אַ דאַטשע. מיר ביידע פאָרן אין קאָלכאָז אין דעם אָפּרו־הויז פאַר זשורנאַליסטן. די ביידע ברידער האָבן געענדיקט אַלס אינזשינערן און זיינען שוין אויפן פּאָסטן אין מאַגניטאָסטראָי“...

דאָס איז אַ בריוו פון מאָסקווע פון סוף יולי, וואו די שטויביקע זומערדיקע וואוינונג אויף סאַדאָווע ווערט אויסגעלאָדעוועט און אירע איינוואוינער זאַמלען נייע פּראָדוקטיווע קרעפטן פאַרן פערטן יאָר פון דער „פּיאַטילעטקא“. און דאָ, אויף דער שיף „יאַקאָהאַמאַ מארו“, אויף דער גאַנצער פיר טויזנט־מייליקער וויייטקייט פון פּאַסיפיק שפּילן אַלע דאָס פאַן־אַמעריקאַנישע „אימבעסילע“ קאָרטן־שפּיל, „ברידזש“.

אין דערין קאָנקורירט דער פּאַסיפיק ענערגיש מיט דעם אַטלאַנטיק. זיינע פּאַסאַזשירן פון „אינטעליגענטן“ טיפּ שפּילן אויך „ברידזש“ — אויסער דעם טאַנצן זיי צו די אימפּרעסיאָניסטישע מעלאָדיעס פון „דזשעז“ נאָך זייערע האַלב־ווילדע פּרימיטיווע טענץ...

און אין די קאַבינעס, וואָס שטייען אין וואַסער, הענגט גרויע מאַטראַזקע

וועש און אַ מעלאַנכאָליש ליד קלינגט שפּעט ביינאַכט אויף אַ פּיפּעלע — אויסגעשניצט פון אַ דינעם באַמבוס־ריער.

***

פרייטיק, דעם 28טן אויגוסט.

איך שרייב אויסדריקלעך: פרייטיק, דעם 28טן אויגוסט, ווייל מיר האָבן פאַרלאָרן דאָנערשטיק. מיר האָבן פאַרלאָרן דעם נעכטיקן טאָג.

עס וואָלט באַדאַרפט זיין דאָנערשטיק היינט, ווי ביי אַלע מענטשן אויף דער ערד, נאָר מיר זיינען אויפן וואַסער, מיר יאָגן זיך נאָך דער זון, מיר שטעלן יעדע נאַכט צוריק דעם זייגער אויף אַ האַלבע שעה, און עס העלפט אַלץ נישט. מיר האָבן געמוזט איינגאַנצן ליקווידירן אַ טאָג, און סיי ווי שטעלן מיר אָפּ אַ האַלבע שעה יעדע נאַכט ווייטער, ווייל אין יאָקאָהאַמאַ איז מאָנטיק ווען אין ניו־יאָרק איז דינסטיק.

מ׳זעט אַזוי־אַרום, אַז דער „נעכטיקער טאָג" האָט אויפן ים קיין ווערדע נישט, מ׳וואַרפט אים אַרויס אינגאַנצן, אויב מ׳וויל.

איז היינט שוין פרייטיק, כאָטש נעכטן איז נאָך געווען מיטוואָך. און איין גוטע זייט האָט דאָס אַרויסוואַרפן פון דעם טאָג דאָך געהאַט — מ׳איז אַ טאָג נעענטער צו טאָקיאָ. אַזוי וואָלט מען געמוזט דאָנערשטיק אויך פאַר־פאָרן...

אין אַ נאָווינע איז דער ים היינט ווידער שטורעמדיק, און דער שפּאַציר אויפן דעק איז אַ קאַמף מיטן ווינט. קיינער איז ניטאָ, נאָר די קינדער שפּילן זיך און וואַרפן רינגען איבער הילצערנע שטרעקעס. איינער פון די רוסישע פּאַסאַזשירן שטייט אויפן דעק ביים פאַרענטשע און קוקט מעלאַנכאָליש אי־בער דער גרויסער וואַסער־גאַס. ער איז ניט געווען ראַזירט שוין פילע טעג, אַפּגעלאָזן, קענטיק — געווען ים־קראַנק און ניט געהאַט קיין ענערגיע.

דעם צווייטן זעט מען נישט.

מ׳סקראַבעט שוין ווייטער די שיפס־פּלאַנקען — פון דער צווייטער זייט אַ־צט. 9 מאַטראָסן ליגן שוין ווייטער אויף די בייכער און רייבן מיט לאַנגע טעמפּע ברעך־שטאַנגען די ווייסטע ווינקלען פון די אייזערנע זייטן. אַלע טראָגן לעדערנע גאַרטלען, פון וועלכע עס הענגט ביי דער זייט אַ שטיקל לעדערנער שיידל מיט אַ מעסער אינווייניק. זיי טראָגן אויף די קעפּ פאַר־שיידענע סאָרטן אָנטועכץ, און זיי זעען אויס ווי סעזאָן־אַרבעטער, וואָס זיינען נאָר־וואָס אַריין פון אַ שאָסיי אַרבעטן צו אַ שאָסיי קאָנטראַקטאָר: איינער טראָגט אַ שטרויענעם הוט, ווי די אַמעריקאַנער אָפיס־אָנגעשטעלטע טראָגן; אַ צווייטער טראָגט אַ גרויסן מעקסיקאַנישן פילץ־הוט מיט אויסגעדרייטע

ראַנדן, אַן אַנדערער — אַ געשטרייפטע קעפּקע און אַ פּערטער אַ ווייסע שמוציקע מאַטראַסן־מיץ מיט די שוואַרצע בענדלעך און אַ זייט.

זיי זיינען ווידער זייער קאָנצענטרירט ביי דער אַרבעט אין ערנסט.

אַ צווייטע גרופּע שמירט די ווענט פון קוימען, און טוט די אַרבעט אינגאַנצן אומזיסט, ווייל פון קוימען סמאַליעט אַזאַ שוואַרצער פּעטער רויך, אַז ווי מ׳זאָל נישט שמירן זיינע ווענט, ווערן זיי דאָך באַלד באַדעקט מיט אַ נייעם שיכט שוואַרצקייט.

***

עס איז שווער צו לעבן אין אַ בירגערלעכער סביבה, וואָס לעבט אַ גוטן טאָג אויפן חשבון פון אַ רייכן טאַטן, און וואָס גייט ניט דורך די קיך־טיר, ווייל דאָרט קאָכט מען פאַר די מאַטראָסן, ווייל דאָרט איז דער פּערטער קלאַס, ווייל דאָרט הענגט די וועש. עס איז שווער מיט זיי צו פאַרברענגען אַן אָונט אין רויכער־צימער, וואו זיי שפּילן אין קאָרטן און טרינקען די קאָקטיילס. עס קומט אָבער אויס דאָרט אייך אַרויפצוגיין — ווייל דאָרט זיינען דאָ אַ פּאָר רעקאָרדס — דורך אַ בלינדן צופאַל, מסתמא, אַריינגעזעצט אין דעם קעסטל פון דער וויקטראָלאַ: אַ רוסישע וויג־ליד, געזונגען פון מאַריאַ קורענקאָ, און דאָס ליד פון אינדישן גייסט פון דער רוסישער אָפּערע „סאדקאָ“.

צוליב די צוויי רעקאָרדס גייט מען אויבן אַרויף, אַמאָל צווישן די ווילדע אויסגעשרייען ביים קאָרטן־שפּיל אָדער די גאָרגלדיקע האַלדז־טענער פון די יאַפּאַנער אָפיצירן, וואָס שפּילן שאַך און דאָמינאָ, הערט מען זיך איין אין דער ווייכער רוסישער שפּראַך, צו דער גלאָקן־ריינער סאָפּראַנאָ־זינגערין, מאַריא קורענקאָ.

מ׳הערט זיך איין, און מיט אַביסל פאַרמאַכטע אויגן זעט מען דעם געפּאַקטן זאַל פון מאָסקווער קאָנסערוואַטאָריע, אויף גערצען גאַס, און מ׳לעבט נאָכאַמאָל איבער דעם קאָנצערט פון טאַמאַראַ צערעטעלי, אַ גרוזינישע זינגערין, וואָס נעמט דעם מאָסקווער עולם מיט שטורעם ביי יעדן פון אירע אַרויסטרעטונגען.

מ׳פאַרמאַכט די אויגן — און מ׳זיצט אין דעם גרויסן מאָסקווער אָפּעראַ־טעאַטער אויפן יובילײ פון דער רויטער אַרמײ, דעם 22טן פעברואַר, און מ׳זעט די זינגער און טענצער פון דער „אַדוואַ“ (אָסאָבאַיאַ דאַלנע־וואָסטאָטשנאַיאַ קראַסנאַיאַ אַרמיאַ), וואָס האָט געקעמפט אויפן מאַנדזשורישן פראָנט אין 1929 און וואָס האָט באַשאַפן אירע אייגענע לידער און טענץ פון פראָנט־לעבן אין ווייטן מזרח.

דער רעקאָרד גייט אויס, דער פאָרהאַנג פאַלט, דער פייער אונטער די

סאָסנעם טליעט שוואַך, און אַ הילכיקער געלעכטער פון אַ „באַי־פרענד״, וואָס האָט געוואונען די שפּיל, ברענגט אייך ווידער צו דעם רעאַלן לעבן — צו דער שיף „יאָקאָהאָמאַ מאַרו״ און צום ענדלאָזן מאַנגאַטאַנעם, אומאויפהערלעכן שניידן פון די פּאַציפישע כוואַליעס אין די פאַרזשאַווערטע שיף־הענט, וועלכע יאַפּאַנישע אַרבעטער וועלן מאָרגן, איבערמאָרגן און איבער־איאָר אָפּכקראַבען ביז בלאַנק.

אין באַר גייען אַמאָל אַריין די סטואַרדס פון אונטן, ווען מ׳שיקט זיי נאָך אַ פלאַש ביר פאַרן שטייערמאַן אָדער אָפיציר.

זיי קוקן נייגעריק אויף דעם עולם ביי די קאָרטן, אויף די אַמעריקאַנער מיידלעך, הערן זיך צו צו די רעקאָרדס פון מוזיק, מייסטנס דזשעז אָדער יאַפּאַנישע מוזיק. אויף זיי ליגט דער באַאיוער אויסדרוק פון שטוינען, ווייל דאָ איז דאָך אַן אַנדער וועלט, ווי אין דעם קעסל־אָפּטייל, אָדער אין דעם „אַזיאַטישן סטירעדזש״ מיט די פענצטער אין וואַסער און די בעטלעך איינס איבער דעם צווייטן.

מיר קענען זיך שוין, און ווען זיי זעען מיך דאָ אויבן מיט אַ בוך אָדער אַ צייטונג, קוקן זיי נייגעריק, ווייל איך זיץ ניט מיט דעם איבעריקן עולם. זיי פילן זיך נענטער מיט מיר. און ווען איך גיי אַריין אין קיך, גיט מען מיר אַ גלעזל טיי, אָדער אַ שיסעלע רייז — דאָס איז די יאַפּאַנישע פּראָלעטאַרישע גאַסט־פריינטשאַפט. מ׳טראָגט אַריין אין „הויז״ די בוימלעך און די זאַמד־קעסטלעך — הייסט דאָס, אַז עס גייט ווידער זיין אַ שטורעם, און די זאַלץ־וואַסער וועט זיך קייקלען איבער דעם גאַנצן דעק און מ׳וועט ווייטער נישט קענען גיין איבערן שיף און נישט קענען זיצן אויף דער הילצערנער באַנק אויפן שיפ׳ס נאָז. ווי אומגעדולדיק איך וואַרט שוין אויף דעם פּאָרט יאָקאָהאָמאַ.

דער קערפּער איז געוואָרן פאַרהאַרטעוועט פון ווינט און זאַלץ. די פּאָר טעג זון האָבן אָפּגעברענט דעם פּנים, די הענט זיינען ברוין און האַרט געוואָרן.

היינט האָט מען מיך אַ פרעג געטאָן, וואוהין איך פאָר: צי וועל איך פאַרבלייבן אין יאַפּאַן, אָדער פאָרן ווייטער.

איך זאָג:

— אין וולאַדיוואָסטאָק.

צי איך האָב נישט קיין מורא?

— פאַר וואָס אָדער פאַר וועמען?

אַ פּאָר שטאַמלדיקע ווערטער:

— די ראַשיענס!... זיי האָבן אַזוי צעשלאָגן פאַראיאָרן די כינעזער אין כאַרבין...

— איז וואָס האָט דאָס צו טאָן מיט פאָרן אין כאַבאַראָווסק, אָדער טאָמסק, אָדער מאָסקווע ?

— אָבער אַ פרוי !

איך מוז אָנהויבן דאָ אויך פון סאַמע אָנהויב. און איך דערצייל זיי וועגן... „איקאָר״, פונקט ווי די סטאָרקיפערס אין טראָנטאָ, אָדער אין טאַקאָמאַ. מ׳הערט זיך איין, מ׳ברענגט אַ געאָגראַפישע מאַפּע, און דאָ, צווישן ווילד־פרעמדע מענטשן, מיט אַ פרימיטיווער נייגעריקייט, שטעל איך זיי פאָר די געליבטע סיבירער טאַיגאַ, דעם שטאָלצן טייך אַמור, די אַלטע קאָזאַקישע הערפער ביי זייערע ברעגן, און די נייע, רירעוודיקע שפּראָצונגען פון יידישן לעבן אויף אַ נייער, איינענער, סאָוועטישער ערד. כמעט ווי אַ לקציע אין קענזאס־סיטי, אָדער ביי אַ לאָנטשאָן פון ענגליש־ריידנדע לעדיס.

איצט ווייסן זיי, וואָהין איך פאָר.

און דער אינטערעס צו מיר פון יאַפּאַנישן ביזנעס־פילאָסאָף פון באָסטאָן האַלט אין פאַלן.

— טאַיגאַ, טראַקטאָרן, סאַיאַ־בעבלעך, אַ ברונעמער־עקספּעדיציע, דרענאַזש און רייז־פלאַנטאַציעס — ווי ווייט דאָס איז פון פילאָסאָפיע, פון „איינדיפירענס״ און ווי ווייט עס איז פון אַ בעיסבאָל שפּיל אין זיין קאַמפּוס.

ווייל ער קומט פון איינער פון די עלטסטע פאַמיליעס אין טאָקיאָ, וואָס זייערע זיידעס זיינען באַקאַנט ביים הויף פון מיקאַדאָ נאָך מיט 200 יאָר צוריק, געוועזענע מיטגלידער פון דער פאַרטיי „סאַמורי״, און איצט אין דינסט פון מיקאַדאָ. און אָט — טראַקטאָרס, קאָלכאָזן... די דערשיטערונג איז גרויס.

דערפאַר אָבער איז דער קאָרייער, וועלכער איז היינט צופעליק געזונט, זייער צופרידן. איך האָב אים געזאָגט, אַז זיינע לאַנדסלייט זיינען גוטע פאַרמער פאַר גרינבסן און רייז, אַז מיר אין ביראָבידזשאַן לערנען זיך פון זיי דערווייל ווי צו זייען רייז, ביז מיר וועלן אַדאָפּטירן די טרוקענע אַמעריקאַנער סיסטעם פון זייען רייז, ווי אין מאָנטאַנאַ אָדער טעקסאַס.

***

דעם 30טן אויגוסט.

וואָס פאַר אַ שרעקלעכע צוויי טעג עס ליגן הינטער אונדז ! עס האָט זיך אייערנעכטן שטאַרק צעבושעוועט דער „טייפון״, וואָס האָט זיך אָנגעהויבן אַרום די ברעגן פון יאַפּאַן, ווי געוויינלעך, אין סעפּטעמבער. מיר זיינען שוין 1,600 מייל פון טאָקיאָ. דער „טייפון״ הויבט זיך אָן פלוצלינג, אינמיטן פון העלן זונען־שיין. עס ווערט מיטאַמאָל בלויער און קאַלט. די כוואַליעס וואַקסן און שפּריצן פאָנטאַנען מיט שוים אויפן דעק. מיר האָבן

געהאַט אַ ראַדיאָ־באַריכט פון אַ צווייטער שיף, וואָס איז שוין אַריין אין דער „טייפון"־אַטמאָספערע, און זי האָט האָס אונדז געוואָרנט וועגן דעם. עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ גוואַלדיקער ווינט, קעגן וועלכן אונדזער פריער־דיקער שטורעם איז געווען אַ וויג־ליד.

עס איז געוואָרן בלוטיקע ערנסטקייט. מ'האָט געמוזט צומאַכן אַלע טירן. די ערשטע האָט זיך פאַרמאַכט די טיר פון דער מאַנשאַפט און מ'האָט אַראָפּגעלאָזן אַ הערמעטישע אײַזערנע טיר. דאָן האָט מען באַלד צוגעבונדן מיט שווערע קאַנאַטן דעם דעק. מ'האָט פאַרמאַכט אין די קאַבינען די אי־לומינאַטאָרן. מאַטראַסן זיינען אַרומגעלאָפן מיט העק און מיט האַמערס, פאַרשלאָגן מיט נעגל לויזע עפענונגען. מ'האָט זיך געגרייט ווי צו אויסצו־האַלטן אַ לאַנגע באַלאַגערונג.

די הויך פון די כוואַליעס האָט דערגרייכט די מוראדיקע ציפער פון דרייסיק פוס! אונדזער שיף האָט אָנשטאָט דרייצן מייל געמאַכט זעקס און פינף מייל אַ שעה! יעדע ריזיקע שטורעם־כוואַליע האָט מיט אַ גוואַלדיקער קראַפט צעטרייסלט דעם שיף־קערפּער און מיר האָבן געפילט, ווי די מאַ־טאָרן הערן־אויף צו אַרבעטן אויף אַ פּאָר סעקונדן. די שיף איז געשטאַנען מאָמענטווייז טיף אונטערן ים, און אַ הויכע וואַנט מיט שוואַרצע וואַסער איז מיט אַ דונער אַרויף אויף אונדזער דעק, קלאַפּנדיק אין די פענצטער און באַגריסנדיק אונדז מיט אַ רעגן פון פייכטקייט, אפילו אין די גוט־פאַר־שלאָסענע קאָרידאָרן. דער קאַפּיטאַן איז געוואָרן ערנסט קראַנק און האָט זיך ניט באַוויזן צו די מאַלצייטן. די מאַנשאַפט און די אָפיצירן זיינען וואָס אַ שעה געוואָרן שווייגזאַמער, און אַלע פּאָר מינוט פלעגט פון ראַדיאָ־צימער קומען אַ באַריכט צום שטייערמאַן.

די שיף האָט געקרעכצט, ווי אַ לעבעדיקע באַשעפעניש. מ'האָט געקאָנט הערן, ווי זי קעמפט מיטן שטורעם. כמעט אַלע זיינען געווען קראַנק. ביים טיש פלעגן נאָר זיצן אויסער מיר, צוויי פּאַסאַזשירן, און מיין סטואַרד האָט מיר געזאָגט, אַז איך בין אַ גוטער „סיילאָר".

צום אָוונט, נעכטן, האָט דער „טייפון" דערגרייכט זיין מאַקסימאַלע קראַפט, און מיר זיינען געפלויגן פון איין עק קאַיוטע צו דער צווייטער. דאָס גע־שיר פון טיש איז געפאַלן. די זאַכן אין די קאַבינען פלעגן פאַלן, און עס איז געווען אוממעגלעך צו זיצן אויף דער לעדערנער קאַנאַפּע אין רויכער־צימער, ווייל מ'פלעגט זיך אַראָפּגליטשן אויף דער פאַדלאָגע.

איך האָב נעכטן נישט געשריבן, ווייל איך בין געווען איבערצייגט, אַז מיר וועלן דעם שטורעם נישט בייקומען.

עס איז געווען אַ פאַרצווייפלטער קאַמף מיט דעם ים, און אַ זעלטן־שיינער אָנבליק: הוילע, נאַקעטע, שרעק־צעבושעוועטע עלעמענטן און —

פון מענטשן־אויסגעבויטע מאַטאָרן. די עלעמענטן זיינען געוואָרן לעבעדיק־פּאַרקערפּערט. און דאָס האָט מען געזען אין די אויגן־בליקן, ווען מ׳האָט זיך געצוואונגען צו טראַכטן, צו נעמען זיך אין די הענט און ניט דערלאָזן די פּאַרצווייפלונג זאָל אַריינקריכן אין דער נשמה.

די טשאַיקעס האָבן זיך ערגעץ־וואו באַהאַלטן. קיין וואָרעמער, פּולסירנ־דער שטיק לעבן איז אַרום אונדז ניט געווען, נאָר דער „טייפון" און די שיף־מאָטאָרן.

די נאַכט איז געקומען. איך האָב זיך נישט אויסגעטאָן. איך האָב גע־דולדיק געוואַרט אויפן סיגנאַל, ווען די שיפלעך וועלן אַראָפּגעלאָזט ווערן — אַזוי נאָענט איז געווען די געפאַר!

די גאַנצע נאַכט האָט געשוימט דאָס וואַסער איבער די ווענט פון דער קאַבינע. מיט אַ שטאָק טיפער איז אַלץ געווען אונטערן וואַסער, און באַ־לויכטן פון די אילומינאַטאָרן האָט זיך באַוויזן דאָס גרין־גרוי־געל צעשוימט וואַסער. אַ שטיק האָלץ פון אַ צעבראָכענער שיפל האָט זיך אָנגעקלאַפּט אַמאָל אָן פענצטער, און די צעשפּילטע פאַנטאַזיע האָט געזוכט אין ליכט פון ש־ה־פּראָזשעקטאָר צעקלאַפּטע, טויטע פיש.

זעקס אינדערפרי. אין דעם אָרקעסטער פון קרעכצנדיקע מאָטאָרן, אַרויפ־געצויגענע קייטן, קלאַפּנדיקע האַמערן און וואַסער־פּאָמפּן האָט זיך דערהערט אַ שוואַכער קלאַפּ אין טיר פון מיין קאַבינע: דער ווילקאָמענסטער פון אַלע מענטשלעכע וויזיטן אין שעה׳ן פון אומעט און הילפלאָזער איינזאַמקייט — אַ ראַדיאָ־טעלעגראַמע פון ניו־יאָרקער אַפּיס פון „איקאָר"!

פינף מיט אַ האַלב טויזנט מייל איז געגאַנגען דער גרוס פון וויטן ניו־יאָרק, איידער ער האָט זיך געזעצט אויף דער ראַדיאָ־אַנטענע פון דער „יאָקאָהאַמאַ מארו", וואָס צאַפּלט זיך אין די אָרעמס פון אוראקאַן. פון דאָרט האָט אים דאָס וואַכנדיקע אויג פון ש־פּס־אָפּערעיטאָר אויפגעכאַפּט און גע־שיקט צו מיר, אָנפילנדיק דעם גאַנצן אָרגאַניזם מיט דער שטומער פרייד אַ מענטשלעכע שטימע, וועלכע איז נאָך לעבעדיק, נאָך וואַרעם. נאָך הילכיק טראָגן די פינף טויזנט מייל פון איר מהלך איבער דעם ים.

און צוזאַמען מיט דעם וויטן גרוס קומט אַריין נייע האָפענונג צום לעבן, אַ געוויסער שטאָלץ איבער די דערגרייכונגען פון מענטשן. אין אַ מאָמענט פון פיזיש־אויסגעמאַטערט זיין, אין דער שווערסטער דעפּרעסיע פון פוסטן זיצן און וואַרטן ביז דער טייפון וועט אָפּטאָן זיין אַרבעט, קומט אומדערוואַרטעט אַ ידיעה פון דער וועלט — דער וויטער גרויסער קעמפערישער וועלט — וואָס צאַפּלט זיך ערגעץ־וואו אויך אין אַ קאַמף, אויך אין טייפון, אָבער פון מענטשלעכע ליידנשאַפטן, פון מענטשלעכע נויטן, פון מענטשלעכן ווילן. און די פינף ווערטער אויף דער ראַדיאָ וואַקסן גוואַלדיק

אויס, רעדן מער ווי זיי קענען, וועקן א בענקשאפט נאך אקטיוויטעט, נאך טאן עפעס פראדוקטיווס, נאך בייקומען דעם ים, דעם שטורעם, די שטערונגען, די דעפרעסיע, און איך הער זיך צו, און עס דוכט זיך אויס — עס ווילט זיך אויסהוכטן — אז עס איז בעסער געווארן, שטילער, אז דער שטורעם האט זיך געלייגט, אז עס איז ווידער גוט. . די טעלעגראמע איז, אז די וויזע ווארט אין טאקיא.

***

31טער אויגוסט.

די יאפאנער זאגן, אז אין טאקיא איז דאס יאר א הייסער זומער. דא, אויפן ים, איז קאלט דערווייל. אפשר, ווען מיר וועלן זיין דריי טעג פון טאקיא, וועט ווערן ווארעם. זיי זאגן, אז איצט הויבט זיך אן אין יאפאן די סעריע פון אלע מינים צרות: דער „טייפון", ערד־ציטערניש און די כאלערע־עפידעמיע. עס דערגרייכט ביז פופציק קראנקהייטס־פאלן א טאג, א סך פון זיי מיט טויטלעכן אויסגאנג.

דער ים איז היינט שפיגל־גלאט. די שיף גייט נארמאל. די פאסאזשירן קריכן ביסלעכווייז ארויס אויף דער דעק. די מאטראסן האלטן שוין ווידער אין באשמירן מיט רויטע פארב די פארעגנטשע פון פראנט.

היינט אינדערפרי האט אויף א ווילע א שיין געטאן די זון. א שאו פע זאלציקע ליכט איז אריין אין דער קאבינע, און עס האט זיך דערהערט די הייזעריקע שטים פון איינעם פון די הענער, וואס פארן פון וויקטאריא אין טאקיא, אין א הילצערנער שטייג. מ׳האט זיי ארויסגעפירט אויפן דעק, זיי זאלן זען דעם ים, ווען ער איז אויף דער אמת׳ן „פאסיפיש", און ביט ווי איירערעכטן, ווען זיין נאמען איז געווען א ציניש׳ער פאראדאקס, געגוג פאר א פראטעסט צו דער „געאגראפישער סאסייעטי", זי זאל בייטן זיין נאמען.

דער האן האט אויפגעוועקט די אילוזיע פון א פארם עפעס דא דערביי. זיין קרייען איז געווען מיט אזוי פיל ווירדע, ווי נאר עס קאן קרייען א בכבוד׳יקער האן ערגעץ אין קאנעקטיקוט אדער ניו־דזשוירזי. דאס, צוזאמען מיט דעם באראמעטער, וואס שטייט אויף „פעיר", רופט ביי אונדז ארויס א האפענונג, אז דאס שווערסטע איז שוין פארביי; אז אויב עס וועט יא זיין נאך אזא שטורעם, וועט עס שוין זיין א זאך פון געוואוינהייט, פון דערפארונג.

***

אין יאקאהאמא פארט וועט אויף מיר ווארטן א גרופע חברים פון לאס־אנדזשעלעס, וועלכע איז געפארן מיט א שיף פריער פון סאן־פעדרא. דאס

פילט מיך אָן מיט אַ גרויסער פרייד: איך וועל נישט זיין אַליין אין אַ ווילד־פרעמדער שטאָט. און אפשר וועט זיך נאָך איינגעבן צוזאַמען פאָרן אין וולאַדיוואָסטאָק, וועל איך זיין דער פירער. וועל איך האָבן די טייערע פליכט פאַרצושטעלן פאַר זיי דעם פּאָרט פון וולאַדיוואָסטאָק, דעם פּאַראַיין פון די מאַטראָסן, די קורסן פאַר יידישע טראַקטאַריסטן אין דעם הויז פון „געזערד".

און ווייטער, אין כאַבאַראָווסק, וועל איך שוין זיין אין דער היים. איך זע פאַר מיינע אויגן דעם גרויסן אַמור־בריק, די ווייטע פליינס פון פּרי־אַמוריע, דאָס הויז פון „געזערד" מיט די ברייטע שטיגן, און די פּאָר חברים, וואָס זיצן דאָרט איבער זייערע פּאַפּירן...

נאָך די לאַנגע טעג פון פּאַסיפיק, נאָך דער אָפּגעריסנקייט פון דער יבשה־וועלט, אַרבעט די פאַנטאַזיע זייער פאַמעלעך, און עס איז שווער זיך פאָר־צושטעלן, אַז די אַלע אויסגערעכנטע פּערספּעקטיוון וועלן ווערן רעאַלע סאָ־וועטישע פאַקטן און אַ נייע וועלט וועט זיך עפענען, וועט זיך אַרויסשיילן פון די ווייטקייטן פון שטח. אַ וועלט אָן ברידזש־פּאַרטיס און אָן ראַסן־אונ־טערשיידן.

***

דאָס מיידל פון סעאַטל, וואָס פאָרט אין שאַנכאַי צו איר חתן, איז געווען זייער קראַנק. היץ־קרעמפּס און ים־קרענק. האָט מען גערופן דעם דאָקטאָר, אַ יונגן יאַפּאַנער, וואָס האָט שטודירט אין דייטשלאַנד אַ פּאָר חדשים. האָט ער געוואָלט אויסהערן איר האַרץ, האָט זי נישט געלאָזן. אַ יאַפּאַנער, פון אַ געלער ראַסע, וועט עקזאַמינירן איר ווייסע, אַמעריקאַנישע ברוסט? און ער אַליין האָט נישט געוואָגט צו באַשטיין דערויף, ווייל עס איז געווען זיין ערשטע ווייסע פּאַציענטקע אין זיין פּראַקטיקע. האָט ער איר געבראַכט אַס־פּירין און געמאַכט אַ קאָמפּער־איינשפּריצונג. איך בין געווען ביי איר אין דעם מאָמענט פון דעם שרעקלעכן שטורעם — און האָב איר צוגערעדט, איר געזאָגט, אַז זי קאָן האָבן לונגן־אָנטצינדונג, אַז זי קאָן ווערן ערנסט קראַנק און נישט אַריינגעלאָזט ווערן אין לאַנד. זי האָט נישט געוואָלט. היינט האָב איך גערעדט מיטן דאָקטאָר, ער האָט אפילו נישט געהאַט קיין איראָנישן שמייכל, נאָר זייער גוטמוטיק געזאָגט: זי וועט געזונט ווערן, ס'איז איר ערשטע ים־רייזע — עס איז אין אָרדענונג. אָבער ווען איך האָב געזען ווי פריינטלעך און געדולדיק די צוויי סטיואַרדס זיינען געזעסן ביי דעם מיידל און איר די גאַנצע צייט געהאַלטן דעם קאָפּ אין דער הויך און געלייגט אייז צום רוקן און מיט אַ לעפעלע אַריינגעגאָסן טיי, ווי אַ קינד, האָב איך ביי זיך געמוזט פּסק'נען: אַן אַמעריקאַנער סטיואַרד וואָלט אַ יאַפּאַנערקע אָדער

אַ נעגער־מיידל נישט באַדינט אַזוי טריי און מיט ליבע, ווי די צוויי יאַפּאַנער האָבן דאָס געטאָן בנוגע דער אַמעריקאַנישער מיידל. און היינט האָב איך איר דאָס געזאָגט. האָט זי מיר געענטפערט: „נו, איך וועל זיי געבן טרינקגעלט".

***

די וועלט איז ענג אויפן פּאַסיפיק. דערפאַר וואַרט איך שוין מיט אַזאַ אומגעדולד אויף טאָקיאָ.

און אפשר גייען שוין סאָוועטישע שיפן ביז וולאַדיוואָסטאָק?

וועל איך, הייסט דאָס, אין פינף טעג אַרום הערן די קאָמאַנדע־ווערטער אויף רוסיש, זען סאָוועטישע מאַטראָסן. און אין נאָך אַ טאָג־צוויי הערן דאָס געשמאַקע יידיש פון פּאָלטאַווער איבערוואַנדערער אין ביראָ־פעלד?

***

1טן סעפטעמבער.

עס ווילט זיך נישט גלויבן, אַז עס איז דער אייגענער ים, וואָס האָט אַזוי געבושעוועט און געשפיגן מיט פאַרניכטונג מיט דריי טעג צוריק.

דאָס וואַסער איז העל, דורכזיכטיק און זעט אויס ווי אַ טייך אין סענטראַל פּאַרק. די לופט איז וואַרעם, אָנגעפילט מיט אַ דעמפּקייט, אַן אָפּקלאַנג פון די היצן אין יאַפּאַן, וואָס זיינען איצט זייער גרויס דאָרט.

מען גרייט זיך שוין צום אַריינפאָר אין יאָקאָהאַמאַ. מען וועט אונדז געבן ליסטן צום אויספילן. מען רעדט שוין וועגן ווייטערדיקע פאַרבינדונגען. ווער עס פאָרט אין קאָבע, ווער אין סעאול (קאָרייע), ווער אין וולאַדיוואָסטאָק. די שטימונג איז אַביסל אַ פאַרבענקטע. מען האָט פאַרבראַכט צוויי וואָכן צוזאַמען, מען איז אויסגעשטאַנען אַ שטורעם צוזאַמען, און איצט, ווען די רייזע נעמט אַ סוף — און עס הויבן זיך אָן די טעג פון נייע זומענישן, נייע דיסטאַנצן, נייע פּלענער און נייע שיפן — ווילט זיך עפּעס נישט אַרויס פון דעם שטילשטאַנד און זאָרגלאָזיקייט פון דער „יאָקאָהאַמאַ מאַרו". עס איז אַביסל אַ שאָד זיך צו שיידן מיט דער חברה פריילעכע מאַטראָסן, וואָס האָבן אַזוי העלדיש פאַרטיידיקט דעם דעק קעגן די מוראדיקע כוואַליעס.

אַלץ איז היינט אויפן דעק — די הינער, די הינט, די פּאַסאַזשירן. פאַר'ן קיך איז ווידער טומלדיק. עס שטייען שוין ווידער די געפלאָכטענע קערב מיט רייז. דער קוכער שאַבט אכזריות'דיק אַ גרויסן האַליבוט־פיש און זיין געהילף שניידט גאַנצע טוצן ציבעלעס אין קליינע פּאַסעקלעך. דאָס גרייט מען צו אַ „טשאַפּ־סואי" אויף מיטאָג.

מען האָט שוין ווידער אַרויסגעטראָגן די קעסטלעך מיט געוויקסן פאַרן

קיך־אַריינגאַנג און מען פוצט די טירן, פענצטער און מען פאַרבט די מאַטשען און מעטאַל־פלאנקען פון דער „רעילינג“.

מען גרייט זיך אַריינצופאָרן אין האַפן פון יאָקאָהאַמאַ אויסגעפוצט און ניי־אָפּלאַקירט, צו באַדעקן די אָפּגעלאָזנקייט פון דער אַלטער שיף. אָבער וועגן אָט־דער שיף האָב איך איצט אַ גאַנץ אַנדער מיינונג. זי האָט אויסגעהאַלטן דעם עקזאַמען אויף פולע הונדערט פּראָצענט. זי האָט נישט שווער געקעמפט און בייגעקומען דעם טייפון, נאָר זי האָט אויך נישט געליטן קיין שאָדן. קיין איין פּראָפּעלער פעלט נישט, און אויסער אַ קאַסטן מיט אַלטע געצייג, האָט זי גאָרנישט פאַרלוירן. אַלץ פונקציאָנירט גוט, אַזוי ווי קיין שטורעם וואָלט נישט געווען.

היינט האָט מען אויך געעפנט די „פּאַראַדנע טרעפּ“, דאָס הייסט, מען האָט אַוועקגענומען די שווערע מעטאַלענע טיר פון אונדזערע קאַבינען־אַריינגאַנג און ער איז אָפן, און די זון קוקט אַריין און שפּילט זיך מיט די מעשענע באַשלעגן פון די פענצטער.

פאַרנאַכט איז געווען איינער פון די שענסטע זונען־אונטערגאַנגען. טיף־פּורפּור און בלאַס גאָלד. און די טשייקעס האָבן מיט אַ נייער ענערגיע גענומען קרייזן אַרום דער שיף. אַלע, מיט דער אויסנאַם פון די צוויי קליינע, וועלכע איך זע נישט.

אַ זאַטע גאָלד־געלע לבנה האָט מיט אַ קאַלטן שטאַרקן פייער אַראָפּגעשיינט פון טיף־פיאָלעטן הימל, דורכגעצויגן מיט ווייסע דינע וואָלקנס.

אויפן דעק האָבן זיך צום ערשטן מאָל ביינאַכט פאַרזאַמלט אַ פּאָר מענטשן. עס איז געווען אַ וואונטש ניט אַראָפּצוגיין אַזוי לאַנג ווי מעגלעך, אין די טיפע נידעריקע שטייגן פון „אַזיאַטיק סטירידזש“ — וואו פינף־זעקס מענטשן שלאָפן צוזאַמען, וואו די לופט איז דיק און צונויפגעמישט מיט רויך־סמאָלע, דעם דאַמף־אַפּאַראַט און מענטשלעכע קערפּערס.

עס האָט זיך געוואָלט פאַרברענגען אַזוי לאַנג ווי מעגלעך אין דער פרייער זאַלציקער לופט פון אומענדלעכן ים, אונטער אַ דרום־הימל, ווייל היינט גייען מיר שוין שאַרף צום דרום.

איבערמאָרגן וועלן מיר זען דעם באַרג פידזשי־יאַמאַ, דעם טויטן וואולקאַן.

אָט דאָס איז אונדזער קיינמאָל נישט צופרידענע מענטשלעכע נאַטור! צום אָנהויב איז די צייט געווען לאַנג, די טעג האָבן זיך געשלעפּט פּאַמעלעך. איז געווען שלעכט. עס איז געקומען דער „טייפון“, צעטרייסלט די ים־וועלט אויף בריקלעך און געוויזן די מענטשן די שאַרפע ציין פון אונטערגאַנג — איז געווען שלעכט, — און איצט, דריי טעג פאַרן סוף פון דער רייזע — די זון ברענט, די מאַטראָסן וואַרפן פעטע פאַרב אויפן ווייסן פלאַנ־

קען, די מענטשן שמייכלען צופרידן, די שיף גליטשט זיך ווי אויף גומענע רעדער — און עס איז ווייטער שלעכט — וואס צו אט־דעם צושטאנד ווערט באלד נעמען א סוף.

**
*

דער קאפיטאן האט זיך היינט פאראינטערעסירט מיט דעם „איקאר", זענענדיק, אז איך לייען דעם רעפארט פון דער עקספעדיציע אין בירא־בידזשאן פון 1929.

איך האב אים דערקלערט, און אלס יאפאנישער ביזנעסמאן האט ער זיך געוואלט דערוויסן, אויב א סך מענטשן פארן פון אמעריקע קיין וולאדי־וואסטאק און מיט וועלכער לאין זיי באנוצן זיך, אויך מיט וועלכע שיפן שיקט מען מאשינען אין ווייטן־מזרח.

זיי זיינען, אמת, גוטע געשעפטסלייט: די פאסאזשירן האבן ביי זיי דעם גרעסטן קאמפארט, די גרעסטע באוועגונגס־פרייהייט, און פאר עקסטרא פופצן דאלאר קאן מען האבן דאס עסן פון אן אמעריקאנישן טיש אין דער קאבינע פונעם דריטן קלאס.

אויף א טראנסאטלאנטישער שיף האב איך נישט געזען אזא פריינטלעכ־קייט און אזא מאקסימום פון קאמפארט פארן פאסאזשיר ווי דא. קאן זיין דערפאר, ווייל די שיף איז נישט קיין גרויסע און עס איז לייכטער צו פאר־זארגן די פיר־צענדליק מענטשן, ווי אויף די ריזיקע שיפן, וואס אויפן אטלאנטיק.

**
*

2טן סעפטעמבער.

איך בין נאר־וואס צוריקגעקומען פון א עקסקורסיע אין די טיפעניש־ן פון אונדזער שיף. איבער שמאלע אייזערנע טרעפ בין איך אראפ א פערציק פוס טיף, צוזאמען מיט דעם ערשטן מעכאניקער, אין קעסל־אפטייל, וואו פיר ריזן־באילערס שטראמען ארויס א שרעקלעכע היץ און וואו צוויי האלב־נאקעטע ארבעטער האלטן אין איין ארומפאדען מיט א געוואלדיק לאנגן פייערהאקן אין דעם צעגליטן פייער, שיטנדיק מיט דער לאפעטע דינע קוילן אין דער אויוון־עפענונג.

עס איז א ריטמישע, שטאלענע מוזיק פון די פיר מאטארן מיט זייערע פינף טויזנט פערד־קראפט. עס איז א גרויסע מאטעמאטישקייט, ווען די אב־געאוילטע קאנאלכלעך פון די גרויסע רעדער און מעשענע רערלעך אין די קאמפאסן און דערן, רעגולירן אויטאמאטיש די באוועגונגען פון רודער.

טראץ דער געוואלדיקער היץ האט זיך נישט געוואלט פון דארט אוועק־

גיין, כאָטש עס איז אַ וואונדער ווי די הײַצער קענען דאָרט שטיין פיר שעה נאָכאַנאַנד, אין צווײ שיכטן צוזאַמען, מאַכט עס אַכט שעה אַ טאָג. זיי זיינען בלאַס, מיט אַ טרוקענער צעברענטער הויט, מיט גלאַנצלאָזע אויגן, מיט מאָ־גערע שלאַנקע קערפּערס.

איך האָב געזען דעם קעסל־אָפּטייל פון דער „ברעמען" און איך מוז זאָגן, אַז ער האָט אויף מיר דאָרט נישט געמאַכט דעם גרויסן איינדרוק, וועלכן איך האָב דערוואַרט. דערפאַר איז עס דאָך די „ברעמען", זי זאָל האָבן גע־וואַלטיקע קעסלען, וואָס גיבן זיכערקייט און צוטרוי, אַז די שיף קאָן נישט זינקען אין אַ שטורעם. אָבער אַז מען גיט אַ קוק אויף דער „יאָקאָהאַמאַ מאַרו" מיט איר דעק פון 400 פוס די לענג, מיט איין קוימען, איז דער חילוק גאָר אַ גרויסער. דערפאַר האָבן די מעכאַניקער געזאָגט אַזוי שטאָלץ, אַז זייער שיף קאָן נישט זינקען אין אַ שטורעם. זי איז ספּעציעל געבויט אין די שיפס־ווערפן פון נאַגאַסאַקי פאַר דער רייזע איבערן פּאַסיפיק.

גייענדיק צוריק, האָב איך אויך געזען דעם שפּיטאָל — אַ שמאָלן, האַלב־פינצטערן ווינקל אויפן דעק, מיט אַ גלאָז וואַסער און אַ פאַרטריקנטע בלום, וואָס איז געווען דער פרויען־שפּיטאָל. אין דעם מענער־אָפּטייל האָט מען מיך נישט אַריינגעפירט.

***

3טן סעפּטעמבער.

עס גלויבט זיך נישט, אַז מען וועט נאָך היינט זען לאַנד. עס איז אַזוי אוממעגלעך. איך געדענק אָט־דעם אייגענעם געפיל האָב איך געהאַט אין 1921, אַריינפאָרנדיק צום ערשטן מאָל אין דעם ניו־יאָרקער האַפן, ווען נאָך אַכט טעג אויפן ים האָט זיך אַזוי פעסט און זיכער — דאָס איז געווען דער איינדרוק — געוויזן דאָס גרינע באַרגיקע לאַנד פון די אינדזלען אַרום מאַנהעטן.

מען זאָגט אונדז צו נאָך היינט דעם פידזשי־יאַמאַ. דערווייל, עס איז צווײ אַזייגער בייטאָג, איז נאָך דאָ אַ נעפּל, אַן אומרואיקער ים און אַ שטיקל אויפגערעגטקייט. מען פּאַקט זיך, מען צאָלט אָפּ חשבונות, מען שיקט קעיבלס און מען באַוואונדערט די שיף־מאַגשאַפט, וואָס פּוצט און רייבט די שיף, אַזוי ווי עס וואָלט געווען די קרוינונג פון מיקאַדאָ.

אַלע אָפיצערן און דער קאַפּיטאַן זיינען היינט אָנגעטאָן אין ווייסע אור־ניפאָרמען מיט שוואַרצע עפּאָלעטן. אפילו אונדזער קיך־אויפזעערין טראָגט היינט אַ ווייסן מונדיר.

מיר האבן נאך צו מאכן א צוויי הונדערט מייל. זעקס אין דער פרי האָרף קומען דער דאקטאר פאר אן אונטערזוכונג פון אלע פאסאזשירן: עס איז דער אריענט און מען האט מורא פאר אימפארטירטע קראנקהייטן.

אביסל האט מען זיך אפגעוואוינט פון טומל פון מענטשן, פון שטאט.

איצט, ווען די נסיעה האלט ביים סוף, איז אביסל א שאד צו פארלאזן די שיף. כאטש מען וועט נאך אביסל פארן פון פארט טסורוגא ביז וולאדיוואסטאק — צוויי טעג ים־רייזע.

עס איז א שאד צו גיין אויף לאנד. עס איז זייער הייס. דא איז געווען קיל און רואיק צו ארבעטן.

ביינאכט האט מען געהערט אין ראדיא־צימער די מוזיק פון שאנכאי און דערנאך אן ענגלישע רעקלאמע, וואס רעדט וועגן איז־באקסעס.

***

זיבן אזייגער פארנאכט.

„לאנד“!

מען זעט לאנד! א בארג, דערנאך א לייכט־טורעם און נאך ליכטער. עס איז א פאקט — מען זעט לאנד.

דער לעצטער מאלצייט פארגייט אין א פריילעכער שטימונג. די שיף איילט זיך צו מאכן די לאנדונג אין צייט. אלע זיינען נאך מער צעטראגן ווי בייטאג. אפילו די רואיקע יאפאנער זיינען אויך אביסל לעבעדיקער געווארן.

מארגן גייען זיי אויף דריי טעג „אן לענד“. פינף פארטאג וועלן מיר זיין אין יאקאהאמא.

***

4טן סעפטעמבער.

זעקס אזייגער. מיר שטייען אין האפן פון יאקאהאמא. לעבן אונדז שטייט דער לאינער „פרעזידענט טאפט“ און א פראכט־שיף „טאקאמא“, און אנטקעגן אונדז, דער ערשטער גרוס פון יאפאן — פיר מעכטיקע שווארצע פאנצערשיפן מיט שורות ווייס־אוניפארמירטע קריגס־מאטראסן.

א שלום־גרוס פון יאפאנס קאפיטאל. די פאנצערשיפן כאפן ארום צעדרטעך דעם האנדלס־פלאט!...

דער הימל איז פארוואלקנט. עס קומט די קאראנטין מיט דעם דאקטאר און באאמטע פון האפן, די טשייקעס זיצן אויף דער שיף, אויך אנגעקומען אין יאקאהאמא...

אין יאַפּאַן

דער האַפן פון יאָקאָהאַמאַ מיט זיינע גרויסע קריגס־שיפן, זיין האַנדלס־פלאָט און די צאָלרייכע קליינע שיפלעך מיט אומבאַוועגלעכע ווייסע זעגלען, מאַכט אַ פאַרבנרייכן איינדרוק.

באַלד ווי די שיף לאַנדעט, קומט אַרויף — נאָך ווייט אין האַפן — אַ קאָמיסיע פון קאַראַנטין און באַטראַכט די פּאַסאַזשירן, די געזונטע ווי די קראַנקע.

צוגלייך מיט דער קאָמיסיע איז אויך אַרויף די האַפן־פּאָליציי און האָט זיך גענומען אָפּטאָן אַ שטיקל אַרבעט, אַז די געוועזענע צאַרישע אָכראַנע האָט איר געקענט מקנא זיין.

צוערשט האָט מען זיך גענומען צום קאָריער, דערנאָך צו מיר.

דער קאָריער, נישט צוגעוואוינט צו אַזאַ פּראָצעס פון אינטענסיווער נייגעריקייט און הוצפה־דיקער עם הארצות, איז נאָך אַ פּאָר מינוט אויס־פרעגן אים אַרויס אַ צעטראָגענער און האָט זיך געוואונדערט איבער זייערע רעד טעיפּ״, ווי ער האָט דאָס מילד אָנגערופן. דאַן האָט מען זיך גענומען עקזאַמינירן מיך.

צוערשט קאַזיאָנער סטערעאָטיפּ, ביז צו דער פראַגע: ווי לאַנג בלייב איך אין יאַפּאַן און וואוהין פאָר איך ווייטער?

ווען איך האָב געזאָגט: „וולאַדיוואָסטאָק״, איז ווי אַ דונער וואָלט אין זיי אַריין.

איך זאָג: „אין זיי״, ווייל פינף פלינקע, נייגעריקע אַגענטן זיינען געזעסן אַרום מיר און פונדערווייטנס האָט דאָס אויסגעזען ווי אַ „ראַונד טעיבל״ קאָנפערענץ.

דאָס וואָרט „וולאַדיוואָסטאָק״ האָט אַרויסגערופן די גרעסטע, שלעכט־פאַרמאַסקירטע, אויפרעגונג. עס האָבן זיך אָנגעהויבן שיטן נאַרישע, עם־האָרצ׳ישע פראַגן: צו וואָס איך פאָר? ווער עס שיקט מיך? אויף וועמעס הוצאות? צי פאָר איך אויף אַ קאָנגרעס? צי בין איך פאַרבונדן מיט דעם „אַמטאָרג״? צי האָב איך דאָקומענטן אויף קריגן אַ וויזע? וואָס וועל איך טאָן אין ווייטן מזרח? פאַרוואָס פאָר איך אַליין? (אויף דער לעצטער פראַגע — אַרויסגעבראַכט פון געדולד — האָב איך געענטפערט: אַז איך פאָר שטענ־דיק אַליין — כדי אויסצומיידן נאַרישע פראַגן). מיט איין וואָרט, עס איז געווען אַ קרייץ־פאַרהער פון גוטע פופצן מינוט. דער אַגענט האָט זיך געדרייט, ווי אַ וואָרים און האָט איבערגעבלעטערט מיין פּאַס פון אַלע זייטן, און מאַטעריאַל האָט ער געהאַט, ווייל דער פּאַס איז פון פאַר צוויי יאָרן,

ווען איך בין צוערשט געפאָרן אין איראָפּע. ביז איך בין אַרויס פון געדולד און האָב זיך אויפגעהויבן. דאַן האָט ער געשטעלט זיין שטעמפּל אויף דער אַריינפאָר־וויזע.

דאָס האָט אויף מיר געמאַכט דעם געמיינסטן איינדרוק, וואָס מען קאָן זיך נאָר פאָרשטעלן. דער פּחד פון באַצאָלטע, געדונגענע טרוסן, וואָס ציטערן פאַר צוויי געפאַרן: פאַר דער אַמעריקאַנער, און פאַר דער סאָוועטישער.

און פון דער צווייטער זייט, מוזן זיי זיך אונטער׳חנפ׳ענען אַביסל צו טוריסטן, ווייל ביזנעס איז שלעכט ביי זיי אויך.

די מורא פאַר פרעמדע איז אַזוי גרויס ביי די אַגענטן, אַז זי ציטערט פּשוט אַרויס פון זייערע פראַגן — אומגעלומפּערטע און נאַרישע.

איך נעם אַ טרעגער און מען גייט צו דער צאָל־געביידע (טאַמאָזשנע, קאָסטאָם־האוז). די גרעסטע אויפמערקזאַמקייט איז איצט געווענדט צו פּאַפּיראָסן, זיידענע זאָקן, אָדער רויע זייד, וועלכע ווערן באַטראַכט אַלס אַ וויכטיקער אימפּאָרט, וואָס שעדיקט די אינטערעסן פון דער פּאַטערלענדישער אינדוסטריע.

אָבער אויף דער שיף איז איבערגעבליבן אַ שטיק עכטער אָריענט: עס גיבן זיך אַ וואָרף אויפן דעק קוליס: אויסלאָדן די פראַכט.

די שיף האָט געבראַכט זעקס טויזנט טאָן פראַכט. ווייץ, זאַלץ, פּרוכטן, אויטאָמאָביל־טיילן. הונדערטער ברוינע, מאָגערע, קוים באַקליידטע קוליס קומען אַרויף, מיט זייערע גרויסע קאַפּעליושן, אָדער מיט ריזיקע שטרויענע היט, מיט קורצע הייזלעך און ברייטע קימאָנאָס.

און צוזאַמען מיט זיי קומט אַן אַרמיי פרויען מיט קאָשעקלעך און פּעקלעך מיט געקאָכטע רייז, טשאַיניקעס מיט טיי און געקאָכטע עפּל, און ביליקע צוקערוואַרג. די שיף ווערט אויגנבליקלעך פאַרוואַנדלט אין אַ באַזאַר, אין אַ גרויס געזשעלב, וואו די יאַפּאַנישע האָרעפּאַשניקעס לאָזן איבער זייערע שווער־פאַרדינטע גראָשנס.

אויפן שיף איז אַ גערודער: קייטן גריילצן, אַ קראַן אַרבעט און הויבט שווער׳ע פּעק מיט סחורות; מאַטראָסן יואַרפן אַרויס דאָס געפּעק פון די פּאַסאַזשירן, באַקאַנטע פון די פּאַסאַזשירן און זייערע נאָענטע און ווייטע פריינט קומען זיך באַגריסן, און עס הויבט זיך אָן אַ צערעמאָניע פון פאַרנייגן זיך און בויגן דעם קאָפּ. אַלע פרויען זיינען אָנגעטאָן אין קימאָנעס, מיט הויך־אויפגעקאַמטע האָר, מיט ברייטע גאַרטלען אויף די לענדן. אויף די פיס טראָגט מען קורצע ווייסע לייוונטענע זאָקן. מען גייט אין הילצערנע שיך אויף צוויי הילצערנע שטעקלעך. די גראָבע פינגער פון די פיס זיינען צוגעבונדן צו די הילצערנע פאַנטאָפל מיט אַ בענדל. מען גייט מיט קליינע

טריט, און דאָס האַלץ קלאַפּט אויף דעם שטיינערנעם טראָטואַר.
אָריענט . .

***

יאָקאָהאַמאַ איז שיין. די שטאָט ליגט אויף אַ ריי בערגלעך. די הייזער זיינען לייכט, לופטיק, מיט שטרויענע פאָרהענג אויף די ברייטע פענצטער. אַרום איז אַלץ גרין, די לופט איז הייס און שמעקעדיק — אַמציק גראָד היץ.

יאָקאָהאַמאַ איז ווייניקער אַ גרויס־שטאָט ווי טאָקיאָ. זי האָט מער נישט ווי פיר הונדערט טויזנט איינוואוינער. טאָקיאָ האָט נאָענט צו פיר מיליאָן מיט די אַרומיקע ערטער.

אַ ריי קאַנאַלן צאַמען אַרום די שטאָט און אַ מאַסע פּראַכט־לאָדקעס. פלאַכע, פאַרביקע, טראָגן זיך אויף די קאַנאַלן, אָנגעלאָדן מיט גרינסן, קערב מיט פרוכט און זעק מיט רייז.

רייז איז דאָ אָנשטאָט ברויט. און אויף די טישן אין די רעסטאָראַנען שטייען שוואַרצע צוגעדעקטע לאַקירענע שיסלען מיט געקאָכטע קאַלטע רייז און צוויי הילצערנע שטעקעלעך.

די פרויען טראָגן די קינדער אויפן רוקן. דאָס קינד איז אַזוי קונציק צוגעבונדן צו דער פּלייצע און צו דער ברוסט פון דער מוטער, אַז ביידע הענט זיינען ביי איר פריי און זי שלעפּט נאָך אַ פּאַק אויך דערצו.

אין עלעקטרישן צוג, וואָס גייט פון יאָקאָהאַמאַ צו טאָקיאָ פאָרן יאַפּאַנער מיט פּעקלעך, איינגעוויקלט אין אַ שוואַרץ אָדער ברוין באַוועלנע טיכל, און עס זעט אויס ווי אין אַ יידיש שטעטל אויפן יאַריד. מענער און פרויען טראָגן קימאָנאָס. די מענערשע זיינען קורץ און אָפן און פאַרשטעלן ביז די אונטערוועש, וואָס קוקן אויס ווי „ביווי־דיס".

איר זעט וואונדערבאַרע פּנים'ער. בראָנזענע אויסגעטאָקטע, קלוגע אַריענטאַלישע פיגורן, אין גרויסע שפּאַקולן אויף די ביינערדיקע נעזער, מיט הילצערנע שיך אויף די נאַקעטע פיס.

אין וואַגאָן דריטע קלאַס, וואו איך בין געפאָרן, האָב איך געזען און גערעדט מיט אַן אמת'ן, לעבעדיקן „גוטן יידן".

אין יאַפּאַן — דאָס מוז מען זען. אַ טיפּ פון זעכצנטן יאָרהונדערט, איז פאַרגליווערט געוואָרן ערגעץ־וואו אין גאַליציע און איז פאַרגליווערט אַראָפּגעקומען, דורך אַ נס, אין טאָקיאָ . . .

אַ שוואַרצער פילצענער קאַפּעליוש אויף אַ בלייך מאָסאַניש־סעמיטיש פּנים, מיט קליינע פאות און גרויסע ברילן אויף די קורצזיכטיקע, מאַנדלפאַרמיקע שוואַרצע אויגן. אין האַנט אַ שוואַרצער שירם, אַזוי ווי ביים גערער רבי'ן.

איך האָב צו אים אָנגעהויבן רײדן.

ענגליש — ער שװײגט.

יידיש — ער שװײגט װײטער.

פראַנצויזיש — ער האָט זיך צוגעהערט און געענטפערט. ער רעדט אַביסל, װײל זײן פאַמיליע איז פון אַפריקע.

פון אַביסיניען.

אין טאָקיאָ, — זאָגט ער, — איז דאָ אַ היפּש ביסל ייִדן: רוסישע, דײטשע, קאַראַאימער, פּערסישע און יאַפּאַנישע — פון זײן מין. ער לערנט זיך אין דעם „סעמינאַר" פאַר יונגע רבנים.

געערעדט האָט ער נישט קוקנדיק אויף מיר.

די פרויען לערנען זיך נישט. זײ זײנען אין הויז, ביז זײ האָבן חתונה צו פערצן־פופצן יאָר. מיט די מאָדערנע ייִדן — די דײטשע, אָדער רוסישע, האָבן זײ זאָגאַר גאָרנישט צו טאָן.

איך זאָג, אַז איך פאָר אין סאָװעטן־פאַרבאַנד. דער עפעקט איז אַ גרויסער. כמעט װי בײ די האָפן־באַאַמטע.

ער קוקט לאַנג פאַר זיך און זאָגט:

— עס איז אַ לאַנד — שלעכט פאַר ייִדישקייט און גוט פאַר ייִדן.

זי' רעדט צו דער זאַך. אָבער אָט גײט ער שױן אַראָפּ. די יאַפּאַנער האָבן י גאַנצע צײט געקוקט אויף אונדז, ספּעציעל מיט אַ פאָרוואורף אויף מיר; װי דערװעגט זיך האָס אַ פרוי צו רעדן מיט אַ „הײליקן".

ז גײט אַראָפּ פאַוואַליע, געזעגנט זיך נישט.

אַ פאַרגליווערט בילד פון אור־אַלטע צײטן, אַ געמיש פון אַביסיניע און מזרח גאַליציע.

דער אָריענט איז אַ מעשה פון טויזנט און אײן נאַכט. אָבער דער אָריענט, זאָגט מען, — הױבט זיך ערשט אָן אין שאַנכאַי, סײגאָן, סינגאַפּור. יאַפּאַן איז מער נישט װי דער אָריינגאַנג.

יאַפּאַן האָט זיך איבערגענומען, װי אַלע נײע קאַפּיטאַליסטישע לענדער, מיט דער פּסעװדאָ־קולטור. אויף דעם צעטל װעגן מײן האָטעל „סענטער", שטײט געשריבן: „באַדינונג דורך זײער שײנע װײטרעס".

אויף די שילדן צו די טײ־הײזער, װאו עס הענגען שװערע זידענע פאָר־האַנגען און עס גיסט זיך אַ שטראָם פון מוזיק, שטײט אַ שילד: „זײער שײנע באַדינערינס".

די זײער יונגע יאַפּאַנערקעס זײנען זײער שײן. אָפּטמאָל אָבער, צו 30־35 יאָר, װערן זײ צעקנײטשט און װעלקן אָפּ װי אַ פלאַנץ.

די אָרעמקײט אין געװיסע גאַסן איז אַ מורא׳דיקע. הײזלעך — בוכ־

שטעבלעך געמאַכט פון קעסטלעך, פאַרלאַטעט, פאַרקלעפּט, פאַרשלאָגן מיט קאַרטאָן. און דאָרט לעבן מענטשן.

אונטער די בריקן פון דער עלעקטרישער באַן זאַמלען די פרויען מיט קליינע קינדער שטיקלעך האָלץ אין די שירצן — ווי אין שערבורג, אָדער מאַרסעל אין די אָרעמע קוואַרטאַלן. לעבן דער באַן, וואו מען בויט שטעג־דיק עפּעס, זוכן זיי אין אָוונט, ווען דער פּאָליציסט זעט נישט, דאָס ביסל האָלץ פאַר דעם אָרעמען טשאַיניק מיט טיי צום מאָלצייט.

מען איז גליקלעך מיט אַ „טיפּ״ פון פינף סען (אַ סען איז אַ האַלבער סענט) — די יאַפּאַנישע קליינע מטבע. דער לעבנס־סטאַנדאַרד איז דאָ זייער אַ נידעריקער. פאַר אַ האַלבן יען אַ טאָג (25 סענט) לעבט אַ פאַמיליע פון דריי־פיר מענטשן.

צום ערשטן מאָל אין לעבן האָב איך געזען אַ ריקשאַ, די מענטשלעכע קליאַטשע.

עס האָט געמאַכט אַזאַ שווערן איינדרוק, — ווי עס זיצט אַ פעטער יאַ־פּאַנער, באַקוועם און זיכער, און אַ פאַרסאָפּעטער, אַ מאָגערער ברוינער בחור לויפט שנעל, שנעל צווישן טעקסיס, טראַמווייען און פוסגייער און שלעפּט ווי אַ פערד אַ צווייטן מענטשן.

***

אין טאָקיאָ זיינען דאָ אודאי הונדערטער טויזנטער וועלאָסיפּעדן. יעדער צווייטער יאַפּאַנער פאָרט אויף אַזאַ רעדל און ברענגט פּראָדוקטן, גרינסן, אַ מיטאָג פון רעסטאָראַן. שנעל און זיכער, אויף זיין וועלאָסיפּעד.

אין יאָקאָהאַמאַ איז דאָ אַ שטאָט־טייל, וואָס מ׳רופט „טשאַינאַטאַון״, נישט ווייל דאָרט זיינען דאָ כינעזער, נאָר אַלע נאַציאָנאַליטעטן פון דער וועלט: דייטשן, שפּאַניער, רוסן, פּאָליאַקן, איטאַליענער און יידן.

הינטערן פאָרהאַנג, אין האַלב־פינצטערע, מיט שוואַכן עלעקטרישן ליכט פאַרשפּרייטע צימערלעך, קומט דאָרט עפּעס פאָר, ווערט דאָרט עפּעס אָפּ־געטאָן, אָפּגעפּאַרבט, געמאַכט אַ לעבן.

אַ שמאָלע גאַס, אויף ביידע זייטן קליינינקע כאַטקעס, נישט פאַר מענטשן איינגעאָרדנט! געוועלבלעך און קראָמען.

דער מיטלאַלטער איז זאָ פאַרטראַטן.

מ׳אַרבעט אויף באַשטעלונג. מ׳פאַרריכט־אויס טשעמאָדאַנעס, קעראָסין־לאָמפּן, צעפּליקטע מאַטראַצן, בלעכענע טשאַיניקעס. מ׳שניידט־אויס הינער־אויגן (קאָרנס), מ׳שרייבט בריוו פאַר אומויסנדע קליענטן, מ׳קוילעט הינער אין געגנוואַרט פון זייערע לעבעדיקע פרייַנט, מ׳באַקט דרויסן טרוקענע יאַ־

פאַנישע לעקעכלעך און מ׳שניצט טייערע לאַקירענע „באַנזאָס״ אין אַ קליי־נעם שאַפּ אויפן מיקראָסקאָפּישן טראָטואַר.

יעדער איינוואוינער איז דאָ אַ קרעמער. אַלע קענען זיך. קיין פאַר־ביטערטע קאָנקורענטן איז ניטאָ. ווען אַ זאַך געפעלט אייך נישט, זאָגט מען צו אייך העפלעך. אַנטקעגן, אין אַ צווייטער געוועלב, אפשר וועט איר דאָרט באַקומען.

מ׳איילט זיך נישט. מ׳רעדט זיך דורך איבערן גאַס, דורך פענצטער. פאַרבייפאָרנדיק אויפן וועלאָסיפּעד.

ראַדיאָ אַפּאַראַטן שרייען אַדער זינגען בייטאָג, ביינאַכט, אין באַגינען. זעקס פאַרטאָג האָט מיך אויפגעוועקט נעכטן אַ ראַדיאָ.

און היינט — אַן ערד־ציטערניש.

מ׳איז אַזוי צוגעוואוינט דערצו, אַז ער רירט קיינעם נישט. מ׳רעדט וועגן 1923 ווי וועגן אַ היסטאָרישער נויטוועדיקייט, ווייל טאָקיאָ איז געוואָרן נאָך שענער, נאָך מעכטיקער. נייע פּאַלאַצן זיינען צוגעקומען פאַר שטאַרקע ערד־קלעפּ.

היינט איינדערפרי, דעם 7טן סעפּטעמבער, פינף אַזייגער, האָב איך זיך אויפגעכאַפּט פון קלעפּ אין קאָפּ. דאָס זיינען געווען רעפלעקס־באַוועגונגען, וועלכע האָבן געוואָרפן פון איין עק בעט צום צווייטן. און אַלע האָבן מיך היינט געפרעגט אין האָטעל, ווי איך האָב רעאַגירט אויפן ערד־שטויס. עס האָט געדויערט פינף סעקונדן.

דער אָריענטאַלישער פאַטאַליזם העלפט אַ סך. עס ציטערט די ערד, מסתמא דאַרף אַזוי זיין.

אין קאָבע אויף דער שיף האָט אויף מיר געוואַרט אַן איבעררַאשונג. נאָכאַמאָל אַ פּאָליציאַיישע אויספאָרשונג. דאָס מאָל מיט דריי אַגענטן, מער נישט, און נאָר צען מינוט, ווייל איך האָב עס געמאַכט קורץ און איבערגע־ריסן די אויספאָרשונג מיט דעם אָנווייז, אַז מען האָט מיר שוין גענוג אויס־געפרעגט אין יאָקאָהאַמאַ און אַלץ איז שוין געזאָגט געוואָרן אין מיין פּאַסאַ־זשיר־אַפּליקאַציע: וואוהין איך פאָר און אויף ווי לאַנג.

די אַגענטן זיינען געווען אין אַ ביטערער לאַגע: מיר זיינען געווען צוויי אַמעריקאַנער און ביידע זיינען געפאָרן אין לענדער, וועלכע די יאַפּאַנער באַ־אַמטע האָבן נישט זייער ליב. אויף דער פראַגע, וואוהין פאָרן מיר, האָב איך געענטפערט: וולאַדיוואָסטאָק, און די צווייטע פּאַסאַזשירקע: שאַנכאַי! דער אַגענט האָט זיך געדרייט ווי אַ וואָרעם, געקוקט אויף אונדז, געקוקט אויפן פּאַס, גערעדט עפּעס צום צווייטן און סוף כל סוף אוועקגעגעבן דעם פּאַס.

קאָבע ליגט זייער שיין צווישן הויכע בערג מיט געדיכטע וועלדער.

עס איז אַן אַלטע שטאָט — די איינציקע וואו עס איז נישט געווען קיין ערד־ציטערניש. די שטאָט איז פול מיט אַלטע שיינע געביידעס — מאַנכע פון זיי 600 יאָר אַלט, מיט בראָנזענע פיגורן פון יאַפּאַנישע „הייליקע", מיט גיגאַנטישע הילצערנע געשניצטע בודאס און טיפע אונטערערדישע היילן — וואו עס זיינען באַהאַלטן זייערע אַנטיקע רעליקוויעס.

קאָבע האָט זייער אַ מאַלערישן פרעמדן קוואַרטאַל, הויך אויף אַ באַרגיקער גאַס, וואו עס וואוינען אייראָפּייער: דייטשן, ענגלענדער, אַמעריקאַנער און אַ מאַסע רוסן — „ווייסע". מען גייט איבער דעם קוואַרטאַל און מען זעט שילדן מיט רוסישע נעמען: „קאַשקין — סוזאַבאַדני כודאָזשניק", „פּאַרטנאָי איז וואַרשאַווי". אַ יידישער שניידער פון וואַרשע האָט אַזש פאַרבלאָנדזשעט אין קאָבע. זעכצן טויזנט וויאָרסט פון פראַנציסקאַנער גאַס...

עס מאַכט אַ מערקווירדיקן איינדרוק: דאָ, אין דער אָריענטאַלישער אומגעבונג, צווישן לייכטע הילצערנע הייזער מיט דורכזיכטיקע געפלאָכטענע שטרויענע פאָרהענג, צווישן פּיניען און קיפּאַריסן, — פלוצלונג אַן עלטערער רוסישער פּנים — מיט אַ באָרד און אַ רוסיש העמדל, אויסגעניייט מיט קאָלירטע זייד, און אַ גאַרטל. און — צווישן יאַפּאַנישע אומפאַרשטענדלעכע צייכנס דעם נאָמען סטעפּאַנאָוו, אָדער קאָדיאַנין.

קאָבע איז אַ האַנדלס־שטאָט. נאָר וועלכע שטאָט אין יאַפּאַן איז נישט קיין האַנדלס־שטאָט? וועלכע גאַס איז נישט פול מיט קראָמען — מיט אַלערליי פּראָפעסיעס פון די קרעמער? דאָ שניידט מען הינעראויגן און מען וואַזירט מענטשן; דאָ שרייבט מען בריוו און בקשות: דאָ פאַרריכט מען וועלאָסיפּעדן און טשעמאָדאַנען; דאָ פאַרקויפט מען יאַפּאַנישע אַלטע רפואות און זיידענע קימאָנאָס.

אַ באַזונדערס שיינע שטאָט איז די אַלטע קיאָטאָ, מיט אירע געביידעס, פּאַרקן, פּאַלאַצן פון די מיקאַדאָס, זומער־פּלעצער און דענקמאָלן.

אַלץ ליגט איינס נעבן דעם צווייטן. אַ שעה רייזע איז קיאָטאָ, צוויי שעה — אָסאַקאַ, פינף שעה — טסורוגאַ, מיין לעצטער עטאַפּ אין יאַפּאַן, פון וואַנען עס גייט די שיף צו סאָוועטישע ברעגן.

אויף אַזאַ שיף ליגט שוין אַ באַזונדער חן — אַזאַ שיף, ווי קליין און ווי שמוציק זי זאָל נישט אויסזען — אַן אַלטע יאַפּאַנישע לאָדקע — איז זי דאָך די שיף, וואָס פאָרט אין וולאַדיוואָסטאָק!

***

די רייזע פון קאָבע אין טסורוגאַ איז אַ זעלטענער געניטס.

מיט דער באַן פאָרט מען איבער אַ וואונדער־שיינער באַרגיקער לאַנד־

שאפט מיט מאטעמאטיש אויסמארקירטע זאפטיק־גרינע שטחים — רייז־פעלדער!

איבער די וייטע פעלדער שטייען גאנצע באטאליאנען פון „פויגל־שרע־קער“ — דינע שטעקעלעך אנגעטאן אין שמאטעס, אפטמאל מיט קעפ פון חיות. מען פארט פארביי אויסגעטריקנטע טייכן, איבער וועלכע עס זיינען געשפאנט סאלידע שטאלענע בריקן. מען דונערט דורך פינצטערע ענגע טונעלן — וואס שניידן דורך הויכע בערג. מען זעט קליינע וואסער־פאלן און א גאנצע נעץ פון קינסטלעכע באוואסערונג־קאנאלן פאר די רייז־און פרוכט־פעלדער.

און אלץ איז געדיכט, איבעראל איז ענג, א גאס אויף א גאס, א הויז ביי א הויז, — אלץ פון האלץ, אלץ לייכט, קליין, דורכזיכטיק — און אלץ ווערט פארטרונקען אין גרינס. אלץ ווערט פארפלאכטן מיט בלעטער, בלומען, שטרייכער און פרוכט. איך האב געהאט דאס געפיל, אז עס איז ענג יעדער הייזל, יעדן בוים, אז ער וויל ארויס אין א פריי, ליידיק פעלד, וואו זיינע צווייגן וועלן זיך נישט פארטשעפען אין א פענצטער אדער א טיר פון שכן. אויף די סטאנציעס אן א שיעור, אונטערוועגס, — פארקויפט מען אייז־קאפע, פרוכטן און געפלאכטענע קערבלעך. און שייך־פארפאקטע געקאכטע רייז, אין הילצערנע, שיין פארבונדענע קעסטלעך מיט צוויי הילצערנע שטעקעלעך. אנשטאט א לעפל אדער א גאפל. דאס איז דער יאפאנישער „לאנטש“. די וואגאנען זיינען ריין — דריטער קלאס — לופטיק און נישט איבערגעפאקט. קענטיק, אז דער קריזיס אין יאפאן ווירקט אויך אויף דער פארקלענערטער צאל פון צוגן און אויף דער אפשוואכונג פון דעם רייזע־פארקער.

פינף אזייגער — טסורוגא!

די זון שיינט הייס אויף די גאסן פון טסורוגא — א קליינער פארט אין צפון יאפאן. מען זעט אבער נישט דאס וואסער — עס ליגט ערגעץ הינטער דעם גרויסן וואלדיקן בארג.

אויף מארגן דארף אפגיין די שיף אין וולאדיוואסטאק. עס הויבט זיך אן א שטארקער ווינט צום אוונט — א סימן, אז מען וועט האבן א שטורמישע רייזע.

נאר מיר קאן מען שוין נישט אנשרעקן מיט ווינטן — זינט איך האב איבערגעלעבט דעם טייפון אין פאסיפישן ים.

דער האטעל איז א קלייך דארפיש גאסטהויז, מיט בעטן — כאטש דער באלעבאס איז א יאפאנער. אין א יאפאנישן האטעל זיינען נישט פאראן קיין בעטן — נאר אויף דער פאדלאגע ליגן דעקן און קישנס אויף געפלאכטענע שטרויענע ראגאזשעס — און אויף דעם שלאפט מען.

עס איז זייער ריין ביי די יאפאנער, ווייל מען עסט און מען שלאפט

אויף דער פּאַדלאָגע. איך גיי איבער די גאַסן פון שטעטל און מען קוקט אויף מיר נײַגעריק. קינדער גייען מיר נאָך, ווען איך שטעל זיך אָפּ בײַ אַ קראָם עפּעס צו קויפן פאַרן אָפּפאָרן, שטעלן זיי זיך אויך אָפּ. ווען איך זאָג צו זיי עפּעס אויף יאַפּאַניש פון ווערטער־בוך — לאַכן זיי. די סטודענטן און שילער פון מיטלשול רעדן ענגליש, אַנדערע — נישט שלעכט. בײַנאַכט קומט פאַר אַ יאַריד אין שטעטל, בײַטאָג איז הייס — צומאַרגנס איז עפּעס אַ יום־טוב — איז הייבט זיך אָן ביים אָוונט אַ געוואַלדיקער טומל, אַ געשריי אויף אַ מאַרק, וואו אַ מחנה ווײַבער האָט זיך אויסגעזעצט אויף דער גאַס מיט קערב מיט באַקלאַזשאַנעס, פלוימען, ווײַנטרויבן, עפּל און געקאָכטע רײַז.

די געוועלבער זײַנען אָפן ביז נאָך האַלבע נאַכט. מען קאָן נישט שלאָפן. אויסער דעם שטורעמט אַזאַ טײַפון, אַז די פענצטער פון צימער פליען מיט אַ ווילדן אימפּעט פון זייערע זאַוויעסעס הין און צוריק.

צומאָרגנס, צען אַזייגער, גיי איך קויפן אַ שיפסקאַרטע קיין וולאַדיוואָסטאָק.

דאָס ערשטע, וואָס וואַרפט זיך אין די אויגן אין קאַנטאָר — אַ הילצערנער קאַסטן, אויף וועלכן עס שטייט געשריבן אויף רוסיש: יאַפּאַנסקאַיע גענעראַלנאַיע קאָנסולסטוואָ וואָ וולאַדיוואָסטאָקע, פעקינסקאַיאַ אול״.

עס שמעקט מיט סאָוועטן־פאַרבאַנד.

אויפשריפטן אויף רוסיש אויף די קאַפע־פענצטער, ביים אַרײַנגאַנג. מען זעט, אַז פון טסורוגאַ פירט נאָר איין וועג איבערן ים — קיין וולאַדיוואָסטאָק.

דאָ איז ווידער אַ פּאַסקודסטווע פון יאַפּאַנעזישע באַאַמטע: מען נעמט נישט קיין אַמעריקאַנער דאָלאַר! מען דאַרף דאָס זאָגן מעלאָנ׳ען, דעם פינאַנץ־מיניסטער אין וואַשינגטאָן.

מען זאָגט זיך אָפּ צו נעמען די אַמעריקאַנער וואַליוטע — די איינציקע וואַליוטע, וואָס איז ווילקאָמען אין אַלע לענדער!

דער קאַסירער פון טסורוגאַ, פון דער „אָסאַקאַ לאַין״, זאָגט זיך אָפּ — כאָטש שיס אים אין קאָפּ!

וואָס דען?

מען שיקט נאָך דעם געלט־וועקסלער.

איך וואַרט אַ האַלבע שעה. דורכן פענצטער זעט מען דעם האַפן און אַ פּאָר פראַכט־שיפן, וואָס האָבן געבראַכט געהילץ פון סאָוועטן־פאַרבאַנד. מען זעט אויך די שיף, וואָס וועט אין צוויי שעה אַרום גיין אַהינצו — אַ קליינע, שוואַרצע, אַלטע שיף פון צוויי טויזנט טאָן — „אָקומאַנאַטאַקו מארו״.

עס רעגנט, אַ ווינט בלאָזט — און איך בין נערוועז און פאַרביטערט אויף דער לעצטער נבלה פון די יאַפּאַנעזישע באַאַמטע. אָבער עס האָט זיך שפּע־

טער אַרויסגעוויזן, אַז עס איז נישט די לעצטע. עס איז געווען נאָך איין רעוויזיע פון די זאַכן, ביים פאַרלאָזן דעם ברעג, און נאָך איין פּאָליציייִשע אויספאָרשונג אויפן שיף, וואו די פּאָליציי איז נאָכאַמאָל אַרויף אויסצופאָרשן די דריי פּאַסאַזשירן: אַ יאַפּאַנישן סטודענט, וואָס פאָרט אין בערלין שטודירן די קינאָ־אינדוסטריע, אַן אַרבעטער פון סידני, אויסטראַליע, אַ קראָאַט געבוירן אין זאַגרעב — און מיך.

אָבער דאָס איז שוין געווען אַ „שיקאַנע“ — מען האָט דאָס געקאָנט זען בפירוש!

* * *

עס איז געקומען דערהויל דער געלט־אַגענט. אַ שטילער, גלאַטיקער יאַפּאַנער אין אַ ברייטער קימאָנאָ — מיט אַ גרויסן פּאַראַסאָל און מיט אַ שוואַרצער קליינער פּאַטשיילע, אין וועלכער עס איז געווען איינגעוויקלט אַביסל יאַפּאַנישע געלט.

ווי אין 13טן יאָרהונדערט — ער גייט איבער די הייזער און בייט געלט — ווי אַ מענטש וואָס פלעגט האַנדלען מיט רפואות פּאַרצייטן.

ער בייט מיר אויס נישט נאָכן קורס — ווייל ער מוז פאָרן מיט די דאָלאַרן אין קאָבע. דאָ נעמט מען זיי נישט אָן. און אַ פּאַסט צו באַנוצן — ווייסט ער נישט פון אַזעלכע קונצן.

איך פאַרליר אויף צוואַנציק דאָלאַר איין דאָלאַר און גיי אַרויס מיט „העלל“ אויף די ליפּן.

אויפן שיף, שוין נאָך דער דריטער רעוויזיע פון די זאַכן, קומט אַרוין: אַ פּאָליציי־אַגענט אין ציווילע קליידער און פרעגט מיך אויס — מיט מיין פּאַס אין זיינע הענט.

איך זאָג אין איין אָטעם, ווי אַ דעקלאַמאַציע, אַלץ וואָס ער וויל וויסן — ווי איך האָב עס געזאָגט אין קאָבע און טאָקיאָ. ער קוקט אויף מיר, און צום ערשטן מאָל גיב איך צו פאַרשטיין — איך בין שוין אויפן לעצטן עטאַפּ, וואָס קאָן ער מיר טאָן? — איך פאַרשטיי ווער ער איז און וואָס ער וויל...

דעם אויסטראַליער פרעגט ער נאָך שאַרפער, ווייל דער אויסטראַליער פאָרט נאָך ווייטער, אין מאָסקווע. נאָר דעם יאַפּאַנער לאָזט מען צורו: מיר ווערן באַפריינדעט מיט דעם חבר. ער איז אַן אַפּהאָלסטערער — אַ טאַפּעצירער — 22 יאָר פון זאַגרעב. מיטגעמאַכט די מלחמה און אַוועק אין סידני ער וויל בלייבן אַרבעטן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. ער דערציילט פון זיין לאַנגער רייזע — פינף וואָכן פון סידני — איבער מאַנילאַ, האָנג־קאָנג, שאַנכאַי, יאָקאָהאַמאַ, קאָבע און סטורוגאַ.

אין סידני זיינען אויך דאָ „ווייסע". צווי פון זיי פאָרן אפילו אין שאַנ־כאַי. אָבער עס איז אויך דאָ אַ קאָמוניסטישע באַוועגונג, אַ צייטונג, אַ קלוב, מיט ביכער, ליטעראַטור, און דעם „אינפּרעקאָר". עס צעוואַקסט זיך.

צוויי אַזייגער פאָרן מיר אָפּ.

אין לעצטן מאָמענט קומט אויפן שיף נאָך אַ פּאַסאַזשיר — אַ סאָוועטישער אַנגעשטעלטער פון סאָוטאָרג פּלאַט.

מיט דעם אויסטראַליער האָבן מיר די צווי טעג גערעדט רוסיש און גערעדט וועגן דעם וואוקס פון אונדזער באַוועגונג.

עס איז געווען אַזאַ אומגעהייערע פרייד נאָך די רדיפות פון דער יאַפּאַנישער פּאָליציי, נאָך די שפּיקעס מיט די אויספאָרשונגען — ענדלעך דאָ, אויף דער לעצטער שיף, אומדערוואַרטעט צו טרעפן אַן אַרבעטער פון „אַלטן שניט", אַ קריאַט, וואָס רעדט דייטש און ענגליש, וואָס האָט הינטער זיך פאַרברענגט אַלע בריקן און וואָס פאַרט העלפן בויען דעם סאָציאַליזם אין ראַטן־פאַרבאַנד.

ער איז אַ צייכנער און אַ דערפינדער פון אַ מעכאַניזירטן פּראָצעס פון טאַפּעצירן מעבל.

מיר האָבן זיך געטיילט מיט אונדזערע איינדרוקן פון יאַפּאַן — פון די אַרבעטער־קוואַרטאַלן און זייער נויט, פון די קוליס, וואָס לאַדעווען אויס די שיפן אַכצן שעה אַ מעת־לעת, וועגן די וועבער, וואָס גייען צו דער אַרבעט מיט זייערע קינדער, — די בעיבים אויף די פּלייצעס פון די מאַמעס — און מיר האָבן גערעדט וועגן דער צוקונפט.

***

14טן סעפּטעמבער.

היינט איז מאָנטיק. שבת און זונטיק איז געווען אַ גרויסער שטורעם, און דאָס שיפל האָט געוואָרפן ווי אַ הילצערנעס טעלער אויף די צעבושעוועטע כוואַליעס.

איינס אַזייגער האָט זיך באַוויזן לאַנד.

סאָוועטישע ברעגן.

עס איז אַן אומבאַשרייבלעך געפיל צו קומען אין סאָוועטן־פאַרבאַנד נישט דורך ניעגאָרעלאָיע, נאָר דורך וולאַדיוואָסטאָק.

מען זעט אַ ים מיט לאַנד — מען זעט אַ וועלט מיט אַרבעטער־פאַרמעגן.

אויף דער טרוקענער גרענעץ זעט מען אַ הויז, מיט אַ טאַמאָזשנע. דאָ זעט מען אַ גוואַלדיקן אינדזל, אַ צווייטן אַ דריטן, מיט שעה׳ן פריער. און דער סטיוואַרט זאָגט: „איט׳ס אָלל ראַשיאַ".

דאס איז דער פונקט: „איט׳ס אלל ראשיא״! — פאר אים, פאר אונדז — ארבעטער־רעפובליק!

***

די גאנצע וועלט קוקט היינט אויף דעם אריינפאר אין וולאדיוואסטאק, און ער איז הערלעך שיין.

אן אינדזל, מיט א לייכטנדיקער ווייסער געביידע א האלבע שעה פון פארט, מיט א ראדיא־סטאנציע און א לייכט־טורעם — הויך אויבן אויף א פעלז. דער אינדזל איז גרין, זאפטיק, שטארק. שטייט זיכער און באהערשט דעם אריינגאנג אין האפן.

נישט די ווייכע, פאטעטישע „גאלדען געיט״ פון סאן־פראנציסקא. ניין, אן אמת־סאוועטישער סימבאל. קראפט, זיכערקייט, טעכניק. א ראדיא־סטאנציע — א פעלז — א לייכט־טורעם.

אונטן שאקלט זיך אויפן וואסער א סאוועטיש שיפל מיט באאמטע, אינספעקטארן.

מיר גייען פארביי נאענט, נאענט פארביי דעם אינדזל. צווישן צוויי גרינע ווענט פון בערג גייען מיר פאמעלעך אריין אין האפן.

א הייסער, גאלדענער סעפטעמבער־טאג. פארטרונקען אין זון, רויטע דעכער און גרינע בערגן.

ארום און ארום — צענדליקער פישער־לאדקעס, מאטאר־שיפלעך מיט פעסער נאפט און האלץ.

די ערשטע סאוועטישע פאן!

די ערשטע סאוועטישע ארבעטער.

מען זעט א הויכן, גרויסן הילצערנעם סקעלעט פון א געביידע אויפן ברעג: די גרעסטע אייז־הויז אין דער וועלט ווערט דא געבויט: דער „ליאד סטראי״. מיר זעען פון ביידע זייטן הייזער — קליינע, הילצערנע — די סלאבאדקע.

מיר זעען שוין גרויסע, ווייסע מויערן מיט רויטע דעכער. עס צאפלען זיך רויטע פאנען, אויטאבוסן פארן איבער די שאסייען, ארום און ארום סקלאדעס מיט האלץ — דער „עקספארט־ליעס״.

די שיף גייט אריין אין האפן.

ביים דאק דערזע איך די ערשטע סאוועטישע רויט־ארמייער — די האפן־אכראנע, מיט גרינע פאסן ביי די היטלען. מען ווארפט די שטריק.

סאוועטישע באאמטע גייען ארויף דורכזען די פאפירן און ארפלאזן אונדז אין גאס.

אין אַ האַלבער שעה אַרום גייען מיר מיט דעם „אינטוריסט״־פּאַרטרע־טער צום האָטעל.

עס איז אמת: מיר זיינען אין וולאַדיוואָסטאָק!

אויף אַלע וועגן אין טראַקטן — פון די אַרומיקע גרענעץ־לענדער שפּאַנען אַרבעטנדיקע פון אַלע פעלקער: כאָטש איין מאָל אין לעבן אַ קוק צו טאָן אויף אַ לאַנד: דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד.

זיי זוכן דאָרט קראַפט און מוט פאַר אַ ווייטערדיקער שווערער אַרבעט אין זייערע היים־לענדער.

זיי קומען צוריק ניי־געשטאַרקט און מוטיק, מיט אַ מאָדנער צוגעבונדנקייט און ליבשאַפט צו דעם גרויסן, ווייטן מענטשלעכן ים, וואָס האָט נישט קיין גלייכן צו זיך — וואָס לאָזט זיך נישט אין קיין באַגריף אַריינפּאַסן, וואָס איז דער שוועבנדיקער כוח, לײדנשאַפטלעכער אידעאַל, וואָס באַשטייט פון שטאָלענע, אייזערנע, גראַפּיטענע אוצרות, בערג מיט מינעראַלן, אַקאַדעמיעס פון וויסנשאַפטסלייט, גרויסע קינדער־קאָלעקטיוון — און אַ שטאַרקער, פאַרכאַפּנדיקער ליטעראַטור, מאַטעריעלע און גייסטיקע גיטער — און צוזאַמען איז דאָס אַ גאַנצע וועלט.

אַ נייע וועלט.

און יעדער וואָס אָטעמט — אָטעמט אַריין אַן עפּאָכע פון דער נייער מענטשהייט — צום ערשטן מאָל...

דאָס, וואָס דורות פאַר אונדז האָבן אַמאָל גע׳חלומ׳ט צו זען נאָך אין זייער לעבן — די מאַכט אין אַרבעטער־הענט — דאָס איז פאַרקערפּערט אין דעם איינציקן לאַנד. און די ליבשאַפט צום פאָטערלאַנד פון אַרבעטער־מאַכט איז אַריין אין די אַרבעטנדיקע פון דער גאַנצער וועלט — און זיי שפּאַנען איבער די וועגן און ימים צו זען, צו שפּירן דעם טעמפּ, אַריינזאַפּן דעם גייסט, צו איבערגעבן דאָן די אַנדערע דאָס געזעענע און דערהערטע.

איז מען ווידער אונטערוועגנס. אַ קוק טאָן ווייטער אויף די טיילן בויאונג, וועלכע מען האָט נאָך נישט באַוויזן צו זען אַ קוק טאָן אויף דעם ווינקל פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, וועלכער ציט די אויפמערקזאַמקייט פון דער גאַנצער יידיש־פּראָלעטאַרישער געזעלשאַפט — אויף בּיראָבּידזשאַן.

ווייל צוויי יאָר צייט ביי הייניקע סאָוועטישע טעמפּן — צוויי יאָר פון סאָוועטישער בויאונג אונטער אַ שאַרפער זעלבסט־קריטיק און שטענדיקער שאַפונגס־עוואָלוציע, איז אַ גרויסער צייט־טערמין. דער אָנהויב פון דער בּיראָבּידזשאַנער קאָלאָניזאַציע איז דאָך געווען אין זומער 1928.

די ערשטע פּרואוון פון אומדערפאַרענע קאָלאָניסטן, וואָס טאָפּן בלינדערהייט אויף דער ערד — די ערשטע סטיכישע מאַסן־איבערוואַנדערונג

אין 1929, ווען מער מענטשן זיינען געקומען איידער מען האָט געדאַרפט אַרונטערברענגען, זיינען פּיאָנערן־יאָרן.

דער אמת׳ער פּלאַנמעסיקער, פּראָדוקטיווער פּראָצעס פון באַזעצן יידישע איבערוואַנדערער קומט פאַר אין זומער 1930 — ווען צופעליקע, אַוואַנטור־ריסטישע עלעמענטן צווישן די ניי־אָנגעקומענע ווערן עלימינירט, ווען קראַנקע און אינוואַלידן־ספּעקולאַנטן און פערד־גנבים בלייבן אין דער היים, און ווען אמת׳ע, אַרבעטס־פעיִקע, געזונטע מענטשן הייבן־אָן צו קומען.

אָט יענער פּעריאָד איז דער גלאָררייכער, דער ערשטער אָנשטורעם פון עטלעכע הונדערט געקליבענע, פאַר׳עקשנ׳טע פּיאָנערן.

אָט ווי עס באַשרייבט זי אין זיין בוך „יידן אין דער טייגאַ״ דער סאָ־וועטישער שרייבער וויקטאָר פינק.

פינק איז געקומען אין ביראָבידזשאַן אין זומער 1929 און אַלס אַ רוסיש־שרייבנדיקער זשורנאַליסט איז ער מער געווען פּאַראינטערעסירט אין דער פאַרגאַנגענהייט פון די דאָרטיקע יעגער און האַלב־מאָנגאָלישע שבטים, די טונגוסן־אָראָטשאָנען און גאָלדן, איידער אין דעם טיפן און גרויסן פּראָ־צעס פון איבעראַרבעטן דעם קליינשטעטלדיקן קליינבירגערלעכן יידן. ער איז דאַן געווען אַ מיטאַרבעטער פון דער מאָסקווער צייטונג „קראַסנאַיאַ גאַזעטאַ״. ער פלעגט גאַנצע וואָכן פאַרברענגען מיט יעגערס אין דער „טייגאַ״ און אין קאָזאַקישע דערפער. און ערשט אויף צוריקוועגס האָט ער זיך אָפּ־געשטעלט אין עטלעכע יידישע ישובים און פאַרבראַכט מיט די יידישע אי־בערוואַנדערער און זיך צוגעהערט צו דער גרויסער פּולסירנדער נייער כוואַ־ליע, וואָס אָטעמט, קעמפט, צווייפלט, גלייבט, זינקט־איין, הייבט זיך ווידער אויף און קאָרטשעוועט טויזנט־יעריקע ביימער, אויספירנדיק דעם רעוואָלו־ציאָנערן אָנזאָג פון בייטן שלעכטע געוואוינהייטן און אויסוואָרצלען פּאַ־ראַזיטיזם.

זיין בוך איז אַ גענויע באַשרייבונג פון די ערשטע קלימאַטישע און פּי־זישע שטערונגען, וועלכע די יידן פון אוקראַאינע האָבן געטראָפן אין ווייטן מזרח. זומער (1928) אַ פאַרפלייצונג, וואָס איז נישט געווען דאָרט פאַר די לעצטע צוואַנציק יאָר, און די סיבירישע מגפה אויף פערד, וועלכע די עלטסטע קאָזאַקן אפילו דערמאָנען זיך נישט פאַר די לעצטע צענדליקער יאָר, און וועלכע קאָן פאַרשלעפּט ווערן פון איין קראַנקן סיבירישן פערד, אַ נישט־רעגיסטרירטן ביים סאַניטאַרן־אַפּטייל פון אַ פערד־יאַריד אין סיביר.

די צוויי קאַטאַסטראָפעס אַליין וואָלטן שוין געקאָנט ביי יידן־איבערוואַנ־דערער, פון ווייטן שטעטל, נישט דיסציפּלינירטע, נישט באַוואוסטזיניק־פּאָ־ליטיש, וואָס האָבן יאָרן־לאַנג נישט געלאָזט זיך איינאָרדענען — אָט־די צוויי נאַטור־גזירות אַליין וואָלטן געווען גענוג פאַר אַ נאָרמאַלן מנחם־מענדל פון

יעהופּעץ. איז אָבער נאָך דערצו צוגעקומען אַ דריטע זאַך — אין פאַרבינ־דונג מיט די פאַרשטאַרקטע רעגנס — די פליגעלעך, וואָס קריכן אַרויס אַלע־מאָל אין די נידעריק־געלעגענע ערטער נאָך אַ רעגן.

די דריי נאַטור־דערשיינונגען האָבן אין אַ געוויסער מאָס געווירקט אויף אַ טייל פון די איבערוואַנדערער און זיי זיינען צוריק אַוועק אין שטאָט, דאָרט טאַקע, אין כאַבאַראָווסק, בלאַגאָוועשטשענסק און סאַכאַלין — די בעלי־מלאכות פריער פאַר אַלעמען.

די אַנדערע ווידער, וואָס האָבן מן הסתם קיינמאָל נישט גערעכנט צו קעמפן מיט דער נאַטור און מיט שטערונגען, זיינען אַוועק אין שטעטל...

אויסער דעם האָט אויך די „געזערד" אָרגאַניזאַציע, נישט זייענדיק צו־געגרייט אויף אַזאַ מאַסן־איבערוואַנדערונג, ווי אין די ערשטע צוויי יאָר, און נישט האָבנדיק גענוג אָרגאַניזאַטאָרישע קרעפטן, וואָס זאָלן זיין באַקאַנט מיט ווייט־מזרח׳דיקע באַדינגונגען, נישט האָבנדיק גענוג וועטערינאַרע הילף און בוי־מאַטעריאַל פאַר נייע הייזער און באַראַקן אין אַ גענוגנדיקער צאָל — זיך געמוזט לערנען פיאָנערן־אַרבעט ביי דעם לעבן אַליין.

וויקטאָר פינק איז אַ סאָוועטישער שרייבער. דער אינסטרומענט פון בויען און שאַפן, פאַרבעסערן און ליקווידירן, איבערררייסן, איז אין סאָוועטן־פאַרבאַנד די זעלבסט־קריטיק. וויקטאָר פינק טוט דאָס.

זיין בוך האָט קאַפּיטלען, וואו ער ווייזט אָן אויף די ערשטע טריט פון איבערוואַנדערער — אויף די באַדינגונגען אין ביראָבידזשאַן, אויף די יידישע טיפּן פון צווייפלער און קדיש־זאָגער, אויף פּראָפעסיאָנעלע „קרענקס" און מלמדים.

עס האָט אויך קאַפּיטלעך פון זיין איי־גענער קריטיק אויף די ערשטע מעטאָדן פון קאָלאָניזאַציע. עס האָט אויך באַשרייבונגען פון דער אַמאָלי־קער צאַרישער פאָרסירטער „באַזעצונג" פון קאָזאַקן — די שכנים פון די יידן.

ער האָט אָבער אויך דערביי גאַנצע קאַפּיטלען פון דער־גרייכונגען, גראָד דעמאָלט, אין די קאַטאַסטראָפאַלע צוויי אָנהויב־יאָרן.

מיט אַ פּאָר טעג צוריק האָט דער „טאָג" אָנגעהויבן דרוקן אויסצוגן פון פינקס בוך — און דווקא די טאַמע נעגאַטיווע, די פּעסימיסטישע...

מען מוז אָבער, כדי צו באַקומען אַ פולשטענדיקן באַגריף פון יענע יאָרן 1928־1929, אויך לייענען די פּאָזיטיווע דערשיינונגען פון בוך.

ערשטנס, אַז וויקטאָר פינק איז פאַראַיאָרן, אין הערבסט, 1930, נאָכ־אַמאָל געווען אין ביראָבידזשאַן אין דריטן יאָר פון קאָלאָניזאַציע, צוזאַמען מיט טורינען, דעם רעזשיסאָר פון דער פילם „מורקס ב״, כדי צו נעמען

בילדער פאַר אַ יידישן פילם „ביראָבידזשאַן", און פאַר וועלכן דער איגענער וויקטאָר פינק האָט געשריבן דעם סצענאַריאָ.

צווייטנס, אין פעברואַר, 1931, איז וויקטאָר פינק צוגעטראָטן אַרויסצוגעבן אַ צווייטע אויסגאַבע פון זיין בוך „יידן אין דער טייגא", פילנדיק, נאָך זיין רייזע אין 1930, אַז זיין ערשטער בוך איז פאַרעלטערט און שוין נישט אַקטועל.

אַזאַ טבע האָבן שוין סאָוועטישע טעמפּן: וואָס עס איז געווען פאַראַיאָרן דער פונדאַמענט, איז היינט שוין אויסגעוואַקסן צו דער מאָס פון אַ דאַך. און די אַרבעט־מעטאָדן פון 1929 זיינען היינט, אין 1931, פאַרעלטערט און נישט מאָסגעבנדיק.

און טאַקע: פון דעם דאָרף אמורזעט, וואו מען איז געגאַנגען מיט צוויי עמערס צום אמור נאָך וואַסער — ביז היינט, ווען עס זיינען אויסגעבויט ברונעמער; פון טיכאָנקע אין 1929, מיט די פּאָר צענדליק יידישע בוי־אַרבעטער און טראַקטאָריסטן, ביז היינט, 1931 — מיט אַן עלעקטראָ־סטאַנציע, מיט אַ ציטונג, מיט שעפער און פאַבריקן, מיט אַ מעבל־פאַבריק, וואָס אַר־בעט אויף עקספּאָרט פאַר כינע, מיט אַ דריי־שיכטיקער צאָל אַרבעטער פון 120, — מיט די נייע סאָוויירטשאַפטן, מיט דער באַפעלקערונג אין ביראָ־בידזשאַן ביז מאַנאַט יוני פון 5,000 יידישע נפשות — מיט נאָך 3,000 נפשות, וואָס ווערן דערוואַרט ביזן סוף 1931, מיט דער פאַרברייטערטער קאָמוני־קאַציע דורך די ערשטע שיפן אויף דעם טייך בירא, וואָס פאַרבינדט טיכאָנקע מיט כאַבאַראָווסק און בלאַגאָוועשטשענסק דורכן אמור — ווי קינדיש און אומבאַהאָלפן זיינען די ערשטע דערגרייכונגען, און ווי גלאַררייך און טייער די פּאָר'עקשנ'טע הענט פון די געבליבענע יידישע איבערוואַנדערער פון 1929, וועלכע האָבן — ווי פינק אַליין דערציילט, — געלאַכט פון „גנוס" (אַרטיקע מאסקיטאָס). אגב, אַ שאָד, וואָס וויקטאָר פינק קאָן נישט פאַרברענגען אַן אָוונט אין פּאַר ראָקאַוויי, אָדער סי־געיט, אָדער אין ניופּאָרט, אַט־לאַנטיק סיטי, צו באַקענען זיך מיט די אַמעריקאַנער ציוויליזירטע מאַסקי־טאָס — מיט די בלוטיקע בייכער און שאַרפע נאָדלען.

אָבער, ווי עס שיינט, האָט דער ציוניסטישער „טאָג", אַ שונא פון סאָוועטישער בויאונג און מעטאָדן פון אַרבעט; אַ שונא דעם סאָוועטן־פאַר־באַנד — הערזעענדיק פינקס בוך, גאָר אַרויסגענומען די נעגאַטיווע זייטן פון 1929, פאַרשוויגנדיק די פּאָזיטיווע, די גלענצנדע, די וואָס מאַכן דעם שטאָלץ און די צוקונפט פון ביראָבידזשאַן.

מיר וועלן אַביסל צו־הילף קומען דעם אַרכיוו פון „טאָג" און אָפּפרישן דאָס מתים־שטיבל מיט אַ פּאָר לעבעדיקע פאַקטן.

אויף זייטן 124 ביז 138 פון פינקס בוך געפינט זיך אַ גאַנצער קאַפּיטל,

געווידמעט די דערגרייכונגען — אין 1929! פון דער קליינער קאָמונע „איקאָר".

דער קאַפּיטל הייסט: „פּיש". אַט זיינען אַ ר״י ציטאַטן:

„...די קאָמונע באַשטייט פון זעכצן יונגע בחורים פון ווייסרוסלאַנד — וועלכע האָבן אין פאַרלויף פון לאַנגע דורות געהאַנדלט מיט „דלות". ווען נישט די רעוואָלוציע — וואָלטן די בחורים נאָך אַלץ געזעסן אין ישיבות און געקנעלט די קאַזואיסטיק פון תלמוד... און די פּלפּולים וועגן מילכיקס און פליישיקס".

„די אַלטע גרויסע" תלמודיסטן זיינען שוין לאַנג געשטאָרבן. אָבער ביי זייער ירושה זיצן נאָך געשמאַק די יידישע בחורים פון פּוילן און רומעניע. די טאַטעס פון די בחורים האָבן מסתמא אַלע געהאַט די „יידישע קרענק", אַפּיזיצנדיק אַ לעבן ביי די שאלות.

„...דורכפאָרנדיק צו דער סטאַנציע וואָלאָטשאיעווקא און ווייזנדיק אויף דעם דענקמאָל פון דעם רויטן אַרמייער האָט דער בחור — אַ מיטגליד פון דער פאַרוואַלטונג פון דער קאָמונע — געזאָגט: דאָס איז דער דענקמאָל פון די שלאַכטן מיט די ווייסע. דאָ האָבן אונזערע זיי געוויזן ווי צו קעמפן...

„...מיר האָבן באַקומען צוויי טויזנט העקטאַרן ערד. דערפון האָבן מיר אָנקומענדיק שפּעט — פּאַרזייט פּופּציק.

„— נו און ווי איז עס? שלעכט?

„פאַרוואָס זאָל זיין שלעכט? מיר לעבן גוט. לעבן קען מען דאָ. קומט איבעראַיאָר וועט איר זען, וואָס דאָ וועט זיך טאָן".

„אויפן וועג האָט מען געזען אַ פּאַרטיע בהמות. מען וועט פאַרקויפן די וואָס גיבן ווייניק מילך און קויפן בעסערע. „ווען מען קלייבט צו אַ סטאַדע — זאָגט דער בחור — מוז מען אויסגלייכן די פאַראַדע". די יונגע בחורים, דער פאַרוואַלטער און דער סעקרעטאַר, זיינען געשטאַנען אין דער בלאָטע און האָבן געשמייכלט. די העמדער זייערע און די לעדערנע רעקלעך זיינען געווען אָפן, ווייזנדיק דעם הוילן האַלדז. דער קערפּער איז געווען געזונט־ברוין פון ווינט און ברייט ווי אַ פּליטע פון אייזן. דאָס זיינען געווען פּויערים — נאָר מיט יידישע נעזער. זעכצן קליינשטעטלדיקע יינגלעך האָבן באַקומען זיבן און אַ האַלב טויזנט רובל איבערוואַנדער־געלט און זעקס און אַ האַלב טויזנט רובל קרעדיטן פון ווייט־מזרח׳דיקער אגראַר־באַנק. מיט דעם געלט האָט מען אַביסל פאַרזייט און אָרגאַניזירט אַ מילך־ווירטשאַפט.

„אין זומער האָט אויסגעשאָסן אַ רעגן, ווי פון אַ ביקס. צוויי זומערן נאָכאַנאַנד האָט געגעגנט. און מיר האָבן געזייט אין דער נידער אָנשטאָט צו זייען אויף די רעלקעס. וויץ, האָבער, גרעטשקע, סאָיאַ־בעבלעך, גרינסן

און צוויי טויזנט פוד היי איז פאַרנעצט געוואָרן צו עטלעכע העקטאר פון אַ מין.

„...אַלץ איז פאַרנעצט געוואָרן, — שרייבט פינק. — וואָס קאָן מען טאָן מיט אַזעלכע „יידישע גליקן“? פונדערוויטנס האָבן מיר געזען ווי מען גייט מעלקן די בהמות: די אייגענע בהמות, אַדאַנק וועלכע די גאַנצע קאָמונע האָט זיך געהאַלטן באַמדעם ווי דאָס פאַרזייטע איז אַזוי נאַריש פאַרנעצט געוואָרן.

„די קאָמונע גיט אַוועק דעם „דאַלסעל-סאָיוז“ די זיסע שמאַנט — באַקומענדיק פאַר אַ ליטער שמאַנט דעם פרייז פון זיבן ליטער מילך. ביים אויסאַרבעטן סמעטענע בלייבט צוואַנציק -- וועלכן מען עסט אין דער קאָמונע און מען פאַרקויפט אין קאָאָפּעראַטיוו. עס בלייבט דער אָפּפאַל, פון וועלכן עס קאָרמענען זיך חזירים...

„די קאָמונע „איקאָר“ האָט געקויפט ביי אַ שכן אַ רוס אַ פאָר מילך-חזירימ׳לעך און האָט זיי אויפגעצויגן מיטן אָפּפאַל פון צוואַרעך. זייענען די חזירים פון פויער קוים ביז צום בויך צו זייערע ברידער, וואָס קאָרמענען זיך אין דער ווירטשאַפט פון דער קאָמונע. מען וועט זיי קוילענען צו ווינטער און אויפעסן.

„די מינסקער בחורים האָדעווען בעיקאָן-עקספּאָרט חזירים — אַ גאָר טייערע סחורה, פאַר וועלכע זיי וועלן קריגן אַ פאַרם-מאַשין.

„אַ שווערער יאָקשירער חזיר, דערשמעקנדיק דעם רויך פון וועטשערע, האָט זיך געשטופּט פריער פאַר אַנדערע.

„אָט די חזירים זיינען אונדזער רייגער פראָפיט“, זאָגט אַ בחור. „און דער פרוכט-גאָרטן אויך“. דער ערשטער קולטורן-גאָרטן אין וויטן מזרח.

„די פרוכטבאַרקייט פונעם אַמוריער באָדן איז לאַנג באַוואוסט. אָבער מען עסט דאָ ווילדע טרויבן, וואַלד-יאַגדעס און ווילדע עפּל אַזוי גרויס ווי אַגרעסן. קיין גאָרטן איז ניטאָ נאָך...

„אַ פּאָר ציפערן: מען האָט פאַרקויפט קאַרטאָפל: 1,500 רובל. פּראָפיט פון מילך 600 רובל. פאַרקויפט די מאָגערע קי: 900 רובל. צוזאַמען פיר און אַ האַלב טויזנט, פון וועלכע 3,600 זייענען שוין פאַרדינט דורך פּערזענלעכע אַרבעט פון פינף מאַנאַטן, אַרבעט פון אַלע מיטגלידער פון דער קאָמונע איז אָפּגעצאָלט!

„דער דערפאָלג פון דער קאָמונע „איקאָר“ — אפילו דאָס וואָס דער „איקאָר“ האָט אַרויסגעראַטעוועט פון דער פאַרפלייצונג פון 1928 — איז אַ קליינער ביישפּיל פון אָט-דער טייערער פּאַראַדע, וואָס רופט זיך אָן ביראָבידזשאַן, — זאָגט פינק.

און זעט ווי די קאָמונע קאָרמעט זיך אין דעם קאַטאַסטראָפאַלן יאָר;

אינדערפרי שמאנט מיט צווארעך — האָניק פון דער אייגענער פּאסעקע; צו מיטאָג — קעלבערנע פליייש מיט קאַרטאָפל. פאַרנאַכט האָט מען געהאַט אַ געשמאַקע שטיק פיש, די קעטא, דאָס פליייש פון אייגענעם קאַלב.

„צום טיש ווערט אַלץ געגעבן אין אַ אומבאַגרענעצטער מאָס: נישט נאָכן אַפּעטיט פון שטעטל — נאָר נאָכן אַפּעטיט פון די אמורער קאָזאַקן.

„דער בחור, וואָס האָט מיך געבראַכט פון דער סטאַנציע, האָט געוויזן מורא׳דיקע קונצן ביים עסן: אַזוי ווי ער וואָלט דאָ זיך אָפּגעגעסן פאַר אַלע זיינע עלטער־זיידעס, וואָס זיינען אויסגעגאַנגען פון הונגער אין שטעטל. ביי דער צווייטער שיסל פון פליייש מיט קאַרטאָפל האָט ער נאָר איין מאָל אַ זיפץ געטאָן: אָן עוולה: די קרויט און די אוגערקעס זיינען פאַרנעצט. אַניט — וואָלט הערצו גוט געווען אַ שיסל מיט זויער־קרויט און אוגער־קעס...״ „דאָס איז געווען אַ פּראָפעסיאָנאַל — אַן עסער״, — זאָגט פּינק.

„פון צווייטן צימער האָט זיך געהערט אַ גאַרמאָשקע מיט טאַנץ. דאָס זיינען צו די בחורים געקומען געסט פון זעזשנעווקא — אַן אוקראַיני־שער דאָרף — און מען האָט געטאַנצט... די געוועזענע בלייכזיכטיקע אויסגע־דאַרטע מינסקער ייִנגלעך האָבן געטאָפּעט מיט די שטיוול אויף אַמורער ערד.

„אויף מאָרגן האָט מען זיך אָנגעקאָרמעט צום פרישטיק מיט די פרישסטע קאַוויאַר פון דער קעטא — אויך פון אייגענעם — פון אמור...

„דעם יאָר 1929 האָבן ווייסרוסישע ייִנגלעך, געבוירן צו זיין שמשים מיט שוואַכע, אויסגעטריקנטע גלידער — צוזאַמען מיט די „גאָלדען״ געכאַפּט די קעטא, ווען זי איז אַריין פון אָקעאַן אין די צופלוסן פון אמור. כאַפּנדיק דעם גרויסן לאַקס פאַר די זשאַברעס — ווי די „גאָלדען״ — מיט אַ שטאַרקן קלאַפּ פון מעסער געעפנט דעם בויך ביי די פיש און אַרויסגענומען די טייערע, געשמאַקע רויגן...״

***

דאָס איז מער ניט ווי איין קאַפּיטל פון פינקס בוך. צום סוף באַשרייבט ער אַ וועטשערינקע אין ביראָפעלד, וואו ייִדישע בחורים און מיידלעך האָבן געטאַנצט מיט רוסישע און אוקראַינער.

„...ביז שפּעט בייַדערנאַכט האָבן מיר די טענצער נישט געלאָזן איינ־שלאָפן — די זין פון קליין־שטעטלדיקע וואַסער־פירער און שניידער, די טעכטער פון די זוכער פון „ייִדישע גליקן״, די קינ־דער פון אביונים — איינגעהויקערט פון נויט און הונגער.

„די האַנט פון אַ שטאַרקער עפּאָכע האָט זיי אַרויסגעריסן פון דער ני־דערנדיקער אָרעמקייט, וואו זייערע טאַטעס האָבן געלעבט און זיינען גע־שטאָרבן. די האַנט האָט זיי אַ הויב־געטאָן און אין דער הויך אַ וואַרף־

געטאָן — און זיי זיינען געפלויגן איבער דער צעשראָקענער וועלט. און געפאַלן ביים ברעג ערד — דאָרט וואו עס הויבט זיך אָן דאָס אומבאַקאַנטע און געהיימניספולע — די טייגאַ.

„זיי זיינען נישט אַוועק צוריק, דערזעענדיק איר שטרענגן פּנים — זיי האָבן זיך נישט געשראָקן פאַר איר דראָענדיקן און בייזן ברומען. זיי זיינען געבליבן שטיין און אויסגעהאַלטן די ערשטע אַנטשלאָסענע אַטאַקע —“, אַזוי ענדיקט פינק זיין ערשטן בוך פון 1929.

היינט — ווען אין ביראבידזשאַן זיינען אָנגעקומען הונדערטער יידישע אַרבעטער־פאַמיליעס פון ליטע, האַמבורג, אַרגענטינע און אַמעריקע; היינט, ווען ביראבידזשאַן ווערט אַ צענטער פון אינדוסטריע און אַגריקולטור פון ווייַן מזרח; היינט, ווען ביראָבידזשאַן האָט אַ צייגעניש אויסגעשטעלט פון אַמעריקאַנער עקספּערטן — אַגריקולטוריסטן; ווען ביראָבידזשאַן איז אַרייַנגענומען אין פינף־יאָריקן פּלאַן פון אינדוסטריאַליזאַציע — איז לעכערלעך זיך באַנוצן מיט רייזע־איינדרוקן געגומען אין די ערשטע מאָנאַטן פון כאַאָטישע. ספּאָנטאַנע, צופעליקע איבערלעבונגען פון לופט־מענטשן, וואָס דאַרפן ליידן און קעמפן, ווי די מינסקער בחורים, כדי צו ווערן פּיאָנערן.

און נאָך לעכערלעכער איז זיך באַנוצן מיט אויסצוגן פון אַ בוך פון אָנהויב, נישט לעזנדיק דעם בוך ביז צום סוף, וואו דער שרייבער, באַזינגט פון דעם פּאָטענציאַלן רייכטום פון לאַנד און פון דעם מענטשן־מאַטעריאַל, וועלכן ער האָט שפּעטער אָנגעטראָפן, זאָגט זיך אַרויס פאַר פּאָזיטיווע מיטאַרבעט פאַר דעם ענין ביראָבידזשאַן.

„אָלד, מעררי ענגלאַנד“

דאָס אַלטע פריילעכע ענגלאַנד... דאָס ענגלאַנד פון יאַגד־שלעסער און פירשטלעכע יעגער, פון פּרינצעסינס און הויף־דאַמען. דאָס ענגלאַנד פון מעכטיקע האַנדלס־און שיפס־געזעלשאַפטן, וואָס פלעגן פירן סחורות אין אַלע פיר עקן וועלט, און עפענען פעקטאָריס ביים האַדסאָן־בעי און אין לאַבראַדאָר, אין נאַטאַל און פייערלאַנד...

דאָס ענגלאַנד פון צעבושעוועטן פּאָלקס־צאָרן און רעוואָלוציאָנערן אויפשטאַנד, אין וועלכן דער קאָפּ פון אַ קעניג איז אַראָפּ פון די פּלייצעס — פון טשאַרלס דעם צווייטן.

און ענגלאַנד פון האַרבסט, 1932, סאַוטהעמפּטאָן.

דער ערשטער צאַרטער הויך פון האַרבסט. אַ שמעקעדיקער פּאַרק אין צענטער פון האַפן־שטאָט.

דער באַרימטער ענגלישער פּאַרק מיט געשניטענע גראָזן.

אין פינקלענדיקן גרין — די ערשטע רויט־ברוינע און בלאַס־געלע האַרבסט־בלעטער. אָבער וואַרעמע, פייכטע לופט און אַ בלאַסע אינ־זל־זון, ווי אַ בלאַסע פּרוי, וואָס הויבט אָן צו ווערן געזונט נאָך אַ לאַנגער אויס־מאַטערנדיקער הייך־קראַנקהייט.

איז דאָס אַלט־ענגלאַנד?

וואו איז די „פריידפון לעבן?"

וואו איז די קאָכיקע האַנדלס־שטאָט, וואו די פאַראַנקערטע שיפן מיט ענגלאַנדס ים־פאַן און מיט פרעמדע וועלט־אַטריבוטן פון מאַכט און רייכטום?

1932. גרויע פּראָווינץ. אַלטמאָדישע, פירעקעדיקע קעבס. קליינע אָפּ־געלאָזענע פּראַכט־אויטאָמאָבילן. אין האַפן שטייען אַלטע, פאַרזשאַווערטע קריגס־שיפן. גרויע, אָפּגעבליאַקירטע סקונערס און באַרזשעס. אין דעם שמאָ־לענעם וואַלד פון קראַנען און עלעוועיטאָרס פלאַטערן טויזנטער ווייסע ים־פייגל. צווישן הויכע ווענט פון די דאָקס שווימען גרויע ים־טויבן. פון די אָפענע פענצטער פון די האָטעלן שמעקן אַרויס גאַנצע גערטנער מיט רויטע ווילדע נעלקעלעך, פיקסיען און גרינע בלעטער. אין די טירן שטייען די גרוי־סע, גראָבע פּאָרטערס מיט ברייטע קייטן פון זייגערלעך אויף די בייכער. צווישן די רעלסן פון דעם לאַנדאָנער צוג, וואָס פאָרט אָן אָפּשטעל אַ שעה מיט אַכצן מינוט פון סאַוטהעמפּטאָן ביז לאָנדאָן, וואַקסט גרינער מאָך... איין פּאָליסמאָן שטייט, ווי אַ ניו־יאָרקער „אַנדערטעיקער", ביים אַריינגאַנג צום צאָל־אַמט און קוקט אומעטיק אויף די פּאַסאַזשירן, וואָס זיינען אַראָפּ פון דער „אייראָפּאַ", זיינען אַרויף אויפן טענדער און צוגעקומען צום באָן.

אומעטיק, פּוסט, פּראָווינציעל.

דער האַרבסט פון ענגלישן וועלט־האַנדל. דער זונען־אונטערגאַנג פון ענגלאַנדס פּאַסאַזשיר־און טוריסטן־טראַפיק.

עס הערשט אַן „עקאָנאָמיע־רעזשים" ביי אַלע שיפס־געזעלשאַפטן. אין איין טאָג האָבן מיר זיך אָפּגעשטעלט ביי די האַפנס פון צוויי לענדער. מיט־וואָך, 11 אַזייגער, האָט זיך געוויזן דאָס גרינע, זאַפטיקע פראַנקרייך. שער־בורג. צום ים־ריז „אייראָפּאַ" פאָרט צו אַ פראַנצויזישער טענדער. מוזיק שפּילט. בעת די מוזיק שפּילט און דער קליינער פראַנצויזישער טענדער נעמט אַריבער די רייזנדע אין שערבורג, צום צוג נאָך פּאַריז, שטיי איך נעבן אונדזער דעק. אַ מאַטראָס, היינק, דערציילט, אַז דער „גאָרט־דזשויר־מען לאַיד" איז אויף צרות, ווייל דער טוריסטן־פּאַרקער איז אַ שוואַכער, און עס לוינט ניט צו גיין ביז צום שערבורגער האַפן, וואָס דאַרף אָפּקאָסטן אַ ים מיט געלט. וואַרפט מען די רייזנדע אַראָפּ אויפן טענדער, אויף די קאָסטן פון דער פראַנצויזישער האַפן־פאַרוואַלטונג, און מ׳ווערט פּטור פון אַן אויסגאַבע.

פיר שעה שפּעטער חזר'ט זיך דאָס איגענע איבער אין סאַוטהעמפּטאָן.

ווידער באַוויזט זיך לאַנד. ווייסע זאַמדיקע ברעגן. רויטע שינדל־דעכער איבער ווייסע קאַטעדזשעס. הונדערטער פישער־שיפלעך און אַן אַלטע, סאָלידע קאַזאַרמע — איך וואָלט שווערן, אַז איך בין אין סמאָלענסק, אין 1915, לעבן טורמע. דאָרט איז אַזאַ בנין אינעם סטיל פון „אימפּעראַטאָריצאַ עליזאַוועטאַ פּעטראָוונאַ".

אַלזאָ, מיר שטייען שוין ווידער. און דער גרעסטער טייל פּאַסאַזשירן פון „איראָפּאַ" גייט דאָ אַראָפּ.

מ'סטראָיעט זיך אויס אין צוויי רייען: „בריטיש סיטיזענס" און „עליענס". שטיי איך אין דער צווייטער קאַטעגאָריע, נעבן צוויי כינעזישע פּאָרלעך, אַ מאַקעדאָניער, צוויי בולגאַרן און אַ ייד, וואָס מוז דווקא פאָרן אין ענגלאַנד מיט אַ „גאָלף־בעג", אַנדערש איז ער ניט געוואוינט. אויב אַן אַמעריקאַנער בירגער, זאָגט ער, איז מיט אַלע פּיטשעווקעס.

מיר שטייען, און ביסלעכווייז ווער איך אַלץ מער און מער דערשטוינט.

די ענגלענדער פּאַרטיקן אָפּ די אימיגרעישאָן־פאָרמאַליטעטן מיט אַזאַ אימפּעט, אַז עס זעט אויס ווי די צאַר'שע עוואַקואַציע פון פּוילן אין 1915. מ'גיט נישט אַ קוק אויפן פּנים, מ'לייגט אַרויף אַ שטעמפּל און מ'זאָגט: „נעקסט".

און איך האָב יאָרן־לאַנג נישט געוואָלט פאָרן אין ענגלאַנד. איך האָב געמיינט, אַז זיי זיינען קאַליקעס. די גאַנצע זאַך, מיט אַ 200 פּאַסאַזשירן, דויערט אַ האַלבע שעה.

דאַן גייען מיר אויפן טענדער.

איך גיב אַ קוק אין דער הויך אויפן ריז „איראָפּאַ". ערגעץ־וואו הויך, אויפן פינפטן עטאַזש, דערזע איך מיינע פריינט פון דריטן קלאַס: דעם אונגאַר, דעם גערטנער, די אוקראַינער פאַמיליע. דאָס מיידל שרייט: „דאָ זאַבאַטשעניא וו טשערוואָנוי אוקראַיניע". איך זע דעם געוועזענעם דייטשן מאַטראָס, היינט אַ סאַלון־קיפּער אין יאָרקוויל; דעם פּליער מיט דעם פיינעם פּנים און די געליימטע הענט; די צוויי איטאַליענישע סאַלאַמי־הענדלער פון רידזשוואוד, און אויך די סאַכאַטשעווער יידענע מיט די געלונגענע קינדער אין ברוקלין. אַלע ווינקען, וויל פון דריטן קלאַס בין נאָר איך און דער ייד מיטן „גאָלף־בעג" אַראָפּ אין סאַוטהעמפּטאָן. אָבער ער שטייט לעבן די „בריטישע" סיטיזענס און האָט שוין דאָרט געכאַפּט אַ שמועס.

ביים צאָל־אַמט (קאַסטאָמס) האָבן מיר זיך אָפּגעפּאַרטיקט גיך. באַלד איז דער צוג אַוועק קיין לאָנדאָן. אויפן דאַך זיינען מיר געבליבן אין דרייען: איך, אַן אַרבעטער און אַ פּאָליסמאַן אין אַ גאַטישן העלם, ווי אַ מיטלאַלטערלעכער תּליון מיט אַ פּאָר בלאָנדע נאָרמאַנישע וואָנצעס.

געווינלעך פרעג איך זיך נישט קיין זאַך אונטערוועגנס. איך אָריענטיר זיך אַליין. אָבער דאָס מאָל האָב איך זיך יאָ געפרעגט. ווייל איך האָב געוואָלט רעדן מיט דעם ערשטן בריטישן אַרבעטער, וואָס איך האָב דערזען ביים טויער פון צאָל־הויז, וואָס ער האָט אויסגעקערט און פאַרמאַכט.

איך האָב געפרעגט וואו צו גיין. דער בריטישער אַרבעטער האָט מיך זייער גוטמוטיק אָנגעקוקט און געענטפערט, אַז ער אַליין קאָן נישט אָנווייזן, ווייל ער איז דאָ ערשט אַ פּאָר טעג, ער פאַרטרעט אַ קראַנקן קאָלעגע. אַליין איז ער פון „באַבסיט", אַ שטעטל לעבן האַפן. האָט ער מיך געשיקט צום פּאָליסמאַן. אַז מיר זיינען דאָך געווען די איינציקע דריי מענטשן אין די דאָקס פון סאָוטהעמפּטאָן, און צווישן די רעלסן האָב איך דאָס דערזען דעם גרינעם, זאַפטיקן מאָך. און עס איז געווען האַרבסט. אַביסל אומעטיק, אַביסל פריילעך. איך האָב איצט פאַר זיך צוויי טעג יבשה, און קאָן גיין אין דער מאַטראָסן־יוניאָן זען, ווי עס פאַרברענגען בריטישע ים־מענטשן.

דער פּאָליסמאַן האָט מיר געוואָלט טאָן אַ טובה, אָנווייזנדיק אויף אַ האָטעל נישט ווייט פון די דאָקס, ווייל איך מוז שוין ווייטער פאָרן מיט אַ שיף איבערמאָרגן.

עס הייסט „האָטעל קאָרנ־ש". געבויט האָט מען אים מיט 84 יאָר צוריק, פון האָלץ. געבויט האָט עס אַ מאַן, וואָס האָט געמאַכט אייגנהענטיק „וויסקי און מאָלט־ברוי". אָבער צו מאַכן הייזער האָט ער אַזוי געטויגט, ווי האָראָוויץ פאַר ביראָבידזשאַן. די טרעפּן קנאַקן, אַזוי ווי דער טישלער וואָלט אויפגעשטעלט אַ „בורגלער־אַלאַרם" אויף זיי. ווען מ'גייט אויף זיי ביי־דערנאַכט, רופט עס אַרויס אַזאַ רעאַקציע: צוויי הינט אין קיך הויבן אָן צו בילן, און צוויי פון הויף ענטפערן זיי. מיט 84 יאָר צוריק האָט מען נאָך נישט געוואוסט פון קאָלאָניזאַציע און פון וואַסער־לייטונג. אין דער באַציאונג איז דער גרויסער האַפן סאוטהעמפּטאָן הינטערשטעליקער פאַר כאַבאַראָווסק, סיביר, ווייל דאָרט איז עס שוין יאָ איינגעפירט. מיין „צימער" האָט אַ בעט פון האָלץ, אַ מאַטראַץ, וואָס שטעלט מיט זיך פאָר דעם רעליעף פון די בער־מאונטעינס, אַזוי באַרגיק איז ער, און דער צוקאָפּנס איז טיפער ווי דער צופוסנס. דאַן האָט ער אַ טישל מיט אַ קרוג וואַסער און אַ שיסל... פענצטער וואָס מ'קאָן נית עפענען, ווייל די שויבן פאַלן אַרויס. אַ צעטל הענגט: מ'זאָל עס טאָן נאָר אויף אַ פערזענלעכער ריזיקע (נו, און ווער וויל ריזיקירן אין אַ פרעמדן לאַנד?). עס איז אויך דאָ אַ טיר, וואָס איז אָבער פאַרנאָגלט, ווייל זי פירט אין אַ פרעמדן הויף. און מ'איז דאָ אַמאָל אַריין, מיט אַכצן יאָר צוריק איז דאָס געווען, האָט מען זי פאַרנאגלט זייט דענטמאָל. וועט איר דאָך פרעגן: ווי בין איך אַריין? מ'מוז אַריינגיין דורך אַ געווים צימער. אָבער נאָר פאַר אַכט אַזייגער. ווייל דאָרט וואוינען צוויי שוועסטער,

אַ צווילינג, פון איבער זעכציק יאָר, וואָס שלאָפן זייער לייכט, קאָן מען זיי ניט וועקן...

איך האָב געקוקט אויפן באַלעבאָס פון האָטעל, וואָס האָט גע׳ירש׳נט פון זיידן דאָס „הויז" מיט די פאַרנאַגלטע טירן און פענצטער, מיט שווערע בראָקאַטענע פאָרהענג, מיט אַ ריח פון לאַווענדער און אַלטע היי אין די מאַטראַצן, מיט אַ פּיכטער לופט אין די צימערן — פון ענגלישן טומאַן, וואָס קומט פון לאַמאַנש — מיט די אַלטע פאָרצעלייען און די גלעזערנע שרענק, מיט אַ פּוס־האַרמאָניע און אַ ביבל מיט אַ העלפאַנט־ביינערנעם איינבונד — און איך בין געבליבן.. ווייל עס געהערט צום „אָלד מערי ענגלאַנד" אין פערטן יאָר פון קריזיס, אין סעפּטעמבער, 1932, מיט אַ בלאַסער זון אין פּאַרק, מיט אַן אַלטן זעכציק־יאָריקן פּעינטער, וואָס איז אַרבעטלאָז, באַקומט צוועלף שילינג אַ וואָך אַרבעטסלאָזע הילף און מוז קאָרמענען דערמיט זיך, זיין פרוי און אַן אייניקל פון זעקס יאָר, וועמענס עלטערן — זיין זון און די שנור — זיינען געשטאָרבן דעם ווינטער פון דער „פלו".

מיר האָבן זיך באַגעגנט אין פּאַרק אויף אַ באַנק. דאָס יינגל האָט געוואָרפן אַ קליינעם באָל. דער זיידע פלעגט זיך בויגן איבערן פלויט און דעם באָל מיט זיין היטל אַרויסגראַבלען. אַ גרויער קאָפּ. אָפּגעטראָגענע שיך. אַ טונקעלע פאַרלאַטעטע העמד מיט אַן אָפּגעבליאַקירטן, אַמאָל בלויען, קראַוואַט. פון די אַרבל פון מאַנטל האָט זיך געריסן דער נאָט. בלויע, גוטע אויגן, וואָס לאַכן צום קינד: „איט׳ס אָור אָנלי דזשאָי". דערפאַר בויגט ער זיך געדולדיק און געפינט דעם באָל. מיר האָבן זיך צערעדט.

ער האָט גערעדט. מיר האָבן געשטיקט טרערן. איך שעם זיך נישט עס צו זאָגן. ווייל אין אים, דעם אַלטן, זעכציק־יאָריקן אַרבעטער איז שוין פון הונגער נישט געווען קיין כוח צו פּראָטעסטירן. מ׳האָט געקענט זען — ער איז פיזיש אויסגעצאַנגען פון נישט עסן. צוועלף שילינג — אַכט גייט אַראָפּ אויפן צימער. צוויי דאָלאַר מיט 20 סענט פאַר דריי מענטשן צו לעבן אַ וואָך. זעקס וואָכן גיט מען געלט און דריי וואָכן נישט. יעדע זעקס וואָכן רייסט מען איבער אויף דריי... „אַי עם פאָרסד אָו פאָרגעטינג", האָט ער געזאָגט צו מיר. וואָס וועט זיין דער סוף? — פרעגט ער.

איך רעד יועגן די אַנדערע קאַפּיטאַליסטישע לענדער, וואו דער קריזיס ווילדעוועט און וואו אַרבעטער קעמפן הונגעריקערהייט פאַר אַזאַ אָרדענונג ווי אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. יאָ, ער ווייס. אָבער ווי גייט מען אַהין? ער וואָלט אַוועק הײנט. ער איז אַ גוטער פּעינטער. שוין פערציק יאָר ביי דער אַרבעט.

נאָך קיינמאָל איז מיר נישט געווען אַזוי שווער זיך אויפצוהייבן פון אַ באַנק, ווי הײנט ביים צעשיידן זיך מיטן אַלטן. אַזאַ רעזיגנאַציע, אַזאַ אויסגעהונגערטקייט! צווישן פינף און זיבן קומט ער מיטן אייניקל אין פּאַרק,

ווייל ביי זיי איז שטוב איז שוין פינצטער, און קיין ליכט ברענט מען נישט. לייגן זיך שלאָפן איז צו־פרי. עס גייט דער ווינטער, קאַלט, נאַס, און לאַנג די אָוונטן. זעקס וואָכן צאָלט מען און דריי גיט...

„אַי עם סיק אָוו דהי לעיבאָר־פּאַרטי מיטינגס. ווי העד טו פאַיט עגענסט דהעיר סלאָו עקשאָן אָל ווינטער, טו פאַיט פאָר עי פאונד אינשורענס".

וואָס פאַר אַ האַס עס זאַמלט זיך אין די מאַסן קעגן זייערע אַמאָליקע פירער. וואָס פאַר אַ פּיין האָט געמוזט דורכגיין אַן אַלטער לעיבאָריסט ביז ער האָט אַ שליידער געטאָן זיין האַס אָפן און אויפגעהערט צו זיין אַ מיטגליד אין זיין פּאַרטיי.

דאָס וואַסער קאָן מען נאָר דאַן ברענגען, ווען די „טווינס" זיינען אויפגעשטאַנען. איך האָב דעם ערשטן אָוונט רעוואָלטירט און בין אַוועק אין אַ מואווי. די „טווינס" זיינען שוין געשלאָפן. ס'איז געוועזן צען אין אָוונט. דער קאַטוילישער פּריסט, פון 77 יאָר, וואָס פאָרט מאָרגן אַוועק אין מאַלטאַ, האָט נאָך געדאַוונט אין זיין צימער. איך בין אין דער שטיל אַריין. ווי געוויינלעך, איז אַראָפּגעפאַלן פון טישל אַ באַרשט. רעאַקציע: די צווײ הינט פון קיך, די צוויי פון הויף. די טרעפּ קראַכן.

„אָלד, מערי ענגלאַנד"...

1933־יו

אויפֿן וועג קיין דרום־אַפֿריקע

עס איז היינט דער 22טער סעפּטעמבער, 1932. דעם 3טן אָקטאָבער דאַרפֿן מיר אָנקומען אין קעיפּטאַון.

דער ים איז רואיק. ער האָט שוין געביטן זיין דריטן קאָליר. צוערשט איז ער געווען במעט־גרין, לעבן ענגלאַנד; דאַן טונקל־בלוי, ווי קאָרן־בלומען, און זינט נעכטן איז ער בלייערן, אָפּט גרוי, אַזוי ווי איין גרויסע קעצישע פֿעל, און רואיק, גלאַט, ווי אַ טייך אָדער אַ קאַנאַל, פֿאַרביי צפֿון־אַפֿריקע.

און אומשולדיק איז ער, כאָטש נעם און שפּרינג אַריין און כאַפּ אַ שווים.

די ריזיקע שיף גייט גאַנץ שנעל. מיר האָבן געהאַט עטלעכע באַגע־געניש, צווישן זיי איינע אַ גאַנץ וויכטיקע. אַ הויכער ענגלישער באַמ־טער האָט געמוזט זיין אויף איר, ווייל אונדזער שיף האָט אַ לאַנגן פֿייף גע־טאָן, דאַן צוויי מאָל געבלאָזן דעם האָרן, און יענע שיף, וואָס איז געגאַנ־גען אַנטקעגן, צו ענגלאַנד צו, האָט פּונקט אַזוי געענטפֿערט.

עס איז אַלעמאָל אַ שטיקל אויפֿלעבונג, ווען אַ שיף גייט נאָענט פֿאַר־ביי. מען קוקט דורך ביגאָקלען, מען פֿרייט זיך. דער מענטש, אין זיין איינ־זאַמקייט פֿון ים, פֿרייט זיך, וואָס ער איז ניט אַליין.

דאָס לעבן אויף דער שיף גייט זיך זיין גאַנג. איינער פֿון די גלחים, וואָס האָט אָרגאַניזירט אַ ספּאָרט־קלוב מיט אַ פּאָרזיצער, מיט אַ סעקרע־טאַר און אַ טרעזשורער, האָט זיך געמאַכט אַ מאָדע יעדן טאָג ביים מיטאָג צו פֿייפֿן, ווי אין קעמפּ „קינדערלאַנד“, אַז די קאָונסעלאָרס ווילן עס זאָל זיין שטיל. דאַן נעמט ער אַ וואָרט און זאָגט עפּעס. דער עיקר איז געלט. יעדער זאָל מאַכן אַ ביישטייערונג און מען זאָל עס ברענגען צום פּאָרזיצער, ווייל מען האָט אָרגאַניזירט אַן אָלימפּיאַדע. מען שפּילט ווי משוגענע, פֿון פֿרי ביז ביינאַכט, און מען וועט געבן פּריזן.

**
*

סעפּטעמבער 23.

נעכטן איז די זון באַזונדערס שיין אַריין אין ים. פֿון דער צווייטער זייט פֿון דער שיף איז, ווי אַ פֿלאַם, אַרויס אַ רויטע לבנה. אַ פּאָר מינוט

שפּעטער איז געוואָרן טונקל, ווי אין וויטן מזרח. די ראַשיקייט פון טאָג גייט אַוועק די מינוט, ווען די זון גייט אונטער. ס'ווערט אומעטיק, פינצטער.

אַ שטילער פּחד פאַלט אָן אויפן מענטשן. מען פילט זיך קליין, מאַכט־לאָז — אין די הענט פון מאָטאָרן, געאוילטע מאַשינען.

און פּלוצלונג, ווי עס האָט אַזוי אַנגעהויבן ווערן פינצטער, אַזיגער זעקס, האָבן מיר דערזען אַ קליין פייגעלע, ניט קיין ים־פויגל, נאָר אַ פּשוט'ן גרוי־שוואַרצן שפּערלינג אַרומפלאַטערן איבער דער פּאַרענטש, אַזוי ווי די גרעסטע נויט וואָלט עס געצוואונגען צו זוכן עפּעס ביי די מענטשן.

דער הונגער איז געווען שטאַרקער ווי מורא. דאָס פייגעלע האָט געפלאַ־טערט אויפן דעק און געזוכט עסן. איך האָב זיך דערמאָנט, אַז נאָך מאַ־רעירא האָב איך דערזען איבערן דעק, מיט צוויי טעג צוריק. עס איז צוזאַמען מיט די ים־פויגל געקומען אונדז באַגלייטן, איז איבערגעבליבן אויף דער שיף, און איצט קאָן עס שוין ניט פליען צוריק צום ברעג. עס איז 900 מייל פון ברעג.

פלאַטערט עס אין שרעק, הונגעריק.

גלייך האָבן זיך געיאָועט גוטע נשמות, וואָס האָבן אַוועקגעשטעלט וואַ־סער אין אַ טעלערל און אַביסל ווייסע ברויט. עס איז געווען קלאָר, אַז דאָס פייגעלע מוז איצט מיטגיין מיט אונדז נאָך צוועלף טעג ביז קײפּטאַון. און דאָך איז עס עפּעס ניט געוואָרן. היינט זעט מען עס שוין ניט.

***

צום ערשטן מאָל איז היינט דער ים אַבסאָלוט שיין.

גלאַט, פאַרגאָסן מיט זון.

און ווידער בלוי, פון אַ טיפן בלוי, ווי לאַפּיס־לאַזולי.

און צוגלייך מיט דעם איז אויפן האַרצן גוט. אפילו אַ שטיקל צופרידנ־קייט מיטן רייזע־לעבן.

עס איז נאָך אַן אָפּקלאַנג פון נעכטן.

וואָס איז געווען נעכטן?

נעכטן ביינאַכט האָט געזאָלט זיין אַ דיסקוסיע איבער דער טעמע: צי ברענגען די גלחים אומגליק דער שיף, אויף וועלכער זיי געפינען זיך?...

איינער, אַ נאַרוועגער, האָט עס געזאָלט איינלייטן. ער איז אַ נאַכפאָל־גער פון דזשאָרדזש רוטערפאָרד, דעם שליח פון גאָט אין אַמעריקע, דער אַרויסגעבער פון „דהי גאָלדען איידזש“, אַ וואָכנשריפט, וואָס קעמפט קעגן שטן און זיינע פאַרטרעטער אין אַמעריקע, „ביג ביזנעס“. רוטערפאָרד איז קעגן גלחים. אַט־דער נאַכפאָלגער האָט דאָס געזאָלט רעדן פּאָזיטיוו, אַז זיי ברענגען אומגליק דער שיף, ווייל איין מאָטאָר אונדזערער איז קאַליע

געוואָרן און מיר זיינען גלייך אַריין אין נעפּל. אַ גלח האָט געדאַרפט רעדן נעגאַטיוו, באַווייזן, אַז פּונקט פאַרקערט גאָר. איז אָבער פון דער „דעבאַטע" גאָרנישט געוואָרן. אַנשטאָט דעם איז אַרויס מיט אַ לעקציע וועגן קאַנאַדע דער דעלעגאַט צו דער אָטאַוואַ־קאָנפערענץ, דער דרום־אַפריקאַנער פינאַנץ־מיניסטער, מיסטער האַפינגער, אַ האָלענדער (אַ קאָנפערענץ פון אַלע ענגלישע קאָלאָניעס אין אָטאַוואַ, קאַנאַדע, ניט לאַנג צוריק). ער פאָרט אין ערשטן קלאַס, פאַרשטייט זיך. מען האָט געמאַכט אַן עסטראַדע אויפן דעק ביי אונדז. מען האָט געשטעלט צוויי העלע פּראָזשעקטאָרס, אָנגעגאָגלט צום וואַנט צוויי פענער, די ענגלישע און די דרום־אַפריקאַנישע, און דער מיניסטער איז געקומען אָנגעטאָן אין אַ „סמאָקינג"־דזשאַקעט מיט אַ ווייסער בלום אין קנעפּל, מיט נאָך אַ הויכן באַאַמטן.

דער פאָרזיצער איז געווען אַ גלח.

די לעקציע איז געווען אַ פּורים־שפּיל. אַזוי ווי ס'פּאַסט זיך פאַר פעטע אַפריקאַנער ביזנעסלייט, וואָס דאַרפן ניט קיין זאַכלעכן, ערנסטן באַריכט וועגן דער קאָנפערענץ פון אָטאַוואַ. עטלעכע ווערטער וועגן קאַנאַדער ציגן, האָטעלן, רעסטאָראַנען, וועגן קלימאַט, וועגן באַלדוויגען און דער פּראָספּעריטי, וואָס הוווער האָט גלייך נאָך דער קאָנפערענץ „צוריק איינגעפירט" ביי זיך אין לאַנד, און וואָס האָט זיך שוין אַריבערגעוואָרפן אויף ענגלאַנד...

דאַן האָט גענומען דאָס וואָרט אַ גלח, אַן אירישער, אַ קלוגער און וויציקער מאַן, אַ ביטערער פּאָליטישן. ער האָט אין אַן איראָנישער, אָבער פּראַכטפול־פאַרדעקטער רעדע געדאַנקט דעם מיניסטער (וועלכער איז אַ האָלענדער, און צווישן די האָלענדער, וואָס האָבן אין זייערע הענט די רעגירונג אין דרום־אַפריקע און די ענגלענדער, וואָס שטייען אין אָפּאָזיציע צו איר, איז אַ שטאַרקער אַנטאַגאָניזם) פאַר זיין טייערער אינפאָרמאַציע, וואָס ער האָט געבראַכט אַזש פון אָטאַוואַ.. ער האָט געדאַנקט פאַר דעם האָנאָר, וואָס מען האָט דעם אָרעמען דריטן קלאַס געשענקט מיט דער מיניסטערישער לעקציע און האָט געוואונטשן דעם מיניסטער גליק מיט דער נייער סעסיע פון פּאַרלאַמענט. ער האָט פאַרגעלייגט דריי „טשירס" פאַרן מיניסטער, וואָס דער עולם האָט אויך אויסגעפירט, שרייענדיק דריי מאָל: „היפּ־היפּ־הוראַ!"

דער מיניסטער איז געזעסן ווי אַן אָפּגעשמיסענער. דערנאָך האָט דער זעלבער פאָרזיצער, צו מיין גרעסטער פאַרוואונדערונג, אַנאָנסירט, אַז אַ געוויסער מיסטער פּרעטאָריוס, וואָס קומט נאָר־וואָס פון אַ טור איבערן סאָוועטן־פאַרבאַנד, וועט האַלטן אַ לעקציע אויף דער טעמע „ראָשיאַ טודעי".

עס איז אַרויף אויף דער עסטראַדע אַ בלאָנדער יונגערמאַן, אָנגעטאָן

אין אַ רוסיש־אויסגעניית העמדל, מיט אַ לעדערנעם דינעם פּאַסעק און מיט אַ קאַווקאַזער בונטער טובעטייקע אויפן קאָפּ.

דער איבערגאַנג פון שוואַרצן „סמאָקינג" מיט די לאַקירטע שיך צו דער קאַווקאַזער היטל און אוקראַינער העמדל, איז געווען אַזוי גרויס, אַז עטלעכע מינוט האָב איך נישט געוואוסט, צי דאָס איז אויף אַן אמת דער „ווינטשעסטער קעסל" מיטן ענגלישן פּלאַט, צי דער יונגער בחור רעדט דאָ טאַקע וועגן לענינגראַד, וואָלגאַ, דעם „גיגאַנט", וועגן פינף־יאָר פּלאַן און אַזוי ווייטער — צי איז עס אַ חלום.

נאַכט. דרום־אַפריקע. רייכע קרעמער פון פּרעטאָריאַ און דורבאַן, פּאַרמעגלעכע פּאַרמער (קולאַקעס) פון בלומפאָנטיין, גראָבע לייבער אין ווייסע טראָפּישע קליידער — אין סטאַלינגראַד...

עס איז געווען אומגעהויער אינטערעסאַנט.

און פּאַרכאַפּט האָט ער גאָר מיין „דזשאָב". מיין לעקציע. מיין שטיקל אַרבעט...

זיין באַריכט איז געווען זייער זאַכלעך, זייער אָביעקטיוו און זייער אינפאָרמאַטיוו מיט אַ באַגייסטערטן שטריך פאַר דער ליקווידאַציע פון אַרבעטלאָזיקייט, פאַר דעם פּלאַן פון אינדוסטריאַליזאַציע, פאַר דער סיסטעם פון דערציאונג און פון שטודיום אין די העכערע סאָוועטישע לערן־אַנשטאַלטן.

דער באַריכט האָט געדויערט דריי מאָל אַזוי לאַנג ווי דעם מיניסטערס „רעדע" — אַ גאַנצע שעה.

ער, צוזאַמען מיט זעקס אַמעריקאַנער סטודענטן פון אַמעריקע, און איינעם אַ כינעזישן, זיינען פון ניו־יאָרק אַוועק דורכן „אינטוריסט" אין לענינגראַד, געווען אַ מאָנאַט אין די גרעסערע שטעט פון אוקראַינע, אין קאַווקאַז, אין קרים, דניעפּראָסטראָי, אין מאָסקווע און איבער שעפּעטאָווקע אין פראַנקרייך — אַוועק אַהיים.

ער האָט צוויי יאָר געלערנט אין קאָרנעל אוניווערסיטעט, אין אַמעריקע, געלערנט מאַטעמאַטיק. אַליין איז ער פון דרום־אַפריקע. איצט פאָרט ער אַהיים.

ער האָט פאַרגעלייגט צו האַלטן די לעקציע, ווייל סאָוועט־רוסלאַנד איז היינט דאָס אינטערעסאַנטסטע לאַנד אין דער וועלט, וואָס האָט אַ צוקונפט".

איך האָב אים געפרעגט, וואָס האָט אים באַוועגט צו גיין אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, אויב ער איז ניט קיין עקאָנאָמיסט, נאָר אַ מאַטעמאַטיקער? האָט ער מיר געענטפערט, אַז יעדער מענטש מוז זיך היינט זאָגן, אַז דער קאַפּיטאַליזם איז אָנגעקומען צו אַ פּונקט, וואו אָדער די גאַנצע וועלט מוז אָננעמען אַן אַנדער סיסטעם, אָדער דער אַרבעטער־קלאַס וועט צווינגען די באַזיצנדיקע קלאַסן אָנצונעמען אַן אַנדער סיסטעם.

מען האָט אים פאַרשאָטן מיט פראַגן. די גלחים האָב זיך ווי שטעכיקע בינען געוואָרפן אויף אים מיט פראַגן וועגן רעליגיע אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. און ער האָט געענטפערט, זאַכלעך, ריכטיק, ווי עס איז. גערעדט וועגן אַנטי־רעליגיעזע מוזייען און פראָפּאַגאַנדע. וועגן היימלאָזע, וועגן „ראָוד טו לאַיף״, וועגן פויערים.

דער אירישער גלח האָט אים אַ פרעג געטאָן:

— זאָג דעם אמת, זיינען די רוסישע פויערים אויף דער שיף ביי דער וואָלגאַ געווען אַזוי גליקלעך און זאַט ווי מיר דאָ, אויפן „ווינטשעסטער קעסל״?

— כאָטש זיי זיינען ניט אַזוי אָנגעטאָן ווי מיר דאָ, — האָט דער יונ־גערמאַן געענטפערט, — זיינען זיי דאָך געווען זאַט, צופרידן און אין זייער אייגענער סביבה: אַלץ איז זייערס — דער טייך, די שיף, די בערג, די פאַבריקן.

ער איז געווען באַשיידן, האָט געהאַט אַ סך אינפאָרמאַציע, זיך געהאַלטן פשוט, און איז אַ רייזנדער פון דריטן קלאַס. דאָס האָט ביים עולם אויס־גענומען.

אויפן מיניסטער האָט קיינער ניט געקוקט. ער איז געווען „געסעטלט״.

דער מיניסטער איז אַוועק, נישט באַגלייט פון קיינעם.

דער סטודענט איז אַוועק אין רויכער־צימער, וואו די גלחים האָבן אים גענומען „אין דער אַרבעט״.

אַ דריטער גלה האָט גענומען דאָס וואָרט, און האָט געזאָגט, אַז לויט די פראַגן, וואָס מען האָט געשטעלט, קאָן מען זען, אַז קיינער איז ניט געשלאָפן...

***

מיטאַמאָל האָט זיך באַוויזן אַ גריגער אינדזל, מיט אַ פּאַרט, מיט אַ לייכט־טורעם. אָבער דאָס איז ניט קיין אינדזל, דאָס איז קאַפּ ווערדע, אַפריקע!

מיר פאָרן איצט לענג־אויס דעם ברעג, אָבער אין אַ גראַדער ליניע, וואָס איז קירצער, ווי די זיגזאַגישע ברעג־ליניע.

שיפלעך מיט שטייפע זעגלען האָבן זיך געוויזן. פישער־שיפלעך, און ווידער ים־פויגלען. אונדזער פייגעלע האָט, הייסט עס, געקאָנט פליען צום ברעג. אפשר איז עס טאַקע אַוועק אַהין.

***

24טן סעפּטעמבער.

שוין צען טעג אויפן וועג קיין דרום־אַפריקע. זעכצן טעג פון ניו־יאָרק.

אין ניין טעג אַרום וועט ערשט זיין קעיפּטאַון, וואו מיר וועלן שטיין צוויי טעג. דאָרט וועלן די מערסטע פּאַסאַזשירן אַראָפּגייך, ווייל פון דאָרט גייט די באַן נאָך פּרעטאָריאַ, יאָהאַנעסבורג, בענאָני, בלומפאָנטיין און איבער די פאַרשיידענע קליינע שטעט און שטעטלעך פון די פאַראייניקטע דרום־אַפריקאַנישע רעפּובליקן.

איך האָב היינט געהאַלטן אין האַנט אַ האָטעל־דירעקטאָרי מיט בילדער און אַדרעסן פון האָטעלן און גאַסט־הייזער פון יענער געגנט, און איך האָב זיך געוואונדערט, ווי באַפעלקערט און אויסגעבויט דרום־אַפריקע איז און ווי ווייניק מיר ווייסן וועגן איר. אַ נעץ פון אייזנבאַנען, גוטע וועגן, מאָטאָר־באָסעס און זומער־פּלעצער ביים אינדישן און אַטלאַנטישן אָקעאַן.

אין קעיפּטאַון וועלן די מערסטע אַראָפּגיין און אונדזער גרויסע שיף וועט ווערן איינזאַמער און אינטימער. און נאָך ווייטערע זעקס טעג וועט זיין דורבאַן.

אָבער דאָס וועט ערשט זיין.

דערווייל קומען מיר אַלץ נעענטער צו דער טראָפּישער געגנט און די ערשטע סימנים האָבן מיר שוין געהאַט היינט ביינאַכט — אַ שטורעם־רעגן פון אַזאַ קראַפט, אַז דורכן פענצטער פון דער קאַבינע האָט דער רעגן גע־בייטשט ביז צו די ווייטסטע ווינקלען.

די טירן מוזן זיין אָפן טאָג און נאַכט, מען קאָן זיך ניט פאַרשליסן, און דער סטואַרד איז אויך באַלד אַריין מיט אַ האַנט־פּראָזשעקטאָר. ער האָט איבערגעדרייט דעם בלעכענעם פּראָפּעלער אין פענצטער, וואָס האָט דעם רעגן אַביסל פאַרטראָגן אין אַ צווייטער זייט און באַפרייט אונדזער קאַבינע פון וואַסער.

דער רעגן איז געקומען פלוצלונג, מיט בליצן און דונערן, ווי אין מיטן זומער!

אָבער דאָ הויבט זיך ערשט אָן דער פרילינג. סעפּטעמבער איז דער לעצטער ווינטער־מאָנאַט. און ווען מען וועט אָנקומען אין דורבאַן, וועט זיין הייס, ווי אין ניו־יאָרק אין מאַי.

די רייזנדע אויפן שיף זיינען גוט צוגעגרייט צו דעם הייסן וועטער. אַלע טראָגן שטרויענע היט, ווייסע אָנצוגן, פלאַנעלענע הויזן און פאַלם־ביטש רעקלעך. די פרויען זיינען אַלע אין ווייסן.

די ווענטילאַטאָרן גייען מיט פולער קראַפט. פון די סטואַרדס און קעלנערס גיסט זיך שווייס ווען זיי לויפן פון קיך אין עס־צימער מיטן עסן.

אַזוי ווי מיט אונדזז פאָרן גלחים (יענע דיסקוסיע דערמאָנט זיך), איז עפּעס פאָרגעקומען מיטן קלימאַט... זיי האָבן אים קאַליע געמאַכט, ווייל אָנשטאָט דער היץ, האָבן מיר זיך פלוצלונג ביינאַכט געמוזט אַלע צודעקן

אין אונדזער קאבינע מיט ווארעמע קאלדרעס... אבער אויך דארטן, אין דרום־אפריקע, ווייזט אויס, איז עפעס געביטן געווארן דער קלימאט: א טעלעגראמע היינט אינדערפרי, אין דער שיפס־צייטונג, זאגט, אז אין פארט עליזאבעט, נישט ווייט פון דורבאן, איז פארגעקומען א וואלקנברוך, וואס האט אין צוויי שעה פארפלייצט די גאסן פון שטאט און דאס וואסער איז געשטיגן אויף 25 אינטשעס — א זאך, וואס די עלטערע קאפיטאנען אין לאנד קאנען זיך נישט דערמאנען...

עפעס ווערן נישט די סטוארדס אין דריטן קלאס. עס איז ממש א פאר־ברעכן: מען רעדוצירט די באדינונג; צוויי לאנגע טישן, צו פופציק געסט יעדער, האבן איצט בלויז צוויי קעלנערס.

***

25טן סעפטעמבער.

עס ווערט ווארעמער. איך קאן זיך פארשטעלן, וואס עס וועט זיין אי־בערמארגן, ווען מען וועט פארבייפארן דעם עקוואטאר. עטלעכע טוריסטן ליגן שוין אין שפיטאל...

26טן סעפטעמבער.

היינט איז מען אריבער דעם עקוואטאר! מען איז אין די „טראפיקס".

מען האט ארויסגעהאנגען א נאטיץ, אז אין קעיפטאון וועט מען דורכ־קוקן די פאפירן פון אימיגראנטן און רעווידירן דעם באגאזש. דארטן וועט מען שטיין צוויי טעג, דאן וועט מען ווייטער פארן קיין דורבאן...

עס איז אלץ הייסער און הייסער. דאס גאנצע עסן געדויערט א מינוט פופצן; מער האלט מען אין דעם הייסן עס־צימער נישט אויס...

עס נעמט איך פאוואליע ארום דאס נייע אומבאקאנטע לאנד מיט זיינע דערשיינונגען.

מען לעבט שוין מיט דער געאגראפיע פון די פיר רעפובליקן: טראנס־וואל, אראנזש, נאטאל און קעיפטאון־פראווינץ. מען קוקט דורך קאטאלאגן מיט האטעלן מיט רעסטאראנען. עס איז א גרויס און רייך לאנד, מיט דער גרעסטער גאלד־אינדוסטריע פון דער וועלט (יאהאנעסבורג), מיט דער גרעס־טער, אבער איצט פארמאכטער דימענטן־אינדוסטריע פון דער וועלט (קימ־בערלי), מיט דעם גרעסטן וואסערפאל פון דער וועלט — וויקטאריא פאלס.

מען זעט אויף די בילדער פון די קאטאלאגן קאפערן־געשטאלטן און נעמען, מיט א פרעמדן, אפריקאנישן קלאנג, בייעראלא, קורירא. פרעמדע שווארצע פעלקער, זולוסן און קאפערן, אין וועמעס לאנד מען איז אריין, צוגענומען עס, געמאכט וועגן און געבויט באנען, און זיי, די שווארצע, גע־

מאַכט פאַר דינער און טרעגער. דערפאַר האָט זיי די „טשוירטש" באַפרייט, געמאַכט פאַר גלויביקע... זיי וועט מען שוין ניט בראָטן אין גיהנום — דערווייל שינדט מען זיי די הויט לעבעדיקערהייט...

עס איז דאָ אַן אַלטער מאַטראָס אויף אונדזער דעק — דזשעקסאָן. ער איז 63 יאָר אַלט. 45 יאָר אויפן ים. ער קאָן ניט אַוועק, ווייל ער וועט שטאַרבן פון הונגער.

די שיפס־געזעלשאַפט, וואָס רייסט פון אונדז די הויט, גיט אירע אָנ־געשטעלטע ניט קיין עלטער־פענסיע, ניט קיין אַנטשעדיקונג, גאָרניט.

דזשעקסאָן האָט אַזוי מאָדנע געלאַכט, ווען איך האָב אים געפרעגט, ווי לאַנג וועט ער נאָך אַרבעטן.

— ביז איך וועל שטאַרבן, ווייל ווען איך זאָל אַוועק מאָרגן, האָב איך איבערמאָרגן ניט וואָס צום עסן.

45 יאָר פאָרט ער אַרום. די גאַנצע וועלט דורכגעפאָרן. די הענט זיינען אים געשוואָלן פון פאָדאַגרע.

ער האָט מיר דערציילט וועגן פאַרזונקענע שיפן, וועגן שטורעמס, וועגן ים־מתים.

ער האָט אַ קליינעם פנים, בלויע אויגן און אַ נאָז ווי אַ פויגל.

פיר שעה אַרבעט ער און צוויי שעה איז ער פריי. דערנאָך ווידער אַר־בעט. ביינאַכט פיר שעה אַרבעט און פיר שעה פריי. ער לעבט פון איין גלאָקן־קלאַנג צום צווייטן.

***

עס איז דער 29טער.
כמעט פופצן טעג אונטערוועגס.
דאָס וועטער האָט זיך געביטן. עס איז קאַלט און ווינטיק.

נאָך פיר טעג מוזן מיר פאָרן ביז קעיפטאַון און איך — נאָך צען טעג ביז דורבאַן.

יעדן אָוונט איז אַן אַנדער „פאַסירונג". קאָסטיום־באַל, קאָנצערט מיט אירלענדישע וויצן פון דעם „קלוגן" גלח, ספּאָרט־אָלימפּיאַדן, קינדער־בע־לער. עס איז נודנע. דער עולם קוועלט אָבער אָן, — די גראָבע, פעטע פּוי־ערים־קולאַקעס און די כיטרע ביזנעסלייט אַמוזירן זיך. אפילו מיט דער פאַסקודנער שפּיז זיינען זיי צופרידן: זיי שיטן פעפער און זאַלץ און גיסן עסיק אויף די אייביקע שעפסן־פלייש מיט די אייביקע פיש און טרינקען די „סטאַוטס" און „דזשינדזשערס" אין דער באַר. נאָר אַזוי קאָן מען פאַרדייען די עקלדיקע עסנס.

*
**

30טן סעפטעמבער.

הוראַ! איך פאָר נישט אין דורבאַן! איך פאָר גאָר ביז קעיפּטאַון! אַזוי לייענט זיך די ראַדיאָגראַמע, וועלכע איך האָב היינט אינדערפרי באַקומען פון יאָהאַנעסבורג פון אַפריקאַנער „געזערד". איך וועל לאַנדן דעם 3טן אָקטאָבער, מיט אַלעמען צוגלייך, אין קעיפּטאַון, און וועל נעמען באַלד דעם צוג, וואָס גייט אַלע מאָנטיק קיין יאָהאַנעסבורג, 1,000 מייל פון קעיפּטאַון. די טעלעגראַמע זאָגט, אַז איך מוז דאָרט זיין דינסטיק נאָכמיטאָג. הייסט דאָס, די ערשטע אַרויסטרעטונג איז דינסטיק.

עס רעדט זיך אויך וועגן אַ קאָמיטע ביי דער שיף.

גוט. איך פריי זיך. אַ פיינע חברה, הייסט דאָס, די אַפריקאַנער „געזערדניקעס". זיי האָבן פאַרשטאַנען, אַז לענגער ווי זיבעצן טעג קאָן מען ניט אויסהאַלטן אויף דער שיף. איך וועל זיי עס קיינמאָל ניט פאַרגעסן. בעסער פאָרן אַנדערהאַלבן מעת־לעת מיטן צוג, איידער נאָך זיבן טעג מיט זייער שעפּסענער שיף.

צו מיטאָג באַקום איך נאָך אַ ראַדיאָגראַם:

„ווילקאָמען אין סאַוט־אַפריקע!" אונטערגעשריבן — די געזערדניצעס פון יאָהאַנעסבורג.

דאָס איז שוין גאָר פיין און רירנדיק. אַזאַ באַגריסונג — 900 מייל פאַר דער יבשה.

היפּ־היפּ־הוראַ, פאַר די געזערדישע חברטעס! איך בין גאָר צופרידן היינט. די גאַנצע שטימונג איז געוואָרן אַנדערש.

האָב איך זיך דערמאָנט אין דער פּאַראַאַריקער ראַדיאָגראַם אויפן פּאַ־סיפיק, געשיקט פון „איקאָר" אין ניו־יאָרק: „וויזאַ וועיטינג: בירא־בי־דזשאַן". עס איז געווען אַ שטורעם אויפן פּאַסיפיק — דער טייפון — און אינמיטן נאַכט, אין איינזאַמקייט, איז געקומען פון ניו־יאָרק, פון דעם קליי־נעם צימערל אויף 799 בראָדוועי, אַ פריילעכע בשורה פון לעאָן טאַלמי.

די ערשטע גרויסע רייזע איבערן פּאַסיפיק, דירעקט קיין ביראָבידזשאַן, וועלכע איז שוין געשען, פאַרענדיקט, אַרומגערעדט און „באַנקעטירט" — אויף „איקאָר"־שמחות און באַנקעטן, און איצט — אין דריי טעג אַרום — די צוקונפט, קעיפּטאַון, יאָהאַנעסבורג — די ערשטע לעקציע פאַר אַ נייעם, אומבאַקאַנטן יידישן עולם!...

אַפריקע! איך באַגריס איך, געוועזענע אויסוואַנדערער פון פּאָדאָליער, קאָוונער און מינסקער גובערניעס, וואָס איר האָט זיך אָפּגערופן אויף דעם מעכטיקן קאָלעקטיוון רוף פון סאָוועטישן אויפבוי־פּראָצעס פון די סאָווע־

טישע יידן און האָט אין דעם ווייטן יאָהאַנעסבורג געגרינדעט אַן אַפריקאַנער קאָמיטעט צו העלפן ביראָבידזשאַן!

***

מ׳האָט אונדז געגעבן די דעקלאַראַציעס פאַר די צאָל־און אימיגראַציע־באַאַמטע. אַלץ גייט נאָרמאַל. נאָר דאָס וועטער איז שטורעמדיק און קאַלט. וואו איז די אַפריקאַנער היץ? וואו זיינען די „טראָפּיקס?" ווי אין שבט — מ׳גייט אין פעלצן, מ׳טאַנצט מיט בלויע פּנימ׳ער. אָבער מ׳האַלט דאָך פאַסאָן.

ווי איז היינט אין ניו־יאָרק? ווי רעדט זיך ביינאַכט אויף די אָפּען־עיר מיטינגען? ווי גייט די וואַל־קאַמפּאַניע?

מ׳פּאַקט זיך. מ׳גיט אָוועק די ביכער. מ׳זאַמלט אונטערשריפטן אויף ליידיקע מעניו־קאַרטלעך — צום אָנדענק. מ׳וואַרפט די לעצטע רינגען אין דעק־ספּאָרט־פּלאַץ.

מאָרגן איז זונטיק. און מאָנטיק פרי איז דער סוף פון ים פאַר מיר.

***

2טער אָקטאָבער.

אַ דריטע ראַדיאָגראַם. דאָס מאָל פון קעיפּטאָונער „געזערד":

„אין נאָמען פון קעיפּטאָונער ,געזערד׳ באַגריסן מיר אייך ביי די ברעגן פון דרום־אַפריקע. מיר זיינען זיכער, אַז אונדזער קאַמפּעין וועט זיין אַ דער־פאָלג. מיר וועלן אייך דערוואַרטן ביי דער שיף".

אַזוי פיל אויפמערקזאַמקייט, אַז איך גיי אַרום שטאָלצער פון די גלחים. ווינטשט אונדז גליק, אַמעריקאַנער חברים, צו דער ביראָבידזשאַנער מאַ־שין־קאַמפּאַניע!

וועלן מיר וואַרטן ביז מאָרגן. ליכט און לאַנד האָט מען אונדז צוגע־זאָגט היינט נאָך האַלבער נאַכט.

פון 6,000 מייל האָבן מיר ביז היינט דורכגעמאַכט 5,802.

***

3טן אָקטאָבער, 10 אַזייגער אינדערפרי.
געלאַנדעט אין אַפריקע.
קעיפּטאַון.
וואונדערבאַרע באַגריסונג. הונדערט יידישע חברים ביי דער שיף.
לעבן זאָל דער אַפריקאַנישער „געזערד"!

אַ קריגס־טאַנץ אין אַפריקע

די „פרויען" דאָ זיינען איבערגעטאָנענע מאַיבעריס (גאָלד־גרעבער), וועלכע די רייכע פאַנטאַזיע האָט אויסגעשטאַט מיט אַלע אַטריבוטן פון דעם פרויען־קאָסטיום. די „פרויען", וואָס זינגען און טאַנצן, פאַרלאָזנדיק די בחורים צום קאַמף, זיינען אויסגעפוצט אין געלע, רויטע און פיאָלעטענע זיידענע יאַקן מיט רויטע פעדערן אויפן קאָפּ, מיט שנירלעך גלעזערנע קרעלן אַרום די לענדן, מיט ווייסע פערל־באַהעפטע בראַסלעטן אַרום די הענט און פיס, מיט קורצע זיידענע אָדער וואָלענע פראַנזלעך אַרום די בייכער, מיט אַ פלאַטילע זיידענע קאָלירטע בילִיקע טיכלעך אויף די גאַרטלען.

דער ערשטער טייל איז פאַרביי. די „פרויען" פון שבט האָבן זיי געגעבן דעם אָנזאָג צום קאַמף. דער פויק באַגלייט דאָס געזאַנג פון די מענער. זיי ענטפערן. הייס, מעכטיק, הילכיק קלינגט זייער ענטפער. פרעמדע, אומגעוויינלעכע קלאַנגען רייסן זיך אַרויס פון הונדערטער העלדזער. אַ פייף פון דעם הויפּט רייסט זיך אַריין אין דעם אַלגעמיינעם שטורעם פון טענער. אַ שילד פאַרדעקט די בריסט פון קעמפער. אין די הענט איז דער שפּיז, דער בויגן מיט דער פייל. אַ בינטל ווייסע אָדער טונקעלע פערדישע האָר סטאַרטשעט אַרויס פון אַ גאַרטל, פון אַ האַנט; מעשענע קייטן איבער נאַקעטע ברוסטן; קרעלן און הערנער פון הירש־באָק אויף די פּלייצעס — אַ גאַנצע וועלט מיט קאָלירן, פּראַכט פון דזשאַנגל און מדבר: אַ וואונטש צו פאַרניכטן די גרויקייט פון „מאַין", דעם שטויב און דעם שמוץ פון דער גאָלדענער „קאַטאַרגע".

דער צווייטער טייל הויבט זיך אָן. עס בושעוועט דער קאַמף. עס דונערט די שלאַכט. דער פויק ווערט אַ ווירבל־ווינט. ער רופט, ער מאָנט, ער באַפעלט — ער לאָזט ניט רוען די הענט, ער לאָזט ניט פאַרגליווערן די פיס, נישט פאַרריגלען דאָס בלוט. די שלאַכט גוואַלדעוועט. די נאַקעטע פעסטע פיס צעווירבלען דעם געלן זאַמד. דער געזאַנג ווערט אַן אַרגיע פון שטימען. הענט, קערפּער און פיס פאַרמישן זיך, ווערן איינס, שלאָגן וועגט אַזורך — ווילן לעבן, זיגן, פאַלן אין זיג

— „אַססאַ — גוטאַ — אַממאַכאַ" — שרייען הונדערטער מיילער.

„דערלאָז ניט צום טויט!"

„פאַרלעש נישט דעם פייער! שעפּ ניט אויס דאָס בלוט!"

דער קאַמף גייט אָן.

די ליידנשאַפט פאַרוואַנדלט זיך אין אויסברוכן פון אַ נאַטור־קראַפט. דאָס זיינען שוין ניט קיין מענטשן, דאָס איז דער עלעמענט אַליין — די טעטיכיע, אורוויקסיקע אָריגינעלע מענטשלעכע קראַפט.

**
*

דער טאַנץ האָט זיך געענדיקט. מענטשן־האַרדעס פליען ווי פיילן. אַלץ אָטעמט מיט נצחון.

אַ טומאַן פון זאַמד איז דאָס לעצטע, וואָס שרייט וועגן זיג. דאָרט ליגן קריגס־אַטריבוטן: קרעלן, טיכלעך, פענדלעך, מעשענע שנאַלן, קנעפּ, פּער־דישע עקן.

אין „מאַין" (גאָלד־גרוב) איז אַוועק אַ צווייטע קומט — די גרעסטע גאָלד־מאַין אין דער וועלט — „קראַון מאַינס".

„פּ ט י ז י ם"

זיבעציק טויזנט מאַ־נעדס, אַלץ יונגט. געקליבענע, פרישע, געזונטע „סחורה". נאָך אַכצן מאָנאַטן אַרבעט גייען זיי צוריק אין קראַאַל — מיט דעם באַציל פון טויט־קראַנקהייט אין די אָמאָליקע שטאַלענע לונגען — מיט „פּטיזיס". דער שטויב זויגט זיך אַריין אין די לופט־רערן פון אָרגאַניזם און זיי ווערן פאַרקאַלכט. די לונגען ווערן פאַרשטיינערט.

ווען די ערשטע מאַינערס זיינען אַוועק צוריק אין קראַאַל — קראַנקע, פאַר׳משפּט׳ע צום טויט — האָבן די פרייע זין פון אַפריקע זיך אָפּגעזאָגט צו גיין אַרבעטן צום „געלן שד". אָבער דער קאָלעקטאָר פון די שטייערן איז געקומען אין דאָרף און קיינער האָט ניט קיין געלט אין זולו־קראַאַל. פון וואַנען זאָל אַן אָרעמאַן מיט אַ קליין שטיקל טרוקענע פאַרגליוערטע ערד, וויט פון די אייראָפּיאישע פאַרמערס מיט זייער איריגאַציע, האָבן געלט? ער האָט דעם „מיליס" פאַר זיך; דאָס איז זיין ברויט. ער האָט אַ ציג אָדער אַ קו — פון דעם לעבט ער.

אָבער דעם שטייער מוז מען צאָלן. גייט דער זון אין דער שאַכטע און נאָך זעקס מאָנאַטן, אַמאָל נאָך צען מאָנאַטן, קומט ער צוריק — אַרבעטן אין פעלד. אָבער די נויט טרייבט צוריק אין שאַכטע. ווען ער פאַלט אַ דערשטיקטער, באַקומט ער ער פערציק פונט אַלס קאָמפּענסאַציע פאַרן רעשט פון זיין לעבן, און גייט שוין אַוועק אויף שטענדיק.

דער ווי־סער, אונטער די זעלביקע אומשטענדן, באַקומט 700 פונט קאָמ־פּענסאַציע. ער איז אָבער ניט קיין פּשוט׳ער מאַינער — ער איז אַן אויפזועער.

ל אַ פּ י נ אַ

זי טראָגט ניט דעם מאָדערנעם פראַנצויזיש־געאַרבעטן פאַרשנירטן גאַרטל פון אַ מאָדע־דאַמע. איר ברוין לייב וויגט זיך פריי און לייכט אין די היפטן. אירע ברוינע שלאַנקע פיס זיינען ניט אָנגעשטרומפּט מיט ויידענע

זאַקן. דורך דער פיינער הויט גיסט זיך דאָס דינע אַפריקאַנישע בלוט פריי און הייס.

מען רופט זי לאַפינאַ. זי איז 17 יאָר אַלט.

גרויסע שוואַרץ־ברוינע אויגן און אַ וואונדער־שיין געשניטן קליין מויל. זי דערלאַנגט דאָס עסן צום טיש מיט לאַנגזאַמע באַוועגונגען, מיט אַ שנעלן קוק אויפן עסער, צי מ'איז צופרידן, אָדער מען וויל נאָך עפּעס פון איר.

ווען מ'רופט זי מיט איר מוזיקאַלישן נאָמען, ענטפערט זי פון העט־וויט: „מיססיס״?

אויף איר יונגן פנים ליגט עפּעס אַן אומעט. און זי איז אַזוי יונג! די ווינקעלעך פון אירע ליפּן זיינען שוין פאַרצויגן עפּעס אין אַ שטומען וויי.

זי מאַכט די בעטן, זי קערט די שטובן פונעם פּאַנסיאָן, און וואַשט וועש.

יעדן טאָג האָט זי אַ פּאַק קינדער־וועש צו וואַשן — פּונקט ווי דאָס איינציקע קינד פון דער ווייסער פרוי וואָלט געביטן דורכן טאָג אַ גאַנץ טוץ העמדלעך.

ווען דער לעצטער גלאָק צום עסן פאַרקלינגט, ווען לאַפינאַ האָט שוין, צוזאַמען מיט אַלפאַ זינאַ, דעם זולו־באָי פון לאָרענסאָ־מאַרקעז, אָפּגעוואַשן די טעלער און גלעזער, געפּוצט די גאָפּל־מעסער, שטייט שוין הויך די לבנה איבער דעם אַפריקאַנישן פינצטערן הויף.

עס שמעקן די אַפריקאַסן, די פלוימען און די מאַרעלן אויף די ביימער אין גאָרטן.

עס טראָגט זיך אַ שווערער, באַרוישנדיקער אָטעם פון דער דרום־נאַכט, מיט די פרעמדע פאַר אונדז בלומען.

אין פינצטערן הויף, ביי די נידעריקע אַפריקאַנער קאָטעדזשעס, מיט ווענט באַשאָטן מיט שאַרפע קליינע שטיינדלעך, שטייען די קליינע חדרים, מיט די בלעך־באַדעקטע דעכער פאַר די „שוואַרצע״, פאַר די מאָדערנע שקלאַפן ביי די ווייסע.

אין אַ קליינעם צימערל מיט אַ שמאָלן פעלד־בעטל און אַ קרוג וואַסער מיט אַ שיסל גייט אַריין לאַפינאַ.

אַ ליכט ברענט אויפן טיש.

זי טראָגט אין האַנט אַ פּעקל איינגעוויקלט אין פּאַפּיר. אַביסל ברויט, אַ שטיקל אָפּגעקאָכטע פיש, און דעם קאַפערשן מאכל, דעם קוואַל פון זאַט־קייט און ווילשטאַנד אין די קאַפערן־דערפער — דעם „מיליס״ (קאָרן).

אין צימערל האָט זי אַ גאַסט: איר אַרבעטלאָזער מאַן איז געקומען נאָך זיין טעגלעכן חלק ברויט.

און דאָ, נאָך אַ טאָג שווערע אַרבעט פאַרן ווייסן באַלעבאָס, נאָך אויס־הערן צענדליקער קאַפּריזן פון געוועזענע ליטווישע קרעמער — היינטיקע

חוצפה׳דיקע באַלעבאַטים און כלי־קודש פון דרום־אַפריקע — נאָך אַ טאָג פאַראַכטונג צו איר ברוינער יונגער שיינקייט און פרייער אַמאַליקער ווילד־קייט, הויבט זיך אָן די שעה פון איר קורצן, פינצטערן גליק, לעבן דעם מיסט־קאַסטן, דעם וואַש־פלאַץ און דעם בידל פון הינט.

ווייל דאָ, צווישן דעם אָפּפאַל פון טאָג, איז איר געלעגער. און דער אַרבעטלאָזער מאַן, אַ בחור פון אַ יאָר 18, — אויך אַ געוועזענער דינער ביי ווייסע, — עסט מיט זשעדנעקייט דעם איינציקן מאָלצייט פון טאָג, וואָס זי שפּאָרט אָפּ דורך אָפּנאַרן איר אייגענעם מאָגן, דורך אָפּראַמען די רעשטלעך פון די פרעמדע טעלער.

דער קאַפער עסט. דורכן קליינעם פענצטערל זעט מען דעם באַרג קוילן, פון וועלכן לאַפּינאַ שפּייזט דעם אויוון אין קיך. מען זעט אויך דאָס עלעק־טרישע ליכט, וואָס שטראַלט פון אַ נאָענטער וועראַנדע, וואו די געוועזענע קרעמער פון ווילקאָמיר שפּילן אין קאָרטן.

מען זעט די מענטשן פון אַפריקאַנער קראַאַל — די פרייע, אַמאַליקע יעגער אויף לייבן און טיגערס, וואָס קומען, גנב׳נענדיק זיך, צו זייערע פרויען, צו ענדיקן די פאַר ביסן מאָלצייט, וואָס מען טראָגט אַרויס אונטערן פאַרטוך פון באַלעבאָס׳ הויז.

וויט איז דער קראַאַל; וויט איז דער טייך, וואָס באַוואַסערט דעם מי־ליס־פעלד.

וויט איז דער היימישער פייער, ביי וועלכן דער גאַנצער שבט האָט געגעסן.

נאָר די ווייסע, טראָפּישע לבנה איז נאָענט און היימיש ווי אין אַלטן קראַאַל, אָט־דאָ, אויף דעם פינצטערן הויף, ביי דעם הונטס ביידל...

„מאַרין־דראַיוו״

די שענסטע שטאָט ביי אַ ים: קעיפּטאָון.
די אַלטע „קאַפּשטאָט״.

אַ באַרג — הויך און גרין. ווי אַ שוץ וואַקסט ער אויס צווישן כוואַליעס אָן גרענעצן. מיט אַ פלאַטשיקן דאַך, רופט מען אים „טעיבל מאַונטעין״. און אַרום און אַרום — וועגן.

וועגן צו שטעטלעך.

ביים ים ברעג.

מיט שניי־ווייסע זאַמדן, מיט אַ ברייטן פאַס — צו ליגן און גיין.

דער ווינט צעטראָגט דעם זאַמד הויך אויף די פעלזן. זעען זיי אויס ווי שניי אינמיטן זומער — און דערוועקן אַ שמייכל פון גליק — אַזוי שיין און אומוואָר איז דאָס ווייסע בילד.

אין אַ טאָל, מיט הויכע, גרינע בערג פון אַלע זייטן, פאָרט מען אויף שוואַרצע, גלאַטע וועגן. פון דער לינקער זייט גלאַנצט דער ים, רואיק, בלוי, גרוי, אַמאָל שוואַרץ.

אין אַ געוויסן פונקט, ווייט הינטער קעיפּטאַון, שטייט אויף אַ הויכן פונקט אַ לייכט־טורעם. ביינאַכט וואַרפט ער פון זיין קאַלטער איינזאַמקייט לאַנגע סנאָפּעס עלעקטריש ליכט. די שטאָט ליגט צופוסנס פון דעם לייכט־טורעם און זעט אויס ווי אַ גוואַלדיקער קאַנדעליאַבר מיט טויזנטער אָנגעצונדענע ליכטער.

עס ציטערט, עס פינקלט דער ים פון העלקייט און פייער.

און ביי טאָג איז אַלעמאָל זון.

דער רייכער אַפריקאַנישער זומער.

גרויסע בלעטער פון דער „אַגאַוואַ" — רויטע און בלויע בלומען; די „דזשאַקאַראַנדאַ" — די פרעמדלענדישע שמעקעדיקע פּלאַרע.

און דער וואונדער פון קעיפּטאַון: דער „טשאַפּמאַנס פּיק" — דער גאָלדיקער וועג, אויסגעהאַקט אין די פעלזיקע בערג.

שטיין ביי שטיין, יאָרן ביי יאָרן האָבן מענטשן, זיצנדיק און שטייענדיק אין דער הייסער אַפריקאַנישער זון, געגומען ביי דער ווילדער נאַטור, אין האַמער־שלאָג נאָך אַ צווייטן, און געבויט, צעמענטירט און פּאָלירט אַ מאָטאָר־וועג.

פאַר די, וואָס האָבן אויטאָמאָבילן.

פאַר די, וואָס זייגען פריי, וואָס קאָנען שלאָפן אָן אַ פּאָליציאַנט צוקאָפּנס, קאָנען גיין און פאָרן וואו זיי ווילן.

דעם וועג האָבן געבויט אַרעסטאַנטן. עלף יאָר צייט.

לאַנגע עלף יאָר פון שטיינברעכן, אונטער אַ ברוטאַלער זון, מיט שטויב אין די לונגען, מיט שלאָף הינטער גראַטעס, מיליאָנען שעה'ן אויסגעמעקט פון פרייהייט.

שפּאַלטן שטיינער אין קעיפּטאַונער פעלזן — אַכט הונדערט פוס איבערן אָפּגרונט, איבערן בלויען פונקט פון צוויי אָקעאַנען: דעם אַטלאַנטישן און דעם אינדישן, —

דאָרט, וואו אַזיע קומט צו אַפריקע זיך קלאָגן איבער דער הערשאַפט פון בייטש איבער שוואַרצע רוקנס;

דאָרט, וואו אינדיעס אוצרות קייקלען זיך אין די טיפענישן פון ענגלישע שיפן, און ווערן אויסגעביטן אויף גאָלדענע פונטן פון דרום־אַפריקאַנער באַנקן;

דאָרט, וואו בלויע כוואַליעס קוקן אויף שוואַרצע אַרעסטאַנטן, אָנגעטאָן

אין רויטע זאַקן, כּדי זיי זאָלן ניט קאָנען אַנטלויפֿן, זיי זאָלן זיך וואַרפֿן אין די אויגן מיט דעם שאַנד־פֿלעק פֿון אַ „קאָנוויקט“.

אַ סערפּענטינען־וועג. גלאַט און בויגעוודיק ווי אַ שלאַנג. און לאַנג ווי דעם אַרעסטאַנטס צייט.

ווען מ׳פֿאָרט אויף דעם וועג, ווילט זיך אַרויס פֿון מאַשין, וויל מען פֿאָרט איבער צעלעכערטע לונגען, איבער צעשלאָגענע רוקנס, איבער גע־צונדענע אויגן פֿון די, וואָס האָבן מיליאָנען שעה׳ן, עלף לאַנגע תּפֿיסה־יאָרן, געבויט דעם „מאַרין־דראַיוו“.

דער „קאַרו“

דער מדבר.

ער ציט זיך הונדערטער מײַלן צווישן יאָהאַנעסבורג און קעיפּטאַון.

ער איז דער סימבאָל פֿון אַפֿריקע. הייס. ווייט. טרוקן. נאַקעט.

האַרטער באָדן, מיט פּלוצלינגדיקע קוואַדראַטנע בערגלעך, ווי פּיראַמי־דן מיט אָפּגעהאַקטע קעפּ. אָן פֿויגל. אָן ביימער.

טרוקענע גראָזן, מיליאַרדן שטיינער, און אַ גוואַלטיק הויכער בלויער הימל איבער זיך, ווי אַ ריזיקער מת, צוגעדעקט מיט אַ בלויער קאָלדרע.

דורכן טאָג פֿאָרט דער צוג. טויזנט מײַל מוז ער מאַכן צווישן איין ישוב און דעם צווייטן.

און אינמיטן ליגט אַפֿריקע.

דאָס אמת׳ע, נישט באַבויטע, דאָס רויע און שרעקלעכע, מיט פּלוצלינג־דיקע קליינע, גרינע גראָזן, מיט האַלב־פֿאַרטריקנט סטאַרטשענדיק טײַכל, מיט דעם מעלאַנכאָלישן קוואַקען פֿון טויזנטער צערודערטע זשאַבעס, וואָס פֿײַערן די הייסע דעצעמבער־נאַכט מיט אַ יובל פֿון נישט־געשטערטער נאַטור.

מיט אַ פּלוצימוזיקן פֿורפֿורנעם פֿליך אין טויטער גרויקייט, פֿון פֿלאַ־מיקע בלומען — קאַקטעען און בליטן פֿון קראַקוס.

און ביים סוף טאָג, ווען מ׳קאָן קוים אָטעמען פֿון היץ און שטויב, קומט פּלוצלונג אַ זעלטענע רו איבער אײַך — דאָ שפּילט זיך אָפּ דער לעצטער אַקט פֿון טעגלעכן שוישפּיל אין אַפֿריקעס מדבר: דער בלוטיקער זונען־אונטערגאַנג.

דער אָפּשייד פֿון ליכט, קראַפֿט און היץ — און דער טריאומפֿירנדיקער אָנזאָג, אַז מאָרגן קומט זי ווידער!

און עס צעשמעלצט די זון, און טויזנטער פֿלאַמען שמײַכלען אין מי־ליאָנען פֿונקען־שטויב אויף די גראָזער, שטיינער און אויף דער רויטער, מעטאַלענער ערד — דעם אָנזאָג פֿון גאָלד. און זי צעטראָגט דעם גלוטיקן

אנזאג אין די ווייטסטע הזשאנגל־פלעצער, און יעדע קרעאטור גייט ארויס פון שאטן צום לעצטן מאל אין פאס פון ליכט.

צווישן קליינע פארלוירענע סטאנציעס, מיט צווי הייזלעך און צענדליקער שווארצע מענטשן־ליבער, צווישן דער מעלאנכאליע פון א טעלעפאן־אפאראט — זיבן טויזנט מייל פון זיין לאנדאנער אדרעס — הערט זיך א זיפץ: „קארו“.

דער מדבר.

אויף קליינע קאפערן־קינדער, וואס לויפן צו די וואגאן־פענצטער פון „ווייסן“ צוג, ליגט דער שטעמפל פון ווייסטעניש: „קארו“...

און מיט דעם לעצטן בלוטיקן שטריך, וואס פארזינקט הינטער די אפגעהאקטע בערג, הויבט זיך אן א פארכישופטער פראצעס פון אויפגעוואכטער נאטור. מיט א זיסן געסוויסשטשער טראגט זיך אריין אין וואגאן־פענצטער א ליד פון מדבר־פויגל, וואס איז אין דער פרי ניט געווען.

מיט א שארפן שארך בויגט זיך אין פענצטער אריין א צווייג פון קיפאריס, און וועקט א בענקשאפט נאך ווייטע אוקראאינישע סטעפעס מיט אן איינזאמער סאכנע אויף א קורגאן.

מיט א פלוצימדיקייט פון א חלום דערשמעקט איך דעם ברענענדיקן ריח פון א האלץ־פייער אין א קאלווירט.

א מאמענט — און איר זייט אויפגעוואכט; בליענדע מאראנצן־גערטנער, וויין־בערג און סטאדעס שטארקע פערד אויף זאפטיקע לאנקעס, שפראצנדיק לעבן אויף באוואסערטער ערד.

דער „קארו“ האט זיך געענדיקט. דער מענטש הערשט דא. וואסער טוט אויף וואונדער.

און נאך ווייטער — אמת׳ע וועלדער, אלטע גרינע.

א פרייד און אן אומעט באפאלט איך. שוין ווידער שטאט — אוועק אפריקע...

דער אפריקאנישער „ראנדאוועל“

נישט אומזיסט זינגט דער געבירטיקער פון דרום־אפריקע אין זיין ליד „מאיא בויא“: „גיב אוועק צוריק מיין לאנד אפריקע!“ דאס לאנד איז שיין, פארכאפנדיק, קאלירפול. עס איז רואיק, מיט יענער שטילקייט, וואס אין איר שפירט זיך דאס וואקסן אין דער נאטור.

קייטן פון בערג. דער הויכער מאיעסטעטישער דראכנבערג, מיט פורפורנע זון־בעדער אויסגעגאסן. אויף זיינע שפיצן, אין אונטן, מיט שורות לאנגזאמע, ברוין־שווארצע אקסן, וואס ציען זיך צופוסנס פון די בערג־וועגט ביז צו די ליכטיקע, גרינע, נידעריקע בערגלעך מיט פרוכט־גערטנער

און ווייַנגערטנער מיט קאָרנפעלדער, מיט דעם הויפּט־דערנערונג־פּראָדוקט פון דער שוואַרצער באַפעלקערונג — דעם „מיליס" --- די קוקורוזע. עס שטייען איינזאַמע פאַרמס פון האָלענדישע פּויערים, וואָס באַאַרבעטן דעם שווערן טרוקענעם טראַנסוואַלער באָדן מיט דער שטענדיקער טיפער זאָרג וועגן רעגן, וועגן אַביסל וואַסער, וואָס דאָס איז די שווערסטע פּראָבלעם פון דער דרום־אַפריקאַנישער לאַנדווירטשאַפט.

די רעגירונג בויט באַוואַסערונג־איינריכטונגען אומעטום, וואו עס איז נאָר פאַראַן אַ קליין טייכל, וואָס פּילט זיך אָן מיט וואַסער אין די רעגנדיקע טעג. די שליוזן ווערן דאַן געעפנט, און דער פאַרמער צאָלט פאַר דעם ביסל באַוואַסערונג, וואָס זיינע טאָמאַטן־פעלדער אָדער קאַרטאָפל־פלאַנטאַציעס באַקומען.

אַ פאַרמער, ביי וועמעס באָדן עס פליסט דורך אַ טייכל, איז גליקלעך, ווייל ער קאָן פאַרקויפן דער מוניציפּאַליטעט וואַסער, וועלכע ווערט ווייטער פאַרקויפט די שכנ'ישע פאַרמערס.

די ווייסע הערשער

אָן אויסוואַנדערער פון הינטער ראָטערדאַם אָדער האַאַג, פון די „גראַבטן" אָדער קאַנאַלן פון אַמסטערדאַם, איז אַהער געקומען. נויט, עלנט אָדער רע־ליגיעזע פאַרפאָלגונגען האָבן אים געבראַכט אין „אָראַנדזש פריי־שטאַאַט" אָדער אין טראַנסוואַל. ער איז אַוועק טיף אין לאַנד אַריין זוכן די מער־פּרוכטבאַרע ראַיאָנען וואו עס מורמלט נאָך אַ וואַסער, וואו עס שטייען קעד־רען, יוקאַליפּטן און פּיניען, וואו דער באָדן איז רויט־ברוין, אָבער פייכטער און לייכטער.

ער איז צוגעקומען צום „קראַאַל", צום דערפל פון געבירטיקן זולו, אָדער קאַפער, אָדער סאַמאַל־נעגער, די צאָלרייכע שטאַמען און שבטים פון איין גרויסן פאָלק, דעם „באַנטו", דעם געבירטיקן נעגערשן פאָלק. ער האָט איינגעהאַנדלט ביים בעגער זיינע אָקסן, זיין לאַנד, זיינע קי, שאָף און ציגן פאַר אַ שאַרפן מעסער, פאַר אַ ביקס, פאַר טאַבאַק, אַ ליולקע, אַ זייגער. צולעצט האָט ער איינגעהאַנדלט זיין אַרבעטס־קראַפט. דעם נעגער אַליין און האָט אים ביטגענומען, אַ ווערטלאָז, אַ באַאיון, אַ שוואַכן, צו זיך אין פאַרם. זיין אייראָפּייאישע „ווייסע" טעכניק האָט ער אַריינגעלייגט אין דער שטיק נייע ערד. די אַרבעט־קראַפט איז געבליבן די לאַטע, די פּרימיטיווע, די אַפריקאַנישע — דער שוואַרצער מאַן, די שוואַרצע פרוי.

די פרוי האָט איינגעשלעפּערט מיט גרויזאַם פרעמדע ווייסע קינדער, מיט דעם כישוף פון גאָלדענע האָר, מיט דער רעטעניש פון בלויע אַמסטערדאַמער

אויגן, מיט פײַנע װײַסע הענטעלעך. א״ר קינד איז געבליבן אין קראַאַל, אויף דער לײמיקער ערד פון קאַפערשן „ראָנדאַוועל“.

דעם האָלענדישן פאַרמער האָט זיך פאַליובעט דער אַפריקאַנער ראָנ־דאַוועל, און ער האָט אויסגעבויט בײַ זיך אַזוינע גרויסע הײַזלעך, מיט גע־פלאָכטענע שטרויענע אָדער רערענע דעכער, זײַ אויסגעקאַלכט אינעווייניק און אויסנווייניק, געמאַכט אַ פאַדלאָגע פון דעם היגן רויטן גראַניט־שטיין און זיך געקוויקט אין די הייסע אַפריקאַנער טעג אין דעם קילן מחיה־דיקן הײַזל.

פאַר זײַן שוואַרצן באַדינער האָט ער אָבער ווײַט פון זיך — אין הויף — אויפגעשטעלט בלעכענע קאָנורעס, מיט אַ דאַך און ווענט פון גאַלוואַני־זירטע בלעך, וואו מען גייט אויס פון היץ בײַטאָג און בײַנאַכט.

ווי אַ הייסער פלעק אויף דער אַפריקאַנער לאַנדשאַפט ציען זיך אַפט אַט־די בלעכענע פאַרזשאַווערטע קאָנורעס איבער די רעלסן און טראַקטן פון דער „ציוויליזירטער“ אַפריקע.

ווען דער שוואַרצער פאַרלאָזט זײַן קאַאַל, ווײַל ער קאָן ניט באַצאָלן דעם אַרויפגעלייגטן רעגירונגס־אָפּצאָל, און גייט אַרבעטן, געזעגנט ער זיך מיט זײַער ווײַטקייט פון זײַנע וועלדער און פעלדער, מיט דער פרײַהייט פון זײַן פיקע, זײַן בויגן און זײַן פײַל — אַלס פרײַער נעגער.

אָבער אויך מיט זײַן היימישן קילן „ראָנדאַוועל“ געזעגנט ער זיך. ער באַקומט די בלעכענע בודע, ער אָטעמט אײַן דעם רויך און די גאַזן פון דער שאַכטע, דעם שטויב פון דעם צעמאָלענעם פעלזיקן „סטראַטאַ“, וואו עס ליגט אַ קערנדל גאָלד, און טײַלט ניט די פרייד פון די גאָלד־מאַגנאַטן, ווען פון אַ טאָן צעמאָלטן פעלז נעמט ער אַרויס אײַן אונץ גאָלד.

ער אָטעמט אײַן דעם ביטערן פעטן ריח פון דער סאַזשע און קוילן אין די באַנען, אין וואַרשטאַטן און זעט, ווי זײַנע קליינע קינדער לויפן אַרום נאַקעט אַ צוג מיט ווײַסע מענטשן, וואָס וואַרפן אַמאָל אַרויס פון פענצטער אַ שטיקל ברויט אָדער אַ באַנאַנע.

אָ ר ע מ ק י י ט !

ווען מען זעט די מורא׳דיקע אָרעמקייט און דעם עלנט פון לאַנדלאָזע כינעזער, ווען מען זעט די ביטערע נויט פון די מאַנדזשורישע פויערים נאָך אַ פאַרפלייצונג, וואָלט מען געקאָנט מיינען, אַז דאָס איז דאָס שרעקלעכסטע און אַז מער עלנט און נויט קאָן מען שוין אויף דער „שיינער“ וועלט נישט געפינען. אָבער מען מוז קומען אין דרום־אַפריקע, וואו קיין סטאַטיסטיק פון דער אַרבעטלאָזער היימישער באַפעלקערונג ווערט ניט געפירט, בלויז

פון דער יוייסער; מ׳דאַרף אויפמערקזאַם זוכן אין דער היגער בורזשואַזער פּרעסע און מען וועט אין יעדער קאָפּיע, יעדן טאָג געפינען אַ קורצע זאַכ־לעכע באַמערקונג, אומגעפער אַזוי:

„אין שטאָט ביטס, לעבן פּרעטאָריאַ, האָט מען געפונען הענגענדיק אויף אַ ווערבע דער קערפּער פון אַ ‚נעיטיוו׳. אין זיינע קעשענעס האָט מען געפונען אַ קוויטירונג אויף אָפּגעצאָלטע טעקסעס פאַר 5 שילינג. לעבן בוים איז געלעגן זיין קאָלדרע, אין וועלכער עס זיינען איינגעפּאַקט געווען זיינע מאַנאַטקעס.. נאָכן פאַלמעסן זיין קערפּער האָט מען פעסטגעשטעלט, אַז קיין איינציקער ביסן שפּייז האָט זיך ניט געפונען אין זיין אָרגאַניזם פאַר די לעצטע טעג״.

פינצטער איז אין דעם קילעכדיקן פון ליים־און שטרוי־געבויטן קאָפּער־היזל. ס׳איז אַזוי קילעכדיק און גלאַט, אַז אָפּט קוקט עס אויס, ווי אַ געני־טער מאַטעמאַטיקער וואָלט עס אויסגעבויט. קיין פענצטער זיינען דאָרט ניטאָ. איין עפענונג איבמיטן דינט אַלס טיר און פענצטער צוגלייך.

די זולו־מענער גייען אָנגעטאָן אין קאָלדרעס פון אַ באַשטימטן קאָליר און מוסטער. דאָס איז זייער קלייד. אַזוי גייען זיי איבער די גאַסן פון דער פרעמדער שטאָט. זייערע פרויען פלעגן דאָס וועבן פוי דער יואָל פון די שאָף. דער ווייסער מאַן האָט אָפּגעקויפט די שאָף און מאַכט די קאָלדרע אין זיינע פאַבריקן. ער שיקט דעם זולו אין דער שאַכטע אַראָפּ און פאַר־קויפט אים די קאָלדרע צום פרייז פון זיין וואָכן־לוין.

— — — — — — — — — — — — — — — —

ווייט איז דער ראַנדאַוועל. ווייט זיינען די אַמאָליקע פרייע קראַאַלן פון בעטשיאַנאַ לאַנד. ווייט די סטאַדעס באַפאַלאָס און הירשן, וואָס פלעגן זיין דער פרייער ביסן פון דעם אַפריקאַנער בושמאַן. רעשטלעך פון דער רייכער באַנטו־קולטור געפינט מען אין די וועלדער און קוריאָזיטעטן־געש־שעפטן פון פרעטאָריע און יאָהאַנעסבורג. געשניצטע הילצערנע פיגורקעס העלפאַנטביין, סוּאַווענירן, מיט קרעלן־אויסגענייטע גאַרטלען, קאָלדרעס פון פעל פון אַ לעאָפּאַרד אָדער אַ שאַקאַל, אָדער טיגער, הערנער פון אַ דיי־נאָסעראָס אָדער אַ הירש. און פאַרשטייט זיך, מען געפינט דעם ראַנדאַוועל...

אַ פאַראָרעמטער פאַרמער, וואָס ליידט פון דער מוראַדיקער טריקעניש היי־יאָר, האָט פאַרוואַנדלט זיין פאַרם אין אַ פּיקניק־פּלאַץ. דריי ראַנדאַוועלס ווערן פאַרוואַנדלט אין אַ טיי־גאָרטן, מיט דזשעז־מוזיק און טאַנץ. אויטאָ־מאָבילן קומען מיט מלוכה־אָנגעשטעלטע, וואָס זיינען נאָך ניט געקירצט אין זייערע געהאַלטן, אויסגעפּוצטע בחורים און מיידלעך קומען טאַנצן און רוען נאָכן טאַנץ אין דעם קילן ראַנדאַוועל.

די פּראַכטפולע נאַטור

דורך די קליינע פענצטער קוקט אַריין די אַפריקאַנער וואונדערבאַרע מילדע לאַנדשאַפט. אַ זעלטענע דורכזיכטיקע ליכט, ווי אויף די הייכע לאַנקעס פון דער שווייץ, איז אין דרויסן. קליינע ווייסע רויט־באַדעכטע הייזער, צווישן דעם טיפן גרין פון אָלעאַנדער־ביימער, פלאַמבאָיאַנטס, קי־פּאַריסן און מאָדנע גראָבע טראַנסוואַלער סאָסנעס מיט דעם ווירציקן אייראָפּייאישן וואַלד־גערוך, מיט דעם ריח פון רוסישן דאָרף. . פּאַרשטויבטע, אייביק־דורשטיקע שטעכיקע קאַקטוסן מיט טיף־בלויע בלומען אַרום זיי. ביימער, מיט ליכטיקע רויטע, אָדער מאַראַנצענע בליטן, שיסן פּלוצלונג אַרויס פון הינטער אַ הויז. שווער־באַהאַנגענע וועראַנדעס מיט אַ גערטנל פון ליידנשאַפטלעך־אויסגעפּוצטע אָרכידעען, קראָקוס און אַזאַלעען לייכטן ווי אַ פאַרכישופטע דעקאָראַציע הינטער האַלב־צעפאַלענע שטיינער, מויערן פון אַן אָפּגעלאָזענעם הויף.

אויף די הייסע שטיינער שלאָפט אַ פּורפּורענע יאַשטשערקע. אויף די ווייַנבלעטער קריכט אַ גרינער קאַמעלעאָן. צים בוים, צוגעבונדן אויף אַ לאַנגער קייט, שפּרינגען אַריין גרויע קליינע מאַלפּעס און צעקנאַקן אַ נוס. אין דער זון וואַרעמט זיך אַ פאַרשטויבטער שוואַרצער הונט מיט אַ מאָדנער קוואַדראַטנער מאָרדע: אַ זון אפשר פון אַ וואַלד־הונט און אַ היענע.

„באָס" און „מאַסטער"

ביים טיש פון דער קיך שטייט אַ יונגע זולו־פרוי און פּרעסט די וועש. צו איר רוקן איז צוגעבונדן דאָס קינד. די מוטער פּרעסט די וועש פון די ווייסע באַלעבאַטים און דאָס קינד הענגט אַראָפּ שעה'ן־לאַנג פון דער פלאַכטע אַראָפּ, ביז עס שלאָפט איין.

דער קוכער מיט מעטאַלענע בראַסלעטן אויף די קנעכלעך פון די פיס שלאָגט די סמעטענע אין אַ בלעכענעם עמער און שווערע טראָפּנס שווייס לייכטן אויף זיין ברוינעם שטערן מיט די געקרייזלטע, שטייפע, פאַרשטויבטע האָר.

איבערן הויף, מיט דעם קאָרקעגעם העלמעט אויפן קאָפּ, גייט דער ווייסער באַלעבאָס. די הינט שטייען אויף פון יושר וועגן און טוען אַ מאַך מיטן ווידל. דער קוכער קלאַפּט שטילער מיט דעם פוטער־שטאָק. די זולו־מוטער לאָזט אַראָפּ די אויגן אויף דער אַרבעט.

„באָס".

דאָס איז דאָס וואָרט, וואָס מ'לערנט זיי פריער פאַר אַלץ.

און דאָס צוויי־יאָריק ייִנגעלע פון באָס איז דער „מאַסטער".

פון הינטער די בערג זעט מען די לעצטע געל־רויטע זונען־ליכטער. אַ שטיקל ווינטל קומט איבער די פּליצעס. אין די גראָזן הויבט זיך אָן אַ משונהדיקער געקוויטש פון די גראָז־שפּרינגערס, פון יונגע זשאַבעס ביים וואַסערל און דאָס פאַרשלאָפענע געפּיפּס פון אַ פויגל.

עס ווערט פינצטער. און נאָר דער ראַנדאַוועל לייכט זיך נאָך לאַנג ווי אַ ווייסער קילער לייזונט דורך דער אַפריקאַנער קורצער נאַכט.

אויפן ים — צווישן אַפריקע און איראָפּע

דאָס לעבן אויף דער שיף „וואָרוויק קעסל" איז אין די הויפּט־שטריכן פון טאָג, אַזוי ווי דאָס לעבן אויף יעדער שיף.

דער ים האָט זיין שטענדיקן כישוף, ווי אַלע אומענדלעך־גרויסע זאַכן. דאָ אָטעמט מען אויס די זאָרג־מיקראָבן פון דער יבשה. מ׳דאַרף זיבעצן טעג נישט טראַכטן וועגן געלט, גרענעץ־פּעסער, וויזעס.

מ׳קאָן לאָזן דעם כישוף ווירקן אויף זיך און אָפּגעבן זיך צו דעם פאַנטאַסטישן לעבן. נאָר דאָ טראַכט זיך אויך בעסער. מ׳דערמאָנט זיך שאַרפער אין יעדער זאַך, און עס קאָסט גאָרנישט, קיין אָנשטרענגונג. בילדער קומען פון זיך אַליין: — — — וואָס טוען איצט די פריינט, וואָס וויסן ניט, אַז „וואָרוויק קעסל" פאָרט אַרויס, און אַז גאָר אינגיכן וועט מען זיך זען?

און אַז זען — קאָנצענטרירן זיך אין אַ פאָקוס אַלע צוזאַמענגאַס־פּונקטן פון דער בענקשאַפט, פון דעם וואונטש.

דער ערשטער געפיל איז: זייענדיק אין קיעוו, אַריינצוגיין צו מיינע פריינט, וואָס זיינען געפאָרן מיט מיר אויף דער „איראָפּאַ", אין סעפּטעמבער: די אוקראַינער פאַמיליע פון אַהיא, וואָס איז געפאָרן צום פאָטער אין קיעוו; דעם מעכאַניק פון „סאָיוז וויערד". ווי האָבן זיי זיך צוגעפּאַסט צו דעם נייעם לעבן, צו די נייע באַדינגונגען אין סאָוועטן־פאַרבאַנד?

און דאַן די גרויסע, שטילע פרייד, וואָס איז פאַרבונדן מיטן פאָרן אין ווייטן מזרח, אין דעם פאַרענדערטן — נאָך אַ יאָר מיט דריי מאָנאַטן — ביראָבידזשאַן.

אפשר וועט דאָרט שוין זיין די דרום־אַפריקאַנער גרופּע. אַזוי האָבן מיר זיך געזעגנט — מיר מוזן זיך זען אין ביראָבידזשאַן. סאַנדלער מוז דאָרט בויען אַ הויז, ווי ער האָט עס אויסגעבויט פאַר חיים־בערס פאַמיליע אין סטאַראָ־קאָנסטאַנטין, איידער די פאַמיליע איז אַוועק קיין ביראָבידזשאַן, מיט זיעם זון העם רויט־אַרמייער, און דער טאָכטער דער שלאָגלערקע אכתר׳ל.

אויך מוז ער, סאַנדלער, אַוודאי מאַכן פאַר דער מעבל־פאַבריק אין ביראָבידזשאַן זיינע וואונדערבאַרע מעבל, מיט דעם איינגעלייגטן ניס־האָלץ, וואָס זעט אויס ווי אַלטע איטאַליעניש מאַלעריי אין די גאַלערייען פון וועגעציע.

און פלינקער מוז ער אַריינזעצן צוויי הונדערט שויבן אַ טאָג, ווי אין קעיפטאַון, ווען עס איז געווען אַרבעט יעדן טאָג.

און פרידמאַן, אַלעקסאַנדער און דזשעיקאָבס און קלאַמפּיס מוזן ווייזן אין „ביראָפעלד", ווי מ'טרייבט שווערע טראַקס מיט פּראָדוקטן פאַרן קאָל־ווירט, אָדער ווי מ'פאָרט אַרויס באַגינען אויף די סטאַלינפעלדער ווירט־שאַפטן, אויפן דאַמפנדיקן טראַקטאָר.

און שלאָס מיט זיין פרוי דאַרפן אַוודאי פאָרן, ווייל אויב זיי וועלן ניט פאָרן, וועט האָך אין ביראָבידזשאַן ניט זיין וואו זיך צונויפצוקלייבן, וואו צו האָבן אַ באַראַטונג, וואו צו טרינקען אַ גלעזל טיי און פאַרריכטן אַלע געשעפטן — די גאַנצע אָרגאַניזירטע אַרבעטער פון דער אונטערנעמונג, דער וואַרשטאַט פון קעיפטאַון.

יאָ, די מענטשן פון דער גרופּע זיינען פון דעם „געזערדס" טייערסטע קינדער...

מ'לאָזט די געשעענישן דורכגיין ווי אין אַ קאַלעידאָסקאָפּ. אַלץ ווערט שאַרפער אין זכרון, קלאָנגפולער, הילכיקער.

ווייטע בילדער קומען אַרויף אויפן געדאַנק.

אַ קליין שטעטל אויפן גרענעץ צווישן נאַטאַל און טראַנסוואַל, אין אַפריקע. „פאָלקסרעפט", הייסט דאָס שטעטל. אַ שטעטל צווישן פאַרמער, בורן און אייריש, אַ שטעטל מיט זיבעציק משפחות — ליטווישע און פּוי־לישע אידן, מיט אַ בית־מדרש, אַ רבי, וואָס איז צו דער זעלביקער צייט אַ שוחט, וואָס זאַמלט אָן געלט און קויפט אין פּאַלעסטינע אַ פּרדס, און פאַרקויפט עס דערנאָך פאַר אַ פּרייז, קעגן וועלכן עס וואָרנט דער ציוניס־טישער פירער אוסישקין...

און פּלוצלינג צווישן זיי — אַ גרופּקעלע פון אַ פיר־פינף מענטשן, וואָס ציען זיך צו דער זון.

אַנדערש קאָן מען עס נישט אָנרופן.

זיי ציען זיך פּשוט צום ליכט.

און דווקא ניט קיין גרינע, און — אָנגעזעענע אין שטאָט.

נאָר פון אַן אַנדער מין, פון דער אַמאָליקער רוסלאַנד געקומענע.

רוסלאַנד — מיינט: ליטע, לאַטוויע, פּוילן.

דאָס איצטיקע רוסלאַנד הייסט דאָ די „באָלשעוויקעס". אַ לאַנד, אַ טעריטאָריע איז ניטאָ. אַזאַ זאַך איז פרעמד.

באָלשעוויקעס — דאָס מיינט דאָס „ערגסטע“. הונגער, נישט קיין מצות, נישט קיין מלמד, נישט קיין פּרנסה.

וואו געפינט זיך עס?

ווער ווייסט? לעבן שאַוועל, קאָוונע, אָדער פון דער אַנדערער זייט. דאָרט, פון וואַנען מ'קאָן ניט אַנטלויפן...

פּאָלקסרעכט איז אפשר דער בליץ־פּונקט, ווייל צו דער לעקציע פון חבר האַרצפעלד האָבן שוין די מענטשן, וואָס האָבן נעכטן נישט געוואוסט, וואָס עס איז ביראָבידזשאַן אָדער דער „געזערד“, געשטעלט פראַגן די קעגנער...

ווי דורך אַ פענצטער־שפּאַלט קוקט מען אַריין אין לעבן.

עס אַנטפּלעקן זיך מענטשלעכע שוואַכקייטן, מענטשלעכע קראַפט, יסורים, קאַמפן, וואַקלענישן.

דער איינצעלנער איז אַלע מאָל ווי אַ רעטעניש. מען בלאָנדזשעט אפילו אין אַ שמועס מיט אים, מיט דעם פּשוט'סטן. דעם קאָלעקטיוו־מענטש איז שוין לייכטער צו באַהאַנדלען. עס איז לייכטער צו טרעפן דעם וועג צו זיין טיפעניש.

איך מוז אַלע מאָל טראַכטן וועגן אַ בילד, וואָס איך האָב געזען און איבערגעלעבט אין טירפּאַנטיין, אַ פאָרשטאָט פון יאָהאַנעסבורג. די אידן מאַכן דאָרט אַ לעבן איינער פון צווייטן, ווייל וויפל אידן אַזוי פיל קלייטלעך, ווי אין איהומען, מינסקער גובערניע, פאַר דער מלחמה. נישט מער — עס איז אַ הייסער קלימאַט, איז פאַרקויפט מען ניט קיין „קיפּיאַטאָק“ (הייסע וואַסער).

עס איז געווען אין דעצעמבער. די לעקציע איז געווען אין בית־מדרש. אונטן זיינען געשטאַנען אידן אין היטלען און יאַרמולקעס. עטלעכע יונגע לייט אין קאַפּעלושן. אויבן — אַביסל ווייבער און מיידלעך.

אַלטע ליטווישע יידן האָבן אַריינגעקוקט אין מויל ביים ריידן וועגן קוסטאַרן און יידישע מעכאַניזירטע פאַבריקן אין מינסק. אַלטע, גאָר גרויסע אָרעמעלייט, וואָס פאַרקויפן פאַר אַ „פּענע“ ברויט און פאַר אַ „טיקי“ (דריי פּענס) שעפּסענע פלייש, און אַ האַלבן טוץ בייגל.

זיצן טאָר מען ניט. איז מען געשטאַנען אַ שעה מיט אַ האַלבער. די דיסקוסיע, אָפּגעשטאַנען — ווי „נעילה“. ביי די בילדלעך פון לעבן פון די יידישע מאַסן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד האָבן געגלאַנצט אויגן און געשמייכלט אַלטע ליפּן.

עס קומט נישט אַהער קיין פריש ווינטל פון אַ גאַטע לוריע, אָדער איציק פעפער. האָט מען גאָכן לשון דערקענט, אַז עס איז לעבן, אַז עס איז אמת, האָבן די ביטערע אָרעמעלייט באַשלאָסן: צוריק אָפּגעבן דעם

טשעק פארן דיגגען דעם בית־מדרש דעם „געזערד״, און דריי זיינען געווארן מיטגלידער, געבעטן א קוויטל...

איצט זעט זיך דער אטלאנטישער ים דורכן פענצטער־שפאלט. איצט איז דער דריטער קלאס אנגעפילט מיט ענגלישע און בורישע פארמערס און אויפזעער וואס פארן, נאך צענדליקער יארן אין אפריקע, אהיים, קיין ענגלאנד.

⁂

די שיף „הארוויק קעסל״ ווערט אונטערוועגס באלאדן פון דעם טאפלטן יום־טוב: פון „איסטער״ און פון פסח.

די פארמערס און באאמטע, די אלטע אירישע און שאטלענדער, גייען ארום פאר״דאגה׳טע: זונטיק און מאנטיק וועט מען נאך אלץ זיין אויפן ים. מ׳קומט ערשט אין האפן פון סאוטהעמפטאן דעם 17טן אפריל.

זיי טרינקען דערפאר טאפל זייער „דזשינדזשער״ און דעם „סטאוט״ די ווייבער זייערע, מיט פארלייגטע הענט אויף די גראבע בייכער, יאדען איינע די צווייטע, אז מ׳וועט מוזן „איסטער״ זיצן אויף דער שיף, אן איי־געגנע־געמאכטע וואורשטלעך און געבעקס.

די יידן אבער האבן באוויזן, אז יידישקייט גייט ניט פארלוירן. אפילו נישט וויט פון „קעיפ ווערדע״, פיר טויזנט מייל פון קעיפטאון, אינמיטן אטלאנטיק — אזוי לאנג ווי מ׳האט געלט. די יידן פון ערשטן און צווייטן קלאס, א מאן פערציק צוזאמען, האבן פאר באזונדער אפצאל באקומען די מעגלעכקייט אזוי צו פראווען פסח ווי ביי זיך אין דער היים, אין די ווייסע מיט ביימער־ארומגעצאמטע הייזער פון פארקסטאון־יאהאנעסבורג אדער אין ראזעבענק־קעפיטאון. זיי האבן באקומען פאר נעכטן ביינאכט, דעם ערשטן סדר: מצה, אלע בשמים, מצה־מעל, פסח׳דיקע כלים, אלץ וואס א נארמאַ־לער סדר דארף האבן.

א גראבע יידענע, פון צווייטן קלאס, וואס פארט אזש פון סאליסבורי, ראדעזיא, האט זיך אונטערגענומען צו מאכן די קניידלעך און די חרוסת.

פון פינף אזויגער אז איז זי געווארן „ביזי״, ווי ביי זיך אין דער היים, אכט אין אוונט האט זיך ביי זיי אנגעהויבן דער סדר.

אבער מ׳האט דעם סדר געמוזט מאכן אויף שנעל, און מ׳האט זיך גע־בריט מיט הייסע קניידלעך, נישט אפוואַרטנדיק ביז צום סוף פון דער הגדה, ווייל עס האט זיך אנגעהויבן האלב נאך אכט א מאסן־באל, און די יוגנט האט זיך געאיילט איבערטאן און טאנצן...

מילא, האט מען זיך צוגעאיילט, איז דער סדר ארויס קורץ און אפגע־בראכן — אבער יידישקייט איז אפגעהיט געווארן, כאטש אן אליהו הנביא,

פון וועמען מ׳האָט דאָך ניט געקאָנט פאַרלאַנגען, אַז ער זאָל אַריינשווימען אינמיטן ים אין אַ לאָדקע.

אַ טאָג שפּעטער האָב איך זיך דערוואוסט פון אַן אָריגינעלן סאַבאָטאַזש ביים פּסח׳דיקן טיש דאָרטן. די יידן פון ערשטן קלאַס זיינען מער ניט געקומען עסן אין צווייטן קלאַס. עס איז זיי ניט אָנגעשטאַנען, ווידער, מאַכן דעם סדר ביי זיך, האָט מען זיך „געשעמט פאַר די גוים"...

איז נאָכן ערשטן סדר, ווען דער טשיף־סטוּאַרט האָט געזען, אַז עס זיצן עפּעס אַ דריי־פיר יידן ווי נאָסע הינער, האָט ער מער ניט געבראַכט זיי צום טיש, און מ׳איז אַריבער צו חמץ...

אַזוי האָבן געפּראַוועט דעם פּסח־ריטואַל די פאַרשוינען, וואָס האָבן מיר אויף מיטינגען צוגעשריען, אַז „איך צעשטער יידישקייט אין רוסלאַנד"; אַז „מיר לאָזן ניט אַריין קיין מצות פון לאָנדאָן".

אויף דער שיף „וואָרוויק קעסל", 1933.

אויפן אינדזל מאַדיירא

נאָך דרייצן טעג ים — ווידער די זאַפּטיקע וואָנט — די גערטנערי פון דעם צויבער־אינדזל — מאַדיירא.

דאָס מאָל זיינען מיר געשטאַנען פינף שעה און איך האָב געקאָנט באַקוקן דאָס אינדזל און די שטאָט פאַנטשאַל פון זייער נאָענט.

די פּאַסאַזשירן זיינען זיבן אַזייגער אינדערפרי אַריבער אויף אַ מאָטאָר־שיפל צום ברעג.

צוגעפאָרן צו אַ האָטעל איבן אין די פעלזן. אַ „ליפט" פירט אַרויף צום הויפּט־בנין. טיף אונטער אונדז ליגט דער אַטלאַנטיק. עס איז זומער אויף מאַדיירא. מיט זעקס מאָנאַטן צוריק איז געווען אַן אַנדער זומער, אַ הייסערער. איצט איז ווי טיף־פרילינג.

אַלץ בליט. די סאַמע פּורפּורסטע קאַמעליאַן, די ווייסטע ליליען, די צאַרטסטע פיאַלקעס און די בלויעביימער פון פרעטאָריאַ, די „דזשאַקאַ־ראַנדאַ", זיינען דאָ פאַרטראַכטן איצט צוזאַמען מיט הונדערטער געלע, ווייסע, געשפרענקלטע און גרינע, וועמענס נעמען איך קען ניט.

פּאַלמען, וויינגערטנער, גרינע פעלדער מיט באַב, קרויט, מערן, יונגע ציבעלעס, מעלאָנען, מאַראַנצן, „לאַקוואַרטס", באַנאַנעס, עפּל — עס בויגן זיך די געפּלאַכטענע קערב אויף דעם פּרוכט־מאַרק.

ביים אַריינגאַנג אין האָטעל, פון דער צווייטער זייט פון דער גאַס, שטייט אַ מערקווירדיקער געשפּאַן: אַ פּאָר גרויסע ברוינע אָקסן זיינען איינגע־שפּאַנט אין אַ שליטן. דער שליטן זעט אויס ווי אַן אַלטפרענקישער „פאַ־

לאַנקין״, אין וועלכן מען פלעגט טראָגן די קעניגין קלעאָפּאַטראַ, מיט פּאַר־הענג און מיט אַ געפּלאַסטערטן זיך־פּלאַץ, אָבער פּאָרט מיט אַ שליטן, מיט צוויי אײַזערנע רייפן ביי ביידע זייטן. צוויי יונגע, פאַרברוינטע פּאָרטוגעזער מיט בייטשן אין די הענט און מיט שוואַרצע סאַמעטענע וועסטן איבער די ווייסע העמדער און ווייסע לײַוונטענע הויזן מיט הויכע שטיוול, בעטן מען זאָל אַרײַנגיין אין שליטן און זיי וועלן ווייזן די שטאָט. דער הערלעכסטער זומער־וועטער — אַלץ גרינט און בליט, אין די בלומען־אויגן ליגט נאָך דער טוי — און אַ שליטן, ווי אין סאַמאַראַ אין דעצעמבער:

אין פּאָרטוגעזער גייט פון פּאָרנט, אַנדערש גייען ניט די אָקסן. ווי אָבער גייט דער שליטן?

דאָס געהיימניס ליגט אין דעם פּלאַסטער. די גאַסן פון פאָנטשאַל זיינען געפּלאַסטערט מיט קליינע שאַרפע שטיינדלעך, וואָס ליגן פלאַך אין דער ערד און בילדן אַ גלאַטע, עטוואָס באַרגיקע גאַס.

די אײַזערנע שינעס פון שליטן ווערן אַביסל אָנגעשמירט מיט אויל און דער שליטן גייט גאַנץ לײַכט. די אָקסן גייען פּאַוואָליע, דער אָנטרייבער פון הינטן און דער פּאַסטוך, אַזוי צו זאָגן פון פּאָרנט. און קיינער פון די אײַנוואוינער קוקט זיך ניט אַרום אויף דעם שליטן־געשפּאַן. אויפן אינדזל איז עס אַ פּשוט׳ע זאַך. מיר האָבן אפילו אָנגעטראָפן מענטשן, וואָס זיינען געזעסן אין אַ שליטן, געשלעפּט פון צוויי מענטשן. פון דעם באַרג, אויף וועלכן מען פּאָרט, זעט מען אויך אַ שליטן, אויף וועלכן עס זיצן בחורים מיט בלויע אויגן, מיט אַ בלאַסערער הויט, מיט ליכטיקע האָר. דאָס זיינען קינדער פון לאַנדאָגער רייכע דאַמען, וואָס זייערע ראָמאַנען האָבן זיך גע־ענדיקט נישט גאַנץ „לעגאַל״. קומען דאָ אויף מאַדייראַ און ווען דאָס קינד ווערט געבוירן, גיט מען עס אַוועק צו די מאָנאַשקעס אין קלויסטער און אַזאַ נאָרדיש קינד פון „ליבע״ ווערט דאָ אויסגעהאָדעוועט, און דאָס קינד ווייסט אפילו ניט פון זיין אָפּשטאַם.

דער אינדזל איז פּאָרטוגעזיש. ער ליגט פּונקט אַנטקעגן מאַראָקאָ. אַ גלייכער וועג רעכטס פירט איבערן ים אין קאַסאַבלאַנקאַ. אָבער דאָך איז ער באַהערשט פון ענגלאַנד. מען קאָן זיך גוט פאַרשטענדיקן מיט די הענד־לער און פישער אין ענגליש.

דער אימפּאָרט ליגט אין ענגלישע הענט. די פּראָדוקטן גייען קיין ענג־לאַנד.

דער „בריטיש קלוב״ שטייט ניט ווייט פון דעם פּרעסביטעריאַנער טשוירטש, ענגלישן האָטעל, רעסטאָראַנען און טעניס־פּלעצער, גראָסערי און דראָגיסטס — אַלץ איז אין ענגלישע הענט.

די פּאַלאַץ־אַרטיקע האָטעלן זיינען אויסגעבויט ביים ים, וואו דאָס וואַ־

סער רוישט און שווימט צו די פעלזן. דער צענטער פון שטאָט איז ווי יעדע איראָפּיאישע שטאָט. אויטאָמאָבילן, טראַקס און אָקסן־שליטן... און קליינע שליטלעך פון די גרינטסן־הענדלער און פרוכט־פּאַרקויפער.

אָבער באַלד נאָך דער אַלטער קאַטוילישער קאַטעדראַל הויבט זיך אָן דער אָרעמער קוואַרטאַל. בלאָסע, אָפּגעריסענע געשטאַלטן.

בעטלער אויף יעדן טריט. קינדער, אַלטע, דערוואַקסענע. אַלע ציען אויס די האַנט צום פרעמדן.

אַ טוריסטן־ביזנעס. און די צודרינגלעכע, איינרעדנדיקע שטימען פון פּאַרקויפער פון מאַדייראַ־שטיקערייען, שטיין־קרעלן, מושלען, פעלץ־שיך און ליאַלקעס, געפלאָכטענע מעבל און קערבלעך, אָנדענקען־אַלבומען, פּאָסט־קאַרטן.

קיין וועגענער זעט מען ניט.

די שאַרפע שטיינדלעך זיינען טאַקע בעסער פאַר שליטנס. גיין איז שווער אויף זיי. זיי שטעכן אין די פּאָדעשוועס.

די הינטער־שטעטל פּאַנטשאַל איז זייער מאַלעריש און שיין. שמאָלע, שמאָלע געסלעך, הילצערנע באַלקאָנטשיקעס מיט וועש אויסגעהאָנגען צום טריקענען. אַ גאַנעק מיט אַ שטייגל און אַ פּאַפּוגאַי אָדער אַ קאַנאַריק.

שוואַרץ־אויגיקע קינדער, באָרוועס און טומלדיק.

קוקורוזע און גאַנצע קרענץ רויטער פעפער און טאַבאַק־בלעטער ביי די ווענט.

אין די הויכע בערג צוקאָפּנס פון די הייזער און דעם טיף־בלויען הימל, דער גרין־גרויער אַטלאַנטיק...

מען קאָן מיינען — אַ גן־עדן...

ווען ניט די שרעקלעכע אָרעמקייט, ווען ניט די נעבעכדיקע הייזלעך און קרעמלעך פון דער אָרעמשאַפט, ווען ניט די הענט וואָס ציען זיך צו אייך נאָך אַ נדבה. ווען ניט דער שפּאָט־ביליקער פּרייז פאַר פיש און עפּל, פאַר בלומען אין קערב. וואָס מען רוקט אייך אַריין אין האַנט.

אַ פרוכט־פעדלער האָט זיך באַקלאָגט, אַז דער אינדזל ווערט ניט באַזוכט לעצטנס פון פיל געסט, וואָס מען פלעגט מאַכן אַ לעבן פון זיי.

אויך דאָ האָט זיך דער קריזיס געגעבן צו פילן. דאָס זעט מען אויף דער שיף אַליין, אויפן „וואַרוויק", ווען מיר קומען צוריק.

דאָס איגענע בילד פון בונטקייט און טומל אויף די שיפלעך אַרום אונדז. אָבער דער האַנדל איז אַ שוואַכער. מען קויפט ווייניקער געפלאָכטענע טישן און שטולן ווי אין סעפּטעמבער.

נאָר עטלעכע זיינען פון דריטן קלאַס אַראָפּ אויף לאַנד. די איבעריקע זיינען געבליבן.

זאָגט מיך שכן ביים טיש: „שלעכטע צייטן". מען האָט אים געשניטן זיין לוין אין אָפיס — ער אַרבעט אין אַ דעפּאַרטמענט־הויז אין אָפיס אין פּרעטאָריאַ, ביי עלעקטריע. צען יאָר האָט ער ניט געהאַט קיין אורלויב. מער האָט ער ניט געקאָנט וואַרטן. ער וויל זען סקאָטלאַנד. ער האָט מורא, עס וועט זיין אַ מלחמה און ער וועט ניט קאָנען פאָרן.

— עס זעט מיר אַזוי אויס ווי אין 1914, — זאָגט ער.

— פאַרוואָס?

— עפּעס ווינען דאָ צופיל באַלעבאַטים ביי די דייטשן, — און דאָס געפעלט אים ניט.

אַרום שיף ווידער אַ „פאַרשטעלונג" מיט די קליינע קינדער, וואָס זוכן די מטבע אין ים, וואָס די פּאַסאַזשירן פון ערשטן קלאַס וואַרפן פאַר זיי. מיר פאָרן אָפּ. אַ לעצטער טרייסל מיט דעם שווערן אַנקער. דער אינדזל רוקט זיך אַוועק. די גרינע וואַנט קריצט זיך איין צום לעצטן מאָל אין די אויגן. אָבער דער צויבער איז פאַרמישט מיט ביטערקייט. פאַרביי־פאָרנדיק אַ גרויסע געביידע, האָבן פון די פענצטער מיט גראַטעס געוואונקען הענט. דער אָקסן־טרייבער האָט געזאָגט: „דאָס איז די תפיסה פון מאַ־דייראַ".

סאַוטהאַמפּטאָן, 1933.

אין אייראָפּע

(רייזע־בילדער)

איך פֿאָר פֿון דענמאַרק קיין שטעטין. שטעטין איז אַ דייטשע שטאָט, זייער אַלט, מיט שיינע אַלטע קלויסטערס, מיט אַ פֿיש־ריח אין די גאַסן, מיט פֿישער־דערפֿער אַרום, וואו עס שמעקט מיט סמאָלע און ים־פֿלאַנצן, און וואו די מענטשן גייען פֿאַמעלעך, שווער, נישט צוגעוואוינט צו דער יבשה. ים־מענטשן. אָן ספּעקולאַציע — שווייגעדיקע.

איך האָב באַשלאָסן אַלע נסיעות דעם יאָר צו מאַכן מיט דער שיף.

ס'איז דאָ אַ בענקשאַפֿט נאָכן ים און נאָך זיין ווייטקייט און גרויסקייט. מאָנט עס, דאָס שטענדיק נייע, אויפֿרעגנדיקע געפֿיל פֿון שטיין ביי אַ ברעג.

איז געפֿאָרן — פֿון לאָנדאָן קיין קאָפּענהאַגען, פֿון קאָפּענהאַגען קיין שטעטין, און אפֿשר פֿון דאָרטן קיין דאַנציג.

אַ שיינע, זיבעטע שיף „אַדין". די דענער פֿאָרן זיך אַדורך זומער איי־בער גאַנץ צפֿון־אייראָפּע אויף זייערע שיפֿן. ים־זועגן פֿירן איבער שוועדן, גאָר וויניק איבער לאַטוויע, עסטאָניע, פּוילן — ביזן האַפֿן פֿון דאַנציג, און צו דעם נייעם, ערשט־אויסגעבויטן פּוילישן האַפֿן גדיניא — באַלד לעבן דאַנציג.

עס איז אַ זעלטן־שיינער יולי־טאָג. די שיף דאַרף באַלד אָפּגיין. עטלעכע דענישע סטודענטן געזעגענען זיך מיט זייערן אַ פּראָפֿעסאָר, וואָס פֿאָרט קיין דייטשלאַנד.

מ'שרייט אויס צום לעצטן מאָל אַ דענישן געזעגנונגס־וואונטש, און דאָס שמאָלע טרעפּל ווערט אַרויפֿגעצויגן — מיר פֿאָרן קיין דייטשלאַנד.

אַ יונגער בחור מיט אַן אָפֿענעם ערלעכן פּנים שטעלט מיך אָפּ באַלד נאָכן אָפּגיין פֿון דער שיף, פֿרעגט אויף דייטש:

— איר פֿאַרשטייט דייטש?

— יאָ.

— איר זייט אַ יידישע?

— יאָ.

— אַ, ווי גוט!

ער איז אַ בערלינער געבאָרענער, פֿון מזרח־יידישע עלטערן. זער

פּאַטער איז אַ האַנטווערקער — אַן אַמעריקאַנער, אַן אַרבעטער. ער אַליין — אַ סטודענט, אַן אַרכיטעקטאָר. אָבער באַלד ווי היטלער איז געוואָרן דאָס געשפּענסט פון דער נאָענטסטער צוקונפט, איז ער אַריבער אויף לאַנדווירט־שאַפט, מיטן צוועק צו פאָרן אין פּאַלעסטינע. ער איז אַ חלוץ. פאַר ייִדן, ווי ער, פון דייטשלאַנד, איז קיין אַנדער אויסוועג ניטאָ, זאָגט ער.

ער פאָרט איצט צוריק קיין דייטשלאַנד. ער איז געווען פינף טעג אין קאָפּענהאַגען. ער האָט אָרגאַניזירט אַ „קעמפּ פאַר 65 ייִדישע קינדער, וועמענס עלטערן מען האָט אַרעסטירט, צעשלאָגן, אַריינגעזעצט אין טורמע, אָדער וואָס זיינען פאַרשוואונדן געוואָרן; מ׳האָט זיי „צוגענומען״ (דאָס איז דאָס זעלביקע ווי דאָס גענגסטערישע „נעמען פאַר אַ ראַיד״ אין אַמעריקע). ער איז געווען פינף טעג אין קאָפּענהאַגען, וואו ער האָט באַקומען אַ פּלאַץ צו שטעלן געצעלטן, איינאָרדענען אַ קיך, און ער וועט סוף יולי אַריבערברענגען די 65 קינדער. דאָרט וועלן זיי זיין זעקס וואָכן, זיך צוגעוואוינען צו אַרבעט און צו אַ קאָלעקטיוון צוזאַמענלעבן, און שפּעטער וועט ער זיי אַריבערפירן אין פּאַלעסטינע.

דעם סערטיפיקאַט פאַר זיך האָט ער שוין; די אַרבעט טוט ער מיט באַגייסטערונג. די קינדער האָט ער צונויפגעקליבן פון אַלע הויפן פון דעם בערלינער „גאָרדען״, וואו עס וואוינען ייִדן, און וואו עס איז איצט אַזוי האָפענונגסלאָז, אַזוי חושך, אַזוי שוואַרץ...

— ווען איך וואָלט געוואוסט, — זאָגט ער.

ער בויגט אַראָפּ דעם קאָפּ טיף אויף די הענט, שפּאַרט זיי אָן די קני און שווייגט. און מערקווירדיק: פריער האָט זיך מיר געוואָלט דעבאַטירן מיטן דעם ציוניסט, וואָס זעט אין אַנטלויפן פון דער צרה איר לייזונג; צו דער מעשה האָב איך זיך אין אָנהייב צוגעהערט גאַנץ אָביעקטיוו. אָבער דער טיפער טאָן פון פאַרצווייפלונג, פון האָפענונגסלאָזיקייט און פון נאָך עפּעס, וואָס איך האָב אַרויסגעהערט, האָט מיך אַביסל אָפּגעשטעלט: איך האָב אים געלאָזט אויסשוויייגן, און דערנאָך האָט ער דערציילט.

וואָס האָט ער דערציילט? דאָס זעלביקע, וואָס אַלע דערציילן, וואָס מען לייענט אין אַלע צייטונגען, וואָס די היטלעריסטן לייקענען אָבער און רופן עס אָן: „גרויל־פּראָפּאַגאַנדע״.

און דאָס איז אין דעם שיינעם יולי־טאָג, אָן אַ וואָלקנדל אויפן צפון־הימל, געווען די הקדמה צו דייטשלאַנד, — די זעלביקע איינלייטונג צום טויער פון טויט.

ער איז אַ זון פון אַן אַרבעטער, אַ מעכאַניקער, וואָס האָט געהאַט אין הויף זיין אייגענעם קליינעם וואַרשטאַט, נישט באַשעפטיקט קיין אַנדערע, און ער, דער זון, האָט אים געהאָלפן. ער האָט געוואָלט ווערן אַ מעטאַל־

אַרבעטער, געווען שוין אַ לערן־ייִנגל, געוואָלט שפּעטער אַריין אין אַ גע־ווערקשאַפט. אָבער דער פֿאָטער, ווי די מערהייט יידישע טאַטעס, האָט גע־וואָלט האָבן אַ זון — אַן אינזשעניר. איז ער אַוועק שטודירן אַרכיטעקטור. געווען נאָענט צו ראַדיקאַלע קרייזן, ווי ער רופֿט עס אָן: לינקע פּועלי־ציון. איז געקומען די נאַצי־געפֿאַר, זיך אָנגערוקט פֿאַמעלעך, שווער. ס'איז אויסגעבראָכן דער קאַמף צווישן פֿאַשיסטן און רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער, אי אין פֿאַבריק, אי אין הויז.

ער איז נאָך פֿריער אַריין אין דער חלוץ־אָרגאַניזאַציע. אַרויס פֿון פּאָ־ליטעכניקום, אַריין אין אַ לאַנדווירטשאַפֿטלעכער שולע צו ווערן אַ פּאָר־מער און צו פֿאָרן אין פּאַלעסטינע.

עס איז געקומען די היטלעריאַדע מיט אַלע אירע גרויזאַמקייטן.

דאָ, אויף דער שיף, און הינטערוועגנס צו די היימלאָזע קינדער פֿון געמאָרדעטע, אַנטלאָפֿענע טאַטעס און מאַמעס, האָט זיך אַנטפּלעקט אַ גרויזאַם בילד. ער האָט פּלוצלינג, מיט אַ ספּאָנטאַנעם געוואַלט, אַ זאָג געטאָן:

— איר ווייסט גאָר נישט, איר קענט נישט וויסן, אויף וואָס פֿאַר אַ שרעקלעכן וועג די יידישע יוגנט אין דייטשלאַנד געפֿינט זיך היינט, ווי זי ווייסט ניט וואו צו גיין, וואָס פֿאַר אַ פּראָצעס עס שפּאַלט איצט אירע קעפּ.

— איך ווייס עס, — ענטפֿער איך.

ער פֿרעגט, ווער איך בין.

איך האָב, צום באַדויערן, נישט געקענט אים זאָגן מיין נאָמען. אָבער איך האָב אים געזאָגט, פֿון וואַנען איך קום איצט, און אַז איך בין אַ יידישע זשורנאַליסטין.

— ווייסט איר עפּעס וועגן ביראָבידזשאַן, איר אַמעריקאַנער? — גיט ער אַ פֿרעג.

— יאָ, מיר וויסן.

— קען מען אַהין פֿאָרן? וועלן דאָרט געעפֿנט ווערן איינוואַנדערונגס־מעגלעכקייטן פֿאַר דייטשע יידן, אַרבעטער?

— נו, און וואָס איז מיט פּאַלעסטינע? מיטן רוף צו באַזעצן אַ פֿערטל מיליאָן יידן אין טראַנסיאַרדאַניע?

— וואָס צאַפּט איר מיין בלוט? עס איז דאָך ניט אמת! מען מוז דאָך האָבן טויזנט פֿונט שטערלינג, כּדי צו קענען פֿאָרן.

און פּאַרזיכטיק, ווי מיט אַ קראַנקן, האָב איך שוין גערעדט מיט אים.

טאָפּלט פֿאָרזיכטיק. ווייל מען פֿאָרט קיין דייטשלאַנד; ווייל מען ווייסט ניט, ווער דער שכן איז. ווייל מ'ווייסט ניט, מיט וועמען מ'רעדט. ווייל די לופֿט איז פֿול מיט חשד. אָבער ווי אַ וואַסערל, וואָס ווערט געשוואָלן פֿון רעגן און הוכט זיך אַ ברייטערע בעט, פֿאַרפֿלייצנדיק ברעגן, אַזוי האָט זיך

געריסן דער שטראָם פון זיינע יוערטער, די אומצופרידנקייט מיט דעם ביז־אַהעריקן, מיט דעם, וואָס דער אָפיציעלער ציוניזם האָט נישט אויסגעפילט די עלעמענטאַרסטע צוזאָג׳, מיט דעם וואָס פּאַלעסטינע איז אַבסאָלוט אומ־גייאיק צו פאַרזאָרגן אפילו דעם קלענסטן טייל פון די רואינירטע, געמאַ־טערטע דייטשע יידן.

ער איז איצט, ערשט אין די בלוטיקע היטלער־טעג, געקומען צום קאָ־מוניזם. ער אָנערקענט, אַז דער איינציקער וועג איז דער וועג פון די אַר־בעטנדיקע יידן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, אַז די איינציקע לייזונג פון דער פּראָבלעם פון אַרבעטלאָזיקייט איז דער רעוואָלוציאָנערער קאַמף.

אָבער וואָס טאָן איצט, באַלד, אין פיר שעה אַרום, ווען מ׳וועט נעמען דעם צוג קיין בערלין?

— ווי קענען מיינע 65 קינדער, די ערשטע גרופּע, וואַרטן, ביז מיר׳ן אויסקעמפן דעם גרויסן קאַמף? דערווייל מוז איך דאָך זיי פירן אין „עין־חרוד״. ווייל דאָס זיינען קינדער, ווייל מ׳שלאָגט זיי נאָך אין די גאַסן ווען פאַשיסטישע קינדער פאַלן אויף זיי אָן. וואָס זאָלן מיר באַלד טאָן?

ער איז צוואַנציק יאָר אַלט. דער טאַטע וויל פון אים ניט וויסן, ווייל ער איז אַרויס פון פּאָליטעכניקום און איז אַוועק אויף אַ פאַרם אַרבעטן אַלס לאַנדאַרבעטער (כאָטש איצט וואָלט מען אים סיי־ווי אויסגעשלאָסן פון דעם אינסטיטוט אויך). איז ער אַליין, אַליין מיט זיינע ספקות, מיט אַלע זיינע מאַטערנישן, מיט דעם גאַנצן שווערן באַלאַנס פון די פאַרגאַנגענע פינף מאָנאַטן, מיט דער געפערלעכער שוואַרצער דייטשער צוקונפט פאַר אים. און אָט־אָ די איינזאַמקייט, דאָס פאַרען זיך מיט זיך אַליין און מיט דער אידעאָלאָגיע, וואָס האָט אָפּגענאַרט, די אויסזיכטסלאָזיקייט אפילו דאָרט, אין פּאַלעסטינע, האָט אים אַזוי געפירט איבער שאַרפע פעלזן פון קריטיק, פון פּעסימיזם, פון אָנכאַפּן זיך אָן ביראָבידזשאַן, וועגן וועלכן דער דייטשער „געזערד״ האָט געפירט אַזאַ ברייטע אינפאָרמאַטיווע און אָרגאַניזאַטאָרישע טעטיקייט פאַר דעם מבול, אַזוי צו זאָגן.

***

די זון איז שוין לאַנג אַראָפּ. מיר זיינען פאַרבייגעפאָרן פרעמדע ברעגן מיט אַ פרעמד לעבן. ליכטער האָבן געפינקלט אין ים־טורעמס, און די אַי־בעריקע פּאַסאַזשירן זיינען שוין געווען אויפמערקזאַם אויף די צוויי מענטשן, וואָס זיצן דריי־פיר שעה און ריידן אָן אָפּהאַלט, מיט טיפע פנים׳ער, ריידן אויף דייטש — וועגן דער דייטשער נאַכט...

איך בין געקומען פון דער ווייטער אַמעריקע, איבער דער אַפריקאַנער וויסטעניש. מיט דעם פאַרפייניקטן, נאַציאָנאַל־פּאַראַליזירטן נעגער, צו די

בלויע לאַכעדיקע ברעגן פון באַלטישן ים — צו טרעפן דעם טיפסטן עלנט פון אייראָפּייאישער ציוויליזאַציע — צו היטלערס דייטשלאַנד.

מיר האָבן זיך געזעגנט, ווייל מאָרגן פרי האָט ער באַדאַרפט נעמען דעם ערשטן צוג קיין בערלין, זעקס אַזייגער, און איך האָב באַדאַרפט באַשליסן וואו צו פאָרן ווייטער — מיט דער שיף קיין דאַנציג, אָדער מיטן צוג — אַ סך שפּעטער — אויך קיין בערלין?

אויף מאָרגן, אַזייגער אַכט, ווען מיר זיינען צוגעפאָרן קיין שטעטין, איז געווען דער פּאַס־קאָנטראָל. דאָס ערשטע, וואָס איך האָב דערזען דורכן פענצטער פון מיין קאַבינע, איז געווען אַ ברוינע אוניפאָרם, אַ ברוינע היטל מיט אַ דאַשעק און אַ רויטער באַנד מיט אַ האַקענקרייץ אויפן אָרבל: — דער ערשטער פאַשיסט אויפן דייטשן באָדן. דעם פּנים האָב איך ניט געזען. געמאַכט זיך אַ באַשלוס: נישט צו זען די פּנימער. געזען שטיוול. שטיוול און די „סוואַסטיקאַ". געוואָרן פאַרגליווערט אויף אַ מאָמענט און אויפגע־הויבן די אויגן העכער, ווייטער פון דער ברוינער העמד.

און דערזען אַן אַנדער זאַך. ביים צווייטן ברעג פון קאַנאַל איז גע־שטאַנען אַ גרויסע שיף מיט אַ ווייס־לאַקירטער אויפשריפט: „לוגאַ" — סאָוועטישע שיף.

און מיט אַן אינעווייניקסטן שטילן שמייכל האָב איך זיך גענומען קלייבן אַרויסגיין: אויף דער וואַך שטייט אין יעדן פּאָרט פון דער וועלט אַ שיף פון די סאָוועטישע אַרבעטער.

מ׳קוקט דורך די זאַכן. איך פיר מיט זיך אַ מתנה פאַר די טראַקטאָ־ריסטן פון סטאַלינפעלד: עטלעכע ספּאָרט־קורטקעס מיט אַ מעטאַל־פאַר־שלוס. דערזעט זיי דער דייטשער צאָל־באַאַמטער און פרעגט:

— פאַר די „עס־עס"? (דאָס איז די שטורעם־שטאַפּעל — די העכסטע אָפּטיילונג ביי די פאַשיסטן. זיי קאָנטראָלירן די הילפס־פּאָליציי און די שטורעם־אָפּטיילונגען. זיי זיינען די „שטאַפּעל", דאָס העכסטע אין מאָרד און געוואַלט).

איך זאָג:

— ניין, עס איז פאַר אונדזערע, וואָס זיינען זייער ווייט פון זיי.

ער האָט געקענט פאַרשטיין די ווייטקייט ווי ער האָט געוואָלט: טע־ריטאָריעל און אידעאָלאָגיש.

פאַר די אויגן איז געשטאַנען דאָס בילד פון ביראָבידזשאַן, וואו אַ סאָ־ציאַליסטיש לעבן ווערט געבוירן אונטער שווערער, מסירת־נפש׳דיקער אַרבעט.

ביי די סאַמע גרענעצן פון דער אַרבעטער־רעפּובליק, צווישן שונאים פון זייטן, וואָס זעען צו, ווי די אַלטע וועלט כאַפּט זיך צו פאַשיזם, כדי צו ראַטעווען די אָפּשטאַרבנדיקע אָרדענונג.

אַפריקאַנער לייבן פאַר גערינגן...

(אַ קאַפּיטל זכרונות פון נאַצי־דייטשלאַנד)

די דענישע שיף „אַדין" האָט מיך געבראַכט אין יולי, 1933, פון קאָ־פּענהאַגען אין דעם האַפן פון שטעטין. שוין אויף דער שיף גופא האָט זיך געשפּירט אַ שטילע מורא צווישן די עטלעכע יידישע פּאַסאַזשירן, דייטשע בחורים און מיידלעך, וועלכע האָבן זיך דאָ אומגעקערט פון זייער „הכשרה", וואָס זיי האָבן אַדורכגעמאַכט ביי דענישע רייכע פּויערים, איידער זיי זיינען מיט זייערע סערטיפיקאַטן, אָפּגעפאָרן אין פּאַלעסטינע. איך זאָג „שטילע מורא", ווייל מען האָט נישט גערעדט צו קיינעם, בלויז זיך שטיל געשעפּ־טשעט צווישן זיך, אין לאַנגע פּויזן געשוויגן, נערוועז געריכערט. איך האָב מיט זיי פאַרפירט אַ שמועס אויף דייטש, געזאָגט זיי ווער איך בין און דערציילט, אַז איך פאָר אין אַ מאָנאַט אַרום, צום צווייטן מאָל, קיין ביראָ־בידזשאַן. און מערקווירדיק: קיין איין קעגנערישער אַרויסטריט! דאָס איז געווען נאָך מער מאָדנע צוליב דעם, וואָס איך בין געווען נאָר־וואָס געקו־מען פון דרום־אַפריקע, נאָך אַ לעקציע־טור פאַרן „אַפריקאַנער געזערד", האָט מען זיך ביי מיר גאַנץ טאָלעראַנט און מיט אינטערעס נאָכגעפרעגט נאָך די קלימאַטישע און געאָגראַפישע באַדינגונגען פון דער ווייט־מזרחדיקער יידי־שער געגנט, נאָך דעם באָדן־און וואַלדבאַשטאַנד, נאָך די מעטאָדן פון לאַנד־ווירטשאַפט און דער מעכאַניזאַציע. מיר האָבן זיך צערעדט, איך האָב זיי דערציילט וועגן מיין זיין אין פּאַלעסטינע אין 1927, וועגן די קאָלאָניעס, וואו איך בין געווען און וואו איך האָב באַגעגנט הונדערטער דייטשע, רומעניש און רוסישע חלוצים אויף מיינע אַרויסטרעטונגען דאָרטן. איצט בין איך געווען די פּערזאָן, וואָס האָט זיי געגעבן אינפאָרמאַציע וועגן זייער רייזע־ציל. און געטאָן האָב איך עס, פאַרשטענדלעך, אין אַ זייער אָביעקטיווער פאָרם, כדי זיי נישט אָפּשרעקן פון די שוועריקייטן פון קלימאַט, פון וואַ־סערלאָזיקייט, פון אָרעמקייט און פון דער קעגנערישער פּאָליטיק פון דער מאַנדאַטן־מאַכט — ענגלאַנד. יעדערער פון אונדז איז געווען אַביסל אָנ־געצויגן, אַביסל נערוועז ביים אָנקומען אין נאַצי־דייטשלאַנד, פון וואַנעט זיי זיינען אַוועק מיט אַ יאָר צוריק, נאָך פאַר היטלערס רעזשים.

זיבן אַזיגער אינדערפרי זיינען מיר אַריין אין דעם שטעטינער האַפן. אויף מיין קאַבין־טיר איז געהאַנגען אַ צעטל, אַז מען קאָן בלייבן אינעווייניק ביז 9 אַזיגער. דערפאַר בין איך גאָר נישט געווען דערשראָקן, ווען איך האָב דערזען דורכן פענצטער די ערשטע סוואַסטיקא אויף אַ ברוינעם שטיוול

פון אַן „עס־עס־מאַן“ און דערהערט אַ שטאַרקן קלאַפּ אין טיר און אַ גראָבן קול: „אופשטייען זאָפאָרט, אַלע הערויס און אויפן דעק!“ איך האָב פון בעט געענטפערט, אַז איך האָב צייט ביז 9 אַזייגער און אַז מען זאָל נישט שרייען, עס איז אַ דענישע שיף. דער עפעקט איז געווען אַ מורא׳דיקער: דער ברוינער שטיוול איז אַוועק מיט זידלערייען צום שיפס־פורסער און האָט געפּאָדערט מיין פּאַספּאָרט! מען האָט אים געזאָגט, אַז עס איז „איינע דאַמע אויס אַמעריקאַ“... און איך האָב געקאָנט דייטלעך הערן, ווי דער ברוינער שטיוול האָט געקריצט מיט זיינע אָפּצאַסן און, אפשר, מיט די ציין. ער האָט זיך מער נישט באַוויזן. 9 אַזייגער בין איך אַריין אין שפּייז־צימער, געטרונקען קאַווע מיט דער גוטער דענישער שמאַנט, מיט אַ פרישער בולקע און בין געגאַנגען צום צאָל־אַמט, וואו אַ דייטשער באַאַמטער האָט געהייסן עפענען די וואַליזקעס. אַזוי ווי איך בין געפאָרן פון קעיפּטאון, אַפריקע, איבער לאָנדאָן און קאָפּענהאַגען, האָבן זיך אָנגעזאַמלט אַ סך זאַכן אין די אַלע שטעט: מתנות פאַר די ביראָבידזשאַנער קינדער, פאַרן לערער־פּערסאָנאַל, פאַר די שול־טוער. און דאָס האָט געוואַלטיק פאַראינטערעסירט סיי דעם צאָל־באַאַמטן, סיי דעם ברוינעם „עס־עס־מאַן“. זיי האָבן געוואָלט וויסן, פאַר וועמען דאָס איז, און זיך געוואונדערט, וואָס איך פיר אויסגעאַרבעטע שיינע פעל פון אַפריקאַנער דזשאַנגל־חיות, וואָס אויף מיינע וואַליזקעס הענגען צעטלעך פון „דורבאַן“, פון „פּרעטאָריאַ“, פון „פּאָרט עליזאַבעטה“, פון „קעיפּטאון“. זיי האָבן געפּרואווט מיך צווינגען צו באַצאָלן אַ שווערן אָפּצאָל פאַר „אימפּאָרטירן“ סחורות אין דייטשלאַנד. אָבער איך האָב זיי געוויזן מיין טראַנזיט־וויזע, מיט אַן אָפּשטעל בלויז אין בערלין און מיט אַ בילעט ווייטער, אין פוילן. האָבן זיי אַלץ געמוזט צוריק אַריינלייגן און אַלץ ווידער גוט פאַרפּאַקן. זיי האָבן זיך געפרעגט, ווי אַזוי איך רעד אַזוי גוט דייטש, און ווען איך האָב זיי געזאָגט, אַז איך רעד פּונקט אַזוי גוט נאָך אין אַ פּאָר שפּראַכן, האָט דער צאָל־באַאַמטער געזאָגט: „אַהאַ, איר זייט אַ לערערין פון שפּראַכן?“ „יאָ, אַ לערערין, אָבער פאַר דערוואַקסענע, נישט פאַר קינדער...“ דאָ האָבן זיי שוין געשוויגן ביידע, און איך בין אַוועק אין שטאָט, אויסצונוצן די דריי שעה צייט ביז דעם בערלינער צוג. אַוועק אין דעם קליינעם באַגרינטן סקווער, באַלד ביים באַן־הויף, אַן אָרעמען שטאָטישן קליינעם גאָרטן, מיט עטלעכע בענק, מיט אַ פּאָר בלומען־בייטן און אַ קליינעם פאָנטאַן. עטלעכע מענער, אַרבעטסלאָזע, מיט אַ צייטונג אין די הענט, זיינען געזעסן און האָבן מיט גלייכגילטיקע אויגן געקוקט אין דער צייטונג. קיינער האָט נישט גערעדט צווישן זיך. אַ טויטער שווייגן. און דאָס האָט מיך דערשיטערט. ווי צונויפגערעדט זיך, ווי אַן אָפּגעמאַכטע זאַך, האָט מען דאָ געשוויגן. עס זיינען געווען מיטליאָריקע מענער. דער דור, וואָס איז אין יולי

1933 נישט געווען באַגייסטערט פון היטלערן. מענער, וועלכע מען האָט אָפּגעזאָגט פון דער אַרבעט פאַר זייער אַקטיוויטעט אין די געווערקשאַפטן. מענער, וועלכע זיינען שוין געווען אין „פּרעווענטיווער שוץ־האַפט“, אַרעסטירטע צוליב דער „זיכערקייט פון דער מלוכה“ — ווי באַקאַנט דאָס קלינגט היינט! מיט אַ שכן אויף מיין באַנק האָב איך זיך צערעדט, זאָגנדיק באַלד, אַז איך בין אַן אַמעריקאַנער, אַזוי אַז ער זאָל נישט מורא האָבן, אַז עס איז אַן אָנגעשיקטער גאַסט. און דאָ האָבן איך דערלעבט אַ שטיקל איבערראַשונג: אין דעם אָפיציעלן „פעלקישער בעאָבאַכטער“, וואָס ער האָט געלייענט, איז אינעווייניק געלעגן „די ראָטע פאָהנע“, באַקאַנטע אַרבעטערבלאַט... יולי, 1933! דאָס פאָלק האָט זיך נישט דערשראָקן אינגאַנצן, טאָטאַל. עס האָט געלעבט דער ווידערשטאַנד. ווען ער האָט זיך דערוואוסט פון וואַנען איך קום (פון אַפריקע), האָט ער זיך געפרעגט אויף דער נעגער־באַפעלקערונג, אויף זייער אַרבעט אין די גאָלד־גרובן. ער איז געווען אַ געוועזענער מאַטראָס, נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה געאַרבעט אין שטעטין אַלס מאַשיניסט, פאַרלוירן די אַרבעט נאָכדעם ווי „מען“ האָט זיך דערוואוסט, אַז ער האָט געאַרבעט פאַר דער זעמאַן־געווערקשאַפטן (ים־לייט טרעיד־יוניאָן).

מיט אַ געפיל פון שטילער פרייד צוליבן טרעפן זיך דאָ, אַזוי באַלד נאָך די ברוינע שטיוול, מיט אַן אַנטי־נאַצישן אַרבעטער, בין איך אַוועק צו דער סטאַנציע, וואו מיין באַגאַזש איז שוין געווען אין דעם בערלינער צוג און מיט אָפענע אויגן אַריינגעזאַפט אין זיך דאָס נייע בילד פון דייטשלאַנד, וואו איך בין געווען סוף 1932 נאָך אויף איין פלאַטפאָרמע מיט באַוואוסטע דייטשע טוער פון בערלינער יידנטום, קינסטלער און געלערנטע, בעת אַ „לעסינג־פייערונג“...

אַ ריזיקאַלישער צופאַל מיט אַ נאָמען

שטעטין איז פיר שעה מיט דער באַן פון בערלין. אָנגעקומען אַהין אַזייגער צוויי און באַשלאָסן נישט צו זוכן קיין ספּעציעלע האָטעלן, נאָר טאַקע גייך אין ערשטן בעסטן, באַלד לעבן דער באַן־סטאַנציע, טאַקע „צום שטעטינער האָף“, וואו עס פלעגן זיך אָפּשטעלן לאַנד־פּריצים און קליינע סוחרים. אַריין אין האָטעל, זיך רעגיסטרירט, גענומען אַ צימער, באַקוקט די מאַפּע פון שטאָט, געפונען דעם אָפיס פון „אָרט“, וועגן וועלכן איך האָב זיך אין לאָנדאָן דערוואוסט, אַז זיי קלייבן זיך אַרויספאָרן אין פאַריז און וואו איך האָב זיך געוואָלט דערוויסן, צי זיי האָבן נאָך די אויטאָמאָביל־שולע אין יענער פאַטאָריע, קרים. שוין געוואָלט צו זיי טעלעפאָנירן, אָבער איך האָב באַשלאָסן עס צו טאָן פון דרויסן, נישט פון האָטעל: עפעס איז מיר נישט

געפעלן געוואָרן דער צו זיס־שמייכלענדיקער פּרצוף פון דייטשישן באַלע־באָס...

ווי איך זיץ אַזוי און טראַכט, וואו צו גיין צוערשט: צו מיינע פריינט, צו לאַנדסלייט, אין דעם „שלום־עליכם קולטור־פאַראיין" אָדער צום „אָרט" — עפנט זיך די טיר, נאָך אַ דעליקאַטן קלאַפּ, און עס גייט אַריין מיין באַ־לעבאָס, זיין פרוי, וואָס טראָגט אַ קליינעם בוקעט בלומען און אַ שעלכל מיט טרוסקאַווקעס און די צייטונג „דער אַנגריף" צו מיר! ווען זיי וויסן, אַז איך בין אַ יידישע פרוי. אַ זשורנאַליסטין דערצו!... איך האָב, שווייגנדיק, געקוקט אויף דער פּראָצעסיע, אויף די בלומען, די טרוסקאַווקעס. געוואַרט, געטראַכט: פאַרוואָס מוזן די אַלע מעשים גראָד פּאַסירן מיט מיר? אַזוי פיל מענטשן פאָרן אין דייטשלאַנד און קיינעם ברענגט אַ נאַצי־באַלעבאָס נישט קיינע בלומען. וואָס איז עס? און דאָ ווייזט דער באַלעבאָס פון „שטע־טיבער האָף" אויף אַ נאָטיץ אין דער צייטונג: „געשענק פיר דען שטאָט־האלטער הערדן געריגנ! איין רייזנדער פון אַפריקע, הערר פאָן מעדעם, פּאול פאָן מעדעם, האָט געבראַכט פון זיין רייזע צוויי יונגע לייבן פון קאַמערון, אַפריקע, אַלס אַ מתנה פאַר הערר געריגנ!" און אַזוי ווי איך האָב זיך רע־גיסטרירט אונטער דעם נאָמען, זיינען זיי געוואָרן אויסער זיך פון פרייד, אַז אַזאַ גרויסער גאַסט, די קרובה, אָן שום ספק, פון הערדן פּאול פאָן מעדעם, וואוינט ביי זיי!... כאָטש ער, דער באַראָן, האָט זיך אָפּגעשטעלט אין „האָ־טעל אדלאָן", דעם רייכסטן האָטעל פון בערלין. מען האָט מיך שטורמיש געפרעגט: „גנעדיגע פראו, וואָס איז ער אייערער?"

איך האָב געענטפערט גאַנץ פּשוט: „מיין שוואָגער". און עס איז נישט געווען קיין ליגן. מעדעמס ברודער, דער קאָוונער פאַלקאָווניק מעדעם, אַן איידעם פון מיליאָנער טיללמאַנס, האָט געהייסן פּאול און האָט געניצט, אַלס אַ „דוואָריאַנין" (אַן אַדעליגער) דאָס ווערטל: „פאָן". האָב איך נישט געזאָגט קיין ליגן. נאָר ביי זיך אַליין האָב איך געוואוסט, אַז דער ברודער מע־דעמס לעבט שוין נישט: ער איז געשטאָרבן אַ פּאָר יאָר שפּעטער, ווי מעדעם. און דאָ פרעגט זיך ביי מיר די פרוי, „צי זי זאָל מיך ביים ,סוויטשבאָרד' פאַר־בינדן מיטן האָטעל ,אדלאָן', כדי איך זאָל קאָנען רעדן מיט מיין שוואָגער?" דאָ האָב איך שוין זיך אַביסל דערשראָקן, ווייל איך האָב געפילט, אַז פון אַזאַ קרובהשאַפט וועט קיין גוטס פאַר מיר נישט אַרויסקומען. קאַמערון איז גאַנץ ווייטלעך סיי אידעאָלאָגיש, סיי טעריטאָריעל פון „געזוערד" אין יאָהאַ־נעסבורג. און מיינער אַ קרוב וואָלט קיינע מתנות פאַר גערינגן נישט גע־בראַכט. האָב איך געזאָגט, אַז דאָס קומען מיינס אַהער, טאַקע אויך פון אַפ־ריקע, איז אַ טרעף־פּונקט פאַר אונדז ביידן און אַז איך וועל אים אָפּשטאַטן אַ וויזיט נאָך היינט אָונט. זיי זיינען ביידע אויפגערעגט אַוועק צו זיך אונטן

און איך האָב זיך פאַרשאָלטן, הלמאי איך האָב זיך רעגיסטרירט אונטער מיין אייגענעם נאָמען. מורא געהאַט, אַז די ביידע בטלנים דאָרטן, ביים טעלעפאָן־ברעטל, וועלן פון זיך אַליין אָפּרופן יענעם „פאָן מעדעם״, וועלנדיק מיר טאָן אַ טובה. בין איך אַראָפּ אין גאַס, אַריין אין אַ קאַפע און פון דאָרטן אָנגעקלונגען ביים „האָטעל אַדלאָן״. צי איך קאָן רעדן מיטן הערר פאָן מעדעם? איז ער גראָד, צו מיין מזל, געווען איצט ביים „שטאַט־האַלטער״ געהרינג און ער פאָרט היינט אָפּ צו זיך אַהיים אין קעלן אַם רהיין... זאָג איך, אַז עס רעדט אַ באַקאַנטע פון זיין פרוי און רוף אָן טאַקע דעם נאָמען טילמאַנס, ווייל איך האָב געוואוסט, אַז מיין שוואָגערס שווער איז פון קעלן שפּעט ביידערנאַכט, נאָך אַ באַזוך ביי פריינט, נערוועזע און אויפגערעגטע צוליב די רדיפות, וואָס זיינען שוין אָנגעגאַנגען אין שטאָט, האָב איך זיך אומגעקערט אַהיים. אַלץ האָט שוין געשלאָפן. אָבער ביים טעלעפאָן איז געזעסן דער באַלעבאָס און עפּעס, ווי אַ קרוב, געוואַרט אויף מיר. איך האָב אים געוויזן אַ מעניו־קאַרטל פון האָטעל „אַדלאָן״, וואו איך האָב אין אָוונט געגעסן „אייז־קרים״ מיט מיינער אַ פריינדין, אַ ליבער פרוי, אַ דייטשישער שריפטשטעלערין, אַזוי, אַז אַלץ איז געווען אין אָרדענונג פאַר מיינע באַלעבאַטים. נישט מער, אים האָב איך געזאָגט, אַז אין „אַדלאָן״ האָב איך געגעסן מיטן שוואָגער...

דעם צווייטן טאָג האָט געהרינג די יונגע צוויי לייבן געשיקט אין בערלינער „זו״ — דעם זאָאָלאָגישן גאָרטן. און איך האָב פאַרלאָזן דעם האָטעל, ווייל דער באַלעבאָס האָט מיר דערציילט, אַז ער האָט פאַרקויפט „זינגערס״ ניי־מאַשינען אין... כאַרקאָוו פאַר דער ערשטער וועלט־מלחמה און ער קאָן רעדן רוסיש און פויליש... צי איך קאָן אויך די שפּראַכן? ווייל אין מיין פאַס שטייט, אַז איך בין פון פוילן.

„יאָ, איך רעד אויך די שפּראַך״, האָב איך געענטפערט און בין אַוועק פון שטעטשינער „האָף״.

סי־טשין־וועי — די כינעזישע קאָמסאָמאָלקע

זי איז געקומען אויפן שאַנכאַיער אַנטי־מלחמה קאָנגרעס, אַ שטילע, אַ שלאַנקע, כמעט נאָך אַ קינד. ניט קיין גאַנצע זעכצן יאָר אַלט. אַ כינעזישע מיידל, מיט שמאָלע ברענענדיקע מאָנגאָלישע אויגן, מיט פאַרבאַנדאַזשירטע הענט.

אונטער די באַנדאַזשן זיינען געווען רעשטלעך פון פינגער, אַנטבלויזט פון פלייש.

מ׳האָט זי אַרעסטירט אין קאַנטאָן און געשלאָגן וואָכנלאַנג מיט באַמבוס־

רערן פאַר נישט וועלן זאָגן, וואו איר ברודער געפינט זיך, אַ כינעזישער קאָמוניסט, וועלכער איז אַוועק צו די מאַנדזשורישע פּאַרטיזאַנען, וועלכע קעמפן קעגן די יאַפּאַנעזישע אָקופּאַנטן.

סי טשין־ווײ האָט צוזאַמענגעפּרעסט אירע בלוטלאָזע ליפּן און האָט געשוויגן.

יונג, שלאַנק, דין, כמעט אַ קינד. נאָך צוויי מאָנאַטן שלאָגן און נישט דערגייך אַ וואָרט, האָט מען איר צעברענט די פיס מיט עלעקטרישע דראָטן, און מען האָט זי אַרויסגעלאָזט.

איצט איז זי געקומען צום קאָנגרעס אין שאַנכײַ — אַ דעלעגאַטקע פון קאַנטאָנער יוגנטלעכע אַרבעטערינס.

דער קאָנגרעס איז אומלעגאַל. ער קומט פאָר אין אַ האַלב־צעפאַלענער הויז אין אַ שאַנכײַער פאָרשטאָט. מיט אומגעהויערע שוועריקייטן זיינען זיך זעכציק דעלעגאַטן צונויפגעקומען פאַרטאָג, אין סעפּטעמבער, 1933, צו באַ־ריכטן וועגן דער אַנטי־מיליטאַריסטישער באַוועגונג אין כינע און אייראָפּע.

שעה'ן־לאַנג איז מען אַרומגעפאָרן איבער די שאַנכײַער גאַסן און גע־גאַנגען איבער די דורכגאַנגס־גאַסן אָפּצונאַרן די שפּיאָנען פון די אינטער־נאַציאָנאַלע סעטלמענטס, כדי זיך צונויפקלייבן אָט אין דעם האַלב־צעפאַ־לענעם הויז און אָפּהאַלטן דעם קאָנגרעס. איינער פון די ברען־פּונקטן איז געווען אויסצוהערן וויכטיקע באַריכטן, וואָס עס טוט זיך אין דער שאַנכײַער אַרבעטער־באַוועגונג, צווישן דער כינעזישער רויטער אַרמיי, צווישן די מאַנ־דזשורישע פּאַרטיזאַנען און ביי דעם רעוואָלוציאָנערן 19טן רעגימענט, וואָס האָט העלדיש פאַרטיידיקט טשאַפּעי קעגן די יאַפּאַנער, ניט געקוקט אויף דעם באַפעל פון טשיאַנג קאַי־שעקן זיך אונטערצוגעבן.

זי איז געקומען בעטן דעם קאָנגרעס, מען זאָל איר דערלויבן איבער־צוגעבן איר מאַנדאַט דעם ברודער, דעם פּאַרטיזאַן און קאָמוניסט.

ווער איז זי? נאָך אַ יונגע קעמפערין — זי וועט נאָך זיין אויף קאָנגרעסן. ער אָבער איז אַ פּאַרטיזאַן. ער קעמפט אין די מאַנדזשורייִשע וועלדער און בערג, באַדראָענדיק די פלאַנקען פון דער רעגולערער יאַפּאַנישער אַרמיי. ער קעמפט טאָג און נאַכט ביי דער טויט־געפאַר פון אינקוויזיציע קאַמערן. פאַר אים וועט דער קאָנגרעס און די אַטמאָספערע פון זעכציק רעוואָלוציאָ־נערע קעמפער זיין אַ צוגאָב פון ענטוזיאַזם פאַר וויטערדיקן קאַמף. ער וועט ברענגען צו זיינע חברים און פּאַרטיזאַנען־אָפּטייל דעם ווילן פון דעם בעסטן, וואָס כינע האָט געשיקט צו פּראָטעסטירן קעגן מלחמה אין הארץ פון דעם שלאַכטפעלד. בעט זי, אַז דער קאָנגרעס זאָל דערלויבן איר צו ברענגען איר ברודער, וואָס דער קאָמינטאַנג זוכט אים און וויל אים דער־שיסן. דער קאָנגרעס איז דער איינציקער, וואָס האָט אַ רעכט אים צו זען.

די איקראַפּיאישע דעלעגאַציע איז דערשיטערט פון דעם פּשוט'ן אָנ־באַט פון אַ כינעזישער קאָמסאָמאָלקע. דער פּרעזידיום דערלויבט צו פּאַר־בייטן דעם מאַנדאַט און צו ברענגען דעם פּאַרטיזאַן.

אַ שטילער. פּאָדזיכטיקער שמייכל איז אויף די ליפּן פון דער כינעזערין, ווען זי גייט אַרויס פון צימער מיט די הענט טיף באַהאַלטן אונטער אַ שוואַר־צער ברייטער קימאָנאָ.

דער קאָנגרעס אַרבעט אין אַ קעלער אָן פענצטער. מיט אַ ליכט אויפן פּרעזידיום־טיש. וויל טויט דראָעט די כינעזער, אויב די פּאָליציי וועט אויסגעפינען זייער אָרט.

אָבער אַ ברייטער שפּרייענדיקער קוואַל פון ליכט ליגט אויף די פּנים'ער פון די מענטשן, וואָס האָבן אַרויסגעבראַכט פון זיך די כינעזערין סי־טשין־וועי.

וולאַדיוואָסטאָק, 1933.

אין שטאָקהאָלם

איך האָב נישט געוווּסט. אַז פאָרנדיק איבער פוילישע שטעט און נישט האָבנדיק די מעגלעכקייט צו זיין אין גראָדנע דעם זומער, וועל איך אָנטרעפן גראָדנער יידן, און דווקא „איקאַר״־טוער, אין וויטן צפון'דיקן שטאָקהאָלם — דעם נאָרדישן ווענעדיג (ווענעציע), ווי מען רופט אים אָן מיט רעכט — וואָס האָבן נאָך מיט דרייסיק יאָר צוריק אויסגעוואַנדערט פון דער אַלטער היים און געזוכט אַ צווייטע, אַ נייע, אין — שוועדן.

פון וואַנען האָט עס זיך אָנגעהויבן? פאַרוואָס גראָד פון גראָדנע קיין שטאָקהאָלם? און ווער זיינען זיי, די אַלט־באַקאַנטע פּנים'ער, וואָס פילן אָן דעם זאַל פון „אַרבעטער־פאַראיין״ און הערן זיך צו, ווי עס בויט זיך אין 1934 די יידישע אויטאָנאָמע געגנט אין וויטן מזרח, אין ביראָבידזשאַן?

מ'ט דערציילט מען מיר: אין אַ ציכטיקער, ריינער שטוב, אין אַ גאָרטן־פאָרשטאָט פון שטאָקהאָלם, „ענסקעדע״, פליסט די דערציילונג. עס דער־ציילט די שיינע, שטאַלטנע פרוי מאַטילדאַ, וואָס אַרבעט שוין 36 יאָר אין אַ טאַבאַק־פאַבריק. אָנגעהויבן האָט זי אַלס ניין־יאָריקע קינד אין דער פּאַ־פּיראָסן־פאַבריק אין גראָדנע. וואו הונדערטער קליינע מיידלעך האָבן אָפּגע־אַרבעט צו זעכצן שעה אַ מעת־לעת, און אָפּטמאָל גאַנצע נעכט אין טאַבאַק־שטויב און ביי רויכערנדיקע אויוונס.

מאַכט נישט אויס, די ברידער פּאָליאַקעוויטש און די פירמע שערע־שעווסקי האָבן פאַרשטאַנען די מלאכה נישט ערגער פון די פאַבריקאַנטן אין שאַנכאַי...

עס פליסט די דערציילונג וועגן אלמנות־מוטערס מיט נייע קליינע קינ־דערלעך. לעבן מוז מען, און עסן איז ניט געווען וואָס. קליינע מיידלעך, קינ־דער נאָך, פלעגן שטיין ביי די טויערן פון פאַבריקן, בעטן אַרבעט. די קינ־דער פון באַלעבאָס פלעגט אָפּפירן אַ גאָווערנאַנטקע אין די שולן אַריין, און זיי, די יוגנטלעכע אַרבעטערינס, האָבן פאַרטאָג נאָך, ווינטער, בעת ז'ער פראָסט האָט געטרייסלט אַ צאָן אָן אַ צאָן, און זומער, בעת די היץ האָט גע־פּאַרעט — זיך געמוזט אויפכאַפּן און לויפן צו דער טאַבאַק־פאַבריק.

שפּעטער — דער ערשטער, סאַמע ערשטער קאַמף איז אויסגעבראָכן מיט דער פאָדערונג פון העכערן אַ פערטל קאָפּיקע אויף אַ הונדערט פּאַפּיראָסן, און אַכט הונדערט מיידלעך פון דער פאַבריק האָט די פּאָליציי מיט קאָזאַקן ביינאַכט אַרויסגעשלעפּט פון די בעטן און געפירט אין תפיסה!

געוויין פון טאַטעס און מאַמעס ביי די טויערן פון פאַבריק, דער באַלע־באָס זאָל באַפרייען די אַרעסטירטע סטרייקנדיקע מיידלעך. שפּעטער — דער גרויסער צאָרן פון די עלטערן און די דראָענדיקע האַלטונג זייערע, ווען דאָס בעטן האָט ניט געהאָלפן און ווען זיי האָבן „צוגעזאָגט" דעם באַלעבאָס אונטערצוצינדן די פאַבריק, אויב די מיידלעך וועלן ניט קומען אַהיים פון די „יוונים", וואָס האַלטן זיי פאַרשפּאַרט. מ'האָט געבעטן ביים רב און ביי דער קהלה פון די גאָר פרומע אַרעמעלייט מען זאָל ניט שעדיקן די טעכטער.

די געוואונענע פערטל קאָפּיקע אויפן הונדערט פּאַפּיראָסן איז געווען דער גרונט־שטיין פון דער קראַפט און דעם באַוואוסטזיין פון די פּאַפּי־ראָסן־מאַכערינס.

די צווייטע מאַסן־איבערלעבונג איז געווען דאָס אָנקומען פון דייטשע מאַשינען אין פאַבריק. צוליב די מאַשינען האָט מען הונדערטער אַרבעטער אַרויסגעוואָרפן פון פאַבריק, ווייל זיי זיינען געוואָרן איבעריקע, ווייל זייערע פינגער, וואָס האָבן יאָרלאַנג געדרייט פּאַפּיראָסן, האָבן ניט געקאָנט קאָנ־קורירן מיט דעם „משוגענעם טייוול", וואָס נייט פון זיך אַליין, ווי די מייד־לעך פלעגן דאַן זאָגן צווישן זיך.

איז מען געווען אין גאַס. האָט מען געקוקט אויפן ווייסן קאַלטן אַנאָנס, וואָס איז געהאַנגען אין קאָנטאָר פון דער פאַבריק — אַז פון ערשטן־אָן וועלן אַזוי פיל און אַזוי פיל מיידלעך אויך אין אַנדערע פאַבריקן פאַרלירן זייער אַרבעט.

האָט מען זיך פאַרטראַכט, וואָס ווייטער צו טאָן. האָט מען פאַרבראָכן די הענט, און שבת־צונאַכטס, נאָך דער הבדלה, זיך צעוויינט, אַז מאָרגן, זונ־טיק, דאַרף מען שוין נישט גיין צו דער אַרבעט — אַז נאָך אַ מויל קומט אויס צו קאָרמענען אין שטוב, וואו ס'איז ביז איצט אויך ניט געווען גענוג פאַר אַלע מיילער...

***

איין טאג איז אנגעקומען א בריוו אין גראדנע פון א ווייטער שטאט מיט א פרעמדער בלויער מארקע. עס האט געשריבן עפעס א מאן, וואס איז אוועק אין דער ווייטער וועלט, געיאגט פון דער ביטערער נויט — וואס האט געזאלט גאר פארן קיין אמעריקע, זיך אפגעשטעלט אין שוועדן, אין א האפן־שטאט. געשריבן האט ער, אז מען קאן דא געפינען ארבעט. געשריבן צו א פריינט, וואס האט געדארפט גיין דינען אין מיליטער.

איז דער יונגערמאן אוועק. געווען איז ער א פאפיראסן־מאכער. דער־נאך האט ער געשריבן צו א שוועסטער, אז זי זאל קומען. דא אין שוועדן רויכערט מען גאנץ געשמאק און מען קאן מאכן פאפיראסן. זיינען געפארן ארבעטסלאזע מיידלעך. מען האט פארזעצט קישנס מיט צירונג פון דער מאמעס בדן און מען איז געפארן.

די פרוי מאטילדע איז אויך געפארן צו איר מאן, וואס איז נאך פריער אוועק. און געהייסן האט זי נאך דאן: מאטקע. און האט אנגעהויבן דא אין דער פרעמד ווייטער פירן דעם קאמף פארן לעבן. מאטילדע איז געווארן א פאפיראסן־ארבעטערין ביי א שוועדישן באלעבאס. דער באלעבאס איז דער שוועדישער טאבאק־מאנאפאל. א גרויסע פאבריק פון פאפיראסן. דא דרייט מען די פאפיראסן מיט דער האנט, ווייל דאס זיינען די פיינסטע, בעסטע פאפיראסן אין דער וועלט.

צוויי מאל א יאר דרייט זי אליין די לוקסוס־פאפיראסן פארן שוועדישן קעניג. מען נוצט פאר דעם פיינסטן טאבאק.

זיי לעבן דא שוין 26 יאר. זיי האבן שוין א פארהייראטן זון און אן איניקל. דער זון איז א שניידער, א קאמוניסט. די פרוי איז א שוועדישע, א קריסטין. „דא מאכט עס נישט אויס" זאגט מיר די מוטער, „דא זיינען פאראן געמישטע הייראטן. דאס איז ניט גראדנע...."

זיי וואוינען אין א קאאפעראטיווער הויז אין א פארשטאט, וואו עס וואוינען ארבעטער־פאמיליעס. דער מאן אירער איז א שוסטער. קלאגט זיך אויף שלעכטע צייטן. א גרויסע קאנקורענץ הערשט אין לאנד. פאראן גרויסע שיך־פאבריקן, וואס פארקויפן ביליק שיך. איז לוינט זיך נישט געבן פארריכטן די שיך. מען קויפט בעסער נייע. און בלויז לעבן פון איר מאנס פארדינסטן איז שווער. דער ארבעטער פארדינט איצט אין די פאבריקן ווייניק, ווייל מען שניידט כסדר די שכירות. אין זיין ווערקשטאט ארבעט ער אליין. פאראן גאנצע טעג, ווען קיינער גייט ניט אריין צו אים מיט קיין ארבעט. ער איז אויך אן אויפזעער אין דעם הויז וואו ער ארבעט: ער פאסט אויף, אז 9 אזייגער זאל אויסגעלאשן ווערן דאס עלעקטרישע ליכט,

וואָס ברענט אין קאָרידאָר. זייַן ווערקשטאַט איז פּונקט אַזאַ פינצטערע, ני־דעריקע שטוב, ווי אין וואַרשע אויף נאַוואָליפּקע אָדער דזיעלנע גאַס, אָדער ווי אין ווילנע און גראָדנע. עס ברענט אַ לעמפּל איבער דעם נידעריקן טיש, עס ליגן סלאָיעקלעך מיט שו־וואַקס, קעסטלעך מיט טשוועקעס, גומענע אָפּצאַסן און אַנדערע מאַטעריאַלן.

אויפן טיש ליגט דער „ביראָבידזשאַנער שטערן". עס ליגט בראָשורן וועגן דער בויאונג אין סאָוועטן־פאַרבאַנד. עס ליגן ביכלעך פון די „פּויינט פין דער סאָוועט־יוניאָן", אין דער שוועדישער שפּראַך.

אין שטאָקהאָלם, צווישן די יידישע, עלטערע אַרבעטער, אויסוואַנדערער פון פּוילן און לאַטוויע, אויך פון אַלטן רוסלאַנד, איז דאָ אַ קליינע „איקאָר"־באַוועגונג. אַמאָל איז זי געווען שטאַרקער, מעכטיקער. מען האָט געזאַמלט געלט, געמאַכט טעאַטער־אונטערנעמונגען, געהאַט אַ דראַמאַטישן פאַראיין. אָט די אייגענע הבֿרטע מאַטילדע איז אַליין אַ גוטע, פּיאיקע שוישפּילערין. געשפּילט די הויפּט־ראָלע אין „מירעלע אפרת".

**
*

באַשע־דבֿורה, אַן אַלטע גראָדנערקע, אַ פרוי פון 75 יאָר. מיט פופציק יאָר צוריק שוין געאַרבעט ביי שערעשעווסקין אין פאַבריק. אַ לעבעדיקע כראָניק פון נויט און דלות. זי דערציילט, ווי עס האָט זיך אויפגעבויט די פירמע שערעשעווסקי. אָנגעהויבן האָט עס זיך דערפון, וואָס אַ שכן ביי איר מאַמען אין שטוב, טיר ביי טיר, איז געווען איינער אַ ייד, אַן אָרעמאַן מיטן נאָמען קאַצינער. געאַרבעט אין שטוב און געמאַכט פּאַפּיראָסן. גע־שטאַרבן פון הונגער. נישט געקאָנט ווייטער אַזוי לעבן. איז אים איין מאָל געקומען אויפן געדאַנק אַלץ צו פאַרזעצן און גיין אין דער ווייטער וועלט זוכן עפּעס פּרנסה. מען האָט פאַרזעצט אַ פערענע און אַ טערקישן טוך פון דער באָבעס ירושה.

— אַוועק איז ער אין בעסראַבע לעבן ארץ־ישראל, — דערציילט באַשע־דבֿורה (מיינען מיינט זי בעסאַראַביע). — געזען דאָרט אַ גוואַלדיקע מציאה ביי די פּויערים: טאַבאַק. פאַרבראָכן די הענט: „גוואַלד, וואו נעמט מען געלט איינצוהאַנדלען אַזאַ מציאה! אַז אַזאַ גוטער טאַבאַק איז דאָך ניטאָ אויף דער גאַנצער וועלט, ווי אין בעסראַבע". האָט ער אַוועקגעשיקט אַ שליח קיין גראָדנע, אַ ייד אַ דורכפאָרער, מען זאָל למען השם ווייזן די יידן און צו־נויפקלייבן געלט, וועט מען ווערן גליקלעך.

הכלל, מען האָט געזאַמלט דאָס געלט, און ר' הערש קאַצינער איז גע־קומען אַהיים מיט גוטן, טייערן טאַבאַק. און ער האָט געאַרבעט שוין אַלס מייסטער אין אַ פאַבריק פון פופצן מיידלעך.

אַזוי ווי באַשע־דבורהס משפּחה האָט געטאָן טובות קאַצינערס משפּחה, האָט קאַצינער געגעבן אַרבעט מאַטקען, באַשע־דבורהס טאָכטער, דער פריער־דערמאָנטער פרוי מאַטילדע. אַנטקעגן זיי איז געווען די שטוב פון איינעם, וואָס האָט געהאַלטן אַ ברייזל און געמאַכט בראָנפן, הינטער גראָדנע, אין פאַרשטאָט סלאָבאָדקע. דאָס איז געווען הירש־איטשע שערעשעווסקי, דער פאָטער פון דעם שפּעטערדיקן פּאַפּיראָסן־מאַגנאַט. ער האָט זיך דערוואוסט פון דעם טאַבאַק־קוואַל אין „בעסאַראַביע, לעבן ארץ־ישראל", האָט ער גע־נומען ר' הערש קאַצינערן צו זיך און אים געמאַכט פאַר אַ מייסטער איבער 25 מיידלעך, און מען האָט געעפנט אַ פאַבריק.

„זיינע קללות זאָלן קומען אויף זיין קאָפּ", זאָגט די 75־יאָריקע באַשע־דבורה צו מיר. „אָך און ווי איז געווען צו אונדז. ער איז געווען אַ ייד אַ רוצח. וואָס מיר האָבן פאַרדינט האָט ער צוגענומען פון אונדז, פון די מיידלעך. אַניט פלעגט ער סטראַשען מיט אַרויסוואַרפן אין גאַס".

באַשע־דבורה לעבט דאָ ביי דער טאָכטער אַכט יאָר. זי איז אַליין געקומען פון גראָדנע קיין שטאָקהאָלם. צו איר קומט אַ הברטע, עטילע, אויך פון גראָדנע, אַן 80־יאָריקע.

***

דער האַרבסט־ווינט רייסט בלעטער פון געלן קאָליר. ערגעץ־וואו אין דער ווייטער וועלט קומען פאַר די פון באַרטו, פּואַנקאַרע־פאַרבאַטענע דע־מאָנסטראַציעס קעגן די פראַנצויזישע פייערקרייצן, ווייט פון שטאָקהאָלם, אין פּאַריז — ערגעצוואו פאַרנעמט די כינעזישע רויטע אַרמיי שטעט און דער־פער. ערגעץ־וואו לייענט אין דעם אמתן גראָדנע די יוגנט פּאָליטישע וועלט־נייעס. אויף דער ראַדיאָ רייסט זיך אַריין אַ ליד פון אַ מאַטראָס און זיין געליבטער. עס זינגט די שוועדישע זינגערין קאַראַ לינט. זיס און מחיה׳־דיק קלינגט איר שטימע. דרויסן אין צפון סטרייקן קעגן הונגער טויזנט שוועדישע מאַינערס.

דאָס לעבן ברויזט, דער קאַמף גייט אָן.

שטאָקהאָלם, 1934.

פּאַריז אין 1934

איך רעד וועגן פראַנקרייך.

מען וועט, מסתמא, שרייבנדיק די געשיכטע פון „אייראָפּע אין צוואַנ־ציקסטן יאָרהונדערט" מוזן איינטיילן דעם מענטשלעכן מין אין צוויי עפּאָכן: פאַר און נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. ווייל עס ליגט אַן אָפּגרונט אין

דעם לעבנס־שטייגער, אין דער אידעאָלאָגיע, אין דער פילאָסאָפיע פון דער אַרבעטער־באַוועגונג, אין דעם קוקן אויפן לעבן פון די צוויי דורות, צווישן וועלכע עס ליגט דער מלחמה־פייער פון 1914 ביז 1918 — מיט אַלע ספּאָראַדישע באַגלייט־דערשיינונגען און סטיכיש־סאָציאַלע עפעקטן פון קאַפּיטאַליזם.

עס איז נישט זוכטיק פאַר דעם פּראָגצוויזישן פּראָלעטאַריאַט, וואָס דער אויפשטאַנד פון האַמבורג, די בייערישע סאָוועטן, די רעוואָלוציע אין אַסטוריע זיינען געווען טויזנטער קילאָמעטער וויט פון דער פּראָנצויזישער גרענעץ; דער פרילינג פון 1919, וואָס האָט געבראַכט די סאָוועטן־מאַכט אין אונגאַרן און וואָס האָט די ערשטע אַרבעטער־און פויערים־רעגירונג אַוועקגעזעצט אין דעם פּאַלאַץ פון בודאַפּעסט; תבואה־מאַגנאַטן האָבן אַריינגעוואָרפן דעם גויטיקן רעוואָלוציאָנערן קערנדל אין די פּאַריזער אַרבעטער־קוואַרטאַלן אויך.

בילאַנקיר, בעלוויל, סט. אַנטואַן און גאַרטיפיקאַסיאָן האָבן דאָס קערנדל אויפגענומען מיט ליבשאַפט און וואַרעמקייט.

און דער 6טער פעברואַר 1934 האָט כראָנאָלאָגיש זיכער און רעוואָלוציאָנער עפעקטיוו איבערגע׳חזר׳ט האַמבורג, בודאַפּעסט, אַוויעדאָ און בערלין.

דער ביישפּיללאָזער אַרויסטריט פון די ווינער אַרבעטער דעם 12טן פעברואַר 1934 אין קאַמף קעגן פאַשיסטישער דיקטאַטור און נאַצי־אַנשלוס — דאָס איז די איינענע אומשטערבלעכע סטיליסטיק פון רעוואָלוציעס פון אַלע פעלקער און צייטן.

און יעדער אַרויסטריט אין גאַס, יעדער קאַמפּס־זשעסט פון די מאַסן לאָזט איבער אַ גוואַלדיקן קוואַל פון לעבן, ענטוזיאַזם, קלונג און נקמה־רוף.

מען לערנט זיך לעבן.

מען לערנט זיך קעמפן און פאַלן אין קאַמף.

דאָס בלוט שרעקט נישט אָפּ. עס סטימולירט צום ווייטערדיקן קאַמף.

ווערנער הירש, דער דייטשער קאָמוניסט, האָט זייער ריכטיק אויסגעדריקט דעם געפיל פון פיזישער דערלייכטערונג, וואָס אַ רעוואָלוציאָנער פילט, בעת מען פייניקט אים פיזיש און בעת ער קאָן ביי יעדן קלאַפּ פאַר־עקשנ׳ט אַרויסשרייען צו די פייניקער: „איר וועט זיך גאַרנישט דערוויסן פון מיר״. אַרום דעם בלוט אויף די פּאַריזער שטיינער, וואָס איז געפלאָסן פון דעם אַרבעטער ווילעמען אין פעברואַר 1934, זיינען אויסגעוואַקסן יוגנט־קלובן און אַרבעטער־קעמערלעך.

צענדליקער טויזנטער אַרבעטער לייענען דעם נאָמען טעגלעך אויף די שפּאַלטן פון דער „הומאַניטע״. זייערע קינדער פרעגן זיך ביי די טאַטעס, ווער ער איז געווען. זייערע חברים אין גאַס טראָגן עס ווייטער. אין אַ קינ־

זיערשן געמיט פאַלט אַריין דער פונקט פון דערוואַכונג. און די געשיכטע טוט דאָס איריקע. זי שלייפט די וואָפן פאַרן מאָרגן.

דער האָטעל „מעטסידאָר“ געפינט זיך אויף דער „רי וואזשיראַרד“, אין דעם לעבעדיקן קוואַרטאַל פון אַ פּאַריזער פאָרשטאָט. „פאָרט דע שאַפּעל“, גראָד אַ שטאָט־טייל וואו די אימיגראַציע האָט זיך איינגעפונדעוועט.

צוערשט די ווייס־גוואַרדייאישע, שפּעטער — די קוואַליטאַטיוו־בעסערע, די דייטשע. מען קלייבט זיך ניט אויס דעם קוואַרטאַל ווי מען וויל, נאָר ווי ס'לאָזט זיך. פאַר די ווייסע עמיגראַנטן זיינען די טויערן פון סאָוועטן־פיינט־לעכן פראַנקרייך אין 1919 געשטאַנען ברייט אָפן. הונדערטער טויזנטער רוסן, גאַנצע רעגימענטער פון קאָזאַצקע און קאַוואַלערייסקע דיוויזיעס זיינען אַהער געקומען נאָכדעם ווי וואָראָשילאָוו, פרונזע און טוכאַטשעווסקי האָבן צע־קלאַפּט וורא־נגעלן, דעניקינען און פּעטליוראַן. גאַנצע לאַנדסמאַנשאַפטן און פריצישע דורות האָבן זיך דאָ צוגעטוליעט צו דעם ווייך־וואַרעמען פראַנ־צויזישן האַרצן און צו דעם הייס־האַסנדיקן אַנטי־סאָוועטישן געמיט פון דער בורזשואַזיע.

דאָס גוט־האַרציקע פּאַריזער פאָלק, די „עפּיסיערס“ (גראָסערס) און די „פּאַטראָנס“ (באַלעבאַטים פון קליינע שענקען און קאַפעס) האָבן אויף זיי געקוקט ווי אויף זייערע קלאָגן, וואָס האָבן דאָך אויך פאַרלאָרן די פּאָר סענט אין די צאַרישע ווערט־פּאַפּירן. דעם קוק פון די אַרבעטער האָבן זיי נישט געטיילט. אַליין צוגעבונדענע צו פּריוואַט־אייגנטום און פּראָפיט־מאַכעריי, זיינען זיי ווייט געווען פון פאַרשטיין די ראָלע פון קלאַסן־שונאים און קאָנטר־רעוואָלוציאָנערן. דער אַטענטאַט פון קאָרנילאָוון און די אַנטי־סאָוועטישע אַק־טיוויטעט פון די ווייסע עמיגראַנטן, וואָס די פראַנצויזישע פּרעסע האָט באַ־לויכטן האָט זיי אַביסל געעפנט די אויגן.

אָבער דער בעסטער אויפקלער איז פאַר זיי געוואָרן דער קריזיס. די אַרבעטלאָזיקייט איז באַלד געוואָרן אויסגענוצט פון דער פראַנצויזישער רע־אַקציע כדי צו פאַרמאַכן די אויגן פון דער פּאַריזער אָרעמשאַפט אויף דער גוואַלדיקער קאָרופּציע און אויף די סקאַנדאַלן אין די מיניסטעריומס, ווי די אַפערע פון סטאַוויסקי און אוסטרין, און כדי דעם פאָלקס־צאָרן צו דיריגירן קעגן די נייע, מאַסנווייז איבערגעקומענע אין 1933 עמיגראַנטן — די דייטשע, און די שוין פריער אין פראַנקרייך באַזעצטע — פּוילישע און יידישע.

די אַנטי־פרעמדן פּראָפּאַגאַנדע האָט באַלד געגעבן אירע רעזולטאַטן: עס האָט זיך אָנגעהויבן אַ סעריע זאָאָלאָגישע אַבלאַוועס אויף אויסלענדער, וואָס האָבן די פּאַפּירן נישט אין אָרדענונג אָדער וואָס אַרבעטן, נישט האָבנ־דיק קיין אַרבעטס־קאַרט.

דער קריזיס בושעוועט. די פראַנצויזישע אַרבעטער אַרבעטן נישט. אין

לאַנד איז דאָ ביי אַ דריי מיליאָן אַרבעטסלאָזע. נישט אָפיציעל, נאַטירלעך.

אין די באַנקן, קאַנטאָרן, אין קליינע פאַבריקן און אונטערנעמונגען, אין קליינע אטעליעס און וואַרקשטאַטן, איז פאָרגעקומען אַ גרויסע רעדוקציע אין פערסאָנאַל.

עס אַרבעט די גאַנצע משפּחה אין „שעפּל" ביי די „פּאַסאַזשירס" — פאַר די היים־אַרבעטער וואַרט דער עלנט אין הונגער און אויסוויז־געפאַר. די גאַס, די הילכיקע פּאַריזער גאַס, וואָס איז געוואָרן שטיל, זי לעבט מיט האַלבע לונגען. דער לעבנס־מינימום איז געוואָרן אַ פּרייז, פאַר וועלכן מען קעמפט ביטער.

עס שטייען נאָך די גראָבע פּאַריזער בלומען־הענדלערקעס אויף די ראָגן פון די גאַסן מיט בינטלעך פיאַלקעס, נאַרציסן, מימאָזע און ראָזן.

עס שרייען נאָך די וויציקע פּאַריזער צייטונגס־מענער און יינגלעך, פאַרטיילנדיק איבער די געסט פון קאַפע די צייטונגען און בלאָזנדיק אין די פלאַכע הענט „אויף גוט גליק".

עס שטייען נאָך די טישלעך מיט געפלאָכטענע שטולן אין דרויסן אויף די טראָטואַרן פון די קאַפעס און „ביסטראָס", וואו מען טרינקט דעם „אַפּעריטייר" (אַבסענט) אָדער די שוואַרצע קאַווע. אין אַ ווינטער־טאָג שטייט אויפן טראָטואַר אַן אויוון מיט ברענענדיקע קאָקס און „וואַרעמט" די פּאַריזער לופט און די פּראָנצויזן. עס ליגט אויף די טישן אין דרויסן געפלאָכטענע קערב מיט אויסטערס און שטיקלעך אייז אויף זיי. עס קייטלען זיך גרויסע לאָבסטערס. עס לאַדן איין צום עסן פאַזאַנעס און ווילדע הינער, יונגע הזירים און געבראָטענע זשאַבעס.

עס שפּילט אפילו אויף „פּלאַס פּיגאַל" — דער צענטער פון פּאַריזער נאַכט־לעבן אַן אָרקעסטער פון מאָראָקאַנישע ברוין־הויטיקע געוועזענע סאָלדאַטן. אויך אַ וואַנדער־צירק שפּילט זיך מיטן געדולד פון הינט, פליי און שלאַנגען.

עס בליצן און פינקלען, פאַרלעשן זיך און בליען ווידער אויף די פּלאַקאַטן מיט סענסאַציאָנעלע צוזאָגן.

עס רייבן זיך אָן אייך געשטאַלטן אין אָריענטאַלישע בורניסן און צוזאָגנדיקע שוואַרצע אויגן. דער הימל פון אַלזשיר און די אָקופּאַציע פון פראַנצויזישן מיליטער פּראָדוצירן דעם סינטעז פון קריכנדיקער דינסט־פּאַרטייקייט, וואָס איז באַשטימט פאַר עקספּאָרט און וואָס באַדינט דעם אויסלענדער, וועלכער קומט אַהער זוכן פאַרבאָטענע סענסאַציעס.

די פּלאַקאַטן זיינען פאַר דער זיטן־פּאָליציי און די קאַרטלעך, וואָס ווערן פאַרטיילט פון אונטערן בורניס פאַר פּריוואַט־געברויך. קליינע מיידלעך — יונג אָנגעטאָן און אַלט אָנגעזען — שטייען לייכט אָנגעשפּאַרט אָן די

מיידלעך מיט שפּילציִיק, נאָטן מיט לידער, אייז־קאָנפעקטן און פֿאַלשע די־
מאַנטן און ריידן מיט אויגן — יעדער גלוסט וועט ווערן באַפרידיקט... „די
נאַכט איז לאַנג — אונטער די בריקן איז פינצטער — איך דאַרף אַן אָרעם
שטאַרק און גוט״ — זינגט אַן אַלטע פרוי מיט אַ דרום־אַקצענט.

אָבער פון דעם גאַנצן היינטיקן פּאַריז יאָגט אַזאַ אומעט, אַזאַ קלייניר־
אָרעמער מאַסשטאַב... אַזאַ נאַקעטער באַנקראָט פון קליין קאַפּיטאַליזם, און
פּעסימיזם פון דער בירגערלעכער עסטעטיק און אַזאַ דלות פון דעם אַמאָליקן
„וועלט־ליבעס־מאַרק״, אַז נישט ווילנדיק קומט אויפן זין דער געדאַנק: די
בורזשואַזיע פאַרנעמט זיך דאָ אין די פאָרשטעט מיט „רעליף״־אַרבעט פאַר
דער אונטערוועלט... אויף אַ באַשטימטן געביט.

קומט מען צוריק אויף די וואַזשיראַרד, אין דעם האָטעל „מעסידאָר״ —
די גאַס טומלט מיט די לעצטע איינקויפן צום אָונט פאַרן שלום פון די
געוועלבער.

מען קען ניט גיין אויף די טראָטואַרן, ווייל עס איז ניטאָ קיין פּלאַץ.
אָנגעוואַליעט פרוכט, גרינסן, געצופּטע הינער, זייף, אייער, קאָנסערוון, סווע־
טערס, שיך און שאַליקעס. אַ קעסל שטייט אויף אַן אייזערנעם אויוון און
אין קעסל קאָכן זיך קאַרטאָפל; אין אַ צווייטן — אַ זופּ, אין דריטן — אַר־
בעס און מערן, בוריקעס אָדער שפּאַראַגעס. מען קויפט אַ טעלער קאַר־
טאָפל און אַ ביסמאַרק הערינג.

איך טרעף טאַקע הילדאַ — אַ דייטשע מיידל, אַן עמיגראַנטקע פון בער־
לין, וואָס שרייבט אַ גאַנצן טאָג אויף דער מאַשינקע אין צימער נומער 5
און הוסט אונטער. זי איז די פרוי פון אַ זייער פעיִקן יונגן דייטשן ייִד,
וואָס איז געווען רעקלאַמע־שעף אין אַ גרויסן דייטשן וועלט־פאַרלאַג אין
בערלין, אַ גלענצנדער באַוואַטער אויף די געביטן פון טעכניק, דער אויטאָר
פון זייער וויכטיקע רעפּאָרטאַזשן. אַלס ייִד — געמוזט עמיגרירן. געקומען
אין פּאַריז, אָנגעהויבן זוכן אַרבעט. פאַרקויפט צייכענונגען פאַר מאָדל־הײַי־
זער — ווען ער שרייבט גאָרנישט. ער האָט אַ גלענצנדע אידייע וועגן אַ
טעגלעכער צייטונג אין אַ ספּעציעלן פאָרמאַט — רעאַליזירט ער איצט. מען
שלאָגט זיך דורך. אַמאָל איז דאָ געלט — אַמאָל נישט.

אָבער קאַרטאָפל אין פעלצלעך מיט הערינג איז אַ היימישער דייטשער
מאכל. קומען זיך צונויף די פריינט, וואָס וואוינען אין דעם האָטעלעכל „מע־
סידאָר״ — עמיגראַנטן פון בערלין — אַן אינזשעניער. היינער, אַ ראַדיאָ־
טעכניקער, מיט זיין פריינדין. קומט הילדאַ מיטן ייִדישן פריינט, געראַ־
טעוועט פון נאַצי־קעלער אין דייטשלאַנד. קומען מיינע טייערע פריינט פון
סאַארבריקען — אירמאַ מיט איר מאַן, משה, אַ פּוילישער אַדוואָקאַט, וועל־
כער איז געווען אין די קריטישע טעג פון „פּלעביסציט״ אין סאַארבריקען

דער שוק־גייסט פאַר די חברים, וועלכע ער האָט אַרויסגעהאָלפן מיט אַלעם מעגלעכן. קומט מען זיצן צוזאַמען אונטער פראַנקרייכס פרייהייטס־הימל און מען פאַרברענגט אַן אָוונט.

מען רעדט די אייגענע שפּראַך, דעם סימבאָל פון הייגע, געאָרג הערווערט, לאַסאַל און — טעלמאַן...

פּאַריז הונגערט

דאָס פאָלק פון פּאַריז הונגערט.

די שטאָט פּאַריז האָט איר צויבער. די פּאַריזער זיינען פאָלקסטימלעכער ווי די פּראָווינץ מענטשן. זייערע דורות אַרבעטער, קליינע אָנגעשטעלטע, אַרבעטערינען, זייערע קאָפּעטעריעס — די אייגנטימער פון דעם קליינעם קאַפע „ביסטראָ", וואו מען לויפט אַריין אויף גיך אויסצוטרינקען דאָס גלעזל קאַווע שטייענדיקערהייט — ווערן דערהויבן און אינספּירירט פון דער קלינגענדיקער, גוטמוטיקער, לעבעדיקער פּאַריזער גאַס, ביי די בולוואַרן, ביי די טויערן — ביי דעם קאָנסיערדזש — וואָס עפנט אייךביידערנאַכט די טיר.

דער פּאַריזער אַרבעטער איז דער שטענדיק גרייטער אויסברוך־מאַטעריאַל, וואָס דאַרף נאָר דעם פונק, און ער צינדט שטאָט־טיילן. די טראַדיציע פון קאָמפּערישע, ספּאָנטאַנע אַרויסטרעטונגען לעבט.

דאָס טעגלעכע שווערע לעבן, דער הונגערדיקער קריזיס, די אַרבעטסלאָזיקייט זאָגן שוין, אַז פונקען זאָלן שפּריצן. דער דראָענדיקער פאַשיזם קעגן וועלכן דער פּאַריזער אַרבעטער איז פאַראַיאָרן אַרויס אין די גאַסן אין אַ פּראַכטפולן אַרויסטריט, אין אַ פּראָלעטאַרישער אָפּענסיווע, האָט ווידעראַמאָל געוויזן דער בורזשואַזיע, אַז דער טעראָר, הונגער און אויסנאַמס־געזעצן קענען ניט אָפּהאַלטן די פּאַריזער און פּראָווינציעלע אַרבעטערשאַפט צו שטיין אויף דער וואַך און גרייטן צום געווער — צום מאַסן־סטרייק.

אַ גרויסע, דערפרייענדיקע ענדערונג איז פאָרגעקומען פאַר די לעצטע דריי יאָר זינט איך האָב צולעצט געזען פּאַריז, צווישן די יידישע אַרבעטערמאַסן אין פראַנקרייך. עס איז אויסגעוואַקסן אַ גוואַלטיקער יידישער האָרעפּאַשנער צענטער. עס דערשיינט זייט אַ יאָר אַ טעגלעכע יידישע אַרבעטער־צייטונג, די „נייע פּרעסע", דער איינציקער רעוואָלוציאָנערער אַרבעטער־אָרגאַן פון מערב־איראָפּע. עס עקזיסטירן יידישע אוניטאַרע פּראָפּפאַראיין סעקציעס. מען האָט אַריינגעצויגן און אָרגאַניזירטן קלאַסן־קאַמף די פראַנצויזיש־יידישע קוסטאַרן. עס פונקציאָנירן אַרבעטער־קלובן. דער יידישער אַרבעטער־צענטער „בעלוויל" איז אַ זעלבסטשטענדיקע נאַציאָנאַלע איינס. ער האָט זיין אַרבעטער־קלוב, דעם „באַק".

עס איז דאָ אַ ריי רעוואָלוציאָנערע קולטור־און ספּאָרט־אָרגאַניזאַציעס: די קולטור־ליגע, דער אַרבעטער־אָרדן, דער „געזערד", דער „יאַסק", אַ רויטע ספּאָרט גרופּע, דער „פּיאַט" — אַ פּראָלעטאַרישער טעאַטער, קינדער פּיאָ־נערן־גרופּן, יידישע אַרבעטער קינדער־שולן, אַ כאָר. אָבער די הויפּט־זאַך איז — די צייטונג.

מיט גרויסע קרבנות און אַ מאַסן־אונטערשטיצונג איז געשאַפן געוואָרן אַטאַ־די פּעסטונג. עס האָט ביז אַהער געהערשט דער פּאַריזער „היינט" אויף דער יידישער גאַס און האָט יאָרנלאַנג פּאַר׳סמ׳ט די האַרעפּאַשנע לייענער. די פּראָלעטאַרישע צייטונג דער „מאָרגן". וואָס פּלעגט אַרויס צוויי אָדער דריי מאָל אַ וואָך, האָט נישט געקענט דערפּילן איר אויפגאַבע צו זיין אַן אומבאַדינגטע און שטענדיקע דערציערין פון די מאַסן.

היינט איז דאָ די טעגלעכע צייטונג. עס איז דאָ אַ היימישע שטוב פאַר דעם אַרויסגאַנג פון דער קאָלעקטיווער ענערגיע, דעם געדאַנק, דעם פּראָ־טעסט און דער באַפרידיקונג. דעם 23טן דעצעמבער איז טאַקע געווען דער ערשטער איין־יאָריקער יובילייי פון דער „ניייער פּרעסע". אַן ערך פיר טויזנט אַרבעטנדיקע מיט זייערע משפחות האָבן אָנגעפילט דעם גרויסן שיי־נעם זאַל פון „מיטיאַליטע". אַ רייכער פּראָגראַם פון סקעטשעס כאָר־געזאַנג, גימנאַסטישע איבונגען און אַ טעאַטער־אויפפירונג האָבן געפאָלגט נאָך די באַגריסונגען פון פאָרשטייער פון רעוואָלוציאָנערע און קולטור־אָרגאַניזאַציעס.

דער גוואַלטיקער עולם איז געזעסן דיסציפלינירט אין אַ מוסטערהאַפ־טער אָרדענונג בעת מען איז צוגעטראָטן צו דעם ערשטן טייל פון אָוונט. עס איז געווען אַזאַ ענגשאַפט — די דורכגענג זיינען געווען אַזוי פאַרפּלייצט מיט מענטשן — אַז עס איז געווען אַ גלענצנדע דעמאָנסטראַציע פון פאַ־ריזער יידישן האַרעפּאַשנעם פאָלק פאַר זיין טעגלעכער, הייס־אויסגעקעמפּטער פּרעסע. די היטער פון דער אָרדענונג, דער באַזיצער פון דעם זאַל „מיטי־אַליטע", וואָס איז, ווי מען גיט איבער, אַ מיטגליד פון דער פאַשיסטישער „קרוא דעפע" (פייער־קרייץ), האָבן אָבער ניט געוואָלט, אַז די פייערונג זאָל דורכגיין אַזוי מאַסנהאַפט, ווי זי האָט זיך אָנגעהויבן. פּאָליציי איז אַריין אין זאַל און האָט אולטימאַטיוו פאַרלאַנגט, מען זאָל אָפּראַמען די דורכגאַנגען, אַז ניט וועט זי שליסן די פאַרזאַמלונג.

אַדאַנק די אָרדענונג אונדזערע איז דער פּראָצעס פון אָפּראַמען די דורכ־גענג אַדורך בשלום. אַ מאַסע אַנוועזנדע האָבן אָבער מיט די בילעטן אין האַנט געמוזט אַוועק אַהיים, ניט רעכענענדיק די, וועלכע האָבן שוין פריער פון גאַס געמוזט אַוועק, ווייל עס זיינען ניט געווען קיין ערטער.

מען מוז זאָגן, אַז עס איז געווען גלאַט אַ וואונדער, וואָס די מערהייט איז זיך נישט צעגאַנגען אַהיים. ווייל אין פּאַריז קומען פאַר אין די לעצטע

פּאָר מאָנאַטן כסדר׳דיקע אָבלאַוועס אויף די דורכגייער, אין די יידישע קוואַר־טאַלן, אין די קאַפע־הייזער, אויף פּאַרזאַמלונגען. אין גאַס פרעגט מען ביי מענטשן, וואָס זעען אויס ווי פּרעמדע, זייער קאַרט, די „אידאַנטיטע״ (דעם וואוין־רעכט), און די אַרבעטס־קאַרט. די וואָס האָבן ניט די קאַרטן, באַ־קומען אַן אויסרוויז. זיי מוזן פאַרלאָזן דאָס לאַנד. זיי באַקומען פאַרשיידענע טערמינען צו פאַרלאָזן דאָס לאַנד — קאַרטלעך מיט פאַרשידענע קאָלירן: אַ רויטע, אַ ווייסע, אַ בלויע. מען קיבעצט און מ׳ווערטלט זיך צווישן עולם

— ביסט אַ רויטער צי אַ ווייסער?

— איך בין גאָר אַ בלויער.

מען האָט אַרויסגעשיקט טויזנטער פּוילישע, יידישע און דרום־באַלקאַ־נישע אַרבעטער. עס האָט זיך אָנגעהויבן באַלד נאָכן מאַרסעלער אַטענטאַט אויפן יוגאָסלאַווישן קעניג.

אומרואיק און שטיל אָטעמט ביינאַכט „דאָס פּלעצל״ — דער יידישער צענטער פון קלענערע און גרעסערע סוחרים — פון יידישע רעסטאָראַנען, בשמים־געזועלבער, יאַטקעס, צייטונגס־קיאָסקן, טאַבאַק־סטענדס און סתם אַלטע, גרויע, שמוציק־פיכטע הייזער.

מערקווירדיק־גליך זיינען זיך די פּלעצער פון יידישער מאַסן־אימיגראַנ־דירונג אין מערב. מיט עטלעכע טעג צוריק האָב איך געזען, ווי ס׳איז גע־האַנגען אין לאָנדאָנער „ווייטשעפּעל״ אין אַ קליינער יאַטקע ביים „קאָמער־שיאל ראָוד״ אַ פערטל קאַטשקע אין פענצטער. אין אַנדערן האַלבן פענצטער איז געלעגן אויף אַ ברעטל אַביסל ציבעלעס מיט פעטרישקע און אַ שיסל מיט זויערע אוגערקעס.

דאָס אייגענע מעניו ליגט דאָ אין פּאַריז — אין דער געגנט, וואָס הייסט כען־פּאַל — און וואָס די יידן האָבן דאָ אַ נאָמען געגעבן „דאָס פּלעצל״.

פוילישע יידן זיינען אַהער געקומען זוכן פּרנסה. געזונטע קיילער־יונגען צעהאַקן אויפן יאַטקע־קלאָץ חלקים פלייש. מען זאָגט אין דעם פראַנצויזיש־יידישן לשון דאָ אויף זיי די „בושערס״.

דאָס „פּלעצל״ איז פריייטיק פאַרנאַכט שוין באַדעקט מיט אַ שבת׳דיקער שטילקייט פון אַ פּויליש שטעטל. בלאָנדע אָדער שוואַרץ־האָריקע קליינע קינ־דער טומלען אויף דער שמאָלער גאַס. אַ ציקליסט פאָרט דורך. אַמאָל אַ לאַסט־אויטאָמאָביל. זעלטענער אַ לימאָזין. אָבער טאַטשקעס, וואָס פירן פראַ־דוקטן אָדער קוילן מיט האַלץ, און אין וועלכע עס איז איינגעשפּאַנט אַ מענטש מיט אַ הונט — איז ניט זעלטן.

אַרומגעוואַשענע יידן גייען שנעל אין בית־מדרש. מען בענטשט באַלד ליכט. פאַרגעסן ווערן אויף דריי שעה די דאגות און צרות פון פאַ־רוזער הענדלער, און ער וועט זיך שאָקלען מיט פאַרגלאָצטע אויגן צום

ארון־קודש געוועגדט. זיין זון וועט גיין אַרויספירן אַ מיידל צום „דאַנס". מאָרגן וועט ער אָפּן האַלטן דאָס געוועלבל, ווייל צוויי טעג וואַקאַציע איז פאַרן קרעמל צופיל — צייטן זיינען שלעכטע.

נאָך קיין מאָל האָט אַזאַ געדריקטע שטימונג נישט געהערשט צווישן דער פּאַריזער אַרבעטער־און קולטור־מאַסע, ווי היינט. די קליינע און גרויסע באַלעבאַטים פון „אַטעליערס" פון שעפּער און ווערקשטאַטן האָבן מורא צו האַלטן אַרבעטער, וואָס האָבן נישט קיין אַרבעטס־קאַרט, ווייל מען באַשטראָפט זיי דערפאַר. נעמט אַזאַ באַלעבאָס אַ פראַנצויז, אָדער אַ מענטשן, וואָס האָט אַן אַרבעטס־קאַרט, בלייבט דער אַרבעטסלאָזער און רעכטלאָזער אויסן.

פּאַריז, דאָס יידישע אַרבעטנדיקע פּאַריז, הונגערט. עס הונגערן די איינוואַנדערער — די פליכטלינגען פון דייטשלאַנד, פון פּוילן. צווישן דער אַרבעטער־אינטעליגענץ, שרייבער, יונגע דיכטער, אַרטיסטן, לערער, סטודענטן פון אַרבעטער־אוניווערסיטעט גייט אַרום דער הונגער.

עס מאַכט אַ שווערן איינדרוק צו זען די אָפּגעמאַטערטע ביז גאָר פּנימ'ער, די בלאַסע, אָפּגעבליאַקירטע האָר — אַ סימן פון כסדר'דיקער אונטערדערנערונג.

איבערן „פּלעצל" גייען אויך בעסער אָנגעטאָנענע יידן — דייטשע עמיגראַנטן. איך גיי מיט דעם יונגן דיכטער, חבר ראַלניק, איינער פון די טאַלאַנטפולסטע פון דער פּוילישער גרופּע. זיינע אַרבעטן דרוקן זיך אין סאָוועטישע צייטונגען — אין „שטערן". און קען פּאַריז. האָט ער אָבער געלעבט אין דייטשלאַנד. ער איז אַן אַרבעטער — היינט אַרבעטסלאָז.

ער דערקענט אַט איינעם אַזאַ יידן — פון פראַנקפורט. דאָרט האָט ער אים געזען מיט אַ פּאָר יאָר צוריק. דער ייד דערקענט אים אויך. ער רופט אים אָן. און גלייך דערשרעקט זיך דער ייד. דאַכט זיך — דאָ אין פּאַריז — ווייט פון דייטשלאַנד. אַ צווייטער ייד רופט אים אָן ביים נאָמען אויפן „פּלעצל".

איז אָבער דער ייד צעטומלט:

— ווער זייט איר? וואָס ווילט איר פון מיר?

— גאָרנישט. מיר האָבן זיך געטראָפן אין פראַנקפורט, ביי ראָזענבערגן אין שטוב. איר געדענקט?

דער ייד באַרואיקט זיך.

— און ווער איז די מאַדאַם?

— אַן אַמעריקאַנערין, אַ שרייבערין אין אַ יידישער צייטונג.

דער ייד איז פאַרזיכטיק.

— ווי לעבט זיך אייך דאָ?

— גוט. אָבער מיין אָרעם קינד אין דייטשלאַנד מוז באַצאָלן פיר טויזנט גאָלד־מאַרק, וואָס איך פלעג באַקומען יאָרנלאַנג אַ פּענסיע אַלס עלטער־פאַרזאָרגונג.

אַזוי ווי איך האָב עמיגרירט, מוז זי איצט צאָלן דאָס, וואָס די מלוכה האָט מיר געצאָלט נאָך איידער היטלער איז געקומען צו דער מאַכט.

איך בין דאָ ביי אַנדערע קינדער מיינע. אָבער איר זעט עפּעס שלעכט אויס, — גיט ער אַ זאָג צו חבר ראַלניק.

אַוודאי זעט ראַלניק ערגער אויס. אַרבעטסלאָז. אָן אַ פּענסיע און אָן קינדער, וואָס זאָלן פאַר אים צאָלן. ער איז ערשט 28 יאָר אַלט. אָבער הונגערט שוין גאַנץ געשמאַק.

איך האָב גערעדט מיט חברים, וואָס איך קען זיי פון בערלין, קאָפּענהאַגען, פּוילן. זיי זיינען געקומען אין פּאַריז, ווייל דאָ איז דער גרויסער צענטער. דאָ פלעגט זיין אַרבעט, אַ גרויסע חבר'שע סביבה. אַ פּלאַצוואָוקע — ווי מען זאָגט דאָ. געווען אַרבעט. געווען אַ משפחה פון יונגע קינסטלער, דיכטער, שרייבער. דאָ איז אַ קלוב, דאָ לעבט די גרויסע משפחה פון פראַנצויזישע אַרבעטער. דאָ קעמפט מען, דאָ לעבט מען זיך אויס אויף אַלע מענטשלעכע, געזעלשאַפטלעכע פראָנטן.

היינט האָבן זיי טיפּוס־דערשיינונגען, קאָפּ־ווייטאָקן, איבלקייט, האַרץ־פעלערן. מען גייט צופוס צו דער פּראָבע פון „פּיאַט", ווייל מען האָט ניט אויף אַ סאָבוועי־בילעט. מען מאַכט די גימנאַסטישע איבונגען און מ'פאַלט אַראָפּ פון דעם טראַפּעז, ווייל די קני ציטערן, די מוסקולן זיינען שלאַף.

פאַריז הונגערט.

נאַטירלעך חלומ'ען די מענטשן פון פאָרן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד, פון אַרבעטן אין דעם אויפבוי פון דער יידישער אויטאָנאָמער געגנט. אין זייערע הונגעריקע אויגן ליגט די שטומע פראַגע: ווען מען מיך דאָרט ברויכן?

צום ערשטן מאָל איז שווער געווען צו ריידן וועגן די פּערספּעקטיוון פון „צוקונפטיקן ביראָבידזשאַן": ווייל סוף כל סוף וועלן זיי דאָך דאָ פיזיש אונטערגיין. און צוליב עטלעכע הונדערט מענטשן, וואָס זיינען געפאָרן פון אַמעריקע, אַרגענטינע און פראַנקרייך מיט לאָטוויע — און זיינען צוריק געקומען, ווייל זיי האָבן זיך פאַרגעשטעלט דאָס לעבן דאָרט לייכטער — קענען די נישט פאָרן, וואָס ווילן אַלץ טאָן — נאָר זיין פריי פון אַבלאַוועס, פון קלעפּ פון פּאָליציי, בעת מען כאַפּט זיי אָן אַ קאַרט דאָ. אפילו די, וואָס זיינען צוריקגעקומען פון ביראָבידזשאַן מיט צוויי יאָר צוריק — די פאַריזער גרופּע — ווילן שוין ווייטער פאָרן. זיי האָבן חרטה, וואָס זיי זיינען נישט געבליבן — אַזוי איז דאָ שלעכט.

פון פאריז קיין סאארבריקען

דער מזרח־וואקזאל פון פאריז האט דעם 2טן יאנואר פארגעשטעלט מיט זיך א מיליטער־לאגער. דער גוואלטיקער זאל און די צוגאנגען צו די באן־ליניעס וואו די צוגן גייען אפ נאך מעץ, סטראסבורק און סאארבריקען — און פון דארט ווייטער איבער שטוטגארט און פראג, נאך ווין און דעם באל־קאן, האבן געשווימלט פון בלויע אינפאנטעריע־מאנטלען, כאקי־פרענטשעס און שווארצע עלעגאנטע אוניפארמען. מען האט געגעבן בלויז פיר טעג אור־לויב אויף ניי־יאר — דעם פייערלעכסטן יום־טוב אין פראנקרייך — און דעם 2טן יאנואר בייגאכט האבן די סאלדאטן געמוזט שוין זיין אין קאזארמעס פון די גרענעץ־שטעט.

א האלבע שעה פארן אפגאנג פון די צוויי צוגן — אין נאנסי און אין סאארבריקען — האט זיך אפגעשפילט אויף דער פלאטפארמע אן אמת׳ע עוואקואציע־סצענע. מיט טרערן פון מאמעס ביים געזעגענען זיך מיט זין, פרויען פון מענער און קינדער פון טאטעס, אנגעלאדן מיט שווערע פעק עסנווארג, מיט קעסטלעך אין האנט ,מיט רוקזעק אויפן רוקן, מיט געפלאכ־טענע פלאשן וויין ביים גארטל — זייגע די בלויע, יונגע פראנצויזישע סאל־דאטן געלאפן ביי די זייטן פון וואקזאל און הינטער זיי זיינען געגאנגען צוג־פירער מיט א לאמטערן און א פעקל אורלויב־בילעטן און האבן אלעמען געשיקט צו די וואגאנען, וואס האבן אויף זיך געהאט א ווייסע שילד: „פאר די אורלויבערס״. ס׳זיינען כסדר געלאפן אלץ נייע און נייע מחנות פוס־גייער אין קאוואלעריסטן.

מיר פארן. איבער באר־לע־דיוק א שטאט ביים פראנט בעת דער מלחמה, איבער מעטץ און פארבאך. דער צוג איז אנגעפאקט ביז גאר. און גראד צו דער סאמע גרענעץ זיינען געפארן די מיליטער־לייט.

אין מיין וואגאן זיצט א דרום־פראנצויז, א רייזנדער פאר א געשעפט, א יונגער מאן פון עלזאס, א פראנצויזישע דאמע און צוויי יידישע פרויען, יונג, שיין, עלעגאנט אנגעטאן! די צוויי פרויען פירן, זינט דער צוג האט זיך גערירט, חשבונות, וויפל געלט זיי האבן אויסגעגעבן אין פאריז און וויפל די יינגערע איז שולדיק דער עלטערער.

זיי רעכענען אויף דייטש — הויך, מיט אויסגעשרייען, מיט געלעכטערס, מיט אלע צוואנציק פינגער — מיט בלייפעדער און א בלאט־פאפיר.

די פראנצויזישע דאמע ווארפט זיי צו גיפטיקע בליקן — קוקט אויף מיר, ווי זי וואלט געזוכט דערמוטיקונג און שמייכלט מיט בייסיקער אי־ראניע צו די צוויי יונגע מענער. און איך מוז שווייגן. פון פאריז ביז מעץ — פיר שעה נאכאנאנד — האט מען געפירט דעם חשבון און עס איז אנ־

געגאַנגען אַ האַנדל און מען האָט געציילט די מטבעות, דייטשע מאַרקן און פראַנצויזישע פראַנקן. עס איז געווען מיאוס צו קוקן.

עס זיינען געווען נאָך דריי פרייע ערטער אין קופע און די פראַנצויזישע דאַמע האָט איבערגעריסן דעם קוקן, עפּעס נדיק די טיר אין קאָרידאָר און זאָגנדיק: „דאָ זיינען פאַראַן דריי פּלעצער פרייע". דריי יונגע סאָלדאַטן האָבן זיך באַלד אָפּגערופן און געדאַנקט.

די צוויי יידישע פרויען האָבן אויפגעהערט צו רעכענען, ווייל סאַאַר־בריקען איז אַ „געבענטשטע" שטאָט, ווי זי זאָגט. מען מעג אַריינפירן די גאַנצע וועלט און מען דאַרף נישט צאָלן קיין שטייערן.

פירט מען טאַקע אַריין אויף וואָס די וועלט שטייט: סיי פון דייטשלאַנד, סיי פון פראַנקרייך,

די צווייטע, די איינגערע און שענערע, לעבט אין שטוטגאַרט, אַרבעט אין דער יידישער קהילה און איז אירע אַ קרובה.

בשעת זי רעדט מיט איינעם פון די דריי סאָלדאַטן, אַ בריגאַדיר — אַ שיינעם דרום־טיפּ פון אַ פראַנצויז — צערעדט זיך די עלטערע מיט מיר.

„יידן האָבן נאָכן פּלעביסציט אַבסאָלוט ניט קיין מעגלעכקייט צו לעבן ווייטער אין סאַאַר־געביט. וועט דורכגיין דער סטאַטוס־קוואָ, וועט זיין אַ מלחמה מיט פראַנקרייך. וועט ניט זיגן דער סטאַטוס־קוואָ וועט אַריינמאַר־שירן היטלער. צוויבריקען איז אינגאַנצן פערציק קילאָמעטער פון סאַאַר־בריקען. אין צוואַנציק מינוט קענען די מיליטער־אויטאָס זיין אין שטאָט — אין פינף מינוט די באָמבען־וואַרפער.

„אָבער אפילו אַז עס וועט זיגן דער סטאַטוס־קוואָ, וועט מען סיי ווי צעטיילן דאָס סאַאַר־געביט אין צוויי „זאָנעס": אַ דייטשע און אַ פראַנצוי־זישע. און ווער קען וואַרטן אויפן גורל, וואָס וועט אים פאַרזעצן צו פראַנק־רייך?

„זיינען מיר איינגעפּאַקט. די סחורות אַוועקגעשיקט אין פאַריז. די געלט — פראַנצויזישע — אַריבערגעפירט אין „באַנק דע פראַנס". אַביסל פּעלץ־מאַנטלען געלאָזן, טאָמער וועט מען דאָך בלייבן אַ צייט, מוז מען דאָך האַנד־לען. די קינדער האָט מען אַוועקגעשיקט צו קרובים אין דייטשלאַנד. און מיר אַליין, זאָגט זי, וואַרטן. וועט מען אונדז אין פראַנקרייך נישט לאָזן האַנדלען, ווייל מיר זיינען פּוילישע בירגער, וועלן מיר פאָרן אַהין, וואו יידן זיינען פריי אין גליקלעך און רייך — אין פּאַלעסטינע"...

זי איז שוין דאָרט געווען אין אויגוסט, האָט זיך שוין אַריינגעקוקט אין דער קאָניונקטור, איינגעהאַנדלט אַ שטיקל לאַנד, אַ פּרדס. טאָמער, וואָס, ווען, וועט זיין אַ שטיקל פּלאַץ. וועט היטלער נישט זיגן, וועט מען צוריק עפענען דאָס געוועלב...

— וואָס מיינט איר — מיט פינף טויזנט פונט סטערלינג קען מען פאָרן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד לעבן פון פראָצענט און גיין אין אַ פאַבריק זיך לערנען אויף אַ סטאָליער ? ווייל אויב מען איז נישט קיין אַרבעטער, פאַרקויפט מען דאָך דאָרט נישט קיין ברויט קיינעם״, — האָט זי געלייענט, ווי ס׳האָט געשריבן דער „היינט״.

און ווידער, פאָרן אין ביראָבידזשאַן, ווייל דער מאַן ניט, ווייל דאָרט איז ניטאָ קיין בית־מדרש און קיין חדר פאַר די קינדער...

אין וויזבאַדען איז אָבער אויך ניטאָ קיין חדר. נאָר דאָס מאַכט נישט אויס... און זי האָט נאָך ווייטער גערעדט. ווען זי האָט געזען, אַז דער בריגאַדיר איז שוין זייער ווייט פאַרגאַנגען אין זיין פלירט מיט דער מיידל — מען האָט שוין געהאַלטן ביי פאָרבאַך — דער גרענעץ פון סאַארבריקען — האָט זי עס אָפּגעשטעלט זאָגנדיק : „זי האָט אַ רייכן חתן אין פּאַלעסטינע. זי איז נישט פאַר דיר — זי איז אַ פּויליש־יידישע מיידל״.

האָט דער בריגאַדיר געענטפערט : „איך בין אַ סאָציאַליסט. עס איז נאָך שענער, אַז זי איז יידיש. איך האָב ליב יידישע מיידלעך. אין פּאַריז האָבן מיר אַ סך יידישע חבר׳טעס אין דער ,יוגנט׳ געהאַט״.

דאָס אַריינדרינגען פון זינט דער מלחמה פון יידישע אַרבעטער און האַלבאינטעליגענטן אין דייטשלאַנד, צווישן דייטשע יידן איז געווען זייער גרויס. זיי זיינען אַריין אין דרום־דייטשלאַנד, זיך אויסגעלערנט ריידן דייטש, בפרט נאָך די גאַליציאַנער, די טאַרנאָווער, קראָקאָווער, לעמבערגער. זיי האָבן געעפנט קליינע געשעפטן, חתונה געהאַט מיט דייטשע יידישע מיידלעך, און אָטדער נייער דור, דאָס איז דער „סינטעז״ פון אַ מיידל פון קעלן מיט אַ טאַרנאָווער בחור.

זי האָט ביידע נאַציאָנאַלע אייגנשאַפטן אין זיך : זי איז עקזאַקט אָנגעטאָן, ריינלעך און מאָדיש, זי איז אויסגערעכנט, זינלעך און היפּאָקריטיש, זי איז קאָקעט און זוכט נאָר דעם פּראָפיט, דאָס געלט, די קאַריערע. זי איז אַזוי דערשראָקן ווען מען קומט צו דער סאַאַר־געביט, נעענטער צו דייטשלאַנד און היטלערן, אַז זי הערט אויף צו ריידן דייטש און רעדט נאָר פראַנצויזיש — אפילו מיט מיר.

אַ סטאַנציע פאַר פאָרבאַך גייען די סאָלדאַטן אַרויס. מען געזעגנט זיך. דאָס מיידל גיט זיי איר שטוטגאַרטער אַדרעס, זיי זאָלן צו איר שרייבן. זיי גיבן איר זייערן אין פּאַריז. זיי ווילן זי זאָל זיי באַזוכן ווען זי וועט דאָרט זיין. אין צוויי חדשים ענדיקן זיי דעם מיליטער־דינסט.

איך האָב געקוקט אויף די דריי יונגע, 22־יאָריקע בחורים. זיי האָבן געזונגען אַלע קאַבאַרעט־לידער פון דער וועלט. זיי האָבן אין קאָרידאָר געטאַנצט. אַ חבר זייערער האָט געשפּילט אויף דער האַרמאָשקע. קיין איין

אומרואיקער צוק איז נישט געווען אויף זייער פּנים, ווען מיר האָבן גע־רעדט וועגן דער מעגלעכקייט פון אַ מלחמה אָדער אינטערווענציע קעגן היט־לערן אין פאַל פון קאָמפּליקאַציעס נאָכן פּלעביסציט. זיי זיינען זאָרגלאָזע פראַנצויזן.

„אָן ווערראַ" — מען וועט זען — זאָגן זיי.

„דערוויילע איז טרויעריק גענוג, וואָס מיר מוזן מאַרשירן אַכט קילאָ־מעטער פון דער סטאַנציע צו דער קאַזאַרמע, וואָס געפינט זיך אין דער פרי איז דער „רעווייל", דאָס „אַנטרעטן" צום דינסט און איצט איז שוין נאָך האַלבע נאַכט. אין סילוועסטער האָט מען געטאַנצט ביז אַכט אין דער פרי און צוויי נעכט פריער איז מען אויך ניט געשלאָפן. וואָס מלחמה, ווען מלחמה, שלאָפן ווילן מיר". נאָך אַ לעצטער גרוס, אַרויסגעלייגט די קערב מיט די רעשטלעך יום־טוב׳דיקע געבעקס און אַוועק זיינען אַ הונדערט יונגע קינדער אין דעם נעפּל און רעגן פון דער גרענעץ־שטעטל אין לאָטרינגען.

מיט אַ האַלבער שעה שפּעטער בין איך אַרויס אין פאָרבאַך. אַ מי־ליטערישע וואַך אַרום וואָקזאַל. דריי רייזנדע זיינען אַרויס פון צוג, היגע גרענעץ־מענטשן און איך. די איבעריקע רייזנדע, די צוויי פרויען און דאָס פּעקל זשורנאַליסטן זיינען אַוועק ווייטער נאָך סאַאַרבריקען. זיי האָבן גע־האַט אָדער וויזעס אָדער זיי זיינען געווען שטענדיקע איינוואוינער פון סאַאַר־לאַנד.

איך האָב נאָך קיין וויזע ניט געהאַט. דאָס גיט מען זינט דעם 26טן דעצעמבער נאָר אויב מען סטאַרעט זיך אין סאַאַרבריקען גופא, ביי דער רעגירונגס־קאָמיסיע.

עס איז נאַכט. אַ געדיכטער נעפּל. אַ באַיאָפּנטע וואַך אַרום דער באַן. אָבער עס איז נאָך פראַנקרייך, איז די פראַנצויזישע וויזע גענוג.

אָבער קיינער איז ניטאָ צו זאָגן וואו איז דאָ אַ האָטעל אין קליינעם שטעטל — ביינאַכט אין רעגן און טומאַן. דער סאָלדאַט, ביי וועלכן איך פרעג ביים אַרויסגאַנג אין גאַס, זאָגט מיט אַ שמייכל: „איך קען עס אייך ניט זאָגן. איך שטיי אויף דער וואַך!".

און ער איבערצייגט מיר. טאַקע, ווי קען אַ סאָלדאַט ביי דער גרענעץ, צען טעג פאַרן פּלעביסציט, זאָגן אַ מענטשן אויף וועמענס וואַליז־קעס הענגט אַ גרויסער צעטל „ענגלאַנד — קאַלע", וואו עס געפינט זיך דאָ אַ האָטעל?...

איך גיי אַרויס אין טומאַן אַליין. קיין לאַמטערן ברענען ניט. עס איז אַזוי ווי אין לאָנדאָן. די מורא פאַר צעפּעלינען ווי אין 1916. און עפּעס 20 מעטער ווייטער זע איך אַ ווייס־רויטן לאָמפּ מיט אַ שוואַכער שילד: „האָטעל".

איך גיי צו. איך צי דעם גלאָק. איין מאָל צי צוויי מאָל. אַ הויכער, נישט־ראַזירטער מענטש, אין אַ קאָלדרע אויף די פּלייצעס, דערשיינט אין באַלויכטענעם קאָרידאָר. ער איז בייזלעך, וואָס מען האָט אים געוועקט. דער

שנעל־צוג פאַריז־זוין האָט זיך פאַרשפּעטיקט צוליב זיינע סאָלדאַטן אויף אַ שעה מיט אַ האַלב. דאָס איז מיין טענה. יאָ, איך וויל אַ צימער. ער גייט פאַראויס, ברענגט דאָס מעלד־צעטל און דעם פריַיזן־בוך און ווערט אַביסל בעסער ווען ער זעט דעם פּאַס: ער רעדט דייטש, איז אַן עלזאַסער און פרעגט גלייך: „איר ווילט קיין סאַארבריקען מאָרגן?" „יאָ, מיטן ערשטן צוג" כאָטש איך וועל מוזן וואַרטן ביז איך וועל אים מאָרגן שיקן איבער דער גרענעץ מיטן פּאַס נאָך אַ וויזע.

ער וויזט מיר דאָס צימער. וואו האָב איך עפּעס שוין געזען אַזאַ צימער? אַלטע צייטן קומען אויפן זכרון. עס איז אוממעגלעך צו דערמאָנען זיך אַלע האָטעל־צימערן פון צענדליקער יאָרן אַרומפאָרן איבער דער וועלט.

אָבער דאָס פענצטער מיט גראַטעס הויך אויבן ביים סופיט האָט נאָר געהאַט אין לאָקאַל וואו איך האָב געוואוינט אַ דריי־פערטל יאָר: די לאַדזשער טורמע. מיט די זכרונות שלאָף איך איין.

אין שלאָף הער איך ווי מענטשן רייסן דעם גלאָק, ווי עפּעס נאָך איינער קומט, ווי עס סקריפּען די טרעפּ, עס פלאַמט אויף אַ ליכט. אָט הער איך טריט און מענטשן־שטימען. נייע רייזענדע זיינען געקומען.

גלחים, יידן — קאָמוניסטן

זיי לויפן איבער די גאַסן מיט פאָטאָגראַפישע אַפּאַראַטן איבער דער פּלייצע, מיט אַ נאָטיץ־ביכל אין האַנט, מיט אַ בלייפעדער אויף אַ שנירל, מיט אַ לאָרנעט אין קעשענע, מיט מענטאַל־טאַבלעטן אין האַלדז.

דאָס זיינען די וואָס מאַכן אַ לעבן פון „שיקזאַל פון אַ פאָלק". וועלף פון זשורנאַליזם, היענען פון דער וועלט־פּרעסע. זיי פאָרן אַריין אין אַ פאַר־בלאָטיקטן, אָבער נייעם אויטאָמאָביל פון „„פאַטע־זשורנאַל" אָדער „פאָטאָ־עקלער". זיי זיינען פּלוצלינג דאָ אומגעריכטערהייט, און דאָך סיגנאַליזירט. אויף אַ גרויסן טראַק — דער ראַט־הויז פון סאַארבריקען שטראַלט אויף אין טויזנטער עלעקטרישע לעמפּלעך און פון דעם אַלטן גאָטישן קלויסטער קלינגט דאָס נייע פאַטריאָטישע ליד: „דויטש איז די סאַאר"...

זיי שטייען איגמיטן גאַס און פאַרפירן אַ שמועס מיטן אַן אַלטן דייטשן מלחמה־וועטעראַן פון 1870, וואָס האָט ביי סודאַן אָדער גראַוועלאט גענומען אין געפאַנגשאַפט נאַפּאָלעאָן דעם דריטן. זיי האָבן אין צוויי מינוט אַ מחנה מענטשן אַרום זיך. זיי נעמען אַ בילד, פרעגן אויס, ברעכן זיך די צונג אין פרעמדן לשון און מיט אַ ברייטן „גודבאַי" פליען זיי ווייטער.

אין אָוונט זיצן זיי אין קאַפע, באַשטעלן זיך שוואַרצע קאַווע, שרייבן אויף שמאָלע לאַנגע ביכלעך די איינדרוקן. זיי לויפן אין פּרעסע־זאַל פון

דער פּאָסט, באַשטעלן זיך אַ שמועס ביידערנאַכט מיט זייערע רעדאַקציעס און טעלעפאָנירן איבערן אָקעאַן די שווער־געוויכטיקע ווערטער וועגן שיקזאַל פון אַ נאַציע.

יעדע פּאָר מינוט עפנט זיך אַ פענצטערל אין פּרעסע־אַמט און אַ מיידל רופט:

— הערר דיעסבערג — פּאַריז.

— מר. מילס — לאָנדאָן.

— מר. פּאַכט — מאַנטשעסטער.

— מר. פּאַו־אַן — באַרסעלאָנאַ.

— מר. סווענסען — שטאָקהאָלם.

אין די בלאַסע, פאַררויכערטע מינוטן — מענטשן ווערן פאַרשוואונדן אין די גלעזערנע טעלעפאָן־ביידלעך. און בעת דער לייענער באַקומט צום פרישטיק, אַכט אַזייגער, די פריש־געדרוקטע צייטונג וועגן סאַאַרבריקען, וועגן אָפּשטימונג־פּראָצעדור און נאַקעטע טעראָר־פאַקטן — ליגט אין קראַנקן־הויז אַ צעבלוטיקטער אַרבעטסלאָזער, דער מלחמה־אינוואַליד פּראַנסקי, אַ דייטשער פּראָלעטאַריער פון דעם איינהייטס פראָנט און קען נישט עפענען די אויגן. דער נאָז צעבראָכן, די ליפּן אָנגעשוואָלן. ער איז געלעגן עטלעכע שעה ביי־דערנאַכט אין אַ קליין שטעטל, בירבאַק, וואו „דייטש פראָנטלער״ זיינען אין אַ צאָל פון זעקס באַפאַלן פון הינטן, אויפן שוצלאָזן אויסטיילער פון „איינהייטס־פראָנט״ פלוג־בלעטלעך.

אין די קליינע דערפער און שטעטלעך, וואו מען קען איינער דעם צווייטן יאָרלאַנג, איז דער טעראָר אַמשווערסטן. די אָנהענגער פון „סטאַטוס־קוואָ״ זיינען אין דער מינדערהייט. מען קען זיי און מען לויערט אויף זיי ווען זיי גייען אַליין. דאָס איז דאָך דאָס געמיינע ביי דער ברוינער באַנדע, אַז זיי פאַלן גאָר אָן אויף איינצלנע מענטשן. זאָלן נאָר עטלעכע „שוצבינדלער״ גיין צוזאַמען, גייט מען שנעל אין אַ זייטיקער גאַס. און ווען אַזאַ דייטש־פראָנטלער פאַלט אָן אויף די שוצבינדלער, צעקלאַפּט מען אים אַזוי דעם קאָפּ, אַז ער וועט שוין נאָך אָן אָנפאַל נישט אונטערנעמען.

דער טעראָר האָט געווילדעוועט די לעצטע צייטן פאַרן פּלעביסציט גאַנץ אָפן און גאַנץ שטראָפלאָז. די רעגירונגס־קאָמיסיע פלעגט ניט אינטערוועגירן. די סאַאַר־פּאָליציי איז פאַשיסטיש — רעקרוטירט זיך פון עכט־דייטשע עלעמענטן.

די גאַנצע עפנטלעכקייט, מוניציפּאַליטעט, שטאָט־באַאַמטע, לערער, אַנגעשטעלטע זיינען געצוואונגען געוואָרן, דורך אַ דרוק פון אויבן, אַריינצוגיין אין דעם „דייטשן פראָנט״. די נאַצי־שטימונג — אויסגעצייכנט צוגעגרייט און אָרגאַניזירט פון פּראָפּאַגאַנדע מיניסטעריום — האָט געקענט פריי און

אומגעשטערט פון דער רעגירונג און די אָרגאַנען פון געזעלשאַפטלעכן שוץ אַריינדרינגען אין דער באַפעלקערונג.

דער אַנטיסעמיטיזם האָט געפונען אַ פרוכטבאַרן באָדן אין דער שאָוויניסטישער העצע קעגן פוילישע יידן, קעגן עמיגראַנטן, יידישע מאַרקסיסטן, לאַנדס־פאַררעטער, פראַנצויזן־קנעכט און סעפּעראַטיסטן, וואָס איז ברייט געוואָרן אָנגעפירט חדשים לאַנג פאַרן פּלעביסציט אין זייער אַפּאַראַט, גלענצנד באַדינט און רייך פאַרזאָרגט מיט רעדנער — ווי געבעלס, בירקעל, היטלער און ניעטמאַן — האָבן זיי זיך באַדינט מיט פאַרלוימדונג, מיט טעראָר, מיט פאַלסיפיקאַציע, מיט שאַפן אַ פּאַניק־שטימונג, מיט פאַרשפּרייטן אַ העצע קעגן די פירער פון דעם אייניקייטס־פראָנט.

אין די טעג פאַר דער אָפּשטימונג, ווען די וואוינונגען און די פּאַסאַזשן פון די הייזער זיינען געווען פיבערהאַפט דעקאָרירט מיט האַקן־קרייצן, פענער און פּאָרטרעטן פון „פירער", איז אין סאַאַרבריקענער שטאָטישן שפּיטאָל פאָרגעקומען אַזאַ פאַל:

דער זאַל פון דער טובערקולאָזן־אָפּטיילונג איז דעקאָרירט געוואָרן מיט די אַלע פאַשיסטישע באַפוצונגען. דער זייער שווער קראַנקער גערט מאַזער, וואָס איז געווען אַן אָנהענגער פון דעם אייניקייטס־פראָנט, אַ ייד, האָט ער זיין בעט דעקאָרירט מיט די עמבלעמען פון דעם אייניקייטס־פראָנט.

דער דאָקטאָר, וואָס האָט אים באַהאַנדלט, האָט דערויף געמאַכט אַ גרויסן סקאַנדאַל, געהייסן אַלץ אַראָפּרייסן און געזאָגט, אַז ער קען ניט איבערנעמען די גאַראַנטיעס פאַר דער פערזענלעכער זיכערקייט פון גערט מאַזער און וועט אים מוזן לייגן אין אַ באַזונדערער צעלע.

דאָס האָט געמיינט, אַז מען זאָל לייגן אַ גייסטיק געזונטן, בלויז לונגען־קראַנקן־מענטשן אין אַ צימער פאַר משוגעים.

און מען האָט דעם קראַנקן, וואָס האָט באַקומען דורך דער אויפרעגונג אַ שטאַרקן בלוט־שטורץ געבראַכט אין אַ קליין צימער נאָענט צום אַריינגאַנג, פון וואַנען די נאַציס וואָלטן אים יעדע מינוט געקענט פאַרשלעפּן אין אַן אומבאַקאַנטן אָרט.

די אייניקייטס־פראָנט האָט זיך דערוואוסט אין צייט וועגן דעם און האָט אים אַוועקגעפירט אין אַ פּריוואַטער וואוינונג.

די אָפּשטימונג איז נאָך ניט געווען באַקאַנט בעת מען האָט שוין צעשלאָגן די פענצטער אין אַ הויז און געשעפט פון יידישן געשעפטסמאַן, דאַניעל, אין אַ שטעטל לעבן סאַאַרבריקען.

אין אַ באַזונדערער מהומה האָבן געלעבט די יידן, וואָס זיינען געקומען אין סאַאַר־געביט מיט אַכט אָדער צען יאָר צוריק. סאַאַרבריקען — די שטאָט

— איז פאַר זיי געווען אַ פריי אַרט, מיט אַ גוטן מאַרק, מיט אַ ניש׳קשה׳־דיקער פרנסה.

אין גאַנצן האָט סאַאַרבריקען געהאַט צו דער צייט פון אַפּשטימונגס־טאָג אַ פינף טויזנט יידישע נפשות, דייטשע און פוילישע, עטלעכע רוסישע און בוקאָווינער, אָדער עסטרייכישע.

דאָס סאַאַר־געביט האָט געלעבט אָן אַ צאָל־גרענעץ מיט פראַנקרייך — מען פלעגט ברענגען פראַנצויזישע סחורות פון „מוטערלאַנד“, אַזוי צו זאָגן, און מען האָט זיי געקענט ביליקער פאַרקויפן ווי די, וואָס מען האָט אימפּאָר־טירט פון אַנדערע לענדער.

זיינען אויך געקומען געניטע וואַליוטע־ספּעקולאַנטן, מענטשן פון גאָר צווייפלהאַפטע פּראָפעסיעס, אַ בינטל פעלשער, אַנטלאָפענע פון פוילן מיט אַ קרימינעלן סטאַזש, פּראַקטיקאַנטן, שיפס־אַגענטן און „פּיאָנערן“ אויפן געביט פון סערטיפיקאַטן און פּעסער מיט וויזעס קיין פּאַלעסטינע. אַרום דעם ענין ספּעציעל האָבן זיך אַנגעהויבן דרייען די גאַליציאַנער יידן מיט קאַ־פּיטאַל, וואָס פלעגן צושטעלן פּאַרטיקע ערבות (בעיל) דעפּאָזיטס פון טויזנט פונט פאַר דער איינוואַנדערונג־קאָמיסיע אין יפו און וואָס פלעגן אויף אַזאַ אופן צושטעלן אויך פּאַרטיקע פאַרלעך פאַר דער קוואַזי־פּראָלעטאַרישער איינ־וואַנדערונג אין דעם הייליקן לאַנד.

עס איז געגאַנגען אַ לעבעדיקער געשעפט. עס זיינען געווען שטאַבס־קוואַרטירן אין קאַפעס. עס פלעגט זיין אַ פיבערישע אַקטיוויטעט ווי אויף זער בירזשע: ווי שטייען היינט סערטיפיקאַטן? ווי שטייט היינט דער פונט? וואָס הערט זיך מיט אַ טשעכישן פּאַס פאַר אַ רומענישן בחור אָדער אַן אי־טאַליענישער וויזע פאַר אַ גאַליציאַנער חלוצ׳קע? די דאַמען מיט די שפּע־קולאַטיווע עלעמענטן זיינען אויך אַראָפּגעקומען אין סאַאַר־געביט, אַ הייפל יידישע באַלמעלאָכעס, אַרבעטער, סטודענטן אָן געלט און אָן אַרבעט. שפּע־טער, מיטן היטלעריזם אין דייטשלאַנד זיינען אויך אַריבערגעקומען דייטשע יידן און די אויסלענדישע, וועלכע האָבן געלעבט אין בערלין און זיינען פון דאָרט פאַרטריבן געוואָרן.

דאָס סאַאַרלענדישע פאָלק איז גוטמוטיק, שפּאַרזאַם־אויסגערעכנט אפילו, נישט איבעריק צוגעשפּיצלט — עס לעבט און לאָזט אַנדערע לעבן. אַזוי איז געווען דער קליינבירגער, דער האַנטווערקער, דער אַרבעטער פון קוילן־גרוב און שמעלץ־אויוון. ער איז געווען מיד און אויסגעהונגערט פון פיר יאָר מלחמה, פון אינפלאַציע, פון „פּוטשיזם“. דער ווערסאַלער טראַקטאַט האָט אים מיט גוואַלד אָפּגעטיילט פון דייטשלאַנד און האָט אים געגעבן פופצן יאָר אַלס אָטעם־פּאַוזע. האָט ער זי אויסגענוצט פאַר זיך און געלאָזן אין רו די אַנדערע. דער אויבערשטער אַפּאַראַט — פּאָליציי־געריכט, שול־וועזן,

שטאט־פארוואלטונג — איז געלעגן אין די הענט פון דער רעגירונגס־קאמיסיע און מר. נאקס האט, גוט אדער שלעכט, פארטיידיקט די אינטערעסן פון רער־לינג און שטוק. פאבריקן זיינען געגאנגען, קוילן־גרובן האבן געארבעט, די באן איז עקספלואטירט געווארן נאך אמאל. אפילו מיט א „פראספעריטי" מאמענט ביזן וועלט־קריזיס. דאן איז עס אויך דא געגאנגען בארג־אראפ. עס זיינען געקומען: ארבעטלאזיקייט, טייל־ארבעט, גרובן־אפשפיוונג, הונ־גער. האט מען געלעבט פון די פראפיטן פון פריער.

דאס פוילישע יידנטום האט גענומען אויסרעכענען נאך מערץ 1933, וויפיל עס בלייבט זיי נאך צו האנדלען ביזן „חורבן בית המקדש", דאס הייסט — ביזן פלעביסציט. ווייל זיגן וועט דאך היטלער, האבן זיי גע'טענה'ט.

די קלענערע סוחרים, די קליינהענדלער, פלעגן צוגעבן דאס ווערטל: אויב היטלער וועט זיגן — וועט זיין שלעכט.

— וועט מען ווייטער מוזן וואנדערן, אבער אוואו? — דאס איז געווען די פראגע.

מען האט געקאנט אין דעם סאאר־פראבלעם ביי יידן זיך איבערצייגן, וואס פאר א נישטיקע ראלע עס שפילט דא דער ארץ־ישראל'דיקער מאמענט — ווי די גרונטלאגע איז נאר פרנסה ביים פאטענציעלן אדער אקטיוון פא־לעסטינע־אימיגראנט.

— וואוהין וועט איר גיין? — פרעג איך ביי א גאנץ פארמעגלעכן טאר־נאווער יידן, א פעלץ־הענדלער. ער איז שוין אלס יונגער בחור פון ניינצן יאר געווען אין פאלעסטינע, אוועק אלס א חלוץ, געווארן א שטיקל ספע־קולאנט, אפילו מער ווי א שטיקל, און געמוזט אלס א רעזולטאט פון אט־דער מהרגה, פארלאזן דאס לאנד.

זיין פרוי איז שוין געווען דארט אנקוקן א שטיקל ערד און געקומען צו־ריק מיט א פאניק: א גנב זיצט אויף א גנב. נישט וויסנדיק, אז זי פאר־שטייט דעם הייליקן „עברית" (איווריט), האט א פרומער פרדסים־הענדלער איר געגעבן א פריז פארבאהאלטנדיק 200 פונט עקסטרא, וואס איז געגאנגען פאר אים, אויסער די אפיציעלע פראצענטן. זי איז געקומען א דערשיטערטע צוריק.

— דאס איז פאלעסטינע? עס איז דאך דער ווארשעווער „ראטיש", אלע גנבים, זיינען אויף דער פריי.

— דאס איז פאר גרינע. איך וועל זיי אפנארן.

זי מאכט א הערנאישן זשעסט און זאגט:

— מיר וועלן פארן קיין ביראבידזשאן. די געלט וועלן מיר לאזן דא. מען וועט דארט לעבן פון פראצענטן. מען וועט מוזן ווערן א מעבל־טישלער, מען

זאָל אונדז קענען פאַרקויפן ברויט. דאָרט איז כאָטש ניטאָ קיין ספּעקולאַציע אין ערד.

די גרעסטע ווירקונג האָט אין דעם איינהייטס־פראָנט פון סאַאַר־געביט געמאַכט די גלח׳ישע „סיטאַנע״ (דער גלח־מאַנטל), וואָס האָט זיך געפונען אין די רייען פון יידן, סאָציאַליסטן, אינטעליקטואַלן און קאָמוניסטן.

דער היטלער־רעזשים האָט געשאַפן אַ סך פּאַראַדאָקסאַלע דערשיינונגען, אָבער אַזאַ פּיקאַנטע און דאָך צווי־דייטיקע קאָמבינאַציע, האָט ער ביזן פּלע־ביסציט ניט געשאַפן.

דער קאַטוילישער אַרבעטער, פיליפּ האָפמאַן, האָט דעם אָוונט פון דער אָפּשטימונג געזאָגט אין דער פּרעסע, באַשפּרעכנדיק דעם איינהייטס־פראָנט:

„מיר זיינען ווייט פון מאַרקסיזם און האָבן גאָר ניט צו טאָן מיט רעוואָ־לוציע. מיר גייען צוזאַמען מיט אַלע פּראָגרעסיווע מענטשן — קעגנער פון היטלערן, ווייל מיר ווילן ניט ביי אונדז אין סאַאַר אַ סיסטעם פון באַרבאַריי און טעראָר״.

אין דער מאַניפעסטאַציע פון 6טן יאַנואַר, בעת׳ן לעצטן מאַרש פון די סטאַטוס־קוואָ אָנהענגער זיינען געווען עטלעכע גלחים. און די אויסלענדישע פּרעסע האָט זיי באַלאַגערט מיט פראַגן און אַפּאַראַטן. פון זיי איז אפשר גע־קומען דער שטויס: די קאַטוילישע ווילער האָבן אין לעצטן מאָמענט, ניט הערנדיק פון פעלקער־בונד קלאָר פון אַ צווייטער אָפּשטימונג — געשטימט פאַר דייטשלאַנד, פאַר היטלער...

דער איד אין היטלער׳ס דייטשלאַנד

פון אַ קליין קיילעכדיק פענצטערל אין אַ שיפס־קאַבינע האָב איך אין יולי, 1933, דערזען דאָס נייע דייטשלאַנד. איך בין געווען אין אַ דייטשן האַפן, אויף אַ דענישער שיף.

און דערפאַר, וואָס אין אָט־דער קליינער שויב האָט זיך אינגאַנצן אַריינ־געלייגט די פיגור פון אַ „שטורעם־שטאַפעל״, איז עס געוואָרן דער סימבאָל פון דעם רעזשים. דער קליינער שיפס־אילומינאַטאָר איז געוואָרן דער מאַס־שטאַב פאַרן נייעם גייסט פון דער פאַשיסטיש־מיליטאַריזירטער דיקטאַטור, וואָס איז אַריינגעדרונגען אין די קלענסטע שפּאַרען פון מלוכה־און פּאַלקס־אַפּאַראַט, וואָס הייסט: נאַציזם.

און דערפאַר, וואָס דער ערשטער מענטש אויפן דייטשן באָדן איז גע־ווען אָנגעטאָן אין אַ ברוינעם מונדיר מיטן האַקנקרייץ, מיט ברוינע גלאַנציקע

מיליטער־שטיוול און מיט אַ רעוואָלווער ביי דער זייט — האָט ער שוין במילא געגעבן אַ רעמל פאַרן האַפּן־פּלאַץ, מאַרק, שטאָט און עולם.

אין אָקטאָבער, 1934, האָב איך דייטשלאַנד דערזען פון דעם ביכער־זאַל פון „ליבקנעכט־הויז", וואו איך בין אַריין זוכן סטאַטיסטישע ציפערן וועגן אַרבעטלאָזיקייט. איך האָב פאַרביסן די ציין און האָב נישט געזען דעם גרויסן ווייסן פּלאַקאַט ביי דער טיר מיטן שטאַנד־נאָמען: „האָרסט־וועסל". איך האָב דאָס נייע דייטשע לעבן — זיינע מענטשן און זיין פּולס געזען דורך די אַרויסטרעטונגען פון אַלפרעד ראָזענבערג, ראָבערט לעי, געבעלס און היטלער. איך האָב עס געזען דורך טעאַטער־שטיק און קינאָ־בילדער, דורך שמועסן מיט בערלינער, האַמבורגער, לייפּציגער מענטשן, דורך צוזאַמענ־קונפטן מיט אַרבעטער, וואָס זיינען נאָר וואָס אַרויס פון קאָנצענטראַציע־לאַגער, אָדער וואָס האָבן זיך צו אים געגרייט.

איך האָב גערעדט מיט קינדער, מיט פאַרטרעטער פון דעם שענסטן מענטשלעכן מין, וואָס גייט מיט לייכט־באַפליגלטע טריט דורכן פרילינג פון לעבן.

איך האָב אויך גערעדט מיט דער היטלער־יוגנט.

און דאָס פּיבערהאַפטע זוכעניש, וואָס מען פילט בעת מען איז אין דייטש־לאַנד, היינט — ווייל יעדער טאָג קען זיין דער לעצטער — מען קען אָדער דעפּאָרטירט, אָדער „אָפּגעפירט" ווערן — גיט צו דעם לעבן דאָרטן יענעם ביטער־שאַרפן ביי־טעם, וואָס עס טראָגט אין זיך אַ מלחמה — ווען דאָס לעבן איז הפקר; און דאָס דריטע מאָל האָב איך געטאַפּט דאָס דייטשנטום אין דעם סאַאַר־געביט, מיט דריי וואָכן צוריק.

אַ באַזונדער אָרט, סאָציאַל־צאַפּלדיק פאַרנעמט אין די אַלע זוכענישן דער ייד.

דעם דייטשן יידן — אפשר אויך דעם יידן אין דייטשלאַנד (דאָס זיינען צוויי באַזונדערע טיפּן) האָבן מיר ביז אַהער ווייניק געקענט.

דער דייטשער ייד איז געווען אַ דייטש.

אַלס אַזעלכן האָב איך אים געקענט זייט מיין פריסטער קינדהייט און יוגנט, ווייל איך פלעג קומען אין פרייסן פאַרברענגען ביי אַ זיידן, וואָס האָט געלעבט אין דער הייס־באַקעמפטער היינט־צו־טאָג שטאָט — אין מעמעל.

אָט־אָ דער דייטשער ייד, געבוירן אין דייטשלאַנד און דערצויגן אין דייטשן גייסט, איז מער נישט ווי איין מאָל אַ יאָר געווען אַ ייד — יום־כיפור.

ער פלעגט דעם טאָג גיין אין דער רעפאָרמירטער סינאַגאָגע, וואו ער פלעגט טרעפן אַנדערע יידן, גוט באַקליידטע און זויבער אויסגעראַזירטע.

אַן עלעגאַנטער ראַבינער, עפּעס אַ דאָקטאָר הילדעסהיימער, אָדער קאַר־לעבאַך (ביידע האָבן איך געקענט אין מעמעל) האָט געהאַלטן אויף דייטש

אַ פּרעדיגט (דרשה); דער כאָר פלעגט זינגען, דער אָרגל פלעגט שפּילן; אַפּטמאָל איז דאָס געווען אַ קריסטלעכער אָרגאַניסט. און מען פלעגט אין הויף פון בית־מדרש זיך צעטיילן מיט די נייעסן: ווי עס שטייט דער רוב־סישער הייך, ווייל מעמעל האָט געמאַכט אַ לעבן פון דעם קורלענדישן פּאָרט ליבאָווע, וואָס פלעגט האַנדלען מיט פרייסן: מען פלעגט אימפּאָרטירן זאַלץ, וויין, סמאַלע און אָקסן. אָנהויבנדיק מיט 1903־1904 האָט מען געקענט טרעפן אין בערלין פעטראָגראַדער אַדוואָקאַטן, דאָקטוירים, קינסטלער, באַנ־קירן, פאַבריקאַנטן, סוחרים, קאָמיסיאָנערן, געלט־וועקסלער און סתם אַפּע־ריסטן. מען האָט געקענט אויך זען דעם יידישן „קליינעם מאַן”, דעם אומאַ־נער און בעסאַראַבער אָקסן־און תבואה־הענדלער, דעם מעקלער, דעם לופט־מענטש, דעם צוקונפטיקן „איסט־סאַיד”.

דאָ האָט מען געזען דעם אַנטלאָפענעם פון פּילסודסקיס פּאָגראָמען קליינ־שטעטלדיקן „צדיק” מיט זיין הויף־סוויטע, אונטערוועגס קיין אַמעריקע, וואַרטנדיק אויף דער אַמעריקאַנער וויזע, אין אַ כשר'ן האָטעל פון בערלין — נאָרד — אָדער אין אַ גאָר עלעגאַנטן האָטעל פון דער נישט־ווייניקער כשר'ער יאָאַכים — סטאַלער שטראַסע, וואו די רוסיש־יידישע דאַמען, „פאַר־פּאָלגטע פון די באָלשעוויקעס”, האָבן פאַרקויפט די צירונג און געמאַכט פינאַנסיאָנען פאַר וואַליוטע־ספּעקולאַנטן פון ריגע, און פאַר טעלעגראַמען־אַגענטורן פון וואַרשע: ספּעציאַליטעט — דאָלאַרן־אינקוויזיציעס...

פאַרטרעטער פון דער באַלעבאַטישער יידישער פּרעסע פון אַמעריקע און אייראָפּע — שרייבער, קאָרעספּאָנדענטן, אַקטיאָרן, פּאָליטאַניסטן, פּאָ־ליטישע קאַריעריסטן פון דער עמיגראַציע — אַלע קעגנער פון סאָוועטן־פאַרבאַנד, וואָס האָבן זיך דאָ אויסגעבויט אַ וואַרעמע נעסט און וואָס פלעגן — גוט באַצאָלט און אונטערשטיצט — דאָ פירן זייער הויפּט־פּראָפּאַגאַנדע קעגן אַלץ, וואָס איז סאָוועטיש, באַנוצנדיק זיך מיט „ערשט־מויליקע” נייעסן איבער העלסינגפאָרס און ריגע, פון לעניגראַד און מאָסקווע.

זיי אַלעמען האָט ווי אַ דונער איינגעשלאָגן היטלער.

די ערשטע זיינען אַנטלאָפן — נישט פאַרטיידיקנדיק אויף אַ רגע זייער בכבוד'יק פעלד — די יידישע באַלעבאַטישע פּרעסע.

זיי זיינען געלאָפן אַהין, וואו עס האָט זיך פאַרלייגט דער צענטער פון „יידישע פאָלקס־עניִים” — אין פּאַריז.

מאַנכע האָבן זיך געדונגען פריוואַט אַ יידן, וואָס פלעגט זיי שרייבן טעגלעך בריוו וועגן די וויכטיקסטע פּאַסירונגען אויף דער דייטש־יידישער גאַס. זיי האָבן אַזאַ יידן נאָך ביז היינטיקן טאָג. אויב דער ייד ווערט אַנט־דעקט פון דער „געשטאַפּאָ” (געהיימע שטאַטס־פּאָליציי) און גייט זיצן, זוכט מען זיך אַ צווייטן יידן.

נאָך די פּרעסע־לייט זיינען אַוועק די אַלץ נאָענטע פריינט און מחותנים פון די סאָציאַל־דעמאָקראַטן, באַקאַנטע אַלטע מענשעוויקעס און בונדיסטן. ווי האָבן זייער „באַריקאַדע" אויפגעבויט אין פּאַריז, און פון הינטער איר פאַלן זיי דאָרט אָן אויפן סאָוועטן־פאַרבאַנד.

אַ גרויסער טייל פון די סטודענטן און לינק־געשטימטע יידן איז אויך אַוועק אין אויסלאַנד — נאָך מער אָדער ווייניקער קורצע טערמינען פון „שוצהאַפט".

אַן ערך זיבעציק טויזנט דייטשע יידן זיינען אַוועק קיין אויסלאַנד. ביי צוויי־און־צוואַנציק טויזנט זיינען אַוועק קיין פראַנקרייך, זיבעצן טויזנט — אין פּאַלעסטינע, אַ דריי טויזנט — אין ענגלאַנד, ביי זעקס טויזנט — אין פּוילן, און צו דריי טויזנט — אין האָלאַנד, שווייץ, טשעכאָסלאָוואַקיע, דענעמאַרק.

ווער איז פאַרבליבן? ווער לעבט, אָטעמט־מיט, האַנדלט, טראַכט, קעמפט, רעזיגנירט אין דייטשלאַנד?

**
*

גענעראַל־קאָנסול שלעזינגער האָט בעת דער מלחמה געהאַט אַ פּאָסטן פון פאַרוואַלטער פון אַ געפאַנגען־לאַגער אין דעם שטעטל ד. ער איז געווען רעזערוו־אָפיציר. געבוירן אין אַ פאַמיליע פון אַלטע פראַנקפורטער יידן, אַ שטודירטער, אַ געזונטער דייטשער ליבעראַל. די קריגס־געפאַנגענע האָבן זיך צו אים באַצויגן מיט סימפּאַטיע. ער פלעגט נישט פאַרהאַלטן זייערע פּעקלעך מיט עסנוואַרג; ער פלעגט זיי באַהאַנדלען קאָרעקט — די רוסן, די ענגלענדער, די פראַנצויזן. אין זיין שטוב האָב איך בעת דער מלחמה אין 1917 געטראָפן מענטשן פון זיין לאַגער, וועלכע ער פלעגט פירן צום דאָקטאָר — צו אַ ספּעציאַליסט — אויב דער געפאַנגענער האָט עס פאַרלאַנגט.

נאָך דער מלחמה איז ער געוואָרן דער באַפולמעכטיקטער אין אויסטוישן מלחמה־געפאַנגענע מיטן סאָוועטן־פאַרבאַנד. ער פלעגט זיין אָפט אין מאָסקווע. ער איז פאַרבליבן אין אויסערן־מיניסטעריום אין בערלין אַלס גענעראַל־קאָנסול. האָט געהאַלטן פיל פון דער וויימאַרער קאָנסטיטוציע פון דער רעפּובליק. און אין מערץ 1935 האָט ער געמוזט גיין. בעסער געזאָגט — ער איז געפלויגן — אַזוי שנעל איז עס געגאַנגען. פאַר אים איז דער קלאַפּ געווען אַ פאַרניכטנדיקער. אין זומער 1930 האָט ער מיר אין מאָסקווער „גראַנד האָטעל", ווען דער אָנגעשטעלטער פון רעסטאָראַן האָט זייער פאַמעלעך דערלאַנגט צום טיש, געזאָגט צו מיר:

„מיר, אין דייטשלאַנד, זייגען מיט זעקס הונדערט יאָר פריער געגאַנגען

אין אַ שולע, איידער די רוסן. ביי אונדז אין דייטשלאַנד איז אַ מאָנאַרכיע פון צאַרישן מאַסשטאַב נישט מעגלעך געווען, קיינמאָל. און מיר וועלן וואַרטן מיטן איינפירן סאָציאַליזם ביז אַלץ וועט זיין גרייט. קיינע אײַלע!״

ווען מען האָט אים געהייסן גיין אַן „רעזערוועישאַנס״, האָט ער אין צוויי טעג פאַרפאַקט די וואוינונג, גענומעןביידע דערוואַקסענע קינדער פון די שולן און אַוועק אין פוילן.

דאָס זיינען די, וואָס וועלן קיינמאָל אין דייטשלאַנד נישט צוריקקומען. דאָס זיינען די, וואָס זיינען טיף באַליידיקט אין זייערע פּאַטריאָטישע געפילן. זיי קוקן אויף דער באַציאונג צו זיי ווי אויף אַ גראָבן פעלער — זיי זיינען דערנידעריקט אין זייערע היילקסטע איבערציגונגען — און פאַר זיי איז דאָ איין וועג: קיינמאָל נישט קומען צוריק, — שלום!

**
*

אין אַ טויער אויף ווילמערסדאָרפער שטראַסע שטייט אין אַ וואַרעמען האַרבסט־טאָג אַ ריין־אָנגעטאָגענער ייד, מיט אַ ווייסן קאָלנער, גלאַט ראַזירט, און פאַרקויפט זאָקן און וועש.

ער איז פריינטלעך. ער שמייכלט צו די פרויען, וואָס קומען צו זיין „סטענד״ און קלייבן־אויס די סחורה.

ער פאַרנייגט זיך טיף פאַר דעם נאַצי אין אוניפאָרם, וואָס גייט אַרויס פון הויז מיט זיין פרוי ביי דער האַנט און מיט אַ גרויסן פּאָליציי־הונט אויף אַ לעדערנעם פּאַס. זיי ענטפערן קוים.

— דאָס איז דער באַלעבאָס פון הויז. איך צאָל אים צען מאַרק אַ וואָך פאַרן פלאַץ. און ער ווייס, אַז איך בין אַ ייד. אַ דייטש וואָלט געצאָלט דריי מאַרק. מיר צאָלן פאַר דער „ראַסע״.

— ווי לעבט זיך אייך?

— איר זייט דאָך אַליין אויך יידיש?

— יאָ.

— וואָס זאָל איך אייך זאָגן — אַ נאַכט אַז זי פאַרגייט, איז אַ יאָר געווען צוגעקומען. מיר דערוואַרטן נישט גראָד מען זאָל אונדז „יידן״ ווידער שלאָגן ווי אין מערץ 1933. נאָר סתם, מיר לעבן אין אַן אומזיכערקייט פון היינט אויף מאָרגן. דער 30טער יוני האָט אונדז אָפּגעקאָסט אַ ים מיט שרעק. קיינער איז נישט זיכער פון קיין אומגליק, אַז דאָס גאַנצע הויז קען אייך און ווייסט אַז איר זייט אַ ייד — איז וועט מען יעדע מחלוקה דערקלערן, אַז איר זייט שולדיק.

מען פאַרדינט שוין לאַנג נישט אויפן לעבן. מען שניידט זיך אַליין אין איינגענעם פלייש כדי צו לעבן. אָפּגאַבן פאַר ווינטער־הילף, פאַרן אַפּאַראַט

פון די הילפס־אָרגאַניזאַציעס, שטייערן אויף איינקונפט, אויף אַ שילד אי־בערן געוועלב — פּראָצענטער פאַר אַ פּאַראיין, אין וועלכן איך קען נישט אַריין, ווייל איך זיִט אַ ייד — אָבער פאַר יענע, וואָס גייען יאָ אַריין — שטייערן אָן אַ שיעור.

די קינדער וועלן שוין פון מערץ 1933 נישט קענען זיין אין אַ שולע מיט אַרישע קינדער — מיר וועלן מוזן האָבן אונדזערע אייגענע דייטשע שולן פאַר יידן — פונקט ווי מיר האָבן שוין אונדזער אייגענעם טעאַטער פאַר יידן. אַלץ וואָס מיר האָבן געהאַט אָפּגעשפּאָרט איז שוין אַוועק. מיר ווילן אַוועק אין פּאַלעסטינע. איז האָבן מיר אָבער נישט די טויזנט פונט, און אין אַנדערע לענדער לאָזט מען דאָך נישט אַריין — אין פראַנקרייך שטאַרבן די יידן פון הונגער, זיי טאָרן נישט אַרבעטן — אַזוי איז אין לאַנ־דאָן, וואָרטן מיר. איך בין געוואָרן ערשט איצט אַן אמת׳ער ייד — איך גיי יעדן טאָג צום דאַוונען אין טעמפּל. פריער בין איך נאָר געגאַנגען „אַם פאַרזעהנונגסטאַגע״ (אום יום־כּפּור). די איינציקע הילף איז פון גאָט. ווי איז אין רוסלאַנד? מיר הערן דאָ פון מענטשן, וואָס באַקומען בריוו פון דייטשע אינזשינערן — דאָרט אַרבעטן אַלע?

די פראַגע איז געווען אַזוי אומדערוואַרטעט, אַז איך האָב נאָר קורץ גע־ענטפערט: יאָ, דאָרט אַרבעט מען. אויב מען וויל, קען מען קריגן אַרבעט איבעראַל״.

עס האָט פון אים געאָטעמט אַזאַ מידקייט, אַזאַ רעזיגנאַציע, אַז עס האָט זיך נישט געוואָלט ריידן מיט אים ווייטער.

***

אין אַ כשר׳ן רעסטאָראַן אין אָהלאַנד שטראַסע, אַנטקעגן דער פּאָסט, גייען געציילטע מענטשן אַריין, ווייל עס איז דאָרט גאַנץ טייער דאָס עסן.

שחיטה איז היינט פאַרבאָטן אין דייטשלאַנד. קומט דאָס פלייש פון האָ־לאַנד און פון דענעמאַרק. איז אויף דעם אַ גרויסער אָפּצאָל. אַ ספּעציעלער רעפרידזשעראַטאָר שטייט אויף דער גיטער־סטאַנציע. קאָסט אַ מאָלצייט אַ מאַרק, אַ מאַרק מיט פינף־און־צוואַנציק פעניג.

איז ווער קען עס זיך היינט דערלויבן? אַ ניט־כשר׳ער מיטאָג פון צוויי גענג קאָסט 60 פעניג אין אַ ביר־רעסטאָראַן. עס איז שוין פאַראַן פאַר 40 פעניג אויך.

די וואָס זיצן דאָ זיינען עלטערע יידן, מייסטנס אויסלענדער, פרומע, וואָס עסן אַ טאָג איבער אַ טאָג, אָדער האָבן נאָך אַביסל געלט.

אַ שוויגן הערשט דאָ.

מען רעדט אומגערן מיט אַ פרעמדן. פון דרויסן קוקן אַריין קינדער.

מיט עטלעכע מאָנאַטן פריער איז אַריינגעפלויגן אַ שטיינדל. אָן אַ וואָרט, אַ פּראָטעסט האָט מען פאַרמאַכט דעם רעסטאָראַן. האָט זיך אָבער דער באַלעבאָס באַשוועדט, אַז ער קען נישט פאַרדינגען דעם לאָקאַל, און קאָן נישט נאָכקומען די שטייערן. האָט מען אָנגעזאָגט די שקאָצים אין גאַס און אין דער היטלער יוגנט־אָרגאַניזאַציע, אַז „דאָס מאַכט פרייך די יידן אין אויסלאַנד", וואָס טוען די גרויס־פּראָפּאַגאַנדע וועגן דעם — איז זאָל מען אויפהערן צו וואַרפן שטיינער אין שטובן. עס זיינען דאָ אַנדערע מיטלען צו קעמפן מיט נישט־אַריער.

דער אומעט איז שווער. נישט אויסצוהאַלטן. יידן קוקן טיף אין זיך אַריין, אין שווייגן. נאָך קיינמאָל האָט אַ פאָלק אַזוי טיף נישט געשוויגן ווי אין דייטשלאַנד, אָבער מען געוואוינט זיך צו.

ביי אַ יידישער פירמע אין בערלין אַרבעטן געמישטע אָנגעשטעלטע, יידן און קריסטן.

זיי זיינען קאָלעגן. די קריסטלעכע זיינען מיטגלידער אין באַאַמטן־פאַראיין, דעם נייעם אַלגעמיינעם היטלער־פאַראיין פאַר אַרבעטער, באַנק־באַאַמטע און אַנדערע „פאָלקס־גענאָסן". אָבער יידן נישט.

איז גראָד אַ יידיש מיידל — עדיטה — זאָגט די ערשטע אינדערפרי דעם „הייל היטלער"־גרוס.

איך האָב איר געפרעגט, פאַרוואָס זי טוט עס. זאָגט זי, אַז איידער צו באַקומען פון אירע קאָלעגן און פון שעף אַן אָנזאָג, זי זאָל זיך מוזן אונטעראָרדענען, זאָגט זי עס בעסער צו־ערשט, און אַ סוף.

***

די יוגנט גייט אַריין אין די אומלעגאַלע צעלן פון דער נייער איינהייטס־באַוועגונג.

מען לייענט, מען זוכט וועגן, מען טראַכט. די דערמאָרדונגען פון אַרבעטער אין דייטשלאַנד אין דער פאָרם פון „פאָלקס־געריכטן", האָבן אַרויסגערופן אַ וואונדערבאַרע העלדישקייט ביי דער יוגנט. מען לייגט ביידע הענט אין פייער אַריין. אין עקסטאַז קלינגען פשוט'ע ווערטער. הערבערט איז אומלעגאַל. האָט קיינע פּאַפּיר נישט. אונטער אים ברענט די ערד. ער האָט נישט קיין נאַכטלעגער. לויפט ער אַרום איבער זיין דיסטריקט זוכן אַן אָרט פאַר זיין פריינט. „עס גייט אום דען קאָפּף", זאָגט ער.

— און דיין קאָפּ? — פרעגט מען אים.

— אַך — דומהייט — קאָמט זי גאַרנישט אין באַטראַכט.

און ער רייסט אַרויס מיט די ציין אַ שלאָף־פלאַץ פאַר אַ חבר — און אַליין בלאָנקעט ער זיך.

וואו האָבן זיי דאָס געלערנט? ווי גיך זיך צוגעפּאַסט צו אומלעגאַליטעט, צו אַלע פאָרמען פון אונטערערדישן קאַמף.

אירמאַ, — פיזקולטור־לערערין, געאַרבעט אין בערלין. געלערנט מיט אַרבעטער־קינדער טאַנצן און גימנאַסטיק. געטאָן פאַראַנטוואָרטלעכע אַרבעט. אַרויסגעטראָטן אויף פאַרזאַמלונגען, געאַרבעט אין איינהייטס־פראָנט. יעדעס קינד קען זי אין איר דיסטריקט. מוטיק און הילפרייך האָט זי אין די שווערע טעג נאָך דער איבערקערעניש אַלע חברים באַזאָרגט מיט אַלץ וואָס עס איז געווען נויטיק. אַלעמען געקאָרמעט, פאַרזאָרגט מיט געלעגערס, פּאַפּירן. ביז צום לעצטן מאָמענט געווען אויפן פּאָסטן. און אַלץ פּשוט, אָן פראַזן, אָן אַ הויך וואָרט. פון אַ יידישן פאָטער און אַ דייטשער מוטער איז זי. האָט קיינמאָל נישט געהערט יידיש ריידן, רופט אָבער איר פריינט נישט אַנדערש ווי „מוישעלע"! איז געווען מיט מיר ביי אַלע מיינע אַרויסטרעטונגען וועגן סאָוועטן־פאַרבאַנד אויף יידיש. לערנט זיך שרייבן. וועט אַרבעטן אין פאַריזער אַרבעטער־קלובן אויפן בעלוויל אַלס פיזקולטור־אַרבעטערין, מיט יידישע אַרבעטער־קינדער.

„ווייל דאָ געהער איך דאָך היין", זאָגט זי.

אַ הערלעכע יוגנט וואַקסט אונטער אין דייטשלאַנד פון היטלער. פון יענער זייט נאַציזם.

צו באַקעמפן אים און צו מאַכן אַ סוף צו אים, אין און אויסער דייטשלאַנד!

פראַנצויזישע יידן

דער פראַנצויזישער ייד אַלס געזעלשאַפטלעכער טיפּ

איך געדענק נאָך ווען איך בין געווען אַ קינד, איז די וועלט פון דרעוואַקסענע שטאַרק אויפגעטרייסלט געוואָרן פון דרייפוס־פּראָצעס.

די גאַנצע יידישע געזעלשאַפטלעכקייט האָט זייער טיף איבערגעלעבט די טראַגעדיע פון פאָליט־באַשולדיקטן יידישן אָפיצער; די גרויסע פאַרדינסטן פון זיין אַדוואָקאַט לאַבאָרי אַרום זיין באַפרייאונג און די ענדגילטיקע רעהאַביליטאַציע זיינע, וועלכע מען האָט ממש באַטראַכט ווי אַ ריינוואַשונג פון גאַנצן „פאָלק ישראל".

אָבער וואָס עס איז געווען אַממערסטן אינטערעסאַנט פאַר די לייענער פון די צייטונגען און פון די אַביסל נאַציאָנאַליסטיש־געשטימטע יידישע איב־

טעליגענץ פון יענער צייט, איז בכלל דער אויסדרוק און דער טיפּ: פראַנ־צויזישער ייד.

ער איז געווען אומבאַקאַנט. צי רעדט ער יידיש אויך? ווי זעט ער אויס? ווי אַ וואַרשעווער ייד — מיט אַ זיידענער קאַפּאָטע שבת און אַ סאַ־מעטענעם שטריימל, ווי אַ גאַליציאַנער חסיד? און ווען מען האָט שפּעטער דערזען זײַן בילד פון דרייפוסן, איז מען געווען אַביסל אַנטוישט: אַ פראַנ־צויז...

אַ פרעמד, אייראָפּיאיש פּנים — אַ פּנים אָן „ספּעציפישן יידישן" וועלט־שמערץ אויסדרוק, נישט קיין געקרייזלטע האָר — אַ מונדיר פון אַ פראַנ־צויזישן אָפיצער. די פאָרשטעלונג פון פראַנצויזישע יידן איז אַביסל גע־בליבן ביי אונדז ביז היינט. און זי איז די ריכטיקע: אַ פראַנצויזישער ייד וואַרפט זיך ווייניקער אין די אויגן אַלס ייד איידער דער דייטשער אָדער ענגלישער. ער איז נאָך ווייטער פון מזרח־יידנטום אַלס דער דייטשער. ער האָט נאָך אַ גרעסערע פאַראַכטונג צום „זשאַרגאָן" — די שפּראַך פון יידישע אַרבעטער־מאַסן — ווי דער דייטש, וואָס האָט נאָך ביז נישט לאַנג געהאַט אַ טיפע פאַראַכטונג צום „אָסט־יידנטום", מיט זיינע עמיגראַנטן, דעם קאַ־ראַנטין, די פּערענעס, דעם טשייניק און די פּיק אין די האָר פון די יידענעס מיטן פּאַרוק.

איך זאָג: נישט לאַנג. ווייל די לעצטע עטלעכע יאָר, ווען אויפן אָרט פון אַלטן רוסלאַנד און זיינע יידן־פאַרפאָלגונגען, מיט זיין עמיגראַציע און טראַגישן הונגער פון די רוסישע פּויערים, איז אויסגעוואָקסן די פּלאַן־ווירטשאַפט פון סאָוועטן־פאַרבאַנד.

און ווי עס זאָלן זיך נישט לייגן אין דער לענג און אין דער ברייט די שוואַרצע כוחות פון רעאַקציע און ברודיקער זשורנאַליסטיק, ווי בינאַי און לעשטשינסקי — די פאַקטן פון אמת׳ן לעבן זיינען דאָך שטאַרקער פון זיי.

דער פאַקט פון דער „אַגראָדזשאָינט" רייזע אין דער יידישער אויטאָ־נאָמער געגנט גלייכצייטיק מיט דער רייזע פון „אָרט"־פאַרטרעטער פון מאָסקווע, דר. ציגעלניצקי, זיינען אַ באַווייז. אַז זעקס יאָר אַרבעט אין ביראָ־בידזשאַן, אונטער שווערע טייגע־באַדינגונגען, ביי וועלכער צען טויזנט יידן זיינען דאָך פאַרפעסטיקט געוואָרן, האָבן געשאַפן די באַזע און די מעגלעכ־קייט צו דערקלערן דעם ביראָבידזשאַנער ראַיאָן פאַר אַ סאָוועטישן אויטאָ־נאָמען אײנס פאַר יידן און אַז די איבעריקע וועלט מוז זיך דערמיט רעכענען — צי אירע אַגענטן ווילן צי ניט.

„נאָך זעקס יאָר באַזיקאָט פון ביראָבידזשאַן מצד אַגראָדזשאָינט און אָרט", שיקט מען אַהין צוויי דעלעגאַציעס און מען רעכנט צו בויען דאָרט אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען (דער פאַניער זאַוואָד וואָס דער „אָרט" האָט

אָנגעהויבן בויען אין 1934), דער קאָרב־פלעכטן וואַרשטאַט, וואָס דער „אָרט״ האָט איינגעאָרדנט אין קאָלווירט „וואַלדהיים״.

די פראַנצויזיש׳ע ייִדן, וואָס מען ציט אַריין אין דעם פאָקוס פון ייִדיש׳ער פילאַנטראָפּיע פאַר מזרח, פאַרלאַנגען אינפאָרמאַציע, און גענויע. אויב מען וויל זייער געלט מוז מען זיי וויזן אַן אַרבעט־פּראָגראַם און רעזולטאַטן. אויב מען וויל אַ הלוואה — מוז מען וויזן די צוקונפטיקע פּראָצענטן.

צופעליק האָט אַן אַרבעט־פּראָגראַם בלויז דער סאָוועטן־פאַרבאַנד. צופעליק זיינען נאָך אַלין די בעסטע אינוועסטמענטס די כערסאָנער, קרימער, קריוואָראָגער און אָדעסער ייִדישע פאָנדן — היינט פיר נאַציאָנאַל־ייִדישע ראַיאָנען.

פאַרלאַנגען די ייִדישע באַנקירן און סוחרים פון פראַנקרייך, אַז מען זאָל זיי ברענגען קאָנקרעטע ציפערן פון דערגרייכונגען און פלענער פאַר ווייטערדיקער אַרבעט אין סאָוועטן־פאַרבאַנד.

איז טאַקע די רייזע פון די ביידע פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס פאַר זיי געמאַכט געוואָרן. ווייל די ביידע געזעלשאַפטן שעפּן קוים מאַטעריאַל.

רעוואָלטירן זיי קעגן די געהאָרכזאַמע משרתים פון דער בורזשואַזיע, קעגן די אַלס „ראַדיקאַל״ פאַרשריענע ווייס־„סאָציאַליסטישע״ עמיגראַנטן אין פּאַריז, וועלכע דער וויכער פון 1917 האָט אַרויסגעוואָרפן ווי שפּענדלעך איבערן הויף.

פּראָטעסטירן זיי קעגן די אייביקע בריוו און קאָרעספּאָנדענצן וועגן „הונגער, טעראָר און גאָטלאָזיקייט״, ווערן זיי אויפגעבראַכט ווען מען קומט צו זיי מיט די אַלטע באַרי׳שע טענות פון „באָלשעוויסטישע גוואַלדטאַטן״. וויזן זיי אָן, אַז די פראַנצויזישע רעגירונג האָט אַנדערע אינפאָרמאַציעס, אַז דער מיניסטער קאָט אָדער העריאָ זיינען אויך גוטע אָבזערוואַטאָרן — ניט נאָר אַבראַמאָוויטש.

זיינען צווישן זיי אַלץ מער און מער פאַלן פון אָוועקגיין פון די איינגעפונדעוועטע טראַדיציאָנעלע אינסטיטוציעס און קומען צו אונדז, זוכן און געפינען די „פריינט פון סאָוועטן־פאַרבאַנד״, די גרופע פראַנצויזישע שרייבער ווי מאַרלאָ, זשאַן־ריטשאַרד לאָק, די שולע פון ראָמען ראָלאַן — די אַלע וואָס קענען שוין דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד. זיי האָבן אויך אַ שטופּ געטאָן די ייִדישע אינטעלעקטואַלע פון פראַנקרייך.

אויך די אינטעליגענץ, וואָס איז ביז אַהער געשטאַנען אונטער דעם ציוניסטישן איינפלוס. אַזעלכער איז האַנרי גאַרניער. געבוירן אין פּאַריז, שטודירט אין גרענאָבל, געווען אַ יוריסט, זיך פאַרנומען מיט זשורנאַליזם, געשריבן אין ליבעראַלע צייטונגען. אַ געזונטער, אָפּטימיסטישער, טיפּישער פּאַריזער. אָבער זיך געפילט אַלס ייִד. און וואָס האָט עס זיך אויסגעדריקט ?

ער האָט חתונה געהאַט מיט אַ ייִדישער יונגער פרוי, וואָס איז אַלס קינד געקומען אין פּאַריז פון פּוילן. זי האָט אים גלייכצייטיק אַביסל אײַבערדערצויגן. זי אַרבעט, איז זעלבשטענדיק, לייענט ייִדישע צייטונגען. ער נישט. אָבער דעם קאָנטאַקט, וואָס ער האָט מיט ייִדישע פילאַנטראָפּישע אינסטיטוציעס איז ווערטפול.

גאַסטאָן לעווי שטודירט דעם מאַרקסיזם

גאַסטאָן לעווי איז 56 יאָר אַלט. ער איז געבוירן געוואָרן אין אַ פאַמיליע פון פראַנצויזישע ייִדן אין דער שטאָט ריימס. זיין פרוי איז פון לאָטרינגען. ביידע האָבן זייער גאַנץ לעבן פאַרבראַכט אין פּאַריז. גאַסטאָן לעווי איז געווען אַ סטודענט פון פילאָלאָגיע, אָבער דער פאָטער איז פרי געשטאָרבן, און ער האָט געמוזט העלפן דער מאַמען מיט פיר קינדער אירע. איז ער געוואָרן אַ „מאַרשאַן": אַ מאַרק־הענדלער. ער האָט ליב געהאַט זיין אַרבעט. ער האָט ליב געהאַט די שמעקעדיקע לופט ביי די ברעגן פון דער „סענע" — דעם טייך פון פּאַריז — אויף וועלכן עס פאָרן פלינקע לאָדקעס און קליינע „קאַטערס" מיט האָלץ, קאַרטאָפל, פיש אָדער פרוכט. ער האָט ליב דעם בלויען הימל פון פראַנקרייך, די לופטיקע בריקן, אויף וועלכע עס דונערן די אויטאָקאַרס. ער האָט ליב געהאַט די שטילע שעה'ן נאָך מיטאָג, ווען די פּאַריזער פרויען פלעגן פאַרענדיקן זייער איינקויפן, ווען פלינקע ווייסע פרויען־הענט פלעגן נאָך אויף שנעל אויסקלייבן אַ שטיקל זייד, אַ שפּיץ, אַ קעלבערל, אַ לענטע, און גיין קאָכן די זופּ פאַר דער נאַכט. דאַן פלעגט ער לייענען. ער האָט אַ סך געלייענט אין זיינע מאַרקעט־יאָרן. ער האָט זיך נישט איבערגענומען מיט זיין אַרבעט. געווען אַ בחור. פרײַ. אַ וועגעטאַריאַנער, אַ „טאָלסטאָאיסט". געווען קעגן מלחמה. עס זאָל זיך נישט גיסן בלוט: נישט פון אַ הון, נישט פון אַ מענטש. געהאָלפן יונגע לייט, וואָס פלעגן ערשט אָנהויבן שטיין אויפן מאַרק. זיך באַקענט מיט אויסלענדישע סוחרים.

איז געקומען די מלחמה. די יוגנט איז אַוועק אויפן שלאַכט־פעלד. אַלע קאַנטאָרן, פאַבריקן זיינען געוואָרן פוסט. מען האָט געזוכט מענטשן. איז ער אַוועק אין באַנק. געוואָרן אַ בוכהאַלטער. געלעבט נישקשה. האָט עפּעס אַ בענקשאַפט אים פאַרכאַפּט נאָך פאַמיליע — נאָך אַ וואַרעמקייט. האָט ער חתונה געהאַט. ער האָט צוויי קינדער. שוין דערוואַקסענע. מיט צוויי יאָר צוריק איז ער געוואָרן אַרבעטסלאָז, געגאַנגען שטעמפּלען זיין ביכל אין דער יוניאָן. באַקומט אַ קליינע אונטערשטיצונג. קוים גענוג פאַר איין מענטשן. די טאָכטער אַרבעט, נאָר דער זון איז אין אַ קליניק פאַר נערוון־קראַנקהייט. די מורא פאַר מלחמה, פאַר גאַז, באָמבעס, אין די צוויי יאָר

האט ער א סך געטראכט. א סך איבערגעלייענט. א סך זיך פארצייכנט. געגאנגען אויף מיטינגען, דעמאנסטראציעס פון ארבעטער — ער איז דאך פריי, האט צייט. אין דער היים לאכט מען פון אים, דעם 56־יאריקן, וואס ער דערציילט וועגן דעם סאוועטן־פארבאנד, וועגן די סאוועטישע פליערס, וואס זיינען געווען אין פאריז.

— וואס טוט איר איצט, מעסיע לעווי? — פרעג איך. ער איז געקומען צו מיר אויף א שמועס. געטראפן האבן מיר זיך אויף מיינער א לעקציע אין פאריז, אין „ריאלבוי", וואו איך האב אים צוערשט געזען. ווי האט געסטאן לעווי, דער פראנצויז, וואס קען נישט לייענען קיין יידיש, געטראפן צו מיין לעקציע, געוואוסט פון איר?

א ווילנער ארבעטער, וואס האט מיך געקענט אין ווילנע און פלעגט חלומ׳ען פון זען פאריז, האט פון מיינעם א קרוב באקומען דעם אדרעס פון זיין פריינט, געסטאן לעווי, און געסטאן לעווי האט פון מיין קרוב געהערט וועגן מיין טעטיקייט. האבן זיך די ביידע אין פאריז געטראפן, און איינער האט דעם צווייטן געפירט צו דער לעקציע. דער ווילנער ארבעטער, קריי־שאנסקי, האט דעם הונדערט־פראצענטיקן פראנצויז געפירט צו דער יידי־שער לעקציע וועגן דער נאציאנאלער פאליטיק פון דער סאוועטן־רעגירונג.

— אלזא, וואס טוט איר איצט? — פרעג איך מעסיע לעווי.

— א, איצט לערן איך זיך. שוין אכט חדשים ווי איך זיץ אין ביב־ליאטעק פון „פאנטעאן" און שטודיר. מיט נאטיצן און אויפצייכענונגען, מיט קאמענטארן און מיט עקאנאמישע ווערטער־ביכער. דער „פאנטעאן" האט אכציק טויזנט ביכער.

— וואס שטודירט איר, מעסיע לעווי?

— קארל מארקס׳ „לע קאפיטאל".

***

עס איז געווארן שטיל אין צימערל פון האטעל „מעסידאר" אויף א פאר מינוט.

נישט יעדן טאג טרעפט מען א מענטשן פון 56 יאר, וואס האט אפגע־לעבט א לעבן פון א קליינבירגער, א רואיקער און צופרידענער, וואס פרייט זיך, אז היינט, ווען ער איז געווארן ארבעטסלאז און די מלוכה מוז אים אויסהאלטן, קען ער שטודירן קארל מארקס, כדי, ווי ער זאגט, ער זאל קע־נען ווערן א גוטער „מיליטאנט" אין דער פראנצויזישער קאמפארטיי, וואס דאס איז זיין ציל!

טארעז, דער קאמוניסט, איז געווען א מאינער (קוילן־גרעבער). פון דער מאין איז ער אריין אין פארלאמענט. ער קעמפט צוזאמען מיט קאשען

און וואַיאַן־קוטיריע. כדי צו קעמפן דערפאָלגרייך, מוז מען האָבן וויסן: קאַרל מאַרקס גיט דעם פונדאַמענט. אין דריי חדשים ענדיקט ער דאָס שטודירן מאַרקס. דאַן קומט לענין. ער מאַכט עס סאָליד. דעם יידישן מוח האָט ער דערצו. דאַן ערשט וועט ער אַריינטרעטן אין דער פראַנצויזישער קאָמפּאַרטיי — ווייל אָן וויסן קאָן ער דער מענטשהייט נישט דינען!

„און מיר וועלן זיך נאָך מיט אייך, קאַמעראַד, טרעפן אויף איין פּלאַטפאָרמע, ווייל אויך יידיש גיי איך זיך לערנען!

די בעלווילער יידישע אַרבעטער זיינען העלדן: ווי זיי האָבן זיך פאַראיאָרן אין פעברואַר, 1934, געשלאָגן מיט די „אַזשאַנעס“ (פּאָליציאַנטן) אויף די פּאַריזער גאַסן — פּונקט ווי אונדזערע אויף די פּיקעט־לאַינס. „איך האָב געפונען מיין סינטעז“, זאָגט מיר רענעי, אַ יונגע מאָדיסטקע פון „די ריוואָלי“ — בלויז די גאַנצע מאַכט פון אַרבעטער־קלאַס קאָן באַהעפטן אונדזער מאַכט: אַסטוריאַס אין שפּאַניע, ווין בעתן אויפשטאַנד, איטאַליע, אונגאַרן מיט די גרויסע סטרייקס, בערלין! און אויב עס איז זיי דאָרטן ניט געלונגען אין גאַנצן — איז עס בלויז דערפאַר, ווייל די סאָציאַל־דעמאָקראַטן האָבן מורא פאַר אַרבעטער־מאַכט!

יאָ, דער איינהייטס־פראָנט גיט אונדז דעם קאָנטאַקט מיט די מאַסן און זיי גיט עס דעם קאָנטאַקט מיט די פאָלקס־פירער!“ ער האָט פון זיין קעשענע אַרויסגעצויגן צוויי שוואַרצע צעראַטענע קאַיעטן מיט נאָטיצן. ער האָט גענוצט די ווערטער פון קאַרל מאַרקס וועגן צעפאַלן זיך פון קאַפּיטאַליזם, פאַרגרעסערטן קלאַסן־קאַמף קעגן דעם פאַרשטאַרקטן אָפּוועך פון דער בורזשואַזיע.

„דאָס איז דאָך היינט — דער פאַשיזם! דאָס האָט דאָך מאַרקס געהאַט אין זינען, דאָס קאָן דאָך אַ קינד פאַרשטיין!“. שרייט ער אויס אַ צופרידענער. „און איך, גאַסטאָן לעווי, דער פּראָקוריסט אין „באַנק דע פראַנס“, וועל מיטקעמפן פאַר דער אמת׳ער רעוואָלוציע אין פראַנקרייך. און מיר וועלן אָרגאַניזירן פראַנצויזישע אַרבעטער־ראַטן מיט אַ פאָלקס־אַרמיי... איך בין ווי ניי־געבוירן, קאַרל מאַרקס האָט מיך געמאַכט יונג און די „סאַל ביליער“ איז שוין צו ענג פאַר אונדזערע מאַניפעסטאַציעס“.

גאַסטאָן לעווי, אַ געוועזענער שילער פון מיין פעטער, דעם פילאָלאָג פיינבערג אין ווילנע, איז צופרידן ביים זעקסטן צענדליק יאָרן, ווי אַ מענטש, וואָס האָט געפונען זיין וועג אין לעבן. ער לייענט אין דער „פּאַנטעאָן“ ביבליאָטעק פון צען אינדערפרי ביז זעקס פאַרנאַכט די ווערק פון פילאָסאָפןמאַטעריאַליסטן. ער טראַכט דאָס געלייענטע אַדורך, דאָס גיט אים קראַפט צו קעמפן מיט זיין פאַמיליע און מיט די שכנים, מיטן קלאַס פון די זאַטע, היימישע קליינבירגער פון אַרומיקע שטעטלעך „פעדלערס“ און שענקערס.

ביראָבידזשאַן

(זכרונות פון פיר באַזוכן אין דער ידישער סאָציאַליסטישער אויטאָנאָמער געגנט: ביראָבידזשאַן)

(אַ ן אַ ר ײ נ פ י ר)

עס פלאָנטערן זיך אין קאָפּ מעלאָדיעס וועגן סיביר, רעוואָלוציאָנערע לידער, געזונגען פון אַרעסטירטע סטודענטן און אַרבעטער, געפירטע אונטער אַ צאַרישן סאָלדאַטן־קאָנוואָי צו די ווייטע, אין שניי־פאַרזונקענע „אולוסן" (דערפער) פון צפון־סיביר. דאָס זיינען די „פּאָסעלענצעס", אַ קאַטעגאָריע פון לייכטערע פּאָליטישע „פאַרברעכער". די שווערערע, פאַר'משפּט'ע פאַר טעראָריסטישע אַקטן, צו לאַנגע קאַטאָרגע־שטראָפן, פלעגט מען שיקן אין גרויסע ברוטאַלע תפיסות — אין נערטשינסק, צו דער קאַריאַיסקער קאַטאָרגע, אָדער נאָך ווייטער, צום צפון, כמעט ביים נאָרט־פּאָל אין בערעזאָוו.

יענע קלאַנגען זיינען שוין לאַנג פאַרשטומט אין דער לופטן, אויסגעמעקט דורך דער זיגרייכער אָקטאָבער רעוואָלוציע, אָפּגערוקט ווייט, ווייט הינטער געוואַלטיקע עלעקטראָ־סטאַנציעס, לענגאויס די סיבירער טייכן — יעניסיי, אירטיש, אָב, לענאַ, אַנגאַרא און — אַמור.

אָבער אויפן פאַרכאַפּנדיקן לאַנגן וועג דורך דער ברייט פון סאָוועטן־פאַרבאַנד, וואו אַלע מינים לאַנדשאַפטן בייטן זיך, ווי אויף אַ באַשטעלונג פון געאָגראַפן, אויף דעם לאַנגן וועג ליגן סימבאָלן פון דער געשיכטע, פון צאַרישן רעזשים; עס ליגט דער אַלטער ברוטאַלער טראַקט פון געשמידטע אין קייטן אַרעסטאַנטן; די באַרימטע „וולאַדימירקאַ" — אַ וועג פון טרערן, פאַרניכטעטע לעבנס און נייע, שוין אין תפיסה־דערצויגענע, מערדער. אַ וועג, וועלכער האָט געדויערט אָפטמאָל יאָרן פון איין עטאַפּ צום צווייטן. אַ וועג צו־פוס, איבער שניי־גריבער, רעגן־שטורעמס, אונטער אַ ברענענדיקער זון, וואו אַ חלום איז געווען אַ ריטשקעלע וואַסער...

דאָס איז געווען דער וועג: היינט, פערציק יאָר נאָך דער איינפירונג פון דער סאָוועטן־מאַכט, פירט די באַן פון מאָסקווע ביז כאַבאַראָווסק — פערצן טויזנט קילאָמעטער — צו דער „ידישער סאָוועטישער אויטאָנאָמער געגנט" (דעם געוועזענעם „ביראָבידזשאַנער ידישן סאָוועטישן ראַיאָן"), און שטעלט זיך אָפּ, נאָך צען טעג רייזע, ביי דער געמויערטער ווייסער סטאַנציע:

„בירָאָבידזשאַן". אַמאָל איז עס געווען אַ קליינע הילצערנע כאַטע, פון געלע האָלץ, מיט אויסגעשניצטע הענער אויף די פענצטער־לאָדן, ווי אַלע קליינע, פאַרלוירענע אין דער טייגע כאַטעס. און האָט געהאַט אַ סימבאָלישן נאָמען: „טיכאָנקאַיאַ", די שטילינקע, די פאַרוואָרפענע. זי איז זיך געשטאַנען פאַר־עקשנ'ט, פעסט, אונטערגעשפּאַרט אויף געזונטע סיבירישע קלעצער, מיט אַלע לעכער פאַרשטאָפּטע מיט מאָך, צוגעקלעפּט מיט ליים, מיט אַ רויטן שינדל־דאַך און בלויז מיט צווי קליינע צימערלעך — די קאַסע, אַ גרויסער אויוון און עטלעכע בענקלעך זיינען געווען אין דעם ערשטן צימער און די „וואַרינונג" פון דעם סטאַנציע־פאַרוואַלטער אינעם צווייטן. אין 1929, ווען איך בין צום ערשטן מאָל אַהין געקומען, זיינען בלויז צוויי מאָל אַ וואָך געגאַנגען „עקספּרעסן" צווישן מאָסקווע און וולאַדיוואָסטאָק, מיט 800 קילאָמעטער ווייטער, אייידער כאַבאַראָווסק, וואָס איז געווען דער צענטער פון דעם „אוססורישן קראַי", וואו די יידישע אויטאָנאָמע געגענט געפינט זיך.

בלויז צוויי מאָל אַ וואָך איז געגאַנגען דער באַרימטער סיבירישער „בלאָער עקספּרעס", ווי ער האָט געהייסן, ווייל די וואַגאָנעס זיינען געווען פון אַ שיינעם בלאָען קאָליר, מיט שטאָלענע געפּוצטע טיר־קלאַמקעס, מיט זילבערנע אייזערנע טרעפּלעך און מיט אַ שטאָלצן גאַנג פון דעם לאָקאָמאָטיוו, וואָס האָט געפירט צום חלום פון יעדן ווייט־מזרח'דיקן טעכניקער, סטודענט אָדער אַרבעטער — צו מאָסקווע! דאָרט האָבן געפירט טירן צו גרויסע פאַבריקן, צו אומצאָליקע קורסן און שולן, צו וויסן, טעכניק און אַ צוקונפט!

אויסער דעם „בלאָען עקספּרעס" וואָס איז געגאַנגען אַהין און צוריק צוויי מאָל אַ וואָך, זיינען געווען צוויי באַנען אַ טאָג פון לאָקאַלן טיפּ. זיי האָבן זיך געצויגן כטאָטעטשנע, פאַוואָליע, גענומען וואַסער אויף אַלע סטאַנ־ציעס, דערלויבט די פּאַסאַזשירן צו אָנפילן די טשייניקעס מיט „קיפּיאַטאָק", הייס וואַסער, אַריינצולויפן אין בופעט און קויפן זיך „באַראַנקעס" (בייגל), אַ קעז־גאָמעלקע, אַ פּאָר עפּל, אַ פלאַש מילך און אַ קליין, הילצערן פעסעלע האָניק — אגב איז דאָס דער באַרימטער סיבירער טייגע־האָניק פון טויזנ־טער בלומען און קרייטער, וואָס די ערשטע יידישע איבערוואַנדערער האָבן שוין דאָרט אָנגעטאַפּט און זיך אַליין געשטעלט בויען בינשטאָקן און זיך געפּאָרעט אַרום זיי מיט מוסלין־נעצן אויף די קעפּ קעגן די בינען. און ווען די ערשטע פּרויען זיינען אָנגעקומען אַהין, נאָך אין 1928, האָבן זיי שוין געפּרעגלט „איינגעמאַכטס" פון פּאָמידאָרן (טאָמאַטן) און טאָקע מיט האָניק, ווייל קיין צוקער איז נישט געווען.

יאָ, דער וועג איז געווען פאַרכאַפּנדיק שיין. מען איז אַריבער די אור־ראַלער בערג, אַריין אין מערב־סיביר מיט אַ צווייטער סדרה בערג, דער „סאַיאַנאַווער כרעבעט", שוואַרץ אפילו אין שיין פון דער זון צוליב די

געדיכטע, זאַטע, אוראַלטע וועלדער. דאָס זיינען הויכע, אומדורכדרינגלעכע, זיכערע וועכטער און היטער פון די מורא'דיק־גרויסע אוצרות פון אַזיאַטישן טייל פון סאָוועטן־פאַרבאַנד. מיילן־ווייט איז נישט צו זען קיין דערפל, קיין רויך פון אַ כאַטע, קיין טשערעדע פי — און פלוצלינג, ווי פון אונטער דער פאָלע פונעם שטח, שפּרינגט אַרויס אַ סטאַנציע, מיט די אויסגעשניצטע פענצטער־לאָדן, מיט אַ וואַסער־פּומפּ, מיט פּויערטעס אין ווייסע קאָפּ־טיכלעך און מיט קוישלעך אויף די הענט: יאַגדעס, אוגערקעס, ברויט (טאָקע ווייסע, פּוכקע בולקעלעך אויך) און אפילו אַ זייטל חזיר־פלייש, איינגעוויקלט אין אַ ריינער ווייסער שמאַטקע. און די נעמען פון די סטאַנציעס, וואָס מען פאָרט אַדורך — איינע הייסט „זימא“ — פּראָסט־פּשוט — ווינטער! און טו איר עפּעס! אַן אַנדערע, שוין נישט ווייט פון ביראָבידזשאַן, הייסט גאָר ווי אַ מאַנסביל — „יעראָפיי סטעפּאַנאָוויטש. אַ דריטע גאָר „מאַלינקא“.

מען האָט אין די אַלט־צאַרישע צייטן געגעבן נעמען פון גענעראַלן און הייליקע, און בלויז מיטן אָנקומען פון דער סאָוועטן־מאַכט האָט מען זיך גענומען געבן נעמען פון פאָלקס־העלדן און קעמפער, פון פּאַרטיזאַנער און באַליבטע פירער — אַזוי רוסישע, ווי אויך קאָרייאישע און כינעזישע, וואָס לעבן און אַרבעטן אין דעם קאַנט.

די באַטור־שיינקייט פאַרגרעסערט זיך וואָס ווייטער מען פאָרט אַריין אין לאַנד — און איז ממש פון אַזאַ גוואַלטיקער קראַפט, אַז זי מאַכט אייערע אויגן נאַס, אייער האַרץ קלאַפּט און איר פאַלט צו צום פענצטער פון וואַגאָן און קאָנט זיך נישט אָפּרייסן! איך פלעג שטענדיק פאָרן אַהין אין סעפּטעמבער, ווען די זומער־רעגנס האָבן אויפגעהערט, ווען עס שיינט צוועלף שעה אַ טאָג די זון, ווען די ערד רויכערט, אַ הייסע, גרינע, אָנגעפּאַיעטע ביז גאָר און די גרינסן און קאַרטאָפל ווערן אַראָפּגעראַמט פון די פעלדער.

אין אַזאַ טאָג זיינען מיר צוגעקומען צום „באַיקאַל“, צו יענער לעגענדאַרער אָפּגרונט־טיפער אָזערע, אַרום וועלכער עס זינגט אַ פאָלק לידער, דערציילט העלדישע מעשיות, דערציט אַ דור מוטיקע יעגער, וועקט דעם ענטוזיאַזם פון שפּעטערדיקע זאַבאַיקאַלער פּאַרטיזאַנען, וואָס שלאָגן צוריק ווייסע אַטאַמאַנישע באַנדעס פון קאָלטשאַקן, סעקרעטיעוון, אַבראַמאָווען.

יאָ, דער באַיקאַל, אַרומגערינגלט פון 44 טונעלן, וואָס דונערן אין אייערע אויערן אין משך פון צוויי שעה און באַשענקען אייך מיט יעדן אַרויספאָר פון זיי מיט אַלץ נייע און נייע פּייזאַזשן — ווייל די באַן דרייט זיך פון באַרג צו באַרג און פלוצלינג זייט איר הויך, הויך איבערן באַיקאַל און זעט זיין בלאָע טיפקייט טויזנט פוס אַראָפּ און די באַן שוועבט איבער אַן אָפּגרונט, ווי איבער אַ גיגאַנטישן שפּיגל — און זי פאָרט פּאַוואָליע און גיט זיך

אַ שטעל אָפּ פאַר אַ פּיטשינקער סטאַנציע — ווי אַ פויגל־נעסט, פאַרבאַ־האַלטן אין אַ וואַלד פון גרין, פון בלוי, פון זילבער!

און דער קאָנטראַסט פון די דיזן־בערג, פון דער ים־אַרטיקער אָזערע מיט די 44 טונעלן און פון דער פויגל־סטאַנציע איז פאַרכאַפּנדיק.

אַ שטילע פרייד נעמט אייך אַרום! איר גייט אַרויס, צוזאַמען מיט אַלע רייזנדיקע אויפן פּעראָן און קויפט וואָס אַלע קויפן: אַ געראויכערטן קליינעם, זייער פעטן און זייער געשמאַקן פיש, ווי אַ גרויסע סאַרדינקע. דאָס איז דער באַיקאַלער פּראָדוקט, וואָס ווערט געכאַפּט מיט נעצן און איז באַרימט איבער גאַנץ סיביר. ער הייסט דאָרטן „איוואַסי" און ווערט גערויכערט און אויך איינגעפרוירן אויפן ווינטער. מיר זיינען נאָך מער פאַרכאַפּט פון דער קליינער סטאַנציע, וואָס שטייט ביים סאַמע ברעג פון דעם באַיקאַל, ביים סאַמע סוף פון דער אָזערע. זי שטייט, ווי אָנגעשפּאַרט אויף איר. דער רויטער דאַך שפּיגלט זיך אָפּ אין דעם גרין־בלויען וואַסער, וואָס האָט נישט קיין באָדן, ווי לעגענדעס זאָגן, אַזוי טיף איז דער באַיקאַל. און, צו מאַכן דעם קאָנטראַסט נאָך שטאַרקער, טראָגט די קליינע סטאַנציע אַ פּאַסיקן נאָמען פאַר איר גרויס. זי הייסט „פּעסטשאַנקאַ" — אַ זאַמד־קערנדל.

מיר גייען צוריק אַריין אין וואַגאָן — אַ נייע קייט פון בערג הויבט זיך אָן. די דרום־שפּיצן פון „אַלטאַי", וואָס ציען זיך ווייט, ווייט צו מזרח, ביז זיי דערנענטערן זיך צו די כינגאַנער בערג, וואָס לויפן לענגאויס דעם אַמור, אַריבער אים און ווייטער — אין מאַנדזשוריע.

ווידער לויפן פאַרביי סטאַנציעס, דאָס מאָל גרויסע שטעט: נאָוואָסי־בירסק, אירקוטסק, טשיטאַ. מען פאָרט איבער ברייטע טייכן, אויף סאָלידע בריקן, באַוואַכט פון רויטאַרמייער. ביינאַכט ווערן די פענצטער פון וואַגאָן פאַרמאַכט, די פאַרהענגלעך אַראָפּגעלאָזן. עס איז 1929, אין באַן פאָרן יאַ־פּאַנער, אייראָפּייער פון מערב־לענדער, זשורנאַליסטן און געשעפטסלייט און דער קאָנדוקטאָר גייט פון וואַגאָן צו וואַגאָן און לעשט אויס נאָך צען אַזייגער דאָס עלעקטרישע לעמפּל.

אויך אין וואַגאָן־רעסטאָראַן ווערט געמאַכט נאַכט. דער „בלאָער עקספּרעס" פאָרט צווישן פּאַריז־וואַרשע־בערלין־מאָסקווע און מאַנדזשוריע. ער איז אַ דירעקטע פאַרבינדונג צווישן אייראָפּע און אַזיע און אַ מין כישוף ליגט אויף אים. דאָס האָט אים די פעלקער־פריינטשאַפט פון דער אַרבעטער־מלוכה אויסגעטאַטאַט, געשטעלט אים אויף די רעלסן פון צוויי קאָנטינענטן און געגעבן אַ מעגלעכקייט די אַזיאַטישע פעלקער אַריינצוקוקן אין דער סאָציאַליסטישער געאָגראַפיע פון 1929. אין די קוילן־גרובן פון קוזבאַס, די גאָלד־שאַכטן פון לענאַ און אַלטאַי, די שמעלץ־אויוונס פון מאַגניטאָגאָרסק, די דאַמבעס פון אירטיש און פון אָב און די גרעסטע דערגרייכונג פון אַלע

חלומות — צוועלף מיליאָן אַקער לאַנד, וואַלד און טייכן פאַר די זין און טעכטער פון אַמאָליקע האָמלער, וויטעבסקער, מינסקער און קאַטערינאָסלאַווער לופט־מענטשן — ביראָבידזשאַן! אַ טעריטאָריע פאַר סאָוועטישע יידן, מיט אַלע אַטריבוטן פון אַ נאַציאָנאַלער מלוכה׳שאַפט צו בויען סאָציאַליזם לויט פאָרם און אינהאַלט! אַראָפּוואַרפן די קאַפּאָטע פון „קאַפּצאַנסק“ און „טוניעיאַדאָווקע“ און ווערן סאָציאַליסטישע בירגער, מיט גלייכע רעכט — אין אַ משפחה פון 200 פעלקער און נאַציאָנאַלע גרופן.

אַ משפט אין סאַמאַרקאַ

.1

עס האָט שוין געשמעקט מיט האַרבסט אין די „כינגאַנער בערג“, וואָס נעמען אַרום, ווי מיט אַ גרינער באַוואַלדעטער קייט ביידע ברעגן פון „אַמור“, דעם גרענעץ־טייך צווישן דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד און מאַנדזשוריע (כינע). און אָסיען איז די פאַרכאַפּנדיק־שיינע צייט אויפן ווייטן מזרח, ווען די זומערדיקע רעגנס הערן אויף און אַ טרוקענע, זאַפּטיקע וואַרעמקייט לאָזט זיך אַראָפּ אויף דער פרוכטבאַרער ערד. די זון גייט אויף כמעט נאָך האַלבער נאַכט, פאַרפלייצט צו־זאַט דעם גרינעם אַרום און גייט אונטער מיט אַ גלוט־רויטן אָנזאָג, אַז מאָרגן קומט זי ווידער!

אין די אַרומיקע וועלדער, אין דער „טייגאַ“, וואַנדערן די סאָוועטישע און קאָריִאישע יעגער. זיי יאָגן זיך נאָך גרעסערע חיות, ווי: פוקסן, איזוברעס, ווילדע ציגן און שיסן אין די טויזנטער וועווערקעס. זיי גיבן זיי אָפּ אין די ווייט־מזרח׳דיקע קאָאָפּעראַטיוון, וואו זיי קויפן אייַן פאַר דעם באַקומענעם געלט אַלע פּראָדוקטן פאַר זייער טעגלעכן געברויך. די קאָלעקטיווע ווירטשאַפטן לעבן־אויף, עס הויבט זיך אָן דער שניט אויף די פעלדער און גאַנצע אָבאָזן מיט ווייץ און גרינסן ציען זיך איבער די וועגן פון די צענטראַלע אָנשיט־פּונקטן פון דעם ראַיאָן. די „טייגאַ“ הילכט פון טראַקטאָר־געפייף, פון האָלץ־זעגן, פון שאָסן פון די יעגער און פון אויטאָמאָביל־וועגענער, וואָס פאָרן צו די וואַלד־העקער נאָך געהילץ. די יוגנט אַרבעט אויף די פעלדער — און אין אָוונט ברענט אַ שייטער, מען באַקט קאַרטאָפל און עס צעשפּילט זיך די גאַרמאָשקע: אוקראַינער לידער פאַרשמעלצן זיך מיט סיבירער „פאַרטיזאַנען“ מעלאָדיעס און מיט עכט־שטעטלדיקע פאָלקס־מאָטיוון פון די אָנגעקומענע ווייסרוסישע און ליטווישע יידן. עס דערהערן זיך מאָדנע־געצויגענע, טיילמאָל אומעטיקע קאָריִאישע לידער,

װעלכע די אַלט־אײַנגעזעסענע קאָרײַאישע פּויערים האָבן געבראַכט מיט זיך, װען זײ זײַנען געלאָפֿן אַהער פֿון די יאַפּאַנער אין 1905, בעת זײער לאַנד, די האַלב־אינדזל קאָרײע, איז פֿאַרכאַפּט געװאָרן מיט דער הסכּמה פֿון דער צאַרישער רעגירונג, נאָכן פֿאַרשפּילטן קריג מיט יאַפּאַן.

עס זײַנען פֿאַראַן עטלעכע קאָרײַאישע קאָלכאָזן אין ביראָבידזשאַן, צװישן זײ אַ גרױס דאָרף „בלאַגאָסלאָװיענאָיע“ („דאָס געבענטשטע“), מיט גוט־אײַנגעאָרדנטע װירטשאַפֿטן, זױבערע װײס־געקאַלכטע כאַטעס און קלײנע גערטנדלעך מיט קוקורוזע, דיניעס און זונען־רױזן. די װײַט־מיזרח׳דיקע געגנט איז געװען די לעצטע, צװישן אַלע סאָװעטישע טעריטאָריעס, װאָס איז אַרײַן אין דער „פֿעדעראַציע“ פֿון סאָװעטישע סאָציאַליסטישע רעפּובליקן“, װײַל זי איז ערשט אין 1924 באַפֿרײַט געװאָרן פֿון די „װײַסע“ און פֿון די יאַפּאַנישע אָקופּאַנטן, װעלכע האָבן געבושעװעט מיט אַ װילדן טעראָר, אונטער דער אָנפֿירונג פֿון „אַטאַמאַנעס“ (אַבראַמאָװ, סעקרעטיעװ, קאַלטשאַק) איבער סיביר און „פּריאַמוריע“. דערפֿאַר איז נאָך אין 1933, בעת מײַן דריטן באַזוך דאָרטן, מעגלעך געװען דער עפּיזאָד, װעלכן איך װיל דאָ דערצײלן און װעלכער האָט נאָך עדות געזאָגט פֿון דער פֿינצטערער, פֿאַרבאָרגענער מאַכט פֿון די אַמורער „קולאַקעס“, אויסגעהאָדעװעטע און געצערטלטע פֿון דער צאַרישער רעגירונג.

די גאַנצע געגנט איז געװען יונג: אין 1836 האָט דער צאַרישער גענעראַל, מוראַװיאָװ־אַמורסקי, זיך אַ לאָז־געטאָן אין די מיזרח־סיבירער פֿרידלעכע דערפֿער, באַװאױנט פֿון זאַבאַיקאַלער קאָזאַקן און, אָן שום צוגרײטונג, אױפֿן אַמאָליקן „ביקאַליאַיעװסקען“־שטײגער, אינמיטן דער נאַכט, װינטער, זײ געהײסן אײַנשפּאַנען זײערע פֿערד אין שליטנס, אַרױפֿלײגן קינדער בעטגעװאַנט, זעק מיט װײץ, פֿערנעס אין הײ מיט האָבער און — פֿאָרן! 800 מײל, צום ברעג פֿון אַמור, צו דער נײַער טעריטאָריע, װאָס דער צאַרישער גענעראַל מוראַװיאָװ האָט געװאָונען אין אַ „בליץ־קריג“: אין אַן אָנפֿאַל אױף מאַנדזשוריע (דערפֿאַר האָט אים דער צאַר געגעבן דעם טיטל „אַמורסקי“) און באַפֿוילן צו „קאָלאָניזירן דעם נײַ־געװאונענעם קאַנט! — מען האָט אַזױ־אַרום אַרױסגעשלעפּט פֿון די בעטן אין קאַלטע סיבירער נעכט 800 קאָזאַקישע משפּחות און זײ געפֿירט אין שליטנס, װעגענער און אױף באַרזשעס, מיט קלײנע קינדער און אַלטע לײַט, צו אַ פֿרעמדן, אומבאַקאַנטן לאַנד און גורל!...

זײ זײַנען געװען אונטערװעגס מער װי אַכט חדשים. אַדורכגעמאַכט דעם שװערן זומערדיקן רעגן, די מגפֿה פֿון דער „טײַגאַ“ (דעם „גנוס“) — די מיליאָנען מוראַשקעס־קאָמאַרן, מיט װעלכע דער טיפֿער, געדיכטער װאַלד האָט געזשומעט, װײַל קײן מענטשלעכע מקומות זײַנען דאָרטן נישט געװען

— בלויז אַ ווילדערניש: נישט געווען קיינע דערפער, נישט געווען מעדיצינישע הילף, עס האָט זיי געפּלאָגט הינגער פיבער, ווילדע חיות, — און פון 800 משפחות זיינען אָנגעקומען אויף די ברעגן פון „אַמור" קוים 200 מענטשן — די סאַמע שטאַרקסטע און ייִנגסטע! זיי האָבן מיט דער הילף פון כינעזישע „קוליס", וועלכע פלעגן אַריבערפאָרן דעם אַמור, אָנגעהויבן צו קאָשען דאָס היי, זאַפטיקע גראָז, האָדעווען פערד, פאַרזייען קוקורוזע אויף די פּאָלאַנקעס, וואָס זיי האָבן אָפּגעריניקט פון ביימער און ווילדע געוויקסן, און ביסלעכווייז, מיט גוואַלדיקע קרבנות און שווערער פּראַצע, אויסגערויכערט און פאַרניכטעט די מיליאָנען מוראַשקעס, דעם „גנוס". די זאַבייקאַליער קאָזאַקן האָבן זיי צוגעשטעלט שטאַרקע, שיינע פערד צו דער צאַרישער קאַוואַלעריע און פלעגן דערפאַר באַקומען באַזונדערע פּריווילעגיעס און אַ געוויסע שטעלונג אין דער אַרמיי. זיי האָבן אויסגעבויט דערפער מיט צאַרישע נעמען: יעקאַטערינאַ־ניקאָלסק, אַלעקסעיעווקא, דעזשנעווקא. און זיי, אָט־די קאָזאַקן, זיינען עס געוואָרן די שכנים און אַרויסהעלפער, מיט 72 יאָר שפּעטער, אין 1928, פון די ערשטע סאָוועטישע יידישע איבערוואַנדערער אין ביראָבידזשאַן. און פון די אַמאָליקע רוסישע נעמען זיינען געוואָרן די שפּעטערדיקע ישובים: „ביראָפעלד". דאָס סאָוז.־שטעטל „איקאָר", די שטאָט „ביראָבידזשאַן", דער „רויטער אָקטיאַבר", „אַמורזעט", „בּיראָקאַן" און נאָך און נאָך, ווי דאָס ערשטע גרויסע קאָלווירטישע דאָרף „וואַלדהיים". און עס איז געוואָרן לעבעדיק און היימלעך אויף די ברעגן פון דער „ביראַ", פון דער „טונגוסקאַ", פון דעם „בידזשאַן" און פון דעם טאַטער פון זיי אַלעמען, פון ריזן־טייך „אַמור"... עס דערמאָנט זיך די ערשטע רייזע מיינע פון כאַבאַראָווסק אין בלאַגאָוועשטשענסק מיט דער שיף „קאַרל מאַרקס", אין זומער 1931. איך געדענק דעם געוואַלטיקן איינדרוק, וואָס עס האָט אויף מיר געמאַכט יענער ברעג פון „אַמור" — דער מאַנדזשורישער, וואו עס האָבן געהערשט די יאַפּאַנער, וואו יעדע נאַכט פלעגן פאָרקומען פאַקטן פון אַ דיווערסיע, ווען איבערגעטאָנענע אין פויערשע קליידער, פלעגן אַריבערשווימען דעם גרענעץ־טייך ווייסגוואַרדיאישע שפּיאָנען און יאַפּאַנישע אַגענטן. דער אינמיטן ווינטער, אונטערן צודעק פון שנייען און ווייסע פעלצן, פלעגן אַריבערגיין אויפן אייז סאַבאָטאַזשניקעס און אונטערצינדן קאָלווירטישע קלובן און שולן... אין די דערפער האָבן זיך נאָך געהאַלטן רעשטלעך פון „קולאַקישע" זין און טעכטער, בעת זייערע טאַטעס פלעגן אָדער אַנטלויפן צו די יאַפּאַנער אָדער פאַרשיקט ווערן נאָך אַן אַקט פון סאַבאָטאַזש אין „אַרבעטס־לאַגערן" צום צפון פון סיביר.

אין שווערע ראַנגלענישן מיטן שונא איז אָנגעגאַנגען אַ נייַ לעבן, באַרייכערט און געענערט פון יונגע קרעפטיקע סאָוועטישע געזעלשאַפטלעכע

טוער: עס איז געשאַפֿן געוואָרן דורך־אַרץ פֿאַרן סאָציאַליסטישן געזעץ און פֿאַר דער געזעלשאַפֿטלעכקייט.

עס זיינען אָנגעקומען יונגע לערער, טעכניקער, דאָקטוירים, אַגראָנאָמען, אינזשעניערן, מעכאַניקער — די ערשטע סעריע אַרויסגעלאָזענע פֿון יידישע סעמינאַרן, טעכניקומס, אוניווערסיטעטן און דראַמאַטישע קורסן — אַ פֿאַרכאַפּנדיקער ענטוזיאַסטישער עלעמענט, פּיאָנערן פֿון דער „יידישער אויטאָנאָמער געגנט“. עס איז אויך אָנגעקומען דער יונגער פּראָקוראָר, אַבראַשאַ פּערלאָוו, אַ געוועזענער יידישער הימלאָזער ייִנגל, וועמענס עלטערן זיינען אומגעקומען אין בירגער־קריג און וועמען די סאָוועטן־מאַכט האָט אַריינגענומען אין אַ קינדער־היים אין מינסק, שפּעטער אין אַ שולע און דערנאָך — אין דעם אוניווערסיטעט, וואו ער האָט פֿאַרענדיקט דעם יורידישן פֿאַקולטעט און איז געוואָרן אַ פּראָקוראָר („דיסטריקט אַטוירני“). ער האָט, מיט הונדערטער יונגע יידישע פּיאָנערן צוגלייך, באַשלאָסן צו אַרבעטן אין דער „ייד. אויטאָנאָמער געגנט“ און האָט זיך באַזעצט אין דער שטאָט ביראָבידזשאַן.

.2

סוף זומער 1933 איז פֿאָרגעקומען אַ מאָרד אין דעם קאָזאַקישן דאָרף סאַמאַרקאַ, אויפֿן ברעג פֿון אַמור, בעת אַ רוסישער כאַגע, נאָכדעם ווי עטלעכע קולאַקישע זין האָבן זיך אָנגעשיכור׳ט. עס איז דערשטאָכן געוואָרן אַ יונגער פּאַסטוך, וועלכער האָט געאַרבעט ביים קאָלווירטישן פֿי און וועלכער איז געווען אַן אַקטיוויסט צווישן דער יוגנט פֿון דאָרף. ער האָט געהאַט אַן אָנזען אין קלוב און זיך געחבר׳ט מיט אַ גוטער, אַקטיווער מויד, אַ קאָמסאָמאָלקע פֿון דאָרף. בעת דער שיכור׳ער פֿאַרווײַלונג האָט איינער פֿון די קולאַקישע זינדלעך פֿאַרטשעפּעט אין גאַס דעם פּאַסטוך און געוואָלט פֿון אים אָוועקשטויסן דאָס מיידל. יענער האָט זיך פֿאַרטיידיקט און ביידע זיינען אַוועק: דאָס מיידל און דער פּאַסטוך. אָבער צומאָרגנס האָט מען דעם פּאַסטוך געפֿונען אַ דערשטאָכענעם אין זיין צימער. די שיכור׳ע חבֿרה האָט ווייטער געהוליעט ביי טאָג. דער אָרטיקער מיליציאָנער האָט געגעבן צו וויסן דורכן טעלעפֿאָן דער גרענעץ־וואַך („פּאָגראַן־אָכראַנאַ“) און ווען דאָס מוטיקע מיידל האָט אָנגעוויזן אויף דעם קולאַקישן זינדל, האָט מען אים אָנגעהויבן זוכן — ער האָט זיך אויסבאַהאַלטן ביי זיין כּלה — און מען האָט אים אַרעסטירט. די פֿריינט זיינע האָבן עפּנטלעך געסטראַשעט, אַז זיי וועלן „שטום־מאַכן“ דעם פּאַסטוכס מיידל, אויב זיי וועלן זי געפֿינען. דער טעראָר אין סאַמאַרקאַ האָט זיך פֿאַרשפּרייט ווי אַ שׂרפֿה, און מען האָט געשיקט נאָך אַ מיליציאָנער אַהין.

צו דער אויספֿאָרשונג האָט מען אַרויסגערופֿן דעם יונגן פּראָקוראָר, אַבראַשאַ פּערלאָוו פֿון ביראָבידזשאַן, און עס האָט זיך געגרייט דער פּראָ־

צעס. פּערלאָװ האָט מיר פֿאָרגעלייגט צו פֿאָרן מיט אים אין סאַמאַרקאַ, כּדי איך זאָל זען, װי די סאָװעטישע געזעצלעכקייט אַרבעט אין דעם װײַטן פֿאַר־װאָרפֿענעם װינקל, סאַמאַרקאַ, צװישן װײַסגװאַרדייאישע רעשטלעך און קור־לאַקישן אָפּפֿאַל, דערמוטיקט דורך יאַפּאַנישע דיװערסאַנטן און שפּיאָנען. מען האָט גענומען אַ „קאַנאָניערקע“, אַ מאָטאָר־שיפֿל פֿון דער גרענעץ־װאַך, מיט אײן מאַטראָס און איין מיליציאָנער און אַזױ, זאַלבעפֿערט, זײַנען מיר גע־פֿאָרן טײַך־אַרויף קיין סאַמאַרקאַ. מען האָט אונדז געװאָרנט, אַז עס קאָן דאָרטן זײַן „הייס“ — אַ דאָרף פֿון פֿערציק משפּחות, דורכאויס געװעזענע קולאַקישע עלעמענטן, מיט אַ קלײנער גרופּע סאָװעטיש־געשטימטע אַקטי־װיסטן: אַ דאָרף צעװאָרפֿן איבער אַ װײַטן שטח, מיט די כינגאַן־בערג אַרומ־גערינגלט, װאו יעדער מין „אָפּפֿאַל“ פֿלעגט זיך אויסבאַהאַלטן. װי שוין פֿריער דערמאָנט, איז דער אַרום געװען פֿאַרכאַפּנדיק שײן: געל־רויטע בלעטער איבער אונדזערע קעפּ, אַ לעבעדיקער ביים־טונעל, דאָרט װאו דער טײַך װערט שמאָלער און די בערג פֿון ביידע ברעגן קומען זיך צונויף, איז עס װי אַ דאַך — און דאָס שיפֿל מיטן הילכיקן מאָטאָר גליטשט זיך אַדורך, און גייט אַרויס װידער אויף אַ ברייטערן װאַסער־שליאַך. פּערלאָװ, אַ יונגער, קוים 25־יאָריקער בחור, רויבערט און פֿרעגט אויס דעם מאַטראָס װעגן דעם סעזאָן פֿון יאַגד אויף די װילדע פּעטע פּאַזאַנעס (שײנע קאָלירפֿולע פֿויגל, װאָס פֿליען אָסיען־צײַט צו דרום־צו, אין יאַפּאַן, װאו עס איז װאַרעמער). ער נעמט טאַקע די ביקס פֿון מיליציאָנער און שיסט, אין פֿליִ, אַ שײנעם גרויסן פּאַזאַן: עס װעט זײַן פֿאַר װעטשערע. איך טראַכט: װער װײסט, װאו עס װעט זײַן הײַנט די װעטשערע? אָבער פּערלאָװ איז זיכער בײַ זיך און רעדט מיטן מאַטראָס. און אָט קומען מיר אָן: אַ שמאָל בריקל פֿירט צום הויכן ברעג פֿון אַמור און מיר װערן באַגעגנט פֿון אַ קאָמענדאַנט פֿון דער מיליץ. ער זאָגט: „דער קלוב איז געפּאַקט, מען איז געקומען פֿון די אַרומיקע דערפֿער“. דאָס מײנט, אַז עס װעט זײַן „הייס“.

די פּאָר מינוט גאַנג צום קלוב — און מיר גייען אַרײַן אין זאַל, פּערלאָװ, דער קאָמענדאַנט און איך. דער מיליציאָנער פֿירט אַרײַן דעם מערדער: אַ קרעפּטיקער, יונגער פּויער. ברייט־פּלייציק, אין הויכע גלאַנציקע שטיװל, מיט אַ טשופּ האָר פֿון אונטערן היטל. אַ קולאַק, װי מען פֿלעגט זיי זען אויף די דאָרפֿישע מערק. מען איז גאָר נישט דערשטוינט צו זען אַ פּרוי מיטן סאָװעטישן פּראָקוראָר. איך זע איר װי אַ דאָרטיקע סעקרעטאַרשע, מיט אַ לעדערנעם קורצן זשאַקעט, אַ קורטקע, װאָס די פּרײַנט אין סעאַטל, װאַשינגטאָן, האָבן מיר מיטגעגעבן אויף דער רייזע אין װײַטן מזרח נאָך אין 1931. גלײַך בײַ די ערשטע פֿראַגן לײקנט ער דעם פֿאַרברעכן: ער איז געװען שיכּור און געדענקט גאָר נישט. ער קאָן אפֿילו נישט זײַן קרבן. ער

האָט אים נישט באַגעגנט. עס איז געווען יום־טוב און ער האָט אַביסל גע־טרונקען — מאַלע וואָס מען טוט דעמאָלט. עס קאָן זיין, אַז מען שפּילט זיך מיט „פּינקע" (אַ מעסער. וואָס אונטערוועלט־העלדן פלעגן טראָגן ביי זיך), אָבער וואו איז עס געזאָגט, אַז ער האָט עס געטאָן? קיין עדות זיינען נישטאָ, זאָגט ער.

און דאָ ווערט פּערלאָוו סיי אַ ריכטער, סיי אַ פּראָקוראָר, סיי אַ לעקטאָר. ער שטעלט אַוועק דעם מיליציאָנער ביי דער זייט פון אָנגעקלאָגטן און מען טוט אים אָן די קייטלעך אויף די הענט. דער קאָמענדאַנט זעצט זיך פון דער צווייטער זייט. און מען פירט אַריין דאָס יונגע מיידל — דעם פאַסטוכס חבר'טע. און זי דערציילט וועגן דער נאַכט בעת די קולאַקעס האָבן גע־שיכור'ט, ווי זי איז געגאַנגען מיט סטעפּאַנען צום קלוב און ווי זיי זיינען באַ־פאַלן געוואָרן פון דעם אָנגעקלאָגטן. זי האָט דערציילט אויך פון פריער־דיקן אָנפאַל אויף אים, בעת דער קולאַק האָט אַרויסגעפירט אַ פערד פון קאָלווירטן שטאַל און מען האָט אים נישט געקאָנט געפינען. סטעפּאַן האָט דעמאָלט געזוכט דעם פערד אין די בערגלעך אַרום דאָרף און אים געפונען אַ גע־פּענטעטן, אַ פאַר'חלש'טן. הייסט עס, אַז דאָ איז געווען שוין פריער סאַ־באָטאַזש. און עס קומט אַרויס אַ צווייטער יונגער בחור און זאָגט, אַז ער ווייסט, ווער עס האָט געסטראַשעט צו „מאַכן שטום" דאָס מיידל פון סטעפּאַן, און ער ווייזט אָן אויף אַ „פריינט" פון דעם קולאַק.

און דאָ הויבט פּערלאָוו אָן זיין רעדע. ער דערציילט וועגן די אַלטע צאַרישע צייטן, וועגן דער מלחמה מיט יאַפּאַן, וועגן דער ערשטער יועלט־מלחמה און דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע: וואָס האָט זי געבראַכט דעם רוס־לענדישן פאָלק און די אַנדערע פעלקער? ווער איז געווען סטעפּאַן? אַן אָרעמער פאַסטוך — אָבער שוין פאַרענדיקט אַ שולע; מען האָט אים גע־דאַרפט ווינטער שיקן אין כאַבאַראָווסק צו לערנען זיך אין אַגראַר־אינסטי־טוט צו פאַרבעסערן די גערעטעניש, צו מאַכן דאָס לעבן לייכטער, אַז עס זאָל קלעקן פאַר אַלע, עס זאָלן נישט זיין קיין הונגעריקע קינדער אין קאַנט. און אַזאַ בחור האָט מען דער'הרג'עט! נישט שיכור'ערהייט. ניין! מיט אַן אויסרעכענונג, ווייל סטעפּאַן איז געווען אַנדערש: אַן אַקטיוויסט, אַ סאָ־וועטישער טוער, און אַ קינד פון דאָרף: אַן אייגענער. די סאָוועטישע גע־ריכטיקייט פאָדערט אַ שטראָף — די מאַקסימאַלע פאַר אַ מאָרד פון אַ מענטשן: צען יאָר תפיסה! דער משפט איז אַן ענדגילטיקער — די סאָוועטישע געזעלשאַפטלעכקייט מוז פטור ווערן פון מערדער — און זיי מוזן איבערדערצויגן ווערן.

דער גרויסער זאַל פון קלוב שווייגט. בלויז עטלעכע הענט אַפּלאָדירן — די אַקטיווע טוער. די אַלטע פויערים, די אַמאָליקע פון סיביר־געבראַכטע

קאָזאַקן, שווייגן. עס קומט צו די כלה פון מערדער און שרייט: „דו האָסט דאָך אים געשטאָכן! איך פאַרשילט דיך! „דזשעגוב׳!" (נשמה־מערדער). עס ווערט אַ טומל אין זאַל — מען פירט אַרויס דאָס מיידל און אין אַ שווערער שטילקייט צעגייט זיך דער עולם. מיר גייען צום ברעג. נאָך אַ פּאַסאַזשיר קומט צום שפּיל: דער אַרעסטאַנט. ער ווערט אַראָפּגעפירט אין דער קאַיוטע און דער מיליציאָנער בלייבט ביי אים. דער קאָמענדאַנט זעצט זיך צו לעבן אונדז. ער זאָגט: „יעדע כאַגע אין סאמארקא ברענגט מיט זיך אַ מעסער־שטעכעריי — איך האָף, אַז היינט איז געווען די לעצטע..."

מיר פאָרן צוריק, טייך־אַראָפּ איצט. די נאַכט איז קאַלט — אַ ווינט בלאָזט פון כינגאַן און מיר שטעלן אויף די קאָלנערס פון די מאַנטלען. פון ברעג לויכטן פייערלעך — די ערשטע עלעקטרישע לאָמפּן פון דער ערשטער עלעקטראָ־סטאַנציע אין יעקאַטערינאָ־ניקאָלסק.

איך פיל ווי דאָס האַרץ קלאַפּט אין אַ שטאָלצן געפיל: אַ געוועזענער יידישער יינגל פון מינסק, אַ הימלאָזער יתום איז פון דער אַרבעטער־רעגירונג הערצויגן און דערהויבן געוואָרן צו דער מדרגה פון אַ ריכטער, וואָס דערציט דעם נייעם דור און פאַרפלאַנצט די נייע געזעצלעכקייט, די סאָציאַליסטישע, אין די מוחות פון אַמאָליקע צאַרישע שקלאַפן און דערמוטיקט אַזוי אַרום דעם גאַנג פון פיאָנערן אינעם ווייטן ווייטן קאַנט פון אַזיע...

זיי געגריסט, ריכטער אבראשאַ פערלאָוו, וואו דו זאָלסט זיך נישט געפינען היינט און וואו דיין אַרבעט זאָל דיך נישט פירן איבערן גרויסן, מעכטיקן הײמלאַנד דיינעם, וואָס איז פאַר דיר געוואָרן אַ צווייטע טאַטע־מאַמע...

די פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע אַרבעט אין ביראָבידזשאַן

סוף 1931 האָט זיך דער ראַיאָן פון אידישער אויפבוי־אַרבעט שוין גענומען פאַרברייטערן און וואַקסן אין צאָל. עס איז געקומען אַ סאָוועטישע יוגנט, פאָלגנדיק דעם לאָזונג פון דער ראַטן־רעגירונג אויפצובויען און איבערדוסטריאַליזירן דעם ווייטן מזרח. איך געדענק אַזאַ „קאָפּ" אין מאָסקווער און קיעווער צייטונגען „דיעוואושקי נאשעי סטראַני, סטראַיטיע דאלני וואָסטאָק" (יונגע פרויען פון אונדזער לאַנד, קומט בויען דעם ווייטן מזרח!). און פאָלגנדיק דעם רוף זיינען געקומען הונדערטער טעכנישע, פּעדאַגאָגישע און מעדיצינישע אַרויסהעלפּערינס אין דעם ערשטן 5־יאָר פּלאַן. עס פאַרשטייט זיך, אַז מיט זיי זיינען אויך געקומען זייערע ברידער און מענער פון די אייגענע און פון אַנדערע פּראָפעסיעס. עס זיינען אויך געקומען אידישע

יוגנטלעכע און אויף זיי האָט זיך עס געשטיצט די געזעלשאַפטלעכע און פּאָליטישע אַרבעט אין דעם נייעם ישוב. צווישן די געקומענע פון ליטע זיינען געווען אַמאָליקע יונגע בונדיסטן, פּועלי־ציון און סתם אינטעליגענטע, פּאָליטיש־באַוואוסטזיניקע עלעמענטן, וועלכע האָבן אויפגענומען מיט באַגייסטערונג אין די גרענעץ־לענדער מיטן סאָוועטן־פאַרבאַנד די אָקטאָבער־רעוואָלוציע. זיי האָבן געוואוסט וועגן די ערשטע שוועריקייטן פון דער אָפּט פיזישער אָנשטרענגונג ביז דער ווירקונג פון דער נייער, רויער סביבה אויף זייערע עלטערן, וועלכע האָבן קיינמאָל נישט געלעבט וואַנט־צו־וואַנט מיט זאַבאַיקאַלער קאָזאַן־פּויערים אין און אַרום אַ ווילדערניש: דער טייגאַ. אָבער גראָד אָט־די יוגנט האָט זיך „נישט איינגעבראָכן", האָט אויסגעהאַלטן אַלץ, געליטן מאַנגל אין די סאַמע עלעמענטאַרע באַקוועמלעכקייטן פון טעגלעכן לעבן, פון נישט־צוגעגרייטע פּראָדוקטן, פון דער הינטערשטעליקייט פון דעם עלטערן עלעמענט. די אַלטע אידן האָבן צו־לאַנג געלאָזן אויף די פעלדער די קאַרטאָפל, די ציבעלעס און די גרעטשיכע — איז דאָס אַלץ אַביסל צוגעפרוירן געוואָרן בעת די ערשטע פראָסטיקע נעכט. און עס איז געקומען אַן אָוונט פון אָפּגעבן אַ חשבון וועגן דעם אַראָפּנעמען פון די פעלדער די גערעטעניש, ווען די עלטערע אידן האָבן זיך געוואָרפן מיט פאַדערונגען און מיט אָנפאַלן אויף די יונגע פאַראַנטוואָרטלעכע פאַרוואַלטער פון סקלאַדן, פון קאָאָפּעראַטיוון, אויף די טראַקטאָריסטן און אַגראָנאָמען און געשטעלט די האַרבע פראַגע: „פון וואָס וועט מען לעבן דעם ווינטער? מיר זיינען אַהער געקימען זיך מיטשען? וואוס איז דוס — קאָוונע?" און אייזמאַן, אַ טיפּ פון אַן אמתן קעמפער, אַ פאַרשוואַרצטער פון סאַזשע און גאַזאָלין, האָט זיי געענטפערט, אויפשטעלנדיק זיך אין זיין גאַנצער הויך: „יאָ, מיר זיינען אַהער געקומען טאַקע זיך מיטשען, ווייל מיר האָבן קיינמאָל פריער נישט געאַקערט קיין פעלד און ווייל דער פראָסט איז געקומען איבערנאַכט און ווייל די טאַטעס אונדזערע האָבן זיך געשטעלט צום דאַוונען אויף צוויי טעג ראש השנה און ,באלאמיטשעט', בעת די גרעטשיכע האָט געוואַרט אויף זיי. יאָ, מיר'ן זיך דאַרפן נאָך אַביסל מיטשען, ביז עס וועט ווערן בעסער! רעדט מיט די קאָזאַן, פרעגט זיי, ווי אַזוי זיי זיינען געפאָרן ווינטער פון סיביר, אין קייטן, אָן אַגראָנאָמען, אָן קרעדיטן, אָן אַ דאָקטאָר — און זעט, ווי זיי לעבן היינט! זעט די גראָבע ווענט זייערע, זעט די פערד און די בהמות: זעט זייערע סטאָגעס היי און פולע קעלערס מיט אוגערקעס, קרויט און קאַרטאָפל. מיר מוזן זיך לערנען — און ליידן. מסתמא דאַרף מען אַזוי".

זיין רעדע האָט אַרויסגערופן אַזאַ באַגייסטערונג, אַז די אַלטע אידן זיינען געווען פאַרגאַפט און האָבן געשוויגן. ראשקעס האָט זיי באַרואיקט, אַז

זיי קאָנען גלייך, מאָרגן, זיך אַלע מאָביליזירן, רופן צוהילף די בריגאַדעס פון „יעקאַטערינאַ־ניקאָלסק״, די קאָמסאָמאָלצעס — צוגרייטן אַבאָזן נאָך צו די אָקטאָבער־פייערונגען.

אייזמאַן איז דעמאָלט אַריין אין דעם „קאָמסאָמאָל״ און זיין אָנזען האָט געגומען וואַקסן. ער איז, אַלס אינגל, געווען אַ פּועלי־ציוניסט, ווי זיין ברודער, וועלכן ער האָט אָפּגערעדט פון פאָרן קיין פּאַלעסטינע און האָט אים צוגערעדט שפּעטער צו קומען אין ביראָבידזשאַן. אָט אויף אַזאַ עלע־מענט פון יוגנטלעכע האָבן מיר זיך געשטיצט אין די סאַמע ערשטע יאָרן אין ביראָבידזשאַן.

די ליידן און פאַרפאַלגונגען בעת דער ליטווישער פאַשיסטישער רעגי־רונג זיינען געווען די טרייבקראַפט זיך אַוועקלאָזן אין וויטן מזרח און דער־נאָך שלום־מאַכן מיט די אויגנבליקלעכע לערן־מעגלעכקייטן, מיט אַ דירה און מיט קרעדיטן — כדי צו וואַרפן זיך מיט ענטוזיאַזם אויף די שטחים אורוואַלד — האַקן וועלדער, בויען וועגן, איינפירן עלעקטריש ליכט אין קלובן און דירות און איינהאַלטן טאַטע־מאַמע פון בענקען נאָך שאַולי און קיידאַן מיט די איבערגעלאָזענע דאָרט צרות. די יונגע קאַוונער מיידלעך האָבן זיך באַפריינדעט מיט די אַרטיקע, שוין אַביסל איינגעזעסענע טעכני־קער און טראַקטאָריסטן און האָבן זיך געגרייט אין פּעדאַגאָגישן טעכניקום צו ווערן אידישע לערערינס פאַר דעם שוין גאַנץ פּילצאָליקן, גאָר יונגן „געוואוקס״. אין די אָוונטן פלעגט קלינגען מוזיק אין די קלובן פון ראַדיאָ (וולאַדיוואָסטאָק און כאַבאַראָווסק) און ווען עס איז געקומען פון קיעוו אַ טראַנספּאָרט מיט „קולטור״, ווי אייזמאַן האָט עס אָנגערופן, האָט מען אין דער טייגאַ דערהערט צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון סיביר אידישע לידער אויפן אָרטיקן ראַדיאָ. די ערשטע האָבן עס אונטערגעכאַפּט די רויט־אַרמייער און געגומען נאָכשפּילן אויף זייערע גאַרמאָשקעס און בעטן זיך ביי אונדז: „אַנו, זעצט זיי איבער אויף רוסיש, גינאַ מעדעם!״

שמואל דן

גינאַ מעדעס

אַן אויסדערוויילטע
פון אונדזער אַלעמענס געמיט,
אַ געקומענע פון שלאַכטן, פון פעלד־שפּיטאָלן,
פון פעלקער־קברים און נאַציאָנאַלע שמחות;
פון קולטורעלע, פאַרביקע פאַרווײַלונגס־טעמפּלען
מיט צער צעווייטיקטע פאַר די געפאַלענע,
מיט פרייד דערהויבענער פאַר די געבליבענע,
מיט עקסטאַז אויף דיינע ליכטיק־שאָטנדיקע וויעס
פאַר אַל דער שיינקייט אונטער אונדזער הימל.
אַזוי דערשיינסטו אַלעמאָל פאַר אונדז.
אָט זיצן מיר אין אַ קליינעם טונקעלן לאָקאַל.
מען אָמפּערט זיך:
וועלטלעך און פערזענלעך, דאָרפיש און סאָפיסטיש,
עס עפנט זיך די טיר לאַנגזאַם מיט אַ פּראַל
און באַלד דערשיינט פאַר אונדז דיין שטאָלץ געשטאַלט,
איינגעהילט אין אַלע ווינטן נייע
פון איבער גאָר דער וועלט.
און ווי אַ זינגענדיקער וואַסערפאַל שטראַלט דיין יידיש לשון:
שטילע, שאַרפע,
קלאָרע קלאַנגען,
צער און צימער
פרייד און פרייד
אויסגעצירט אין געפּוצטער פשטות.
דו הויבסט מיך אויף און נעמסט מיך ווייט אַוועק
אויף דיין געפליגלטן און אָפענעם זכרון,
אַ זכרון, וואָס וויל זיך ניט פאַרשליסן,

אַ שמייכל, וואָס קאָן זיך ניט פאַרלעשן...
אַ רגע בלויז —
און שוין געפּין איך זיך מיט דיר צוזאַמען
איבער רחבותדיקע ווייס־פאַרשנייטע סטעפּעס.
ווערטער פאַלן, ווייס, קיל און שטיל,
פון דיינע זינגענדיקע ליפּן,
און עס שנייט מיט שטילער פרייד.
און באַלד
מיט קעפּ געבויגענע
צווישן די געפאַלענע בריגאַדן
אַרום די דערפער פון מאַדריד און באַרצעלאָנאַ,
איבער חורבות פאַר אַ ניי געבורט,
און אָט —
קאַלקוטאַ און ראַנגון, בורמאַ און באָמבעי,
און אויפן פרייען בלענדנדיקן וועג קיין מאַנדאַלעי,
(דאָרט, וואו קיפּלינג האָט מיט פרייד און קלוגן שפּאָט
זיך אָפּגעזאָגט פון די צען געבאָט...)
און שוין, ווי דורך אַ כשוף,
שטיי איך פאַר אַ שטאָט אַ באַלאַגערטער;
דער שונא שליידערט פייער, עס קנוילן זיך די רויכן
פון שוואַרצע דעכער און פלאַמענדיקע פענצטער.
יונגע און זקנים טראָגן זייערע גופים אייגענע
צום הייליקן אַלטאַר פון באַפרייאונג.
אַ יום־טוב פון פאַראַדן,
דורות האָבן דורכגעבראָכן.
אַן אַלט פאַרמאַטערט פאַלק,
יאָר טויזנטער גענערט זיך אויף געציילטע לעפל רייז,
יובלט היינט, איינגעהילט אין יום־טובדיקער פרייד.
און די פרייד —
אויסגעשלייערט אין קאַלירטע פאַרבן,
מיט גאַלד פון זונאויפגאַנג, פון זילבער פון לבנה־ליכט,
מיט ווייס פון טעג און בלוי פון פאַרטאָגן.
און אַלע טאַנצן פאַרביקע באַזונדער

אַ שמייכלדיקן ליבעס-ברוגז
און שליסן זיך צוזאַמען.
און בילד נאָך בילד אַזוי, לאַנד נאָך לאַנד אַזוי.
דאָרט, אַ לאַנד פון אייביק בלענדנדיקן ווייסן זומער.
און ערגעץ בלענדט די אייביק-ווייסע ווינטער קעלט;
און ס'ווילט זיך ניט אַוועקגיין פון דער ווייסער וועלט.
אָט שיפן מיר זיך אין אַן אָפענער גאָנדאָלאַ
אויף דעם ליכטיק-גרינעם אַרנאָ טייך;
איבער אונדז —
אַ בלויער, זון-באַזוימטער פּאַראַסאָל
פון אַ פלאָרענטינישן פאַרנאַכט.
(נאָר דאָס האָב איך אַליין פאַרטראַכט...)
גינאַ!
מיר הויבן די באָקאַלן פון געשליפענעם קרישטאַל,
מיט דינעם קלאַנג צו דיינע קומענדיקע יאָרן
„קאַנטאַ אַ לאַ ווידאַ" —
לחיים!

1960, לאָס־אַנדזשעלעס

אין די פאַראייניקטע שטאַטן

(איינדרוקן פון אַ רייזע איבער אַמעריקע)

פאָרן איבער דער לענג און ברייט פון די פאַראייניקטע שטאַטן -- אין אויטאָמאָביל, אויטאָבוס און מיט דער אייזנבאַן, בעת די זון ברענט אָדער אַ רעגן גיסט — איז ניט פון די לייכטע זאַכן.

דערצו נאָך פאָרן אַלס לעקטאָר מיט דער אויסרעכענונג, אַז מען מוז זיין צו דער מינוט פּינקטלעך אין זאַל — איז אַוודאי ניט לייכט. עס ליגט אַ יאָרג אויפן געמיט עטלעכע מאָנאַטן נאָכאַנאַנד. די וועלט פאַרוואַנדלט זיך אין אַ געאָגראַפישער קאַרטע, אין אַ מאַרשרוט, וואו אַ שטונדע שפּילט אַ געוואַלטיקע ראָלע און וואו פּערזענלעכע באַציאונגען ווערן איינגעראַמט אין דער צווישנצייט פון אָנגעצייכנטער אַרבעט — און רייזע.

מען זעט מענטשן — אין פלוג. מען רעדט צו זיי אין טערמינען פון סאָציאָלאָגיע און עקאָנאָמיק, מיט אַנדערע ווערטער: מען אַפּעלירט פאַר שטיצע סיי פאַר דעם נערוו פון דער באַוועגונג — דער צייטונג — סיי פאַר דער אָרגאַניזאַציע, וועלכע מען פאַרטרעט.

ביידע בויען אַ בריק צווישן דעם אַמעריקאַנער פילקעפּיקן האָרעפּאַש־עם עולם אין דעם לאַנד פון דעם נייעם מענטשן — דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד.

אין די צוויי שעה פון צוזאַמענזיין מיט דער מאַסע הערער פאַרגיטיקן איך פאַר דער היץ אין וואַגאָן, פאַר דעם זיצן נעכט אויף דער וואַגאָן־באַנק, פאַר וואַרטן אויף אַ קליינער סטאַנציע אויפן צווייטן צוג, פאַר דורכגעוואַרטע נעכט אין שלעכטע האָטעל־צימערן.

ווייל זען און פילן און מיטפילן, ווי מענטשן רופן זיך אָפּ אויף דעם געוואַלטיקן איבערבוי פון דער עפּאָכע — דאָס פאַרכאַפּט איך אַליין. דאָס ליגט אַרויף אַ גרויסע פאַראַנטוואָרטלעכקייט, און דאָס איז אַ גרויסע פרייד. עס איז, ווי זען מענטשן, וואָס ווערן אַרויסגעלאָזט פון דער תפיסה.

דער קאַפּיטאַליזם איז באַנקראָט. דער וועג, וואָס זאָל קענען אַרויס־פירן פון דעם כאַאָטישן קרייז פון היינטיקן לעבן, פאַרלירט זיך אין אָפּ־גרונטן. ניטאָ קיין אויסוועג פאַר דעם מענטשן אין דער היינטיקער סיסטעם.

און די גאַס ווילל לעבן. ווילל בעסער לעבן. ווילל נאָך אַלץ לעבן אין קעמפן פאַרן לעבן. ניט פאַר אַבסטראַקטע צילן אָדער דעם פּראָפיט פון

דעם קריגס־געווינער, נאָר פּאָר אַ שטיקל ברויט, פּאָר אַביסל זון, פּאָר אַ מענטשלעכן שמייכל.

עס פילט דעם דרוק פון דער שווערער צייט די גאַנצע משפּחה. דאָס קינד אין דער שולע. דאָס קינד אויף די טרעפּלעך פון פּאָרטש בעת ער פאַרברענגט מיט הברים, די פרוי בעת זי רעדט מיט שכנים, דער אַרבעטער אין זיין גאַנצן אַרבעטס־טאָג. דער קליינער מאַן אין זיין געשעפט, ביי זיינע קויפערס און קאָנקורענטן, די סטודענטישע יוגנט, דער פּראָפעסיאָנאַל, דער קינסטלער.

עס פילט זיך אומעטום איבערן לאַנד: דער פאַשיזם גייט. עס רוקט זיך אָן אַ כוואַליע, וואָס איז נאָך דאָ אויף דעם אינדזל אַמעריקע נישט געווען. מען פילט זי שוין גאַנץ קאָנקרעט אין מיטלשטאַנד. מען טאַפּט זי שוין אָן גאַנץ בולט. דער אַרבעטער שפּירט זי שוין אויף זיין אייגענעם קערפּער.

הערט זיך טאַקע צו אַמעריקע, — די גרויסע, די פיל־מיליאָניקע, די אָפּגעגנאַרטע דורך שול, צייטונג, רעגירונג, אַדמיניסטראַציע, קונסט, עטיק און פּירערשאַפט. הערט זיך צו דער אַרבעטער דער יידישער, — דער אַמאָליקער עמיגראַנט, דער פון „גרויסע יוניאָן־פּירער" געפירטער און אין אַ בלינד געסל פאַרפירטער; הערט זיך צו דער יידישער מיטלשטאַנד; הערט זיך צו דער אַמאָליקער האַלב־אינטעליגענט, אַנאַרכיסט, עקסטערן, גאַטזוכער און אַטעאיסט. אויך דער דאָ פאַרבלאָנדזשעטער „אידישיסט", „פאָלקיסט", און קולטוריסט און סתם ייד.

***

אַ גרויסער אונטערשייד איז זייער צוהערן זיך היינט און מיט דריי יאָר צוריק. דער באַשטאַנד פון צוהערערשאַפט איז געוואָרן אַן אַנדערער, אַן איינהייטלעכער, אַ קאָנדענסירטער, אַ מער אינטעליגענטער. דער עולם קלייבט זיך פאַנאַנדער און לייענט צייטונגען, פאָלגט־נאָך בעסער. דער עולם אויף די לעקציעס איז שוין ניט אַ ספּעציפישער, בלויז אין דער יידישער פּראָבלעם פאַראינטערעסירטער. עס איז שוין ניט נאָר דער „איקאָר" אין וועמעס טעטיקייט און צוציאונגס־קראַפט דער צוהערער איז פאַראינטערעסירט. עס איז די אַלגעמיינע אינפאָרמאַציע, וועלכע ער וויל באַקומען; עס איז דער וועלט־שטורעם, וועמעס כוואַליעס ער וויל אויפכאַפּן, ווי אין אַראַזיע. מען וויל הערן גרויסן פון אַ לאַנד, פון וועלס, פון סאַאַר־געביט, פון פּוילן, פון דער אונטערערדישער רעוואָלוציאָנערער אַרבעט אין דייטשלאַנד, פון דער מעגלעכקייט פון אַ מלחמה קעגן סאָוועטן־פאַרבאַנד; מען וויל אויך הערן וועגן דער מאָס פון פאַרטיידיקונגס־פעיקייט פון דער רויטער אַרמיי. און דאָס טייערסטע אין דעם נייעם צוהערער: מען שפּירט אַ הייסן וואונטש

צו הערן, אַז סאָוועטנלאַנד איז גרייט, אַבסאָלוט גרייט זיך צו פאַרטיידיקן. מען ווייזט אַרויס אַ פאַרשטענדעניש פאַר די יאָרן שפּאָרזאַמקייט און נויט, און געמאָסטענע ברויט־פּאָרציעס און פלייש־פּאָרציעס און ניט גענוג שיך — טאַקע ווייל די רויטע אַרמיי האָט געדאַרפט האָבן די שווערע אינדוסטריע פאַר איר פאַרטיידיקונג אויך.

עס איז איצט לייכטער צו ריידן. מען באַקומט אַ ריזיקע באַפרידיקונג פון ברענגען גרוסן פון דער וועלט, וואָס הייסט „אויסלאַנד". און פון נאָך ווייטער — פון סאָוועטן־לאַנד.

אַן אַמעריקאַנער האָטעל

ווען עס הענגט אין דרויסן אויף דער טיר פון האָטעל אַ צעטל, אַז מען זאָל ניט שטערן דעם גאַסט, קלאַפּט מען ניט באַגינען צוצוראַמען דאָס צימער. אויב עס הענגט ניט אַזאַ צעטל, עפנט מען די טיר, אַן צערעמאָניעס, מיט אַ צווייטן שליסל, וואָס יעדע שטוב־מיידל אָדער פאַרוואַלטערין פון האָטעל האָט ביי זיך. בלויז אין זייערע טייערע האָטעלן, וואו עס איז פאַראַן אַ גרויסער פּערסאָנאַל, וואַרט מען ביז דער גאַסט וועט פאַרלאָזן דאָס צימער. דאַן ערשט גייט מען אויפראַמען דאָס צימער.

אין מיין טיר קלאַפּט מען אָן. איך הער דעם גאַנצן פרימאָרגן, ווי דער „וואַקיום" אַרבעט אויף דעם טעפּיך פון קאָרידאָר. איך הער ווי מען רעדט צווישן זיך וועגן ליידיקע אָדער פאַרנומענע צימערן, וועגן עסן, וואָס מען באַשטעלט פון רעסטאָראַן און וואָס דאַרף אַריינגעטראָגן ווערן אין דעם אָדער יענעם נומער. ווייס איך שוין, אַז איצט גייט מען צוראַמען מיין צימער. עס קומט אַריין אַ קליין־געוויקסיקע. צאַרטע פרוי, שוין אין די עלטערע יאָרן, זייער אַ בלאַסע, זייער אַ מאָגערע, מיט קליינע בלויע אויגן און מיט אַ הויכער, אויסגעפּוצטער פריזיר. קאָנטיק, פרעמדע האָר. זי טראָגט אַ בלויע אוניפאָרם, און רעדט שנעל, נערוועז.

„ביי איך, — זאָגט זי, — איז כמעט ניטאָ קיין אַרבעט צו טאָן. אַלץ איז אויפן אָרט. אויפן פלאָר איז גאָרניט אַנגעוואָרפן..."

איך שווייג. דאַן פאַרענטפער איך זיך, אַז איך לייען אַ סך און איך טראָג אַליין אַרויס די צייטונגען אין „סטאָר־רום", וואו מען פאַרברענט זיי.

זי דערציילט, אַז זי מוז צוראַמען פון אַכט אינדערפרי ביז פינף פאַרנאַכט גאַנצע 27 צימערן. זי קלאָגט זיך, אַז זי האָט ניט קיין כוח. זי האָט ניט לאַנג צוריק געהאַט אַ נערוון־צוזאַמענברוך, ווייל זי האָט אין ריעל־עסטעיט פאַרלאָרן 35 טויזנט דאָלאַר, וועלכע זי האָט, לויט דער עצה פון איר שוואָגער, נאָכן טויט פון איר מאַן, אַריינגעלייגט אין די „ביזנעס".

איז זי געוואָרן קראַנק פון צרות. זי האָט געמוזט זוכן אַרבעט. צום ערשטן מאָל אין איר לעבן דאַרף זי, די אַמאָליקע גביר'טע, ראַמען צימערן אין אַ האָטעל פאַר 10 דאָלאַר אַ וואָך. מיט דריי יאָר צוריק האָט דער האָטעל געשניטן די שכירות. זי פלעגט פריער באַקומען דרייצן דאָלאַר אַ וואָך.

„27 צימערן אַ טאָג — דאָס איז צופיל פאַר מיר, — זאָגט זי. — איך האָב אַ טאָכטער, וואָס אַרבעט אין אַן „עקס־רעי" לאַבאָראַטאָריע פאַר 15 דאָלאַר אַ וואָך. מיר לעבן צוזאַמען, מיר ביידע — און עס איז קוים גענוג פאַר אונדז. פון קיין זונטאָג ווייס איך ניט. איין מאָל אַ וואָך — דאָנערשטאָג — בין איך אין דער היים. וואַש איך די וועש און פאַרריכט די זאַכן. ניט לאַנג צוריק בין איך געפאַלן אונטער אַן אויטאָמאָביל, וואָס איז אַנגעלאָפן, פון אַ שיכור'ן שאָפער געטריבן, און מיין רעכטע האַנט און די פלייצע איז צעבראָכן געוואָרן. איך בין אָפּגעלעגן ניין מאָנאַטן אין האָספּיטאָל, און מען האָט מיר בלויז באַצאָלט 200 דאָלאַר. עס איז שלעכט. עס איז ביטער אויף דער עלטער צו אַרבעטן אַזוי שווער. איך בין אַזוי נערוועז. אָבער די אַר־בעט אַליין מאַכט מיך ניט אַזוי אומגליקלעך, ווי די באַהאַנדלונג פון איי־ניקע געסט.

„אָט, למשל, — דערציילט זי ווייטער, — אין נומער 600 וואוינט אַ מיידל, וואָס ווערט אויסגעהאַלטן פון אַ פאַרהייראַטן מאַן. זי שיכור'ט גאַנצע נעכט, און שטייט ערשט אויף דריי אַזייגער נאָכמיטאָג. זי רייצט זיך מיט מיר און לאַכט פון מיינע ציטערדיקע הענט.

„איין מאָל האָב איך ניט אויסגעהאַלטן און האָב איר געזאָגט: ,אַזאַ ווי דו וואָלט איך אפילו ניט גענומען אַלס דינסט צו מיר אין שטוב, און איך מוז דיר נאָך באַדינען. דו וועסט זיך אַמאָל נאָך דערמאָנען אָן מיר'.

„און וואָס מיינט איר? האָט זי זיך באַקלאָגט פאַרן פאַרוואַלטער און מען האָט מיך געוואָלט אָפּזאָגן פון דער שטעלע. איך האָב זיך צעוויינט. איצט רייד איך אפילו גאָר ניט צו איר. און ווער איז, מיינט איר, איר פריינט? אַ גענגסטער. ער איז געווען צווישן די, וואָס האָבן אַ צווייטן גענגסטער דערמאָרדעט דאָ אונטן, אין „לאָנטש־רוּם". ווען פאָליציי איז געקומען, זיינען זיי ביידע — זי מיט אים — שוין געווען אין צימער דאָ.

„גענגסטערס זיינען אין נומער 600. אין דער פרי שטייען פלעשער פון שנאַפּס ביי דער טיר, צוזאַמען מיט רעשטלעך שפייז אין די טעלערלעך, צעבראָכענע גלעזלעך און קעסטעלעך פון מתנות, וואָס דער פריינט ברענגט פאַר איר".

אין נומער 601 איז שטיל דורכן טאָג. מען שלאָפט. דער מאַן איז אויף נאַכט־אַרבעט. זיבן אין דער פרי קומט ער צוריק, פייפט, נעמט אַ באָד און

גייט שלאָפן. פיר אַזייגער נאָכמיטאָג גייט ער אַוועק. די פרוי מיט די קינ־דער זיינען אין אַהאַיאָ. ער האָט פאַרלוירן אין קריזיס זיין גוטן פּאָסטן. אַרומגעגאַנגען אָן אַרבעט. געשיקט דער פאַמיליע צו דער פרויס עלטערן. איצט האָט ער צוריק באַקומען אַ שטעלע. אָבער עס באַצאָלט זיך ניט צו ברענגען צוריק די פאַמיליע, ווייל די שטעלע איז ניט אויף לאַנג.

אין 599 וואוינט אַ טענצער. ער לערנט מיידלעך און בחורים די מאָ־דערנע טענץ. ער האָט זיין פּראָפעסיע. ער וואָלט בעסער געוואָלט גיין עטלעכע מאָל אַ טאָג איבער אַ דאָרף־וועג, אויף גראָז און איבער בוים־צווייגן, עס זאָל ניט זיין אַזוי מודאָ׳דיק גלאַטיק, ווי דער פּאַרקעט פון טאַנץ־זאַל. ער האָט עס געזאָגט אין עלעוועיטאָר צום בחור, וואָס איז אים מקנא. יענער האָט זיך פאַר אים געקלאָגט: „דו טאַנצסט, און איך מוז פירן מענטשן אַרויף און אַראָפּ — אָן אַ ציל“.

ביינאַכט הערט זיך אַלעמאָל אַ שעפּטשענדיקע שטים אַנטקעגן מיין טיר: דאָס קומט דאָס מיידל אַהיים מיטן גענגסטער־פריינט.

שפּעט ביינאַכט זיצן מענער פון אָן אומבאַשטימטן אויסזען אין דער קאָ־פעטעריע. זיי איילן זיך ניט אַהיים. אפשר האָבן זיי ניט קיין היים. דער גרעסטער פּרייז פון אַ מאָלצייט דאָ איז 30 סענט. שאַפערן זיצן און וואַ־רעמען זיך ביז אַ קונה קוקט אַריין און רופט זיי אַרויס. זיי זיצן דאָ, ווייל די נעכט זיינען נאָך קאַלטע.

מיקראָבן אין צעמענט

אַמאָל איז געווען די שטיינערנע עפּאָכע. דער מענטש האָט געלעבט אין הייל, וואָס ער האָט אויסגעהאַקט אין שטייניקע פעלזן און בערג. מען ווייזט זיי היינט אין היסטאָרישע גוט־דערהאַלטענע פּלעצער, און אַ פאַרטרעטער פון הויך־קאַפּיטאַליסטישע לענדער, וואו עס רעגירט דאָס העכסטע וואָרט פון טעכניק, קוקט מיט אַ געוויסער איראָניע פון אויבן אַראָפּ אויף זיין פאַר־טויזנט־יאָריקן מיטמענטש פון דער פאַרגאַנגענהייט.

היינט איז דאָס צייטאַלטער פון צעמענט, בעטאָן, קאָנקריט, שטאָל און אייזן.

דאָס הויז — דער זיץ פון מאָדערנעם מענטש, פון זיין מאַרך און זיין געניוס — איז אַ פעסטונג. עס איז פאַרזיכערט קעגן קעלט און קעגן היץ, קעגן פאַרפלייצונג און קעגן שׂרפה, קעגן אַווירבל־שטורעם און קעגן ערד־ציטערניש, אפילו קעגן קולות פון דרויסן. דער קאַפּיטאַל האָט איבערגע־נומען די ירושה פון דער פעאָדאַלער געזעלשאַפט, אָבער אָנשטאָט שטיינערנע שלעסער, מיט פאַל־בריקן און וואַסער־גריבער אַרום, האָט ער אויסגעבויט

די נייע קאַפּיטאַליסטישע פאַבריקן. גרויס־קאַפּיטאַל האָט געמיינט, אַז דאָ וועט ער נישט דורכלאָזן קיין איין ציג־יוינטל פון דרויסן, קיין איין עלע־מענט פון אונדזער נישט־קאַפּיטאַליסטישער לופט, קיין איין מיקראָב פון צעפוילונג. אָבער זיינע האָפענונגען זיינען ניט מקוים געוואָרן.

אַנטקעגן די גרויסע פּרעריס פון קאַנאַדע ליגן צוויי לענדער: אין צפון — אַלאַסקאַ, אין דרום — די פאַראייניקטע שטאַטן פון אַמעריקע. אַלאַסקאַ איז אַן אָפּגעשטאַנען קאַלט לאַנד מיט מאָנגאָלישע פישער, עסקימאָסן און יעגער. אַ פליייסיק, ערלעך, פרימיטיוו פאָלק. נאָך אין דער שטיינערנער עפּאָכע, אַזוי צו זאָגן. ווען דער טאַטע ווערט אַלט, בעט ער דעם זון אַרויס־פירן אים אין דער „טונדראַ“ — דעם שניי־סטעפּ פון צפון — און דאָרט אים אויסשניידן אין האַוטן שטיין אַ קבר און אים איבערלאָזן. און דער עסקי־מאָס טוט עס. און דער אַלטער טויט־קאַנדידאַט וואַרט געדולדיק עטלעכע מעת־לעת אויפן טויט. קומט דער טויט נישט צו דער מינוט פון זיך אַליין, ווערט דער אַלטער צוגעפרוירן אין שניי־קבר. אָבער דער ציל איז דער־גרייכט. און די טראַדיציע לעבט ווייטער פון דור צו דור.

דאָס צווייטע לאַנד — דער פערל אין דעם קראַנץ פון קאַפּיטאַליסטישע לענדער, מיט וואונדער פון טעכניק, מעדיצין, קונסט און געניוס, מיט אייזן־בעטאָן, וואָס איז געוואָרן וואַכעדיק און אַלטעגלעך. דאָס לאַנד פאַרלענגערט דאָס לעבן פון אַלטע מענטשן מיט אַלע כוחות — אויב זיי זיינען... רייך. דאָס לאַנד זשאַלעוועט נישט קיין געלט פאַר דער וויסנשאַפט צו איינאָר־דענען לאַבאָראַטאָריעס און קאַבינעטן צו דערהאַלטן ביים לעבן סיי די פאַר־טרעטער פון קאַפּיטאַל, סיים דעם קאַפּיטאַליזם אַליין. עס ווערן געמאַכט פּרואוון צו מאַכן געזונט מענטשן, וואָס ליידן אויף אַנגינאַ פעקטאָריס (אַ ברוסט־זשאַבע), אָדער קענסער — און עס ווערן געמאַכט פאַרצווייפלטע פּרואוון צו ליקווידירן דעם עקאָנאָמישן קריזיס, צו סטאַביליזירן די וואַליוטע, צו פאַרזאָרגן אַלע פאַבריקן מיט אַרבעט.

צוליב וואָס טוט זיך עס? צוליב וואָס מלחמה־צוגרייטונגען און פאָכן מיטן שווערד און קנאַקן מיט די שפּאָרעס?

ווייל אין צעמענט האָבן זיך באַוויזן... ווערים. ווייל דער פונדאַמענט שאָקלט זיך, ווי אַ שוואַכער צאָן. ווייל די גרויסע זיילן פון קאַפּיטאַל ציטערן. ווייל אַ פערמענט צעברויזט די קאַפּיטאַליסטישע פליסיקייט און זי ברייטיקט זיך אין אַן עפענונג — אַנדעריש וועט זיין אַן אויפרייס פון אינעווייניק. די שטאַרקע, שטאָלצע פעסטונג ווערט אונטערגעגראָבן. די ווערים ליגן אייער־מיקראָבן. זיי צעזעצן דעם בעטאָן — ווי דער טראָפּן וואַסער, וואָס הוילט־אויס דעם שטיין.

אָבער קיין הילף איז ניטאָ. נויטיק — אַ קאַפּיטאַלנע רעמאָנט פון אויבן ביז אַראָפּ.

***

אין אַ קליינער שטאָט, וואוסטער, מאַסאַטשוזעטס, זיצט אין אייגענעם אַרבעטער־צענטער, אין אַ געוויסער פרייטיגס־נאַכט, אַן עולם יידישע צו־הערער. עטלעכע אַרבעטער, די איבעריקע זיינען קליינע געשעפטסלייט, וואָס שמייכלען אַליין צום וואָרט „געשעפט“, און סתם האָרעפּאַשניקעס. אַ פאַרוואָרפן ווינקל. אַ קליין אָרט. דאָס לעבן איז אַזוי ווייט פון אמתן לעבן. און אָפטמאָל פרעגט מען זיך: ווער דאַרף איך דאָ האָבן — דעם לעקטאָר?

אָבער מען רעכנט זיך מיט פערציק אַנוועזנדע אין זאַל און מיט צוויי הונדערט שול־יידן, צו וועלכע די פערציק וועלן אפשר אַמאָל ריידן. (יענע זיצן דערווייל ביי דער „יידישער שעה“ און שלאָפן איין ביי די קלאַנגען פון אַמאָליקע „סעקאָנד עווענ־יו“ טענץ). דאַן קומט צו איך צו נאָך דער לעקציע אַ דייטשער אַרבעטער, וואָס איז אין אַמעריקע אַ וואָסערע צוואַנציק יאָר, און רעדט צו איך אויף ייִדיש. אַז ער איז אַ דייטש, דערוויסט איר זיך שפּעטער פון אונדזערן אַ חבר.

דער דייטש גייט אויף אַלע אונדזערע לעקציעס, ווייל ער איז מיט דער לינקער באַוועגונג. ער האָט אויסגעהערט דעם באַריכט וועגן נאַצי־דייטש־לאַנד, וועגן דעם פּלעביסציט אין סאַאַר־געביט, וועגן דעם עקאָנאָמישן און פיזישן אונטערגאַנג פון יידן אין פוילן, וועגן אונדזער קאַמף פאַר אַ פאַר־אייניקטן פראָנט. און ער פרעגט, איך זיין נאַאיוויטעט פון אַ קעמפערישן אַרבעטער אויפן שטח פון פיר טויזנט מייל פון דייטשלאַנד, צי די דאָרטיקע יידן זיינען אַלע אָרגאַניזירט אין אַן אַנטי־פאַשיסטישער באַוועגונג... צי זיי גיבן אַרויס אַ פּאָליטיש־קעמפערישע צייטונג?

אין דייטשלאַנד איז דאָס די „ראָטע פאָנע“, אין פוילן — דער „טשער־וואָני שטאַנדאַר“. די ניט־אַרבעטער זיינען אָבער פּאַסיוו, אָדער זיי גענִיסן געוויסע פּריווילעגיעס, אפילו אויב זיי זיינען ציוניסטיש אָרגאַניזירט. דאַן מעגן זיי אָפּהאַלטן זייערע זיצונגען און קאָנגרעס — אפילו געפירט פון „סאָציאַליסטן“ — לעגאַל.

„אַ שאַנד“, — זאָגט דער דייטשער אַרבעטער, — דאָס איז דאָך פאַר־ראַט!“

און אַ מאָדנע זאַך: דורך דעם איין דייטש, וואָס קומט צו דער לעקציע, באַקומט דער גאַנצער אָוונט אַן אַנדערן, אַ נייעם אָנשטריך. דער דייטש איז געווען אַ מעכאַניקער אין זיין אַלטער היים. ער האָט דאָרט יאָרנלאַנג איינ־דערפּרי אָנגעפילט די בלעכענע באַנקע מיט קאַווע, זיין פרוי פלעגט אים

מיטגעבן אַ סענדוויטש, און אין אָוונט פלעגט ער גיין אין זיין פּאַראַין: ער האָט געאָטעמט מיט קלאַסן־קאַמף, מיט פּראָטעסט, מיטן פאַרלאַנג צו לעבן אַנדערש.

***

אַמעריקע איז אַזוי פרעמד אונדז — די ניט־לאַנג געקומענע דאָ. עס איז אַזוי פיל אַנדערש דאָ איידער אויף אַ פאַרזאַמלונג אין פּאַריז אָדער אַנטווערפּן; פון לאָדזש און ביאַליסטאָק שוין גאָר אָפּגערעדט. איז ווערט מען שפּאָרעוודיק מיט עקסטאַזן און שמחות. דערפאַר געדענקט מען זיי „געדיכט" און יאָרלאַנג.

איך ווייס ווי שווער עס קומט אָן דאָ אין לאַנד אָנצופירן מיט אַ פּראָלעטאַרישער קולטור־באַוועגונג, מיט אַ טעאַטער, אַ כאָר, אַ גימנאַסטישן קרייז. קומסט פון דער אַרבעט פון דרויסן, פון דער גאַס און נאָך אַן אָוונט אין הויז, איז שווער ווייטער צו גיין עפּעס טאָן, עפּעס הערן. דערפאַר בין איך אין אַ געוויסן זין דאַנקבאַר געוועזן יעדן מענטשן, וואָס איז געקומען אין הייסע זומער־אָוונטן אָדער קאַלטע שטורעם־נעכט, מיט רעגנס און דונערס — צו אַ לעקציע.

און איצט נאָך אַ פריקד: דער פאָרהאַנג אויף דער בינע גייט אין דער הויך, און אַ כאָר פון אַ פערציק חברים און חבר'טעס זינגט.

יונג, קרעפטיק, רופנדיק קלינגען די שטימען.

רויטע בענדלעך אויף ווייסע בלוזקעס. טייערע, נאָענטע פּנים'ער.

פּאַטעטיש און מוטיק קלינגט האַנס אייזלערס: „מיר זיינען די זומפּ־סאָלדאַטן".

אין קען גאָרניט דערציילן, ווי גוט עס איז געווען יענער אָוונט אין אַ שטאָט אין קאָנעטיקוט. דריי לידער האָט דער כאָר געזונגען. געוואָלט צוגעבן אַביסל קונסט צו דער פייערונג פון זיבן יאָר בירעבידזשאַן. געגעבן דאָס בעסטע, וואָס די חברים פאַרמאָגן: זייער חבר'שעביישטייערונג.

גאָר אַנדערש האָט זיך דעמאָלט גערעדט: אַ מתנה פאַר אַ מתנה.

חיים שוואַרץ

דאָס מיידל פון טאָמאַשאָוו

גינאַ.

צוויי דינע, צאַרטע סאַמעט־קלאַנגען
האָבן אין אַ צויבער־נעץ
די הערצער פון אַ דור
געפאַנגען.

עס האָבן דורות, מן הסתם, געדולדיק זיך באַמיט,
ביז ס׳האָט אַזאַ, ווי זי,
אין אונדזער פרוכט־גאָרטן
קאַלירפול זיך צעבליט.

אָט שטייט זי דאָרט,
דאָס וואונדער־קינד פון פאָלק, —
און מיט די שטראַלנדיקסטע פאַרבן מאָלט
קאָנטורן פון אַ ווייטער, ווייטער וועלט;
און ס׳האָבן אַלע זייגערס אויף די ווענט
זיך פּלוצלונג אָפּגעשטעלט...

אָט וואַרפט זי איבער אָקעאַנען, גרינג און האָפערדיק,
אַ בריק. —
און ווייטע קאָנטינענטן ווערן נאָענט
אונדזער חלום׳דיקן בליק.
(זי איז אַליין אַ שווימענדיקער קאָנטינענט,
וואָס רייסט זיך אימפּעטדיק פאָרויס,
פאָרויס,
און קיינמאָל ניט צוריק...)

זי עפנט ברייט פאַר אונדז אַ טויער נאָך אַ טויער,
און פירט אַינדז מיט איר זילבער-קלאָרן
קלינגענדיקן קלאַנגען-וועג
אין ערגעץ ווייט און ווייט
אוועק...

דאָס איז דאָך זי,
דאָס מיידל מיט די גרויסע, מילדע, קלוגע אויגן,
וואָס האָט מיט ציטער-צאַפּלדיקן נייגער
געבלעטערט און געפאָרשט
אין פרומען זיידנס בוידעם-שטיבל
און געפונען:
אַן עכאָ-קלאַנג פון פוילנס פרייהייט-גלאָק,
וואָס איז געלעגן אַ פאַרשטומטער
צווישן בלעטער פון אַ ביכל
געל און שוואַרץ;
אַן עכאָ-קלאַנג,
וואָס אויפגעציטערט האָט פיל-כוואַליק
אויף די צאַרטע סטרונעס פון אַ וואַכזאַם
מיידלס האַרץ.

דאָס איז דאָך זי, —
וואָס איז מיט ציטערדיקע טריט אַרויס
פון טאַטנס הויז
אַ גאָט אַ לעבעדיקן אויפזוכן אין נאָענטן קאָסטיאָל,
און האָט אים — ניט אין הימלדיקע הויכן —
געפונען,
נאָר אין לעבעדיקן, אויפגעוואַכטן פאָלק:

צווישן לאָדזשער הונגעריקע וועבער
און צווישן אויסגעבלייכטע מיידל-פּנים׳ער
אונטער גרויע קנוילנדיקע רויכן;
און שפּעטער:

אין דער קללה-פולער, אַכט-חדשים׳דיקער תפיסה-צעל;
און שפּעטער נאָך:
אויף די שלאַכט-פעלדער פון באַרצעלאָנאַ,
און מאַדריד און טערועל.

אָט שטייט זי דאָרט... די פלאַטערדיקע זעגל-שיף,
וואָס איז נאָר-וואָס אריין אין פּאָרט,
באַלאָדן מיט ידיעות און מיט גרוסן
פון אַ טויזנט און איין אָרט.

אָט טוט אַ וויי פון איר געשטאַלט
דער קילער אָטעם פון די אַלפּן-בערג;
און אָט —
די מילדע קרימער אויפדערנאַכטן;
און אָט —
די הייסע פּיבערדיקע קאַנאָנאַדעס
פון מאַדרידער שלאַכטן...

דאָס אויג איז שאַרף,
און וואָס דאָס אויג פאַרנעמט, —
פאַרבלייבט אין האַרץ, ווי אין אַ פויסט אַ זיכער׳ן,
פאַרקלעמט.
דאָס האַרץ איז טיף
און צאַפּלדיק און גערן, —
און ס׳איז ניט פרעמד איר יענעמס פרייד
און יענעמס צער און טרערן:

דער שניידער-יונג פון מינסק,
דער וועבער-יונג פון לאָדזש,
די נייטאָרין פון וואַרשע, —
איין לאַנגע, זויבער-ריינע, פליגל-פאָכנדיקע,
פאָנען-טראָגנדיקע פּ ר ש ה.

(איך האָב די נעמען, פּאַכן און די שטעט
ניט-ווילנדיק צעדרייט.
און מיט קיין בילדער-מעטאַפאָרן ניט באַגלייט.
עס האָט געפעלט אַ האָר
איך זאָל פאַרגעסן נאָך אַ פּאָר:
דעם ווילנער היטל-מאַכער און דעם בלעכער פון אָדעס.
אַז איך פאַרגעס!
וואָס בין איך — גינאַ? כ'זאָל געדענקען
דעם נאָמען און דעם פּאַך און דעם אַדרעס?)

און היינט ביסטו מיט אונדז, דו,
וואָס האָסט אַרויסגעצויבערט מיט דיין לשון-אינסטרומענט
די אַלערלייאיקע געשטאַלטן,
און אויסגעקריצט פאַר זיי אין אונדזער האַרץ
אַ מאָנומענט.

איז, אַ גוט יום-טוב דיר און מזל-טוב,
טאָכטער ליכטיקע
פון טאָמאַשאָוו.
יאַנואַר 8, 1961

אין לאַטיין־אַמעריקע

דער שפּאַנישער פֿאָלקס־מענטש

דער שפּאַנישער פֿאָלקס־מענטש האָט אַריינגעבראַכט אין זיין אימיגראַציע־לאַנד זיין גרויסן פֿרייהייט־זין, אויסגעשטאַלטיקט אין די קאַמפֿן קעגן די פֿעאָדאַלע דעספּאָטן און מאָדערנע מאָנאַרכן.

ער האָט געבראַכט זיין גרויסן חוש פֿאַר אינטערנאַציאָנאַלער סאָלידאַריטעט, געפֿעסטיקט נאָך אין די צייטן פֿון גאַלערן־שקלאַפֿעריי אויף די אַפֿריקאַנער און אַמעריקאַנער מערק, פֿאַר מענטשן־פֿי, אונטער דער בייטש פֿון אויפֿזעער אין די צייטן פֿון לייב־אייגנטום.

ער האָט געבראַכט דעם אומגעהויערן טעמפּעראַמענט פֿון רעוואָלוציאָנער, וואָס פֿאַרטיידיקט זיין מענטשלעכן כבוד מיט זיין פֿויסט, אויב קיין פֿאַסנדיקער געווער איז ניטאָ אונטער דער האַנט.

ער האָט געבראַכט מיט זיך דעם זין פֿאַר דעם קאָלעקטיוו נאָך פֿון די דאָרפֿישע עקזעקוציעס, בעת מ׳האָט גאַנצע געגנטן געשטראָפֿט אין שפּאַניע פֿאַר ניט וועלן אַרויסגעבן דעם „מוטינעראָ“ — דעם וואָס האָט גערופֿן צו רעוואָלט.

און דער אַרגענטינער „גאַוטשאָ“, און דער אָרעמער ערדלאָזער „פּעאָן“ — די „פֿאַרם־האַנט“ — האָט זיך געלערנט: סיי פֿון זיין שפּאַנישן חבר, סיי פֿון זיין רויב־גיריקן פּריץ, דעם „עסטאַנסיעראָ“. און בעת די אַרגענטינער פּויערים האָבן ענדלעך געמאַכט אַן אויפֿשטאַנד קעגן די שפּאַנישע הערשער, האָט דאָס האָרעפּאַשנע פֿאָלק אין אַ העלדישן מאַסן־קאַמף באַזיגט דעם אָקופּאַנט און פֿון אים באַפֿרייט, אין 1810, דריי לענדער: אַרגענטינע, טשילי און פּערו.

אין אַ ביישפּיללאָזן העראָאישן פֿעלד־צוג איבער די בערג — די אַנדן — מיט אָקסן־געשפּאַן און פּרימיטיווע מיטלען האָט מען אַראָפּגעטריבן איבער די בערג די שפּאַנישע אַרמייען און באַפֿעסטיקט די געבורט פֿון דריי רעפּובליקן. דאָס האָרעפּאַשנע פֿאָלק האָט געקעמפֿט, און די אַרגענטינער בורזשואַזיע האָט אַראָפּגענומען די פּרוכט פֿון דעם זיג: זי האָט די ערד גענומען פֿאַר זיך צעטיילנדיק זיך מיט די קלויסטערס. דאָס פּויערטום איז געוואָרן פֿאַרוואַנדלט אין שקלאַפֿן.

אפֿילו דעם באַפֿרייער פֿון שפּאַניעס יאָך — דעם גענעראַל סאַן־מאַרטין

— האָט מען פאַרטריבן קיין פּאַריז, וואו ער איז געשטאָרבן אין בולאָן, אין דער עמיגראַציע.

און היינט קעמפט ווידער דאָס שפּאַנישע פאָלק — פּויערים, אַרבעטער, די יוגנט, אינטעליגענץ — קעגן פּריצים, פעאָדאַלן, קלויסטערס און אַרמיי־לייט, וועלכע דער פאַשיזם האָט מאָביליזירט צו פאַרטיידיקן זיינע פּאָזיציעס.

שוין דריי וואָכן, ווי די וועלט שטייט פאַר דעם העלדישן קאַמף, וואָס אַנטוויקלט זיך דאָרטן אויפן פּירענעאישן האַלב־אינדזל, און וואָס ברענגט צו אונדז ווידער אַזוי נאָענט די עפּאָכע פון „אַסטוריאַס" און פון ווין, לינץ און גראַץ אין אַרבעטער־אויפשטאַנד פון 1934.

יעדע שעה גיסט זיך דאָרט דאָס טייערע, הייסע פאָלקס־בלוט אין פאַר־טיידיקונג פון פרייהייט און דעמאָקראַטיע קעגן באַרבאַריי און פאַשיזם.

און, אפשר, אין ערגעץ אין דער גאַנצער קאַפּיטאַליסטישער וועלט פילט מען ניט מיט אַזוי שטאַרק און ברידערלעך מיטן שפּאַנישן פאָלקס־פראָנט, ווי אין די אַרבעטער־קוואַרטאַלן פון בוענאָס־איירעס, ראָזאַריאָ, קאָרדאָבאַ און די גוואַלטיקע „פריגאָריקאָס" און פלייש־סקלאַדן, אויף די תבואה־עלע־וואַטאָרן און אין די אייזנבאַן־שעפּער פון אַרגענטינע: זיי האָבן שוין דאָרטן אַמאָל איבערגעלעבט אַ פאַשיסטישע איבערקערעניש און זיי האָבן נאָך דעם טעם פון אַ פאַשיסטישער רעגירונג...

און בלויז די פאַראייניקטע קראַפט פון גאַנצן אַרגענטינער אַרבעטער־קלאַס אין יאַנואַר 1936, וואָס האָט אין אַ גענעראַל־סטרייק פּאַראַליזירט די שטאָט בוענאָס־איירעס און אַ טייל פון דער פּראָווינץ, האָבן די זעכציק טויזנט בוי־אַרבעטער צו פאַרדאַנקען זייער זיג נאָך אַ דריי־חדשים'דיקן סטרייק. און בלויז די מורא פאַר דער קראַפט פון דעם פאָלקס־פראָנט, וואָס האָט דעם 1טן מאַי 1936 מאַרשירט אין אַ צאָל פון אַ פערטל מיליאָן איבער די יום־טוב'דיקע גאַסן פון בוענאָס־איירעס, האָט אָפּגעהאַלטן די רעגירונג פון אָנ־פאַלן אויף די מאַרשירנדיקע מאַסן אין צענטער.

איינצלנע אָנפאַלן אויף אַרבעטער־קלאָנעס זיינען געווען אין די פאַר־שטעט — און דאָס איז דער פּנים פון פאַשיזם. ער פאַלט אָן אויף דעם שוואַכערן קעגנער, פון רוקן, פון אַ זייט — נישט ווי דער אַרבעטער — ברוסט קעגן ברוסט.

אַ מעכטיקן אָפּקלאַנג אין דרום־אַמעריקע האָט אַרויסגערופן דער פאָלקס־פראָנט אין שפּאַניע, בעת די וואַלן אין פעברואַר הײַ־יאָר. געדיכטע גרופּעס מענטשן, אָנגעשטעלטע, אַרבעטער נאָך־וואָכ פון דער אַרבעט, סטודענטישע יוגנט, זיינען געשטאַנען שעה'ן־לאַנג פאַר די געביידעס פון גרויסע צייטונגען, וואו עלעקטרישע רעקלאַמע־קייבלס האָבן געוויזן דעם זיג פון די שטים־צעטלען אין די פאַרשיידענע שטעט פון די פּראָווינצן אין שפּאַניע.

און די נעמען זיינען געוואָרן טייער. פּונקט אַזוי ווי אָוויעדאָ און ליבן, אַטאַקירינג און דער מאַרקס־הויף זיינען אונדז געוואָרן טייער אין די פעברואַר־טעג פון 1934, ווערן איצט אין אונדזער זכרון פאַראייביקט די נעמען פון טאָלעדאָ, מאַדריד, סאַן־סעבאַסטיאַן, וואַלענסיאַ, קאַל דע לעאָנע, גואַדאַראַמאַ־פּאַס... זיי ווערן פאַר אונדז דענקמעלער, אויף וועלכע אַרבעטער־קעמפער רוען...

בוענאָס איירעס, 1936.

עס דערמאָנט זיך...

איך גיב אַ קוק אויף צוריק — און אָט ליגט פאַר מיר דער לאַנגער וועג: פון צפון־קאַנאַדע — פון דעם שטעטל עדמאָנטאָן, פאַרשאָטן אין שניי־שטורעמס צווישן אייז־באַדעקטע בערג — ביז צו די שטרעקעס פון פּאַטאַגאָניע, דרום־אַמעריקע.

אַ וועג ווי אַ שלאַנג, בויגעוודיק און גרויזאַם, רויִק און וואולקאַניש־באַוועגט, פול מיט אויסברוכן, אַלעמאָל מעכטיק־שיין.

נאָך אַ רייזע פון פופצן מאָנאַטן איבער די צוויי אַמעריקעס, בעת דער מענטש באָדט זיך ממש אין אַ מאַסע איינדרוקן, ווערט פּלוצלונג שטיל און פּוסט אַרום אייך ערגעץ אין אַ האָטעל־צימער, אויפן צענטן שטאָק, ביי דער זעקסטער עוועניו אין ניו־יאָרק.

פּוסט און גרוי, איינטאָניק און סטאַנדאַרטנע. און מען זוכט אין די זכרונות — דעם שימערירנדיקן פּאַס פון ווייס־גאָלדענעם ים פון בראַזילנע, צעגליטע בראַזיליאַנער צווישן שיף־לאָדונגען פון באַוול און קאַווע אין סאַנטאָס, אין ריאָ־דע־זשאַנעירא.

מען זוכט אין דעם סקלאַד פון זכרונות, וואָס רוקן זיך צו אייך אין שטילע נאַכט־שעה׳ן און ברענגען אפילו דעם ריח פון אַרגענטינער פּרעריס, פון שאַרפע פּאַמפּאַ־ווינטן. מען זוכט ברעקלעך שמועסן, מען קלאַמערט זיך איין אין צופעליקע באַקאַנטשאַפטן אין וואַגאָן פון אַרגענטינער „באַפּ" — דעם קאָנטינענטאַלן צוג בוענאָס־איירעס־פּאַסיפיק. מען זעט פאַר זיך פּנים׳ער פון יידישע קאָלאָניסטן אין ליימענע, בלעך־באַדעקטע טשאַקראַס, וואו מען פאָרט צום שכן פיר מייל אויב מען וויל „זיך אַנטלייען אַביסל פעפער צו דער אַסאַדאַ" — דעם שפּיסענעם געבראָטנס.

דער וועג איבערן מדבר און בערג, ים און וועלט־שטאָט איז, דאַכט זיך אָן אַ סוף. אָבער ווי עפּעס אַ מאַטעמאַטישע, ריכטיקע פאָרמולע, פירט ער אַלעמאָל צו אַ מענטשלעכן דאַך: זאָל דער דאַך זיין אפילו אַ זאַק אויף דריי פלעקער אויפגעהאַנגען, אונטער וועלכן עס שלאָפט ביים סאַמע ברעג

פון שאָסיי דער אַרגענטינער „קאַמפּענסינאָ“ — דער פּעלד־קולי.

ווייט, ענדלאָז איז די פּאַמפּאַ. פון אַ קלינגענדיקער שטילקייט, וואָס לעבט, ציט זי זיך צו דער זון, ציטערט אין הויכע פעלד־גרעזער, זשומעט מיט מיליאָנען אינסעקטן, קוואַקעט מיט פּאַר׳יתומ׳טע זשאַבעס און הילכט אָפּ פון זעלטענע פּאַדאָקוועס פון פלינקע פּרעריי־פערד. דאָן פליט אַדורך דער גייסט פון דעם אַמאָליקן פרייען אַרגענטינער „גאַוטשאָ“ -- דער באַ־זיצער פון דער פרייער, פאַר־קאַפּיטאַליסטישער אַרגענטינע. פאַרברענט פון דער זון, מיטן רויטן טיכל אויפן האַלדז קעגן שאַרפע פּאַרטאָגיקע ווינטן, מיטן מעסער אין די הויכע שטיוול, צום שניידן זאַפטיקע שטיקער פון שייטער־בראָטן.

אייביק זייגען אויך די טייכן, וואָס שווענקען די צעגליטע ערד. גרוי, מוטנע, אַפּגרונט־טיף די „לאַ פּלאַטאַ“. בלוילעך־גרוי די „פּאַראַנאַ“. פאַר׳־כישופ׳ט מיט זילבערנעם לבנה־שיין איז דער „אורוגוואַי“.

לאַנגזאַם גליטשט זיך אין הייסער טראָפּישער נאַכט די גרויסע שיף „קאָנסעפּסיאָן דעל אורוגוואַי“. מען פאָרט ווי אין אַ חלום. ווייל עס קאָן דאָך אויך קיין פאַל נישט זיין וואָר, — אַז אַ שיף מיט עלעקטרישער ליכט מיט טאַנגאָ־מעלאָדיעס אין טאַנץ־זאַל פון ערשטן קלאַס זאָל פאָרן איבער פּרע־היסטאָרישע טייכן, מיט לעבנלאָזע טויטע ברעגן אויף הונדערטער מייל! עס קאָן דאָך נישט זיין וואָר, אַז דער מיטן פון טייך זאָל זיין פאַרנומען מיט דיזעל־מאָטאָרן און פינקטלעכע מעכאַניזמען, און פון די ווייסע, זילבערנע ברעגן זאָל אַרויסשיינען אַ צעטריקנטער שאַרבן פון אַ פערד, וואָס איז שטיל געפאַלן פון דאָרשט און הונגער, אָן אַ שאָרך, שטיל און שווער.

עס קאָן נישט זיין וואָר, אַז פון דער שיף „קאָנסעפּסיאָן“ זאָלן אַרויס־שיינען עלעקטרישע לענטעס און מיט־שלייערן־באַדעקטע „סעניאָריטאָס“, בעת אַביסל ווייטער אויפן ברעג שטייען ביזן האַלדז אין אַ שמוציקן ליים־גרוב אַ בהמה און אַ פּאַסטוך — אַ בילד פון פאַרברעכערישער אָרעמקייט, וואָס פּעאָדאַלע „עסטאַנסיעראָס“ האָבן געשאַפן.

די ראַדיאָ אויפן טיש רייסט־איבער דעם שטראָם פון בילדער און זאָגט, אַז עס איז קאַלט אינדרויסן, אין אַ ווינטערדיקן ראָטשעסטער.

איך פיל עס נישט. איך בין אין „טשאַקאָ“, אין שרעקלעכן קופּער־ווריטן זומפּיקן וואַלד, מיט טיפע בלאָטעס, רויטע בוים־שטאַמען פון האַרטן האָלץ, וואָס דערמאָנט אין פאַרזשאַווערטן אייזן. די באַקעטע, שטרענגע צווייגן זעען אויס ווי אָרעמס פון נקמה־מלאכים: שלאַנגען, יאַשטשערקעס, זשוקעס און סקאָרפּיאָנען האָבן זיך מיט דער קלוגשאַפט פון נאַטור אָרגאַניזירט און פאַר־גראָבן אין מורא׳דיקע אָקאָפּעס קעגן מענטשן, וואָס וועלן קומען שטערן דעם טויזנט־יאָריקן וואַנדל פון ווערים. און אין טשאַקאָ זייגען געקומען יידן,

איטאַליענער, שפּאַניער, סלאָווענער. זיי זיינען געקומען אויסטריקענען די בלאָטעס, אַרויסרייסן די אייזערנע בייכער און פלאַנצן באַוול.

מיט צוועלף יאָר צוריק זיינען אין אָט־דעם גיהנום געקומען יידישע קאָלאָניסטן פלאַנצן וואַטע. זיי זיינען געקומען ווי אַלע יידן: פון פּוילן, רומעניע, ליטע.

טויזנט מאָל אַ טאָג האָבן זיי זיך געווישט טראָפּנס שווייס (דאָס פּנים צעביסן און אַנטצונדן); טויזנט מאָל אַ טאָג פלעגן זייערע קני זיך שאָקלען אין שאַרפע אָנפאַלן פון רומאַטיזם אין הייסע טעג און קאַלטע נעכט, אין די פאַרפּעסטעטע טשאַקאָ־וועלדער.

און דריי קינדער זיינען געבוירן געוואָרן אין דעם „טשאַקאָ" ביי דער פאַמיליע וועקסלער, פיר קינדער ביי די אייזנבערגס. נאָך צענדליקער ביי אַנדערע. דאָס שלאָפציממער ביי די וועקסלערס האָט נישט קיין דאַך. אין די צוועלף יאָר האָבן די מענטשן נישט געקאָנט זיך „אַרויפאַרבעטן" אויף צוצודעקן דאָס ליימענע הויז.

זיי זיינען אַהער געקומען מיט צוועלף יאָר צוריק — יונגע, שטאַרקע מענטשן. די אַרגענטינער רעגירונג האָט צוגעזאָגט געבן ערד אומזיסט. פאָרן צום טשאַקאָ־גיהנום איז געווען נישט משוגעת, נאָר זוכן אַרבעט און אַ שטיקל ברויט. דער נאַפט־לאָמפּ איז געוואָרן די קללה ביינאַכט, ווייל אויף זיין ליכט פלעגן זיך צונויפקומען מיט אַ מורא'דיקן גערויש מיליאָנען באַשעפענישן מיט קלאַפּנדיקע פליגלען, מיט שאַרפע שטעכעדיקע מיילער. זיי פלעגן אַריינפליען דורך דעם אָפענעם דאַכלאָזן הויז.

און די שטערן, הייסע און גאָלדענע, האָבן מיט נייגיריקייט געשטראַלט אויף די צוויי געשטאַלטן אויפן בינטל שטרוי, אויפן ליימיקן נאַסלעכן באָדן — דאָס איז געווען דאָס בעט פון דער פאַמיליע וועקסלער. פאַרקריצטע ציין ביי טאָג; אינטימע, גוטיקע שמועסן ביינאַכט — און מענטשלעכע, אייביקע ליבשאַפט.

מיט אַ יאָר צוריק — אין פעברואַר — בין איך געווען אין טשאַקאָ. די הערלעכע אַרגענטינער באַוול־אַרבעטער האָבן זיך ווי איין מענטש אָרגאַניזירט קעגן די מענטשלעכע פּיאַווקעס, וואָס קויפן־אויף זייער בלוט און שווייס, אַראָפּרייסנדיק דעם אַרבעט־לוין ביז הויט־שינדעריי.

די וועקסלערס זיינען געווען צווישן די אָרגאַניזאַטאָרן פון באַוול־סטרייק. וועקסלער מיט נאָך זעקס חברים זיינען אַרעסטירט געוואָרן. אויף אַן אמת־„בראַזיליאַנער" אופן זיינען זיי אַריינגעפירט געוואָרן צו ווערן געפייניקט אין אַ פּרויען־משוגעים־קאַמער — צו עראָטאָמאַנקעס...

טשאַקאָ. פּאַשיזם קומט אין דער טויטקייט פון דער אייביקער פּאַמפּאַ,

צו אירע ברעגלאָזע טייכן. זיי ווערן לעבעדיק מיט אונדזער רוף, מיט אונדזער קאַמף, מיט העלדישקייט און — מיט ענדלעכן זיג.

מענדאָזאַ, אַרגענטינע, 1936.

ראַדיאָ — דער וואונדער פון אונדזער צייט

פון דעם קליינעם הילצערנעם ראַדיאָ־קעסטל, פאַרבונדן מיט אומזיכטבאַרע פעדים מיט די גרעסטע ווינקעלעך פון דער וועלט, טראָגן זיך צו איך טענער פון אייערע נאָענטסטע. אין דעם קליינעם אינסטרומענט וועקן זיך שיקזאַלן פון מענטשן אויף פאַרוואָגלטע שיכטן — אין אַרקטישע עקספעדיציעס — אין ערטער, וואו קיין מענטשלעכער קול און פוס האָבן ניט אָפּגעקלונגען.

אַ רוסישער אַרבעטער, אַ סאָוועטישער ראַדיאָ־ליבהאָבער, האָט דער ערשטער, מיט דריי יאָר צוריק, ערגעץ ווייט אין צפון, ביי וויאַטקאַ, דערהערט די שטימען פון סאָוועטישע מאַטראָסן פון אײַז־ברעכער „מאַלינין", וואָס איז אויף איינער פון זיינע אַרקטישע ים־רייזעס פאַרוואָרפן געוואָרן צו גוואַלטיקע אייז־בערג אין דער פּאָלאַר־נאַכט.

ער איז געווען אַ ראַדיאָ־ליבהאָבער און האָט שעה'ן־לאַנג „געכאַפּט" אין דער לופטן טענער און קלאַנגען, צייכנס און „קאָחדס" פון דער מעכטיקער געהיימניספולער ראַדיאָ־שפּראַך.

עס איז אַ וועלט פאַר זיך. קיינער זעט איך נישט. איר הערט זיך צו. איר קענט זיך אָפּגעבן צו אייער ראַדיאָ־איינזאַמקייט. קיינער זעט נישט, ווי איר נעמט אויף די אָדער יענע ידיעה. אַזוי זיצט מען איצט ביים ראַדיאָ־קעסטל און מען דרייט אומגעדולדיק די „קילאָסאַיקלס" מיט דער טאַנץ־מוזיק אָדער מיט די נודנע וויצן פון די „אַמוזירער" פון די צאָל־רייכע ראַדיאָ־סטודיעס און ראַדיאָ־שעה'ן.

און איר זוכט איין סטאַנציע — איין לשון — איין שטימע — איין נייעס פון שפּאַניע. און איר ווייסט, אַז אין פופציק לענדער זיצן מיליאָנען און הערן זיך צו מיט קלאַפּנדיקע הערצער, ווייל זיי זיינען חברים פון זעלבן געדאַנק.

אין די צענטערס פון אַנטי־פאַשיסטישער עמיגראַציע — אין פּאַריז. אַמסטערדאַם, לאָנדאָן און פּראַג, בריסל און שטאָקהאָלם — זיצן מיט קלאַפּנדיקע הערצער דייטשע פּליכטלינגע און הערן מיט גליקלעך־פאַרהאַלטענעם אָטעם. אַז דייטשן קעמפן קעגן פראַנקאָן. און איטאַליענער איבער דער גאַנצער וועלט, קעגנער פון מוסאָליני, הערן מיט שטאָלץ, אַז איטאַליענער קעמפן קעגן מאָלאַ'ן אין אָראַנדאַן, און אַז דייטשע און איטאַליענישע מלחמה־

וועטעראַנען קעמפן קעגן דייטשע און איטאַליענישע ווייס־פראַנקיסטן אויף אַלע פראָנטן פון די רעגירונגס־אַרמייען. און רעוואָלוציאָנערע אַרבעטער פון גאָר דער וועלט הערן און לייענען די הערלעכע נייעס פון דעם בוכשטעבלעכן פאַראייניקטן פראָנט, וואָס איז פון אַ קאָנגרעס־רעוואָלוציע, פון אַ קאָמינטערן־לאָזונג געוואָרן דער טרענטש און די באַריקאַדע אין איין טייל פון דער וועלט — אין שפּאַניע. און קעגן דער ניטראַליטעט־פּאָליטיק פון דעמאָקראַטישע רעגירונגען איז אויסגעוואָקסן אַ צווייטע פּאָליטיק פון אַרבעטער־קלאַס, פון זיין רעוואָלוציאָנערן אַוואַנגאַרד: די פּאָליטיק פון העלפן דעם פאָלקס־פראָנט אין שפּאַניע מיט מעשים און אייגענעם בלוט. און שנעלער ווי דער קלאַפּ פון מענטשלעכן האַרץ, שנעלער פון אַ טעלעגראַמע, טראָגט זיך איבער קאַפּיטאַליסטישע וועלטן און באַלעבאַטישע צייטונגס־מיילער דער נייער רעוואָלוציאָנערער לעקסיקאָן — די נייע סאָציאַליסטישע און קאָמוניסטישע טערמינאָלאָגיע.

הוירסט׳ס צייטונגען און הוירסט׳ס אַנאָנסירער זיינען געצוואונגען צו דרוקן, אָנצורופן און פאַרשפּרייטן ברענענדיקע, הערלעכע ווערטער פון אַ פייער־אינהאַלט און צוקונפט־פּראָגראַם: ווערטער, ווי: די אינטערנאַציאָנאַלע דיוויזיע, סטאַלין־רעגימענט, טשאַפּאַיעוו־פּאָלק, מאַרקס־באַטאַליאָנען, לא פּאַסיאָנאַריאַ־גרופּע, בענאָוועניטראַ דיריטי־קאָלאָנע, קאַבאַלעראָ־ברענטש, לענין יוגנט־גרופּע.

מיר, געדריקטע און פאַרפאָלגטע פונעם פאַשיזם, אָן אַמטן, אָן רעגירונגמאַכט און מיטלען, מיר, אַרבעטער און פריינט פון אַרבעטער, צווינגען די, וואָס האַסן אונדז, איינצו׳הזר׳ן אונדזערע נעמען, לאָזונגען און ווערטער, וואָס באַגלייטן אונדז ווי רויטע פענער אין אונדזערע קאַמפן; מיר, אָן דעם מעכטיקן קאַפּיטאַליסטישן פּראָפּאַגאַנדע־אַפּאַראַט, צווינגען די אויבערהאַרן צו שטודירן די פעלקער־באַפרייענדיקע טערמינאָלאָגיע פון באָלשעוויזם — ווען דער ראַדיאָ־אַנאָנסירער צעברעכט זיך די ציינער מיטן נאָמען „סערגעי אָרדזשאָניקידזע“ און „וויאַטשעסלאָוו מאָלאָטאָוו“, מוז ער דערמאָנען די ברייטסטע, פרייעסטע דעמאָקראַטישסטע קאָנסטיטוציע פון דער וועלט — די סאָוועטישע.

און ווען ער גייט אַריבער צו הימישע ענינים, ווי, צום ביישפּיל, צום סטרייק פון די מאַטראָסן און אָנגעשטעלטע לענג־אויס דעם פּאַסיפיק, איז זיין שטים נאָך ביזער, ווען ער דערמאָנט אונדז, אַז 206 שיפן זיינען פּאַראַליזירט, דער גוואַלטיקער אָרגאַניזם שלאָפט, די נערוון און האַרץ קלאַפּעניש שוויגן — סטרייק! און דאָס ראַדיאָ־קעסטל ווערט אַ קוואַל פון מוט, פון שטאָלץ, פון שנעלערן בלוט־קרייז אין די אָדערן.

...עס רעדט באַרצעלאָנאַ. קאַטאַלאָניע דאַנקט דער סאָוועטישער פרוי

פאַר מילך, קליידער און מעל; זי דאַנקט דעם וועלט־פּראָלעטאַריאַט פאַר זיינע קלאַסנדיקע־און־סימפּאַטיע הערצער: דעם מעקסיקאַנער פאָלק און זיין פרעזידענט פאַר ביקסן און קוילן; דעם אַנטי־פאַשיסטישן רינג אַרום מאַדריד פאַר זיינע טרייע, הערלעכע קעמפער, וואָס האָבן אַריינגעטראָגן מוט און נייע האָפענונגען אין די רייען פון דער אומדערפאַרענער, ציווילער מיליציע.

און אַט כאַפּט מען אַ דאַנק פון אַ באַזונדערן, אומדערוואַרטעטן מין און ווערט: אַ דאַנק די אַמעריקאַנער גוטע „באַיעס", די לופט־פליער, די פּי־לאָטן, וואָס זיינען מיט דער „גאַרמאַגדיע" אָנגעקומען דעם 11טן נאָוועמבער, אין דער צאָל פון 10, אויף די עראָדראָמען פון דער שפּאַנישער רעגירונג. עס איז געווען אומדערוואַרטעט פאַר אונדז. נ״י, פריידיק, העלדיש.

אָט־די אַמעריקאַנער פּראָגרעסיווע מענטשן, וואָס זיינען קעגן פאַשיזם, האָבן נישט געקענט לײַנגער צוקוקן ווי אַ פאָלק פון 25 מיליאָן נפשות ווערט פאַרשקלאַפט דורך דייטשישע און איטאַליענישע פאַשיסטישע עראָפּלאַנען. זיי זיינען זיך צונויפגעקומען און האָבן באַשלאָסן, אַז שפּאַניע מוז האָבן אַ לופט־קראַפט. זיי האָבן אויסגעקליבן געלט און אַוועקגעשיקט די ערשטע צוויי אַוויאַטאָרן, דערנאָך — זעקס. צווישן זיי איז געווען בערט אַקאָסטאַ, דער אומדערשראָקענער אַמעריקאַנער יונגער פליער. דאַן זיינען געקומען: גאָרדאָן בערי, בען ליידער און עדי שניידער.

די שפּאַנישע רעגירונג איז געווען הארציק דאַנקבאַר און פאַרגעליגט זיי צו צאָלן. זיי האָבן זיך אָפּגעזאָגט. האָט מען אָנגעהויבן רעקרוטירן נאָך, און זיי געגעבן 1,500 דאָלאַר אַ מאָנאַט און 1,000 דאָלאַר אַ באָנוס.

איצט קומען זיי אומצוויין אין דער ביידאַ זיך צו רעקרוטירן. דער באַ־דינג איז: אַנטי־פאַשיסטיש מוזן זיי זיין צוערשט, דאַן מוזן זיי האָבן היני־טער זיך אַ פאַרגאַנגענהייט פון 2,500 פלי־שעה'ן און זיי מוזן וויזן, אַז זיי זיינען געווען לאָיאַל אין זייערע פריערדיקע קאָנטראַקטן, ווייל פליערס האָבן אַמאָל „געאַרבעט" אין דרום־אַמעריקאַנער רעוואָלוציעס און „פוטשן".

„סקאָטי" בעלסאָן איז צווישן זיי. אַ לעגענדאַרע פיגור. געפלויגן אין כינע, אין לאַטיין אַמעריקע, געווען אין פאַרשיידענע מלחמות און האָט סואַ־וועניר פון דאָרט: קוילן פון מאַשין־וואָרפערס אין זיין קערפער. ער איז געווען אין פרילינג 1936 אין שפּאַניע און איז געקומען פול מיט סימפּאַטיע צום פאָלקס־פראָנט. ער איז איצט אַוועקגעפאָרן אַהין דער ערשטער.

די רעבעלן האָבן אויך רעקרוטירט אַמעריקאַנער פליער. פון צען פליער זיינען דריי דער'הרג'עט געוואָרן און פינף האָבן זיך אָפּגעזאָגט.

און דאָס ראַדיאָ־קעסטל ברענגט ווייטערדיקע נייעס. און מיר פילן זי־כער: דאָס שפּאַנישע פאָלק וועט זיגן.

מיין רייזע איבער דרום־אַמעריקע

עס עפנט זיך אַ נייער שליאַך, מיט נייע לענדער און פעלקער: דרום־אַמעריקע! עס איז געווען אָנהויב 1935. איך בין צוריק געקומען פון וויטן מזרח, פון מיין דריטן באַזוך אין דער „אידישער אויטאָנאָמער סאָוועטישער געגנט", מיט עטלעכע זייער פאַרכאַפּנדיקע רייזעס צום סאַמע ראַנד פון די סאָוועטיש־וויט־מזרחדיקע גרענעצן. ווי שוין פריער דערמאָנט, האָט זיך די אידישע אויטאָנאָמע געגנט גענומען ברייט אַנטוויקלען, סיי עקאָנאָמיש, סיי פּאָליטיש און אויך קולטורעל, מיט אַ שטענדיקן שטראָם פון אידישע און נישט־אידישע איבערוואַנדערער. דאָס לאַנד, אָדער ווי די אָרטיקע טוער האָבן עס אָנגערופן דער קאַנט, האָט זיך געניויטיקט אין טעכנישע אַרבעטער, די לאַנדווירטשאַפט אין געניטע זאָאָטעכניקער, אַגראָנאָמען און טראַקטאָריסטן און די באַפעלקערונג בכלל — אין מעדיקער, שפּיטאָלן, לערער, ראַדיאָ־אָנגעשטעלטע און אַנדערע קולטור־טוער. דער פּלאַן פון אינדוסטריאַליזאַציע האָט געפאָדערט, אין שייכות מיט דער נאָענטקייט פון דער מאַנדזשוריש־יאַפּאַנישער גרענעץ און מיט דער נויטיקייט אין נאַטירלעכע און נאָענטע רעסורסן אַ מער אַנטוויקלטן אָרטיקן אינדוסטריעלן מענטשן־מאַטעריאַל, איידער דער, וואָס ס'האָט מיט זיך פאָרגעשטעלט די צאַרישע אָפּגעשטאַנענע ירושה אין דעם פּרט. אַרום יענער צייט איז דערשינען אַ רוף אין די מאָסקווער און לענינגראַדער צייטונגען: „חברים! קומט ווייטער בויען דעם וויטן מזרח! חברטעס, מאָביליזירט זיך נאָכן פאַרלאָזן די לערן־אַנשטאַלטן! קומט אין וויטן־מזרחדיקן קאַנט!"

אויף דעם אָנזאָג האָבן זיך אָפּגערופן מאַסנהאַפט די יוגנטלעכע אַרויסגעלאָזענע פון צענדליקער טעכנישע הויכשולן און קורסן ביי די אויסגעפירטע אָביעקטן פון די ערשטע 2 „פּיאַטילעטקעס" (די 5־יאָר פּלאַן־אונטערנעמונגען). די „מזרח־עקספּרעסן" פלעגן ברענגען פול־געפּאַקטע צוגן מיט יונגע חברה, צוגלייך מיט שטעטלדיקע אידן און זייערע קינדער. אין אָוונט פלעגן די קלובן אין דער הויפּטשטאָט ביראָבידזשאַן (אַזוי האָט זי איצט געהייסן, אָנשטאָט דעם אַלטן סטאַנציע־נאָמען „טיכאָנקאיא") זיין פול מיט מענטשן. מען האָט זיך צוגעהערט צו לעקציעס, אָפּגעהאַלטן קאָנפערענצן, געהערט ראַדיאָ־מוזיק פון ווייטע שטעט, זיך געטיילט מיט גרוסן פון שטעטל, בעת אַ נייע פּאַרטיע איבערוואַנדערער פלעגט אָנקומען.

אין מיינע אויגן איז געוואָקסן אַ געגנט. איך האָב געזען אַ מין לעבעדיק דינאַמיש ווערק, אָן קוליסן, אָן אַקטיאָרן, מיט אַ גוואַלטיקן פאָדערגרונט פון 4 מיט אַ האַלב מיליאָנען העקטאַרן ערד, מיט אַ סאָוועטישן דאַך אי־

בערן קאָפּ, וואָס האָט געריעדט לעבעדיקער אײדער ווערטער דורכן בלויזן
זײַן, דורך דעם טײַך מיט די באַרזשעס ווײַץ, ברעטער און קי, דורך דעם
וואָקזאַל מיט די וואַגאָנעס פון „סיבירער עקספּרעס", מיט זײַנע בלויע פאַר־
העגלעך בײַ די פענצטער און מיט די וואַזשנע דיפּלאָמאַטן בײַ די טירן,
אויף זײַער וועג פון יאַפּאַן קיין פּאַריז — אַ וועג פון 12 טויזנט קילאָמע־
טער איבער סאָוועטישער טעריטאָריע, וואו אַרבעטער האָבן די מאַכט און
וואו די קינדער פון ייִדישע אַמאָליקע אָרעמעלײַט לײגן שוין צו אַ האַנט צו
זײער חלק געבוי...

עס איז געווען אַ שײנער לעצטער האַרבסט בעת מײַן באַקענען זיך
מיטן ווײַטן מזרח. איך האָב זיך אײַנגעלעבט מיט זײַן פילצאָליקן צוזאַ־
מענשטעל פונעם פאָלק: זאַבאַיקאַלער קאָזאַקן־פּויערים, קאָרײער, כינעזער,
ביעגצעס, עסקימאָסן און אָר־דע־כעער — אַלע טיף־אײַנגעוואָרצלטע, קרעפּ־
טיקע יעגער, קעמפער מיט דער נאַטור און מיט אירע ברוטאַלע כוחות און
הײַנטיקע פאַרטײדיקער פון דער סאָוועטן־מאַכט, וואָס האָט זײ אַלעמען באַ־
פרײַט פון צאַריזם און שפּעטער — פון יאַפּאַנישן אָקופּאַנט. עס איז גע־
ווען שווער זיך צו געזעגענען מיט די ליב־און טײער־געוואָרענע חברים און
חברטעס, מיט וועלכע עס איז אויסגעקומען צוזאַמען צו אַרבעטן און אויס־
צוקעמפן די ערשטע זאַנגען ווײַץ, דאָס ערשטע ביסל גרינסן, אויסצואוויי־
טיקן די ערשטע צעביסענע הענט פון די בינען בעתן אַרויסנעמען דעם
האָניק פון די בינשטאָקן. באַזונדערס שווער איז געווען זיך צו שײדן מיטן
פאַרכאַפּנדיק־שײנעם ברעג פון טײַך אמור, מיטן גרויסן אידישן קאָלווירט
„אַמורזעט", וואָס ליגט פונקט אַנטקעגן מאַנדזשוריע, וואו איך פלעג אַזוי
גערן זיצן אויף אַ שוואָפּל פריש־אָפּגעזעגטע ברעטער פון אונדזער סאַמע
ערשטער, פון ניו־יאָרק־געשיקטער „לעסאָפּילקע" — אַן עלעקטריש־געטרי־
בענע זעגמיל, צו שנײַדן ברעטער און וועלכע עס האָט טאַקע אין 1931 „באַ־
דינט" אַ איד פון סאַן־פראַנציסקאָ. עס האָט געשמעקט מיט די כינגאַנער
בערג, פון די ביימער האָט זיך געגאָסן אַ זאַפּט, די האַרבסטיקע זון האָט
געוואַרעמט און די קאָונער אידן האָבן זיך געפרײט אין דערוואַרטונג אויף
די קומענדיקע נײַע הײַזער. די נויט פון דער ליטע איז אַוועק, צוזאַמען
מיט די בײזע חלומות פון גלח פראַנײַטיס און אַלע פאַשיסטן. די צוקונפט
האָט בײַ די איבערוואַנדערער זיך אָנגעהויבן שוין נעכטן, ווען דער צוג האָט
זיך אָפּגעשטעלט אין דער „טײַגאַ" — זײער נײַ אָרט צו אַרבעט און לעבן...

ס'האָט זיך טאַקע נישט געוואָלט אַוועקפאָרן צוריק. אָבער עס האָט
געוואַרט אין מערב־אײראָפּע אַ לעקציע־טור, טאַקע וועגן ביראָבידזשאַן און
וועגן דעם אײַנאָרדענען זיך דאָרטן פון סאָוועטישע און, צום טײל שוין, אויס־
לענדישע אידן. עס האָבן געוואַרט אין פוילן טויזנטער פאַראָרעמטע, פון

אַנטיסעמיטיזם־פֿאַרפֿאָלגטע אידן, וועלכע האָבן דורכן „אַגראָאיד" (געזעלשאַפֿט צו העלפֿן פּוילישע אידן זיך באַזעצן אויף ערד) געהאָפֿט צו פֿאָרן אַהין, וואוהין עס איז שוין אָפּגעפֿאָרן אין סעפּטעמבער, 1934, די ערשטע גרופּע פֿון 16 יונגע טעכניקער און אַגראָנאָמען פֿון ווילנע און האָט באַלד זיך איינגעאָרדנט אין פֿאַרשיידענע פֿאַבריקן און קאָלווירטן. בין איך אַוועק איבער וואַרשע, לאָדזש, לעמבערג, ווילנע, לובלין און ביאַליסטאָק און ווייטער זיך אָפּגעשטעלט אין בערלין, געהאַט עטלעכע שמועסן מיט פֿאָרשטייער פֿון „אָרט". זיי האָבן געהאַלטן אין פּאַקן זיך, כדי אָפּצופֿאָרן קיין פּאַריז. די האָבן זיך נישט געקאָנט פֿאָרשטעלן, אַז אין פּוילן האָב איך געקאָנט נאָך דעמאָלט האָבן זעקס גרויסע מאַס־מיטינגען וועגן אידישע אויפֿבוי־אַרבעט. די פּוילישע רעאַקציאָנערע רעגירונג האָט געהאָפֿט, אַז זי וועט אַזוי אַרום פּטור ווערן פֿון 50 טויזנט אידן, וועלכע וועלן עמיגרירן קיין ביראָבידזשאַן. צוליב געוויסע פּאָליטישע סיבות איז פֿון דעם גרויס־אָנגעלייגטן פּראָיעקט פֿון מאַסן־עמיגראַציע קיין ביראָבידזשאַן גאָרנישט נישט געוואָרן. אויף דער מאַנדזשורישער גרענעץ האָט זיך פֿאַרשטאַרקט די יאַפּאַניש־ווייס־גוואַרדייאישע דיווערסיע און דער אַריינפֿאָר פֿון אויסלענדער האָט זיך אָפּגעשטעלט. צוויי יאָר שפּעטער, נאָכן צעקלאַפּן אַ יאַפּאַנישע אַטאַקע אויפֿן גרענעץ־געביט פֿון פּרימאָריע און נאָכן אונטערשרייבן אַ שלום־אָפּמאַך מיט דעם אויסערן־מיניסטער פֿון יאַפּאַן, שיגעמיטסו, האָט מען אַריינגענומען אַ געוויסע צאָל אַרגענטינער און צפֿון־דייטשע אידן, וועלכע האָבן זיך באַזעצט אין ביראָבידזשאַן.

עס איז אויך אַהין געפֿאָרן, נאָך מיין באַזוך אין דרום־אַמעריקע, אַ דעלעגאַציע פֿון בוענאָס־איירעס, דאָרטיקע טוער פֿון „פּראָקאָר", אַ הילפֿס־אָרגאַניזאַציע פֿאַר אידישע אויפֿבוי־אַרבעט אין ביראָבידזשאַן. זיי האָבן געבראַכט די ערשטע גרוסן פֿון די אַרגענטינער געוועזענע קאָלאָניסטן, וועלכע האָבן זיך דאָרטן באַזעצט און וועלכע האָבן, נישט געקוקט אויפֿן קאַלטן קלימאַט, זיך דאָרט איינגעלעבט. דאָס זיינען געווען געוועזענע פֿון פּוילן איינגעוואַנדערטע אידן, וועלכע האָבן, נאָך יאָרן שווערער פּראַצע אויף באַראָן דע הירשס אַרגענטינער קאָלאָניעס, נישט געקאָנט אַרויסקריכן פֿון חובות און אָרעמקייט, אין זייער שטענדיקן קאַמף קעגן טריקעניש, היישעריקן און די אַגענטן פֿון די ווייצן־קאָמפּאַניעס, פֿון די טראָסטן.

איך בין געווען עטלעכע וואָכן אין נאַצי־דייטשלאַנד. איך וועל קיינמאָל נישט פֿאַרגעסן די שאָטנס לענגאויס די גרויע, בייגאַכטיקע ווענט פֿון בערלינער הייזער, שאָטנס פֿון אידן, אויסלענדישע, מייסטנס פּוילישע אידן, וועלכע האָבן אויסגעמידן דאָס ליכט פֿון טאָג און ביי דער נאַכט זיך געצויגן דורך הינטערגעסלעך אין קליינע, זיי באַקאַנטע קראָמען, נאָך אַביסל

עסנוואַרג, אפשר ביי לאַנדסלייט, אָדער גאָר אַ גמילת חסד. דערנידעריקטע, טויט־גרויע געשטאַלטן, איבערגעגעבן צום גנאָד פון זייער דייטש־נאַציישן „האוזבעזאָרגער", וועלכער קאָן זיי יעדע שעה אַרויסשיקן צו דער פויליש־שלעזישער גרענעץ, פונוואַנען די פוילישע האלערטשיקעס שיקן זיי צוריק צו זייער וואוינאָרט...

פון בערלין בין איך, מיט אַ מאָדנעם נייעם געפיל פון אַ שולד־באַוואוסטזיין, אַזוי ווי איך וואָלט דאָ באַגאַנגען אַ פאַרברעכן און ניט דער נאַציזם, אַוועק קיין דענמאַרק, אין קאָפּענהאַגען, וואו עס איז דעמאָלט געווען דוד בערגעלסאָן מיט זיין משפחה. נישט געגלויבט זיך אַליין, אַז דאָ, אין דענמאַרק, קאָן אַ איד נאָך פריי אָטעמען, רעדן אידיש אויפן קול, גיין פריי אין גאַס, לייענען אָפן די „מאָרגן־פרייהייט"! — קוים אַ יאָר אַוועק, זינט איך בין דאָ געווען אויפן צוריקוועג פון דרום־אַפריקע און אויפן וועג קיין בירָאָבידזשאַן — און וואָס פאַר אַן איבערבייט אין דעם אייראָפּייאישן קלימאַט! אין קאָפּענהאַגען גייען־אַרום דייטשן און רעדן חוצפה'דיק, אויפן קול, ווי ביי זיך אין הויף. כאָטש נישט אין אוניפאָרם, אָבער מיטן גאַנצן „שטים" פון דעם יונקער־אָפיצער פון פרייסן, מיט דער וואולגאַרער חוצפה פון דעם „בירהעלד" פון בייערן. אָבער עס איז פאָרט דענמאַרק און מיר האַלטן נאָך אַלץ רעפּערטאַטן אויף אידיש. מיר האָבן אפילו אַ שטיקל „פאָלקס־בינע", און בערגעלסאָן רעזשיסירט, מיט זיין ליבן, קלוגן שמייכל, וואָס דערוואַרט נישט „קיין נסים" אויפן געביט פון טעאַטער דאָ, אונטער דער נאָז פון היטלערן, אין דער צייט פון טשעמבערלעין־מינכען... כאָטש „אַ שטיקל פיעסע", ווייל די קולטור־אַרבעט מוז דאָך אָנגיין.

— און איר פאָרט טאַקע צוריק קיין אַמעריקע, גינאַ?

די ווערטער קלינגען עפּעס ווי אַ פאָרוואורף. אָדער איז עס אפשר די שולדיקע שטימונג נאָך פון די נאַכט־שאָטנס אין בערלין — די שטימונג פון הילפלאָזיקייט, ווען אַ פאָלק גייט־אויס און די וועלט אַרום אים שווייגט? איך פרואוו זיך פאַרטיידיקן און זאָג:

— נישט דירעקט קיין ניו־יאָרק. צוערשט קיין קובאַ, מעקסיקאָ, דער־נאָך קיין דרום־אַמעריקע — אין אַ זעקס־זיבן רעפּובליקן פון דרום־אַמעריקע.

— און דערנאָך?

— דערנאָך ווידער קיין אייראָפּע, דאָס מאָל — פראַנקרייך, — זאָג איך, אַזוי ווי זיך אַליין צו איבערצייגן, אַז מען קאָן היינט־צו־טאָג נישט זיצן אויף איין אָרט.

די פאָר טעג זיינען אַוועק גאַנץ שנעל. אַ משפחה פון אונדזערע פריינט, די רעזניקס, האָט זיך געקליבן אַריבערפאָרן אויף שטענדיק קיין ראַטן־פאַרבאַנד. האָט זיך געטומלט אַרום זיי. בערגעלסאָן האָט געאַרבעט אויף

אַ גרעסערער אַרבעט. ער פלעגט ניט רעדן גערן וועגן אַ נישט־פּאַרטיקן ווערק, האָבן מיר גערעדט וועגן... בערלין. עס איז געווען אַ גענוג־שווערע טעמע, און בערגעלסאָן האָט אין יענער צייט זיך נישט געשפּאָרט קיין צרות. ער פלעגט ברענגען גאַנצע פּעק מיט צייטונגען וועגן נאַצי־ענינים, מעריסטנס פון לאָנדאָן און ראַטן־פאַרבאַנד. לײַדער, איז לילי קייט, די קאָרעספּאָנדענטין פון „איזוועסטיא", וועלכע איך האָב נאָך געזען אין בערלין נאָך איר אַרעסט דורך די נאַציס און נאָך איר באַפרייאונג, שוין געווען דעפּאָרטירט און קיין אַנדערע איז נאָך נישט געווען. די לאַגע איז געווען אַן אָנגעצויגענע. איך בין אַוועק איבער מאַלמע און שטאָקהאָלם מיט אַ שיף קיין ענגלאַנד. דאָרט האָט זיך, ווי מען זאָגט, „געטומלט" אויף דער יידיש־ענגלישער גאַס. איך האָב אויפגעזוכט די רעדאַקציע פון דער „צייט" און מען האָט איינגעאָרדנט אַ געמיינזאַמען פּראָטעסט קעגן די נאַצי־פּאָגראָמען אין בערלין — מיט פאָרשטייער פון דער „לעיבאָר פּאַרטיי". עס איז געוואָרן באַשטימט, אַז איך וועל רעדן אויף אידיש און דער פּרעזידענט פון אַמעריקאַנער „אָרט", לאָרד מאַרלי, וועלכער איז אין 1933 געווען אויפן אַנטי־פאַשיסטישן קאָנגרעס אין פּעקין און שפּעטער אין ביראָבידזשאַן מיט נאָך 5 אייראָפּייאישע דעלעגאַטן, זאָל רעדן אויף ענגליש. אפנים, אַז דאָס איז געווען דער מאַקסימום פון אָנשטרענגונג און קאַמפּס־אַקציע, אויף וועלכע עס איז פּיאַיק געווען דאָס אידיש־ראַדיקאַלע לאָנדאָן, ווייל דערמיט האָט מען זיך באַנוגנט און עס איז געוואָרן שטיל אין „הויר מעדזשעסטיס" וואַיט טשעפּעל־געגנט. עס האָבן בלויז געפעלט די שאָטנס לענגאַויס די זוענט פון „קאָמערשיאַל ראָוד" און עס וואָלט אויסגעזען, ווי אין דער ביינאַכטיקער געטאָ אין פּראַג בעת קאַיזער רודאָלפס צייטן אין 15טן יאָרהונדערט.

בעת מיין זיין אין לאָנדאָן האָב איך זיך געטראָפן מיט דעם זשורנאַליסט ערנסט הענרי, וועגן וועלכן עס האָבן גערעדט און געשריבן אַלע צייטונגס־לייט און פּאָליטיקער פון מערב אין יענער צייט. עס איז נאָר וואָס אַרויס פון דרוק זיין בוך „היטלער איבער אייראָפּע", וואו ער האָט מיט אַ זעלטענער קענטעניש פון די אינעווייניקסטע פעדים אין דער נאַצי־פּאָליטיק גערעדט פון פּאָליטישער סטראַטעגיע פון דייטשן גענעראַל־שטאַב זינט ביסמאַרקס צייטן און האָט אָנגעמערקט יענע פּאָליטיק אין דורכפירן מלחמות איבער דער וועלט, וועלכע זיינען מיט עטלעכע יאָר שפּעטער דורכגעפירט געוואָרן מיט אַ ברוטאַלער פּרעציזיע און פאַרברעכערישן ווילקיר איבער אַ העלפט פון דער וועלט. ערנסט הענרי איז גראָד איצט, אין 1962, אַרויס מיט אַ נייעם בוך: „די סטראַטעגיע פון רעוואַנש", וואו ער מערקט אָן די פּלענער פון דעם „נייעם גענעראַל־שטאַב פון דער באָן־רעגירונג, שוין מיט דער הילף פון דער „נאַטאָ", וואו עס זיצן אַלטע היטלער־הענט, וועלכע

שטרעבן צוריק צו דעראָבערן די זינט 1945 פאַרלוירענע אַמאָליקע טערי־טאָריעס אין און אַרום דייטשלאַנד. וועגן דעם נייעסטן בוך פון ערנסט הענרי שרייבט דער געוועזענער אַמעריקאַנער גענעראַל העסטער, בעת ער רעדט וועגן דער „נויטיקייט פאַר אַמעריקע צו באַפרייען זיך פון „בשופותדיקע פאַרפליכטונגען" מיט די נאַציס (זע „ניו וואָרלד רעוויו", אַפּריל, 1962). דער זעלבער ערנסט הענרי האָט אויך אָנגעשריבן דעם בוך: „היטלער אָוועד ראַשיא" (היטלער איבער רוסלאַנד), נאָך לאַנג איידער היטלערס אָנפאַל אויפן סאָוועטן־פאַרבאַנד איז פאָרגעקומען. דאָס בוך האָט געצויגן די אויפמערק־זאַמקייט פון אַלע אייראָפּייאישע זשורנאַליסטישע און פּאָליטישע קרייזן, אי־בערהויפּט פון ענגלאַנד. און מיט געציילטע יאָרן שפּעטער האָבן די אַנטי־פאַשיסטן פון מערב, אויף די שלאַכטפעלדער פון שפּאַניע, ליידער, זיך אי־בערציגט אין דער ריכטיקייט פון ערנסט הענריס פּראָגנאָז.

עס איז געווען אַ שווערע שטימונג אין גאַנץ ענגלאַנד: אַרבעטסלאָזי־קייט און טשעמבערלעין. די אומזיכערקייט פון דעם מאָרגן און די אָפּגע־ריסנקייט פון דער ערד, בוכשטעבלעך: עס איז נאָך קיינמאָל נישט גע־ווען אַזוי קלאָר פאַר די אויגן פון יעדן אויסלענדער, ווי אין יענער צייט פון אָנהויב 1935, אַז ענגלאַנד איז אַן אינדזל און אַז איר איינציקער אָנשפּאַר איז נישט דער צפון־ים אָדער פראַנקרייך, נאָר גראָד גיבראַלטאַר און אַפ־ריקע. ווי מאָדנע עס זאָל נישט קלינגען, איז עס אָבער אַ פאַקט, אַז ענג־לאַנדס מאַכט האָט זיך אַלעמאָל געשטיצט אויף אירע קאָלאָניעס, אויף איר מעכטיקן פלאָט און אויף פון דורות־צוגעגרייטע ים־מענטשן. נישט אומ־זיסט האָט זיך פּיאָטר דער גרויסער געלערנט פון די צוויי גרויסע ים־מאַכטן: האָלאַנד און ענגלאַנד. ער איז געווען דער ערשטער רוסישער מאָנאַרך, וועלכער האָט געפּאָרשט רוסלאַנדס ים־ברעגן, אירע גרענעצן און האָט גענומען בויען די ערשטע סימנים פון אַן אַרמיי און אַ פלאָט.

ענגלאַנד האָט אין דעם אַרומיקן בושעווען פון אַ טויט־געפאַר אָנגענו־מען די פּאָליטיק פון „אַפּיזמענט" (פון באַרואיקן איר טויט־שונא, היטלערן און צו שטופּן אים אויף מזרח). אונטער איר דרוק האָבן פּוילן און פראַנק־רייך אָנגענומען די אייגענע פּאָליטישע ליניע און אַזוי־אַרום איז קיינער נישט געוואָרן איבעררעאַשט, ווען עס איז דערקלערט געוואָרן די אָרגאַניזירונג אויף דער וועלט פון דער „אָקס": בערלין־רוים־טאָקיאָ. די ראָד האָט זיך אָנגעהויבן דרייען מיט אַ מוראדיקער געשווינדקייט איבער די הויפּט־שטעט פון מערב.

אין דער צייט האָב איך אָנגענומען אַן איינלאַדונג פון דעם אַרגענטי־נער „פּראָקאָר" (אידישע הילפס־אָרגאַניזאַציע פאַרן אויפבוי פון ביראָבי־דזשאַן) און בין אַוועק קיין דרום־אַמעריקע. צווישן סעפּטעמבער, 1935 און

יוני, 1936, האָב איך באַזוכט בראַזיל, אַרגענטינע, אורוגוואַי, פּאַראַגוואַי, טשילי, פּערו און האָב דורך רעפעראַטן און קאָנפערענצן זיך באַקענט מיט אַ נייעם, זייער אינטערעסאַנטן און קולטורעלן אידישן ישוב אין די סאַמע ווייטסטע טיילן פון דער „נייער וועלט". אידישע אויסוואַנדערער פון פּוילן פון דעם נייערן דור, אידישע אויסוואַנדערער פון אַלטן רוסלאַנד פון די 80־קער יאָרן, וועלכע זיינען „געזעסן" אין די באַראָן הירש קאָלאָניעס און ביטער געקעמפט קעגן כראָנישע טרוקענישן און היישעריקן; איבערוואַנדערער באַלמעלאָכבעס, וועלכע זיינען געלאָפן פון פּוילישע נאָך־מלחמה פּאָגראָמען פון ווילנע, ביאַליסטאָק, פּשיטיק און פון פּעטליוראַן און וורּאַנגעלן פון אוקראַינע און קרים.

עס איז געווען אַ אינגערער עלעמענט, איידער די אידישע באַפעלקערונג אויף דער איסט־סאַיד פון ניו־יאָרק און וועסט־סאַיד און דער נאָרט־וועסט פון שיקאַגאָ. עס איז אויך געווען דאָרט אַ מער־באַוואוסטזיניקע אידישע אינטעליגענץ צווישן דער אימיגראַציע, איידער אין די פּאַראייניקטע שטאַטן און עס איז געווען אַ בעסערע אידישע פּרעסע און אַ גאַנץ אינטענסיווע שול־באַוועגונג. דער „פּראָקאָר" האָט געהאַט פעסטע וואָרצלען צווישן דער אידישער באַפעלקערונג און אויף דער נישט־אידישער גאַס האָט זיך אַנטוויקלט אין דער אייגענער צייט אַ גאַנץ שטאַרקע מאָדערנע געווערקשאַפטס־באַוועגונג. גראַד דעמאָלט איז פאָרגעקומען און האָט זיך געצויגן 10 חדשים דער סטרייק פון קאָנסטרוקציע־אַרבעטער אין בוענאָס־איירעס, וועלכע האָבן געבויט אַ „סאָבווער" (אונטערערדישע באַן) ביי אַן ענגלישן קאָנצעסיאָנער. און די לאַגע פון די סטרייקערס איז געווען זייער אַ שווערע, מען האָט ממש געהונגערט. עס געדענקט זיך צוויי דראַמאַטישע מאָמענטן בעתן סטרייק דאָרטן: עס איז געווען גערופן אַ גרויסער מאַסן־מיטינג פון די סטרייקנדיקע בוי־אַרבעטער אין „היפּאָדראָם", אין אַ זונטיק אינדערפרי. אַן עולם פון אַ פערציק טויזנט מענער (פרויען זיינען דעמאָלט נישט געגאַנגען אויף מאַסן־מיטינגען) האָט אָנגעפילט דעם ריזן פּלאַץ אונטערן פרייען הימל. אַן אַרבעטער־אָרקעסטער האָט געשפּילט רעוואָלוציאָנערע מאַרשן. דער עולם האָט מיטגעזונגען, די שטימונג איז געווען אַ געהויבענע, כאָטש די קאָנצעסיאָנערן האָבן זיך אָפּגעזאָגט נאָכצוגעבן די פאָדערונגען, איבערהויפּט די פאָדערונג פאַר אַ מינימום־לוין. ס'איז געווען צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון דער אַרגענטינער אַרבעטער־באַוועגונג, אַז מ'זאָל אַרויסשטעלן אַזאַ פאָדערונג — דערצו נאָך, צו בריטישע קאָנצעסיאָנערן. דערנאָך האָט גערעדט אַ בוי־אַרבעטער און האָט אָנגעוויזן אויף דער שווערער לאַגע פון די סטרייקנדיקע, אַז זייערע הילפס־מיטלען זיינען שוין לאַנג אויסגעגאַנגען. מען האָט געלעבט פון אונטערשטיצונגען פון אַרבעטנדיקע

פון אַנדערע פאַכן. דער רעדנער האָט אָנגעוויזן אויף הונגער, וואָס קלאַפּט אין טיר, אויפן ווינטער, וואָס דערנעענטערט זיך. אַ מאָמענט איז געווען שטיל. דערנאָך האָט מען דערזען, ווי אַ אינגל — אַ קינד פון אַ יאָר אַכטניין — רייסט זיך צו דער פּלאַטפאָרמע, שטעלט זיך פאַרן מיקראָפאָן, האַלט זיך אָן מיטביידע הענטלעך אין אים און זאָגט: „נאָ עס ווערדאַד, נאָ טענעמאָס האמברע, אי באסטאנטע אַ קאָמער, וויוואַ לאַ כועלגאַ, אסטא לא וויקטאָריאַ!" — די אַרענע איז אויפגעשטורעמט געוואָרן פון רוישיקע אַפּלאָדיסמענטן.

„עס איז נישט אמת, מיר הונגערן נישט, מיר האָבן גענוג צו עסן, זאָל לעבן דער סטרייק ביזן זיג!", האָט געזאָגט דאָס אינגל, אין אַן אָרעמען בלויען העמדל, מיט איינגעפאַלענע בלאַסע בעקעלעך, מיט די מאָגערע הענטלעך אויפן מיקראָפאָן — די 40 טויזנט מענטשן צופוסנס.

איך האָב זיך דערמאָנט אין דער דעמאָנסטראַציע פון דעם גלח גאַפּאָן, דעם 9טן יאַנואַר, 1905, ביים צאַרישן פּאַלאַץ. פאַר מיר האָבן אויפגעטויכט הונדערטער קינדערלעך, וואָס זיינען אַרויף אויף די פאַרשנייטע ביימער פון נעווסקי פּראָספּעקט און וואָס זיינען פון די קאָזאַקן אַראָפּגעשאָסן געוואָרן ווי פייגעלעך פון אַ יעגער... צי וועט מען זיי אויך דאָ ברוטאַל דערשיסן? — האָב איך זיך געפרעגט. אָבער מיינע פריינט האָבן מיך באַרואיקט: אונטער פּרעזידענט כוסטאָ וועט מען אויף אַרבעטער נישט שיסן. און אַ צווייטער מאָמענט: צומאָרגנס, נאָכן מיטינג, איז אין בוענאָס איירעס דערקלערט און אויסגעפירט געוואָרן אַ גענעראַל־סטרייק, צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון דרום־אַמעריקע. עס האָבן געסטרייקט אַלע אינדוסטריעלע אונטערנעמונגען, עס זיינען געווען פאַרמאַכט אַלע געוועלבער און אָפיסעס, אפילו די גרויסע אידישע האַנדלס־געגנט „קאָררייענטעס" איז געווען אָן אַ סימן פון לעבן. און ווען עס האָט אַ פּרואוו־געטאָן צו באַוועגן זיך אַ טראַמוואַי איבערן גאַס, האָבן פלינקע און קרעפּטיקע הענט אים אָפּגעשטעלט און, צוליב זיכערקייט, אים איבערגעקערט אויף אַ זייט. עס זיינען אפילו פאָרגעקומען סצענעס מיט באַזונדערס פאַרעקשנטע וואַגאָנעס, אַז מען האָט פון זיי געמוזט מאַכן באַריקאַדן, כדי זיי זאָלן נישט שטערן די אַלגעמיינע שטימונג. נאָכדעם ווי דער סטרייק האָט זיך איינגעגעבן, האָבן די קאָנצעסיאָנערן שוין געלאָזט זיך רעדן און דער מינימום־לוין איז איינגעפירט געוואָרן. דער אַרבעטער איז געוואָרן מוטיקער און געוואַגטער נאָכן געלונגענעם קאַמף און דער ערשטער מאַי פּאַראַד איז שוין געווען אַ זייער אימפּאָזאַנטער און ענטוזיאַסטישער.

דער צווייטער צד האָט אָבער, אונטערן איינפלוס פון די נאַציישע און איטאַלאָ־פאַשיסטישע דערפאָלגן אין איראָפּע, זיך געלאָזט פילן אין לאַטיינ־

אַמעריקע. קאַרלאָס לואיז פּרעסטאָס איז געזעסן אין אַ בראַזיליאַנער תּפיסה, דייטשע אַנטי־פאַשיסטן־פּליטלינגע האָט מען אַרעסטירט און שפּעטער איבערגעגעבן צו דער געסטאַפּאָ און מיינע לעצטע לעקציעס וועגן ביראָבידזשאַן האָט מען שוין נישט דערלויבט צו האַלטן אין דעם שטאָט־טעאַטער ווי פריער. מען האָט שוין געקאָנט שפּירן די רעאַקציאָנערע ווינטן אין דער לופט. מיט אַ געפיל פון צוגעבונדנקייט און ליבשאַפט האָב איך פאַרלאָזן אַרגענטינע און בין אַוועק קיין טשילע אויף דער איינלאַדונג פון אַן ענלעכער הילפס־אָרגאַניזאַציע אין סעינט יאַגאָ. עס איז אַ פאַרכאַפּנדיק־שיין לאַנד. דער איבערגאַנג פון אַטלאַנטיק צום פּאַסיפיק איז איבער די „אַנדן", ריזן־בערג פון אַרום צוואַנציק טויזנט פוס די הויך, מיט עקזאָטישע פלאַנצן און בלומען, מיט אייז־קאַלטע לאַגונעס (קליינע אָזערעס), מיט קאָלירפולע פייגל, מיט אַ דורכזיכטיקער לופט און אַ הערלעכן קלימאַט. און שוין זייענדיק דאָרט, האָב איך מיט טרויער געטראַכט וועגן דער אַרגענטינער פּראָווינץ „טוקומאַן", וואו איך האָב געטראָפן עטלעכע אידישע קאָלאָניסטן פון ביאַליסטאָק, וועלכע האָבן עקשנותדיק און וויטאָגדיק געפּרואווט אויסקאָרטשעווען אַ שטיק דזשאָנגל, צוגעזאָגטע מצד דער רעגירונג, מיט זומפּן און פאַרזשאַווערטע וואַסערן, כדי צו פאַרפלאַנצן דאָרטן אַביסל באַוול (קאַטן). אָבער שפּעטער האָבן די אייגענע אַגענטן, וועלכע האָבן די ערד צוגעזאָגט, געוואָלט זי אַוועקנעמען צוריק, נאָכדעם ווי די קאָלאָניסטן האָבן דעם האַרטנעקיגן באָדן, צווישן שלאַנגען און מאָסקיטאָס, אין הייזער אָן אַ דאַך, אויסגעקאָרטשעוועט. איך געדענק, ווי איך בין אָנגעקומען אין אַזאַ קאָלאָניע אין טוקומאַן, געטראָפן האַרציקע, טייערע פאָלקס־מענטשן, די חברים וועקסלער, און פאַרבראַכט אַן אָוונט מיט זיי. מיר זיינען אַריין אין אַ הייסער, קליינער שטוב, פון וועלכער מיר האָבן געטריבן טויזנטער נאַכט־פליגן און קאָמאַרעס, אויסגעלאָשן דאָס נאַפט־לעמפל און מיטאַמאָל דערזען איבערן קאָפּ אַ הערלעכן, טיף־בלויען סאַמעטענעם הימל, מיט מיליאָנען נאָענטע, גאָלדענע, שימערירנדיקע שטערן, ווייל — קיין דאַך איז נישט געווען, נישט געהאַט קיין געלט צו פאַרענדיקן דאָס הויז. די נייע ערד האָט נאָך גאָרנישט ניט געגעבן. איך האָב נישט געקאָנט אָפּרייסן מיינע בליקן פונעם הימל. עס איז געווען אַזאַ קאָנטראַסט אָט־דער הימל, אַזאַ רחבותדיקער און גאָלדענער — און דעם אָרעמען שרעקלעכן אַרום, מיט די ווילדע געשרייען פון די מאַלפּעס אין דזשאָנגל, מיטן קוואַקען פון די זשאַבעס יאַן זומפּ, מיט דער שרעק פאַר די ערשטע זונען־שטראַלן, וואָס וועלן ברענגען צוריק די פליגן און קאָמאַרעס.

מיינע אָרעמע ברידער! מיינע ביאַליסטאָקער טעקסטיל־אַרבעטער, אַנטלאָפענע פון פּוילישן פאַשיסטישן גענעראַל זשעליגאָווסקי, פון האַללערן און פון רידז־סמיגלין, וועלכע האָבן אינספּירירט זייערע סאָלדאַטן צו רייסן אי־

דישע בערד ביי די קאַשארעס אויפן „פשעיאזד״, אין וואַרשע, און צו כאַפּן אידישע זשורנאַליסטן אויף טלאָמאצקע גאַס, כדי זיי זאָלן שיילן קאַרטאָפל אין טורמע. ווי אַזוי קאָן איך אייך דערציילן וועגן 4 מיליאָן העקטאַרן לאַנד פאַר ביראָבידזשאַנער אידן, לאַנד געשענקטע, נישט־אַרענדירטע; לאַנד, צו וועלכער מען האָט נאָך צוגעלייגט אַ טראַקטאָר און אַן אַגראָנאָם, איינגעשלאָסן אין דער מתנה? עס וועט דאָך זיין זאַלץ אויף די וואונדן... אָבער די וועקסלערס האָבן אויסגעהאַלטן אַלץ, שפּעטער אָרגאַניזירט אַ סטרייק צווישן די קאָלאָניסטן, אַז מען זאָל נישט צאָלן קיין שטייערן, אויב מען וועט פּרואוון פון זיי צונעמען דאָס שטיקל ערד.

מען האָט זיי אַרעסטירט, געהאַלטן צווישן משוגעים אין אַ תפיסה. אין דעם דזשאַנגל איז נישטאָ קיין געזעץ: יעדער אַגענט פון אויפקויפן ווייץ, אָדער צוקער־רערן אָדער פלאַקס פון די קאָלאָניסטן איז אַלמעכטיק אין דער „פּאמפּא״ (ווייצנפעלדער), אָדער אין דזשאַנגל פון דרום־אַמעריקע. דערפאַר האָט מען אַזוי שטאַרק געוואָלט פאָרן קיין ביראָבידזשאַן אין 1934, ווען עס זיינען אַהין אַוועק די אַרגענטינער ערשטע איבערוואַנדערער און ווען ס'איז אָנגעקומען פון זיי די ערשטע בריוו פון דאָרטן; ווען די „טייגאַ״ האָט געקלונגען מיט שפּאַנישע נעמען: ביאַנקאַ, סילוויאַ, סאַריטאַ.

פאָרנדיק צוריק מיט אַן אויטאָמאָביל איבער די זאַמדיקע, אויף שנעל אויסגעגראָבענע וועגן פון די ריזן־בערג (קיין באַן איז נישט געגאַנגען און קיין לופט־פאַרבינדונג איז דעמאָלט נאָך נישט געווען), האָב איך געהאַט די געלעגנהייט גענוג צו באַאָבאַכטן און צו באַוואונדערן, ווי אַזוי דער איד איבער דער גאַנצער וועלט פאַסט זיך אַריין אין יעדער לאַגע, אין יעדן לאַנד, אין יעדן קלימאַט: דרום־אַפריקע, מאַראָקאָ, צענטראַל־אַמעריקע, ניו־יאָרק, פּערו און טשילע, בראַזיל און אַרגענטינע, ביראָבידזשאַן און כינע. ער פאַסט זיך אויך אַריין אין אַ לעבן אָן אַ פּערספּעקטיוו, ווי עס איז געווען דאָס לעבן פון אידן אין צאַרישן רוסלאַנד, מיט דער דורות־לאַנגער אויסזיכטסלאָזיקייט און הונגער מיט פּאָגראָמען.

עס איז געבליבן אין זכרון דאָס לעצטע בילד ביים פאַרלאָזן טוקומאַן: אַ פאַרזשאַווערטער ברוינער זומפּ, אין וועלכן עס שטייען אַ בהמה און אַ פאַסטוכל. איבער זיי אַ ברענענדיקער הימל. קיין טראָפּן ריינע וואַסער פאַר אַ טרונק און פאַר אונדז, די רייזנדע מיטן אויטאָמאָביל, קיין איין־איינציקע גאַזאָלין־סטאַנציע, קיין איין איינציקער מעכאַניקער אויפן גאַנצן וועג פון מענדאָזאַ ביז סאַנטיאַגאָ, טשילע — 36 שעה אויפן זאַמדיקן וועג. און מיר האָבן נישט אָנגעטראָפן קיין צווייטן אויטאָמאָביל אונטערוועגנס. צום גליק — ווייל דער זאַמדיקער „וועג״ איז אַזוי שמאָל, אַז צוויי אויטאָמאָבילן קאָנען ניט דורכפאָרן. און קוקט מען אַראָפּ, אַנטפּלעקט זיך אַ תהום

פון וואַסערע 10־15 טויזנט פוס טיף. אַ יונגער אַרגענטינער שאָפער האָט געטריבן די מאַשין און אונטערגעזונגען די גאַנצע נאַכט „טאַנגאָס" און „רומבאָס". בייטאָג איז געווען צו־הייס אָנצוהייבן די רייזע, איז מען אַרויס־געפאָרן אַרום 10 אין אָוונט און געפאָרן ביז 10 אין דער פרי. אַריבער די גרענעץ, אַפּגעפּאַרטיקט דעם פּאַספּאָרט, געטרונקען שטאַרקע קאַווע מיט האַרטע בולקעס און פריש־געכאַפּט קליינע פאָרעלן פון די אייזקאַלטע לאַגו־נאַס, קליינע שמאָלע באַרג־אָזערעס. דאָס דערפל ביי דער גרענעץ הייסט טאַקע „טרעס לאַגונאַס" (דריי אָזערעס). אַלע דריי, שוין האַלב־פאַרטריקנטע פון היץ, האָבן געקאָנט אַריין אין אַ נאָרמאַלער ליטווישער לוזשע. אויף יענער זייט גרענעץ איז אויסגעבויט אַ ריזיקע פיגור פון אַ שטיינערנעם קריסטוס. די צוויי־דריי גרענעץ־באַאַמטע באַנוצן די פיגור אַלס אַ קירך זונטיק. קיינער היט נישט די גרענעץ, מען דאַרף פאָרן עטלעכע הונדערט מייל צו קומען אַהער. אויסער מיר איז געפאָרן נאָך אַ פרוי און אַ מאַן, פוילישע אידן. איז די פרוי געווען קראַנק. עס איז געווען צו־הויך פאַר איר. זי האָט געהאַט שוועריקייט מיטן אָטעמען און האָט געמוזט פאָרן צוריק: וואַרטן אויף אַ צווייטן אויטאָמאָביל פון טשילע.

עס איז געווען איר ערשטע רייזע מיטן אויטאָמאָביל און עס האָט איר געשווינדלט דער קאָפּ פון דער הויכקייט. ווען זי פלעגט אַרויסקוקן דורכן פענצטער, פלעגט זי חלשן און דער מאַן האָט איר געהאַלטן אַ גרויסע רויע ציבעלע ביי דער נאָז, כדי „זי זאָל מיינען, אַז זי איז אין דער היים", — האָט ער מיר געזאָגט. עס האָט טאַקע אַ שמעק געטאָן מיט פוילן: זיי זיינען געווען פון פּשעדבאָזש, נישט ווייט פון מיינע היימישע קאַנטן. אַ מין באַגעגעניש! זיבעצן טויזנט פוס הויך דאַרף איך באַגעגענען פּשעדבאָזשער אידן, אָבער נאָך דערצו קרובים פון מיין פאָטער? ער פלעגט דערציילן וועגן דעם פּשעדבאָזשער רבין, צו וועלכן די טאָמאַשאָווער חסידים פלעגן פאָרן אויף סוכות. די וועלט איז קליין. און אָט בעט זיך די פרוי ביים מאַן: „לאָז מיך דאָ, ביי די טייכלעך, פאַר אַליין קיין סאַנטיאַגאָ. איך וועל שטאַרבן, כ'קאָן נישט אָטעמען".

זיי זיינען טאַקע ביידע געבליבן אין דעם גרענעץ־דערפל און איך בין מיטן שאָפער געפאָרן ווייטער אויפן ענדלאָזן זאַמדיקן וועג. דער שאָפער האָט מיר דערציילט, אַז „בלויז" צוויי אויטאָמאָבילן האָבן זיך אַראָפּגעקייקלט אין אָפּגרונט זינט ער פאָרט אַרום, נישט זיינער. ער איז פאַרזיכטיק... דאָס האָט ער מיר געזאָגט, ווען מיר זיינען צוגעקומען צו אַ ריזן־בוים, אַ צעטראַסקעטן פון אַ בליץ, קאַנטיק, און שיעור נישט אַרויסגעפאַלן פון דער אָפענער מאַשין, אַן אַלטן „פאָרד". דאָס הייסט ביי אים „פאַרזיכטיק" — האָב איך געטראַכט. איך קאָן זיך שוין פאָרשטעלן, וואָס ס'וועט זיין

ווייטער, ווען דער וועג וועט זיין העכער און נאָך שמאָלער. ער האָט אַ קוק געטאָן אויף זיין זייגערל און געזאָגט, אַז ער מוז אַביסל שלאָפן און אַז דעם צווייטן אויטאָמאָביל וועלן מיר שוין באַגעגענען אויף אַ ברייטערן וועג אין צוויי שעה אַרום.

איך האָב אַרויסגענומען מיינע צוויי פלעשלעך מיט וואַסער. מען האָט מיר געהייסן זיך פאַרזאָרגן מיט „ווישי־וואַסער", האָב איך אים אָנגעבאָטן, אָבער ער האָט געלאַכט: „טענגאַ ווינאָ", ער האָט וויין. ער האַלט נישט פון וואַסער. איך האָב אַ קוק־געגעבן אויף אונטן, נישט געזען קיין ערד, נאָר לופט און זיך שטאַרק פאַרבענקט נאָך מיין האָטעל־צימער — אַלץ איינס אין וועלכן לאַנד, אַבי עס זאָל זיין אַ פּאָדלאָגע, מען זאָל נישט הענגען אויף אַ זאַמדיקן וועג, וואָס קאָן אָנהויבן זיך צעקרישלען אונטער דער מאַשין. ווייזט זיך אַרויס, אַז איך בין איינגעשלאָפן, ווייל אויפגעכאַפּט האָב איך זיך פון קולות, פון אַ קריגעריי, פון אַ סומאַטאָכע: עס איז אָנגעקומען די צווייטע מאַשין, פון דער טשילעניִשער זייט שוין אַסך גיכער איידער מיין שאָפער האָט דערוואַרט, אָדער איז ער צו לאַנג געשלאָפן? און ביידע אויטאָמאָבילן קאָנען נישט פאַרבייפאָרן אויפן צו־שמאָלן וועג, כאָטש בלייב דאָ ביזן סוף פון דיין לעבן! און מאָרגן וועלן אָנקומען פון ביידע לענדער ווייטערדיקע אויטאָמאָבילן. ביידע שאָפערן מיט די פּאַסאַזשירן פון טשילע האָבן געמאַכט קולות, אַז דער קאָפּ האָט זיך פאַרדרייט. איך בין אַרויס פון דער מאַשין און געבעטן „מיין" שאָפער, אַז אַזוי ווי זיין מאַשין איז אַ קלענערע, זאָל ער גיין אויף צוריק, זיך שאַרנדיק צו דער באַרג־וואַנט, ווייל דאָרט איז זיכערער, און גיין צוריק ביזן צעטראַסקעטן בוים, וואו דער וועג איז אַביסל ברייטער. און די פרעמדע מאַשין זאָל דערווייל שטיין דאָ און וואַרטן, ביז מיר וועלן געבן אַ סיגנאַל מיטן האָרן, אַז זיי קאָנען שוין דורכפאָרן. דער שאָפער האָט נישט געוואָלט איינגיין דערויף: וואָס וועט ער עפּעס זיך צוהערן צו אַ פּאַסאַזשיר, דערצו נאָך צו אַ „סעניאָראַ"? ער האָט אָבער פון די פרעמדע אויך באַקומען אַ באַפעל צו רירן זיך פון אָרט, עס קאָן נאָך אָנקומען אַ שטורעם, דער וועג וועט ווערן צעווייקט און מען וועט דאָ בלייבן איינגעזונקען! ער האָט נאָך אַ בורטשע געטאָן צו מיר: „אַ סו רעספּאָנסיבילידאַד" — אויף דיין פאַראַנטוואָרטונג! — און ער האָט זיך אָנגעהויבן שאַרן אויף צוריק לענגאויס דער בערג־וואַנט, זייער פּאַוואָליע. אַלע האָבן געקוקט אויף אים. ער האָט זיך געפילט, ווי אַ העלד אין אַ „וועסטערן פילם". אָבער איך האָב פאַרגעסן צו האָבן מורא, ווייל דער אַרום איז געוואָרן אַזוי פאַרכאַפּנדיק שיין, מיט די העכסטע שפּיצן בערג באַדעקט מיט אַ פלאַמיקן פּורפּור, בעת דער טאָל איז געוועזן שוין טונקל, פיאָלעט, כמעט שוואַרץ, און דער הימל מאַראַנצן־ראָזעווע און שפּילעוודיק־אומשול־

דיק, בעת דער טויט האָט געקוקט אין די אויגן ביי יעדן דריי פון דער מאַשין אויף צוריק אויפן טיפן זאַמדיקן וועג. אַלץ איז געווען אַזוי נישט נאַטירלעך, געפערלעך און שיין, אַז עס האָט זיך נישט געוואָלט ווערן רואיק. עס איז געווען אַ ביטערער קאַמף צווישן מענטש און צופאַל, ווען דיין לעבן איז אָפּהענגיק פון אַ וועג, וואָס איז אַ שפּאַן די ברייט.

אָבער אָט איז ער דער פון בליץ־געטראָפענער בוים. ביים סאַמע ראַנד פון וועג. ער פאַרנעמט אַן איבעריקן שטח ערד, אָן שום נוצן. איז אין בירּאָבידזשאַן וואָלט איין טראַקטאָריסט אַרויסגעפּאָרן מיט אַ בולדאָזער אין פעלד און וואָלט דעם פאַראַזיטישן בוים אַראָפּגעשליידערט אין אָפּגרונט. אָבער דאָ וועט ער נאָך שטיין אַזוי יאָרצענדליקער, אפשר ביז אַ ערד־ציטער־ניש. איך האָב בשעת מעשה געטראַכט: איך בין אַהער געקומען זיך מיטשען", ווי די קאָונער אידן האָבן גע'טענה'ט ווען דער ווינטער איז געקומען פריער איידער זיי זיינען געווען גרייט פאַר אים.

אָבער פּאַבלאָ, דער שאָפער, גיט אַ סיגנאַל, און ער קלינגט אַזוי חוצפּהדיק דאָ, אין די הימלען און זאַמדן אויף דער הויך פון 15 טויזנט פוס, מיט אַ לאַנגער נאַכט צום פּאָרן, מיט אַ מידן בייזן שאָפער, אין אַן אַלטן „פאָרד". פאַוואָליע, אַזוי ווי ער וואָלט זיך נישט געגלויבט, קומט־אָן דער צווייטער אויטאָמאָביל און איינער פון די פּאַסאַזשירן זאָגט צו מיר: „אפשר וועט איר פאָרן צוריק? עס איז נישט זיכער ביינאַכט מיט אַזאַ מאַשין, מיט אַ שוואַכן מאָטאָר. קומט מיט אונדז ביז מענדאָזאַ, דאָרט וועט איר נעמען אַ בעסערע מאַשין!" איך דאַנק זיי און זאָג זיי אָפּ. ווי קאָן איך זיי זאָגן, אַז מאָרגן אין אָוונט דאַרף איך האַלטן אַ לעקציע אין סאַנטיאַגאָ, און אַז עס וואַרט דער פריינט פילאָווסקי, דער סעקרעטאַר פון דער „הילפס־געזעלשאַפט"? און אַז מען טאָר לענגער נישט פאַרלירן קיין צייט — „אַסטאַ לוועגאָ, סעניאָרעס".

טיף אין האַרצן האָב איך מורא. וואָס טו איך, אויב פּאַבלאָ שלאָפט איין „ביים רעדל"? — ווי מען זאָגט אין ניו־יאָרק. דער וועג ווערט דאָך אַלץ העכער. עס וועט דויערן אַ גאַנצע נאַכט ביז מען וועט גרייכן דעם פּאַסיפיק און אַראָפּנידערן צום ים. איך קליב צונויף דעם גאַנצן מוט, ווי אין 1908 בעת מיין איבערגאַנג איבער די אַלפּן, צופוס, דורכן „סען בערנאַרד", ביינאַכט, ווען איך בין איינע אַליין פאַרבייגעגאַנגען אַ גרופּע פון אַן איטאַליענישער „טשעין גענג" (אַרעסטירטע אין קייטן ביי דער אַרבעט) און געבעטן מיך אַראָפּפירן צופוסנס פון בערג, אין איטאַליענישן דאָרף „איירעאַלאָ". אָבער דעמאָלט איז געווען 1908 און אַ ברייטער שאָסיי־וועג, דער באַרג נישט העכער ווי אַ זעקס־זיבן טויזנט פוס, איגמיטן העלן לבנה־שיין און אויף מיינע פּלייצעס זיינען געלעגן בלויז 20 יאָר און אַ רוקזאַק. און

היינט, אויפן וועג קיין טשילע, איז אַזוי פיל אַנדערש און ערגער. אָבער פּאַרפאַלן. איך זוך צו מאַכן שלום מיט פּאַבלאָן, באַט אים אַן פּאַפּיראָסן פון פראַנקרייך, מאַך אים קאָמפּלימענטן צוליב זיין פירן די מאַשין אויף צוריק און מאָל אים אויס די פריידר, וואָס דערוואַרט אים אין וואַלפּאַראיסאָ, אין האַפן פון טשילע. נאָך אַ געוויסער פּאוזע קומט אַ בייזער ענטפער: „איך בין נישט קיין מאַטראָס, איך זאָל זיך פרייען מיטן האַפן". „איך אויך נישט", זאָג איך, אָבער דו וועסט כאָטש האָבן אַ ברייטע גאַס, ליכט, אַן אָפּרו, וועסט זען פריינט". פּאַבלאָ שווייגט...

מיטאַמאָל: „סטאָפּ! זיך אָפּגעשטעלט. וואָס האָט פּאַסירט? אַ ווייסע, מאָכנאַטע באַרג־ציג מיט צוויי טעכטערלעך שטייט אין סאַמע מיטן וועג מיט רעשטלעך גראָז ביי דער געמבע... מיר באַקוקן זיך אַלע, און פּאַבלאָ גייט אַרויס פון דער מאַשין, נעמט־אַן די ציג ביי די הערנער, אירע קינדער פאָלגן־נאָך און ער פירט זיי אַלע צו צו דער בערג־וואַנט. ער לייגט אפילו אַוועק די יונגע אויפן זאַמד. „איך בין פון דאָרף, אַ „קאַמפּעסינאָ" (אַ פּויער), זאָגט ער, און זיין פּנים ווערט 10 יאָר יינגער. כמעט אַ קינדערשער שמייכל באַשיינט זיין גאַנצן פּנים. ער איז שוין נישט דער נאַר־וואָס חוצפּהדיקער שטאָטישער שאָפער פון אַ שלעכט־באַצאָלטן פּאָסטן, פול מיט געפּאַרן און טויט־ריזיקעס. ער איז אַ פּאַסטוך פון די פּרעיריס, וואָס האָט ליב זיינע קי און ציגן, און וועמען די נויט האָט אַרויסגעטריבן אין שטאָט און אים געשטעלט פאַר סכנות. איך נעם אַן זיין האַנט און דאַנק אים: „סאַי טאַמביען דע און קאַמפּאָ", — זאָג איך צו אים (איך בין אויך פון אַ דאָרף, אָבער ווייט, ווייט פון דאַנען). איך זעץ זיך אַריבער צום פראַנט־פּלאַץ פון דער מאַשין און מיר רעדן שלומדיק וועגן אונדזער פּויערשן גורל. ער איז בלויז איין יאָר, אַ ווינטער, געגאַנגען אין אַ דאָרפישער שולע און ווייסט נישט, וואו עס געפינט זיך פּוילן. אָבער ער ווייסט, אַז אין רוים „וואוינט" דער פּויפּסט און אַז עס איז גאַנץ ווייט פון קאָרדאָבאַ, זיין פּראָווינץ. זאָג איך אים, אַז פון רוים נעמט נאָך דריי טעג מיט אַ באַן צו מיין לאַנד". „און ביז רוים?" פרעגט ער, — „אַ 10 טעג מיט אַ שיף פון בוענאָס־איירעס".

דער איינדרוק דערפון איז אַזאַ שטאַרקער, אַז ער שוויגט שוין אַ לאַנגע צייט און טראַכט, פּאַסט־אויף ווי אַזוי אויסצומיידן גרויסע שטיינער, וואָס קייקלען זיך אַראָפּ פון אויבן. עס איז נאָך האַלבער נאַכט. קאָנטיק, אַז ער וויל אַ טרונק, ווייל ער פרעגט ביי מיר, צי איך בין דאָרשטיק. איך נעם אַריבער מיין קליינע וואַליזקע, דאָס פלעשל מיט ווישי מינעראַל־וואַסער און אַ גלאָז. איך גיס אים אָן און דערלאַנג אים. „און דו, סעניאָרא?" — איך האָב נאָך אַ פלעשל. צו מיין גרויסער פאַרוואונדערונג, נעמט ער אַרויס זיין גלאָז פון ווייַן, גיסט אַריבער דאָס וואַסער אין זיין גלאָז און גיט מיר

צוריק דאָס ליידיקע, זויבערע גלאָז. איך גיס זיך אַריין אַביסל וואַסער און מיר טרינקען. „סאַלוד", זאָגט פּאַבלאָ זייער ערנסט.

מיר פאָרן שווייגנדיק. קאַנטיק, אַז עס ווערט ביסלעכווייז נידעריקער. עס באַווייזן זיך ביימער, העכערע גראָז און ערטערווייז געפּענטעטע פערד, מיט שטרויענע שאַלאַשן. קאַנטיק, פאַסטעכער לעבן דאָ. אָבער קיין שום ליכט־שיין זעט מען נישט. און — אָ, וואונדער! דער וועג ווערט בעסער, ברייטער, מען דאַרף זיך שוין נישט אָנשפּאַרן אינעם באַרג. און פּלוצלינג הויבט אָן צו בלאָזן אַ פאַרכאַפּנדיק, קאַלטלעך ווינטל — אַזוי שמעקעדיק און היימיש, ווי אייביקע פריש־געשניטענע גראָזן, וואָס ווערן נישט טרוקן, און זיינען נאָך נישט געוואָרן היי. און אין לבנה־שיין זעט מען סעדער מיט פרוכט־ביימער. עס הענגען שווערע גאָלד־געלע מאַנגאָס, באַנאַנאַס, גראַנאַט־עפּל, געפּלאַצטע פון היץ, מיטן בלוטרויטן זאַפט איבער די בלעטער. דער גן־עדן פון דרום! אַ פּראַכטפולע לבנה פאַרגיסט מיט אַ רחבותדיק ליכט דעם גאַנצן אַרום און עס הויבט זיך אָן אַ לעבן איבערן „גן־עדן". מאַלפּעס הוידען זיך ווי שול־קינדער איבער די ביימער, פאַפּוגייען שפּרינגען — ווי ווילדע פּילקעס, פון צווייג צו צווייג. עס איז שוין טאָג ביי זיי. דער דזשאַנגל לעבט און ער איז נישט שרעקעדיק פאַר אונדז מענטשן. איך פרעג פּאַבלאָן, צי עס זיינען דאָ שלאַנגען? — „באַסטאַנטע", זאָגט ער. דאָס הייסט: פאַר ראַן גענוג. און ווי לאַנג דאַרפן מיר נאָך פאָרן? פּאַבלאָ טראַכט ניקשט לאַנג און זאָגט: אַ שעה דריי, ביז סאַנטיאַגאָ".

אַ מאָדנע זאַך: נישט געקוקט אויף דער שווערער, לאַנגער רייזע מיטן שלעכטן וועג, אַ פּשוטע סטעזשקע, וואו אַן אויטאָמאָביל איז אַ פּאַראַדאָקס, איז מיר עפּעס אַ שאָד אויפצוהערן די יאַזדע אונטער גאָלדענע שטערן. אַ געפיל האָט זיך באַזעצט אין האַרצן, אַז דו וועסט עס נאָך אַמאָל אין דיין לעבן נישט זען. און ווען פּאַבלאָ גיט מיך אַ פרעג: „סעניאָרא, ווילסט זיך אָפּרוען אַ האַלבע שעה? דאָ דערביי איז פאַראַן אַ „האַסיענדאַ" (אַ פאַרם), וואו מען קאָן טרינקען פרישע ציגנמילך און עסן הייסע, געפּרעגלטע באַנאַנאַס. זי איז אָפן ביינאַכט". זאָג איך שנעל: „סי, סיוואַמאָס!" לאָמיר גיין! און מיר פאָרן אַביסל אין אַ זייט, אַראָפּ צו אַ לאָנקע, צו אַ פאָר ברוינע געפלאָכטענע שאַלאַשן, שטעלן זיך אָפּ פאַר אַ „פּאַטיאָ" מיט אַ באַלויכטענער ווערענדע, פונוואַנען עס דערהערט זיך אַ מאַנדאָלין און אַ ליד. פּאַבלאָ איז נישט זייער גליקלעך דערפון, אָבער ווען ער פאָרט אַריין אין הויף און דערזעט צוויי יונגע אָפּגעברענטע פּנימער אונטער קאָלירטע טיכלעך, מיט עמערס מילך אין ביידע הענט, גיט ער אַרויס אַ פריילעכן פייף, אויף וועלכן עס קומען צוויי אַלטע מענער, צוויי הינט און אַ אינגל. איך גיי אַרויס פון דעם אויטאָמאָביל און אַלע אויגן באַגעגענען זיך מיטאַמאָל. פּאַבלאָ

זאָגט גאַנץ וואַזשנע: „לאַ סיניאָרא עס אַמעריקאַנאַ“. פון וואַנען ווייסט ער עס, טראַכט איך איבערראַשט? פון דער גרענעץ, זיכער. איך בין דאָך געפאָרן מיט אים פון מענדאָזא, פון דער גרענעץ.

מען זעצט זיך אויס אין פאַטיאָ, מען דערלאַנגט ווייַן אין שיינע לייַמענע טעפּלעך, דערנאָך הייסע געפּרעגלטע באַנאַנאַס און ציגנמילך מיט האָניק. איך קוק אויפן פלוצימדיקן גן־עדן אינמיטן נאַכט, אויף די ברויַנשוואַרצע פּנימער פון די טשילענער באַלעבאַטים, אויפן צופרידענעם פּאַבלאָ, וואָס טאַנצט שוין מיט איינער פון די מיידלעך און בין צופרידן, וואָס יענע צוויי פּאַסאַזשירן זיינען אַרויסגעגאַנגען אונטערוועגס. ווי אַזוי וואָלט איך מיט זיי געקאָנט זיך אָפּשטעלן דאָ און אַריינזאַפּן אין זיך אַזאַ שטיקל יום־טוב אינמיטן דזשאָנגל? איך האָב געזען עטלעכע גאַנץ מאָכנאַטע (לאַנג־האָריקע) ציגן, מיט אַ יונגן „פּשיכאָוועק“, דאָס הייסט, מיט זייער יונגוואַרג, מאָדנע הענער אין פּעדערנע „הויזן“ און גרינע פּאַפּוגייען מיט פּאַוועס. אפילו זיי זיינען נישט געשלאָפן. אַזאַ סומאַטאָכע האָבן מיר דאָ אָנגעמאַכט. אָבער די הויפּטזאַך: פּאַבלאָ איז געווען צופרידן און האָט זיך געבעטן ביי מיר, אַז איך זאָל מיט אים צוריקפאָרן קיין מענדאָזא. איך האָב נישט געקאָנט צוזאָגן, ווייל איך האָב נישט געוואוסט גענוי, ווען איך וועל פאַרענדיקן דעם קליינעם טור: וואָלפּאַראַיסאָ און ווינאַ דעל מאַר, אויסער סעינט יאגאָ. מיר האָבן זיך געזעגנט האַרציק מיט די טשילענער, באַצאָלט פאַר די מאכלים, כאָטש זיי האָבן נישט געוואָלט נעמען קיין געלט פון מיר אין אָנהויב — און זיך צוריק אַריינגעזעצט אין דער מאַשין, נאָכדעם ווי פּאַבלאָ האָט מיטגענומען אַ פּעסל וואַסער מיט זיך, אויף יעדן פאַל, און איך — עטלעכע באַנאַנאַס.

אָנגעקומען זיינען מיר פאַרטאָג אין דער שלאָפנדיקער שטאָט. איך האָב געהאַט אַן אַדרעס פון דעם האָטעל, וואו איך האָב זיך באַדאַרפט אָפּשטעלן. אָבער גרויס איז געווען מיין איבערראַשונג און מיין שלעכטער געוויסן, ווען איך האָב אָנגעטראָפן אין האָטעל צוויי יונגע דאָרטיקע חברים, וועלכע האָבן געוואַרט, מידע און אומגעדולדיקע, אין דעם קאָנטאָר אויף מיר. מיר האָבן זיך באַגריסט. איך האָב זיך שטאַרק אַנטשולדיקט פאַר זיי, פּאַבלאָ אויך, אַלץ געוואָרפן די שולד אויפן וועג און אויפן אויטאָמאָביל. מיר האָבן פאַרשוויגן וועגן דער האסיענדא מיט די באַנאַנאַס און זיך אָפּגערעדט צו טרעפן מאָרגן. עס איז געווען אַ שבת און די צוויי פריינט האָבן נישט געאַרבעט. און אין אָוונט האָט באַדאַרפט פאָרקומען די לעקציע. פּאַבלאָ האָט אויך געדאַרפט קומען און אָנזאָגן, ווען ער פאָרט צוריק און וויפל פּאַסאַזשירן ער וועט האָבן. דעם אמת זאָגנדיק, האָב איך געוואָלט האָבן

אַ בעסערע מאַשין, אָבער איך האָב אים עס נישט געוואָלט זאָגן. מיר זיינען דאָך עפּעס צוויי „פּויערים", מוז מען זיין סאָלידאַריש.

פון די דריי לעקציעס איז געוואָרן אַ גאַנצע וואָך. איך האָב זיך באַפריינדעט מיט עטלעכע גוטע, האַרציקע חברים, צווישן זיי אַ טוער, מאַרגאָליס, אַן אַדוואָקאַט, אַ זייער איבערגעגעבענער פריינט פון בירא־בידזשאַן און עטלעכע חברטעס — אַלץ פון דער יונגער פויליש־רוסישער אימיגראַציע פון נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה. אויסער דעם — דער ליבער חבר פּילאָווסקי, די נשמה פון דער אָרגאַניזאַציע און פון דער אויפבוי־אַרבעט בכלל צווישן פּראָגרעסיווע אידן אין טשילע.

איך מוז זאָגן, אַז דער איבערגאַנג פון אַזאַ גרויסער הויך, ווי די „אַנדן"־בערג, צום ברעג פון פּאַסיפישן אָקעאַן האָבן אַרויסגערופן אַ מין גערודער אין מיין ברוסטקאַסטן. עס האָט געהאַמערט דאָס האַרץ און איינער פון די צוויי חברים, זיצנדיק אומרואיק, איז אַוועק אין אַן אַפּטייק און האָט געבראַכט אַ מין מעדיקאַמענט, וועלכער האָט באַרואיקט דאָס האַמערן פון האַרץ און איך בין איינגעשלאָפן. איך האָב זיך באַקענט מיט די דאָרטיקע פריינט, געהאַט אַ קליינע זיצונג מיט זיי און באַקומען אַביסל אינפאָרמאַציע וועגן דער אָרטיקער אודיטאָריע. אין יענע לענדער און אין יענער צייט — 1935־1936 — איז דאָרט געווען גאַנץ שטאַרק די ציוניסטישע באַוועגונג, אפילו צווישן דער נאָר־וואָס געקומענער אינגערער אימיגראַציע פון פוילן און רומעניע. באַשיצט און באַהיט פון דער פאַרמעגלעכער אידישער סביבה, פון קליינבירגערלעכע און פרומע עלעמענטן, האָט זיך די „באַוועגונג" געפילט ווי אַ דאָמינירנדיקע קראַפט און — ווי אין דרום־אַפריקע און אַרגענטינע — געפירט אַ קאַמף מיט די פּראָגרעסיווע עלעמענטן, וועלכע זיינען געווען סימפּאַטיש געשטימט צו דער אויפבוי־אַרבעט צווישן אידן אין ראַטן־פאַרבאַנד. עס האָט זיך געפאָדערט אַ גרויסער מוט און אַן עקאָנאָמישע געוואַגטקייט, כדי זיך אָפן אַנטקעגנשטעלן אין אַזאַ געזעלשאַפטלעכער אַטמאָספערע.

די לעקציעס האָבן אָבער אַרויסגערופן אַ געוויסן אינטערעס, צוליב דעם פאַקט, וואָס איך בין געווען די ערשטע אידישע פּרוי, וועלכע איז פערזענלעך געווען אויפן ווייטן מזרח — וואָס איז אַ זשורנאַליסטין און מיטאַרבעטערין פון אַן אַמעריקאַנער אידישער צייטונג און וואָס איז צו זיי, די דרום־אַמעריקאַנער אימיגראַנטן, געקומען רעדן וועגן אידישע פּראָבלעמען. עטלעכע אָפּאָנענטן האָבן פאַרזוכט צו מאַכן פון די לעקציעס „פּאָלעמיש־דיסקוסיעס", אָבער איך האָב זיך נישט געלאָזט פּראָוואָצירן (ווי אין ריגע, אין 1932, וואו די „זשאַבאָטינסקי־גרופּע" האָט אָרגאַניזירט אַ געשלעג און גערופן פּאָליציי), נאָר גאַנץ געדולדיק דערקלערט, אַז איך

ווערביר נישט קיין עמיגראַנטן פאַר ביראָבידזשאַן, נאָר רוף צו העלפן דורך מאַשינעריע און טעכנישע מיטלען די דאָרט־באַזעצטע סאָוועטישע אידן. מען האָט אויך איינגעאָרדנט אַ לעקציע אין דעם עלעגאַנטן ים־אָרט „ווינציא דעל מאר", וואו די הויפּט־באַשעפטיקונג פון די זומער־געסט איז „באקאררא" — אַ קאָרטנשפּיל אַזאַ, וואָס ווערט אין די „הויכע" איראָפּייאישע קרייזן אָפּגעשאַצט ווי אַן אַזאַרט־שפּיל, אויף גאַנץ גרויסע סטאַווקעס. דאָס זיינען שוין געווען די זייער פאַרמעגלעכע אַלט־איינגעזעסענע אידישע בירגערלעכע קרייזן. אויף זיי האָבן מיר נישט גערעכנט אַלס צוהערער — נאָר אויף דעם מיטלשטאַנד, וועלכער פלעגט אויך אויף עטלעכע זומערדיקע וואָכן אַריבערפאָרן אין דעם שיינעם, מאָלערישן אָרט, וואָס ליגט אויסגעבעט צווישן בערג און ים. איך האָב זיך דאָרט נישט געפילט היימיש. עס האָבן מיר זייער שטאַרק געפעלט די פאָלקס־מאַסן פון בוענאָס־איירעס. עס איז געווען די סאַמע אינטענסיווע, די לעבעדיקסטע און קולטורעל־אַנטוויקלטסטע אידישע עמיגראַציע, וואָס איך האָב ווען עס איז אָנגעטראָפן ביז יענע טעג. איך האָב נאָך דעמאָלט נישט געזען מעקסיקאָ און קובאַ, וואו די אימיגראַציע איז געווען די סאַמע אינגסטע, פון די 20־ער יאָרן. אויסער דעם איז דאָ געווען אַן אויסגעשפּראָכן באַלעבאַטיש־פרומער עלעמענט. דאָס איינציקפרעמדע, דרויסנדיקע, איז געווען דער „באקאררא" — דאָס פראַנצויזישע קאָרטן־שפּיל פאַר מיר, נאַטירלעך. „זיי", די אייניקלעך פון שלום־עליכמס העלדן, האָבן זיך צוגעפּאַסט...

אָבער דאָס לאַנד איז געווען פאַרכאַפנדיק שיין. וואוהין דאָס אויג איז געפאַלן זיינען געווען די ריזן־בערג, ווי קוליסן פון אַ נאַטור־טעאַטער. און דער גלאַטער וועקסלרייכער אָקעאַן, מיט זיין אייביקן רוישן און געמורמל פון די כוואַליעס, דער לשון פון אייביקייט.

אידישע אַרבעטער האָבן געאַרבעט ביי געוועזענע אַרבעטער, וואָס זיינען געוואָרן באַלעבאַטים „פאַר זיך", ווי מען פלעגט אַמאָל זאָגן אין פוילן און שפּעטער אין בראָנזוויל אין ניו־יאָרק. אַ אידישע צייטונג? — זי פלעגט אָנקומען פון בוענאָס־איירעס: „די פרעסע". אַזעלכע „העלדן" ווי פאַבלאָ, פלעגן זי ברענגען צופירן איבער די „אַנדן", דערנאָך האָט שוין פונקציאָנירט אַ באַן.

דאָס לאַנד גופאָ איז מער פרוכטבאַר, איידער אַרגענטינע. מען זעט נישט די ענדלאָזע „פאמפא", די פרעירי, מיט די פון־דער־זון־פאַרברענטע ווייצנפעלדער, מיט די פון־דורשט־געפאַלענע פערד, אויסגעטריקנטע סקעלעטן. אָבער אַ וואַרעמקייט צו די עטלעכע צענדליק האַרציקע, געטרייע חברים האָט מיך דאָ אָנגעפילט אין די עטלעכע טעג פון אונדזער צוזאַמענזיין און עס האָט זיך נישט געוואָלט צעשיידן מיט זיי. איבעראַל האָט מען איבער־

געלאָזט אַ שטיק היימלאַנד — אַ שטיק וואַרשע, אַ ברעקל ווילנע, אַ חלק אָדעס אָדער בעסאַראַביע. יאָ, דאָס אויך. איך האָב אויך אָנגעטראָפן אַ פּאָר קאַראַאימער פון סימפעראָפּאָל, אָבער זיי זיינען געווען אָפּגעזונדערט פון אונ־דזער גרופּע און האָבן זיך געהאַלטן מיט די שפּאַניש־ריידנדיקע ספרדישע אידן. איך טראַכט, אַז זיי זיינען אפשר געווען פון בוכאַרא, ווייל איך האָב אין 1932 געזען אַזאַ טיפּ יידן אין סאַמאַרקאַנד. זיידן־וועבער, געאַרבעט ביי טעפּיכער שוויגנדיקע, ערנסטע אידן.

רעדנדיק וועגן באַגעגענישן, מוז איך דערמאָנען אַן איבעראַשנדיקן צוזאַמענטרעף, וואָס דער צופאַל האָט מיר פאַרשאַפט אין אַסענסיאָן, פּאַ־ראַגוואַי, וואו איך האָב אויך געהאַט אַ לעקציע אין אַ קליינעם קלוב, צי איז עס אפשר געווען אין אַ פּריוואַטער וואוינונג — איך געדענק שוין נישט. אָבער נאָך דער לעקציע זיינען צו מיר צוגעגאַנגען צוויי יונגע חבר־טעס און האָבן מיר דערמאָנט אַ פריערדיקע באַגעגעניש מיט זיי אין טשער־נאָוויץ, אין 1927, אין קלוב „מאָרגן־רויט", וואו איך בין געווען איין אָוונט אויפן וועג קיין בוקאַרעסט און קאָנסטאַנצאַ, וואו איך האָב גענומען אַ שיף קיין פּאַלעסטינע, דעמאָלט נאָך די בריטישע מאַנדאַט־טעריטאָריע. זיי האָבן זיך מיט מיר באַקענט און האָבן מיר דעם צווייטן פרימאָרגן געבראַכט אַ מתנה אין האָטעל — אַ ווייסע בלוזקע מיט אויסגעהעפטע אַרבל, ביי וועלכע זיי זיינען געזעסן אַ גאַנצע נאַכט און געאַרבעט אויף איר, כדי זי זאָל פאַרטיק זיין צום באַן אינדערפרי. איך האָב זיך דעמאָלט צעוויינט, אַזוי גערירט בין איך געוואָרן פון דעם, וואָס זיי זיינען געזעסן אַ גאַנצע נאַכט און געהעפט. איך האָב זי נאָך, יענע בלוזקע, און זשאַלעווע זי צו באַנוצן. און אָט באַגעגן איך זיי ביידע ווידער אין אַסענסיאָן, פּאַראַגוואַי, אין 1935, עמיגראַנטקעס פון דער פאַשיסטישער רומעניע, ווידער אויף מיינער אַ לעק־ציע. צוויי אידישע, טייערע מיידלעך אויף אַ קולטור־פראָנט, וואָס האָט אונדז אַלעמען פאַראייניקט, מיט גרוסן פון פּוילן און רומעניע, וועלכע איך קאָן זיי איבערגעבן, ווייל איך בין דאָרט געווען מיט געציילטע חדשים צו־ריק — אַ נייע פאַרבינדונג צווישן אונדז. און זיי קומען אויף מאָרגן צום צוג, וואָס פירט מיך אין בוענאָס־איירעס און ברענגען ווידער אַ מתנה: זייער אַרבעט, דאָס מאָל אַ סאַמעטן היטעלע.

זיי זיינען מאָדיסטקעס געוואָרן און זיי ווילן איך זאָל האָבן נאָך אַן אָנ־דענק פון זיי — ביאַנקאַ און קלאַראַ פון טשערנאָוויץ, סאָוועטישע בוקאָווינאַ.

וויפל מאָל האָב איך אין אייז־קאַלטע נעכט אויפן ים אין אַ שיפס־קאַ־בינע, געטראַכט וועגן אַזעלכע באַגעגענישן צווישן מענטשן, וועלכע ווערן אין משך פון אַ שמועס, פון אַ האַנט־דרוק, דיינע ליבלעכע ברידער און שוועס־

טער אויפן גאַנצן לעבן, אָן שבועות, אָן תנאים, פאַרבונדן בלויז דורך גלויבן אין אייך־און־אײנציקן געדאַנק.

איך געדענק גוט יענעם זומער: פּאַראַגוואַי איז געווען אין אַ מלחמה; אין אַ מלחמה, וואָס נעמט אָן אין דרום־אַמעריקע דעם כאַראַקטער פון אַן עפּידעמיע. זי גייט פון איין גרענעץ צו אַ צווייטער. די צוויי יונגע געשטאַלטן זײַנען געווען אַזוי שוואַך און דין אין פאַרגלײַך מיטן הויכן באַרג „טשאַקאָ", צוליב וועלכן פאַראַגוואַי האָט געפירט אַ מלחמה קעגן צוויי אַנדערע לענדער, אַז דער פּאַראַדאָקס פון אַ מלחמה איבערהויפּט האָט זיך צעשלאָגן אינעם פאַרגלײַך מיט אַ מענטשן און זײַנע גוואַלטיקע צילן און דערגרייכונגען אין צײַטן פון שלום, ווען דער מענטש שאַפט, בויט, טראַכט.

אַ מין אַרײַנפיר צו דער רייזע אין דרום־אַמעריקע איז געווען דער אַרײַנפאָר אין האַפן פון ריאָ־דע־זשאַנײַראָ, אין סעפּטעמבער 1935. איך דערמאָן דעם אַרײַנפאָר, ווײַל עס איז געווען מײַן ערשטער טרעפן זיך — אָן שום צוגרייטונגען אָדער טעלעגראַמעס, מיט אידישע האָרעפּאַשניקעס, וועלכע האָבן זיך דערוואוסט פון צײַטונגען, אַז עס קומט פון ניו־יאָרק אַ אידישע זשורנאַליסטין. אויף איר וועג קיין בוענאָס־איירעס וועט זיך די שיף אָפּשטעלן אין ריאָ־דע־זשאַנײַראָ אויף עטלעכע שעה צו נעמען פראַכט און קוילן. האָט זיך דערהערט 7 אַזייגער אינדערפרי אַ קלאַפּ אין מײַן טיר און אויף מײַן פראַגע: „קיען וואַ?" (ווער איז עס?) האָט מען שוין געזאָגט, אויף אידיש, אַז עס וואַרטן אַ פּאָר חברים אונטן, ביים „דאָק" און אַז איך זאָל קומען טרינקען אַ גלאָז גוטע בראַזיליאַנער קאַווע.

עס איז געווען מײַן גרעסטע איבערראַשונג. קיינער האָט נישט געוואוסט (אַזוי האָב איך געמיינט) וועגן מײַן קומען. האָב איך זיך אויף שנעל געזומען אָנטאָן און בין באַלד אַראָפּ פון שיף. דאָרט זײַנען געשטאַנען זיבן אָדער אַכט חברים און חברטעס, האָבן זיך פאָרגעשטעלט און געזאָגט: „מיר זײַנען כאָטינער, פון בעסאַראַביע". און געזאָגט איז געוואָרן מיט אַזאַ שמייכל, מיט אַזאַ שטאָלץ און אין אַזאַ מין אידיש, וואָס לאָזט זיך נישט איבערגעבן אָדער נאָכמאַכן. איך ווייס נאָר, אַז עס האָט געקלונגען, ווי אַ ניגון, ווי מוזיק. און דער שטאָלץ איז געווען פאַר מיר עפּעס אַ נײַע, נאָך נישט אָנגעטראָפענע פּסיכאָלאָגישע אַקצענטירונג. פּוילישע אידן האָבן אַזוי נישט גערעדט, אוקראַאינישע אויך נישט. האָב איך זיך שוין צוגערוקט צו דעם חבר, וואָס האָט עס געזאָגט און איך האָב אָנגעהויבן אים צו „שטודירן", ווי אַ דערפינדונג. דערנאָך האָט ער געזאָגט: ריאָ זעט אויס אַזוי ווי כאָטין, דערפאַר האָבן מיר זיך טאַקע אָט־אָ דאָ באַזעצט. עס דערמאָנט אונדז אין אונדזער שטאָט. בעסאַראַביע איז שיין, זייער שיין"... און ווידער דער שטאָלץ עס בריט אַזש. וואָס זײַנען דאָס פאַר אַ

אידן? אינמיטן העלן טאָג, אין אַ וואָכעדיקן פרייטיק איז מען געקומען 7
אינדערפרי באַגעגענען אַ פרעמדן מענטשן, וועגן וועלכן, ווי איך האָב גע־
מיינט, זיי האָבן גאָרנישט ניט געוואוסט אָדער געהערט.

און אָט גייט מען שוין אין אַ קליינער קאַפע. דער אייזערנער פאָרהאַנג איז נאָך אַראָפּגעלאָזט, עס איז נאָך פאַרשלאָסן. גיט איינער פון די כאַטינער זיך אַ לאָז צו דער ערד, גיט אַ הויב־אויף די אייערנע שווערע זשאַלוזיע און זאָגט אַריין הילכיק און זאַפטיק: „קאַפע פאַר אַלעמען. און בולקעלעך". נו, מער דאַרף מען נישט. עס איז געקומען אַ מין שמעקעדיקער נחת, מיט זיסע געדיכטע שמאַנט, טאַקע מיט בייגעלעך און בולקעלעך, אַז טרערן האָבן זיך געשטעלט אין די אויגן פון בענקשאַפט — ביי זיי נאָך כאַטין, ביי מיר — נאָך וואַרשע. און מיר האָבן זיך פאַרזאַמלט אַרום אַ טיש, מיט אָפענע טירן און פענצטער, מיט פאַרבייגייער, וואָס האָבן אַריינגעקוקט אינעם קאַפע, מיט אַ פעטער באַלעבאָסטע, וואָס האָט געהאַלטן אין איין שיקן נייע טראַנספּאָרטן בולקעלעך און קאַראַפקעס מיט קאַווע, מיט טענות צו מיר, הלמאַי מען האָט נישט געלאָזט זיי וויסן, אַז איך קום, וואָלטן זיי איינגעאָרדנט לעקציעס אין סאַאָ פּאַאָלאָ און אין ריאָ און אפילו אין באַיאַ בלאַנקאַ אָדער פערנאַמבוקאָ. זיי וועלן שיקן אַ פּראָטעסט צום אַרגענטינער „פראָקאָר" פאַר אויסבאַהאַלטן מיין קומען, פאַר נישט לאָזן זיי וויסן, און בכלל — פאַר דער נישט סאָלידאַרישקייט מיטן שכן: „מיר, בעסאַראַבער, וואָלטן אַזוי נישט געהאַנדלט". איך האָב זיך געפילט שולדיק, צוגעזאָגט ביים צוריקוועג זיך אָפּשטעלן ביי זיי אין שטאָט און מיר האָבן געמאַכט פּלענער, ווי אַזוי צו פאַרברענגען דעם טאָג.

די שיף איז געשטאַנען אַ גאַנצן טאָג און מיר האָבן געהאַט צייט ביזן אָוונט, ווייל זיי, די טייערע כאַטינער, האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו גיין צו דער אַרבעט. איך בין ממש געווען אָן לשון. אַזאַ אויפנאַמע! אַזאַ חברשאַפט, אַזאַ באַציאונג! מיר זיינען אַוועקגעפאָרן אין הומבאָלדט פּאַרק, אַ מין באַטאַנישע אויסשטעלונג פון אָן ערך 100 מינים אָרכידעען („אָרקידס"), און אַלע בליענדיקע, נאָר־וואָס־געעפנטע, ווי אויף אַ באַשטעלונג. מיר האָבן אויך געזען די הויפּט־געביידעס פון דער שטאָט ריאָ, זיך געטראָפן מיט אַ חבר פון סאַאָ פּאַאָלאָ, באַזוכט די באַוואוסטע קאַווע־פּלאַנטאַציע, די גרעסטע אין דער וועלט, און האָבן זיך אומגעקערט אין הויז פון די פרימאָרגנדיקע פריינט, די כאַטינער, כדי דאָרט צו עסן, איידער איך קער זיך אום צו מיין שיף, אויפן וועג קיין בוענאָס־איירעס.

עס איז געווען אַ האַרציקער אומפאַרגעסלעכער אָוונט מיט מענטשן, וועלכע זיינען דיר נעכטן נאָך געווען נישט באַקאַנט און היינט געוואָרן אייגענע, כאַטינער.

די שיף וואַרט. נאָך אַ שיף פאַר מיר. וויפל שיפן האָבן מיך שוין אָוועקגעפירט צו פרעמדע ברעגן און צו מענטשן, וועלכע זיינען געוואָרן גאָענט און טייער, אַזוי ווי איך וואָלט זיי געקאָנט יאָרנלאַנג. מען ווינקט. איך בין די איינציקע, וועלכע ווערט באַגלייט אין האַפן פון ריאָ — און עטלעכע אַמעריקאַנער מיידלעך, קאַבאַרעט־טענצערינס, אַנגעשטעלט פאַרן זומער אין אַ טעאַטער פון בוענאָס־איירעס, זיינען דערשטוינט און פרעגן זיך נאָך ביי מיר: „דיינע קרובים?״, און איך זאָג: „יאָ״, אַזוי שנעל און נאַטירלעך, אַז איך וואונדער זיך אַליין.

איך דערמאָן זיך אָן אַנדער אַוועקפאָרן — פון קעיפּטאַון, דרום־אַפריקע, אין 1933, וואו עס איז געקומען אַ גאַר גרויסער עולם זיך געזעגענען אין וואו איך האָב פאַרבראַכט אַריבער 8 חדשים. גאָר אַן אַנדער ישוב, אַנדערע אידן־עמיגראַנטן: ליטווישע און אַביטל פּוילישע, אָבער אויך מיט אַ וועג צו זייערע הערצער, וועלכע האָבן געקלאַפּט אין אַ טעמפּאָ פון צייט און טראַדיציע.

קיינמאָל פילט זיך דער מענטש נישט אַזוי דערהויבן און געטרייסט — אַן איינזאַמער מענטש — ווי בעת ער פירט דורך אַ געזעלשאַפטלעכע אַר־בעט, וואָס ברענגט אים צונויף מיט זיין קלאַס, מיט זיין סביבה, מיט זיין פאָלק. נאָר דעמאָלט דערזעט ער דעם זין פון זיין לעבן. און אַלע שווער־קייטן פון דער אַרבעט פאַלן אַראָפּ, ווי אַ בגד פון גוף. און כאָטש עס האָט געוואַרט אויף מיר אַ גאַר גרויסע און אַנגעשטרענגטע אַרבעט באַלד נאָכן אָפּשטעלן זיך פון דער שיף אין אַרגענטינע, האָט זיך דאָך געוואָלט אויס־רופן מיט גאָרקיס שטורעם־פויגל: „זאָל גיכער קומען דער שטורעם! מירן זיך פאַרמעסטן און קעמפן קעגן אים!״

איך פלעג אָפּנעמען גרוסן מיט יאָרן שפּעטער פון די פריינט אין בראַ־זיל, אין אַרגענטינע, אין אורוגוואַי און טשילי. איך האָב עטלעכע פון זיי געטראָפן אין שפּאַניע, צווישן זיי דעם דיקטער פּאַבלאָ נערודא און ראַפאַעל אַלבערטי, דעם דאָקטאָר בערמאַן פון קאָרדאָבאַ, אַרגענטינע, און נאָך אַנ־דערע. איך רוף נישט אָן קיין נעמען, ווייל איך ווייס נישט, אין צוזאַמענ־האַנג מיט דעם זיך־בייטנדיקן פּאָליטישן קלימאַט אין יענע לענדער, צי איך זאָל עס טאָן. אָבער די באַגעגענישן פון יענער פאַרכאַפּנדיקער עפּאָכע האָבן איבערגעלאָזן אַ טיפן אָפּטימיסטישן איינדרוק און די בולטע איבער־צייגונג, אַז איבעראַל קאָן מען געפינען אַ לשון און אַ פאַרשטענדיקונג אויפן הומאַניטאַרן, עטישן געביט.

אַ קורצע צייט בין איך געווען אין מאָנטעווידעאָ, אורוגוואַי, וואָס איז געווען צענדליקער יאָרן נאָכאַנאַנד די איינציקע דעמאָקראַטישע רעפּובליק אין דרום־אַמעריקע, מיט אַן אַנטוויקלטער אַרבעטער־באַוועגונג, מיט אַ ראַ־

דיקאַן לינקל פליגל און מיט אַ פּראָגרעסיווער אידישער צייטונג „אונזער וועג“. דאָרט האָט זיך טאַקע אָפּגעשטעלט מיין שיף און עס איז ווידער געווען אַ באַגעגעניש — האַרציק און פריידיק. עס איז בלויז איין נאַכט מיט דער שיף צום פּאָרט פון בוענאָס־איירעס, וואו דער ברייטער ריזן־טייך, לא פּלאַטא, ווערט כמעט אַליין ברייט ווי דער ים. עס האָט זיך מיר זייער געוואָלט פאָרן צום דרום פון אַרגענטינע, אין ריוואדאוויא (אין פּאַטאַגאָניא), וואו די דייטשן האָבן געהאַט זייער פאַקטישע קאָלאָניע, קוילן־גרובן און אויל־קוואַלן; קאָנצעסיעס, אין וועלכע זיי האָבן זיך אָנגעהאַלטן מיט ציין און נעגל און פון וואַנען עס איז געגאַנגען אַ נאַצי־פּראָפּאַגאַנדע איבער גאַנץ דרום־אַמעריקע אין יענע יאָרן. אָבער, ווי איך האָב שוין דערמאָנט פריער, האָט אָנגעהויבן צו טראָגן זיך אַ רעאַקציאָנערער ווינט און עס איז שוין געווען אוממעגלעך צו האַלטן לעקציעס וועגן מזרח־איראָפּיאישע פּראָבלעמען. עס האָט זיך נאָך איינגעגעבן אַוועקצושיקן אַ דעלעגאַציע פון 5 „פּראָקאָר“־מיטגלידער קיין ביראָבידזשאַן — די איינציקע פון אויסלאַנד אין יענע צייטן — און מיר האָבן זיך געזעגנט, סיי מיט די קאָלאָניסטן פון מאָזעסוויל, סיי מיט די קליינע שטעטלעך אַרום זיי, וואו מען האָט געקאָנט אָנטרעפן אַזאַ דערשיינונג: עס האָט געדאַרפט פאָרקומען מיינע אַ לעקציע אין סאַנטא קלאַראַ, האָט מען אויפגעקלעפּט אַן אַנאָנס אין אידיש וועגן דעם. און אונטערן אַנאָנס איז געווען אַ בלעטל אויף שפּאַניש מיט אַ רוף: „מוערטע אַ לאָס כודיאָס“ (אַ טויט די אידן). דאָס האָבן שוין די דאָרטיקע נאַציס געגרייט דעם באָדן פאַרן פאַשיסטישן איבערגאַנג און פאַר פּעראָנען. איך האָב אפילו שוין געשפּירט דעם טעם דערפון אויף דער שיף גופא פון ניו־יאָרק אָן.

עס איז געפאָרן אַ גרופּע אַטלעטן־באָקסערס, פּאָליאַקן, האָבן זיי זיך דערוואוסט דורכן „פּוירסער“ (קאַסירער אויף דער שיף), אַז איך בין פון פּוילן. ער האָט געהאַט אונדזערע פּאַספּאָרטן און האָט געוואוסט די נעמען פון די פּאַסאַזשירן. האָבן זיי די גאַנצע צייט גערעדט צווישן זיך פּויליש און געזוכט מיך צו פּראָוואָצירן. אָבער אַזוי ווי עס איז געווען אַן אַמעריקאַנער שיף, האָב איך גערעדט מיט אַלעמען ענגליש און זיי איגנאָרירט, ביז עס איז געקומען אַמאָל צו אַ סקאַנדאַל, ווען זיי האָבן געהערט מיינעם אַ רעקאָרד אין מיין קאַבינע, אַ רוסישע ליד, און האָבן שוין געמאַכט אַן אָפענע דראָאונג. בין איך אַוועק צו זייער פירער און האָב אים געזאָגט, אַז ביים לאַנדן אין האַפן וועל איך הייסן זיי אַרעסטירן פאַר פאַשיסטן־דראָאונגען צו אַן אַמעריקאַנער בירגער. האָט ער זיך אַנטשולדיקט פאַר מיר און זיי זיינען געוואָרן שטיל.

איך האָב אים געזאָגט, אַז איך בין אַ אידישע זשורנאַליסטין, איך פאַר־

טרעט אַ ניו־יאָרקער צייטונג און אַז ביים ערשטן אינטערוויו מייַנעם ביים לאַנדן וועל איך פאָדערן אַ באָיקאָט אויף אַלע זייערע ספּאָרט־פּאַרמעסטן. דער „פאַן" איז געוואָרן רויט און בלאַס און האָט זיך נאָכאַמאָל אָנטשולדיקט. פון דעמאָלט אָן האָט די באַנדע זיך נישט געלאָזט אפילו זען אויף מיין שיפס־דעק. זיי זיינען נעלם געוואָרן און עס איז געוואָרן רואיק.

נאָך אַ באַפרידיקונג האָב איך געהאַט בעת מיין זיין אין בוענאָס־איירעס. אין גרויסן טעאַטער „ראַיאַל" פלעגן קומען אין אָנהויב באַלעבאַטישע אידן מיך הערן. האָט מיך איין מאָל די באַלעבאָסטע פון מיין האָטעל געבעטן אַרויפגיין אויפן דאַך פון האָטעל, וואו עס איז געווען די קיך און האָט מיר אָנגעוויזן אויף 2 וויסגוואַרדייצעס, וועלכע האָבן געפליקט אַ הון און געוואַשן די טעפּ נאָכן עסן. „פּאַלקאָווניקעס זיינען זיי געווען בעתן צאַר און היינט פליקן זיי ביי מיר הינער, ביי מיר, שרה לאה, די אלמנה", האָט זי זיך געוועגדט צו מיר. דער פּאָליטישער סינטעז איז געווען נישט שלעכט. מיר ביידע זיינען געווען צופרידן. אָבער איך בין אַראָפּ פון דאַך צוריק אין מיין צימער. „פאַרוואָס נעמט איר נישט אַ היגן קיך־העלפער ?" — האָב איך איר געפרעגט. „איר מוזט האָבן אַ פּריץ ?"

— יאָ, איך מוז, — האָט זי מיר געענטפערט, — איך בין געלאָפן פון פּעטליורען אַהער, מוז איך".

איך געדענק אַמאָל אַ רייזע איבער אַ זאַמדיקן דאָרפישן וועג מיט אַ פורל, ווען איך האָב געמוזט פאָרן פון איין דאָרף אין אַ צווייטן און קיין אויטאָמאָביל איז נישט געווען. אונדזער אָרעמע קליאַטשע האָט זיך קוים געשלעפּט איבערן וועג, און סיי זי, סיי מיר זיינען געווען דאָרשטיק און הייס. האָב איך דערזען אַ פּויער ביי אַן אַקער, אויך מיט אַזאַ מאָגערער שקאַפּע, ווי אונדזערע, און מיט אַן אַלטן אויסגעדאַרטן פאַרשוואַרצטן פּנים, וואו די יאָרן און די נויט האָבן אָנגעמאַכט אַ חורבן. איך האָב געבעטן זיך אָפּשטעלן און בין אַרויסגעגאַנגען פון דעם צוויי־רעדערדיקן וואָגן און זיך באַגריסט מיט אים. מען האָט מיר געזאָגט, אַז דאָ אַרבעטן אַ סך אַלט־איינגעוואָנדערטע רוסישע און אוקראַינישע פּויערים. און באַמערקנדיק זיין בלויאויגיקן סלאַוויאַנישן פּנים, בין איך צוגעגאַנגען צו אים מיט דעם אוראַלטן: „באָג נאַ פּאָמאָטש". ער האָט פאַרדעקט די אויגן פון דער זון מיט דער דלאָניע. זיין פּנים האָט זיך צעהעלט, ווי זונטיק אין אַ קלויסטער, און ער האָט געענטפערט: „נאַ פּאָמאָטש !" (גאָט צו הילף).

ווייזט אויס, ער איז טאַקע געווען אַן אוקראַינער, אָן אַ צאָן אין מויל, אין אַ לייוונטענער סוויטקע מיט אַ קאָלירטן אוקראַינישן גאַרטל איבער די לענדן — אַ „באַטראַק" (ערד־אַרבעטער) ביים פּריץ.

שוין 50 יאָר געווען דאָ אין לאַנד. דורך אַ טעות געקומען צוזאַמען מיט

אַ גרופּע אידן אין באַראָן הירשס קאָלאָניעס פון אַרום אָדעס און מען האָט אים נישט געטשעפּעט, כל־זמן ער האָט אָפּגעאַרבעט פאַר זיין שיפסקאַרטע בעת די ערשטע פאַר יאָר אויף אַ קאָלאָניע.

דאָס האָט ער מיר דערציילט אויף אוקראַאיניש, בעת מיר זיינען אַריין אין זיין דערבייאיקן שטרויענעם שאַלאַש, וואָס איז טיף־איינגעגראָבן אין דער ערד צוליב דער היץ צו נעמען אַ טרונק וואַסער פון אַ ליימענעם קריגל. אָבער ווי גרויס איז געווען מיין דערשטוינונג און איבערראַשונג, ווען איך האָב דערזען אויף דער וואַנט אַ קליין בילדל פון טאַראַס שעווטשענקאָ אין דער גרויס פון אַ פּאָסטקאַרטל, איינגעראָמלט אין פיר שטיקלעך האָלץ, קאָנ־טיק, זיין אייגענע אַרבעט. „יעשטשאָ איז ראָססיאי פּריוויאָ״ — האָט ער מיר געזאָגט שטיל, ווי אַ סוד (נאָך פון רוסלאַנד געבראַכט). עס איז געווען נאָך פאַר דער מלחמה מיטן „יאַפּאָניעץ״, דאָס הייסט, פאַר 1904.

איך בין געשטאַנען ווי אָן לשון, גערירט פון דער מערקווירדיקער באַ־געגעניש אינמיטן פון צעברענטן אַרגענטינישן פעלד, אַ באַגעגעניש מיט אַן אָרעמען געוועזענעם צאַרישן באַטראַק, וואָס אַרבעט נאָך אַלץ אויפן פעלד ביי אַן אַרגענטינער „עסטאַנסיערא״, פאַר 6 פּעזעטאַס אַ וואָך און פרעגט זיך און נישט, ווי ער, וואָס איז „אַנטלאָפן פון דער סלוזשבע?״

— האָסט אַ משפּחה, פּעטערל? — פרעג איך.

— ווי אַזוי קאָן איך, אַ ביטערער אָרעמאַן, „סיראָטאַ יאַ״? — ענט־פערט ער מיר, גלעטנדיק אַ הונט, וואָס איז אַרויס פון דעם שאַלאַש. און אַ טיפער וויטאָק האָט אַ שטאָך געטאָן פון די ווערטער, אַז איך האָב אָנ־געכאַפּט זיין האַנט און זי געגלעט, ווי ער דעם הונט.

איך האָב אים דערציילט, אַז איך קום פון דאָרטן, פון קיעוו און כאַר־קאָוו און אָדעס, און אַז איך וועל אים שיקן פון בוענאָס־איירעס אָן אוקראַ־נישע צייטונג, וואָס זיי באַקומען פון קאַנאַדע. ער האָט זיך דערפרייט, ווי אַ קינד, געזאָגט, אַז זונטיק טרעפט ער זיך מיט לאַנדסלייט אין אַ דערביי־איקן שטעטל, וועלן זיי צוזאַמען לייענען. איך האָב געזאָגט, אַז עס וועט נאָך געדויערן אַ געוויסע צייט, ביז מען וועט זי באַקומען, אָבער ער זאָל האָבן געדולד און דערווייל וועל איך אים שיקן אַ צייטונג פון קאָרדאָבאַ, אַ גרעסערע שטאָט אין אַרגענטינע, וואו עס זיינען אויך פאַראַן אַלטע אימי־גראַנטן, פעלד־אַרבעטער.

ער האָט מיר דערציילט נאָך אַ סוד. מען פרעגט אים, טאָקע אַרגענטי־נער פעלד־סטראַזשניקעס, וואָס רייטן אַמאָל פאַרביי זיין שאַלאַש און קוקן אַריין אינעווייניק, ווער עס איז אָט־דער מאַן אויפן בילד אין אַ שוואַרצער פּאַפּאַכע און אין אַ שינעל? זאָגט ער זיי: „מיינער אַ זון, אַ סאָלדאַט!״ האָבן זיי דרך־ארץ פאַר אים. איך האָב געזען דעם גרויסן שטאָלץ, וואָס ס׳האָט

אַרויסגעקוקט פון זיינע אַלטע וואַסערדיקע בלויע אויגן ביים דערציילן דעם קליינעם אומשולדיקן ליגן, און איך האָב אים געזאָגט: „קאָנסט זיין שטאָלץ מיט דיין זון; מען טראָגט אים דאָרטן אויף די הענט, אין דיין אַלטער היים. עס זיינען פאַראַן קאָלכאָזן אויף זיין נאָמען און שטאָטישע לערנאַנשטאַלטן״. איך האָב אים געזאָגט, אַז איך וועל דאָ זיין די גאַנצע וואָך. ער האָט צוגעזאָגט צו קומען זונטיק אין נאָענטסטן שטעטל, אין אידישן קלוב, וואו ער גייט אַמאָל אַריין לייענען אַ רוסישע צייטונג, און מיר האָבן זיך געזעגנט.

דער חבר, וועלכער איז מיט מיר אַרומגעפאָרן, האָט ביי מיר געפרעגט, צי איך שטעל זיך אָפּ אונטערוועגנס בעת מיינע וואַנדערונגען. אַודאי טו איך דאָס, האָב איך אים געענטפערט. וואָרום וואו נאָך קאָן איך זיך באַקענען מיטן פאָלק, אויב נישט אין פעלד? בפרט נאָך, אַז דער פאַרמיטלער צווישן אונדז איז טאַראַס שעווטשענקאָ.

איך טראַכט וועגן דעם גרעסטן אוצר אויף וועלכן עס קוקן אַרויס די אַרגענטינער ווייץ־אַרבעטער: וואַסער! בלויז דער פריץ האָט וואַסער, אַ ברונעם; דער אָרעמאַן וואַרט אויפן רעגן און זאַמלט וואַסער, ווי אַמאָל אין ירושלים, אין ציסטערנעס. וואָס ווייסט דער אַלטער פעדאָר פון סאנטא פע וועגן איריגאַציע אין טורקעסטאַן, וועגן שליוזן אין פערגאַנאַ, וועגן קאָנסערווירן שניי דאָרטן, וואו עס איז ווייט פון אַ טייך. טויזנטער העקטאַרן לאַנד זיינען באַאַרבעט מיט ווייץ און מיט קוקורוזע און אין פרט פון וואַסער פאַרלאָזט מען זיך אין דער פאַמפאַ אויף גאָט! בעת די שרעקלעכע זומערדיקע טריקענישן פאַלן פון דורשט בהמות און פערד.

איך וועל נישט פאַרגעסן אַ רייזע מיט אַ שיף אין דער פראָווינץ סאַנטאַ פע, וואו איך האָב ביים ליכטיקסטן קלאָרן שיין פון דער לבנה געזען אויסגעטריקנטע פין דער זון סקעלעטן פון געפאַלענע פערד מיט די מאָרדעס טיף פאַרגראָבן אין דער ערד, ווי זוכנדיק דאָרטן אַ פייכטן גרעזעלע אָדער אַ טראָפּן טוי, איידער זיי האָבן אויסגעהירזשעט זייער טויט־רוף. די פאַמפאַ, וואו דער אידישער קאָלאָניסט האָט אין קאַמף קעגן היישעריקן פאַרקויפט זיין לעצטע קישן פאַר אַביסל גאַזאָלין כדי צו פאַרברענען די קופעס יונגע, נאָר וואָס אויסגעשיילטע היישעריקן, וואָס האָבן נאָך נישט געהאַט קיין פליגלען צו פליען און וואָס האָבן באַדעקט די ערד און די הייזער מיט זייערע קריכנדיקע גופים, אויפפרעסנדיק אַלץ — פון ביימער און פלאַנצן ביז פאָרהענגלעך אין די שטיבער. וואָס ווייסט די וועלט פון היישעריקן־פאַרניכטונג דורך עראָפלאַנען אין סאָוועטישן אוזבעקיסטאַן אין צענטראַל־אַזיע, איידער מען האָט דורך איריגאַציע פאַרוואַנדלט מדבר אין ווייץ־פעלדער און סעדער?

ווי טיף איז די בענקשאַפט נאָך ערד און שלומדיקער אַרבעט ביי די

אינדיאַס פון צענטראַל־אַמעריקע! אָט פאָרט אַ יונגער אַרגענטינער טוער אַרויס אין דזשאָנגל, כדי צו האָבן אַ שמועס מיט די איינוואוינער פון אור־וואַלד אין דרום־אַרגענטינע. ער דערציילט זיי פון אַ ווייט, ווייט לאַנד, וואו עס האָט געהערשט שקלאַפעריי און ערדלאָזיקייט און קראַנקהייטן. איז פאָר־געקומען דאָרט אַן איבערקערעניש — עס איז געקומען אַ פאָלקס־רעגירונג — און דער פויער האָט באַקומען ערד, דער שטאָט־מענטש אַרבעט, און ס'זייַנען אויפגעבויט שולן און שפיטאָלן. האָבן די אַלטע אינדיאַנער, אַרויסגענו־מען די לולקעס פון מויל און געשלונגען די ווערטער. עס האָבן געלויכטן די פייערן פון די שייטערס, כדי אָפּצושרעקן די דזשאָנגל־חיות. דערנאָך האָבן די פאַרגאַפטע אַלטע אורוואַלד־מענטשן גענומען אַראָפּנעמען פון זיך און פון זייערע פרויען די קופּערנע און זילבערנע האַלדז־און פוס־רינגען, צונויפגעקליבן אין אַ טיכל און געבעטן דעם רעדנער פאָרן דערמיט אין שטאָט, אין בוענאָס־אײַרעס און קויפן אַ בילעט מיט אַ שיף צו פאָרן אין יענעם לאַנד און זיך נאָכפרעגן, ווי אַזוי קאָנען זיי, די מענטשן פו דזשאָנגל, אויך באַקומען ערד דאָ אין אַרגענטינע, פאַר זיך, כדי צו האָבן אייגענע ברויט.

דעם רעדנער האָבן געוואָרגן טרערן ביי אָט־דער פראַגע.

איז עס דען אַ וואונדער, אַז אַזוי טראַכטן מענטשן אין גאַנאַ, עטיאָפּיע, טאַילאַנד, ווענעצועלאַ און בורמאַ? אַז אַזוי האָט געטראַכט פעדאָר, וואָס איז אַוועק מיט אַ גרופּע אידן דורך אַן אַגענט פון באַראָן הירש, על־פּי טעות, אַזש קיין סאַנטאַ־פע, אין דער ברענענדיקער פּאַמפּאַ?

אַ פאַרכאַפּנדיקע נייע ערד־הונגעריקע וועלט האָט זיך געעפנט פאַר מיינע אויגן אין דעם גרויסן דרומדיקן קאָנטינענט. דער קאָנטראַסט צווישן דער אָרעמקייט און אָפּגעלאָזנקייט פון די פויערים און דעם וואוילשטאַנד פון די שטאָט־מענטשן, מיט דעם לוקסוס פון די געוועלבער און די רחבות'דיקע סקלאַדעס און מערק מיט עסנוואַרג און פרוכט און בעקערייען, די אייז־שרענק פון די אַמעריקאַנער פלייש־פירמעס („סוויפט״, „ווילסאָן״ און „אַרטור״), וואו עס האָבן געאַרבעט טויזנטער אַרגענטינער; די אַגענטן פון אויסלענדישע ווייץ־פירמעס, וועלכע פלעגן אַרומפאָרן איבער די ריזן־גיטער און אויפקויפן מיליאָנען טאָנען ווייץ און היי, לויט זייער אייגענעם ברוטאַלן פּרייז־קאָדעקס, וואָס פלעגט פאַרבראַקירן לויט זייער אייגענעם קאַפּריז די בעסטע סאָרטן ווייץ ביי די אָרעמע פויערים און צווינגען זיי צו נעמען זייער נידעריקן פּרייז, אָדער לאָזן די ווייץ אויפן פעלד; די צענדליקער אופנים פון עקספּלואַטאַ־ציע און רויב, די הילפלאָזיקייט און פאַרצווייפלונג פון די פאַרמערס, די אַפּוועזנקייט פון יעדן שוץ אָדער יוניאָן (ווייניקסטנס אין יענע יאָרן) — דאָס אַלץ האָט, ווי אַ בלייענער וואָלקן זיך געלייגט אויף די זוניקע וועגן

פון מיינע וואַנדערונגען און מיך אַנגעפילט מיט אַ כמעט פערזענלעכן ווייטאָק.

די אַרעמשאַפט פון פאָלק איז געווען, ווי ביי די זולו־נעגערס אין דרום־אַפ־ריקע. און אפילו די איינלאַדונגען זונטיק אין אַ דערפל וואו אַרגענטינער און אידישע חברים האָבן ביי אַ גלעזל אייגענע ווײַן און ביי שייטערס מיט שעפ־סענע געבראַטנס געזונגען לידער און געטאַנצט דעם „טאַנגאָ" מיט דער אומ־פאַרמיידלעכער גיטאַרע אויף די קני — אפילו אַזאַ שטיקל יום־טוב איז נישט געווען בכוח צו פאַרטרייבן פון מיר דעם אומעט און דעם באַוואוסטזיין פון אָנמעכטיקער הילפלאָזיקייט פון דער „פאַמפאַ". אפילו דער געוואונענער סטרייק פון די בוענאָס־איירעסער בוי־אַרבעטער קעגן די בריטישע קאָנצע־סיאָנערן האָט נישט געקאָנט געבן אַ שטיקל טרייסט. אַזוי ווייט איז דאָס דאָרף געווען פון וועלכן עס איז קאַמף פאַר אַ בעסערן מאָרגן. און ווען איך האָב מיט צוויי יאָר שפּעטער אָנגעטראָפן אין שפּאַניע אַרגענטינער קעמ־פער „גערילעראָס ראָכאָס" (רויטע פּאַרטיזאַנען), העלדן פון די „עבראָ"־שלאַכטן און פון „עסטרעמאַדורא", איז מיר קלאָר געוואָרן דער טיפער זין פון דעם אַלטן פוילישן רעוואָלוציאָנערן לאָזונג: „פאַר אייער און אונדזער פרייהייט", וואָס מיצקיעוויטש האָט אויסגעקריצט אויף די קעמפערישע פע־נער פון זיינע אַנטי־צאַרישע לעגיאָנען. יענער לאָזונג איז אויפגעלעבט גע־וואָרן אין שפּאַניע דורך דער 13טער פוילישער בריגאַדע, וועלכע האָט אין דעצעמבער, 1937, צוזאַמען מיט דער „איברעהעם לינקאָלן־בריגאַדע" גע־שטורעמט און פאַרנומען די אַלטע שטאַרקע פעסטונג „טערועל" — „פאַר אייער און אונדזער פרייהייט!"

דער לאַטיין־אַמעריקאַנער איז אַזוי גוואַלטיק אַנדערש פון זיין צפון־דיקן שכן. דער גאַנצער אַרום אָטעמט מיט אוממיטלבאַרקייט, פרימיטיוו־קייט, מיט אַזאַ נישט־קאָמערציעלן גייסט, מיט אַזאַ גרויסהאַרציקייט און טעמ־פעראַמענט, אַז עס איז מיר געווען שווער אַוועקצופאָרן פון דעם לאַנד, פון די מענטשן און פון דער יונגער יידישער פּראָגרעסיווער געזעלשאַפטלעכ־קייט. עס איז פאַרבליבן אַזאַ שטאַרקע פאַרברידערונג, אַזאַ אימפּולס צו פאַרזעצן די פאַרבינדונג, אַז איך האָב, נאָכן אָנקומען אין ניו־יאָרק, אין יוני, 1936, מיט פרייד אָנגענומען אַן איינלאַדונג פון דער פּראָגרעסיווער יידישער גרופּע אין מעקסיקאָ און בין מיט אַ שיף אַוועק איבער האַוואַנאַ, קובאַ, אַהין צו דעם קלענסטן יידישן ישוב און צו דעם יינגסטן: די אימיגראַציע קיין מעקסיקאָ האָט דאַטירט פון נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה, 1918, און איז געווען אַ פּויליש־יידישע אין איר גרויסן טייל, כאָטש אינגאַנצן זיינען עס דעמאָלט געווען קוים עטלעכע טויזנט יידן.

עס איז שטענדיק ניי די איבערלעבונג בעת מען זעט וואַרשעווער און לאָדזשער יידן אין אַ פרעמדער סביבה, אַרום פרעמדע „עקזאָטישע" מענטשן

און פרעמדע אומגעווינלעכע פאר אונדזערע אויגן פלאנצן און פאנאראמאס.
ווען מען הערט ווי זיי רעדן שפאניש מיט די ארטיקע אינוואוינער און ווי זייערע קליינע קינדער בייטן דאס ווארט „מאמעשי" אויף „מאמיטא".

מיט ליבשאפט און עקשנות האט דער אין מעקסיקא איינגעוואנדערטער ייד פון „פאוויע" גאס און פון זשעלאזנא גאס געבויט זיין קלוב, זיין דראמאטישע סעקציע און זיין כאר אויף מאמע־לשון און געהאט א יידישע צייטונג, א יידישע דרוקעריי, ארויסגעגעבן יידישע ביכער — און דאס אלץ אין א קורצער צייט.

און ווי אין אלע יידישע אימיגראנטישע ישובים, זיינען אויך אין מעקסיקא געווען פארטראטן אלע געזעלשאפטלעכע ריכטונגען, אזוי אז די פאליטישע אטמאספערע בעת א לעקציע אין 1936 איז געווען געדיכט און געפערלעך, ווי אין א זשענעווער אדער בערנער קאלאניע אין 1905. נישט מער: עס זיינען דארטן נישט געווען אזעלכע וואגיקע און געניטע טעארעטיקער, ווי די בארימטע פאליטישע עמיגראנטן אין די שווייצארישע שטעט, אין אנהויב פון 20טן יארהונדערט.

ווי איך האב שוין פרידער דערמאנט, איז עס געווען א יונגע יידישע און ליטווישע אימיגראציע — אנטלאפענע פון דעם מיליטערישן טעראר, פון דעם אנטיסעמיטיזם, פון דער „ליקווידאציע" נאך דער ערשטער וועלט־מלחמה, נאך די הונגעריקע יארן פון דער דייטשער אקופאציע 1914־1918. אויסער דעם איז דא געווען א געוויסער טייל פון גראטעטעוועטע בחורים, וועלכע האבן איבערגעלעבט אויף די אזוי־גערופענע „קרעסן" (לענגאויס דער סאוועטישער מזרח־גרענעץ) דעם קורצן ארײנמארש פון דער סאוועטישער ארמיי אין 1920 און זיינען ברוטאל פארפאלגט געווארן פון גענעראל זשעליגאווסקי אין די ווייסרוסישע פארכאפטע וועלדער, די אזוי־גערופענע „קורזאן־ליניע", וועלכע איז געבליבן ביי פוילן ביזן זיג פון דער רויטער ארמיי איבער היטלערן, אין 1944.

עס איז געווען א גאר אנדערע יידישע אימיגראציע, אנדערש, ווי אין צפון־אמעריקע, אנדערש, ווי אין ענגלאנד און אביסל אנדערש ווי אין ארגענטינע און בראזיל. די סאציאלע טענדענץ ביי די יינגערע עלעמענטן איז געווען, ווי אין ניו־יארק און שיקאגא: צו לערנען זיך, צו האבן א פראפעסיע, אויב מעגלעך, אן אקאדעמישע, צו שאפן אן „אינטעליגענץ" און דערמיט א קאריערע. פון דער צווייטער זייט אבער האבן די יידישע בעל־מלאכות, נאכדעם ווי זיי האבן געזען, אז מעקסיקא האט נישט קיין אייגענע קליין־אינדוסטריע, אז אלץ ווערט אימפארטירט פון די פאראייניקטע שטאטן, אליין געשאפן א ריי ווארשטאטן און קליינע פאבריקלעך, וואו זיי האבן אויסגעארבעט פראדוקטן פון הויז־געברויך, פון גאלאנטעריי, פון קאנפעקציע

(קליידער), פון לעדער (שיך). עס איז געווען אַ לעבעדיקער, רירעווודיקער ישוב און עס איז געווען אַ באַפרידיקונג צו פילן, אַז אַ טייל פון אים איז געווען פּראָגרעסיוו. עס איז געווען אַ קליינער אַוואַנגאַרד פון איבערגעגע־בענע, מסירת־נפשדיקע פריינט, וועלכע האָבן געשאַפן אַ קינדער־שול־באַוועגונג, איינגעאָרדנט לעקציעס, קינסטלערישע אָוונטן, מיטגעהאָלפן איינצואָרדענען אַ ביבליאָטעק — אַזוי, אַז אפילו עטלעכע לעקציעס וועגן דער יידישער אויפבוי־אַרבעט אין ביראָבידזשאַן, וועגן וועלכער איך האָב באַריכטעט, זיינען אַדורך „בשלום" — אויסער דער לעצטער, וואו „זשאַבאָטינצעס" האָבן שוין נישט געקאָנט איינזיצן, האָבן אויסגעלאָשן די לאָמפּן און זיך געגאַנגען שלאָגן, ווי אין ריגע, בעת מיינער אַ לעקציע אין 1932 און ווי אין דרום־אַפריקע, אין 1933. פון יענער „שלאַכט" אין מעקסיקאָ־שטאָט האָט מיך טאַקע געראַטעוועט דער אומפאַרגעסלעכער פאַרשטאָרבענער פריינט, יוסף קאַראַבעלאָ, וועלכער האָט מיך אַרויסגעפירט אין דער פינצטער פון דעם קלוב, דורך אַ געניטער סטראַטעגישער מאַנעווורע.

איך האָב זיך באַקענט מיט עטלעכע מעקסיקאַנער טוער, צווישן זיי מיט לאָמבאַרדאָ טאָלעדאַנאָ, געהאַט אַ לעקציע אין אַרבעטער־אוניווערסיטעט, באַזוכט די קליינע קינסטלער־קאָלאָניע פון אַמעריקאַנער און מעקסיקאַנישע שרייבער, דיכטער און מוזיקער, און געווען איבערראַשט פון זייער פּאַרגע־שריטענעם גייסט און אינהאַלט פון זייערע ווערק, צוזאַמען מיט זייער באַשיידנקייט, פּשוטקייט און מיט זייער דורשט צו זען און זיך באַקענען מיטן ראַטן־פאַרבאַנד. זיי האָבן אָנגעצייכנט פאַר מיר אַ קליינעם פּלאַן וואָס צו זען אין מעקסיקאָ, מיט וועמען זיך באַקענען און זיי דערציילן וועגן דער ליטעראַטור און וועגן דערציאונגס־מעטאָדן אין די באַזונדערע רעפּובליקן פון סאָוועטן־פאַרבאַנד. איך בין זייער דאַנקבאַר מיינע פריינט אין בוענאָס־איירעס, וועלכע האָבן מיר געגעבן די נויטיקע פאַרבינדונגען מיט מעקסיקאַנער קאָלעגן־שרייבער זייערע, וועלכע האָבן שוין ווייטער מיר פאַרזאָרגט מיט פאַרבינדונגען אין שפּאַניע, וואוהין איך בין געפאָרן נאָך מיין צוריקקומען פון קובאַ און נאָך אַ לעקציע־טור איבער די פאַראייניקטע שטאַטן אין האַרבסט און אָנהויב ווינטער, 1937.

אין מעקסיקאָ איז דעמאָלט, אונטער פּרעזידענט קאַרדענאַס, געווען אַ רעזשים פון ליבעראַליזם און פּאָליטישער פרייהייט פאַר אַנטי־פאַשיסטן און עס האָבן שוין געשטראָמט אַהין פליכטלינגען פון נאַצי־דייטשלאַנד און איטאַליע, אויך פון דרום־אַמעריקאַנער רעפּובליקן מיט אַ פאַשיסטישער דיקטאַטור. די בעסטע געשטאַלטן פון דער לאַטיין־אַמעריקאַנישער ליטעראַטור און פונעם אַנטי־פאַשיסטישן געדאַנק זיינען געווען אין יענע שווערע יאָרן ביי דעם אָרעמען, אָבער גאַסטפריינטלעכן מעקסיקאַנער פאָלק און די מי־

טינגען און צוזאַמענקונפטן אין דעם שיינעם טעאַטראַ דע לאָס בעללאַס אַר־טעס" פלעגן זיין געפּאַקט, פול מיט מענטשן פון דעם בעסטן מין. מען האָט געפילט, אַז מען איז אויף יענער זייט פון ריאָ גראַנדע. באַזונדערס האָט מען עס געפילט מיט יעדן האַרץ־קלאַפּ בעת עס פלעגט צוגעגרייט ווערן אַן אָוונט אָדער אַ קאָנצערט פאַר דער יונגער, נאָר־וואָס אויפגעקומענער שפּאַנישער פאָלקס־רעפּובליק — פאַר אירע דיכטער און קינסטלער.

עס איז פאַרשוואונדן דער גוואַלטיקער שטח איבערן אַטלאַנטיק, עס האָבן געראַשט די פּאַלמען — אייניקלעך פון יענע סאַמע ערשטע געבראַכטע אפשר פון אור־זיידעס פון די אַנדאַלוזישע דערפער און גערטנער, צוזאַמען מיט הייפעלעך ערד אין אַ הילצערנעם קעסטל, ווי עס האָבן דאָס געטאָן אונדזערע זיידעס און באָבעס ביים פאַרלאָזן זייער שטעטל אויפן וועג קיין אַמעריקע.

פאַר מיר איז ווידער אויפגעלעבט געוואָרן די שיינע לאַנדשאַפט פון טשילי, פּערו און אַרגענטינע, די פּעלזיקע בערג פון בראַזיליע און מיט זיי — די גוואַלטיקע ווייטקייטן פון צוויי ענדלאָזע אָקעאַנען. אָבער דער ייִד, אַן אייביקער וואַנדערער מיט זוכעניש נאָך אַ בעסערן עקאָנאָמישן לעבן, אַ פרייערן בפרט, האָט זיך דערשלאָגן צו אַ ברעג און געמאַכט שלום מיט דער שפּאַנישער פּאַלמע. אפשר האָט ער נישט אויפגעהערט צו בענקען נאָכן קאַרענעם ברויט און נאָך די גאָמולקעס, די ווייסע קעזלעך פון ראַדאָם און פּינטשעוו און האָט אפשר דערפאַר געבויט די נייע היים אין דעם נייעם לאַנד אונטער אַ גליענדיקן הימל אויפן היימישן שטייגער — מיט אַ יידישער צייטונג, מיט אַ שול פאַר זיין קינד און מיט אַ צערטלעכער חברשאַפט פאַר יעדן געקומענעם יידישן שרייבער און רעדנער און אָפּשטעלנדיק זיך אויפן ברעג פון דער נייער ערד, זיך געגעבן אַ וואָרט, אַז זיין קינד וועט שוין נישט וואַנדערן, אַז זיין קינד וועט שוין נישט גיין איבער וואַרשעווער הויפן מיטן זאַק אויף די פּלייצעס און אַרויפשרייען צו די אויבערשטע שטאָק־ווערק: „שמאַטי קופּויע, שמאַטי!"

נאָך עטלעכע חדשים אין מעקסיקאָ האָב איך געזען, אַז דער וואַרשעווער ייִד גייט טאַקע נישט איבער די הויפן פון זיין נייער שטאָט, אָבער ער זיצט אין אַ קליינעם אָדער גרויסן געוועלבל און פאַרקויפט דאָרטן גאַנצע בגדים, נישט קיין שמאַטעס. ווען ער דאַרף פאַרקויפן געניצטע קליידער (צוקינפּ־טיקע שמאַטעס), גייט ער זיך באַזעצן צווישן דער מעקסיקאַנער אָרעמשאַפט ביים סאַמע עק פון זיין שיינער באַרגיקער שטאָט, דאָרטן וואו עס איז נישטאָ קיין ברונעם אין הויז, וואו מען מוז גיין ווייט, ווייט נאָך וואַסער, וואו אָפּ־וואַשן אַ קינד איז אַ יום־טוב פאַר דער גאַנצער משפחה און וואוהין עס דער־גייט נישט קיין פוס פון אַן אַמעריקאַנער טוריסט. און ווען מען קומט אַראָפּ

די אַכט־טויזנט פּוס פון מעקסיקאַ־שטאָט און מען גייט צום שיף אין האַפן פון ווערא־קרוז, צוריק קיין ניו־יאָרק, איז דער אַטלאַנטיק צו־קליין אַראָפּצו־שווענקען דעם צער און דעם ווייטיק, וואָס שטיקט אייך, ווען איר זעט ווי־דער פאַר די אויגן די אָרעמקייט פונעם פאָלק, די מאָגערע אָפּגעלאָזענע קינדער, די אייביק־הונגעריקע עופות און ציגן, די בלאַסע פרויען אין די אייביק־שוואַרצע קליידער (כדי מען זאָל ניט דאַרפן אָפּט זיי וואַשן) און די טרויעריקע בלאַנקעדיקע הינט.

איך האָב בלויז איין מאָל געזען דעם מעקסיקאַנער פריילעך; איך ווייס נישט אויב ער איז געווען זאַט יענעם טאָג, אָבער ער איז געווען פריילעך! ער האָט געזונגען, זיין ווייב און זיינע קינדער האָבן געזונגען. זיין העמד איז געווען ווייס און געפּרעסט, זיין ברייטער סאָמברעראָ איז געלעגן אויף גלאַט־צוגעקאַמטע האָר, זיין פאַרביקער גאַרטל האָט געפּלאַטערט אַרום די לענדן און די האַנט האָט געדריקט צום האַרצן די ברוינע באַבענדערטע גיטאַרע. דאָס איז געווען „די פּיעסטאַ פון סינקאָ דע מאַיאָ" — דער טאָג פון מעקסיקאָ'ס אומאָפּהענגיקייטס יום־טוב — דעם 5טן מאַי.

די אָרעמסטע הורבה איז געווען אויסגעקאַלכט און באַפּוצט מיט מעקסי־קאַנער נאַציאָנאַלע פאָנען, די קינדער אָנגעטאָן און אַרומגעוואַשן, האָבן זיך געהאַלטן ביי די הענטלעך — דאָס יינגסטע, ביי דער מאַמען אויף די אָרעמס. אונטער קלויסטער־גלעקער מיט גלחים אין דער שפּיץ איז די פּראָצעסיע גע־גאַנגען ערנסט און דערהויבן, אין אַ מין כמעט פּאָליטישער אינעווייניקסטער פרייד. דאָס האָט אַ פאָלק געפּראַוועט זיין באַפרייאונג פון פרעמדע באַהער־שער — נאָך מיט גלחים, נאָך גלויבנדיק, אַז אַ גאָט האָט געהאָלפן ברענ־גען פרייהייט. אָבער די פרייד פון אויפהערן זיין יענעמס אַ שקלאַף — אָט די פרייד איז געווען זייערע. כאָטש מאָרגן וועלן זיי גיין קלייבן בעבלעך פון די פעלדער אונטער אַ גליענדיקער זון פאַר 15 סענטאַוואָס אַ שעה, אָדער גנב'ענען די גרענעץ קיין צפון־אַמעריקע און זיך פאַרדינגען פאַר אַ סעזאָן פעלד־אַרבעט פאַר 30 סענט אַ שעה (אין 1936), און מוזן לויפן צוריק אין האַרבסט. אָבער הייַנט איז זייער טאָג! היינט איז דער אָרעמסטער „פּאַי־זאַנאָ" אַ פּריץ.

איך בין געזעסן אויפן דאַך פון אַ הויז און אַראָפּגעקוקט אויף דער ענד־לאָזער פּראָצעסיע. צענדליקער יידישע יינגלעך זיינען געזעסן ביים סאַמע ראַנד פונעם דאַך. דאָס האַרץ האָט ביי מיר שטאַרק געקלאַפּט, ווייל זייערע פיס זיינען אַראָפּגעהאַנגען פון דאַך, אָן אַן אָנהאַלט פאַר די הענט און מען האָט זיך געשטופּט פאָראויס. בין איך טאַקע אויפגעשטאַנען און זיי געבעטן אַוועקצוגיין פונעם דאַך און קוקן אויף דער פּראָצעסיע פון אַ שכנ'ס וואוי־

בונג. אַ ייִנגל האָט אַ זאָג־געטאָן אויף ייִדיש: „זע נאָר, זיך אָפּגעזוכט אַ מאַמע!"

איך האָב זיי אַלעמען אַראָפּגעפירט אין אַן אונטערשטער וואוינונג, פאַר־נאַנדערגעזעצט ביי פענצטער און געפרעגט ביים ייִנגל, וואו זיין מאַמע איז, האָט ער, אַ בייזער און ערנסטער, אַ זאָג געטאָן: „איך האָב נישט קיין מאַ־מע!" — אַ קינד פון אפשר 8 אָדער 10 יאָר, זיך געהאָדעוועט ביי קרובים און אַוודאי נישט געהאַט קיין צופיל צערטלעכקייט אין זיין לעבן. אָבער ער האָט מער נישט געמאַכט קיין באַמערקונגען און האָט מיך אויסגעפרעגט וועגן אַמעריקע. ער איז געקומען מיט אַ גרופּע קינדער פון פוילן, פון אַ קינדער־היים. איך האָב אים געזאָגט, אַז איך קום אויך פון פוילן און וועל דאָרט זיין אין קורצן, האָט ער מיר געזאָגט: „איך האָב דאָרטן קיינעמען נישט". און געזאָגט האָט ער עס ערנסט, שטיל, ווי אַ דערוואַקסענער.

— איך אויך נישט, — האָב איך אים ווי געענטפערט.

ווען איך בין אַוועק, זיך אָפּגעזעגנט מיט אים, האָט ער מיר געזאָגט: „מיר'ן זיך נאָך זען ערגעצוואו — איר פאָרט אַרום, איך וועל אויך אַרומ־פאָרן".

אַזוי האָט דאָס ייִדישע בחורל גערעדט צו מיר נאָך אַ פּאָר פריינטלעכע ווערטער נאָכדעם ווי איך האָב זיי אַרויסגעפירט פון דאַך, וואו זייערע פיס זיינען געהאַנגען איבער דער דריי־שטאָקיגער געביידע. איך בין נאָך היינט דערשראָקן, ווען איך דערמאָן זיך אין יענעם בילד.

ווי לייכטזיניק דער מעקסיקאַנער איז: דער גאַנצער דאַך איז פּאַקטיש געווען באַהאַנגען מיט הענגענדיקע מענטשלעכע פיס. אָבער נישט בלויז קינדער האָבן אַ טבע צו ווייזן קונצן פון דעם מין, כדי זיך אויספיינען פאַר די אויגן פון אַ נאָענטן מענטשן. איך האָב געוואוינט אין ניו־יאָרק אין אַ צימער אויפן זיבעטן שטאָק, מיט אַ פענצטער, וואָס איז אַרויס אויף אַ ברייט־טער, שיינער גאַס. מיינע שכנים זיינען געווען אַ פּאָרפאָלק, יונגע מענטשן. ער — אַ געוועזענער ייִדישער פליכטלינג פון פוילן, אַ פּאַראַליזירטער אויף דער רעכטער האַנט און אַ טייל פון זיין פוס. זי — אַ יונג מיידל מיט אַ שווערן האַרץ־פעלער. זי האָט נישט געטאָרט זיך אָנשטרענגען און איז כמעט נישט אַרויס פון שטוב. איינמאָל, בעת אַ פּאַראַד אויף דער גאַס, זיינען זיי ביידע אַריין צו מיר אין צימער, כדי אַרויסצוקוקן דורכן פענצטער אויף די מענטשן מיטן גאַנצן טאַראַראַם פון דעם מאַרש און מוזיק. דעם יונגן מאַן איז, קאַנטיק, נישט געווען גענוג צו קוקן דורכן פענצטער. ער איז אַרויס אויפן שמאָלן, שטיינערנעם פּאַראַפּעט (אויפן 7טן שטאָק) און האָט זיך דאָרטן אַוועק־געשטעלט אין זיין גאַנצער הויך און געקוקט אַראָפּ, אויף דער גאַס און פון ציט צו צייט געגעבן אַ קער דאָס אויג אויף זיין פרוי.

איך האָב זיך אויפגעהויבן פון מיין אָרט, גענומען זי ביי דער האַנט און אַרויס מיט איר פונעם צימער און נישט דערלויבט איר גיין צוריק. ווען ער האָט געזען, אַז מיר זיינען נישטאָ, איז ער אַראָפּ פון דעם פּאַראַפּעט („לעדזש״), און איז אַריין צו זיך אין שטוב. איך האָב אים נישט געמאַכט קיינע באַמערקונגען. איך האָב אים אָבער געזאָגט, אַז אויב ער וויל באַגיין זעלבסטמאָרד, קאָן ער דאָס טאָן, ווען זי וועט נישט זיין אינדערהיים. ווייל נאָך אַזאַ סצענע וועט זי נישט איבערלעבן. זי האָט געהאַט „מיאָסטעניא גראַוויס״, ווען דאָקטוירים וואָרענען קעגן אַ הוסט אָדער אפילו אַ קאַטאַר, אַז מען זאָל נישט אַ ניס־טאָן אויפן קול.

פאַרן אָפּפאָרן פון מעקסיקאָ בין איך אַוועק אויף 2 וואָכן אין אַ קליין אָרט — „על ריעגאָ״, וואָס האָט געהאַט מינעראַלע קוואַלן און איז געלעגן אין דעם מדבר — טאַקע ביים סאַמע ראַנד פונעם מדבר, נישט ווייט פון שטעטל פועבלאָ. דאָס איז געווען אַזאַ שיינע לאַנדשאַפט, ווי עס קאָן בלויז זיין דער פאַרכאַפּנדיקער מדבר, מיט דער פורפּורנער זון איבער אים פאַר־טאָג, מיט לייכט־ראָזעווע פאַרנאַכטן און מיט הונדערטער קאָלירן דורכן טאָג. די שאַרפע ריחות פון מדבר־פלאַנצן און בלומען, די קאַלטע דורכזיכטיקע נעכט, דאָס וואָיען פון שאַקאַלן און נאַכט־פויגלען — און די אָפּגעזונדערט־קייט פון דעם הייפעלע מענטשן אין דעם איינציקן קליינעם האָטעלכל — דאָס אַלץ האָט געשאַפן אַ מין ראָבינזאָן קרוזאָ־כישוף און האָט געהאָלפן פאַרגעסן די וועלט פון יענער זייט גרענעץ מיט אירע וואָלקנקראַצערס און אונטער־ערדישע באַנען.

עס איז געווען גוט דורכגיין אינדערפרי אַ לאַנגע אַליע פון טייטלבוי־בער, צונויפקלייבנדיק די ווייכע ברוינע טייטלען אין אַ קוישל אויפן וועג צו די קוואַלן, וועלכע שטראָמען־אַרויס פון דער ערד, אָנפילן עטלעכע מאָל אַ גלאָז און טרינקען די ביטערע קאַלטע נאַסקייט, מיט אַ זיכערקייט, אַז עס איז ניט קיין זאַך פון אַפּטייק, נאָר פון דער טייערער ערלעכער נאַטור. דער־נאָך צוריק זיך לאָזן גיין לענגאויס די ביימער, אַלטע, פאַרטראַכטע און ברייט־האַרציקע, און טרינקען די הייסע, שטאַרקע קאַווע מיט סוכאַרקעס פון אַ ברוי־נעם קאָרענעם ברויט, באַדעקט מיט שמעקעדיקן האָניק. דאָס פלעגט דאָס זכרון־קעסטל ווי אַ בליץ, אַרויסטויכען די פּאַנאָראַמע פון „אַמורזעט״ ביים ווייטן אַמור אין בירָאָבידזשאַן און מאַכן דאָס האַרץ קלאַפּן שטאַרקער. ווייל דאָס לעבן איז דאָך די גאַנצע צייט געגאַנגען אויף רעלסן, אָדער אויף ים־כוואַ־ליעס. האָט איין פּאַנאָראַמע אַרויסגערופן אַ צווילינג־בילד פון אַ צווייטער, אַזוי אַז דער מענטש האָט נישט געקאָנט איינזיצן אויף איין אָרט.

איך האָב זיך באַקענט מיט מיינע מעקסיקאַנישע שכנים פון „ערל ריעגאָ״, באַאַמטע און לערער, וועלכע פלעגן דאָ פאַרברענגען זייערע וואַ־

קאַציעס און טרינקען דריי מאָל אַ טאָג די מינעראַל־וואַסער מיט זעכצנערליי כעמישע שטאָפֿן אין זיי. מיר זיינען געווען אינגאַנצן צען געסט און מיר האָבן זיך שוין געקאָנט צונויפֿריידן. די צען חדשים אין דרום־אַמעריקע האָבן מיר אַ סך פֿאַרלייכטערט די שפּראַך.

ביסלעכוויז האָט זיך געררוקט דער טאָג פֿון געזעגענען זיך מיט מעקסיקאָ און זיך זעצן אויף דער שיף, כדי פֿאָרן קיין האַוואַנאַ, קובאַ. נאָך אַ האַר־ציקן אָונט מיט „פּאָר געזונט" וואונטשן און מיט אַ שטיקל וויטאָג ביים פֿאַרלאָזן דעם גאַסטפֿריינטלעכן פֿאָלקסקרייז פֿון לאַנדסלייט און פֿריינט, האָב איך אין „וועראַקרוז" גענומען די שיף און זיך אַ לאָז־געטאָן צו דעם קליי־נעם אינדזל אויפֿן אַטלאַנטיק, וואָס ליגט אומדערשראָקן און מוטיק צווישן שכנים־גיגאַנטן, לעבט אונטער אַ פֿאַשיסטישן דיקטאַטאָר, מאַטשאַדאָ, קעמפֿט העלדיש און פֿאַרעקשנט. דאָס איז געווען אין 1936 און מיט די אויגן פֿון קעמפֿער געזען פֿאַר זיך בלויז איין בילד: „לאַ ליבערטאַד קובאַנאַ" — זייער פֿרייהייט!

האַוואַנאַ. אַלץ איז דאָ געווען אויף אַ פֿאַרקלענערטן מאַסשטאַב: דאָס לאַנד, די שטאָט, ווי ווירטשאַפֿט, די אָרגאַנען פֿון דער מלוכה, פּרעסע, קול־טור. און צוויי גוואַלטיקע קעגנזאַצן — די רייכקייט פֿון די טוריסטן, די לוקסוריעזע האָטעלן פֿאַר זיי, די רחבֿות'דיקע געוועלבער און רעסטאָראַ־נען און פֿון דער צווייטער זייט, אַלס שאַרפֿער קאָנטראַסט — די גרויסע, האָפֿענונגסלאָזע אָרעמקייט פֿון פֿאָלק! אַ קלאַסיע פֿון קאַפּיטאַליזם אין די נעגל פֿון אַ פֿאַשיסטישן דיקטאַטאָר — צוערשט מאַטשאַדאָ און דערנאָך באַ־טיסטאַ — אָן לעגאַלע אַרבעטער־אָרגאַניזאַציעס, אָן דער פּרימיטיווסטער אַפּילו געזעצגעבונג, אָן יוניאָנס, אָן אַפּילו אָן אָנדייטונג אויף אַ סאָציאַלער פֿאַרזיכערונג; מיט אַריינוואַרפֿן אין תּפֿיסות פֿאַר אַ פּרוּאוו צו סטרייקן, מיט אַ כראָניש־הונגעריקן שטאָטישן פּראָלעטאַריאַט, מיט אַ פּאָליציי־טעראָר פֿון אַזאַ בעסטיאַליטעט, אַז בלויז היטלער האָט געקאָנט קאָנקורירן מיט אים.

אַ תּפֿיסה פֿאַר פּאָליטישע קעמפֿער האָט זיך געפֿונען האַרט ביים ים, אויף דער „אַוועניראַ מאַרטי", ווי אויף צו להכעיס טאַקע לעבן דענקמאָל נאָכן באַפֿרייער פֿון האַוואַנאַ, גענעראַל מאַרטי. דער פֿאַשיסטישער דיקטאַטאָר מאַטשאַדאָ האָט אָנגעווענדט אַ נייעם מין טויט־שטראָף קעגן רעוואָלוציאָנערע קעמפֿער אין קובאַ: אַריינוואַרפֿן זיי לעבעדיקערהייט אין ים צו די „שאַרקס", די הייפֿיש!

דאָס האָבן מיר דערציילט מענטשן, וועלכע האָבן יענע צייט איבער־געלעבט, זייענדיק אין דער משפּחה פֿון די פֿאַרמשפּטע — סיי קובאַנער, סיי יידן.

עס איז אָבער אָנגעגאַנגען אַ קאַמף. טאַקע אויף לעבן און טויט. די

קעמפער זיינען געוואָרן לעבעדיקע לעגענדעס: בלאַס ראָקאַ, מאַרטינעללי צווישן זיי. דאָס פאָלק האָט זיי אָפּגעהיט. אין די טיפענישן פון אַ קעלער, אָן אַ ליכטל, אָפּגעהאַלטן מיטינגען, פאַרשפּרייט אַ לאָזונג, אַ באַפעל, זיך פאַראייניקט מיט איינגעוואַנדערטע פרעמד־געבוירענע. די שבועה איז געווען: סאָלידאַריטעט! דער קליינער יידישער אַרבעטער־ישוב, פון אַ יונגן טיפּ איינוואַנדערער, באַלד נאָך 1918, האָט ווערקער מערסטנס, האָבן געהאַט אַ שווער לעבן, סיי צוליבן הייסן קלימאַט, סיי צוליב די שטרענגע געזעצן קעגן אויסלענדער. ווייל דעמאָלט איז מען דאָך שוין געלאָפן פון אייראָפּע: פון די פאַשיסטישע באַלקאַנען, פון פוילן און דערהויפּט פון היטלערן — און אין אָט־דער אַטמאָספערע פון הייפיש־טויט האָבן מיר דורכגעפירט לעקציעס, גערעדט וועגן פאַרווירקלעכטע האָפענונגען און געוואונענע קאַמפן — אויך מיטן טויט פאַר די אויגן — ווייל אַנדערש קאָן נישט זיין; בפרט נאָך, אַז מען מוז די אַמוניציע צום קאַמף נעמען פונעם שונא גופא, ווי עס דערציילט וועגן די סאָוועטישע פאַרטיזאַנען דער שרייבער און קעמפער פורמאַנאָוו.

יאָ, די קובאַנער האָבן געקעמפט פאַר פרייהייט. אין זייער ווערטערבוך איז זי געווען אַנדערש אויסגעטייטשט, ווי אין דער „פרייער וועלט פון 1962". איך האָב זיי געטראָפן אויף די גאַסן פון באַרצעלאָנאַ, מאַדריד און אין דעם שפּיטאָל פון „בעניקאַסים" מיט אַ קויל אין די לונגען, אָדער אויף קוליעס אונטערגעשפּאַרטע. און גרויס איז געווען די פרייד, ווען מיר האָבן זיך דערקענט דאָרטן און אויסגעביטן זכרונות וועגן קובאַנער פריינט אונדזערע. זיי האָבן געהאַט אַביסל שוועריקייט מיט דער קאַטאַלאַנישער שפּראַך דאָרטן אין באַרצעלאָנאַ, אָבער באַניאַ, דער פוילישער פרייוויליקער און פּאַוועל, דער פּאָלעסיער פויער, האָבן גע׳טענה׳ט: איין וואָרט פאַרשטייען אַלע, און דאָס איז: „וויקטאָריאַ" — זיג, נצחון!

בעת דער צווייטער וועלט־מלחמה איז קובאַ געוואָרן דער איינוואַנדערונגס־האַפן אויפן וועג צו אַ היטלערלאָזער צוקונפט, מיט וועלכער די מענטשהייט האָט געאָטעמט און אויסגעהאַלטן אַלץ. פון קובאַ איז אויך אָפּגעפאָרן אַהיים, אין אַ באַפרייטער סאָציאַליסטישער פוילן גרשון דוא, אַן אַלטער געזעלשאַפטלעכער טוער און אַ וועטעראַן פון שפּאַניע — צווישן 1937 און 1939.

צווישן די לאַטיין־אַמעריקאַנישע פעלקער אין זייערע לאַנגיאָריקע קעמפן קעגן זייערע פעאָדאַלע און פרעמדע אונטערדריקער, זיינען די קובאַנער די אויסגעהאַלטנסטע און די סאַמע העלדישסטע צוליב זייערע אוממענטשלעכע קלאַסן־ליידן און אונטערדריקונגען. זיי וועלן פאַרטיידיקן די אַזוי שווער־אויסגעקעמפטע אומאָפּהענגיקייט בוכשטעבלעך מיט ציין און נעגל. אויב נוי־

טיק, ווערן זיי „מאָביליזירן" די הייפּישן, ווייל פּונקט אַזוי, ווי די שפּאַנישע קוילן גרעבער אין אַסטוריאַס האָבן נישט אויפגעגעבן זייער ווידערשטאַנד קעגן פראַנקאָן, קאָן אויך דער קובאַנער פון 1962 נישט אויפגעבן די נאָר־וואָס דערקעמפּטע פרייהייט, וואָס האָט געביטן דעם קאָליר פון זיין הימל און די האַרטקייט פון זיין ערד.

איך געדענק אַן אָוונט פון שפּאַנישער דיכטונג און מוזיק אין מאַדריד. עס איז געווען בעתן קאָנגרעס פון אַנטי־פאַשיסטישע אינטערנאַציאָנאַלע שרייבער אין 1937. עס האָט רעציטירט אַ פּאָעמע אַ יונגער קובאַנער. ווען ער האָט געענדיקט איז צוגעגאַנגען צו אים דער סאָוועטישער שרייבער, אַלעקסעי טאָלסטאָי, און האָט אים אַרומגענומען, געדריקט זיין האַנט און געזאָגט: „מיר האָבן אויך געזיגט. אונדז איז אויך געווען שווער, זייער שווער!..."

די צווייטע רייזע אין קובאַ איז געווען אין 1946. עס האָט געהערשט באַטיסטאַ. די תפיסות זיינען געווען פול געפּאַקט. איך וואָלט אַזוי שטאַרק געוואָלט זען אַ פרייע, די נייע קובאַ.

שפּאַניע

(אַ קאַפּיטל איבערלעבונגען פון שפּאַניע, 1939־1937)

„פּוערטע דעל סאָל" — די טיר פון דער זון

.1

איבער דער ברייטער, שיינער „אַוועגידאַ דעל פּראַדאָ", נישט ווייט פון דעם פּאַרק „רעטיראָ", הענגען ווייסע, ברייטע לענטעס־טראַנספּאַראַנטן מיט גרויסע אותיות, וועלכע זאָגן אָן: „מאַדריד, מאַדריד, עכּעמפּלאָ דעל מונדאָ" (מאַדריד, מאַדריד, דער ביישפּיל פאַר דער וועלט).

און די וועלט ווייסט עס. הונדערטער זשורנאַליסטן שרייבן וועגן דעם. טויזנטער שפּאַניער לייענען עס. קינדער אויף די הענט פון שפּאַנישע מאַמעס הערן דעם עקסטאַז פון די ווערטער. יונגע „מיליסיאַנאָס" קומען פון דעם נאָענטן מאַדרידער פראָנט, פופצן מינוט מיטן טראַמוואַי פון דעם צענטער פון שטאָט, פון דער „פּוערטע דעל סאָל", און קרייצן־איין דעם לאָזונג אין זייערע הערצער. אַנדאַלוזישע פויערים, אַרבעטער פון באַרצעלאָנאַ ווייַן־פּרעסער פון מאַלאַגאַ, פּאַרקויפער און פּעדלער געניסן פון דער דערהויבונג אין די דאָזיקע ווערטער.

ווייל מאַדריד האַלט זיך, שוין דאָס דריטע בלוטיקע יאָר! האַלט זיך מיט הענט און נעגל אַנטקעגן נאַצישע טאַנקען, איטאַליענישע לעגיאָנערן, מאַראָקאַנישע מדבר־רייטער. האַלט זיך אָן מיט הענט און ציין אין דער פרייער ערד פון מאַדריד. „נאָ פּאַסאַראַן" — איז דאָס ווערטל פון אַ מעתלעת בלייענעם טויט פון פראַנקאָס באָמבעס. און „נאָ פּאַסאַראַן לאָס פּאַסיאָזאָס" איז דאָס ליד פון קינדער אין די שפּיל־פּלעצער פון „קואַטראָ קאַמינאָס" און „ווילאַווערדעס" — נאָך יעדער לופט־אַטאַקע, נאָך יעדן אַמבולאַנס, וואָס פירט אַוועק די פאַרוואונדעטע אין די שפּיטאָלן און די טויטע אין מאַרג. די טרויעריקע אויגן פון וויקטאָריאַ, דער אויפראַמערין פון „האָטעל נאַסיאָנאַל", וואו איך קום שלאָפן, נאָך אַ טאָג פון אַרומגיין איבער די קינדערהיימען און שפּיטאָלן, ווערן יעדן טאָג פאַרהאַרטעוועטער און שאַרפער. היינט איז אַוועק צום פראָנט איר יינגסטער זון, פּאַבלאָ. ער איז זיבעצן יאָר אַלט און וויל נישט אַנדערש, נאָר זיין מיטן פאָטער ביי דער „סיודאַד אוניווערסאַריאַ", וואו אַ הייפל „מיליסיאַנאָס", מיט דער גרופּע פוילישע פרייוויליקע פון „מיצקיעוויטש באַטאַליאָן" האַלטן, זינט יולי, 1936,

דאָס שמאָלע פּאַסיקל ערד האַרט ביי די גרענעצן פון דער שטאָט מאַדריד. און איצט איז יוני 1937. וויקטאָריאַ איז געבוירן אין דער שטאָט. איר אַלטע מאַמע, סאָפיע, וועלכע איז 72 יאָר אַלט. איר מאַן איז אַ בעקער, אַרבעט אויפן פראָנט אַלס קוכער. צוויי מאָל אַ וואָך קומט ער אַהיים, אָנגעלאָדן מיט אַביסל אַלטע מאַיז־ברויט און גרינסן, וועלכע ער שפּאָרט אָפּ פון זיין אייגענעם סאָלדאַטסקן מיטאָג, כדי די הונגעריקע משפחה זאָל האָבן כאָטש איין מאָל אַ טאָג אַ הייסן מאָלצייט.

מאַדריד הונגערט. יעדער צוגאַנג צו דער שטאָט ווערט באָמבאַרדירט פון דער פאַשיסטישער אַרטילעריע, וועלכע האָט זיך אויפגעשטעלט אויף אַ בערגל ביים עק שטאָט, וועלכער הייסט „לאָמאַ אנכעלעס", דאָס בערגל פון מלאכים — נישט אַנדערש! האָט אָבער דאָס העלדישע מאַדרידער פאָלק אַריינגעשריבן אַ גלאָררייכן קאַפּיטל אין זיין קאַמף קעגן די פאַשיסטן און געביטן דעם נאָמען פון דעם בערגל. די מאַדרילענאָס האָבן באַשטימט צו נעמען די אַרטילעריע־נעסט, אויף יעדן פּרייז, מיט הילע הענט אויב נויטיק. עס האָבן זיך מאָביליזירט די „וועגדאַדאָרעס" פון פּוערטע דעל סאָל, די גאַסן־פּעדלער. יענע יונגע שטאָטישע מענער, וואָס שטייען דעם גאַנצן טאָג אויף די גאַסן פון שפּאַנישע שטעט מיט אַלע מינים גאַלאַנטעריי, סואווענירס און ביליקע עסנוואַרג, מיט מעסערלעך, שפּילקעס און טרינקבעכערס, מיט זאָקן און שאַלן פאַר מיידלעך. זיי האָבן זיך מאָביליזירט אין אַ ברענענדיקן צאָרן קעגן די פאַשיסטישע באָמבעס, וואָס האָבן אַוועקגעלייגט זייערע מיטברידער און רואינירט זייערע טישלעך מיטן נישטיקן פאַרמעגן. זיי זיינען אַוועק צום פראָנט, באַקומען אַביסל געווער, אַרויסגעשלעפּט פון מוזיי־הויף אַן אַלטן נאַפּאָלעאָנישן האַרמאַט און דערקלערט, אַז זיי גייען שטורעמען די „מלאכים" ביי די נאַציס. אַ טעכניקער פון „טעלמאַן באַטאַליאָן" האָט געגעבן אַן עצה צוצופּאַסן די אַלטע יאַדרעס פון מוזיי צו דעם אַלטפרענקישן האַרמאַט און מען איז אַרויס ביינאַכט הינטער דער איינציקער, נאָך נישט־איינגעפאַלענער וואַנט פון „פּוענטע פראַנסעז", מיט אַ גרופּע טויט־מוטיקע מיליסיאַנאָס, געשטיצט פון אַטאַ די „וועגדאַדאָרעס", ניט ניימאָביליזירטע „שאָק־טרופּן", מיט זייער איינציקן האַרמאַט מיט צוויי יאַדרעס פון 18טן יאָרהונדערט. ווייזט אויס, אַז דאָרטן האָט מען געמיינט, אַז עס איז אַ מעכטיקע אַטאַקע פון דער רעגולערער נייער אַרמיי, וועלכע די לאַיאַליסטן האָבן צוגעגרייט, ווייל עס האָט זיך איינגעגעבן די אָנגרייפער צו שטורעמען „די הויך" מיט דער נעסט פון אַרטילעריסטן און נעמען אין געפאַנגענשאַפט זעקס איטאַליענער. און מען האָט מיט דינאַמיט אויפגעריסן די דריי איינגעבויטע האַרמאַטן, נאָכדעם ווי עס זיינען אונטערגעקומען פאַרשטאַרקונגען פון „סאַפּיאָרן", אַ פּאָר סטודענטן־טעכניקער. עט־

לעכע פֿאַרוואונדעטע לאָיאַליסטן האָט מען אָפּגעפֿירט אין לאַזאַרעט. דעם זיג האָבן די העלדישע פֿעדלער געפֿייערט מיטן פֿאַרבייטן דעם נאָמען פֿון דעם בערגל. אַנשטאָט „אַנכעלעס" ((מלאכים), האָבן זיי אים אָנגערופֿן „לאָמאַ דע לאָס וועגדאַדאָרעס" (דאָס בערגל פֿון די פֿעלדער). און אַזוי איז עס געבליבן אין דעם מויל פֿון פֿאָלק, אפֿילו ווען די פֿאַשיסטן האָבן דעם באַרג אָפּגענומען צוריק, אין פֿעברואַר, 1939, און געזייט טויט און חורבות אין אַלע גאַסן און געסלעך פֿון מאַדריד. אָבער נאָך אַלץ האָט מיין וויקטאָריע געזאָגט, ווען אַ שראַפּנעל איז אַרייַנגעפֿאַלן אין זעקסטן עטאַזש פֿון אונדזער האָטעל „נאַסיאָנאַל", אַז די „פֿאַסיאָס" שיסן פֿון „לאָמאַ וועגדאַדאָרעס". געזאָגט מיט פּיין אין איר קול, אָבער מיט אַ געוויסן שטאָלץ איבערן נאָמען. און אין אַנדערע האָטעלן איז געווען נישט בעסער. אין האָטעל „סאַוואָי" האָט געוואוינט ערנעסט העמינגוועי, און ווען מיר האָבן אים אָפּגערופֿן און געפֿרעגט, ווי פֿראַוועט ער „קריסטמעס" היינט, האָט ער אונדז געענטפֿערט: „מיט טאָאַסט און טיי און מיט צוויי שראַפּנעלן אין דאַך פֿון האָטעל".

מיר זיינען געזעסן אויפֿן דאַך פֿון דעם קולטור־הויז אויף „קאַ'ע יוע־לאַסקעז" און האָבן געקוקט אויף די פֿייערן פֿון האַרמאַטן־מאָרדעס, וועלכע די פֿאַשיסטן האָבן צוגערוקט צו דער שטאָט. דאָ און דאָרט האָבן זיך אָנגעצונדן פֿייערן. אַמבולאַנסן האָבן זיך געטראָגן איבער דער שטאָט — אַן אַלטעגלעכע דערשיינונג אין מאַדריד. אָבער אויפֿן דאַך איז געווען געשריבן די געשיכטע פֿון שפּאַניעס בירגער־קריג: היטלער־מוסאָליני־פֿראַנקאָ קעגן פֿאָלק פֿון שפּאַניע!

מיר זיינען געזעסן אויפֿן דאַך פֿון טונקעלן הויז פֿון דער „קאַזאַ קול־טוראַ", אַ הייפֿל געקומענע פֿון אַלע עקן וועלט, כּדי צו העלפֿן דעם כּאָלק פֿון שפּאַניע און זיין רעכטלעך־אויסגעקליבענע, לאָיאַלער רעגירונג פֿון פֿאַראייניקטן פֿאָלקס־פֿראָנט, וואו עס האָבן זיך פֿאַראייניקט קאַטוילישע גלחים און דאָקטוירים פֿון פֿאָלקס־פֿראָנט; וואו עס האָט זייט־ביי־זייט געקעמפֿט דער אַנאַרכיסט, באָנאַווענטוראַ דורוטטי, דער סאָציאַליסט פֿריעטאָ, און „לאַ פּאַסיאָנאַריאַ", וואָס איז געקומען פֿון וואַרשע, קעגן דעם פֿאַרבאָט פֿון „בונד", דער יונגער בנימין ליפּשיץ, באַקאַנט אונטער דעם שפּאַנישן נאָמען: באַרסעלאָ לאָרענטאָ, דער יונגער העלדישער קעמפֿער, וועלכער איז אומגעקומען אין 1938 אין די קאַמפֿן ביים „עבראָ"; וואו עס זיינען געקומען ערלעכע, אויסגעהאַלטענע מענער, ווי: טאָמפּסאָן, קראַוטהאַמער, ראובן שעכטער, שלמה לייזעראָוויטש, אויערבאַך, קעסנער און גאָר יונגע, ווי: פּאָל סיגעל, לעאָ נ"ג, מאָזיב; וואו עס האָבן זיך צום לעצטן מאָל מאָביליזירט לייכט־פֿאַרוואונדעטע, אין פֿעברואַר 1938, קוים פֿאַרהיילטע פֿון זייערע וואונדן ביי טערועל; וואו דער העלדישער פּוילישער קעמפֿער, גע־

גנעראַל וואַלטער (סקשעשעווסקי, דערמאָרדעט פֿון אוקראַיִנישע פֿאַשיסטן אין 1948, פֿון אַ באַהעלטעניש, בעת מאַנעווערעס אין שוין באַפֿרייטן פּוילן), האָט פֿאַרנומען די שטאַרקע פֿעסטונג אין דעצעמבער 1937 מיט דער הילף און שטיצע פֿון אונדזער אַמעריקאַנער „לינקאָלן־בריגאַדע“, אַ פֿעסטונג, וועלכע נאַפּאָלעאָן האָט נישט געקאָנט איינגעמען, האָבן געשטורעמט אַנטי־פֿאַשיסטישע זין, וואָס דאָס איז געווען דער וועג צום מערב, צו פֿראַנקאָס טעריטאָריע.

פֿון דאָך האָט אונדז אַראָפּגעטריבן עדווין ראָלפֿע, דער דיכטער און קעמפֿער פֿון ניו־יאָרק, מאַדריד און לאָס־אַנדזשעלעס, וואו ער איז געשטאָרבן פֿון אַ האַרץ־אַטאַקע מיט אַ פֿינף וואָכן צוריק. עדווין ראָלפֿע, דער יונגער, בלאַסער, אָבער שטאַרקער און אויסגעהאַלטענער מאַדריד־קעמפֿער און אַנטי־פֿאַשיסטישער קינסטלער האָט געזאָגט צו אונדז, אַז עס איז נישט קיין באַווייז פֿון מוט צו זיצן אויפֿן דאַך בעת אַ באָמבאַרדירונג פֿון דער שטאָט, אַז מער מוט וואָלט געווען אַראָפּצוגיין און העלפֿן באַזאָרגן די היימלאָזע מיט אַ בעט. די פֿאַרשאָטענע — מיט ראַטעווען זיי פֿון דעם שטיינערנעם ברוק, און, פֿאַרשעמטע, זיינען מיר אַראָפּ אונטן, אַוועק אין גאַס.

איך בין אַוועק אין דער טשילענישער אַמבאַסאַדע צו פּרוּוון האָבן אַן אינטערוויו מיט די שפּאַנישע רייכע יידן, וואָס האָבן נישט אָנערקענט די לאָיאַליסטישע רעגירונג און וואָס האָבן געזוכט און געפֿונען „אַזיל־רעכט“ אין די לאַטייַן־אַמעריקאַנער אַמבאַסאַדעס. אויף דער יידישער קהילה אין פֿוערטע דעל סאָל איז געהאַנגען אַ שלאָס און אַ צעטל: „אַלע ענינים פֿון דער יידישער ,קאָמוּנידאַד אין מאַדריד‘ זיינען איבערגעגעבן געוואָרן צום שטאָט־ראַט“. אָבער די „קאָמוּנידאַד“ אַליין — איז אַוועק צום טשילענישן אַמבאַסאַדאָר און דאָרט געלעבט... דאָס איז געווען די געבורט פֿון אַ „יודענראַט“: בעסער צו גיין צו אַ פֿרעמדער מאַכט, אַ מאַכט, וואָס האָט אַרויסגעטריבן פֿון לאַנד דעם קעמפֿער און דיכטער פּאַבלאָ נערודאַ, איידער צו מאַכן איינס מיט דעם שפּאַנישן פֿאָלק, וואָס האָט אין פֿעברואַר, 1934, נאָך דעם זיג פֿון פֿאָלקס־פֿראָנט, אַריינגערופֿן צו זיך אין לאַנד, דורך דער ווענדונג פֿון מיניסטער פֿערנאַנדאָ דע לאָס ריאָס, אַלע אור־אייניקלעך פֿון יענע יידן, ספֿרדישע און מאַדערנע, וועלכע די שפּאַנישע אינקוויזיציע האָט פֿאַרטריבן פֿון לאַנד, אָן דעם אַקציון טראָט, אָן דעם ווילן פֿון פּשוט׳ן פֿאָלק פֿון שפּאַניע... אויפֿן רוף פֿון דע לאָס ריאָס אין 1934 זיינען געקומען 28 טויזנט יידן פֿון גאָר דער וועלט: מערסטנס פֿון נאַצי־דייטשלאַנד, פּוילן, רומעניע, בולגאַריע, עגיפּטן — אַלץ פֿאַשיסטישע, דעמאָלט, לענדער. דער טראַנספּאַראַנט איבער „פּראַדאָ“ איז געווען גערעכט: „מאַדריד, מאַדריד, ביישפּיל פֿאַר דער וועלט!“ 33 מאָנאַטן געהאַלטן מאַדריד קעגן פֿראַנקאָ. און

פאַרלוירן די שטאַט דורך „מאָדערנער", היינט, אינסטיטוציע, דורך דער „בונטא", אַ פאַשיסטישע דיקטאַטאָרישע גרופּע. יעדע „בונטא" איז פאַרראַט. ווייל די איינציקע פּאָזיטיווע אָרגאַניזאַציע איז אַ פאָלקס־פראָנט. עס איז נישטאָ קיין אַנדערע, אַדעקוואַטע איינריכטונג.

אין אַ שיינעם וואַרעמען טאָג פלעגט מען מיט די פאַרוואונדעטע פאָרן אין אַ נאָענטן דאָרף, וואו די שפּאַנישע ווייפּויער און פאַרמער האָבן געאַרבעט צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון לאַנד אויף זייער אייגענער ערד: אַ קאָלעקטיווע ווירטשאַפט. אין אַזאַ דערפל, נישט ווייט פון מורסיאַ, די עלטסטע אוניווערסיטעט־שטאָט אין שפּאַניע, האָב איך געטראָפן אַן אַלטן דאָרף לערער, סענאָר אַרמאַנדאָ, 82 יאָר אַלט. ער האָט מיר אָנגעוויזן אויף פיר דורות שילער זיינע, טאַקע דאָ אין דערפל. דער פערטל דור, די 18־יאָריקע, האָט זיך געקליבן אין דער אַרמיי דער עלטסטער דור — מענער פון 60 יאָר — זיינען געווען אין דער דאָרפס־מיליץ, געהיט די אָרדענונג, געוואַכט ביינאַכט קעגן סאַבאָטאַזש, געזוכט שלום צו מאַכן מיט אַנאַרכיסטן, לאָקאַלע „פּאָליטישנס", וועלכע האָבן געזוכט צו אַנטוויקלען דיסקוסיעס צוליב ערד־חלקים, וועלכע זיי האָבן געוואָלט פאַר זיך — יענע שטיקער לאַנקע, וועלכע זיינען געווען נאָענט צום טייך און זאַפטיק. „לאַ טיערראַ", ערד, — האָט גע'טענה'ט סענאָר אַרמאַנדאָ, — איז די הויפּט־ליבשאַפט ביים פאָלק. זי איז די כּלה, די מאַמע, די געליבטע. זי דאַרף געהערן דעם מענטשן אייביק".

ערד. פון איר ווערט לאַנד, מלוכה, פאָטערלאַנד. זי איז דער באַגער פון אַלע פעלקער, אין אַלע לענדער. וועגן איר חלומ'ט היינט דער סיבעטאַנער, דער הינדו, דער מאַלאַיער. זי איז געווען יענער שאַרפער גלעזערנער טורעם, צו וועלכן עס האָבן זיך הונדערטער יאָרן נאָכאַנאַנד געדראַפּעט מיט נאַקעטע פיס דער רוסישער און פוילישער פויער. און סענאָר אַרמאַנדאָ גיט זיך אַזוי אַ זאָג: „אייער פּרעזידענט רוזוועלט איז דער נאָענטסטער פון אַלע פּרעזידענטן צו טראַכטן וועגן דעם פּשוט'ן פאָלק, וועגן זיינע נויטן און באַדערפעניש. ער האָט דאָך דעם פויער און אַרבעטער געראַטעוועט פון הונגער, דעם קליינעם מענטש פון באַנקראָט. איך האָב ליב אייער פּרעזידענט".

איך בין געווען דערשטוינט צו הערן דעם אַלטן „שול־מאַעסטראָ" פון 82 יאָר רעדן וועגן אונדזער „דעפּרעשאָן". וועגן דעם „ניו־דיעל", וועגן די „פּראָיעקטן" און בוי־אַרבעטן אין די דרייסיקער יאָרן. פון וואַנען ווייסט ער וועגן דעם? פון די „קאָמיסאַריאָס דע לאַ קולטוראַ", פון די לעקטאָרן און אינסטרוקטאָרן פאַרן פאָלק, וואָס די פאָלקס־רעגירונג האָט איינגעאָרדנט באַלד

נאָך דעם זיג פון דער רעפּובליק, אין יאַנואַר 1934. ער האָט אין אַוגוסט באַזוכט די קורסן פאַר מלוכה־וויסנשאַפט, וואו שפּאַנישע סטודענטן האָבן דערקלערט די פּויערים וועגן שפּאַניעס שכנים איבער דער וועלט. און די ליבטיקע געשטאַלט פון פּרעזידענט רוזוועלט, דעם מוטיקן, קראַנקן פּאַטריאָט פון זיין פאָלק, האָט זיך אים איינגעבאַקן אין האַרצן. אַ ראיה האָט איר: „הוואַרער מוי מאַלאַ״ — זייער אַ שלעכטער. די אַלטע טונקעלע אויגן פון דעם אַנדאַלוזיער בליצן־אויף אין אַ גליקלעכן שמייכל. די האַנט שטרעקט זיך אויס צו די פעלדער און וויינגערטן־און אַליוון־ביימער. די ערד איז אונדזערע. מיר׳ן זי פאַרטיידיקן, נאָר גיט אונדז געווער. און שולן פאַרן פאָלק. מיר הייצן מיט שטרוי, מיר׳ן נישט לאָזן אָנרירן אַ בוים״. און ער ווערט טרויעריק. און מיט אַ פּלוצימדיקן כעס זאָגט ער: „הערט זיך צו, קאַמאַראַדאַ: דער דייטשער גענעראַל קייטעל האָט באַפוילן אין אַנדאַלוזיע, אַז די פּויערים זאָלן אויסהאַקן אַליוון־ביימער פאַר די נאַצישע אָקאָפּעס. האָבן זיך די פּויערים אָפּגעזאָגט עס צו טאָן, ווייל די אַליוון זיינען אונדזער שפּייז, אונדזער מאַמע. האָט ער דערקלערט, אַז ער וועט יעדן צענטן דער־שיסן פאַר אַן אָפּזאָג. און ער האָט דערשאָסן פינף פּויערים. די איבעריקע האָבן זיך אָפּגעזאָגט עס צו טאָן. ער האָט דערשאָסן נאָך דריי. דאָס דאָרף איז געשטאַנען ווי אַ שטיין האַרט. דער גלח איז געפאַלן פאַר אים אויף די קני. געבעטן. מען האָט דערשאָסן נאָך צוויי. ווען דער גענעראַל קייטעל האָט געזען, אַז די פּויערים האַקן נישט די ביימער, האָט ער גענומען נאַציס און זיי האָבן אָפּגעראַמט דאָס דאָרף פון די אַליוון־ביימער. ,אהאַראַ עס וואַנ־דאַלוזיאַ׳. איצט רופן מיר די פּראָווינץ ,וואַנדאַלהיאַ׳, פון וואַנדאַל קייטעל!״

איצט איז 1954. גריכנלאַנד איז געפאַלן אַלס פאָלקס־דעמאָקראַטיע. אַזוי אויך שפּאַניע. און נאָך פאָלקס־רעגירונגען. גוואַטעמאַלא נישט לאַנג צוריק. ווייל אויך דאָרט האָט מען געגעבן לאַנד צו פּויערים. „לא טיעררא״. לאַנד, וואָס ווערט פון ערד אַ מלוכה.

אין די ליימענע כאַטעס פון דער פּראָווינץ קאָרדאָבאַ, אין די פיר פעלע־קער באַדעקט מיט אַ פּלאַכטע אין די פּאַמפּאַס פון אַרגענטינע, אין די דזשאַנגל־באַסן פון אינדאָ־כינע קלאַפּן מענטשלעכע הערצער און הערן זיך צו צו זייערע לידער בעת דער אַרבעט. צו די לעגענדעס און מעשים פון דור צו דור. זיי שמידן־אויס זייער ווילן. זיי שטאַרקן איינער דעם אַנדערן. און אַ קינד הערט זיך צו און טראַכט און אין אַ געוויסן טאָג ווערט פון קינד אַ פאָלקס־העלד. און ער גיט דעם פאַרפּייניקטן פאָלק די געבענטשטע מתנה — ערד!

באַברוש ניסנבוים

כדי צו דערגרייכן די הויכע קונסט פון לעבן אין אַ צעפּוילטער, געמיינער וועלט, אַזוי ווי זי וואַלט שוין געווען אַ נייע, אַ פּאָלקאָמנע, מוז מען דורכגיין אַ זייער לאַנגן לעבן פול מיט איבערבוי און זעלבסט־קריטיק; מוז מען האָבן אַן אײַזערנעם ווילן און אַ גוואַלטיקע, טיפע ליבשאַפט צו די אויף וועלכע עס גייט דאָס פאָלק. מען מוז האָבן אַן ערלעכע, אויסגעהאַלטענע אידעאָלאָגיע.

ברוך ניסנבוים איז געווען דאָס פינפטע קינד ביי זיין מאַמען, אַן אַלמנה פון אַ בעל־מלאכה, אויף מוראַנאָווער גאַס, וואַרשע. מען האָט אים גערופן מיטן פאַרצערטלטן נאָמען באַברוש. די וואַרשעווער געטאָ, דער ברודיקער הויף, מיט דעם לאָקאַלן טיראַן, דער אַלמעכטיקער „סטרוזש", וואָס האָט געיאָגט די קינדער פון די יידישע דאַך־שטיבעלעך צוריק אין די ענגע־דושנע חדרים, — זיינען געווען זיינע ערשטע דערציאונגס־עטאַפּן.

זיין עלטערער ברודער, אַ יוגנטלעכער מעטאַל־אַרבעטער, מיטגליד און אַקטיוויסט פון פּראָפעסיאָנעלן מעטאַליסטן־פאַראיין, איז געווען זיין וועגווייזער אין אָפּגאַט... און ווען באַברוש איז אַלט געווען דרייצן יאָר און האָט שוין צוגעטראָגן דער מאַמען אַ פּאָר גראָשן, וואָס ער האָט „פאַרדינט" אַלס שיק־ייִנגל אין אַ געוועלב, איז דער געליבטער ברודער דערשאָסן געוואָרן פון דער פּוילישער פּאָליצי אויף אַן ערשטן מאַי מיטינג.

דער טויט פון דעם ברודער האָט אומגעהויער שווער געווירקט אויף באַברושן. ער האָט פרי דערפילט דעם טעם פון דעם פאַשיסטישן רעזשים אין פּוילן. נאָך לאַנג איידער די וועלט האָט עפּעס געלייענט וועגן היטלערס „מיין קאַמף", איידער די אײַזערנע גוואַרדיעס און שוואַרצע העמדלעך האָבן דערגרייכט די שפּאַלטן פון די זאַרגלאָזע, באַלעבאַטישע בלעטער, האָט באַברוש שוין געשפּירט אויף זיין קינדערשן רוקן די קלעפּ פון דער פּאָליציי, הונגער און קעלט, ווען ער איז אין אַ לייכטן רעקל געלאָפן אָפּטראָגן די פּעקלעך פאַר זיין שלאָסער־מייסטער. באַברוש איז אַריין אין דער אומלעגאַלער קינדער־אָרגאַניזאַציע פון די „פּיאָנערן", כדי נאָכצופאָלגן דעם וועג, וואָס זיין ברודער איז געגאַנגען, דעם וועג פון זיינע אומצאָליקע עלטערע קלאַסן־ברידער, דעם וועג פון קאַמף פאַר זון, פאַר בילדונג, פאַר פרייהייט און רעכט... ער איז געוואָרן איינער פון די בעסטע קעמפער אין דער יוגנט־אָרגאַניזאַציע.

מען האָט באַברושן זייער גוט געקענט אין וואַרשע. מען האָט אים אומעטום געזען: אויף אַ פּיקעט־לאַין, אויף אַ גאַסן־מאַניפעסטאַציע, אויף אַ

טעאַטער־גאַלעריע, ווען מען האָט געדאַרפֿט פֿאַרשפּרייטן אַ בלעטל פֿון זיין אומלעגאַלער גרופּע; שטענדיק אין די פֿאָדערשטע ריען, מיטן געזאַנג פֿון אַרבעטער־לידער אויף די ליפּן. און אַלע האָבן אים געקענט: אפילו די פֿאַרקויפֿער אויף די „סטראַגאַנעס", וועמעס ביסל סחורה ער פֿלעגט מיט חברים פֿאַרטיידיקן בעת אַ פּאָגראָם פֿון די ענדעקישע פֿאַשיסטישע „נאַראַ"־לייט; אפילו די פֿריזירער (באַרבער), וועלכע ער האָט אָרגאַניזירט אין אַ פֿאַראיין און געפֿירט זייער סטרייק צום זיג.

באַברוש איז געזעסן אין דער תּפֿיסה אין פּלאָנסק. דאָרט האָט ער אָנגעפֿירט מיט אַ הונגער־סטרייק פֿאַר בעסערע באַדינגונגען קעגן דעם ברוטאַלן תּפֿיסה־טעראָר. אַ קראַנקן און אויסגעמאַטערטן פֿון קאַרצער, האָט מען אים אַריבערגעפֿירט אין דער וואַרשעווער תּפֿיסה. דאָרט האָט מען אים באַטראַכט ווי אַן אָנפֿירער פֿון אַלע בונטן און סטרייקס און מען האָט אים פֿאַרבאָטן צו זען זיין מאַמע. מען האָט אים געהאַלטן ווייטער אין קאַרצער. מען האָט אים געשטראָפֿט מיט נישט אַרויסלאָזן אים אויף די קלאָגעדיקע פֿינף מינוט „שפּאַציר" איבער דעם תּפֿיסה־הויף, מיט די פֿענצטער פֿון קאַמערן, הינטער וועלכע קעמפֿער האָבן געוואַרט אויפֿן טויט־משפּט.

ווען באַברוש איז אַרויס פֿון דער תּפֿיסה, האָט ער זיך מיט אַ פֿרישער לײַדנשאַפֿט אַרײַנגעוואָרפֿן אין דער אַרבעט: אין דער יוניאָן פֿון די מעטאַל־אַרבעטער. מען האָט אים ווידער אַרעסטירט און געהאַלטן אין קאָנצענטראַציע־לאַגער פֿון קאַרטוז־בערעזאַ, מיט די שוידערלעך־באַרימטע אינקוויזיציעס. נאָך דעם לעצטן זשאַנדאַרמען־קאָנטראָל, עלף אַזייגער בײַנאַכט, פֿלעגט באַברוש, מיט נאָך עטלעכע אַרעסטירטע, ביים שיין פֿון אַ שוועבעלע, אַרויסשלעפּן מיט טויזנט פֿאַרזיכט־מיטלען, פֿון אונטער דעם שעניק, פֿון אונטער דעם צעפֿוילטן אַרעסטאַנטסקן ביסל שטרוי, אַ שטיקל גרויע, צעפֿליקטע פּאַפּיר — די מאַפּע. אַליין אָנגעוואָרפֿן לויט די זכרונות פֿון שול, פֿון דעם טייערן געליבטן לאַנד, וואָס האָט לײַדנשאַפֿטלעך געקעמפֿט און געבלוטיקט פֿון טויזנט וואונדן צוליבן פֿאַשיזם: שפּאַניע!

אַלע בלוטיקע קלעפּ, אַלע דערנידערונגען, אַלע רציחות, האָט דאָס יידישע אַרבעטער־ייִנגל אַריבערגעטראָגן, נישט געבראָכן און נישט דערשלאָגן, מיט דער ליכטיקער פּערספּעקטיווע צו גיין שלאָגן דעם פֿאַשיזם, דאָרטן וואו עס טוט אים אַממערסטן וויי: אין שפּאַניע! אין דעצעמבער 1936 איז באַברוש אַוועק איבער די טשעכיש־פּוילישע בערג, איבער אָפּגרונטן און וועלדער, קאַנאַוועס און פֿאַרפֿרוירענע טייכלעך, איבער שווייצאַרישע ווייטע, פֿאַרשנייטע אַלפּן־דערפֿער, איבער עסטרייכישע שטעט און שטעטלעך; זיך געוואַלגערט אין ווינער און פּראַגער תּפֿיסות, אַלס אַ וואַגאַבונד, אָן פּאַפּירן, אונטער דער גרויזאַמער געפֿאַר דעפּאָרטירט צו ווערן צוריק

אין פוילן; געשלאָפן אין פּראַסט אויף די בענק פון דעם ווינער „פּראַטער״, דעם ווינער קאָני־אײלאַנד, נישט האָבנדיק קיין אַדרעס צו קיין פריינט, ווייל דאָרט האָט שוין געבושעוועט די פאַשיסטישע, היימישע רעאַקציע. פאַר־האַלטן אין בערן, שווייץ. נאָך צען וואָכן אַפּגעזעסן אין תפיסה, מיט איין גרויסן ציל: שפּאַניע, פאַר די ליכטיקע אויגן. סוף־כּל־סוף אָנגעקומען אין פראַנקרייך, זיך פאַרדינט די רייזע דורך אַרבעטן אין פרילינג 1937 אויף די עלזאַסער פעלדער, ביי פּויערים.

דאָס איז געווען דער וועג פון ברוך ניסנבוים.

⁂

אַ סך אינטערנאַציאָנאַלע פרייוויליקע האָבן דורכגעמאַכט אַ שווערע, פיינלעכע רייזע פון זייערע ווייטע לענדער קיין שפּאַניע. אָבער די רייזע פון באַברושן איז איז געווען די לענגסטע און די שווערסטע.

ווי גרויס איז אָבער געווען זיין שמחה, ווען ער האָט דערזען די גאַסן פון פּאַריז און זיך דערוואוסט, אַז ער קאָן באַלד פאָרן ווייטער. אַ קלייני־קייט איז שוין פאַר אים דער אומלעגאַלער וועג איבער די פּערינייער בערג, איבער שאַרפע פעלזן־שפּיצן, ווייל עס איז שוין געווען 1937 און אין לאָנדאָן איז שוין געזעסן טשעמבערלעינס און בלומס „ניט־אינטערווענציע קאָמי־טעט״, און פריי האָבן בלויז געקאָנט אַריין אין שפּאַניע די פאַשיסטן און נאַ־ציס... אָבער נישט די אַנטי־פאַשיסטן...

נאָך עטלעכע וואָכן מושטירן זיך אין אַ מיליטערישן לאַגער און אַביסל אינסטרוקציעס אין פראָנט־ענינים איז באַברוש, אין מאַי 1937, אַוועק אויפן פראָנט צוזאַמען מיט דער דריטער אָפּטיילונג פון דער „דאָמבראָווסקי־ברי־גאַדע״. שפּעטער איז ער אַריין אין דעם באַטאַליאָן „פּאַלאַפאָקס״, אין וועלכע עס איז אָרגאַניזירט געוואָרן די ייִדישע מיליטערישע איינהייט: די „באָטווין־ראָטע״. באַברוש האָט זיך געפונען צום ערשטן מאָל אין זיין יונגן לעבן אין זיין ריכטיקן עלעמענט. ער האָט דאָ אָנגעטראָפן אַ מאַסע ייִדישע און פּוי־לישע פריינט. ער האָט באַלד גענומען אַן אינטענסיוון אָנטייל אין דעם קול־טורעלן און פּאָליטישן לעבן פון דעם באַטאַליאָן. אָרגאַניזירט די באַרימטע צייטונג פון די אַקאָפּעס „נאָפּשור״ (פאָראויס), „אַדעלאַנטע״, אין שפּאַניש. אָרגאַניזירט די פּאָליטישע צוגרייטונג צו דער אָפענסיווע פון פרילינג 1937 אין הועסקאַ; מיטגעמאַכט די ערשטע שווערע שלאַכט, וואו עס זיינען גע־פאַלן פיל פון זיינע קאַמפס־חברים, צווישן זיי דאַווידאָוויטש און אינזעל־שטיין פון טשענסטאָכאָוו; דערמוטיקט די חברים צו ווייטערדיקער אַרבעט איבער זיך, אָרגאַניזירט די געזונט־און סאַניטאַר־דינסט פון דעם באַטאַליאָן. אַריין אין דער פראָנט־שול זיך לערנען די געשיכטע פון שפּאַניע.

און עס איז געקומען די שלאַכט ביי סאַראַגאָסאָ, וועלכע האָט געדאַרפט אָפּרוקן פראַנקאָס מאַדרידער קאַמפּס־ליניע אויף אַכציק מייל פון דער באַלאַגערטער הויפּט־שטאָט. באַברוש האָט זיך געגרייט צו דער שלאַכט, ווי צו אַ לעבנס־אויפגאַבע. ער האָט געזען מאַדריד, די לעגענדאַרישע, פון קינדער־און פרויען־אויפגעבויטע באַריקאַדן־פעסטונג, וועלכע פראַנקאָס און מוסאָליניס גרויסע כוחות האָבן צוויי מיט אַ האַלב יאָר נישט געקאָנט נעמען און וועלכע איז אַריין אין דער געשיכטע פון מלחמות אַלס אַ סטראַטעגישער העלדישער וואונדער... ער האָט געזען די העלדישע באַפעלקערונג אירע, ווי זי אַרבעט אין די פאַבריקן בעת די שאַרפסטע באָמבאַרדעס. באַברוש האָט זיך אָנגעגליט, ווי אַ פרוכט אונטער דער זון, מיט אַ פייער פון זיג און מאַרטירערטום.

**
*

דער באַטאַליאָן „פּאַלאַפאָקס“ איז געגאַנגען פאָראויס, זיך אַריינגעריסן טיף אין דעם פאַשיסטישן הינטערלאַנד. פון דעם רעכטן פלאַנק איז געגאַנגען דער באַטאַליאָן „דאָמבראָווסקי“, פון דעם לינקן האָט געדאַרפט אונטערקומען דער אונגאַרישער טייל, די אָפּטיילונג פון „ראַקאָשי“. באַברוש איז געגאַנגען מיט זיין קוילנוואַרפער־בריגאַדע. די מאַראָקאַנער, ניט דערוואַרטנדיק אַזאַ אימפעטיקן אָנפאַל פון די פוילישע באַטאַליאָנען, וועלכע האָבן די טיפער־געלעגענע פאַשיסטן איבערראַשט מיט אַ קאָנצענטרירטן פייער, האָבן גענומען לויפן אין פאַניק. דריי מעת־לעת האָבן אונדזערע העלדישע כוחות זיי געטריבן. זיי האָבן אָנגעטראָפן גרויסע זאַפאַסן עסנוואַרג אין די פאַשיסטישע סקלאַדן און קיכן.

זיי זיינען אַריין אין די אַראַגאָנער דערפלעך, וואו די פויערים זיינען זיי געלאָפן אַנטקעגן און צווישן וועלכע זיי האָבן געטיילט די רייכע פּראָדוקטן. זיי האָבן זיך אָבער צו ווייט אַריינגעריסן און דערזען, אַז זיי זיינען ווייט, ווייט אין שונא'ס לאַנד. די נייטיקע אונטערשטיצונג איז אַזוי שנעל ניט געקומען. זיי האָבן אָנגעטראָפן פאַשיסטישע פּאַטרולן און זיי גענומען אין געפאַנגענשאַפט. אָבער באַלד האָבן זיי געזען, אַז די פאַשיסטן קומען אָן אין גרויסע מחנות. נישט וועלנדיק זיין אַרומגערינגלט, האָבן זיי, לויטן באַפעל פון זייער פירערשאַפט, זיך אַביסל צוריקגעצויגן אין שוץ פון די בערג. דער באַטאַליאָן „ראַקאָשי“ איז נאָך אַלץ נישט געווען.

און דאָ איז באַברושן צוגעפאַלן די העלדישע היסטאָרישע מיסיע: צו באַשיצן מיט די קוילנוואַרפערס דעם ריקצוג פון דעם באַטאַליאָן „פּאַלאַפאָקס“. מיט אַ געוואַלטיקן מוט האָט דער באַטאַליאָן געטאָן זיין אַרבעט, זיך דורכגעריסן, אין 72־שעה'דיקע קאַמפן, דורך די שוין רעאָרגאַניזירטע,

איבערמעכטיקע כוחות פון די פאַשיסטן, און צוריקגעקומען אין קאָנטאַקט מיט דער בריגאַדע, צו וועלכער עס איז אויך געקומען דער „ראַקאָשי". זיי זיינען געווען פיר מייל פון סאַראַגאָסאַ...

באַברוש האָט ווי אַ לייב, דער לעצטער, מיט אַ הייפל קוילנוואַרפער־שיסער, געדעקט דעם צוריקגאַנג פון דעם באַטאַליאָן. עס איז געוואָרן אַלץ ווייניקער און ווייניקער חברים אַרום אים. מען האָט באַוויזן אַוועקצוטראָגן די פאַרוואונדעטע. די פאַשיסטן זיינען געוואָרן אַלץ נאָענטער און נאָענטער. דער באַטאַליאָן איז אַוועק. די לענטע איז געוואָרן קלענער. זינגענדיק דעם „אינטערנאַציאָנאַל" האָט באַברוש געקאָסעט די מאַראָקאַנישע מחנות, וואָס זיינען געלאָפן אַנטקעגן. אַרום אים זיינען געפאַלן חברים.

פלוצלינג איז דאָס ליד אַנטשוויגן געוואָרן.

אַ קויל האָט געטראָפן באַברושן אין קאָפּ, ווי מיט דרייצן יאָר צוריק זיין ברודער אין וואַרשע, אויף גזשיבאָווסקע גאַס... אויף אייביק האָבן זיך געשלאָסן די בלויע, ליכטיקע אויגן פון וואַרשעווער יידישן יינגל, פון געטאָ־קינד, וואָס האָט אַמבעסטן צווישן די בעסטע, געשטעלט אַ ברענענדיקן ווידערשטאַנד די בעסטיעס פון פאַשיזם.

ער איז געפאַלן ווייט פון זיין מוראַנאָווער גאַס, פון די חברים פון שלאָסער־וואַרשטאַט, פון דעם פינצטערן שטיבל אין הויף. . זיין יונגער קערפּער איז געלעגן אויף זיין „מאַקסים", דעם קוילנוואַרפער...

מאַדריד, 1938.

דאָס ליד פון דער יוגנט

פון הימל האָגלען באָמבעס. סאָלידע, גראָבע מויערן פאַלן ווי קאָרטן־הייזלעך. מענטשן שטראָמען אין אַ פּאַניק אונטער דער ערד — אין סאָבוועי־סטאַנציעס: מאַדריד בעת אַ לופט־אַטאַקע.

און אין סאַמע מיטן שטאָט, אין דעם אַמאָליקן מיניסטעריום פאַר אויפקלערונג, אין אַ גרויסן האָל, דעקאָרירט מיט רויטע פאָנען, לענטעס, פּלאַקאַטן, האָט זיך פאַרזאַמלט די קאָנווענשאָן פון דער „מאַדרידער יוגנט־אָרגאַניזאַציע" („ליאַנצאַ דע לאַ כואווענטור מאַדרילענאַ"), צונויפגערופן פון די „פאַראייניקטע סאָציאַליסטישע יוגנט־פּאַרטייען", דעם 3טן און 4טן אַפּריל (1937). דעם רוף האָבן מאַסנהאַפט אויפגעכאַפּט יוגנטלעכע פון אַלע סעקציעס פון דער לאָיאַליסטישער שפּאַניע און פון מאַדריד. אַלע פּאָליטישע גרופּירונגען זיינען געווען פאַרטראָטן — איינגשליסנדיק ליבעראַלע און בירגערלעכע עלעמענטן. זיי זיינען געקומען אויסדריקן דעם קאַטעגאָרישן פאַר־

לאַנג פון דער שפּאַנישער יוגנט, אַז אַלע פאָלקס־כוחות, וואָס זיינען צעשפּרייט אין די צענטראַלע סינדיקאַטן און פּאָליטישע פּאַרטייען זאָל דערווייל לאָזן צורו זייערע אידעאָלאָגישע אונטערשיידן און זיך פעסט פאַראייניקן כדי צו פאַרטרייבן דעם פאַשיסטישן אָנפאַלער, פאַרניכטן די אַרויסהעלפער זיינע און איינפירן די סאָציאַלע איבערבייטן, וואָס צייט און פאָלק פאַרלאַנגען.

ביי דער ערשטער זיצונג האָט גענעראַל מיאַכאַ, דער הויפּט־קאָמאַנדיר פון צענטראַל־שפּאַניע, באַמערקט, וואָס די באַפעלקערונג פון מאַדריד האָט שוין באַקומען פון דער מאַדרידער יוגנט און וואָס מען דערוואַרט נאָך פון איר.

איר גרויסער פירער, קאַרילאָ, האָט גערעדט וועגן דעם, ווי אַזוי און פאַרוואָס עס האָט זיך צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון שפּאַניע, פנים אל פנים געטראָפן די יוגנט מיט איר פאָטערלאַנד...

עס זיינען געקומען צום קאָנגרעס מענער פון די פראָנטן און פון די שטעטלעך הינטער די ליניעס פון פייער.

דער באַליבטער קאָמענדאַנט ליסטער, דער העלד פון כאַראַמאַ און גוואַדאַלאַכאַראַ, דער קאָמענדאַנט אַלקאַלדע און אַ סך אַנדערע, מיליציאָנערן און ציווילע האָבן ליידנשאַפטלעך גערעדט צו דער פאַרזאַמלטער, אין שלאַכט געשטאָלטער און פאַרהאַרטעוועטער שפּאַנישער יוגנט, וואָס מען מוז נאָך טאָן כדי צו זיגן.

עס איז געקומען אַן אַרבעטער פון אַן אַמוניציע־פאַבריק, אַ סטאַכאַנאָוועץ, פון די מוטיקע בערג־מענטשן, די באַסקן, און האָט געזאָגט, אַז זיין פאַבריק פלעגט אויסאַרבעטן דריי הונדערט באָמבעס אַ טאָג פריער, איצט האָט מען די פּראָדוקציע פאַרדרייפאַכט און באַלד וועט מען זי פאַרפינפפאַכן.

בעת אַן איבעררייס האָט דער זון פון אַמאָליקן פּרעזידענט פון שפּאַניע, אַלקאַלאַ זאַמאָראַ, וועלכער איז געווען פאָרזיצער, פאַרטיילט אויסצייכענונגען צו די בעסטע גרופּעס יוגנט־שלאָגלער אויף אַלע געביטן.

די גרעסטע אָוואַציע האָט באַקומען דער ליבלינג פון דער מאַדרידער יוגנט, דער פּאָפּולערער פאָלקס־קינסטלער באַרדאַסאַנאָ, וועלכער האָט באַשיינט די גאַסן פון מאַדריד מיט הערלעכע פּלאַקאַטן און בילדער וועגן דעם יוגנט־צוזאַמענפאָר.

דער צוזאַמענפאָר איז געווען אָנגעפילט מיט אַ טיפן געפיל פון פאַראַנטוואָרטלעכקייט. אַלע האָבן אונטערגעשטראָכן, אַז מען מוז אַרבעטן מער און אַלע מאָל בעסער צו געווינען די מלחמה און צו נעמען די גערעכטיקייט אין האַנט. עס איז געווען רירנדיק און גראַנדיעז צו זען, ווי מאַסן־רעדנער, דאָ געבוירענע, דאָ פאַרהאַרטעוועטע, איבערנאַכט דערוואַקסענע,

האָבן מיט ערנסט און ענטוזיאַזם צוגעזאָגט צו פאַרוואַנדלען די נאַציע — אין העלדן.

עס איז דאָרטן אויך געווען אַ ריי אויסלענדישע דעלעגאַציעס. מען האָט אָפּגעגעבן פּלאַמיקע גרוסן פון דעם סאָוועטן־פאַרבאַנד, וועלכע עס האָבן באַזוכט די רעוואָלוציאָנערע שרייבער פון שפּאַניע, מאַריאַ טערעסאַ לעאָן און ראַפאַעל אַלבערטי.

עס האָט אויך גערעדט אַ פאָרשטייער פון דער אַרגענטינער דעלעגאַציע פון אינטעלעקטואַלן־אַנטי־פאַשיסטן, פּראָפעסאָר דר. גרעגאָריאַ בערמאַן, צו־זאַמען מיט די אַרגענטינער שרייבער גאָנסאַלעז סימאָן און קאָרדאָוואַ איטאַר־בירו. פון דער יוגנט קומען אַרויס באַליבטע פירער, די בעסטע אַרבעטער, די פּאָליטישע קאָמיסאַרן, קאָמאַנדירן, העלדן. די יוגנט גיט שוין מער ווי רעדעס...

מאַדריד, 1938.

אַ יאָרטאָג פאַר אַלע פעלקער פון דער וועלט

דעם 18טן יולי, 1936, איז די גאַנצע וועלט אויפגערודערט געוואָרן דורך די נייעס: אַן אויפשטאַנד אין דריי גרויסע שטעט פון שפּאַניע — מאַדריד, וואַלענסיאַ און באַרצעלאָנאַ.

פאַר דעם דורכשניטלעכן לייענער אין אַמעריקע איז עס געווען נאָך אַן אויפשטאַנד, נאָך אַ מיליטערישער רעוואָלט אין אַ היספּאַנאָ־בלוטיק, טעמ־פּעראַמענטפול, לאַטייניש־באַפעלקערט לאַנד. טעלעגראַמעס, וועלכע האָבן געמאָלדן, אַז אָפיצערן האָבן זיך פאַרשפּאַרט אין קאַזאַרמעס און האָבן גע־צוואונגען די סאָלדאַטן צו שיסן אין פאָלק; ווען עס האָבן זיך סטיכיש אָר־גאַניזירט אין באַרצעלאָנאַ „פאָלקס־מיליציאָנערן״ פון יוניאָן־מיטגלידער און ווען אַלע פּאַרטייען פון פאָלקס־פראָנט האָבן זיך גענומען באַוואָפענען מיט געווער פון די איבערגענומענע אַרסענאַלן קעגן דער פאַשיסטיש־פּריצישער רעוואָלט־גרופּע, איז געוואָרן קלאָר די לאַגע.

⁂

די ספּאָנטאַן־אָרגאַניזירטע פאָלקס־פאַרטיידיקונג אין די גרויסע שטעט פון צענטראַל־שפּאַניע האָט אונטערדריקט דעם רעוואָלט.

די ים־פּראָווינצן פון אירון, סאַנטאַנדער, בילבאַאָ, וואַלענסיע, באַרצע־לאָנאַ און מאַלאַגאַ, אויך מאַדריד, טאָלעדאָ און די אַסטוריאַס, זיינען געבליבן אין די הענט פון די רעפּובליקאַנער.

מאַדריד האָט דער שונא קיינמאָל ניט גענומען...

אַן אומבאַשרייבלעכער ענטוזיאַזם, אַ בוכשטעבלעכע פאַראַכטונג צום טויט האָט באַהערשט דאָס פאָלק. דער טויזנט־יאָריקער האַס פון שפּאַנישן פויער צו זיינע פינצטערע שונאים, די סעניאָריטאָס (פּריצים) און צו דער לאַנד־פּאָליציי — גאַרדאַ סיווייל" — האָט געפונען אַן אויסדרוק אין דעם העל־דישן, איבערמענטשלעכן קאַמף, וואָס די וועלט האָט דערזען. שפּאַניע איז געוואָרן דער צענטער פון דער ליבשאַפט און זאָרג, פון אויפמערקזאַמקייט און סאָלידאַריטעט־געפיל פון אַלע ערלעכע, פּראָגרעסיווע מענטשן אויף דער וועלט.

שפּאַניע איז געוואָרן דער ערשטער עטאַפּ פון מאַסן־קאַמף קעגן פאַשיזם אין דער גאַנצער וועלט, ניט בלויז קעגן איר היימישן פאַשיזם אין זיין ברוטאַלסטער פאָרם, מיט די מאַסן־עקזעקוציעס אין די שטעט באַראַכאָס, בורגאָס, קאַסערעס, בילבאַאָ, מאַלאַגאַ (נאָך זייער פאַלן אין די הענט פון די פראַנקאָ־לייט); ניט בלויז איז שפּאַניע געוואָרן דער ערשטער עקספּערימענט פון דעם פאַשיזם צו דערמאָרדן אין טייכן בלוט יעדן רעפּובליקאַנישן געזעצ־לעכן געדאַנק, נאָר שפּאַניע איז געוואָרן דער ערשטער צענטער פאַר פאַשי־זירן אייראָפּע.

דער אויפשטאַנד פון די פיר שפּאַנישע פאַשיסטישע גענעראַלן: פראַנקאָ, מאָלאַ, קיעפּאָ־דע־לאַנאָ און אַראַנדאַ איז געווען זאָרגפול און פון לאַנג צו־געגרייט פון דער רוים־בערלין אַקס און שפּעטער — פון דער לאָנדאָן־פּאַריז פּאַרטנערשאַפט...

אין שפּאַניע איז אָנגעהויבן געוואָרן דער פּלאַן פון היטלערס „מיין קאַמף" צו פאַרוואַנדלען אייראָפּע אין אַ פאַשיסטיש־דאָמינירטער מלוכה־קאָרפּאָראַציע, און דער אינטערנאַציאָנאַלער קאַפּיטאַל האָט געשטיצט מיט אַלע כוחות די האַזיקע בלוטיקע וועלט־אונטערנעמונג.

די פאַשיסטן פון לאָנדאָן און פּאַריז האָבן מיט אַלע כוחות געאַרבעט אין דעם לאָנדאָנער, טרויעריק־באַרימטן „ניט־אינטערווענציע קאָמיטעט", סאַבאָטאַזשירנדיק די גערעכטע פאָדערונגען פון דעם סאָוועטישן פאַרטרעטער אָפּצושטעלן דעם צופלוס פון די אויסלענדישע אַרמייען און אַמוניציע קיין פראַנקאָ'ס שפּאַניע. נאָך אַן אינספּירירנדיקער באַווייז פון אַ וואַקסנדיקער מאַכט פון אַ פאָלק, פון אַן אומבאַזיגבאַר פאָלק — אויב דאָס פאָלק איז פאַר־איייניקט. און דערפאַר בלייבט דאָס וואָרט פון סטאַלינען בנוגע שפּאַניע ריכ־טיק אין אַלע צייטן. סטאַלין האָט געזאָגט אין 1936: „די אָנגעלעגנהייט פון שפּאַניע איז נישט די פּריוואַטע זאַך פון די שפּאַניער אַליין — דאָס איז די אָנגעלעגנהייט פון די פאָלקס־מאַסן פון דער גאַנצער וועלט".

די לאַיאַליסטישע שפּאַניע האָט אין סאַמע ברען פון דער מלחמה פאַר איר פרייהייט איינגעפירט אַ ריי פּראָגרעסיווע סאָציאַלע רעפאָרמען אין לאַנד: די רעגירונג פון פאָלקס־פראָנט האָט געגעבן ערד די פויערים, פון די גרויסע „עסטאַנסיאָס" — די גיטער פון די אַנטלאָפענע פּריצים. זי האָט איינגעפירט אַ מינימום־לוין פאַר אומקוואַליפיצירטע־אַרבעטער; זי האָט איינגעפירט שולן, שפּיטעלער און באַוואַסערונג אין די אָפּגעשטאַנענע טיילן פון לאַנד. זי האָט אָרגאַניזירט פעלד־אַרבעט מצד די פאָלקס־אַרמייער בעת אַ שטילשטאַנד הינטער די פראָנטן. זי האָט רעאָרגאַניזירט און געשאַפן אַ קולטורעלע, דיסיציפּלינירטע, העלדישע פאָלקס־אַרמיי פון איבער אַ מיליאָן סאָלדאַטן, פאָלקס־סאָלדאַטן, נישט זעלנער.

***

די שפּאַנישע פאָלקס־רעגירונג האָט אין דעם ברען פון דער מלחמה אַרויסגעלאָזט אַ היסטאָרישן רוף צו די ספרדישע יידן, וועמעס זיידעס עס זיינען געצוואונגען געווען צו פאַרלאָזן שפּאַניע מיט 450 יאָר צוריק, זיך אומצוקערן און לעבן אין דעם פרייען שפּאַניע.

די שפּאַנישע פאָלקס־רעגירונג האָט געגעבן אַ היים צו 28 טויזנט יידן פון פוילן, דייטשלאַנד, עסטרייך, אונגאַרן, באַלד נאָכן זיג פון פאָלקס־פראָנט ביי די וואַלן פון 16טן פעברואַר, 1936.

***

גרויס איז געווען דער קאַמף פאַר שפּאַניעס פרייהייט, קעגן פאַשיזם, אַנטיסעמיטיזם, ראַסיזם און קנעכטשאַפט. מענער און פרויען פון 52 לענדער זיינען געקומען העלפן אין דעם גראַנדיעזן קאַמף. די פויערים פון שפּאַניע, וואָס האָבן צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון זייער לאַנד באַקומען ערד און ברויט צו זאַט, האָבן מיט דאַנקבאַרקייט געבראַכט זייערע זין צו דעם רעקרוטן־פּלאַץ:

נעמט זיי, הברים, צו פאַרטיידיקן אונדזער האַרף, אונדזער פרייהייט.

די אַלטע פויערטע, מאַנועלאַ האַרטעס, פון דער פּראָווינץ גאַליסיאַ, איז געוואָרן דער סימבאָל און דאָס בילד אויף אַלע פּלאַקאַטן, ווען זי האָט פאַר דער עברא־אָפענסיווע, אין יולי 1938, געבראַכט אַ יונגן, שלאַנקן ברוין־אָנגעברענטן בחור פון 19 יאָר און געזאָגט:

„עס מי אוטליטמאַ איכאַ — לאָס קוארטעס האַן קאַידאַ; וועגגאַ, דע־

פּעטדעמי״ (עס איז מיין לעצטער זון — פיר זיינען געפאַלן; גיי, קינד, פאַרטיידיקן דיין מאַמען).

**
*

גרויס איז געווען די ליבשאַפט און דאַנקבאַרקייט פון דעם שפּאַנישן פאָלק צו זייערע אינטערנאַציאָנאַלע פאַרטיידיקער — די בריגאַדן.

היילי̈ק און ריין איז געווען די אויפגאַבע פון די קעמפער אין אַפּרייניקן די שפּאַנישע ערד פון די בלוטיקע שטיוול פון די פרעמדע אָקופּאַנטן און זייער געצייג — פראַנקאָ.

געאייניקט און ברידערלעך זיינען געווען די רייען פון די אינטערנאַציאָנאַלע קעמפער. מיט אַ טאָפּלטן ברען און מיט ווילן צום קאַמף האָבן געענטפערט די באַרצעלאָנער אַרבעטער און פאָלקס־מאַסן אויפן טראָצקיסטיש־אַנאַרכיסטישן אויפשטאַנד אין מאַי 1937. מיט טרערן פון פיין האָבן אַלטע שפּאַנישע וועטעראַנען זיך געזעגנט אין אָקטאָבער 1938 מיט די „אינטערנאַציאָנאַלע״ קעמפער, ווען זיי זיינען דורך אַ דעקרעט פון נעגרין אַראָפּ פון פעלד (דעם 22טן סעפּטעמבער, 1938), ווען די רעגירונג האָט אַזוי־אַרום געוויזן די פאַשיסטן, אַז זי קאָן שוין היינט קעמפן אָן דער הילף פון די חברים־אינטערנאַציאָנאַלן און ווען זי האָט דערמיט געוואָלט ווייזן אַ ביישפּיל דער לאָנדאָנער „ניט־אינטערווענציע קאָמיטע״, כדי צווינגען דייטשלאַנד און איטאַליע צו טאָן דאָס זעלבע.

**
*

מאַיעסטעטיש און חבר׳יש איז געווען די לוויה פון כאַסקל האָניגשטיין, דעם יידישן קעמפער פון לובלין, וואָס איז אַלס לעצטער „אינטערנאַציאָנאַלער״ געפאַלן אויף די פעלדער פון קאַטאַלאָניע — פאַרוואונדערט אין אַקציע, דעם 21טן סעפּטעמבער, 1938.

250 טויזנט שפּאַניער האָבן אים באַגלייט צו זיין אייביקער רו אין דעם באַרצעלאָנער מיליטערישן בית־עולם. יונגע קאַטאַלאָנישע מיידלעך האָבן געטראָגן רויטע לענטעס מיט דער שפּאַנישער אויפשריפט: „אַ נועסטראַ קאַמאַראַדאַ כודעאָ כאַסקל האָניגשטיין — אַל דעפענסאָר דע עספּאַניאַ אַי סו טיערראַ — לאַ מעמאָריאַ עטערנאַל!״ (אונדזער יידישן חבר כאַסקל האָניגשטיין, דעם פאַרטיידיקער פון שפּאַניע און איר ערד — אייביקער אָנדענק!).

דעלעגאַציעס פון אַלע מיליטערישע טיילן האָבן אים באַגלייט — בראָש מיט זיין מאַשינען־געווער אויפן נאָמען פון זיין חבר יוזעק רובינשטיין פון וואַרשע, געפאַלן ביי סאַראַגאָסאַ אין פרילינג 1937.

באַרצעלאָנאַ, 1938.

העלדן בלייבן העלדן

אַ ווייטער שטח ליגט צווישן דעם הײנט־צעשאָסענעם שטעטל „טאַרדיענטע“ אין די בערג פון אַראַגאָן, שפּאַנישער פראָנט אין 1937, און דעם מיליטערישן געפאַנגען־לאַגער פון „גורס“, אין די דרום־פּירענייען, פראַנקרייך.

אַ נאָך ווייטערער שטח, אַ תהום אייגנטלעך, ליגט צווישן דער דעמאָלטדיקער געזעלשאַפטלעכער ראָלע פון די יידישע קעמפער און הײנט.

דעמאָלט, נאָך דעם 13טן דעצעמבער, 1937, ווען עס איז אין די טרענטשעס פון דער צווייטער קאָמפּאַניע פון דעם פוילישן באַטאַליאָן געגרינדעט געוואָרן די יידישע ראָטע אויפן נאָמען פון נפתלי באָטוויך, זיינען די יידישע פריוויליקע געווען גליקלעך און פריי.

זיי האָבן שוין חדשים־לאַנג געקעמפט קעגן די פאַשיסטן, וואָס זיינען געלעגן אַ הונדערט פוס אַנטקעגן זיי. דאָס אָבער האָט פאַר זיי געשאַפן גליק. אויף יעדן ברענענדיקן שמייץ מיט אַ בלייענער בייטש פון קאַרטוזבערעזאַ (קאָנצענטראַציע־לאַגער אין פוילן) האָבן זיי דאָ געקאָנט ענטפערן מיט אַ האַנט־גראַנאַט צו די הענקער. אויף יעדן מיאוס'ן, ציניש זידל־וואָרט פון דעם פוילישן פּאָליציאַנט וואָס האָט באַוואָרפן מיט שמוץ די מוטער פון אַרעסטירטן — האָט דאָ, דער פון פוילישע תפיסות געקומענער אַנטי־פאַשיסט געקאָנט ענטפערן מיט אַ לענטע פון אַכצן הונדערט קוילן אַ מינוט פון זיין קוילנוואַרפער, דעם געטרייען „מאַקסים“.

נישט יעדערער וועט פאַרשטיין דאָס דאָזיקע גליק. אין שפּאַניע האָט חברה דאָס פאַרשטאַנען, האָט מיט דעם געלעבט, האָט געצערטלט און צעגומען און געפוצט און געאוילט דעם קוילנוואַרפער.

די ביקס איז געווען די געליבטע, מען האָט געציטערט זי זאָל נישט פאַרלירן גיין. קיין שום לייד אויף דער וועלט איז נישט געווען אַזוי וויכטיק, אַז זי זאָל נישט אַוועק, זי זאָל נישט אָפּנאַרן, ווי די ביקס. דאָס קאָן בלויז פאַרשטיין, דער, וואָס האָט אַ בלוט־איבערגעשטראָמטער אין קאַרטוז־בערעזאַ געוואַרט ביז די טויערן וועלן זיך עפענען און ער, דער צעמזיקטער, וועט גיין, לויפן, פליען אויף פליגלען פון האַס קיין שפּאַניע. .

יוזעק רובינשטיין האָט שטענדיק געזונגען בשעת ער האָט „געאַרבעט“ אויף זיין „מאַקסים“. אין מיטן געזאַנג פון רעוואָלוציאָנערע לידער האָט ער געשאָסן, זוכנדיק זיין באַטאַליאָן, ביז ער איז געפאַלן מיט זעקס קוילן אין זיין לייב. צוועלף טויזנט פון אים — פיר קילאָמעטער בלויז — איז געלעגן די שטאָט סאַראַגאָסאַ, צו וועלכער די בריגאַדע איז געגאַנגען אין אָנגריף.

יוזעקן האָט מען מער פון אַלעמען געשלאָגן אין קאַרטוז־בערעזאַ; ער איז געווען אַ סטודענט, אַ קאָמוניסט, און אַ זון פון רייכע עלטערן.

אַלע זיינען זיי — די יידישע קעמפער — געווען גליקלעך צו קאָנען נקמה נעמען אין די הונדערטער פּאַרמוטשעטע פון פאַשיזם, צו קאָנען וואַכן איבער שפּאַניע, אַז דער פאַשיזם זאָל זי נישט פאַרניכטן, און מיט איר פראַנקרייך, ענגלאַנד, אַמעריקע — די פעלקער פון גאַר דער וועלט. אויסער דעם זיינען זיי געווען פריי.

אין ערגעץ איז דער יידישער שניידער, שטריקער, פרעסער, סטאָליער, סטודענט אָדער אינטעלעקטואַל נישט געווען אַזוי פריי, ווי אין רעפּובליקאַנישן שפּאַניע, אין דער פאָלקס־אַרמיי — אויף יעדן אָרט פון שפּאַנישן באָדן, וואו זיין פוס האָט געטראָטן.

גליקלעך און פריי איז ער געווען

נאָר צו דעם דריטן יאָרטאָג פונעם איינבראָך פון דעם פאַשיסטישן אויפשטאַנד קעגן דער רעפּובליק זיינען די יידישע געוועזענע פרייוויליקע, צווישן 6,000 אינטערנאַציאָנאַלע קעמפער געווען פאַרשפּאַרט הינטער די שטעכיקע דראָטן פון לאַגער „גורס". זייער ווייניק דרינגט אַריין אין דער בירגערלעכער פרעסע פון אַמעריקע וועגן דעם סקאַנדאַליעזן פאַקט פון האַלטן שפּאַנישע און אינטערנאַציאָנאַלע אַנטי־פאַשיסטן, קעמפער און פאַרטיידיקער פון די גרענעצן פון פראַנקרייך — הינטער גראַטעס, ווי פּשוטע פאַרברעכער, מיט קלעפּ און געמיינער באַהאַנדלונג מצד דריי סאָרטן פּאָליציי: די זשאַנדאַרמען, די „גאַרד־מאָביל" און באַוואָפנטע סענעגאַלישע קאָלאָניאַלע סאָלדאַטן.

דער לאַגער „גורס" איז נישט לאַנג אויסגעבויט געוואָרן, לויטן מוסטער פון אַלע קאָנצענטראַציע־לאַגערן. אין מיטן לאַגער לויפט דער שאָסיי פון דער געגנט, וועלכער איז פון לאַגער אָפּגעצאַמט דורך טאָפּלטן דראָט, און דער שאָסיי ווערט באַוואַכט פון היטער־פאַטרולן, אויסער דער „גאַרד־מאָביל".

דער לאַגער איז איינגעטיילט אין 20 „אינדזלען". פיר אינדזלען ווערן פאַרנומען פון די „אינטערנאַציאָנאַלע בריגאַדן" — אַן ערך זעקס טויזנט מענטשן. זיי זיינען איינגעטיילט לויט די נאַציאָנאַליטעטן און גרופּן. יעדע גרופּע פאַרנעמט אַ צאָל באַראַקן. אין אַ באַראַק זיינען דאָ אַרום 70 מאַן. זיי לעבן אין קאָמונעס. אַלץ וואָס קומט פון דער פריי, דורך די הילפס־קאָמיטעטן פון פּאַריז, אַמעריקע אָדער אַנדערע לענדער — ווי אויך אינדיווידועלע פּעקלעך און מתנות, אַלץ ווערט צעטיילט אָן שום אויסנאַם צו אַלע מיטגלידער פון באַראַק אָדער קאָמונע.

ווי לעבן זיי, די וואָס זיינען נאָך מיט פיר מאָנאַטן צוריק געווען פריי און באַוואָפנט? ווי האָבן זיי זיך „איינגעאָרדנט" הינטער דראָטן פּנים אל פּנים מיט ברוטאַלער פּאָליציי־געוואַלט נאָך אַזאַ הערלעכער פאַרגאַנגענ־

הייט אין שפּאַניע? ווי לעבט אַן אָרגאַניזם פון איבער 400 טויזנט שפּאַ־ניער און 6 טויזנט מענטשן פון 52 פעלקער?

די יידישע גרופּע „באָטווין", וואָס איז אין שפּאַניע געווען אַ טייל פון דער 13טער פּוילישער דאָמבראָווסקי־בריגאַדע, לעבט אויך ווייטער אין דער פּוילישער גרופּע.

איר לאָזונג איז: „געאייניקט, ווי אין שפּאַניע".

דעם לאָזונג לייענען מיר אויף זייער יידישער לאַגער־צייטונג, וואָס זיי גיבן אַרויס און וואָס הייסט: „הינטער שטאַכל־דראָט". די צייטונג איז געשריבן מיט דער האַנט און מימעאָגראַפירט. זי האָט נאָך אָנגעהויבן אַרויסגיין אין אַפּריל, בעת זיי אַלע זיינען נאָך געווען אין די כאַאָטישע, קאַלטע לעכער פון צוזעליקן זאַמל־לאַגער פון סען־סיפּריען. זייט עטלעכע וואָכן געפינען זיי זיך אין „גורס".

די אַדמיניסטראַציע פון „גורס", וועמעס הויפּט עס איז אַ געוויסער קאַפּיטאַן זשערבאַ, אַ סאַדיסטישער פאַשיסט, איינער פון די, וואָס באַקומען זייער דערציאונג אין אַפריקאַנישן פרעמדן־לעגיאָן, זוכט מיט אַלע מיטלען צו פּראָוואָצירן די קעמפער, צו מאַכן צווישן זיי אַ בלוט־באָד און צו באַנוצן זיך מיט דעם אַלס אַ תירוץ צו שיקן זיי קיין אַפריקע אין פרעמדן־לעגיאָן אָדער קיין הינטער־אינדיע, אַלס אומזיסטע שקלאַפן־אַרבעטער.

נעמענדיק אין באַטראַכט, אַז די קעמפער זיינען אויסגעהונגערט, אָן מעדיצינישער הילף, אויף אַ שווינדלעכער דיעטע, אין באַראַקן וואו קראַנקע זיינען אויסגעמישט מיט געזונטע, וואו מענטשן האָבן נאָך קאָפּ־וואונדן און אָפּעראַציע־וואונדן, מוז מען זיך פאַרווּנדערן פאַר דער נייער העלדישקייט זייערער: זיי האָבן זיך נישט געלאָזט פּראָוואָצירן פון דער ברוטאַלער באַהאַנדלונג און זיי האָבן אַנטוויקלט צווישן די באַראַקן אַזאַ חברשע, סאָלידאַרע און באַוואוסטזיניקע פּאָליטישע אַרבעט, אַז די לאַגער־אַדמיניסטראַציע האָט געמוזט זיך אָפּזאָגן פון די פּרואוון זיי צו שיקן אין לעגיאָן. פון זעקס טויזנט מענטשן האָבן בלויז פיר מענטשן אָנגענומען דעם אָנבאָט — אונטער קלעפּ.

די פּאָליטיש־פאַראַנטוואָרטלעכע חברים אין לאַגער האָבן אָרגאַניזירט דיעטע־עסנס פאַר די קראַנקע פון די אייגענע מיטלען, צוקופּנדיק אין דער לאַגער־קאַנטינע די פּראָדוקטן, וואָס זיינען נויטיק פאַר די קראַנקע.

זיי האָבן איינגעאָרדנט קראַנקן־באַזוכן ביי די דאָקטוירים, וואָס זיינען מיט זיי געווען אויפן פראָנט.

זיי האָבן איינגעאָרדנט קורסן, לערן־אַנשטאַלטן, לעקציעס; קאָנצערטן, אָרקעסטערס, כאָרן, דראַמאַטישע קרייזן, אַפילו אַקראָבאַטיק, פיזישע קולטור, ספּאָרט־פּלעצער, וואָס זיי האָבן אַליין אויסגעבויט.

די „באַטווינצעס״ שרייבן בריוו. זייער מוט איז נישט געבראָכן. זייער דיסציפּלין איז נישט אָנגעוואָרן. זיי לערנען זיך. זיי האָבן זיך אין דער פּראַקטיק באַקענט מיט דעם פּאַרנעם פון דעם פראַנצויזישן פאַשיזם, וואָס זוכט אונטערצוגראָבן די פראַנצויזישע דעמאָקראַטיע. זיי גלויבן אין דעם פראַנצויזישן פאָלק, וואָס שטיצט זיי אין לאַגער, פּראָטעסטירט צו דער רע־גירונג קעגן די גזירות פון לאַגער און האָט ביי זיי אַרויסגערופן אַ גרייט־קייט צו גיין קעמפן ביי דעם ערשטן פּרואוו פון היטלערן צו פאַרשקלאַפן זיין פראַנצויזישע לאַנד.

די באַטווינצעס שרייבן בריוו. זיי פרייען זיך, וואָס מען האָט נישט פאַר־געסן אין זיי; וואָס דאָ, אין ניו־יאָרק, האָט זיך אויך געשאַפן אַ קאָמיטעט, די „פריינט פון דער באַטווין־ראָטע״. זיי בעטן ביכער, אינסטרומענטן, פּאַ־פּיר־מאַטעריאַלן, ספּאָרט־געימס.

זיי האָבן פריי־וויליק געקעמפט פאַר שפּאַניע, זיי ווילן נישט ווערן קיין געדונגענע סאָלדאַטן אין פרעמדן לעגיאָן.

זיי האָבן אין לאַגער געפייערט דעם 89טן געבורטסטאָג פון שלום־עליכם; דעם 52טן געבורטסטאָג פון טעלמאַנען, דעם יובילי פון 150 יאָר פראַנצוי־זישע רעוואָלוציע.

און איצט וועלן זיי פייערן דריי יאָר בירגער־קריג אין שפּאַניע, זייענ־דיק גרייט צוריקצוגיין העלפן ענדגילטיק צו באַפרייען די שפּאַנישע ערד פון פאַשיזם.

פּאַריז, אויגוסט, 1939.

כאַזע עסטרוגאַ — דער ספרדישער ייִד און קעמפער

עס איז געווען איינע פון די מאַדרידער זומער־נעכט, אין יוני 1937. נישט געקוקט אויף דער נאָענטקייט פון דעם מלחמה־פראָנט און די בסדר־דיקע אַרטילעריע־אויפרייסן, איז דאָס לעבן אָנגעגאַנגען מיט זיין „נאָרמאַלן״, סיסטעמאַטישן מלחמה־גאַנג. צוויי־און־צוואַנציק מינוט פאָרן מיטן עלעק־טרישן טראַמוואַי פון צענטער פון שטאָט, פון „פּוערטע דעל סאָל״, איז גע־ווען די ערשטע ליניע פון די לאַיאַליסטישע אָקאָפּעס („טרענטשעס״), אַ שטח, פון 13 פוס האָט אָפּגעטיילט די שפּאַנישע פאָלקס־אַרמיי פון די פראַנקאָ־פאַ־שיסטן. אין גאַס, מיט אַ ריי איינגעפאַלענע הייזער, האָט געקוקט קעגנאיבער צו דער צווייטער. שפּאַניער קעגן שפּאַניער האָבן געקעמפט און פאַרגאָסן ברודער־בלוט לויטן בעסטיאַלישן ווילן פון הענקער, פראַנקאָ. דער פייער

פון אַנדאַלוזיע האָט געקעמפט קעגן דעם אַרבעטער פון מאַדריד, וואַלענציאַ און מאַלאַגאַ. דער סטודענט פון קאַרערעס, ווײַן־פּרעסער פון סעווילאַ, דער לערער פון סאַלאַמאַנקאַ האָט אַטאַקירט דעם פּעדלער פון באַרצעלאָנאַ און טאָלעדאָ.

דורכן טאָג פלעגן אַנלויפן היטלערס „סטוקאַס" און „פּאַקקערס", אַראָפּוואַרפן זייערע באָמבעס אויף מאַדרידער פרויען, וואָס זײַנען געשטאַנען אין דער ריי פאַר ברויט און גרינסן, אויף קינדער אין אַ שול־הויף, וואו פרומע שפּאַניער האָבן תפילה געטאָן פאַר אַ גיכן שלום. אין אַ ווײַלע אַרום פלעגן אָנקומען אַמבולאַנסן, צונעמען די פאַרוואונדעטע, בעת די פרייוויליקע סאַניטאַרע הילף האָט אויסגעגראָבן די פאַרשאָטענע און אַוועקגעפירט די טויטע. און די מאַדרידער פרויען, מיט פאַרביסענע ציין, פלעגן ווייטער שטיין אין דער ריי נאָך אַ שטיקל קאָרענע ברויט און אַ טעלער „גאַרבאַנצאַס" (אַרבעס). בלויז די ריי איז געוואָרן שיטערער און די אויגן פאַרוויינטער. עס פלעגן זיך טראָגן איבער די גאַסן מאָטאָרציקלעטן צום פראָנט. מידע סאָלדאַטן, מיט רוקזעק אויף די פלייצעס, האָבן זיך געאײַלט אַהיים, צו ווײַב און קינד אויף אַ 24־שעה׳דיקן אורלויב. אָפט פלעגט מען זען אַ פאָטער, צוזאַמען מיט זײַן יונגן 17־יאָריקן זון, בײַדע מיט ביקסן אין הענט, אויף אַ קורצן אָפּרו פון בלויז עטלעכע שעה. מאַדריד! די העלדישע, הונגעריקע, פאַרפּייניקטע, אָבער נישט געבראָכענע שטאָט, וואָס האָט אַזוי געלעבט, אין פייער און אַש כמעט 3 יאָר.

די נעכט האָבן געשמעקט מיט מאַראַנצן־בלי, מיט פרישע מאַנדל־בלעטער און מיט שאַרף־ווירציקע ריחות פון די גוואַדאַראַמאַ־בערג. קיינער האָט נישט געטראַכט וועגן טויט. מיר זײַנען צוגעוואוינט געוואָרן סײַ צו די באָמבעס, סײַ צו די אַרטילעריע־יאַדרעס איבער די דעכער. מיר פלעגן בלויז אַראָפּגיין פון די אויבערשטע שטאָקווערק אין די הויפן בעת די שיטערע פלעגט זיך אָנהויבן. בײַנאַכט איז דער אויסגעשטערנטער הימל געווען פריי. די פאַשיסטן האָבן אין דער פינצטער מורא געהאַט אַראָפּצוואַרפן באָמבעס, נאָכדעם ווי זייערער אַ פליער האָט אַמאָל באָמבאַרדירט אַ גאַס אין באַרצעלאָנאַ און האָט דער׳הרג׳עט דעם גאַנצן פאַשיסטישן שטאָב פון זייער „5טער קאָלאָנע". בעת זייער אַן אומלעגאַלער זיצונג. פלעגט די נאַכט זײַן פריי! אין די געפּאַקטע זאַלן און קינאָס פלעגן דאַן פאָרקומען פראַכטפולע קאָנצערטן און טעאַטער־פאָרשטעלונגען, מיטן אָנטייל פון די בעסטע קינסטלערישע כוחות פון מזרח־שפּאַניע, מיט אַ כסדר׳דיקן שטראָם פון אויסלענדישע געסט — שרײַבער און קינסטלער, וועלכע פלעגן קומען צוהילף זייערע שפּאַנישע קאָלעגן און אָפּגעבן כבוד די העלדישע פאַרטיידיקער.

אידיש איבער דער ראַדיאָ פון שפּאַניע

שפּעט ביינאַכט האָט גערעדט צו דער וועלט „ראַדיאָ־מאַדריד" אויף אַלע שפּראַכן פון דער וועלט, אַריינגערעכנט די שפּראַכן פון ווייטן און נאָענטן מזרח. עס האָט אויך באַקומען, צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע פון שפּאַניע, דאָס וואָרט אויף יידיש די שרייבערין פון די שורות. מיט אַ ציטער אין האַרצן, מיט אַ געפיל פון אָנטאָפּן, ממש מיט דער האַנט, עטלעכע מיליאָן יידן איבער גאָר דער וועלט, האָב איך דעם 24טן יולי, 1937. גערעדט צום ערשטן מאָל צום יידישן צוהערער. גערעדט פון דער הויפּט־שטאָט פון שפּאַניע, 450 יאָר נאָך דער אינקוויזיציע, 20 מינוט וועג פון העקער פראַנקאָ. גערעדט אין דעם לאַנד פון רמב״ם און פון דעם יידישן מאַרטירער סילוואַ, אַ ספרד׳יש מלוכה־באַאַמטן פון יעדער עפּאָכע, פאַר וועלכן אפילו די קעניגין, איזאַבעלאַ לאַ קאַטאָליקאַ, האָט זיך איינגעשטעלט, וועלנדיק אים ראַטעווען פון די נעגל פון די אינקוויזיטאָרן. די קאַרדינאַלן האָבן אָבער געשטעלט אַ באַדינג, אַז ער זאָל זיך שמד׳ן. סילוואַ האָט זיך אָפּגעזאָגט דאָס צו טאָן און איז אומגעקומען אויף דעם שייטערהויפן, מיט „שמע ישראל" אויף די ליפּן. זיין טראַגישער טויט, זיין סטאָיציזם און מאַרטירערטום האָבן אינספּירירט אַ גרויסן קינסטלער און חזן צו שאַפן דעם „כל־נדרי".

אין אַ טיפן שטיינערנעם קעלער, וואָסערע 20 פוס אונטערן פונדאַמענט, איז געווען די ראַדיאָ־סטאַנציע פון מאַדריד. דער אָטעם האָט מיר אַביסל אויסגעפּעלט, ווען איך האָב אַנאָנסירט, ווי יעדער רעדנער ביים ראַדיאָ, אויף שפּאַניש: „אַקי ראַדיאָ־עסטאַסיאָן מאַדריד, רעפּובליקאַ עספּאַניאָלאַ". און אויף יידיש: „דאָס איז די ראַדיאָ־סטאַנציע פון דער רעפּובליק פון פאָלקס־שפּאַניע"! עס רעדט די זשורנאַליסטין פון אַן אַמעריקאַנער יידישער צייטונג, פון דער „מאָרגן־פרייהייט", און איך פּלעג זעלבער אָנגעבן די טעמע פון מיין רעדע. איך האָב אויך גערעדט וועגן די 28 טויזנט נייע יידישע איינוואַנדערער, וועלכע זיינען געקומען אין שפּאַניע אין די ערשטע יאָרן נאָכן זיג פון דער רעפּובליק און פון דער פאָלקס־פראָנט רעגירונג. געקומען פון פאַשיסטישע לענדער, ווי: נאַצי־דייטשלאַנד, פּוילן, ליטע, לאַטוויע, רומעניע און אונגאַרן. זיך איינגעאָרדנט און ביסלעכווייז געקומען צו זיך און אָפּגעאָטעמט אין דעם פרייען ספרד׳ישן פאָטערלאַנד פון אַמאָל. ווער איז געווען דער איניציאַטאָר פון אַ יידישער אַרויסטרעטונג אויף דער פרייער שפּאַנישער ראַדיאָ און אויף איר פאָלקס־דעמאָקראַטישער ערד?: קאַפּיטאַן כאַזע מ. עסטרוגאַ, אַ ספרד׳ישער ייד, געבוירן אין טערקיי, געענדיקט דעם אוניווערסיטעט אין בוירקלי, קאַליפאָרניע, אַוועק צוריק אין זיין אַלט־

ספרד׳ישן פאָטערלאַנד און,ביים אויסברוך פון דעם בירגער־קריג זיך געשטעלט אין דינסט פון דער רעפובליק! ער איז באַלד באַשטימט געוואָרן אַלס דער אַדיוטאַנט און געהילף פון גענעראַל מיאַכא, דעם הויפּט־קאָמאַנדיר פון די שפּאַנישע לאָיאַליסטישע אַרמייען!

מען האָט מיך אויפגענומען אין דער רעזידענץ פון גענעראַל מיאכא און מיך באַקאַנט מיטן קאַפּיטאַן כאַזע מ. עסטרוגאַ. איך האָב אים דערציילט וועגן מיין אַרבעט, אַלס יידישע זשורנאַליסטין. עס האָט זיך אָנגעהויבן יענער פאַרכאַפּנדיקער אויסטויש פון געדאַנקען און איבערלעבונגען וועגן צייט־פּראָבלעמען פון צוויי וועלטן: פון דער ספרד׳ישער, וועלכע ער האָט רעפּרעזענטירט און דער אשכנז׳יש־אידישיסטישער, וועלכע איז מיר נאָענט. און זיין וועלט איז באמת געווען אַן אַנדער וועלט פון מיינער. ער איז געבוירן געוואָרן אין סמירנאַ, טערקיי. מיר האָבן גערעדט אויף זיין מוטערשפּראַך: שפּאַניש. דערנאָך אויף ענגליש. פאַר מיר איז געזעסן, אין אַ מיליטערישן אוניפאָרם פון אַ קאַפּיטאַן פון דער פאָלקס־אַרמיי, דער געהילף פון דער העכסטער אויספירנדיקער מיליטערישער מאַכט פון דער רעפּובליק. פון גענעראַל מיאכא, דעם פּאַטריאָט, אַנטי־פאַשיסט און פאַרטיידיקער פון העכצן מיליאָן שפּאַנישע לעבנס! ער האָט זיי פאַרטיידיקט מיט דער הילף פון דעם לאָיאַלן טייל פון דער באַפעלקערונג און מיט אַ הייפל פון דעם בעסטן מענטשן־מאַטעריאַל פון דער אַנטי־פאַשיסטישער וועלט, די „אינטערנאַציאָנאַלע בריגאַדע״, זין פון 28 פעלקער, איינגעשלאָסן דאָס יידישע פאָלק. פאַר מיר איז געזעסן אַן אַנטי־פאַשיסט. אַ סאָציאָלאָג, אַ הומאַניסט, מיט אַ דיפּלאָם פון דעם קאַליפאָרניער אוניווערסיטעט פון בוירקלי, דער מחבר פון אַ ביך: „על רעטאָרנאָ על סעפאַרד״ („דאָס אומקערן זיך צום ספרד׳ישן פאָטערלאַנד״), אַרויסגעגעבן אין מאַדריד, אין 1933. צום בוך האָט דער באַקאַנטער נאָבעלער פילאָסאָף און היסטאָריקער, גאַבריעל אַלאָמאַר, אָנגעשריבן אַ מערקווירדיקן אַריינפיר, נאָכדעם ווי כאַזע עסטרוגאַ האָט אים באַזוכט אין פּאַלמאַ דע מאַיאָרקאַ. עסטרוגאַ האָט געהאַט אַ בריוו צום היסטאָריקער אַלאָמאַר פון אַ צווייטן שפּאַנישן געלערנטן, דעם באַרימטן ראַפאַעל קאַנטינאָס אַסענס. אין דעם אַריינפיר דערציילט גאַבריעל אַלאָמאַר, ווי עסטרוגאַ, אַ פאַרבענקטער און ליידנשאַפטלעך אויפגערעגטער, איז געקומען צו לויפן אין זיין אַלט פאָטערלאַנד, שפּאַניע, באַלד, ווי ער האָט פאַרלאָזן קאַליפאָרניע, נאָכן פאַלן פון דער שפּאַנישער מאָנאַרכיע. ער דערציילט אין דעם אַריינפיר וועגן דעם טיפן איינדרוק, וואָס עס האָט געמאַכט אויף כאַזע עסטרוגאַ׳ן די אַלטע היסטאָרישע שטאָט טאָלעדאָ, די אוראַלטע פאָרשטאָט „טראַנזיטאָ״, וואו עס געפינט זיך דער היסטאָרישער יידישער בית־עולם און די סינאַגאָגע פון 13טן יאָרהונדערט; ווי ער האָט שוין אין דרויסן

דערזען און זיך אריינגעפרעסט מיט די אויגן אין די אלטע מצבות, מיט זייערע אלט־העברייאישע אויפשריפטן. און זיצנדיק אויף דער טעראסע ביי אלאמארן אין הויז. די זון האט געלויכטן איבערן ים (פאלמא דע מאיאר־קא איז אן אינדזל איפן מיטללענדישן ים), האט אים אלאמאר אנגעוויזן מיט דער האנט אויף א וויטן שטיינערנעם פלאץ, וואו מען האט געקאנט זען חורבות פון א תפיסה: דארט זיינען אומגעקומען אין 1691 די לעצטע קדושים פון זיין, עסטרוגאס, גלויבן, קרבנות פון דער אינקוויזיציע. אבער דאס שפאנישע פאלק איז נישט געווען פאראנטווארטלעך פאר די מעשים פון יענער יידן־אויסראטונג, נאר די הערשנדיקע קלעריקאלע מאכט. „דער־פאר", זאגט אלאמאר, „האט דאס ספרד׳ישע יידנטום נישט געטראגן אין זיך קיין נקמה־געפיל צום שפאנישן פאלק, צו זיין שפראך און צו זיין קולטור". „צום ערשטן מאל, — זאגט אלאמאר ווייטער, — האב איך דערזען א שפא־ניער, וועלכער האט גערעדט מיט א געפיל פון ווירדע און נאבעלן שטאלץ וועגן זיין בלוט פון א פארפאלגטן און האט מיר זיין אייגן בלוט אנגעבאטן אלס א משכון פאר אונדזער נייער פריינטשאפט. און די וועלט ווארט אויף א דענקמאל, כדי צו גלאריפיצירן די העלדישע מארטירער פון דער פאר־גאנגענהייט".

אין דעם שמועס מיט מיר האט קאפיטאן עסטרוגא אפט באנוצט דאס ווארט: „מי וויעכא פאטריא" (מיין אלט פאטערלאנד), דערציילנדיק וועגן די ערטער, וועלכע ער האט באלד נאכן אנקומען אין שפאניע, באזוכט, צווישן זיי די ארכיוון פון דער שטאט מורסיא, מיט די אלט־בארבארישע געזעצן קעגן יידן און מורן („על מארא"), ווי דאס געזעץ פון 1352, וואס זאגט: „א שווערע שטראף וועט געגעבן ווערן א ,מור׳ אדער א יידן, וועל־כער באגייט א נישט־מאראלישן אקט מיט א קריסטלעכער פרוי. ער האט באטראכט דאס לעגענדארישע לאנד, שפאניע, אלס דעם גייסטיקן ציון פון ספרד׳ישן יידנטום. אין זיין ערשטן שמועס מיט אלאמארן האט עסטרוגא מיט ביטערקייט דערמאנט די אומרעכט און שווערע קריוודע, ווען אין דער ליטעראטור האט זיך באוויזן די געשטאלט פון „שיילאק" — דעם יידן, וואס פאדערט דעם פונט פלייש, אלס זיין פרייז. אבער אלאמאר ענטפערט אים: „אויב א פאלק האט צווישן זיינע זין בעניטא עספינאזא [ברוך שפי־נאזא], יידן, ווי סעבראן, היינריך היינע און קארל מארקס — איז שוין נישט וויכטיק יענע פארלוימדערישע געשטאלט".

(וואס וואלט דער נאבעלער היסטאריקער, אלאמאר, געזאגט היינט צו קאפיטאן עסטרוגא, נאך דעם ווי זעקס מיליאן יידן זיינען דערמארדעט גע־ווארן פון די נאציס, צווישן מיליאנען נישט־יידן? ער וואלט באדעקט זיין פנים מיט ביידע הענט אין צארן און עקל, וואס יענע, נישט־קאטאליקן, האבן

אָפּגעטאָן נאָך פיל גרויזאַמערע פאַרברעכנס, ווי דער גרויס־אינקוויזיטאָר!)

כאָזע עסטרוגאָ האָט מיר פאַרגעלייגט צו באַנוצן די ראַדיאָ פון מאַד־ריד, ווי אַ סך אַנדערע זשורנאַליסטן אין שפּאַניע האָבן עס געטאָן, כדי צו געבן דער ייִדיש־רייִדנדיקער וועלט אַ ריכטיקן באַגריף וועגן די געשעענישן אין פאָלקס־שפּאַניע, פון די נויטן פון שפּאַנישן פאָלק, פון דער לאַגע פון דער שטאָט־באַפעלקערונג, באַזונדערס פון די קינדער און פרויען; פון דער זאָרג פון דער רעגירונג פאַר די קולטור־נויטן פון פאָלק. ער האָט נישט פאַרפעלט צו דערמאָנען וועגן די „מיליסיאַנאָס דע לאַ קולטוראַ", די לערער פון די סאָלדאַטן אויפן פראָנט, וואו מען האָט געלערנט די פּויערים צו לייענען און צו שרייבן, אַזוי נידעריק איז געווען דער גייסטיקער ניוואָ פון די אַנדאַלוזישע און אַראַגאָנער זין פון פאָלק! ווי מען קל׳ערט זיי אויף וועגן די פּרימיטיווע געזעצן פון היגיענע און דיסציפּלין; ווי מען ברענגט זיי אין שטאָט צו אַ פאָרשטעלונג פון די ווערק פון דעם גרויסן דיכטער און דראַמאַטורג, גאַרסיאַ לאָרקאַ, וועלכן פראַנקאָ האָט דערשאָסן אין זיין. לאָרקאַס, געבורט־שטאָט, גראַנאַדאַ, באַלד נאָכן אויסברוך פון בירגער־קריג אין 1936. אַ ריזיקער עולם פלעגט אָנפילן דעם מאַדרידער טעאַטער צו דער פאָרשטעלונג פון לאָרקאַ׳ס רעוואָלוציאָנערער דראַמע: „מאַריאַ פּי־נעדאַ", וואו עס ווערט דערציילט וועגן אַ העלדין, מאַריאַ, וועלכע ווערט אויפגעהאַנגען פאַר אויסהעפטן די ערשטע רעוואָלוציאָנערע פאָן און פאַר אָנהאַלטן באַציאונגען מיט די ערשטע רעוואָלוציאָנערע שפּאַנישע קעמפער, מיט 150 יאָר צוריק.

קאַפּיטאַן כאָזע עסטרוגאָ האָט מיך פאַרגעשטעלט פאַר זיין פרוי, סאָל נוריע גאַביי, אַ קראַנקן־שוועסטער אין אַ מאַדרידער שפּיטאָל, אַ מוטיקע און טעטיקע אָרגאַניזאַטאָרין פון דער סאַניטאַרער הילף אין דער באַלאַגער־טער הויפּט־שטאָט. זי פלעגט, אונטער אַ האָגל פון באָמבעס, עוואַקואירן פאַרוואונדעטע יאָרן נאָכאַנאַנד, ביז אַ פראַגמענט פון אַ שראַפּנעל האָט איר אָפּגעריסן דעם רעכטן אָרעם. צו סאָל נוריע האָט עסטרוגאָ געווידמעט זיין בוך וועגן „סעפאַרד" מיט די פאָלגנדיקע ווערטער: „איך שענק דאָס בוך פאַר סאָל נוריע גאַביי, מיין מיטאַרבעטערין, מיין פריינדין, וואָס טיילט מיט מיר מיינע ליידן און פריידן, די פערפעקטע חברטע, ווע‏מען עס באַזינגט דער תלמוד".

ער דערציילט וועגן זיין קינדהייט אין טערקיי, וועגן זיין קאָלעדזש אין קאַירע, עגיפּטן און וועגן זיין גרויסער נסיעה קיין קאַליפאָרניע, דאָס לאַנד, וואָס ער האָט אַזוי ליב באַקומען, צוליב איר פאַרכאַפּנדיקער שיינקייט, אַ לאַנדשאַפט קאָלירפול און זאַפטיק, מיט סימנים פון דער שפּאַניש־מעקסיקאַ־נישער קולטור און שפּראַך, און מיט געשטאַלטן פון מענטשן, וועלכע האָבן

אים אַזוי שטאַרק דערמאָנט אין דער אַטמאָספערע פון זיין משפחה און חברים פאַר וועלכע די שפּאַניש־העברייִאישע קולטור איז געווען די איינציקע מוטער־קולטור. ער זאָגט: „אַמאַדאָר די לאָס ריאָס, אין זיין מאָנומענטאַלן ווערק ,די געשיכטע פון די יידן אין שפּאַניע און פּאָרטוגאַל׳, הויבט אָן זיינע בלעטער מיט די פאָלגנדיקע ווערטער: „עס איז שווער אָנצוהייבן די געשיכטע פון דעם איבערישן האַלב־אינדזל, אין דעם זין פון פּאָליטיק, רעליגיע, ציווילע רעכט, וויסנשאַפט און ליטעראַטור — נישט אָנטרעפנדיק אויף יעדן בלאַט, ביי יעדער פּראָבלעם אַ נאָמען, וועלכער איז געשיכטלעך פאַרבונדן מיט דעם יידישן פאָלק. דער שפּאַניש־יידישער עטאַפּ איז געווען דער גליקלעכסטער און פרייסטער אין לעבן פון דעם ייד אין מיטלאַלטער. עס דערמאָנען זיך די באַרימטסטע נעמען: דער מעדיקער און פילאָסאָף, מאַימאָנידעס [רמב״ם]; יהודה הלוי, פּאָעט און דענקער; אבן עזרא, פילאָסאָף און לערער, און אומצאָליקע אַנדערע, וועלכע באַשטעטיקן דעם פאַקט, אַז מיט פרייהייטלעכע און נאַציאָנאַלע מעגלעכקייטן פאַר אַנטוויקלונג איז דאָס יידישע פאָלק אומעטום אַ ביישטייערער צו נאַציאָנאַלע אוצרות און צו דער קולטור פון דעם פאָלק, וואָס נעמט אים אויף״.

זיינע אויגן האָבן געהאַט יענעם גלאַנץ און שימער, וועלכע קומען פון די טיפענישן פון אַ מענטשלעך האַרץ, בעת עס קלאַפּט אין דער דערפילונג פון די העכסטע שטרעבונגען און אידעאַלן. אין דער פרייער אַמעריקע, ביים פּאַסיפישן ים־ברעג, האָט ער זיך באַקאָנט מיט די גרויסע, קערנדיקע געשטאַלטן פון דער אַמעריקאַנער פרייהייטס־געשיכטע, אָנגעהויבן פון די קאַמפן קעגן דער קאָלאָניאַלער מאַכט און די אין קאַמפן אויסגעקריצטע קאָנסטיטוציע־געזעצן. קאַפּיטאַן עסטרוגאָ האָט גערעדט דאָרטן, אין די קאַטאַקאָמבן פון מאַדרידער ראַדיאָ, צו אַ יידישער זשורנאַליסטין פון אַמעריקע, ווי אַזוי מען קעמפט 20 מינוט פונעם צענטער פון דער שטאָט, שפּאַניער און יידן, פּאָליאַקן און אַמעריקאַנער, בולגאַרן און ענגלענדער — פאַר אַ פרייער היים איבערן פרייען מאַדרידער „פּראַדאָ״. ווי די בעקער פון „קואַטראָ קאַמינאָס״, אַן אַרבעטער פאָרשטאָט נאָענט צום פראָנט, אַרבעטן דורך די נעכט, כדי צו באַזאָרגן די שפּיטאָלן מיט אַביסל ווייסברויט, אַ לוקסוס אין 1937, אין דער אַרומגערינגלטער שטאָט.

ער האָט זיך געפילט איצט „אינדערהיים״. אַלע גלאָררייכע טראַדיציעס פון שפּאַנישן יידנטום, סיי אין די לענדער פון „עקזיל״, סיי אין שפּאַניע גופא, האָבן זיך פאַראייניקט אין דעם ליידנשאַפטלעכן קאַמף פאַר דער באַפרייאונג פון פאָלק, קעגן פראַנקאָ. ער האָט באַמערקט אין לויף פון שמועס: „איך געדענק די ווערטער פון איסאַק אַלטשע אי סאַפּאָרטאַ, אַ גרויסן געלערטן, אַ גלענצנדן רעדנער אין אַטענעאָ, מאַדריד, דעם 2טן דעצעמבער,

1916: „שפּאַניער זיינען מיר געווען, שפּאַניער זיינען מיר און — שפּאַניער וועלן מיר בלייבן". עסטרוגאַ שרייבט אין זיין בוך „דאָס אומקערן זיך צום ספּאַרד" (זייט 25) דאָס פאָלגנדיקע: אַלס ספרדים האָבן זיך אויסגעצייכנט איבער דער וועלט מענער. ווי: קאַרדאָזאַ, אַ ריכטער פון אַמעריקאַנער סופּרים קאָורט; איסאַק רופּוס, אַ וויצע־קעניג פון אינדיע; אַ מלוכה־באַאַמטער אין פראַנקרייך, העַנרי טאָרעז; אַ פּרעמיער מיניסטער אין ענגלאַנד, לאָרד דיזראַעלי; דיוק נאַזי דע נאַקסאָט, אַ פירשט אין טערקיי; אַ מיניסטער אין פראַנקרייך, גאַמבעטאַ און נאָך אַנדערע. צענדליקער טויזנטער ספרדישע יידן לעבן אין נאָענטן מזרח — אין טערקיי, בולגאַריע, גריכנלאַנד, אין איטאַליע, פּאָרטוגאַל, די פאַראייניקטע שטאַטן. זיי גיבן אַרויס צייטונגען און זשורנאַלן, זיי האָבן איינגעאָרדנטע ביבליאָטעקן, אַרכיוון, מוזייען. ספרדישע יידן זיינען געווען די סאַמע ערשטע, לויט כאָזע עסטרוגאַס דערמאָנטן בוך, וועלכע האָבן געשאַפן אַ דרוקעריי אין טערקיי, באַלד נאָך דער דערפינדונג פון דער דרוק־מאַשין פון יאַן גוטענבערג. עסטרוגאַ דערציילט אין זיין בוך וועגן אוראַלטע קאָלעקציעס פון צייטונגען, געדרוקט מיט לאַטייניש׳ע אותיות און אַרויסגעגעבן פון ספרדישע יידן אין קאָנסטאַנטינאָפּאָל, ווי, צום ביישפּיל: „דאָס ליכט פון געדולד" און „די טיר פון מזרח" און עטלעכע אויך מיט אַלט־העברייאישע אותיות.

ער דערמאָנט מיט אַ גרויסן געפיל זיין מאַמען, ראָזאַ עסטרוגאַ, געבוירן אין אַ קליינעם דערפל, קאַסאַבאַ, אַ פּאָר שעה פון דער טערקישער שטאָט סמירנאַ. אַ וואָך פאַר איר טויט האָט זי געשיקט אַ בריוו פון ראָדעס, דעם 10טן יוני, 1917, אַדרעסירט קיין קאַליפאָרניע. זי שרייבט: „איך האָב אַ גאַנצע נאַכט געטראַכט וועגן דיר, מיין טייערער זון, יוזעף! מיין האַרץ האָט געקלאַפּט שטורמיש אַ לאַנגע צייט. בעת איך האָב געבעטן גאָט, אַז איך זאָל דיך נאָך זען געזונט און לעבעדיק, איידער איך שטאַרב. איך דאַרף קיין זאַך נישט, נאָר איך וואַרט אויף גוטע נייעס פון דיר! דו ביסט מיין איינציקע טרייסט אין לעבן! ס׳קושט דיך דיין מאַמע, וואָס רייסט פון זיך די נשמה כדי דיך צו זען און וואָס האָט נישט קיין האָפענונג דערויף. דיין מאַמע — ראָזאַ עסטרוגאַ". און אין אַ בריוו פון זיין פאָטער, מ. עסטרוגאַ, דאַטירט דעם 12טן אויגוסט, 1919, פון ראָדעס, לייענען מיר: „צו מיין טייערן זון יוזעף, אין לאָס אַנדזשעלעס, קאַליפאָרניע. איך האָב דערהאַלטן דיין טייערן בריוו פון 27טן יוני און דעם טשעק פאַר 1,000 פראַנק. טייערער זון, איך וועל דיר קיינמאָל נישט קאָנען אָפּדאַנקען פאַר דעם, וואָס דו טוסט פאַר אונדז. נאָר גאָט אַליין וועט דיך באַלויגען דערפאַר, אָמן! די שוועסטערן וועלן צו דיר שרייבן. נעם צו מיינע קושן פון ליבשאַפט. דיין פאָטער, מ. עסטרוגאַ".

דער נאָמען „עסטרוגאַ" באַדייט „שטערן", אַ סימבאָל, אַ ליכט, און אַ האָפענונג. אין יענע טעג און נעכט פון 1937, יוען שפּאַניע איז געווען דאָס בלוטיקע פּרואוו־פעלד פון היטלערן און מוסאָלינין און וואו דאָס האַרץ פון דער וועלט, אירע בעסטע און מוטיקסטע זין אין טעכטער האָבן געקעמפט, צוזאַמען מיט די איניקלעך פון יהודה הלוי און רמב"ם, פאַר דער „וויעכא פאטריא", פאַר דעם אַלטן פאָטערלאַנד פון כאָזע עסטרוגאַ, דעם פאַטריאָט און ייִד, דעם אַדיוטאַנט פון גענעראַל מיאכא...

דורך היטלער־לאַנד קיין שפּאַניע

איך האָב שוין געהאַט פאַרזוכט דעם טעם פון נאַציזם אין דייטשלאַנד אין פרילינג און אין אָנהויב זומער 1933־1934, געזען די נאַצישע פּראָצעדור בעת דער סיסטעמאַטישער פאַרניכטונג פון דער אָרגאַניזירטער אַרבעטער־באַוועגונג, בייגעוואוינט די מאַסן־אויסוואַנדערונג פון דייטשע פּראָגרעסיווע שרייבער, קינסטלער, וויסנשאַפטלייט; גערעדט מיט משפחות פון אַרעס־טירטע אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן, געלייענט וועגן אָרגאַניזירטע נאַצישע אָנפאַלן אויף דייטשע אַנטי־פאַשיסטן אין אויסלאַנד, וועלכע די געסטאַפּאָ־אַגענטן האָבן מיט געוואַלד געבראַכט צוריק אין נאַצי־דייטשלאַנד, צווישן זיי: יאַקאָבי, אַ ייִדישער זשורנאַליסט, געבראַכט פון דער שווייץ. איך האָב גע־רעדט מיט פאָרשטייער פון ייִדישע אָרגאַניזאַציעס אין בערלין, איידער זיי זיינען אַוועק קיין פּאַריז: די בערלינער „אָרט" גרופּע, דער „שלום עליכם קולטור־קלוב", די הילפס־געזעלשאַפט פאַרן אויפבוי פון דער ייִדישער אויי־טאָנאָמער געגנט אין ווייטן מזרח.

איך האָב נאָך באַוויזן צו זען די פריינט יאַקאָבסאָן און געאָרג וועגענער, איידער מען האָט זיי אַרעסטירט. איך געדענק, ווי דראַמאַטיש עס איז געווען אויסצוגעפינען אַ וואוינונג פון אַ חבר אין יענע צייטן, ווען מען האָט נישט געוואוסט ביי וועמען אָנצופרעגן. ביים הויז־פאַרוואַלטער, האָט מען מיך גע־וואָרנט, טאָר מען נישט, ווייל ער אַרבעט מיט די נאַציס. גלאַט גיין פון וואוי־נונג צו וואוינונג אַוודאי נישט, ווייל עס קאָן דיר עפענען די טיר אַ שטורעם־טרופּער און ביי אים קאָנסטו זיכער נישט פרעגן זיך אויף אַ ייִדן. וואָס־זשע טוט מען אין אַזאַ פאַל? בין איך געגאַנגען פון איין שטאָקווערק צו אַ צווייטן און זיך איינגעהערט ביי דער טיר אויף סימפּאַטישע גערוישן אָדער אויף אַ קול, וואָס האָט זיך נישט געזידלט. אַזעלכע האָבן זיך נישט גע־שפּירט, ביז איך בין אַזוי אַרויפגעגאַנגען אויפן פינפטן שטאָק און דאָרט זיינען געווען צוויי טירן: פון איינער האָט זיך געהערט אַ מיידלשע שטימע, וואָס האָט געזונגען די אַריע פון „פאוסט": „מיינע רו איסט הין, מיין הערץ

איז שווער, איך פינד זי נימער און נימערמער!" דאָרט האָב איך אָנ־געקלאַפּט און זיך געפרעגט, וואו עס וואוינט הערר יאַקאָבסאָן? און די יונגע דײַטשע מיידל האָט גאַנץ פריינטלעך מיר אָנגעוויזן אויף דער טיר אַנטקעגן און געזאָגט: „אָטאָ דאָ, גראַדעאוס!" איך האָב איר געדאַנקט און אָנגעקלאַפּט אין דער טיר אַנטקעגן. און ווען עס האָט זיך דערהערט די פראַגע: „ווער איז עס?" האָב איך מיט פרייד, יאָ, מיט פרייד, געענטפערט: „גינאַ מעדעם!"

די משפחה האָט מיך נישט געוואָלט אָוועקלאָזן אַזוי שנעל יענעם אָוונט. עס איז געווען זונטיק. אין שטאָט זיינען געווען פּאַראַדן. היטלער־יוגנט גרופּן מיט זייערע אָרקעסטערס זיינען אַרומגעגאַנגען איבער דער שטאָט און אין אָוונט איז געווען אָרגאַניזירט אַ גרויסער מיטינג אין „ספּאָרטפּאַ־לאַסט", צו וועלכן איך האָב באַקומען, נאָך לאַנגע זוכענישן און פּאָדערונגען, אַ"ס אַמעריקאַנישע זשורנאַליסטין, אַ בילעט. איך האָב געוואָלט זען, ווי אַזוי די נאַצי־רעדער דרייען זיך אונטערן שטילשוויגן פון דער וועלט. עס האָט געדאַרפט רעדן גערינג אויף אַ פּאַראַדנעם „מיטינג" פון דער נאַצי־שער אַוויאַציע, וואו מען האָט „צוגעזאָגט" די מיטווירקונג פון אַ סימפּאָ־נישן אָרקעסטער, פון וועלכן די מוזיקאַנטן זיינען פּליער. און אַזוי איז עס טאַקע געווען: נאַצישע הענט, וואָס האָבן דריי יאָר שפּעטער באָמבאַרדירט שפּאַנישע קינדערשולן און שפּיטאָלן מיט קראַנקע, האָבן געשפּילט בעט־האָווענס קאָנטשערטאָ און ווערדיס אָווערטיורעס צו אָפּעראַס.

אין דער לאָזשע זיינען, אויסער מיר, געזעסן זעקס עס. עס.־מענער און די גאַנצע צייט איז געווען אַ געפּילדער פון: „זיג האַיל, זיג־האַיל" און 65 טויזנט מענטשן האָבן געהויבן הענט מיט דער פּרעציזיע פון אַ זייגער. אויף מיר האָט מען געקוקט מיט נייגיר צוערשט, דערנאָך מיט צאָרן און סוף־כל־סוף געפרעגט: „פאַרוואָס אַפּלאָדירט איר נישט?" און „ווער זייט איר?" און ווען איך האָב געענטפערט גאַנץ פעסט „איך בין נישט קיין נאַצי", האָט מען שוין געבעטן ווייזן דאָקומענטן. מיין פּאַס האָט אַרויסגערופן אַ טויט־שווייגן און איך האָב ווייטער געמאַכט מיינע נאָטיצן. מען איז דאָך אַ זשור־נאַליסט, מוז מען שרייבן, אפילו ביי אַ קליין עלעקטריש לעמפּל אין דעם לאָזשן־ווינקל. איך בין אָבער געווען אַזוי פול מיט צאָרן און עקל, בעת גערינג האָט זיך צעלאָזט קעגן „דייטשלאַנדס שונאים", אַז איך האָב אינ־מיטן פון זיין שבועה פאַרלאָזט דעם זאַל.

עס פאַרשטייט זיך, אַז פאָרנדיק צוריק צום האָטעל האָב איך שוין געהאַט אַ „באַגלייטער". עס האָבן זיך אָנגעהויבן געיעגן אינמיטן העלן טאָג אויף יידן — אויסלענדער, קליינע קרעמער און בעל־מלאכות אין דעם יידישן קוואַרטאַל פון בערלין. מען האָט אָנגעהויבן אַרויסצושיקן יידן צוריק קיין

פוילן; פון דאָרט האָט זיי די פוילישע רעגירונג געשיקט צוריק קיין דייטשלאַנד, פונוואַנען עס האָט געפירט איין וועג: אין קאָנצענטראַציע־לאַגער.

דער נאַצי־רעזשים האָט זיך אָפּגערופן באַזונדער שווער אויף יידישע קינדער. דער איבערגאַנג פון אַ פרידלעך נאָרמאַל לעבן פון יידישע און דייטשע קינדער אויף דער טעריטאָריע פון אַ שול, בעת דער וויימאַר־רעפובליק נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה צום באַרבאַרישן נאַציזם, איז געווען אַזוי אומפאַרשטענדלעך און גרויזאַם פאַר קינדער, אַז איך האָב, אַלס לעבעדיקער עדות איבערגעלעבט אַ סצענע פון הילפלאָזער קינדערשער פאַרצווייפלונג, ווען אַ ניין־יאָריק יידיש יינגל האָט גענומען אַן אָנטייל אין אַ געשלעג מיט זיינע געוועזענע שול־חברים, מיט וועלכע ער האָט געלעבט אין שלום און שפיל, ווי נאָר קינדער קאָנען פאַרברענגען. איך בין געווען ביי אַ יידיש־פוילישן חבר פון וואַרשע, פרענקעל, אין זיין וואַרשטאַט אין בערלין, בעת זיין יינגל איז אַריינגעקומען אַן אויפגערעגטער, אַ דערצאָרנטער, מיט אַ צעריסן העמדל און אַ צעקראַצטן פנים: זיינע שול קאָלעגן האָבן אים געשלאָגן און ער האָט זיך פאַרטיידיקט.

דאָס קליינע יינגל איז אַוועק מיט די עלטערן קיין פראַנקרייך, דאָרט זיך געלערנט, דאָרט איבערגעלעבט די מלחמה און די נאַצי־אָקופּאַציע, דאָרטן געקעמפט און איז היינט — 28 יאָר שפּעטער — געוואָרן אַ „מער" — אַ בירגערמייסטער — פון אַ קליין שטעטל אין דרום־פראַנקרייך, וואו ער לעבט מיט זיין פאָטער, דעם וואַרשאַווער בעל־מלאכה. זיי האָבן זיך פאַרבונדן מיט אָפּגעראַטעוועטע קרובים אין פוילן, וועלכע האָבן געקעמפט קעגן היטלערן אין סאָוועטן־פאַרבאַנד.

מיט אַ באַזונדערער פרייד באַציען זיך די מענטשן איבער דער גאָרער וועלט צו זייערע לעבן־געבליבענע, אָפּגעראַטעוועטע נאָענטע. מען גיט דאָ אויס די אָפּגעשפּאָרטע גראָשנס, מען פאָרט אַריבער אויף יענער זייט ים, כדי צו זען אַ קרוב, אַ גליד־שוועסטער־קינד, וועלכן מען האָט נישט געזען זינט דער קינדהייט, אָדער אפילו פריער נישט געזען. צוליב די מאַסן־פאַרניכטונגען דורך די נאַציס וויל מען, מוז מען, זען אַזאַ אָפּגעראַטעוועטן און אויסהערן זיין געשיכטע. נאָכדעם ווי איך האָב געזען און געפילט אויף זיך דעם נאַציזם אין דייטשלאַנד און דעם פאַשיזם אין לאַטיין־אַמעריקע און אין קובאַ פון מאַטשאַדאָ, האָב איך קוים אויסגעהאַלטן ביז פריילינג 1937 און בין, נאָך אַ לענגערן לעקציע־טור איבער די פאַראייניקטע שטאַטן און קאַנאַדע, אָפּגעפאָרן קיין פראַנקרייך. דאָרט האָט מען געדאַרפט באַקומען די דערלויבעניש צו פאָרן אַלס אַ זשורנאַליסט אויף דער גאַנצער טעריטאָריע פון דער שפּאַנישער רעפּובליק; אָדער, ווי מען האָט זי געזוצלעך גערופן: די לאָיאַליסטישע שפּאַניע.

אין אַ צושטאַנד פון פיבערישער דערוואַרטונג זײַנען אַוועק עטלעכע טעג אויף זוכן און באַקומען אינפאָרמאַציע וועגן די נויטיקסטע פאָרמאַליטעטן, וועלכע מען דאַרף האָבן פאַר אַ רייזע אין אַ לאַנד, וואו עס בורשעוועט אַ בירגער־קריג, וואו עס האָט זיך סאָליד און פעסט באַזעצט היטלער און זײַן ווערקצייג פאַר דרום־איראָפּע (מוסאָליני) און וואו די מערדער פון דעם „פרעמדן לעגאָן" און ווילדע מאַראָקאַנער האָבן זיך געבאָדן אין בלוט פון שפּאַנישע מענטשן. גראָד אין יענער צייט, פרילינג 1937, האָט מען אויפגעהערט צו געבן אויף נייע פּאַספּאָרטן די נויטיקע דערלויבעניש פאַר „נייטראַלע" אַמעריקאַנער צו פאָרן קיין שפּאַניע. עס האָט זיך אָנגעהויבן פאַרשפּרייטן די „טעאָריע" פון נישט־אינטערווענציע... היטלער און מוסאָליני האָבן צוגעשטעלט פאַר פראַנציסקאָ פראַנקאָן שיפן מיט מלחמה־זאַפּאַסן, אָן אַ שיעור געפירט אין די מזרח דרומדיקע און מערבדיקע האַפנס. דאָס יאָ. אָבער פראַנקרייך (די רעגירונג פון לעאָן בלום) האָט נישט דערלאָזט צו פירן אפילו לאַסט־אויטאָמאָבילן איבער דער פירענייען־גרענעץ. און סאָוועטישע שיפן מיט שפּייז פאַר די לאָיאַליסטן פלעגן געזונקען ווערן ביי די סאַמע ברעגן פון שפּאַניע, ווי דער פראַכט־טאַנקער „קאָמסאָמאָל". און יעדער קערנדל ווייץ, יעדער זאַק מיט קאַרטאָפל, יעדער פּעקל מיט וואַטע און באַנדאַזשן איז געוועזן נויטיקער אפילו ווי לופט! מיט וועלכער ליבשאַפט די איינוואוינער פון באַרצעלאָנאַ, וואַלענציאַ און מאַלאַגאַ האָבן באַגריסט און אַרויסבאַגלייט די סאָוועטישע און ענגלישע קאַפּיטאַנען און מאַטראָזן פון פראַכטשיפן, וואָס פלעגן דורכברעכן די בלאָקאַדע און אויסקעמפן ביים ים די לעצטע, סאַמע לעצטע עטלעכע כוואַליעס צום פּאָרט, אין דער פינצטער, אָן ליכט, אָן אַ פּילאָט, אָן אַ סירענע — כדי די אויסשפּירער פון דעם שונא זאָלן אַזאַ לעבנסקוואַל נישט פאַרכאַפּן און אַוועקפירן צו זיך.

די העלדישקייט פון יענעם קאַמף האָט געהאַט אירע געביטן, אירע מענטשן, אירע אויפטוען און איין עמבלעם: דער אינטערנאַציאָנאַליזם! פאָלקס־מענטשן פון גאָר דער וועלט האָבן געהאָלפן דעם שפּאַנישן פאָלקספראָנט. אין דער געשיכטע פון דער מענטשלעכער ציוויליזאַציע איז אַזאַ עטאַפּ ווי דער שפּאַנישער קאַמף קעגן פאַשיזם און פאַר פרייהייט, נישט פאַרצייכנט געוואָרן; וויניקסטנס — ביזן היסטאָרישן קאַמף פאַר סטאַלינגראַד און פאַר לענינגראַד, וועלכער האָט געחתמעט דעם גורל פון היטלערס „טויזנטיאָריקן רייך". שוין דער פאַקט אַליין, וואָס אַ כמעט אומבאַוואָפנט פאָלק — די שפּאַניער פון מאַדריד, וואַלענציאַ, טאָלעדאָ און באַרצעלאָנאַ — האָט מיט הוילע הענט און אַלטע פּיסטאָלעטן אין משך פון געציילטע שעה'ן, דעם 18טן יולי, 1936, אָפּגעשלאָגן פראַנקאָס אַטאַקעס אויף די פיר שטעט, אויסגעפירטע דורך מיליטער און נישט־יונגע אַרבעטער און

סטודענטן — שוין אָט־דער פאַקט אַליין באַווייזט ווי טייער און טיף־ערנסט די פּאַרטיידיקער האָבן אויסגעפּירט זייער ספּאַנטאַנע,ליידנשאַפטלעכע מי־סיע פון פאַרהיטן זייער לאַנד פון איטאַליעס און דייטשלאַנדס גורל.

ווען איך בין אָנגעקומען מיטן נאַכט־צוג פון פּאַריז קיין שפּאַניע צו דעם קליינעם גרענעץ־פּונקט „סערבער", וואו איך האָב זיך געדאַרפט אַריינ־זעצן אין דעם שפּאַנישן צוג קיין באַרצעלאָנאַ, האָט געשיינט אַ וואַרעמע זון. די אַרומיקע הויכע בערג געהאַט אַ נעפּלדיקן טשיפּעק אויף די קעפּ און אַ צוג קיין באַרצעלאָנאַ איז נישט געווען גרייט אויף די רעלסן, ווייל ביינאַכט האָבן די נאַציס באָמבאַרדירט און באַשעדיקט די אייזנבאַן־בריק אויפן וועג צו דער שטאָט — נישט מער און נישט ווייניקער! דער שפּאַ־נישער סאָלדאַט האָט עס געמאָלדן, ווי אַ טאָג־נייעס, זאַכלעך, קורץ און צו־געזאָגט, אַז מען וועט דאָס פאַרריכטן „פּראָנטאָ" (שנעל). „עס פּאַסירט עט־לעכע מאָל אַ וואָך", זאָגט ער. „לא געררא" — עס איז מלחמה.

אַ מערקווירדיק־וואַרעמער שטראָם איז מיר אַדורך איבערן קערפּער. עס איז אוממעגלעך אויסצודריקן דאָס געפיל, וואָס האָט מיך פאַרכאַפּט: אַ געמיש פון פרייד, צו האָבן דערגרייכט דעם ציל. אָט יענער בוים איז שוין שפּאַניע, יענע שטיקל ערד מוזטו שוין פאַרטיידיקן, אין עטלעכע שעה אַרום וועסטו זען וואַרשעווער און לאָדזשער חברים; וועסט רעדן מיט מענטשן, וועלכע פאַרקערפּערן די שענסטע היסטאָרישע טראַדיציעס פון אַמעריקע: מיט די קעמפער פון דער „איבערהעם לינקאָלן בריגאַדע", וועלכע זיינען געקומען פון די פאַראייניקטע שטאַטן צו העלפן דעם שפּאַנישן פאָלק צו באַפרייען זיין לאַנד פון דער ברוינער פּעסט. וועסט זען מיט אייגענע אויגן דעם פּראָצעס פון איבערדערציען נאָך אַ פאָלק, אַ צווייטן אין דיין לעבן, וואָס האָט פונקט אַזוי שווער געליטן אונטערן פעאָדאַליזם פון די שפּאַנישע גראַנדן און קאַרדינאַלן, ווי דער רוסישער פּויער האָט געליטן אונטער די צאַרן און פּאָפּן. וועסט קאָנען שטאַרקן און מוטיקן די פרויען און קינדער פון שפּאַנישע מענטשן, פאַר וועלכע די הייננטיקע קאַמפן זיינען די סאַמע ערשטע זינט נאַפּאָלעאָנס רויב־צוג.

און נאָך אַ געפיל איז דאָ געווען: דו קעמפסט פאַר אַ לאַנד, וואָס האָט שוין, אין איין יאָר צייט, געגעבן אַ דאַך איבערן קאָפּ און אַ שטיקל ברויט צו 28 טויזנט פּוילישע און דייטשע יידן, אַנטלאָפענע פון פאַשיסטישע רע־גירונגען, אַהער אין זייער אַמאָליקן גליקלעכן אַלטן ספרדישן פאָטערלאַנד, אין דער „וויעכא פּאַטריא", פון דעם רמב"ם און אבן עזרא.

דאָס האָב איך געטראַכט זיצנדיק אויף דער קליינער פּראָווינציש־שפּאַ־נישער באַן־סטאַנציע, וואו אויסער מיר איז געווען בלויז איין פּאַסאַזשיר, אַן ענגלישער וואַזשנער זשורנאַליסט, וועלכער האָט געשוויגן אַ צייט, אָבער

ווען ער האָט דערזען אויף מיין וואַליזקע אַ ניו־יאָרקער שטעמפּל מיטן נאָמען פון מיין שיף: „שאַמפּלעין“ און פאַרשטאַנען, אַז איך בין פון אַמעריקע, האָט ער געזאָגט: „איט בעגינס וויט טראָבל“ (עס הויבט זיך אָן מיט צרות). און ווען איך האָב אים געזאָגט, ווי דער שפּאַנישער סאָלדאַט: „לא געררא“ — האָט ער שוין מער מיט מיר נישט גערעדט. פוטבאָל־שפּיל איז עס אַוודאי נישט געווען...

די פעלזיקע ערד פון ביידע לענדער איז געווען באַשיינט פון די לעצטע זונען־שטראַלן, די לופט פול מיטן ריח פון אַרומיקע בערג און אָרעמע פעל־דער. קיין רויך פון לאָקאָמאָטיוון איז נישט געווען, ווייל קיין צוגן זיינען נישט געגאַנגען. מען האָט געוואוסט, אַז די בריק ווערט באָמבאַרדירט פון די פאַשיסטן. און מען האָט אויך געוואוסט, אַז אומצאָליקע פרייוויליקע „גייען“ קיין שפּאַניע איבער די פּירענייען, נישט מיט באַנען אָדער אויטאָמאָבילן. די איינציקע, וואָס פלעגן זיי זען, זיינען געווען פעלזן און שטיינער, היילן און אָפּגרונטן פון די גרענעץ־בערג.

אונטערן שוץ פון דער טונקלקייט האָבן אַרבעטער ווי־ניט־איז געבראַכט אין אָרדענונג די רעלסן אויף דער בריק און שפּעט ביינאַכט האָט זיך דער צוג — צוויי וואַגאָנעס אינגאַנצן — גערירט פון אָרט אויפן ווייטן וועג קיין באַרצעלאָנע. צווישן די פּאָר שעה וואַרטן אין „סערבער“ זיינען צוגעקומען נאָך צוויי פּאַסאַזשירן פון אַ טולוזער צוג: פראַנצויזישע זשורנאַליסטן פון זייערע לאָקאַלע צייטונגען, זיינען מיר שוין געווען פיר פּאַסאַזשירן און עס איז געוואָרן אַביסל פריילעכער, ווייל די פראַנצויזן זיינען דאָ געווען אָפּטע „אַריינגייער“. איינער פון זיי איז געווען אַ פאַרטרעטער פון דעם פראַנצוי־זישן הילפס פאָנד פאַר די שפּאַנישע לאָיאַליסטן און ביידע האָבן גערעדט שפּאַניש.

איך האָב זיך געזעגנט מיט די עטלעכע באַאַמטע ביי דער גרענעץ, זיי האָבן געענטפערט מיטן שפּאַנישן: „סאַלוד אי וויקטאָריא“. איך האָב עס געהערט צום ערשטן מאָל אויף שפּאַנישער ערד און, אומבאַוואוסטזיניק, האָבן טרערן זיך געשטעלט אין די אויגן. בלויז דער ענגלענדער איז די גאַנצע צייט געזעסן אַ קאַלטער און מיושבדיקער, ווי בעת אַ טעניס־שפּיל. אין עט־לעכע שעה אַרום האָט אונדז דער קאָנדוקטאָר געוואָרנט, אַז מיר קומען צו דער באַשעדיקטער בריק און איך האָב עס געגעבן צו וויסן דעם קאַלטן קאָלעגע אונדזערן, אַזוי פריינטלעך ווי מעגלעך. צו אונדזער פאַרוואונדערונג האָט ער געוואָלט גיין איבער דער בריק צופוס, מורא האָבנדיק צו פאָרן. אָבער דער שפּאַנישער „מיליסיאַנאָ“, וואָס איז געווען אין יעדן וואַגאָן — אַ וואַך, ווייזט אויס — האָט אים נישט דערלויבט דאָס צו טאָן. „וואָס ס'וועט זיין מיט אונדז אַלעמען — וועט זיין מיט דיר; זעסט דאָך, אַז אפילו די

סעניאָרא [מיינענדיק מיך] בלייבט אין דער באַן״. מיר האָבן זיך גערוקט פאָראויס סעקונדנווייז. די בריק האָט געפּירט איבער אַ גאַנץ טיפן אָפּגרונט מיט אַ וואַסערל אויפן דעק און מיט ריזן שטיינער באַהאַנגען. די שטאָלענע געלענדערס פון דער בריק זיינען געווען אויסגעדרייט און ערטערווייז אָפּגעבראָכן פון די אָפּטע באָמבאַרדירונגען, אָבער איבעראַל איז געשטאַנען אַ וואַך. „לאַ גערראַ״, האָט ענדלעך פאַרשטאַנען אויך דער ענגלענדער און האָט אומעטיק אַרויסגעקוקט דורכן פענצטער, אגב, אויף אַ הערלעך־שיינער פּאַנאָראַמע פון די קאַטאַלאַנישע בערג, שטרענגע און טונקל־גרויע, אָן וועלדער און אָן חנדלעך — כמעט אַזוי שטרענג ווי די בערג־ריזן פון סאָוועטישן „אַלטיי״ אין צפון־סיביר. נאָר די לופט איז געווען אַ מילדע, אַ לאַשטשענדיקע, אָנהויב מאַי, 1937 — דער צווייטער פרילינג פון אַ בעסטיאַלישער מלחמה קעגן ברידער־שפּאַניער, מאַמעס פון שפּאַניער, קינדער פון שפּאַניער. אין געציילטע עטלעכע שעה האָבן מיר דערגרייכט באַרצעלאָנאַ: אַן אמתער בינשטאָק, טויזנטער איילנדיקע מענטשן, הונדערטער אויטאָמאָבילן מיטן לאָיאַליסטיש־רעפּובליקאַנישן שטערן־עמבלעם אויף די זייטן, מיליטערלייט פון אַלע ראַנגען און אָפּצייכנס און — די ערשטע קעמפער פון די „אינטערנאַציאָנאַלע בריגאַדן״ אין זייערע פּילאָטקעס אויף די קעפּ.

אויפן וואָקזאַל אין באַרצעלאָנאַ האָב איך גענומען אַ טרעגער פאַר מיין טשעמאָדאַן און פאַר דער שרייב־מאַשינקע און מיר זיינען, לויט זיין רעקאָמענדאַציע, מיטגעגאַנגען איבערן ברייטן פּלאַץ „פּלאַזאַ דע לאַ רעפּובליקאַ״ צו דעם קליינעם האָטעלכל, „דע לאַ מארינאַ״, וואו מען האָט מיר געגעבן אַ צימער, זייער גענוי דורכגעקוקט מיין פּאַס און אַ זשורנאַליסטישע פרעסע־צייגעניש, וואָס איך האָב באַקומען אין ניו־יאָרק פון דעם זשורנאַל „ניו מעססעס״ — וועלכן מען האָט אין פּאַריז, אין דעם שפּאַנישן קאָנסולאַט, אָנגענומען גלויבלעך.

עס איז געווען פרימאָרגן, שיין, ראַשיק, זוניק, גוט אויף דער נשמה און עס האָט זיך געוואָלט זוכן פריינט, קודם כל, פּאַריזער. זיי האָבן געשפּילט דאָס ערשטע פידל אינעם בירגערקריג צווישן אַלע אויסלענדער. זיי האָבן געגעבן די סאַמע ערשטע הילף, די סאַמע ערשטע הילפס־מיטלען — אין מענטשן, טעכניק, קעמפערישע קולטור, מעדיצין, זשורנאַליסטיק אין אַלף־בית פון בירגער־קריג און אַוויאַציע. דער פראַנצויזישער שרייבער, אַנדרע מאלראָ, איז געווען דער ערשטער אָרגאַניזאַטאָר פון דעם לופט־פלאָט, וואָס האָט זיך געפּרואווט אָפּשלאָגן די לופט־אַטאַקעס פון פראַנקאָ און זיינע שותפים. און די סאַמע ערשטע פּאַרטיידיקער פון מאַדריד און באַרצעלאָנאַ זיינען געווען דעלעגאַטן, יידישע ספּאָרטלער, וועלכע זיינען גראָד אָנגעקומען דעם 18טן יולי, 1936, צו אַ ספּאַרטאַקיאַדע אין שפּאַניע, מיט דעלעגאַציעס

פון יוגנטלעכע און קינדער, עטלעכע שעה איידער פראַנקאָס פלוצימדיקער קרימינעלער אַטאַקע אויפן פאָלקס־פראָנט. זיינען זיי שוין במילא געוואָרן די פאַרטיידיקער פון לאָיאַליסטישער שפּאַניע, באַגלייך מיט די שפּאַנישע אַרבעטער און סטודענטן.

די קינדער האָט מען באַלד צוריקגעשיקט קיין פּאַריז, די דעלעגאַטן זיינען געבליבן און געהאָלפן אָרגאַניזירן דעם סאַמע עלעמענטאַרן ווידער־שטאַנד. זיי קומט דער גרויסער דאַנק און די אומשטערבלעכקייט אין דער געשיכטע פון שפּאַניעס בירגער־קריג, וועלכער האָט געוויזן דער גאַנ־צער וועלט, וואָס אַ פאָלק קאָן אויפטאָן ווען עס איז נישט אַליין אויף די שלאַכט־פעלדער!

.2

איך בין אַוועק אין דעם פּרעסע־אַמט פון דער רעפּובליק, כדי צו רע־גיסטרירן זיך פאַר מאַדריד (דאָרט האָב איך געוואָלט אַרבעטן, דאָרט איז געווען דער פראָנט) און אָפּזוכן די 13טע פּוילישע אינטערנאַציאָנאַלע בריגאַדע, וואו עס זיינען געווען פּויליש־יידישע און פּוילישע פריוויליקע, סיי פון פּוילן, סיי פון פראַנקרייך. איך האָב געוואוסט, אַז דאָרט וועל איך גע־פינען אַ סך באַקאַנטע. אין פּרעסע־אַמט, אין דער אויסלאַנד־אָפּטיילונג, איז געווען די באַוואוסטע רעפּובליקאַנישע טוערין און פּאַטריאָטקע, קאָנסטאַנ־סיאַ דע לאַ מאָראַ, די פאַרפאַסערין פון דעם בוך „אין פּלעיס אָוו ספּלענדאָר" (אויפן אָרט פון לוקסוס) און די פרוי פון דעם באַוואוסטן אַוויאַטאָר, איג־נאַסיאָ, אַ העלד פון שפּאַנישן בירגער־קריג. זי האָט מיך זייער פריינטלעך אויפגענומען און מיר צוגעזאָגט, לויט מיין פאַרלאַנג, איינאָרדענען פאַר מיר אַן אינטערוויו מיט דאָלאָרעס איבארורו (לאַ פּאַסיאָנאַריאַ), וואָס זי האָט אויך אויסגעפירט אַ פּאָר וואָכן שפּעטער, שוין אין מאַדריד. דער אינטערוויו איז געווען געדרוקט אין „ניו מעססעס", אין סעפּטעמבער, 1937, און האָט פאַרענטפערט אַלע מיינע פראַגן וועגן דעם אָנטייל פון שפּאַנישע פרויען אינעם בירגער־קריג. זי האָט מיר אויך געהאָלפן איינאָרדענען ראַדיאָ־רע־דעס אויף יידיש אין דער מלוכה'שער ראַדיאָ־סטאַנציע פון מאַדריד — אין 1937 און 1938.

איך האָב אויך אויפגעזוכט, דורכן זעלבן פּרעסע־אַמט, פריינט פון אַר־גענטינע, מיט וועלכע איך בין געפאָרן אין אַ ריזיקן קאָנוואָי פון 84 אויטאָ־מאָבילן, אָנגעפילט מיט הונדערטער אויסלענדישע דיכטער, שרייבער און זשורנאַליסטן — דעלעגאַטן צום אַנטי־פאַשיסטישן אינטערנאַציאָנאַלן שריי־בער־קאָנגרעס, וואָס איז פון פּאַריז אַוועק קיין שפּאַניע און האָט געאַרבעט אין די דריי הויפּט־שטעט פון מזרח־שפּאַניע, שוין נאָכדעם ווי עס איז

פאַרלוירן געוואָרן טאָלעדאָ און מאלאגא. עס זיינען געווען אומפאַרגעסלעכע באַגעגענישן מיט אַלטע, טייערע פריינט.

אויפן קאָנגרעס, אין דעם גרויסן אוניווערסיטעט־זאַל פון מאַדריד, זיצט די סאָוועטישע שרייבער־דעלעגאַציע: ווישניעווסקי, ערענבורג, אַלעקסעי טאָלסטאָי, מיכאַאיל קאָלצאָוו, עטלעכע פרויען־דיכטערינס. איך באַקום אַ צעטעלע צוגעשיקט, אָנגעשריבן אויף רוסיש: „איך האָב געוואוסט, אַז ערגעצוואו אין שפּאַניע וועל איך טרעפן אייך, גינאַ מעדעם. און אָט זייט איר דאָ“. ווייזט זיך אַרויס, אַז דאָס איז פון מיין בּיראָבּידזשאַנער פריינט נאָך פון 1931, דער סאָוועטישער שרייבער וויקטאָר פינק, דער מחבר פונעם בוך: „יעווּרעאי וו' טאַיגע“ („יידן אין דער טייגא“), וואָס איז אַרויס און מאָסקווע אין 1930, אַ יאָר נאָך מיין ערשטער רייזע אין וויטן־מזרח. פינק איז געווען איינער פון די סאָוועטישע שרייבער־דעלעגאַטן צום אַנטי־פאַשיסטישן קאָנגרעס אין מערב־אייראָפּע און מיר האָבן זיך דאָ געטראָפן אין סאַמע האַרץ פון שפּאַניע, אין דער מאַרטירער־שטאָט: „עכעמפּלאָ דעל מונדאָ“ — דער ביישפּיל פאַר דער וועלט.

פון צפון־אַמעריקע, פון ענגלאַנד, פון דייטשלאַנד, פון פראַנקרייך און פון די לאַטיין־אַמעריקאַנישע לענדער, פון קובאַ און מעקסיקאָ, זיינען געקומען די בעסטע מענער און פרויען, דאָס געוויסן פון דער וועלט, אויסגעדריקט דורך דער פען און דעם מאָלער־פּינזל. די אויפמערקזאַמקייט פון די צוהערער ביים קאָנגרעס איז געווען געריכטעט אויף צוויי דעלעגאַציעס: אויף דער סאָוועטישער און דער צפון־אַמעריקאַנער. די סאָוועטישע דעלעגאַטן האָבן באַגריסט דעם קאָנגרעס און זיינען אויפגענומען געוואָרן מיט אַזאַ שטורמישער פרייד און מיט אַזאַ האַרציקייט, אַז עס האָט זיך אַריבערגעטראָגן אין גאַס, וואו עס פלעגט אַלעמאָל שטיין אַ גרויסער עולם און זיך צוהערן צו די הויכרעדנער. עס איז געווען נאָך דער שלאַכט פון ברונעטע, נאָך די הייסע פראָנט־אַטאַקעס פון גוואַדאַלאַכאַראַ און כאַראַמאַ און די יונגע רעפּובּליקאַנישע אַרמיי האָט צוזאַמען מיטן פאָלק געפייערט די שווער־אויסגעקעמפטע נצחונות. אַזוי ווי דער קאָנגרעס האָט זיך באַוועגט די גאַנצע צייט אין אויטאָמאָבּילן, פלעגן מיר זיך אָפּשטעלן אין אָוונט אין אַ קליין שטעטל, ערגעץ אויפן וועג צו אַ גרעסערער שטאָט, איינאָרדענען אַ מיטינג אין אַ „מעריאַ“ — אין שטאָט־ראַט — און די גאַנצע באַפעלקערונג, אַלטע לייט און קינדער מיט מאַמעס (די יוגנט איז געווען אויפן פראָנט) פלעגן זיך צוהערן צו די רעדעס פון פאָרשטייער פון עטלעכע צענדליק פעלקער, פריינט פון שפּאַנישן פאָלקס־פראָנט. באַזונדערס ענטוזיאַסטיש זיינען די צוהערער געווען, בעת אַן אויסלענדישער דעלעגאַט האָט גערעדט שפּאַניש צו די פאַרזאַמלטע. אַזאַ פרייד האָט זיי פאַרשאַפט דער סאָוועטישער גלענצנדיקער

זשורנאַליסט, מיכאַאיל קאָלצאָוו, דער מחבר פון בוך „18 שטעט" (אַרויסגעגעבן נאָך דער אָקטאָבער־רעוואָלוציע).

עס האָבן אויך געזעדט שפּאַניש עטלעכע פראַנצויזישע און פּוילישע דעלעגאַטן, פּראָנט־קעמפער, ווייל פון פּוילן האָט מען אַנטי־פאַשיסטישע דעלעגאַטן נישט געקאָנט שיקן צום קאָנגרעס. זיי וואָלטן דעמאָלט באַלד אַרייַנגעוואָרפן געוואָרן אין לאַגער „קאַרטוז־בערעזא", נאָכן צוריקקערן זיך אַהיים. עס איז געווען דאָס פּוילן פון 1937־1939. אַנוועזנד אויפן קאָנגרעס, אָבער נישט אַלס דעלעגאַטן, זיינען געווען פון די פאַראייניקטע שטאַטן: מאַלקאָלם קאָולעי, אַננאַ לואיז סטראָנג און לואיס פישער. אָבער צו אונדזער פאַרוואונדערונג און צום גרויסן באַדויערן פון שפּאַנישע פאָרשטייער, האָבן זיי אַ וואָרט נישט געבעטן. אַזוי שטאַרק איז אַרומגעגאַנגען דאָס געשפּענסט פון „נישט־אינטערווענציע" בנוגע אַ פּראָגרעסיווער, געזעצלעך־אויסגעקליבענער דעמאָקראַטישער פאָלקס־רעפּובליק אין איראָפּע פון 1937, קעגן דעם איינציקן לאַנד, וואָס האָט העלדיש געפּרוווט זיך אַנטקעגנשטעלן דער אַרומרינגלונג דורך היטלערן פון דער אַרומיקער וועלט.

אין דעם צווייטן יאָר פון בירגער־קריג (אין 1937) האָט שוין גאַנץ נאָרמאַל פונקציאָנירט דער מלוכה־אַפּאַראַט: עס איז אָנגעגאַנגען די מלחמה־אינדוסטריע, נאַטירלעך, אין די ראַמען און גרענעצן פון פאַראַנענע גאַנץ באַשיידענע רוי־שטאָפן און טעכנישע כוחות, און פּנים אל פּנים מיט דער אכזריותדיקער בלאָקאַדע: געזונקענע שיפן מיט רוי־שטאָפן און פּראָדוקטן פלעגט מען באַווייזן ווי אומגעקומענע טייערע נאָענטע. ביז יענעם פרימאָרגן אין פרילינג, 1938, ווען דער שפּאַנישער פלאָט האָט פאַרלוירן די גערולד און האָט מיט איין פול־טרעפער געזונקען די „עספּאַניא" — דעם ריזןקרייצער פון פראַנקאָ! דער שאָס האָט באמת אָפּגעקלונגען איבער דער גאַנצער וועלט. ער האָט געטראָפן אין סאַמע האַרץ פון דעם אינטערנאַציאָנאַלן פאַשיזם.

עס זיינען אַרומגעגאַנגען איבער די מאַדרידער גאַסן מענטשן מיט פריידיקע אויגן אויף די אויסגעהונגערטע פּנימער. אין יענע טעג איז די פאַרציע פון טעגלעכן ברויט געווען איין טונקעלע קאַרענע בולקע, אַ קיילעכדיקע און האַרטע. איך האָב זי בעטן אַרויספאָרן פון באַרצעלאָנאַ געגעבן דעם גרענעץ באַאַמטן פאַר זיין ייִנגל, וועלכער האָט אים געבראַכט אַ טעפּל מיט הייסע „פלאַזשאָלעס" (בעבלעך) פאַר ווײַטשערע אָן אַ שטיקל ברויט. עס איז געגאַנגען פאַר די קינדער אינדערהיים. דאָס ייִנגל האָט געקוקט אַריבער דער גרענעץ אויף די ליכטער פון פראַנקרייך. דאָרט איז געווען ווייסע ברויט און ס'איז ניט געווען קיין מלחמה. האָט דאָס קינד יעדן אָוונט געקוקט אַהין און געחלומט וועגן אַ צייט, ווען אין פיגועראַס, וואו זיי

האָבן געלעבט אײדער די מלחמה האָט זיך אָנגעהויבן, וועט ווערן ליכטיק. און איך האָב געטראַכט וועגן אַ צען־יאָריק ייִדיש ייִנגל אין מאַלאַדעטשנאָ, אַ צייטונגס־פאַרקויפער אויפן וואָקזאַל, וועלכער פלעגט אין אָוונט אַריבער־קוקן צו דער סאָוועטישער גרענעץ, אויפן עלעקטרישן שטערן אין „סעל־סאָוועט", פונוואַנען עס האָט זיך געהערט געזאַנג אין די לאַנגע האַרבסטיקע אָוונטן, נאָכן אַראָפּנעמען די תבואה פון די פעלדער און ביי זיי, ביים ייִנגל אין שטוב, איז געווען פינצטער און קאַלט. אויף די „קרעסן" איז עס געווען, וואו דער באַלעבאָס איבער די ווייסרוסישע און ייִדישע מענטשן איז געווען גראַבסקי און פּילסודסקי. אַ צווייטע בולקע האָב איך געפירט מיט זיך קיין פראַנקרייך, ענגלאַנד און אין ניו־יאָרק, כדי צו ווייזן די פאַרכישופטע „ווי־טאַמינען" פון שפּאַניע, וועלכע האָבן געהאַלטן דעם פראָנט 33 חדשים קעגן זאַטע, מיט בלוט־אָנגעזויפטע וואַנדאַלן.

יאָ, דער מלוכה־אַפּאַראַט האָט פונקציאָנירט גוט אין די באַזעצטע פון שונא שטעט און דערפער. די אויסגעהונגערטע פויערים פלעגן אָן אַ זיפץ צושטעלן פּי, זעק מיט קוקרוזע, שטרוי פאַר די אָקאָפּעס (טרענטשעס) און פאַר די שפּיטאָלן אין פעלד. אַ בעטל איז געווען אַ לוקסוס אין די ערשטע ליניעס פון פראָנט. איך דערמאָן זיך אָן אײַז־קאַלטע נאַכט אויפן אַראַגאָנער פראָנט, ווען מיר זיינען געפאָרן זוכן פראָדוקטן פאַר אַ שפּיטאָל נישט ווייט פון מאַדריד. עס איז געווען אָן אָפענער לאַסט־אויטאָמאָביל און אַ נאָדל־שאַרפער ווינט האָט געשטאָכן דעם גאַנצן קערפער. עס איז נישט געווען קיין מעגלעכקייט זיך פון אים צו באַהאַלטן. איך בין געזעסן ביים שאָפער אין זיין קאַבינע און זיך דערמאָנט, אַז אין אָפענעם וואָגן פאָרט אָן אינוואַ־ליד, אַ פאַרוואונדעטער, נאָרוואָס פון שפּיטאָל אַרויסגעלאָזט. האָב איך גע־הייסן דעם שאָפער זיך אָפּשטעלן בעת מיר האָבן דערזען אַ ליכט־שיין אין אַ דערבייאיקן דאָרף, וואָס איז געווען פאַרבאָטן. עס איז געווען אַ פראָנט־געביט און מיר זיינען אַריין אין אַ כאַטע, נאָכדעם ווי מיר האָבן שטאַרק און לאַנג געקלאַפּט אין אַ טיר. קאָנטיק, אַז מען האָט זייער נישט גערן פאַר־לאָזן דעם קיך־אויוון אויפצופראַלן פאַר שפּעטע געסט אַ טיר. אויף דער פראַגע: „קיען וואַ?", האָבן מיר געענטפערט: „לאָיאַליסטאָס". און ווען מען האָט געעפנט די טיר און אונדז אַריינגעלאָזט, האָבן די באַלעבאָטים פון דער כאַטע דערזען אונדזערע בלויע פּנימער און אונדז באַלד געהייסן זיך זעצן ביי אָן אָפענעם קוימען, וואוהין מען האָט געוואָרפן שטרוי און טרו־קענע גראָז און פונוואַנען עס האָט געבובעט מיט וואַרעמקייט אויף אַ מינוט. דערנאָך איז געוואָרן נאָך קעלטער, ווייל אין דער סטעליע איז געווען די עפענונג פאַרן קוימען.

— מיר האָבן זיך לעגיטימירט און געוויזן די רעקוויזיציע פאַרן שטרוי —

פּאַר געלט, נאַטירלעך. דער באַלעבאָס האָט געזאָגט, אַז דאָס איז אַ „קאָ־לעקטיווער דאָרף". ער אַליין קאָן גאָרנישט טאָן, נאָר ער וועט מיט אונדז גיין צום „טעניענטע", דעם פאָרשטייער פון קאָלווירט, אַ געוועזענעם מי־ליסיאַנאָ אין ראַנג פון אַן אָפיצער, און זאָל ער אים הייסן האַנדלען מיט אונדז. ווען מיר זיינען אַזוי געזעסן אַרום אויוון, האָב איך געוואָלט צורוקן מיין בענקל צום פייער און האָב אָנגעטאָפּט רעכטס פון מיר אַ שטיק אייז. ווען איך האָב שנעל אַראָפּגענומען מיין האַנט פון דעם אייז און געפרעגט ביי מיין שכן, וואָס ער האַלט נעבן זיך, האָט ער גאַנץ ערנסט אַ קוק געטאָן אויף מיר און געזאָגט: „עס מי מאַנאָ" — דאָס איז מיין האַנט. ער איז געווען פאַרוואונדעט אין דער האַנט.

די סאַמע ערשטע צייט האָבן געאַרבעט אין די שפּיטעלער געפאַנגענע פאַשיסטישע כירורגן, וועלכע האָבן סאַבאָטאַזשירט אונדזערע פאַרוואונדעטע אויפן סאַמע בעסטיאַלישן אופן. זיי פלעגן לייכטע וואונדן פאַרוואַנדלען אין פאַרקריפּלטע אויף שטענדיק קערפּער־גלידער, ביז דער צייט ווען די צאָל עררלעכע דאָקטוירים האָט זיך פאַרגרעסערט און מען האָט די סאַבאָטאַ־זשירער צוגעצויגן צו געזעצלעכער פאַראַנטוואָרטלעכקייט. אַזוי ווי זיין האַנט איז געווען אַן לעבן, אָן בלוט־צירקולאַציע, מיט פאַראַליזירטע נערוון, און אַזוי ווי איך האָב פון פאַריז דורך אַ טעות באַקומען צו־גרויסע הענטשקעס, האָב איך אים אָנגעטאָן די הענטשקעס אויף די הענט און געזאָגט, אַז איך האָב נאָך אַ פּאָר.

עס זיינען געווען מיט אונדז דעמאָלט נאָך עטלעכע פּוילישע חברים, צווישן זיי דער פריינט, ענטע, וואָס איז געווען אַ מין גייענדיקע ביבליאָטעק און דער „אַרכיוו" פון דער דרייצנטער פּוילישער דאָמבראָווסקי־בריגאַדע. ער איז איצט, דוכט מיר, אין פּוילן.

מיר האָבן באַקומען אַביסל שטרוי אין יענעם דאָרף, צו באַהאַלטן זיך פונעם ווינט אין די שווערע סנאָפּעס און יעדער פון אונדז האָט פלוצלינג זיך דערפילט, ווי אין חלום, אין אַ פּוילישן שייער אָדער אין אַ סטאָדאָלע. די אייזקאַלטע שטרוי־סנאָפּעס האָבן געשמעקט מיט אַ יאַר־מאַרק ערגעץ אין אַמאָליקן שטעטל און עס האָט זיך נישט געוואָלט שטאַרבן פון אַ פאַ־שיסטישער קויל יענע נאַכט. עס איז דאָך געווען דער אַראַגאָנער פראָנט אַרום אונדז.

מיר האָבן נישט געהאַט גענוג גאַזאָלין יענעם טאָג. געדאַרפט האָבן מיר קומען אַהין ביי טאָג, וואו איך האָב געזאָלט דורכפירן אַ שמועס מיט די פרויען וועגן זייער געזעלשאַפטלעכער אַרבעט פאַרן ווינטער. אָבער דער באַפעל איז געווען: פאָרן ווייטער, זוכן שטרוי, ווייל אין די אָקאָפּעס איז נאָך קעלטער, איידער אויין נאַכט אונטערוועגנס. מיר האָבן באַקומען אַ

פלאַש הייסע וואַסער פאַרן פאַרוואונדעטן און אַ קאַראַפקע מיט ווײַן פאַר די יאַטן. דער אינוואַליד איז שוין געזעסן ביים שאָפער אין דער קאַבינע, וואו ס'איז פאַרט וואַרעמער.

.3

מיר האָבן געהאַט צוויי חשובע געסט יענעם האַרבסט, 1937, אין אַל־באַסעטע, וואָס איז געווען דער זאַמלפונקט פון די אינטערנאַציאָנאַלע ברי־גאַדעס — דעם חבר גרשון דוא (געד) פון וואַרשע און דעם גרינדער פון דער „היסטאָרישער קאָמיסיע" אין דער 13טער בריגאַדע (יאַראָסלאַוו דאָמ־בראָווסקי בריגאַדע), דעם חבר פּיאַלא. זיי ביידן צו פאַרדאַנקען פאַרן דער־שיינען פון אַ אידישן זשורנאַל פאַרן פראָנט: דעם „נפתלי באָטווין" חודש־זשורנאַל און אויך דער „אידישער קעמפער".

עס האָט זיך איינגעאָרדנט אַ קולטור־פּאָליטישער אַפּאַראַט, מיט פּעריאָ־דישע אויסגאַבן אויף יידיש, מיט אַ לייען־צימער פאַר צייטונגען און זשור־נאַלן אין אַלע שפּראַכן, אויף וועלכע עס האָבן געערעדט די מיטגלידער פון די אינטערנאַציאָנאַלע בריגאַדן און, נאַטירלעך, די שפּאַניער גופא. מען האָט איינגעאָרדנט קורסן פאַר מענטשן, וואָס האָבן זיך געוואָלט לערנען שפּאַניש — אויסער קרייזן פאַר אַנאַלפאַבעטן אויפן פראָנט — פאַר קעמפער פון טיפע שפּאַנישע פּראָווינץ־געגנטן, וועלכע זיינען קיינמאָל אין זייער לעבן נישט געגאַנגען אין קיין שול, פּשוט דערפאַר, וואָס אין די שפּאַנישע דערפער זיינען קיין פאָלקסשולן נישט געווען. עס האָט פונקציאָנירט אַ רעדאַקציע אין יעדן ווינקל פון דעם גרויסן זאַל פון דער „קאָמענדאַנטורא" אויף דער „קאַיע וועלאַסקעז" און אַזוי ווי דער זאַל האָט בלויז געהאַט 4 ווינקלען, פאַר פיר רעדאַקציעס, האָט די פינפטע, די אַמעריקאַנישע פון דער „אייב־רעהעם לינקאָלן־בריגאַדע" פאַרנומען דעם סאַמע מיטן פון דעם זאַל און זיי האָבן אַממערסטן געליטן קעלט אין ווינטער־טעג אין דעם האַלב־פינצ־טערן פאַרכמורעטן מאַדריד. צו זיי פלעגט נישט דערגיין דאָס שוואַכע פייערל פון דעם עלעקטרישן קליינעם אויוון, וואָס מען האָט געהאַט גע־בראַכט אַלס אַ „טראָפּיי" פון פאַרכאַפּטע פאַשיסטישע אָקאָפּעס און אַריינ־געפּאַסט אין אונדזער לייטונג. איך זע פאַר זיך ביזן היינטיקן טאָג זייערע איינגעבויגענע קעפּ איבער די שרייב־מאַשינקעס: יוזעק מאַזעל (סולינסקי), דער רעדאַקטאָר, בשותפות מיט מיעטעק שליען, פון דעם פּוילישן אָרגאַן פון דער 13טער בריגאַדע „דאָמבראָווּשטשאַק"; עסטעללאַ, די פרוי פון דעם אינספּעקטאָר פון אַלע אינטערבריגאַדעס, גאַללאָ, וועלכע האָט אַרויסגעגעבן דעם אָרגאַן פון „גאַריבאַלדי־באַטאַליאָן" אין איטאַליעניש; פרעד און אָסקאַר מאַרגאַן פאַרן אָרגאַן פון „ערנסט טעלמאַן־באַטאַליאָן" און אַ קליין ווינקעלע,

וואָס מען האָט אויסגעליען פון וואָך צו וואָך צו עטלעכע „אינטערנאַציאָנאַלע טייערע שטיף־קינדער", וואָס זיינען געווען נישט שטאַרק געגוג אין צאָל, כדי צו האָבן „אייגענע" דירות. אָבער ווען זיי פלעגן אַריינקומען אויף אַ צוויי טעג אורלויב פון פראָנט, באַבערדלטע און אויסגעפרוירענע, אָן פּאַ־פּיראָסן און אָן אַ צייטונג, פלעגט מען אַראָפּשאַרן פון די טישן אַלע וואָגיקע מאַטעריאַלן, אָפּגעבן זיי דאָס בעסטע אָרט, ברענגען זיי פון ראָזאַריאָ, אונ־דזער באַלעבאָסטע פון קיך, ברויט און קעז און הייסע „קאַווע", וואָס מען האָט אָנגערופן דעם ביטערן פּעך־שוואַרצן געטראַנק, וועלכן קיין איין פּראָנ־צויז פון דער 14טער „מאַרסעליעז־בריגאַדע" האָט נישט געוואָלט נעמען אין מויל אַריין: „בעסער אַ וואָך אויפן אַראַגאָנער פראָנט, איידער איין גלאָז פון אָט־דער „קאָשאָנערי" (אָפּוואַש־וואַסער), — האָבן געטענה׳ט די געסט, בעת מיר, זשורנאַליסטן האָבן מיט די בלייפעדערס און נאָטיץ־ביכלעך אין האַנט זיך געוואָרפן אויף זיי פאַר אינפאָרמאַציע און איינדרוקן פאַר דער פּרעסע. די גאַנצע וועלט האָט דאָך געוואַרט דערויף.

איינמאָל האָבן מיר געהאַט אַ פאַרכאַפּנדיקן גרוס, אַן אויפרודערנדיקן אפילו פאַר דער מיט־העראָאיק־אָנגעפילטער שפּאַנישער עפּאָפּייע. שפּעט ביידערנאַכט האָבן די פאַשיסטן אָנגעהויבן אַן אַרטילעריע־אָנפאַל, נישט מיט אַוויאַציע. דאָס איז געווען דאָס ערשטע מאָל, וואָס די פאַשיסטן האָבן אויפ־געשטעלט אויף די בערגלעך אַרום מאַדריד, וואָס מען רופט „לאָמאַס דע לאָס אַנגעלעס" (בערג פון די מלאכים) — מאַסיווע האַרמאַטן. און פון אויבן, פון זייער גוטער פּאָזיציע, האָבן זיי געשאָסן אויף מאַדריד. מען האָט מיר נישט דערלויבט צו גיין שפּעט ביינאַכט אַהיים אין מיין האָטעל נאַסיאָנאַל און זאָסיא שלייען, אַ פּוילישע חברטע, האָט מיר פאָרגעלייגט צו נעכטיקן אין איינעם פון די ליידיקע צימערן, וואָס מען פלעגט רעזערווירן פאַר אומ־דערוואַרטעטע אורלויבער. אַזוי ווי די קאַנאָנאַדע האָט זיך פאַרשאַרפט, האָט עמיצער פאָרגעשלאָגן מען זאָל אַרויפגיין אויפן דאַך פון דער הויכער קאָ־מענדאַנטור און זען פונוואַנען מען שיסט. אויפן דאַך זיינען געלעגן זעק מיט ערד קעגן צינד־באָמבעס, האָבן מיר שוין געהאַט אַ שטיקל שוץ, אַזוי צו זאָגן, און האָבן געקוקט אויף דער פאַרטונקלטער שטאָט, שוין האַלב אינעם פאַרטאָגיקן נעפּל, אויף מאַדריד, וואָס האָט, אַלס צוגאָב צו די באָמבעס, איצט נאָך באַקומען אַ נייעם סאָרט טויט: האַרמאַטן־קוילן, וואָס צעזעצן אַ הויכע הויז אויף העלפט. מיט אַ גוטן פעלד־לאָרנעט האָבן מיר געזען פאַר יעדן שאָס ווייט־ווייט אויפן בערגל אַ רויט פייערל, דערנאָך דערהערט דעם אויפרייס. אַזוי אַ גאַנץ לאַנגע צייט.

אונדזער גאַס, די „קאַיע וועלאסקעז", איז נישט געווען באַרירט דער־ווייל. אָבער איבער דער גאָס איז פּלוצלינג גאַנץ גיך געפאָרן אַ מיליטע־

רישער אַמבולאַנס און האָט זיך אָפּגעשטעלט פאַר אונדזער טויער. עס זיי־נען אַרויס צוויי מיליטער־באַאַמטע, האָבן געצויגן דעם גלאָק און ווען אונ־דזער וואַך־פּאָסטן האָט געפרעגט דעם פּאַראָל און אים באַקומען, האָט מען זיי געעפנט דעם אייזערנעם טויער. מען האָט פון אַמבולאַנס אַרויסגעטראָגן אַ פעלד־בעטל מיט אַ פאַרוואונדעטן און אַ צווייטן געהאָלפן גיין. זיינען מיר שוין אויף שנעל אַראָפּ פונעם דאַך און אַריינגעגאַנגען וועקן די שלאָפנדיקע קאַלעגן. אויף שנעל האָט מען אַריינגעפירט דעם נישט־פאַרוואונדעטן אין רעדאַקציע־צימער, אויפגעוועקט דעם דאָקטאָר, אַ בולגאַרישן חבר, צום פאַר־וואונדעטן, אויפגעוועקט ראָזאַריאָ כדי צו דערלאַנגען עפּעס עסן ביידע געסט און מיר האָבן זיך דערוואוסט אָט וואָס: די צוויי אין אַמבולאַנס זיינען „גע־רילעראָס", פאַרטיזאַנען. זיי האָבן „געאַרבעט" הינטערן שונאס ליניעס. ווען זיי האָבן באַקומען דעם באַפעל זיך אומצוקערן צוריק צו דער לאָיאַליס־טישער אָפּטיילונג זייערער, איז איינער פון זיי געוואָרן פאַרוואונדעט פון אַ סנייפּערישער קויל, ערגעץ ווייט אין אנדאַלוזיע.

דער פאַרוואונדעטער איז געווען אַ שפּאַניער, דער געזונטער אַן עסטריי־כער, אַ ווינער מעטאַל־אַרבעטער, אַ פרייוויליקער. האָט ער באַשלאָסן צו טראָגן דעם שפּאַניער אַזוי לאַנג, ביינאַכט נאַטירלעך, ביז זיי וועלן זיך דער־שלאָגן צו אַ מעגלעכקייט פון אַ קאָנטאַקט. ער איז געגאַנגען 17 טעג, מערסטנס, נעכט, און געטראָגן דעם פאַרוואונדעטן אויף די פּלייצעס. ביי אַ פּאָסטוך, הויך אין די בערג, האָט ער צום ערשטן מאָל אין דריי וואָכן אָוועקגעלייגט דעם אויסגעשעפּטן, פיבערדיקן חבר זיינעם אויף אַ שטרוי־ענעם געלעגער אין אַ שאַלאַש און אים אָנגעפּאָיעט, נאָך דריי וואָכן פון הונ־גער און קעלט און אַ נישט־פאַרטריקנטער וואונד אין פּלייצע — מיט שאָ־פענער מילך. נאָך דריי טעג בלויז פון ליגן אין דעם שאַלאַש, מיט אַ סטאַדע יונגע לעמעלעך, האָט דער פּאַסטוך אים, דעם שפּאַניער, דערקלערט וואו זיי געפינען זיך און אַז זיי דאַרפן גיין נאָך אַ וואָך, ביז פּויערים וועלן אפשר קאָנען זיי אַריבערפירן דורך די בערג, שוין באַדעקטע מיט שניי, צו די לאָיאַליסטן, אין אַ געגנט, וווא דערפער פלעגן בייטן די מאַכט פון שעה צו שעה — אין האַרבסט 1938.

דער עסטרייכישער חבר האָט אים האַלב געפירט, האַלב געטראָגן, זיך געקאָרמעט פון רויע „מאיז"־גלאָמבעס (קוקורוזע) און איין נאַכט איז מען אַ פּאַל־אַריין געטאָן אין אַן אָקאָפּ (אַ טרענטש) פונוואַנען מען האָט זיך אונ־טער אַ ווילדער שיסעריי געגרייט אַרויסצוגיין אין דער צווייטער ליניע אָקאָפּעס. ווען זיי זיינען ביידע אַריינגעפאַלן פאַרשוואַרצטע, אויסגעצערטע, מיט בערד אויף זייערע פּנימער, אָן לאָיאַליסטישע אָפּצייכנס אויף די אויס־געבלאַקירטע מלבושים, האָט מען זיי תיכף אַרעסטירט און אָפּגעפירט צו

דער אויספאָרשונג. ערשט ווען זיי האָבן זיך לעגיטימירט און געזאָגט, ווער עס האָט זיי געשיקט אויף אַרבעט אין אַנדאַלוזיע, האָט מען זיי מיט אַן עראָפּלאַן געפירט קיין מאַדריד. גראָד זיינבן ביידע געווען אין דער 13טער בריגאַדע, און דער שפּאַניער האָט זיך נישט געוואָלט צעשיידן מיטן ווינער אַרבעטער. ער האָט גע׳טענה׳ט: „עס און מואי בוענאָ קאמאראדא, מואי בוענאָ“ (ער איז זייער אַ גוטער חבר, זייער אַ גוטער!).

די פלעגערין האָט אונדז דערציילט, אַז אין זיינע פיבער־פאַנטאַזיעס האָט ער זיך געקלאָגט: „מי פּאָברע פּאַיז, מי פּאָברע אַנדאַלוזיאַ“ (מיין אָרעם לאַנד, מיין אָרעמע אַנדאַלוזיע). עס איז געווען אַ גאַנץ באַזונדערע סיבה פאַר דעם. ביי זיי האָט געהערשט דער נאַצי־גענעראַל קייטעל. ער האָט אַרויס־געגעבן אַ באַפעל צו די פּויערים, אַז מען זאָל צושטעלן פאַר די נאַצישע סאָלדאַטן געהילץ פאַר די אָקאָפּעס. די וועגנט מוזן זיין באַשלאָגן מיט האָלץ און דווקא מיט אָליוון־האָלץ. פאַר די אַנדאַלוזיער איז אַן אָליוון־בוים פונקט אַזוי טייער, ווי אַ מאַמע. און אַ שפּאַניש גלייכווערטל זאָגט: „אין שפּאַניע איז גענוג צו זיין אַ מאַמע — איז זי געהייליקט פון גאַנצן פאָלק“. ווען די פּויערים האָבן זיך אָפּגעזאָגט צו האַקן די ביימער (עס געדויערט יאָרן ביז וואַנען אַן אָליוון־בוים הויבט־אָן טראָגן זיינע פּרוכט), האָט קייטעל געגעבן דעם באַפעל צו דערשיסן צען פּויערים. די פּויערים זיינען געשטאַנען פאַר דער עקזעקוציע, זיך געצלמט, אָבער נישט געהאַקט די ביימער. האָט מען גענומען ווייטערע משכנות, נאָך צען פּויערים, וועלכע האָבן זיך ווייטער אָפּ־געזאָגט צו האַקן אָליוון־ביימער. ווען מען האָט די צווייטע גרופּע אויך דערשאָסן, האָט דאָס גאַנצע דאָרף דערקלערט, אַז קיינער וועט נישט האַקן קיין אָליוון־ביימער אין שפּאַניע, אויב ער איז אַ שפּאַניער! דער סוף איז געווען, אַז קייטעל האָט געמוזט זיך באַגיין אָן ברעטער אין די אָקאָפּעס.

אויפן נירנבערגער פּראָצעס האָט מען אָט־דעם פאַרברעכן נישט דער־מאָנט. אָבער דער זשורנאַליסט, וואָס האָט וועגן דעם געשריבן, איז געווען מיכאַאיל קאָלצאָוו; ער לעבט שוין אויך נישט. די פּרעסע האָט געביטן דעם נאָמען פון דער פּראָווינץ אויף „וואַנדאַלוזיע“.

די יאָרן נאָך דער ערשטער וועלט־מלחמה האָבן אַרויסגעבראַכט די נישט־באַפרידיקטע פאָדערונגען און נישט־רעאַליזירטע האָפענונגען און צו־זאָגן, וועלכע מען האָט געגעבן די פעלקער שיקנדיק זייערע זין אין 1914 אויף די שלאַכטפעלדער פון ווערדען און קאַפּאָרעטאָ און צו דער מאַרנע. דאָס שפּאַנישע פאָלק אָבער האָט געהאַט זיין ליידנסוועג אין משך פון יאָר־הונדערטער און אַ מלחמה־פאַרשקלאַפונג בעת נאַפּאָלעאָנס אָנפאַל אויף שפּאַ־ניע אָנהויב 1808. נאַפּאָלעאָן האָט אין יענע צייטן מאָביליזירט מענער פון אַלע דעראָבערטע לענדער און מיט זייער הילף געפירט מלחמות איבער איי־

ראַפּע — אויך קעגן שפּאַניע. אָבער ווען דאָס שפּאַנישע פאָלק האָט, צום ערשטן מאָל, מיט דער הילף פון אַרבעטער, פויערים און פון דער אינטע־ליגענץ רעוואָלטירט קעגן דער מאָנאַרכיע און קעגן די פעאָדאַל־פּאָליציי־אישע מאַכטהאָבער און געצוואונגען דעם קעניג צו אבדיקירן — ווען עס האָט זיך אָרגאַניזירט אַ רעגירונג פון פאָלקס־פראָנט מיט פאָרשטייער פון זעקס פּאָליטישע פּאַרטייען — האָט די גאַנצע פּראָגרעסיווע וועלט באַ־גריסט די יונגע דעמאָקראַטישע רעפּובליק און צוגעזאָגט איר הילף אין איר ווייטערדיקן קאַמף פאַר איר עקזיסטענץ. דערפאַר איז דער אָפּרוף נאָכן אָב־פאַל פון פראַנקאָ, דעם פאַררעטער און פאָלקס־שונא, געווען אַזוי אינטער־נאַציאָנאַל, אַזוי אַלזייטיק, אַזוי גרויסמוטיק, אַזוי העלדיש און היסטאָריש־איינציק. פּאַלעסטינער חלוצים און אַמעריקאַנער נעגערס, איטאַליענישע פליכטלינגען פון „מוסאָליניס אימפּעריע" מיט עטיאָפּיער און כינעזישע פאַר־טיזאַנען, קובאַנער און מעקסיקאַנער מיט יידישע אַרבעטער פון פּאַוויא־גאַס און פון פּראַגע און פון פּאַריזער בעלוויל, פּוילישע קוילן־גרעבער פון פראַנק־רייך אָרגאַניזירן אַ באַטאַליאָן פּריוויליקע אין מאַדריד און גיבן אים אַ נאָ־מען „פּאַלאַפאָקס", פון יענעם שפּאַניער, וועלכן נאַפּאָלעאָן האָט באַקעמפט אין שפּאַניע מיט דער הילף פון פּוילישע לעגיאָנען, אפשר אור־אור־זיידעס פון די קוילן־גרעבער פון לימאַזש אין 1936. און ווען דער גרויסער פּוי־לישער דיכטער, אדאם מיצקיעוויטש, האָט אָרגאַניזירט אַ פּוילישן לעגיאָן צום קאַמף קעגן דעם רוסישן צאַר האָט ער פאַרעפנטלעכט אַ רוף צו יידן, זיי זאָלן זיך פאַראייניקן מיטן לעגיאָן פאַר „אייער און אונדזער פרייהייט". מער ווי הונדערט יאָר שפּעטער איז מקוים געוואָרן דער געדאַנק פון אדאם מיצקיעוויטש — אָבער, אויף די פעלדער פון שפּאַניע, ווען די 13טע פּוי־לישע בריגאַדע אויפן נאָמען פון אַ צווייטן העלד און קעמפער קעגן צאַר יאַראָסלאַוו דאָמבראָווסקי האָט אין דעצעמבער, 1937, פייערלעך איינ־געשוואוירן די ערשטע יידישע מיליטערישע איינהייט אין דער שפּאַנישער אַרמיי אויפן נאָמען פון דעם לעמבערגער יידישן אַרבעטער, נפתלי באָטווין, דערשאָסן אין 1929 פון דער פּוילישער רעגירונג פאַר נעמען נקמה אין דעם פּראָוואָקאַטאָר קעגן אַרבעטער־קלאַס, טשעכאָווסקי.

פאַרפּייניקטע אין די לאַגערן פון קאַרטוז־בערעזא, אַרויסגעלאָזענע אויף קאַוציע נאָך יאָרן אין פּוילישע תפיסות, זיינען יידישע אַרבעטער געלאָפן איבער פיר־פינף גרענעצן איבערן פאַרשנייטן „זאַוראַט" אין טשעכאָסלאָ־וואַקיע, געצעכטיקט אין אָפנעם פעלד, זיך אויסבאַהאַלטן אין די וועלדער פון עסטרייך און געגאַנגען איבער די פירענייען" טויט־מידע און הונגע־ריקע, אָן וועלכע דאָקומענטן — צו קעמפן אין שפּאַניע, צו נעמען נקמה פאַר די געבליבענע אין די תפיסות פון קיעלץ, פון ווראָנקי, פון מאָקאָטאָוו,

פון פּאַוויאַק, וואו דאָס טאָג־טעגלעכע זידל־וואָרט צוזאַמען מיט די קלעפּ, איז געווען: „זשידאָ־קאָמונאַ". און אַנגעשלאָסן האָבן זיך דייטשע אַנטי־נאַציס — שרייבער, מעטאַל־אַרבעטער, קינסטלער און שלעזישע קוילן־גרעבער — און ענגלענדער, ווי דזשאָרדזש נעיטען, אַ מאַיאָר, מוטיק, געלאַסן, זיכער — דער פּאָטער פון זיין באַטאַליאָן, וואָס האָט נאָך דער שלאַכט פון ברונעטע געגעבן זיי דעם ערשטן וואַרעמען מאָלצייט אין זעקס וואָכן און האָט געקוקט ווי זיי עסן און דערביי געצילט וועֶר עס פעלט און ווער ס'איז געפאַלן אויפן אָרט דורך אַ פראַגמענט פון אַ שראַפּנעל: דזשאָרדזש נעיטען, אַ לאָנדאָנער יידישער פּריוויליקער. זיכער האָט ער און אַזעלכע ווי ער באַגייסטערט אַנילעוויטשן אין דער וואַרשעווער געטאָ און וויטענבערגן אין דער ווילנער און די טויזנטער אַנדערע נאָמענלאָזע צו זייערע אויפטוען.

עס איז שוין געווען נאָך דעם ווי די לאָיאַליסטישע אַרמיי, צוזאַמען מיט דער 15טער „אייברעהעם לינקאָלן" בריגאַדע און טיילן פון דער פּוילישער 13טער „דאָמבראָווסקי" בריגאַדע האָט אין ווינטער 1937 (דעצעמבער) איינגענומען די אַלטע שווערע פעסטונג „טערועל" און אַן ענטוזיאַסטישער עולם האָט באַגריסט די אויף־אורלויב־געקומענע האַלב־פאַרפרוירענע טיילן פון פראָנט־קעמפער. מיליטערישע קריטיקער פון מערב־אייראָפּע האָבן באַצייכנט דעם דאָזיקן פערפעקטן סטראַטעגיש־וויכטיקן זיג אַלס אַ סימבאָלישן פאַר דער רעאָרגאַניזירטער פאָלקס־אַרמיי.

די פאָלקס־אַרמיי האָט געהאַט אַ גלענצנדיקע פירערשאַפט. זי האָט פאַרשטאַרקט אירע אַרטילעריע־מעגלעכקייטן דורך אַ דרוק אויף פראַנקרייכס רעגירונג פון לעאָן בלום צו דערלאָזן די הילפס־כוחות אַריבערגיין די גרענעץ. עס זיינען דאָרטן געשטאַנען הונדערטער לאַסט־אויטאָמאָבילן, אין וועלכע מיר האָבן זיך שטאַרק גענויטיקט און זיי האָבן געזשאַווערט אויפן שניי און רעגן. אונדזערע יאַטן, וועלכע פלעגן זיין נאָענט צו דער גרענעץ, פלעגן פשוט וויינען אין זייערע בריוו צו אונדז, ווען זיי פלעגן אונדז שיקן די פּאָטשט פאַר די „אינטערבריגאַדן" — פּעקלעך און צייטונגען פון פריינט און פלעגן זיי זען לענגאויס דער גרענעץ, אויף יענער זייט פון די פּירענייען. אָבער לעאָן בלום האָט זיך געהאַלטן ביי דער „נאָן־אינטערווענציע" מעטאָדע און די „פּאָלוטאָרא טאַנקעס" פון לענינגראַד זיינען געשטאַנען אויף איין פלאַץ און זיך נישט באַוועגט. (אַזוי האָט מען זיי אָנגערופן מיטן פּאָפּולערן וואָרט, וואָס האָט באַדייט: אַנדערטהאַלבן טאָן פראַכט־מעגלעכקייט).

סעוועק, דער פּויליש־יידישער חבר פון „פּיגוראַס" האָט שוין געהאַט אויסגעשעפּט זיין גאַנצן זאַפּאַס זידלווערטער, ווען פּלוצלונג, נאָכן זיג ביי

טערועל האָבן זיך באַוויזן אין באַרצעלאָנאַ די טייערע אויסגעבענקטע „פּאָלו־טאָרא טאַנקעס" און ווען כוואַסקע קאַטאַלאַנישע שאָפערן האָבן אָנגעהויבן פירן אין זיי אַלע נויטיקע כלים, וואָס זיינען נויטיק געווען אויף אָנצופירן די אַרבעט. אויף די פראָנטן האָט זיך געפילט אַן אויפלעבונג. אין דער לופטן האָט זיך געהערט דער פאַרלאַנג אַריבערצוגיין צו אַן אָפענסיווע קעגן דעם שונא.

עס איז געווען פעברואַר, 1938. מען האָט זיך געגרייט צו קעמפן הייס, כדי איינצונעמען סאַראַגאָסאַ, וואָס מען האָט פאַרלוירן מיט אַ יאָר פריער. אָבער עס איז געקומען אַן אומדערוואַרטער און שווערער אָנפאַל אויפן פראָנט פון „עסטרעמאַדוראַ", וואו אונדזערע טיילן זיינען אַרומגערינגלט געוואָרן פון דער מאַראָקאַנער קאַוואַלעריע, וואָס איז צום ערשטן מאָל אויס־גענוצט געוואָרן פון די פאַשיסטן אויפן באַרגיקן געביט פונעם פראָנט. די לאָיאַליסטן האָבן קיין קאַוואַלעריע־טיילן נישט געהאַט און די שונאים האָבן זיך, ווי אַ סטאַדע שאָקאַלן, מיט די שווערדן איבער די קעפּ אַריינגעריסן אין די אַקאָפּעס פון די לאָיאַליסטן, שפּאַניער און אונטערנאַציאָנאַלע. אפילו די שווערע פּולעמיאָטן (מיטראַליעזן) האָבן אַ סך נישט געקאָנט העלפן און די פאַרלוסטן זיינען געווען זייער שווערע, כאָטש פון די אַנדערע אָפּשניטן, פון די פלאַנקן, האָט מען זיך געוואָרפן צו העלפן. דער 16טער פעברואַר, 1938, איז געווען אַ פינצטערער טאָג אין מאַדריד, בעת עס זיינען אָנגעקומען די ערשטע פאַרוואונדעטע, מיט העלדישקייט־גערעטעוועטע פון שלאַכטפעלד בײנאַכט דורך אונדזערע סאַניטאַרן, אויסגעקליבענע פון די קאַלוזשעס שניי און בלוט.

עס איז געפאַלן דער וואונדערבאַרער ביעלאָרוסישער קעמפער, סטאַך טאָמאַשעוויטש, וואָס איז געקומען קיין שפּאַניע אויסקעמפן זיין פון די פּוילישע פאַשיסטן־אָקופּירטע היימלאַנד, די „קרעסן" און שלאָגנדיק פראַנ־קאָס חיילות האָט ער געקעמפט פאַר דער באַפרייאונג פון זיין דאָרף און זיין כאַטע אַרום באַראַנאָוויטש. עס איז געפאַלן טקאַטשוק, דער גלענצנדיקער אויסשפּירער, וועלכער פלעגט גיין אַליין ביינאַכט זוכן דעם שונא, נישט וועלנדיק, אַז אַ יונגער שפּאַניער זאָל ריזיקירן זיין לעבן: „איך ווייס, ווי אַזוי צו גיין, איך בין נאָך פון אונדזער, פון דעם אוקראַאינער, בירגער־קריג", פלעגט ער זאָגן דעם פּאָליטישן קאָמיסאַר, טקאַטשוק, דער צערטלע־כער טאַטע פון שפּאַנישע דאָרף־קינדער, צווישן וועלכע ער פלעגט פאַרטיילן די האַרטע ענגלישע ביסקוויטן און אַמעריקאַנער קאָנדענסירטע מילך; טקאַ־טשוק, וועלכער פלעגט בעתן פּוצן דאָס געווער אין זיין אקאָפּ, זינגען דאָס פּאָפּולערע סאָוועטישע ליד פון סוויעטלאָוון: „גראַנאַדאַ, גראַנאַדאַ, גראַנאַדאַ מאָיאַ" — אַ ליד פון אַ סאָוועטישן דיכטער מיט דער מוזיק פון אַן אונגאַר.

אַט דאָס ליד, וואָס איז געוואָרן זייער פּאָפּולער, פלעגט מען זינגען אין גאַנץ שפּאַניע.

מיר האָבן פאַרלוירן אַ סך גוטע קעמפער פון דער „באַטווין־קאָמפּאַני". ווען איך האָב גערעדט יענעם טאָג מיט גרשון דוא, האָט ער געהאַט טרערן אין די אויגן. מיר האָבן זיך געזעגנט מיט יענעם אָפּטייל פון עסטרעמאַדורא מיט געציילטע וואָכן צוריק און עס האָט זיך נישט געוואָלט גלויבן, נישט געקאָנט גלויבן, אַז זיי זיינען מער נישטאָ. יענעם טאָג האָט מאַדריד געהאַט אַ באָמבע־אָנפאַל. אַ פּאָר שעה שפּעטער בין איך אַוועק זען דעם חורבן: אַ קלויסטער איז געווען אינגאַנצן צעשטערט און אַ פיר־שטאָקיגע הויז איז געווען פּשוט „אויסגעטאָן" פון דער גאַנצער פראָנט־וואַנט, ווי אָפּעריסן מיט אַ גיגאַנטישער האַנט. און אויבן, אין אַ פענצטער אָן שויבן, פאַרגאָסן מיט סנאָפּעס שטראַלן פון אַ מאַדרידער זון, איז געהאַנגען אַ שטייגל מיט אַ קאַנאַריקל און עס האָט זיך צעזונגען אויפן קול, נישט ווויסנדיק, אַז מען וועט אפילו נישט קאָנען צו דעם אַרויפגיין, ווייל די באָמבעס האָבן אַדורכגעלעכערט דעם דאַך און צעשמעטערט די טרעפּ. דאָס האָבן שוין די העלדישע יינגלעך פון גאַס אויסגעפונען און, צעשראָקענע און טרויעריקע, עס אונדז אָנגעזאָגט. — וועמעס הויז וועט מען צעשטערן מאָרגן? — האָט זיך יעדער געטראַכט, גייענדיק איבער די חרובע ווינקל־געסלעך אַהיים.

דער פאַשיסט פראַנקאָ האָט באָמבאַרדירט די אָרעמע קוואַרטאַלן: „קואַטראָ קאַמונאַס", „וועלאַסקעז" — נישט דעם „פּראַדאָ", וואו די רייכע האָבן געוואוינט, אָדער דעם האַנדלס־צענטער פון שטאָט: „פּוערטע דעל סאָל".

אגב, איז דאָרט געווען אַ קליינער בית־מדרש, און ווען איך בין איינמאָל געקומען אַהין פאַר אַן אינטערוויו מיט יידן, אַ שבת אינדערפרי, האָב איך געפונען אַ שלאָס אויף דער טיר און אַ צעטל מיט אַ מעלדונג: „פאַרמאַכט אויף אַן אומבאַשטימטער צייט". אַ שכן פון אַ דערבייאיק הויז האָט מיר געזאָגט: „די באַאַמטע פון דער יידישער ,קאָמונידאַד' (קהילה) זיינען אַלע אין דער אַמבאַסאַדע פון טשילי. ווען איך בין אַהין אַוועק ריידן מיט זיי, אַלס אַן אַקרעדיטירטע זשורנאַליסטקע פון אַמעריקע, האָט מען מיט מיר נישט געוואָלט ריידן. אָבער די נייע יידישע אימיגראַנטן, געקומענע פון פאַשיסטישע לענדער, האָבן גאַנץ גערן גערעדט מיט אונדז און אין אַ גאַנץ געשמאַקן יידישן מאַמע־לשון. אָבער די רייכערע געשעפטסלייט האָבן — אויב זיי זיינען נישט אַוועק באַצייטנס קיין פראַנקרייך אָדער פּאָרטוגאַל — מיט אונדזער צד נישט געוואָלט רעדן. זייערע געשעפטן זיינען געווען אָפן, פּאַרוואַלטעט פון שפּאַניער. די לאָיאַליסטישע רעגירונג האָט אפילו נישט געטראַכט וועגן קאָנפיסקירן זייערע געשעפטן. אַלץ איז געבליבן אין שטאָט,

ווי עס איז געווען. בלויז גרויסע פריצים, וועלכע זיינען אַנטלאָפן קיין אויס־לאַנד, זיינען אינפאָרמירט געוואָרן דורך די קאָנסולאַטן, אַז זייערע מאַיאָנט־קעס — דאָס הייסט, זייער ערד, איז אָפּגעגעבן געוואָרן צו ערדלאָזע פויערים און אַז מען וועט זיי פאַרגיטיקן פאַר דעם פאַרלוסט פון דער ערד, ווען זיי וועלן זיך אומקערן. ווען די פאַשיסטן האָבן אויפגעשטעלט האַרמאַטן אויף די בערגלעך אַרום מאַדריד, האָבן מיטליאַריקע האַנדל־אַנגעשטעלטע פון דער שטאָט זיך פרייוויליק מאָביליזירט, כדי צו פאַרזוכן אויפצורייסן יענע פּאָזיציעס. זיי האָבן טאַקע איינעם פון די בערגלעך פאַרנומען און דאָרט אויפגעשטעלט אַ שווערן קוילן־וואַרפער, פון וועלכן זיי האָבן באַשאָסן יענע פּאַרמאַציע. דאָס פאָלק פון מאַדריד האָט מיט ליבשאַפט אַנגערופן יענע פּאָזיציע: „לאָמא דע לאָס וועגדאַדאָרעס" („דאָס בערגל פון די גאַסן־פאַר־קויפער").

דער גייסט פון קעמפן ביזן טויט קעגן פראַנקאָן איז אַזוי טיף אַריינגע־דרונגען אין יעדן שפּאַניער און אין זיין משפחה, אַז ער האָט אין אַ גאַנץ קורצער צייט באַווירקט און טיף באַאיינפלוסט די מיטגלידער פון די אינ־טערנאַציאָנאַלע בריגאַדעס און אַרויסגערופן העלדישקייט אָן ווערטער און אָן שבועות. איך געדענק אַ מיטינג פון פאַרוואונדעטע אין אַ שפּיטאָל אין „בעניקאַסים", וועלכע האָבן אַנטייל גענומען אין שווערע שלאַכטן, פּאַרטיי־דיקנדיק דעם צוריקטריט פון דער שטאָט טאָלעדאָ. ליגנדיק, מיט באַנדאַזשן אויפן קאָפּ אָדער מיט הענט איינגעפּאַסט אין גיפּס, האָבן זיי מיט ערנסט זיך צוגעהערט צו די רעדנער. דערנאָך איז אַ גאַנץ יונגער קאַנאַדישער קעמ־פער פון אַ באַטאַליאָן אויפן נאָמען „מעקקענזיפּאַפּינאָ" צוגעגאַנגען צו מיר און געזאָגט שטרענג און ערנסט: „ווי דאָנט ניד עני פּעפּ־טאָק" (מיר בוי־טיקן זיך נישט אין קיין אויפמונטערונג־שמועס). מיר ווייסן וואָס צו טאָן". איך האָב זיך פאַרשעמט פאַר אָט־דעם יונגן סאָלדאַט און מיר האָבן פאַר־וואַנדלט דעם מיטינג אין אַ קאָנצערט.

עס האָבן זיך אָנגעהויבן די צוגרייטונגען צו דער „עבראָ־אָפענסיווע". אין דעם קליינעם שטעטל „אַריהועלאַ", וואו עס איז געווען אַ שפּיטאָל „דעל סאַנגרע", וואָס האָט געטראָגן אָט־דעם נאָמען צוליב אַ קלויסטער אויפן זעל־ביקן נאָמען, וואָס מיינט: „בלוט" — איינע פון די קאַטוילישע הייליקע טראַדיציעס, מסתמא. דערביי איז פאָרגעקומען אַ מערקווירדיקער עפּיזאָד, נאָך אַ רעדע פון דעם אינספּעקטאָר פון די אינטערנאַציאָנאַלע בריגאַדעס וועגן דער ערנסטקייט פון דער לאַגע. עס איז געווען אַ מאָמענט, ווען די פאַ־שיסטן האָבן זיך געריסן צום מיטללענדישן ים און געדראָעט איבערצוהאַקן דעם וועג צווישן וואַלענציאַ און באַרצעלאָנאַ, האָבן זיך די פאַרוואונדעטע, נאָך מיט באַנדאַזשן אויף די קעפּ, איינמוטיק מאָביליזירט און אויפגעהויבן

די הענט, גרייט צו מאַרשירן צום פראָנט. דער רומעניש־יידישער דאָקטאָר, מישא פערלמאַן, האָט מיט טרערן אין די אויגן זיי נאָך אַמאָל אונטערזוכט און געוואָלט מאַכן אַן איבערקלייב צווישן זיי. אָבער זיי האָבן נישט דערלאָזט.

מיט לידער אויף די ליפּן און מיט פליענדיקע פענער אויף די לאַסט־אויטאָמאָבילן האָבן מיר מאַרשירט מיט זיי איבערן שטעטל אַריהועלא, וואו די באַפעלקערונג איז אַרויס אין גאַס זיי באַגלייטן, אייגענע און פרעמדע מאַמעס מיט טאַטעס. אַסך טייערע, טייערע יונגען זיינען מער נישט געקומען צוריק פון יענעם מאַרש. צווישן זיי: העניעק גיטערמאַן, וועלכער איז אָפּגעזעסן 4 יאָר אין דער קיעלצער תפיסה, אַ קאָמוניסט פון פוילן, און איז באַלד נאָך דער באַפרייאונג אַוועק קיין שפּאַניע. עס איז נישט געקומען צוריק באַרסעלאָ לאָרענטאָ (בנימין ליפשיץ), דער איינציקער בונדישער קעמפער אין שפּאַניע פון דער 13טער בריגאַדע, פון דעם „מיצקיעוויטש־באַטאַליאָן". עס איז נישט צוריק געקומען יוזעק מאזעל (סולינסקי), דער סטודענט פון ווילנע און מיטרעדאַקטאָר פון „דאָמבראָווּשטשאַק", געווען אויך דער אינספּיראַטאָר מיינער צו אָנשרייבן און אַרויסגעבן אויף שפּאַניש מיין ביכל וועגן „יידן, פרייהייט־קעמפער אין שפּאַניע", אין 1937. עס איז נישט געקומען צוריק כאַסקל קעניגשטיין, וועמען די שטאָט באַרצעלאָנא האָט געמאַכט אַ גרויסע פאָלקס־לוויה — אויך אַ פויליש־יידישער קעמפער.

***

עס איז אוממעגלעך אין ראַמען פון אַ קאַפּיטל צו באַקענען די געזעלשאַפטלעכקייט מיט אַ וועלט־געשעעניש, ווי עס איז געווען דער בירגערקריג אין שפּאַניע. עס איז אוממעגלעך דאָ איבערצוגעבן די געשיכטע פון די סאַמע ערשטע בלוטיקע קאַמפן ביי מאַדריד — ביי דעם היסטאָרישן ווייסן הייזל „לא קאזא בלאנקא" ביי סיודאד אוניווערסיטאַריא", ביים „פּוענטע פראַנסעז", וואו די סאַמע ערשטע פרייוויליקע פון פוילן און פונעם „טעלמאַן־באַטאַליאָן" האָבן זיך אויסגעצייכנט. עס איז אויך שווער צו באַשרייבן דעם מעסער־שטאָך אין רוקן, וואָס די אַנאַרכיסטן האָבן אונדז דערלאַנגט אין מאַי, 1937, אָנפאַלנדיק אויף לאַיאַליסטן, נעמענדיק נקמה קעגן דורוטיק, דעם פירער פון די סינדיקאַליסטן, דערפאַר וואָס ער האָט גערופן צו שטיצן דעם פאָלקס־פראָנט. זיי האָבן אים שפּעטער דערמאָרדעט. עס איז געווען די האַנט פון דעם טרויעריק־באַוואוסטן „פּום" („פּאַרטידאָ אָברעראָ אוניפיקאַדאָ מאַרקסיסטאַ") „פאַראייניקטע מאַרקסיסטישע אַרבעטער־פּאַרטיי". זיי האָבן אויסגעשאָסן בעת זייער „פּוטש" אַסך פון די בעסטע אמתע טוער פון קאַטאַלאָניע און מאַדריד, צווישן זיי די מיטגלידער פון „אינטערבריגאַדעס".

בעת די פאַשיסטן האָבן זיך געריסן צום ים און מיר פלעגן פאַר־

לאַזן אײן פּאָזיציע נאָך דער צװײטער האָט די אַרמײ־פירערשאַפט באַשלאָסן צו עװאַקואירן טױזנטער קינדער און אַריבערשיקן זײ צו פרײנטלעכע לענדער.

און װידער האָט זיך דאָ געװיזן דער פּנים פון די אמתע פרײנט פון דער שפּאַנישער פאָלקס־רעפּובליק אין איר סאַמע שװערסטער שעה פון קאַמף פאַרן לעבן. דער סאָװעטן־פאַרבאַנד איז געװען די ערשטע מלוכה, װעלכע האָט אױפגענומען און אַרױסגעפירט די ערשטע גרױסע גרופּע פון שפּאַ־נישע קינדער מיט זײערע לערער און אױפזעערינס, מיט שול־מכשירים און ביכער. עס איז געװען אַן אָפּפאָר אױף אַ לאַנגער, לאַנגער צײט. און װען מען האָט די קינדער באַזעצט אין אַ גרױסער הײם בײ דער װאָלגאַ, אין „סערעבריאַנאַיע פּרודי״, בײ סטאַלינגראַד, האָבן די קינדער פון שפּאַנישע קעמפער, 17־און 18־יאָריקע, בעת דער שװערסטער שעה פון סטאַלינגראַד, זיך געשטעלט אין די רײען פון דער רױטער אַרמײ און מיט זײערע יונגע לעבנס אָפּגעצאָלט דעם חוב פון דאַנקבאַרקײט פאַר זײערע טאַטעס. און דער אױספירער פון דער עװאַקואַציע פון אַ דור יונגע שפּאַניער קײן פראַנקרײך, ענגלאַנד און טשעכאָסלאָװאַקיע איז געװאָרן דער פראַנצױזי־שער קעמפער, קאָמוניסט און שרײבער װאַיאַן קוטיריע, אַנטײלעמער נאָך אין 1933 אינעם אַנטי־פאַשיסטישן אומלעגאַלן, אונטערערדישן שלום־קאָנג־רעס אין דער שאַנכאַי פון טשיאַנג־קאַי־שעקן.

פון דאָרטן איז װאַיאַן קוטיריע, צוזאַמען מיט נאָך דעלעגאַטן, אָפּגעפאָרן איבער בירהאָבידזשאַן, צוריק קײן פּאַריז. בעת דער רײזע איבערן װײטן מזרח בין איך געװען די איבערזעצערין פון דער דעלעגאַציע.

דערנאָך איז געקומען דער לעצטער פאַרצװײפלטער װידערשטאַנד פון דעם פאָלקס־פראָנט אין מאַדריד. עס איז געװען מערץ, 1939. עס איז גע־פאַלן באַרצעלאָנאַ. און װידער האָט דער פאַל אָפּגעהילכט איבער דער װעלט. מאַדריד האָט זיך פאַרטײדיקט ביזן סוף. און דער סוף איז נישט געװען קײן קאַפּיטולאַציע.

פראַנקאָס פינפטער קאָלום האָט געהאַט זײַנע אַגענטן צום סוף פון דער באַלאַגערונג בײ מאַדריד. אין זײן בוך, „דער פאַל פון מאַדריד״, דערצײלט דער מחבר, אַ געװיסער קאָלאָדני (אַרױסגעגעבן אין ניו־יאָרק, אין 1960), אױב איך מאַך נישט קײן טעות — אַז אַ קאָרנעל מיטן נאָמען קאַסאַדאָ איז געװען דער, װעלכער האָט צוגעגרײט דעם אַרײנמאַרש פון די פאַשיסטן. און אין יענער שװערער שעה האָט שױן דאָס אָפּגײענדיקע מיט בלוט שפּאַניש פאָלק נישט געפרעגט בײם „נאָן־אינטערװענציע״ קאָמיטעט, צי עס מעג גײן אין אַ פרעמד און נײטראַל לאַנד, צי נישט. אַ פאָלק פון אַ האַלבן מיליאָן, פון שטאָט און דאָרף, פאַרװאונדעטע און געזונטע, אַלטע און יונגע, קינדער און הױז־חיות, װעגעלעך און אײזלען, סאָלדאַטן מיט זײערע געװער אױף די

פּלייצעס — אַלץ האָט געשטראָמט איבער דער גרענעץ קיין פראַנקרייך.

אַ פאָלק האָט בעסער געוואָלט אויסגיין פון הונגער, איידער זיין אונ־טער פראַנקאָן. איינער פון די גלאָררייכסטע אָפּשניטן אין דער געשיכטע פון איראָפּע האָט איבערגעלאָזט זיין שטעמפּל אויף יאָרן, און ער איז נאָך נישט פאַרענדיקט היינט — אין 1962.

און ווען איך קוק אויף צוריק, ווי תמיד בעת די לעצטע פּאָר צענדליק יאָר, זע איך, ווי די „וועלט" האָט אין אַ ריי לענדער איר באַרג־אַראָפּ: ווי כמורנע עס קוקט אויס אין דרום־אַמעריקע, ווי פינצטער עס דרייט זיך די ראָד אין אַפריקע, ווי חוצפּהדיק עס ווערן די „פּראָטעקטאָרן" פון דרום־אַזיע און וואָס פאַר אַ טיפּע רעאַקציע עס הערשט אויפן „איבערישן האַלב־אינדזל" — אין פראַנקאָס און סאַלאַזאַרס תפיסה־לענדער. און עס דערמאָנען זיך די געציילטע יאָרן פון 1937־1939 אין שפּאַניע, ווען אַ מלוכה איז פּאַקטיש גע־קנאָטן געוואָרן מיט די הענט פון פאָלק, פון זיינע בעסטע פאַרטרעטער, וועלכע זיינען איבערנאַכט, אונטערן שונאס פייער, געוואָרן קאָמאַנדירן, סטראַטעגן, פירער, געהאַלטן אין די הענט סיי אַקעראייזנס, סיי דעם האַנט־גראַנאַט; באַ־זאָרגט קינדער מיט שולן און לערער, מיט דאָקטוירים און פלעגערינס, ביב־ליאָטעקן — מיט ביכער און סאָלדאַטן — מיט אַ לשון, מיט זייער אייגע־נער שפּאַנישער, ביזן בירגער־קריג, אומדערגרייכטער ליטעראַטור. אין מאַד־ריד האָט מען צום ערשטן מאָל אין דער געשיכטע געשטעלט רעוואָלוציאָ־נערע דראַמען: „מאַריאַ פּינעדאַ" פון פעדעריגאָ גאַרסיאַ לאָרקאַ, אויך זיין דראַמע „די בלוטיקע חתונה". דער יונגער גלענצנדיקער מאָלער, כאַרדאַ־סאַנאַ, האָט פאַרזאָרגט דעם פראָנט מיט זיינע הערלעכע בילדער־פּלאַקאַטן; די גרויס־אַקטן פון גוערניקאַ — דער מאָרד פון נאָנעס און קינדער, וואָס באַגאַנגען זיי האָבן מאַראָקאַנער און נאַציס און צוגעשריבן האָט מען זיי צו די לאָיאַליסטן אויפן ראַדיאָ פון סאַלאַמאַנקאַ און בורגאָס און זיינען אויפּ־געדעקט געוואָרן דורך בילדער און פּלאַקאַטן פון די אַנטי־פאַשיסטישע מאָ־לער און קאַריקאַטוריסטן.

זעלנער פון נאָענטן מאַדרידער פראָנט פלעגן פאַרברענגען זייער קורצן אײן־טאָגיקן אורלויב אין טעאַטער און אויף אַ מיטינג. צוריק צום פראָנט זיינען זיי געגאַנגען מיט ביכער און צייטונגען פאַר זייערע חברים. און אויף דער יידישער „פראָנט־גאַס" איז אָנגעגאַנגען אונדזער אייגענער פּאָליטישער און קולטור־לעבן. עס פלעגט אַרויסגיין דער אָרגאַן פון דער „באָטווין־קאָמפּאַני", עס פלעגן פאַרקומען אינפאָרמאַטיווע זיצונגען אין אונדזער איי־גענעם קלוב און אין האַרבסט 1937 האָבן מיר געשיקט אַ דעלעגאַט, אַ יידישן וועטעראַן, צום גרינדונגס־קאָנגרעס פון דעם אַלוועלטלעכן יידישן קולטור־פאַרבאַנד (איקוף) אין פּאַריז.

מיר האָבן אויך געפירט אַ גרויסע אויפקלערונגס־אַרבעט צווישן די פּוי־לישע קעמפּער, סיי אין שפּיטאָל, סיי אויפן פראָנט. עס זיינען געווען פּאַ־ליאַקן פון פּאַריז, פון צפון־אַמעריקע און קאַנאַדע, פון די „קרעסן" און פון מזרח־גאַליציע. עס האָבן זיך פאַרקניפּט פריינטשאַפטן צווישן אַלע נאַציאָ־נאַליטעטן אויפן פראָנט. יעדער האָט שוין אויפגעכאַפּט דאָס שפּאַנישע לשון און די באַפעלקערונג איז אַזוי געווען דאַנקבאַר די אינטערנאַציאָנאַלע בריגאַדעס פאַר זייער הילף אין דעם קאַמף קעגן פראַנקאָ, אַז מען האָט גענומען לייכט־פאַרוואונדעטע און רעקאָנוואַלעסצענטן (וועלכע האָבן זיך גענויטיקט אין דערהאָלונג) צו זיך אַהיים און מען האָט געהאָלפן זיי קומען צו זיך. עס האָבן זיך געגרינדעט „שעפן" איבער שפּאַנישע קינדערהיימען פאַר יתומים און זונטיק אָוונטן פלעגט מען זען אין די קלובן סטאַדקעס מיט קינדערלעך אַרום אַ וועטעראַן אויף צווי קוליעס, אַ העלד פון מאַדריד פון די סאַמע ערשטע טעג פונעם בירגער־קריג — ווי ער זינגט זיי פּוילישע דאָרפס־לידער און שניצט־אויס פון האָלץ פּוילישע העגער, מיט אַ צוגע־פאַרבטן רויטן קאָפּ, כאָטש הער אים קרייען „קוקורעקו" פּאַרטאָג. אַזאַ איז געווען דער פּויער פון אַרום לעמבערג, סטאַך באַניאַ, וועלכער האָט אַליין געהאַט קינדער אינדערהיים און שטענדיק געטוליעט צו זיך איינס פון די יינגסטע פון דער קינדער־היים.

יאָ — אין אונדזערע אויגן האָט זיך אַנטוויקלט און האָט געקעמפט און געלעבט אַ נייע, גאָר נייע שפּאַניע: אַ מלוכה (18 מינוט פון שלאַכט־פראָנט מיטן טראַמוואַי!) אין מאַדריד. עס האָט אָנגעהויבן צו לעבן אַנדערש, בע־סער, מענטשלעכער — אַ פאָלק, אַ שטאָלץ און ערלעך פאָלק, וואָס האָט געוואָלט איין זאַך מער ווי לעבן: פרייהייט!

אפילו אין טויט, אין העלדישן זעלנערישן טויט, זיינען די קעמפער געווען פאַראייניקט: די שטאָט מאַדריד האָט באַשטימט אַ זייער שיינעם, מיט ביימער־באַוואַקסענעם פּלאַץ, ווייט פון הייזער און פון מענטשן, פאַר דעם בית־עולם פון די אינטערנאַציאָנאַלע געפאַלענע העלדן. אַן אַלטער גערטנער האָט אויפגעפּאַסט אויף די קברים, פאַרפלאַנצט בלומען, אויסגעציעטעט דאָס ווילד גראָז, באַפעסטיקט די ווייסע טאָוולען מיט די נעמען און ערטער פון זייער אָפּשטאַם און שלאַכטפעלד. ער איז געווען זייער קאָנטאַקט מיט די לעבעדיקע. ער פלעגט אונדז, די באַזוכער, דערציילן וועגן זיי. ער פלעגט בלויז נישט קאָנען אויסרעדן די שווערע פרעמדע נעמען פון עטלעכע פון זיי. בשום אופן נישט געקאָנט אויסרעדן דעם נאָמען פון אַ ברוקלינער חבר, איזי קופּטשיק און פון אַנטעק קאַכאַנעק און דאַווידאָוויטש — און אַזוי קינדיש־טרויעריק האָט ער דערביי געשמייכלט, ווי ער וואָלט וועלן זאָגן:

„זיי האָבן שווער געקעמפט, געליטן דעם טויט און איך — איך קאָן אַ נאָמען נישט אויסרעדן".

די שפּאַנישע וואַרעמע זון האָט באַלויכטן גלייך אויף גלייך פּוילישע, יידישע, אוקראַיִנישע קברים און דער אַלטער איגנאַסיאָ איז געוואָרן אויפגעבראַכט, ווען נאַצישע עראָפּלאַנען האָבן געפונען דעם וועג אויך אַהער. מיט געביילטע פויסטן האָט ער געזידלט „לאָס פאַשיסטאָס", וועלכע באָמבאַרדירן אפילו די קעמפער נאָך זייער אַוועקגיין אויף אייביק פון שלאַכטפעלד...

אויסער די אַרויסטרעטונגען אויפן ראַדיאָ, אויסער מיטינגען און שמועסן אין די שפּיטאָלן, אויסער אַרטיקלען און אינטערוויוען, וועלכע מיר פלעגן דורכפירן אַלס אונדזער זשורנאַליסטישע טאָג־טעגלעכע אַרבעט, האָב איך פּערזענלעך דאָרט אין מאַדריד דערלעבט אַ גרויסע, גאָר גרויסע פרייד: די פירערשאַפט פון די אינטערנאַציאָנאַלע בריגאַדעס האָט מיר אָנגעבאָטן צו שרייבן אַ בוך אויף שפּאַניש וועגן: יידן — פרייהייטס־קעמפער. דער בוך האָט באַדאַרפט פאַרשפּרייט ווערן צווישן שפּאַניער, אַלס אַ קאָנטערפּראָפּאַגאַנדע קעגן דער פאַשיסטישער אַגיטאַציע, וואָס האָבן פאַרשפּרייט קעגן יידן געבעלס, מאָזלי און די פראַנצויזישע „קאָגולאַרדס" (פאַשיסטן). מען האָט מיר געגעבן אַלע נויטיקע מאַטעריאַלן פון דער „היסטאָרישער קאָמיסיע", אַלע בילדער און דאָקומענטן און אין האַרבסט, 1937, איז דאָס בוך דערשינען אין מאַדריד. עס פלעגט פאַרטיילט ווערן צווישן די שפּאַניער אויפן פראָנט, אין די דערפער און אין די שפּיטאָלן. אין 1937 האָבן מיר עס געשיקט קיין וואַרשע צו עטלעכע פאַרטיידיקער פון פּאָליטישע אַרעסטירטע און איך געדענק דעם דאַנק־בריוו פון אַן אַלטן פּאַטער, וועמעס זון איז געפאַלן ביי סאַראַגאָסאָ, פאַרטיידיקנדיק די לעצטע ליניע פון די אָקאָפּעס מיט זיין מאַשינען־געווער. דאָס איז געווען יוזעף רובינשטיין, אַ וואַרשעווער יונגער קאָמוניסט. ער איז אַוועק קיין שפּאַניע נאָכן אָפּזיצן אין פּוילן אין תפיסה 4 יאָר.

אָנשטאָט דעם קאַפּיטל וועגן שפּאַניע, וואָס גייט אַריין אין דעם בוך, וואָלט איך בעסער געוואָלט איבערזעצן יענעם בוך וועגן די יידישע קעמפער און אַזוי־אַרום אָפּגעבן זיי דעם גאַנצן כבוד, דעם גאַנצן דאַנק און דרך־ארץ פאַר זייערע העלדישקייטן און מאַרטירערשאַפט, וואָס האָט אין שפּאַניע אַוועקגעלייגט דעם פונדאַמענט פאַר דעם ווידערשטאַנד פון יידן קעגן די נאַציס — סיי אין פּוילן, סיי אין פראַנקרייך, סיי אין די קאָנצענטראַציע־לאַגערן. אָבער איך מוז זיך דערווייל באַנוגענען מיט אָט־דעם קאַפּיטל, מיט דער האָפענונג, אַז יענער בוך וועט נאָך אַמאָל דערשיינען אויף יידיש. די איצטיקע, דאָ איינגעשלאָסענע פאַרצייכענונגען און שילדערונגען זיינען

געווידמעט יענע יונגע, טייערע חברים, וועלכע האָבן פאַרלאָזט זייערע היימ־לענדער, זייערע נאָענטסטע און טייערסטע און זיינען אַוועק אויספילן זייער סאַמע שווערסטע און דערהויבנסטע מיסיע אין לעבן: פאַרטיידיקן און אויס־קעמפן פרייהייט פאַר אַ ברודער־פאָלק און פאַר אונדזער אַלטן אַמאָליקן ספּרדישן פאָטערלאַנד — שפּאַניע.

מיר, די טראַגישע עדות

(עפּילאָג)

פאַר מיר ליגט אַ קליין בילד, וואָס דריקט־אויס, אָדער, ריכטיקער — אילוסטרירט די שורות איבערן לעצטן בויגן ווייסע פּאַפּיר אינעם בוך: די טראַגישע עדות. די, וועלכע זיינען דעמאָלט, אין 1939, אַרויס מיטן לעבן פון שפּאַניע און זיינען געגאַנגען דעם ברוטאַלן וועג אין פראַנצויזישע לאַגערן: אין „גורס", אין „סען עטיען", אין „לע מילל", אין „סען סיפּריען". דאָס זיינען יענע מענטשן, וועלכע האָבן דורכגעמאַכט איינע פון די מוראדיקסטע נאָענטקייטן: די נאָענטקייט פון טויט — סיי פון די טייערסטע קאַמפּס־חברים, סיי אָפּטמאָל פון אייגענעם טויט.

אויפן בילד שטייען פיר פריינט: אַן אונגאַרישער ייד, אַלפרעד לעווי; אַ דייטשער פּריוווויליקער העלמוט ראָט; אַ קראַנקן־פלעגערין, בערטאַ וואַקסמאַן און אַ רומענישער יונגער סאַניטאַר, מוקי. איבערן בילד איז אויפגעשריבן: „צוריק פון בעלטשיטע, אַראַגאָן, אָקטאָבער, 1937". זיי שמייכלען אויפן בילדל. בעלטשיטע איז געווען אַ לאַזאַליסטישער דערפאַלג. אָבער גאָר אונטן אויפן קאַרטל איז אונטערגעשריבן: „פאַר אונדזער פריינדיק, גינאַ, צום שטענדיקן דערמאָנען. לאַגער ,גורס', נאָוועמבער 1939".

דאָס איז געווען אַ קוויטעלע פאַר פּעקלעך עסנוואַרג און וואַרעמע זאַכן נאָך אַכט חדשים לאַגער אין גורס, פראַנקרייך — נאָך דריי יאָר קאַמף פאַר שפּאַניע. אָבער אויפן סאַמע אויבנאָן האָט אַלפרעד לעווי, דער דיכטער מיטן הייסן האַרץ, אָנגעשריבן:

> „שפּאַניע: מירין קיינמאָל נישט פאַרגעסן דאָס לאַנד
> וואו מיר האָבן געלאָזט אונדזערע בעסטע באַנאַנד —
> דאָס לאַנד, וואָס האָט אונדז אַלעמען פאַראייניקט
> אין קאַמף און אין ליבשאַפט און האַס!
> ווייל לענדער, אין וועלכע דו לעבסט אָן אַ זאָרג
> פאַרלאָזטו אָן ליידן און בענקען —
> אָבער אַ לאַנד, פאַר וועלכן דו ציטערסט און האָפסט,
> אַזאַ לאַנד וועלן מיר א י ב י ק געדענקען!"

און אָט גייען מיר אַרום איבער דער וועלט און לעבן פון אונדזער גלאָררייכן נעכטן. מיר זיינען צעזייט איבער אַ סך לענדער, מיר געפינען זיך

אין ציַיטונגען אין בילדער. מען דערלאָזט נישט אין די סאָציאַליסטישע לענדער אַזאַ דערשיַינונג, ווי פאַרגעסן די קעמפער — אַלע קעמפער — פאַר שפּאַניע, פאַר פאַרניכטן די נאַציס איבער דער וועלט, פאַר דער באַפריַיאונג פון די אונטערדריקטע אין קאָלאָניאַלע לענדער, קעמפער פאַר נעגער־עמאַנסיפּאַציע, קעמפער אין די תפיסות פון פראַנקאָ, קעמפער קעגן צאַריזם, קעמפער פון דער פראַנצויזישער קאָמונע און פון דער רעזיסטאַנץ אין 1940־1944.

אַ סך פון אונדז זיַינען געוואָרן עדות פון קאַמפן, עדות פון איינצלנע אויפטוען, פון העלדישע אויפשטאַנדן, אויסגעפּירט דורך איין מענטשן, ווען די אָפּגעטאָנענע פּאָליטישע עוולות מצד אַ רעגירונג האָבן אויפגערודערט די מאַסן און ווען אַן איינצלנער איז געוואָרן דער נקמה־נעמער, וויַיל ער האָט זיך אין זיַין הייסן צאָרן שוין נישט געקאָנט דערוואַרטן „אויפן טאָג פון באַצאָלונג", ווי עס זינגט זיך אין דעם „טשערוואָני שטאַנדאַר".

שוין אַלס יוגנטלעכע אָדער נאָך אַלס קינדער זיַינען מיר געוואָרן עדות פון הירש לעקערטס שאָס, ברוך שולמאַנס באָמבע, וואָס האָט אין וואַרשע צעריסן דעם פּייניקער פון אַרבעטער, קאָנסטאַנטינאָוון; פון נפתלי באָטווינס אָפּרעכענען זיך מיטן פּראָוואָקאַטאָר טשעכאָווסקי אין לעמבערג, אין 1929, וועלכער האָט געשיקט אַרבעטער אויף דער תליה.

איך בין געשטאַנען אין בערלין ביים ברעג פון דער „שפּרעע", דעם טיַיך, אין וועלכן די ערשטע נאַציס האָבן, נאָך אין 1919, אַריַינגעוואָרפן די קערפּערס פון קאַרל ליבקנעכט און ראָזע לוקסענבורג, נאָכדעם ווי זיי האָבן זיי דערמאָרדעט; פון ראָזע לוקסענבורג, וועלכע איז געזעסן אין תפיסה בעת דער ערשטער וועלט־מלחמה און האָט דורכן פענצטער געזען, ווי צוויי בופלאָק־אָקסן האָבן נישט געקאָנט זיך רירן פון אָרט מיט זייער שווער־אָנגעלאָדענעם וואָגן — ווי אַן אַלטער לאַנדשטורמיסט האָט זיי געשמיסן מיט אייזערנע דראָטן ביז טרערן האָבן זיך באַוויזן ביי די בופלאָק־אָקסן אין די אויגן און אַ יאָמערדיק רעווען האָט זיך צעטראָגן איבער דער רומענישער תפיסה. „מיין אָרעמער ברודער", האָט זי געשריבן אין אַ בריוו צו סאָניאַ ליבקנעכט, „מיר זיַינען ביידע פאַרשקלאָפט ביי אונדזערע באַלעבאַטים: דו, דער אַמאָליקער פריַיער בופלאָק־אָקס פון די פעלדער און איך, אַ מענטש, וואָס קעמפט קעגן מלחמה און מאָרד".

די שפּאַניער האָבן אַ ווערטל: „איין מענטש איז אַ פאָלק". עס איז מיר אויסגעפאַלן — דורך דעם גאַנג פון דער געשיכטע, בעת אַ שטיק פון מיַין אייגענעם לעבן, צו זיַין אַן עדות, אַמאָל אַן אַקטיווער אפילו, אין גוואַלטיקע סאָציאַלע איבערקערענישן און נישט ווערן צעטראָטן דורך די רעדער פונעם סטיכישן מעכאַניזם. איך בין אָבער באַרירט געוואָרן דורך

אים. ער האָט מיר געגעבן אַ זעקסטן חוש, אַדאַנק וועלכן איך בין אין קאָנ־טאַקט געקומען מיט אויסנאַם־מענטשן — מיט העלדן — באַשיידענע, איי־דעלע, שטרענגע, פשוט׳ע־ספּאָנטאַנע, אויסגערעכנטע, אָבער אַלע מיט אַן עלעמענט פון דעם נישט טאָג־טעגלעכן לעבן, פון גרייטקייט אויף קרבנות — גרייט געבן דאָס אייגענע לעבן, אַלס אַ וועגווייזער. און דערפאַר מוזן מיר היינט זיין גרייט, מיר די טראַגישע עדות — מיר, מיט אונדזער דער־פאַרונג אין פּיין און אין קאַמף און אין נצחון, גרייט פאַר אַ מאָביליזאַציע, ווען אונדזערע כוחות וועלן ווידער נויטיק זיין פאַר אַ גערעכטער זאַך; ווען די פרידנס־טויב פון פּיקאַסאָ וועט נישט דאַרפן האָבן, ווי היינט, אַ פאַראַשוט...

אינהאַלט

זייט

שער־בלאַט ... 1
פאָטאָגראַפיש בילד פון גינאַ מעדעם ... 3
גינאַ מעדעם (ליד) — פון שרה פעל־יעלין ... 5
אַ ווענדונג צו לייענער און פריינט ... 7
אַנשטאָט אַ פאָרוואָרט ... 8
נאָכוואָרט פון דער רעדאַקציע־קאָלעגיע ... 10

פון טשערנאָוויץ ביז ירושלים ... 11

מיט עמיגראַנטן פון קאָנסטאַנץ איז יפו ... 17
אין פּאָרט יפו ... 22
קלאַנגען, אַז איך קום זיך באַזעצן אין פּאַלעסטינע ... 27
מיטינגען אין קיבוצים ... 31
דער קראַנקער רב פון קאָזשעניץ ... 42
אַ סאָוועט־רעפּובליק ... 53
אַ רייזע איבער אַ נייעם וועג ... 58

זעכצן טעג אויפן פּאַסיפישן ים ... 65

אין יאַפּאַן ... 100
„אַלד, מעררי ענגלאַנד" ... 119

אויפן וועג קיין דרום־אַפריקע ... 125

אַ קריגס־טאַנץ אין אַפריקע ... 135
אויפן ים צווישן אַפריקע און אייראָפּע ... 146
אויפן אינדזל מאַדייראַ ... 150

אין אייראָפּע 154

אַפריקאַנער לייבן פאַר גערינגגען 159
אין שטאָקהאָלם 165
פאַריז אין 1934 169
פאַריז הונגערט 174
דער איד אין היטלערס דייטשלאַנד 188
פראַנצויזישע אידן 195

בירָאבידזשאַן 201

אַ משפט אין סאמארקא 205
פּאָליטישע און געזעלשאַפטלעכע אַרבעט 211

גינאַ מעדעם (ליד) — פון שמואל דן 214

איבער די פאַראייניקטע שטאַטן 217

אַן אַמעריקאַנער האָטעל 219
מיקראָבן און צעמענט 221

דאָס מיידל פון טאָמאַשאָוו (ליד) — פון חיים שוואַרץ 225

אין לאַטיין־אַמעריקע 229

ראַדיאָ, דער וואונדער פון אונדזער צייט 234
מיין רייזע איבער דרום־אַמעריקע 237

אין שפּאַניע 274

באַברוש ניסנבוים 280
אַ יאָרטאָג פון אַלע פעלקער 286
העלדן בלייבן העלדן 290
כאָזע עסטרוגא 293
אידיש איבער דער ראַדיאָ אין שפּאַניע 295
דורך היטלער־לאַנד קיין שפּאַניע 301

מיר, די טראַגישע עדות (עפּילאָג) 328

אינהאַלט־פאַרצייכעניש 331